STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05774

# INEM MALKHES FUN KAKAO

Jorge Amado

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשאָרזשע אַמאַדאָ

# אינעם מאַלכעס פון קאַקאַאָ

אויטאָריזירטע איבערזעצונג

פון פ. קאַץ

בוענאס איירעס

1956

*
**

מיט דער אויסגאַבע פון זשאָרזשע אַמאַדאָס בוך „אינעם מאַלכעס פון קאַקאַאָ" (אין אָריגינאַל — „טערראַס דאָ סעם פים" — לענדערײַען פון דער אומענדלעכקייט) פילט אויס דער פאַרלאַג „איקוף" איינע פון זײַנע פיל־זײַטיקע קולטור־אויפגאַבן: באַקענען דעם אַרגענטינישן ייִדיש־לייענער מיט זײַן אַרומיקייט. און זײַן אַרומיקייט איז זייער אַ ברייטע; זי נעמט אַרײַן נישט נאָר דאָס אַרגענטינישע לאַנד און דאָס אַרגענטינישע פאָלק, נאָר אויך די שכײניש לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער און פעלקער.

דער אויסוואַל פון „איקוף" איז געפאַלן אַף זשאָרזשע אַמאַדאָ, ווי אַף איינעם פון די אָנגעזעענסטע און טאַלאַנטפולסטע בראַזיליענישע שרײַבער, וואָס גיט אַוועק זײַן טאַלאַנט דער קולטורעלער דערהייבונג, דעם גליק, דעם שאָלעם און דער פרײַנטשאַפט פון לאַטײַן־אַמעריקע, און ווײַל ער איז איינער פון די שריפטשטעלער, וואָס זעען און ווײַזן זייער לאַנד און פאָלק אין זייער טיפן וועזן און אין זייער דינאַמישן גאַנג פאָרויס.

פאָלק און לאַנד זײַנען שוין לאַנג נישט קיין סטאַטישע באַגריפן, נאָר שעפערישע צערודערטע איינסן אינעם אומענדלעכן „מעשה בראשית" פון אונדזער וועלט, דאָס איז שוין אויך נישט קיין נײַס אין דער וועלט־ליטעראַטור. זייער בוילעטסטער אויסדרוק אין דער וועלט־ליטעראַטור איז זאָלאַ און וואָלט וויטמאַן, גאָרקי און מאַיאַקאָווסקי. נאָר אין ערגעץ איז נישט די שעפערישע צערודערונג פון דעם מענטשן און פון דער ערד אַזוי שאַרף און האַסטיק, אַזוי ברוטאַל, וואָלטן מיר געזאָגט, ווי אין יונגע לענדער, ווו אורמענטש און אורוואַלד, ניט באַרידטע שטאָכים גייען איבער צו ייִשעוו, צו קולטיווירטן און קולטור־לעבן.

די ליטעראַטור אין די יונגע לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער, מוז געזאָגט ווערן, האָט אַ לאַנגע צײַט אומגעבלאָנקעט אַף די אויסגעפּלאַסטערטע און אויסגעטראָטענע וועגן פון דער ראַפינירטער אייראָפּעיִשער קולטור, און עס איז בעערעך ניט לאַנג ערשט ווי עס האָבן זיך אין איר אַרײַנגעריסן, צומאָל אַזוי ברוטאַל און רוי, ווי די נאַטור־קויכעס פון די יונגע לענדער, אַ ריי יונגע אָריגינעלע שרײַבער און דיכטער, וואָס ברענגען אַרויס די ערד און די מענטשן פון זייער לאַנד אינעם פּראָצעס פון זייער שעפערישער צערודערטקייט, אין זייער אורקרעפטיקן אויפקום.

פאַר אַ בײַשפּיל רופן מיר דאָ אָן פּאַבלאָ נערודאַ אין טשילע, וואָס שפּרודלט מיט דער נאַטור־קראַפט פון די אַנדן־בערג, פון זייערע וועלדער

און אינגעווייזן; דעם יונגן אַלפֿרעדאָ וואַרעלאַ אין אַרגענטינע, וואָס דער איקוף־פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן זײַן בוך וועגן דעם ביטערן וועג פֿון דער אַרגענטינישער זשערבע־אינדוסטריע — „דער פֿינצטערער שטראָם" אין ייִדיש; און אין בראַזיל — זשאָרזשע אַמאַדאָ, וואָס פֿירט אונדז דורך דער קאַוועס, דורך דעם קאַקאַאָ צום גרונט פֿון דער בראַזיליענישער ערד און צום גלאַנץ און עלנט פֿון אירע גרויסע שטעט.

„אינעם מאַלכעס פֿון קאַקאַאָ", ווײַזט ער אונדז נאָר אַ טייל פֿון דעם גרויסן שכייניש לאַנד, דעם דאָרעם־מיזרעכדיקן שטאַט באַהיאַ, אין דער צײַט ווען עס בליט אויף זײַן קאַקאַאָ־פּראָדוקציע, און שאַפֿט אַרום זיך אַ ברוטאַלן קאַמף צווישן די פֿאַרכאַפּער פֿונעם וואַלדלאַנד. מיר זעען דאָ זיך שאַפֿן אַ סאָציאַלע סיסטעם, וואָס איז אַ ירושע פֿון דער שקלאַפֿערײַ, אין אַ פֿאַרערגערטער אויפֿלאַגע, ווײַל זי מאַכט פֿון די אַרבעטער ניט נאָר לאַסט־בהמות, נאָר אויך טעמפּע מאָרד־אינסטרומענטן; זי דעמאָראַליזירט אירע אינטעלעקטואַלן און מאַכט פֿון זיי אינסטרומענטן פֿון רויב און שווינדל; די פֿאַרכאַפּער גופֿא — „פֿאַזענדייראָס" אָדער „קאָראָנעלן" — מערדער אין הענטשקעס אָדער אָן הענטשקעס, זײַנען אויך די פּאָליטישע פֿירער און אויפֿהאַלטער פֿון אַ דעמאָראַליזירטער און פּראָסטיטויִרטער גרויסשטאָט און קליין־שטאָט, וואָס קען דאָס בשום אופֿן ניט פֿאַרשטעלן מיט קלויסטער־פֿרומקייט און פֿאַמיליען־ראָמאַנטיק...

שווער איז אין אַזאַ ווערק זיך אויסצוהיטן פֿון נאַקעטע, אַזוי־גערופֿענע „נאַטוראַליסטישע" סצענעס און אויסדרוקן. דער איבערזעצער אָבער האָט, מיט זער האַסקאָמע פֿונעם מעכאַבער, אויסגעמיטן אָדער געמילדערט דעם מין אויסדרוקן, אַף וויפֿל דאָס שטערט ניט צום פֿולן עסטעטישן און עטישן גענוס פֿון דעם ווערק.

דער פֿאַרלאַג „איקוף", וואָס האָט אין משך פֿון זײַן צען־יאָריקער טעטיקייט אַרויסגעגעבן די ווערק פֿון די ייִדישע קלאַסיקער און זייערע יאָרשים — אַ פּערעץ־אַנטאַלאָגיע, אַלע ווערק פֿון שאָלעם אַלייכעם, אַ סעריע סאָוועטישע דערציילונגען פֿון דאָוויד בערגעלסאָן און אַנדערע, דאָס קרוין־ווערק פֿון האָוואַרד פֿאַסט — „ספּאַרטאַקוס", אַ פֿולע איבערזעצונג פֿון דאָן קיכאָט; „ייִדן — גאַוטשאָן" פֿון אַלבערטאָ גערשונאָוו און דאָס פֿריִער דערמאָנטע ווערק פֿון דעם אַרגענטינער אַלפֿרעדאָ וואַרעלאַ, איז זיכער, אַז מיט זשאָרזשע אַמאַדאָס בוך ברענגט ער דעם ייִדישן לייענער אַ ווערק פֿון הויפּטוויכטיקן ליטעראַרישן און סאָציאַלן ווערט.

ערשטער קאַפּיטל

# די שיף

## I

דאָס פֿײַפֿן פֿון דער שיף האָט זיך ווי אַ געיאָמער אַרײַנגעשניטן אינעם נעפּל וואָס האָט פֿאַרצויגן די שטאָט. קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס שטייט אָנגעשפּאַרט באַם אָנלען און קוקט אַף די פֿאַרצײַטיקע ביניאַנים, אַף די קלויסטער־שפּיצן, אַף די דעכער, אַף די גאַסן ברוקירטע מיט רייזיקע שטיינער. זײַן בליק פֿאַלט אַף אַ שלאָל מיט דעכער אַלערליי. פֿון דער גאַס זעט ער בלויז אַ קליינעם אָפּשניט, ווו מען זעט קיינעם נישט פֿאַרבײַגײן. ער דערקלערט זיך נישט פֿאַרוואָס זעען אים אויס אַזוי רירנדיק שיין די שטיינער, וואָס שקלאַפֿן־הענט האָבן מיט זיי די גאַסן אויסברוקירט. שיין זעען אים אויס אויך די שוואַרצע דעכער און די קלויסטער־גלעקער, וואָס האָבן זיך צעקלונגען און רופֿן די פֿרומע שטאָט אַף בענטשונג. די שיף האָט ווידער אַ פֿײַף געטאָן און האָט דורכגעשניטן דעם נעפּל, וואָס הילט אײַן די שטאָט באַהיאַ. זשאָן האָט די הענט אויסגעשטרעקט צו געזעגענונג, ווי ער וואָלט זיך געשיידט מיט אַ היים געליבטער, מיט אַ פֿרוי, וואָס איז אים אין האַרצן אײַנגעבאַקן.

אַף דער שיף, שמועסן צווישן זיך מענער און פֿרויען. באַ דער קלאַטקע קושט אַ שוואַרץ געקליידטער מאַן די ליפּן פֿון אַ יונג אויסגעבלייכט ווײַבל. אָן אַ זײַט, לעבן זשאָן, האָט אַ דיקער פֿאַרשוין זיך ברייט צעלייגט מיטן רוקן אַפֿן פֿאָרענטש פֿון אַ באַנק און פֿירט אַ שמועס מיט אַ פּאַסאַזשיר אַ פּאָרטוגעזער. אַ צווייטער האָט אַף זײַן זייגער אַ קוק־געטאָן און גיט צו וויסן יעדן וואָס וויל דאָס הערן:

— עס פעלט נאָך פינף מינוט...

זשאָן טראַכט זיך, אַז דעם פּאַסאַזשירס זייגער גייט אײַנגעהאַלטן, וואָרעם די שיף האָט שוין געגעבן דעם לעצטן פײַף; ווער עס בלײַבט גייט אַראָפּ, ווער עס פאָרט שפּאַרט זיך אַן באַם אָנלען.

דאָס פּראַכן פון די מאַשינען פאַרזיכערט אים, אַז ער פאָרט שוין און, אַ מאָדנע געווירטער, דרייט ער זיך אום צו דער שטאָט, צו אירע אַלטע דעכער, צום שטיקל גאַס מיט די ריזיקע שטיינער. אַ גלאָק האָט זיך צעקלונגען און זשאָן טראַכט זיך אַז דאָס מיינט ער אים: ער רופט אים ווידער זיך דורכשפּאַצירן איבער די שטאָטישע גאַסן, זיך אַראָפּלאָזן אי־בער זייערע קרומע אַראָפּגענג; איבערכאַפּן מיט אַ „מינגאַאָ"*), ווי יענעם פאַרטאָג אַפן פּלעצל; אויסטרינקען אַ פאַרפראָוועט גלעזל קאַניאַ; שפּילן אַ ווערפל פאַרמיטאָג אין אַ ווינקל מאַרק־געבײַדע; נאָכמיטאָג אַ סיעטע אי מעדיאַ**) באַ וויאָלעטען אין שטוב, ווו ס'קומט זיך צונויף אַ גאַנץ ווילער אוילעם; באַנאַכט אַ פּאָקער אינעם קאַבאַרעט מיט די רײַכע לײַט, וואָס ער איז באַ זיי גאַנץ אָנגעזען. און פאַרטאָג ווידער אַרוים אין גאַס מיט אַ לאָק איבער די אויגן, מאַכן קאָמפּלימענטן די מיידלעך, וואָס האַלטן די הענט פאַרלייגט אַף דער ברוסט, צוליב דער קעלט און קוקן אוים באַגלייטער צו אַ פאַרווײַלונג מיט גיטאַרע אין דער אונטערשטער שטאָט. דערנאָך וויאָ־לעטעס זיפצן, באַ איר אין צימער, ווו די לעוואָנע קוקט אַרײַן דורכן אָפע־נעם פענצטער און דער ווינט וויגט די צוויי קאָקוס־ביימער פונעם גאָרטן. ביידנס זיפצן פלעגט דער ווינט פאַרטראָגן, צו דער לעוואָנע, ווער ווייס?

דאָס בליפּן פונעם אויסגעבליכטן ווײַבל האָט זײַנע געדאַנקען אי־בערגעריסן. מיט אַ שטים פון אָנפעלערדיקער זיכערקייט זאָגט זי:

— כ'וועל דיך שוין מער נישט זען, ראָבערטאָ, שוין מער נישט זען...

דער מאַן קושט זי אַ צעוויינטער און ענטפערט איר שווער:

— אין אַ קוידעש אַרום וועל איך זײַן צוריק, מײַן ליבע; איכל ברענ־גען די קינדער. און דו וועסט זײַן געזונט... דער דאָקטער האָט געזאָגט...

דאָס ווײַבל רעדט מיט אַ צעוויינטן קאָל; זשאָן פילט דעם ווייטיק.

---

*) מינגאַאָ — געקנאָבלטער קוכן; סיעטע אי מעדיאַ — אַ קאָרטן־שפּיל; שפּאַנישער טאָבלין.

— איך ווייס, ראָבערטאָ, אַז איך שטאַרב. איך וועל דיך מער נישט זען; די קינדער אויך ניט. די קינדער אויך ניט... — כאַזערט זי שטיל איבער און צעוויינט זיך.

דער מאַן וויל עפּעס זאָגן און קען ניט; ער גיט אַ טרייסל מיטן קאָפּ, גיט אַ קוק צו דער קלאַטקע, דערנאָך צו זשאָן, ווי ער וואָלט בײַ אים געזוכט אַ הילף. דעם ווײַבלס קאָל איז אַ קרעכץ: „איך וועל דיך שוין מער נישט זען...״ דער מאַן אין שוואַרצן נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פון זשאָן; ער איז איינער אַליין מיט זײַן ווייטיק. זשאָן שטייט אַ ווײַלע אַן אומאַנטשלאָסענער, ער ווייס נישט מיט וואָס קען ער העלפן דעם דאָזיקן מאַן אין שוואַרצן; דערנאָך באַשליסט ער אַראָפּצוגיין פון דער שיף, נאָר די מאַטראָסן האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט די קלאַטקע, די שיף נעמט שוין מאַנעווירן. דער מאַן האָט בלויז צײַט געהאַט איין מאָל אַ קוש צו טאָן דעם ווײַבל אין די ליפּן; אַ הייסן קוש, אַ לאַנגן און אַ טיפן, ווי ער וואָלט וועלן אין זיך אײַנזאַפּן די קראַנקייט, וואָס פרעסט דעם ווײַבס ברוסט. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער שיף. נאָר זײַן ווייטיק איז גרעסער פון זײַן שטאַלץ און די זיפצן שפּאַרן אים פון דער ברוסט און פילן אָן די אָפּגייענדיקע שיף, אַז אַפילו דער דיקער פּאַרעך רײַסט איבער דעם שמועס מיט דעם פּאַסאַזשיר. פון אונטן טראָגט זיך קוים אַ געשריי פון עמעצן:

— שרײַב... שרײַב...

און אַ צווייטער:

— פאַרגעס ניט אָן מיר...

## II

עטלעכע טיכלעך האָבן געפּאָכעט. איין פּאָנעם נאָר האָט געגאָסן טרערן, אַ יונג פּאָנעם פון אַ פרוי, מיט אַ ברוסט וואָס האָט זיך געהויבן און געזיפצט. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען דער נײַער באַהיִער דאָק און דאָס וואַסער פלעגט צוקומען קימאַט ביז די גאַסן. די שיף האָט זיך, מיט אירע ערשטע מאַנעוורעס, פּאַמעלעך אָפּגערוקט. דאָס וויינענדיקע ווײַבל האָט געפּאָכעט מיטן טיכל, נאָר צווישן די וואָס האָבן פון דער שיף אַראָפּ געענטפערט מיט די טיכלעך, האָט זי שוין נישט דערקענט דעם, וועמען זי האָט איר האַרץ אוועקגעגעבן. דערנאָך האָט די שיף גענומען גיין

שנעלער; די וואָס זײַנען געקומען קוקן ווי די שיף גייט אָפּ, האָבן גענו־מען אַהיימגיין. אַן אַלטער הער האָט גענומען דאָס ווײַבל אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַוועקגעגאַנגען. ער האָט צו איר גערעדט ווערטער פֿון טרייסט און האָפֿענונג. די שיף איז געוואָרן אַלץ ווײַטער.

אין די ערשטע מינוטן רײַזע האָט דער אוילעם אויף דער שיף זיך אויסגעמישט. פּרויען האָבן זיך געלאָזט גיין צו זיך אין קאַבינע, מענער האָבן געקוקט ווי די רעדער שנײַדן דעם יאַם. וואָרעם די שיפֿן וואָס זײַנען דעמאָלט געגאַנגען פֿון באַהיִאַ קיין איליעוס האָבן געהאַט רעדער, גלײַך זיי וואָלטן נישט דאַרפֿן בײַקומען דעם גרויסן יאַם אָקעאַנעס, ווי עס וואָיעוועט דער דאָרעם־ווינט, נאָר וואָלטן געלאָזן זיך שווימען איבער אַ טײַך מיט שטילע וואַסערן.

דער ווינט האָט שטאַרק געבלאָזן און האָט געטראָגן צו דער באַהיִער נאַכט שטיקלעך געשפּרעך פֿון דער שיף אַראָפּ, פֿעסטער אַרויסגערעדטע ווערטער: באָדן, געלט, קאַקאַאָ, טויט.

## III

מען זעט שוין באַלד נישט אָן די הײַזער. זשאָן נעמט דרייען דעם רינג אַרום פֿינגער און וויל דערמיט אָפּווענדן פֿון זיך דעם בליק פֿון דעם מאַן אין שוואַרצן, וואָס ווישט זיך די אויגן און, ווי אויף צו דערקלערן די גאַנצע סצענע, רופֿט ער זיך אָן:

— ז׳איז שווינדזיכטיק, די אָרעמענקע. דער דאָקטער האָט קיין שום האָפֿענונגען נישט געגעבן.

זשאָן טוט אַ קוק אויף דעם טונקל־גרינעם יאַם און ערשט דעמאָלט דערמאָנט ער זיך פֿאַרוואָס ער אַנטלויפֿט אַזוי פֿון דער שטאָט. דעם אינזשעניערס רינג איז ווי אָנגעמאָסטן אויף זײַן פֿינגער און דאַכט זיך ווי פֿאַר אים געמאַכט, ער גיט פֿאַר זיך אַ זאָג:

— ניט אַפֿילע אַ באַשטעלטער...

ער גיט אַ שמייכל ווען ער דערמאָנט זיך אָנעם אינזשעניער. אַ טיפּעש. איך האָב נאָך אַזאַ טיפּעש נישט געזען. ער הייבט נישט אָן וויסן וואָס פּאָקער איז, האָט איבערגעלאָזט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, דעם רינג אַפֿילע. זשאָן האָט יענע נאַכט, מיט איין וואָך צוריק, דעם טיש אָפּגע־

רייניקט; באַ דעם קאַראַנעל*) זשווּוענסיאָ אַליין האָט ער צוגענומען אַ קאַנטאָ**) מיט פינף הונדערט. ער איז ניט שולדיק! ער האָט עס געטאָן מיט דעם פולן רעכט. ער איז דעמאָלט געהאַט געלעגן אַ האַלב נאַקעטער באַ זויאַלעטען אין בעט, זי האָט אים אַזוי איידל צוגעזונגען און האָט געהאַלטן אירע פינגער באַ אים אין די האָר, ווען דאָס יינגל פונעם „טאַבאַריז" איז געקומען; ער איז די גאַנצע שטאָט אויסגעלאָפן ביז ער האָט אים געפונען. ראַדאָלפאָ האָט פון זײַנעט וועגן אַ קליינעם טיש צוגעגרייט. פעלט אים אַ מאָל אוים אַ האַנט צום טיש, פרעגט ער די שפילער:

— קענט איר, קאַוואַלירן, קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס, אַן אויסגעדינטער קאַפּיטאַן?

שטענדיק געפינט זיך איינער וואָס קען אים, וואָס האָט שוין מיט אים געשפּילט. די אַנדערע פרעגן:

— איז ער נישט קיין שווינדלער, האַ?

ראַדאָלפאָ פילט זיך קלוימערשט באַליידיקט:

— דער קאַפּיטאַן שפּילט ערנסט. עמעס, ער שפּילט גוט; נאָר אַז מען וויל שפּילן ערנסט, מוז מען שפּילן ווי דער קאַפּיטאַן שפּילט.

עו ליגנערט מיט אַזאַ ציניש פּאָנעם ווי קיינער קען עס נישט. און ער גיט נאָך צו:

— אַ טיש אָנעם קאַפּיטאַן האָט גאָר קיין טאַם נישט...

פאַר אָט דעם אָנשטעל באַקומט ראַדאָלפאָ זײַן מעקלערײַ. אַכוצדעם ווייס ער אַז באַ אַ טיש מיט זשאָן מאַגאַליאַינס גיסט זיך מאַשקע און ס'טיש-געלט איז גראָב. ער האָט געשיקט דאָס יינגל רופן זשאָן און האָט צוגעגרייט די קאָרטן.

אַזו איז עס יענע נעכט געווען. זשאָן איז געלעגן אַ ניט-ניכטעדיקער, מיט ווײַלעטעס פינגער אין זײַנע האָר, קימאַט פאַרשלעפערט פון איר זינגען, ווען דאָס יינגל איז אַרײַנגעקומען. ער האָט קוים צײַט געהאַט זיך אָנצוטאָן, און איין מינוט איז ער שוין געווען אינעם הינטערשטן שפּיל-זאַ פונעם קאַסינאָ. באַם קאַראַנעל זשווּוענסיאָ האָט ער צוגענומען

---

*) קאָראָנעל — גרויסער ערדבאַזיצער; **) קאָנטאָ — אַ טויזנטער.

אַנדערטהאַלבן קאָנטאָס און באַם אינזשעניער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע; אַפילע דעם גראַדויִרונגס־רינג, וואָס דער יונגערמאַן האָט אײַנגעשטעלט ווען ער האָט געהאַט אַ „פול" דאַמען אין דער האַנט, אין אַ מאָמענט ווען זשאָן מאַגאַליאַינס האָט געטיילט. ער האָט פאַרשפילט, ווײַל דער קאַפּיטאַן האָט געהאַט אַ „פול" מעלאָכים. בלויז דער אַנדערער שפּי־לער, אַ סויכער פון דער אונטערשטער שטאָט האָט אויך געוווּנען: צוויי הונדערט מיט עפּעס מילרייס. באַ אַ טיש ווו זשאָן שפּילט, געווינט שטענ־דיק נאָך איינער; דאָס איז זײַן טעכניק. און ווײַל דער קאַפּיטאַן האָט אַ מאָדנע טעווע (זאָגן זײַנע פרײַנט), קלײַבט ער אונטער דעם געווינער לויטן קאָליר פון די אויגן, אויגן פון מענטשן וואָס זײַנען פאַרבליבן אין ריאָ און קוקן מיט סינע און עקל אַף דעם פּראָפעסיאָנעלן קאָרטנשפּילער. גע־ווען איז שוין העלער טאָג ווען זיי האָבן זיך פונעם טיש אויפגעהויבן און ראָדאָלפאָ האָט אָפּגעשאַצט דעם רינג אין מער ווי אַ קאָנטאָ מילרייס. דער אינזשעניער האָט אַף זײַן „פול" פון דאַמען אײַנגעשטעלט דרײַ הונדערט מיט צוואַנציק. זשאָן לאַכט איצט אַפן דעק. „נאָר אַראַנים גלייבן אין דאַמען..."

ער איז זיך רויִק אַוועק צו וויאָלעטען אין שטוב און האָט געטראַכט ווי צופרידן דאָס מיידל וועט זײַן ווען ער וועט איר מאָרגן ברענגען אין שטוב אַרײַן דאָס בלויע זײַדענע קלייד, וואָס זי האָט געזען אויסעשטעלט אינעם פענצטער. נאָר געשען איז אַנדערש. אַנשטאָט פאַרשפּיק מיט אַ שווײַג, איז דער אינזשעניער אַף מאָרגן אַוועק אין פּאָליציי און האָט דאָרט אָנגעפלוידערט, האָט אויסגערעדט אַלערליי מיִעסקײַטן אַף זשאָן. האָט גע־פרעגט פון וועלכער אַרמיי האָט ער דעם ראַנג פון קאַפּיטאַן, און פּאָליציי האָט אים נישט גערופן אַף אַ שמועס, נאָר דערפאַר וואָס זי האָט אים ניט געפונען. ראָדאָלפאָ האָט אים גוט אויסבאַהאַלטן; אַגריפּינאָ דאָקאַ האָט אים אָנדערציילט וועגן איליעוּס און קאַקאַאָ, און אָט פּאָט ער אַף דער שיף נאָך אַכט כאַדאָשים אויפהאַלטן זיך אין באַהיִאַ, אַפן וועג קיין איליעוּס, ווו דער קאַקאַאָ איז אויפגעקומען און אינאיינעם מיט אים שנעל געמאַכטע פאַרמעגנס. ער פאָרט מיט דעם אינזשעניערס רינג אַן פינגער,

מיט די קאָרטן אין קעשענע און אין דער צווייטער אַ מיע וויזיט־קאַרטלעך: קאַפּיטאַן ד״ר זשאָן מאַגנאַליאַנס מיליטערישער אינזשעניער.

ביסלעכווייז טרעט אָפּ פון אים דער טרויער פון פאַרלאָזן די שטאָט, וואָס ער האָט זי אין די אַכט כאָדאָשים אַזוי ליב באַקומען. זשאָן נעמט זיך אינטערעסירן מיט דער לאַנדשאַפט: ביימער אין דער ווייט, הייזער פּיצינקע. די שיף האָט אַ פייף געטאָן און דער דאַמף האָט זשאָן דעם הוט אָפּגעשפּריצט. ער נעמט אים אַראָפּ, ווישט אָפּ מיט אַ פּאַרפומירטן טיכל די שטרוי פון דער דענקע און לייגט אים אַרונטער אונטערן אָרעם.

דערנאָך גלעט ער צו די צעפלויגענע האָר, מיט אַ קיוון צעשויבערטע, זיי זאָלן זיך כוואַליען, און ער וואַרפט אַ בליק איבערן גאַנצן דעק, פונעם מאַן אין שוואַרצן, וואָס האַלט נאָך אַלץ די אויגן איינגעשטאָכן אינעם דאָק, כאָטש מען זעט אים שוין נישט אָן, ביז דעם דיקן קאַראָנעל וואָס דערציילט דעם פּאַסאַזשיר די גוורעס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַף די האַלב־ווילדע לענדערייען פון סאַן זשאָרזשע דאָס איליעום. זשאָן דרייט דעם רינג אַפן פינגער און פאַרשט די פענעמער פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן. וועט ער דאָ געפינען הענט צו אַ טיש? עמעס, ער פירט מיט זיך אַ פייַנע סומע אין קעשענע, נאָר געלט האָט קיינמאָל קיינעם נישט געשאַדט. ער פייַפט זיך אונטער אין דער שטיל.

אַף דער שיף האָט דער שמועס גענומען אַרייַנציִען אַלעמען. זשאָן מאַגנאַליאַנס וויים, אַז ער וועט אַרייַן אינעם שמועס און ער טראַכט ווי צו באַקומען מיטשפּילער אַפן דעק. ער נעמט אַרויס אַ ציגאַרעט, קלאַפּט אים אָן אינעם אָנלען און צינדט אָן אַ שוועבעלע. דערנאָך פאַראינטערעסירט ער זיך ווידער מיט דער לאַנדשאַפט, וואָרעם די שיף איז שוין אַריבער די זאַמדבאַנק און שווימט נאָנט צום ברעג. פאַר אַ קויטיקן ליימענעם שטיבל שרייַען עפּעס צו דער פאַרבייַשווימענדיקער שיף צוויי נאַקעטע קינדער מיט גרויסע בייַכלעך. פון אַן אַנדער שטיבל, האַלב אויסבאַהאַלטן הינטערן פענצטער, קוקט אַרויס אַ יונג שיין ווייַבל און גריסט מיט דער האַנט. זשאָן רעכנט אַז דער גרוס מוז זייַן פאַרן הייצער אָדער פאַר דער גאַנצער שיף. נאָר אַלצאַיינס ענטפערט ער מיט אַ דינעם אויסגעשטרעקטן אָרעם.

דער דיקער קאָראָנעל האָט פאַרכידעשט דעם פּאַסאַזשיר מיט אַ מייַסע וועגן אַ טומל וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ באַהיִער פריילעכן הייַזל. עטלעכע אויסוואָרפן, קלוימערשט ווילע יונגען, האָבן זיך געוואָרפן אַף

אים צוליב עפּעס אַ יונגער מולאַטקע... ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם „פּאַראַבעלום" און עס איז גענוג געווען ער זאָל אַ געשריי טאָן צו זיי:

— קומט אַהער, שרעקט אײַך ניט, איך בין פון איליעוס!... אַז די לײַט זאָלן זיך פּאַכדאָניש אָפּרוקן...

דער פּאַסאַזשיר איז פאַרוווּנדערט פונעם קאָראָנעלס קוראַזש:

— איר זײַט אַ מוטיקער מענטש!

קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס נעמט זיך צורוקן צו זיי.

## IV

מאַרגאָט איז אַרויסגעקומען פון אַ קאַבינע און שפּאַצירט דורך די שיף פון עק ביז עק. זי דרייט מיט דעם גרויסן זון־שירם און שלעפּט נאָך זיך דעם ברייטן רונדן שלעפּ פון איר קלייד. זי לאָזט זיך באַוווּנדערן פון די האַנדלס־רײַזנדערס, וואָס מאַכן איר קאָמפּלימענטן; פון די גוטבאַזי־צערס, וואָס דרייען מיט די אויגן; אַפילע פון די דריטקלאַסיקע, וואָס פאָרן אַף די דאָרעם־באַהיַער לענדערײַען זוכן אַרבעט. מאַרגאָט שפּאַרט זיך דורך די רעדלעך מענטשן און בעט דערלויבעניש מיט איר קימאַט פּליס־טערנדיקער שטים, און אין יעדן רעדל ווערט שטיל, קעדיי זי בעסער אָנצוקוקן און זי גלוסטן. ווי נאָר אָבער זי גייט אַדורך, קומט דער שמועס ווידער אַרויף אַף דער שטענדיקער טעמע: קאַקאַאָ. די האַנדלס־רײַזנדערס קוקן ווי מאַרגאָט גייט פאַרבײַ די גוטבאַזיצערס און זיי לאַכן. זיי ווייסן, אַז זי זוכט געלט, גרינג צו פאַרדינען דאָס וואָס יענע האַרטע לײַט האָט טײַער געקאָסט. ניישט געלאַכט האָבן זיי נאָר ווען זשוקאַ באַדאַראָ איז אַרויסגעקומען פון דער טונקלקייט און האָט אָנגענומען מאַרגאָטן פאַר אַן אָרעם און האָט זי צוגעפירט צום אָנלען פון דער שיף, ווו עס האָט זיך נאָך אָנגעזען די פאַרשווינדנדיקע איטאַפּאַריקאַ, די ווײַטע באַהיַער הינ־טערשטאָטישע שטיבלעך, און מען האָט געקוקט ווי די נאַכט פאַלט צו אַ שנעלע און ווי די שיף־ראָד הייבט דאָס וואַסער.

— וואָס טוט דאָ „וואָסמיסע??"*)

זשוקאַ באַדאַראָ פירט מיט זײַנע אייגעלעך איבער דער פרוישער פי־

---

*) וואָסמיסע, — העפלעכער אויפן פון אידצן.

גור און פאַרהאַלט זיי אַף אירע פיס, אַף איר ברוסט. ער לייגט אַרויף די הענט אַף מאַרגאַטס הינטערכיילעק און גיט אים אַ קנײַפּ. ער וויל אַנטאַפּן צי איז ער האַרט.

מאַרגאַט מאַכט אַ מינע פון אַ באַליידיקטער:

— איך קען אײַך ניט... וואָס איז עס פאַר אַ פרײַהייט?

זשוקאַ באַדראַ נעמט זי אָן בײַ דער גאָמבע, הייבט אונטער איר קאָפּ מיט די בלאָנדע לאָקענעס און פּאַמעלעך, טיף אַרײַנקוקנדיק איר אין די אויגן, זאָגט ער:

— אויב איר האָט קיינמאָל נישט געהערט, וואַסמיסע, וועט איר הערן זייער אַ סאַך וועגן זשוקאַ באַדראַ... און איר ווייסט שוין, אַז פון דער מינוט נעם איך אײַך אַף מיר. גיט אַכטונג ווי איר פירט אײַך אויף, וואָרעם צוויי מאָל זאָג איך נישט.

ער לאָזט האַסטיק אָפּ מאַרגאַטס גאָמבעלע, דרייט זיך אויס צו איר מיטן רוקן און לאָזט זיך גיין צו דער קערהמע, וווּ עס שטייען אָנגעשטעלט פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס און עס הערט זיך פון דאָרט האַרמאָניקע און גיטאַרע שפּילן.

## V

די לעוואָנע האָט זיך שוין גענומען הייבן העכער אַפּן הימל, אַ ריזיקע רויטע לעוואָנע, וואָס לאָזט איבער אַ בלוטיקן שפּור אַף דער יאַם־שוואַרצקייט. אַנטאָניאָ וויטאָר האָט נאָכמער אײַנגעקאָרטשעט זײַנע לאַנגע פיס און האָט זײַן גאָמבע אָנגעשפּאַרט אַף די קני. דאָס ליד פון דעם סטעפּמענטש וואָס זינגט לעבן אים, שפּרייט זיך איבער דער אומענדלעכקייט פונעם יאַם, פילט אָן אַנטאָניאָ וויטאָרס האַרץ מיט בענקשאַפט, דערמאָנט אים די לעוואָנע־נעכט בײַ אים אין שטעטל, נעכט ווען מען האָט די בלענדלײַכטערס נישט גענוצט צום פישפאַנג, און ער, מיט נאָך ייִנגלעך און נאָך מיידלעך, פלעגן אַרויסגיין אַף דער בריק, אַ פאַרגאַסענער מיט לעוואָנעשיין, כאַפּן פיש. דאָס פיש כאַפּן איז געווען בלויז אַן אויסרייד פאַר שמועסן און האַלטן זיך בײַ די הענט ווען די לעוואָנע האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן. איוואָנע איז שטענדיק געווען לעבן אים; פופצן יאָר אַלט האָט זי שוין געאַרבעט אין דער שפּינערײַ און איז געווען דער מאַן

פונעם הויזגעזינט, האָט אויסגעהאַלטן די קראַנקע מוטער און די פיר קליינע ברידערלעך, פון זינט איר פאָטער איז אין אַ באַנאַכט אַוועק, קיינער ווייס ניט וווהין. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי פון אים מער נישט געהערט; און דעמאָלט איז איוואָנע אָנגעקומען אין פאַבריק; אַרבעטן פאַר די פיר מיַילער. די שמועסן אַף דער בריק זיַינען געווען איר איינציקע פאַרברענגעניץ. זי פלעגט אָנשפּאַרן איר קאָפּ מיט די מולאַטע האָר באַ אַנטאָניען אַפן אַקסל און האָט אים אונטערגעטראָגן אירע גראָבע ליפּן יעדן מאָל ווען די לעוואָנע האָט זיך באַהאַלטן. ער האָט פאַרזויט אַ פעלד מאַיִס, מיט נאָך צוויי ברידער, הינטערן שטעטל. נאָר געגעבן האָט עס אַזוי ווייניק און גערעדט האָט מען אַזוי פיל וועגן דעם שלאָל מיט אַרבעט אַף די דאָרעמדיקע לענדערײַען, וועגן די גרויסע פריַיזן און די אויצרעס געלט, וואָס די קאַקאַאָ ברענגט אַריַין, און ער האָט, ווי איוואָנעס פאָטער, ווי זיַין עלטערער ברודער, ווי טויזנט אַנדערע, פאַרלאָזט די קליינע סערזשיפּער שטאָט. ער האָט זיך אויפגעזעצט אַף אַ שיף אין אַראַקוזשו, איז איבערגעשלאָפן צוויי נעכט אין אַ ביליקן פענסיאָן־הויז באַ דעם באַהיַער האַפן און איצט פאָרט ער אין דריטן קלאַס פון אַ קליינער שיף קיין איליעוס. ער איז אַ הויכער און דינער נעגער־יונג, מיט אויפגעלאָפענע מוסקולן און גרויסע מאַזאָליעדיקע הענט. צוואַנציק יאָר איז ער אַלט און איז פול מיט בענקשאַפטן. אַ געפיל וואָס איז אים פריַער געווען אומבאַקאַנט פילט אָן זיַין ברוסט. קומט עס פון דער בלוט־רויטער לעוואָנע? פונעם טרויעריקן ליד וואָס דער סטעפּ־מענטש זינגט? אַלע מענער און פרויען אַפן דעק ריידן וועגן האָפענונגען אַף די דאָרעמדיקע לענדערײַען.

— איכל מיך אַוועקלאָזן קיין טאַבאַקאַס,— זאָגט איינער, שוין ניט קיין יונגער מענטש, מיט אַ שיטער בערדל און געקריַיזלטע האָר, — מען זאָגט ס׳איז אַן אָרט מיט אַ צוקונפט.

— מען זאָגט אָבער אויך, אַ ווילד אָרט. מען האַרגעט דאָרטן מענטשן, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן... — זאָגט דערויף איינער אַ קלייניקער מיט אַ הייזעריקן קאָל.

— כ׳האָב שוין געהערט... נאָר כ׳גלייב ניט, מענטשן ריידן...

— ווי גאָט וועט וועלן אַזוי וועט זיַין... — דאָס זאָגט אַ פרוי מיט אַ שאַל אַפן קאָפּ.

— און איך פאָר קיין פעראַדאַס — רופט זיך אָן אַ יונג — כ׳האָב

דאָרטן א ברודער. ס'איז אים גוט. ער איז בא איינעם א קאָראָנעל האַראַ־סיאָ, א רײַכער מענטש. בא אים וועל איך בלײַבן. ער האָט שוין אַן אָרט פאַר מיר. דערנאָך וועל איך אַהיימפאָרן נעמען זילדען...

— דײַן קאַלע? — פרעגט די פרוי.

— מײַן ווײַב, מיט א טעכטערל פון צוויי יאָר, א צווייטס אין בויך. א שיינקייט פון א קינד.

— וועסט שוין נישט אַהיימפאָרן... — רופט זיך אָן א באַיאָרנטער מענטש אין א מאַנטל אײַנגעהילט, — וועסט נישט אַהיימפאָרן, ווײַל פּע־ראַדאַס איז דער הינטערביילעך פון דער וועלט. ווייסטו באַטש וואָס דו וועסט דאָרטן זײַן אַף די פּלאַנטאַציעס בא דעם קאָראָנעל האַראַסיאָ? וועסט בא אים זײַן אַן ארבעטער צי א קאַפּאַנגאַ?*) ווער עס האַרגעט נים, האָט קיין ווערט נישט פאַרן קאָראָנעל. וועסט שוין נים אַהיימפאָרן... — און ער גיט דערבײַ א קײַסעדיקן שפּײַ אויס.

אַנטאָניאָ וויטאָר הערט אויס די געשפּרעכן, נאָר דאָס געזאַנג פונעם אַנדערן רעדל, די האַרמאָניקע און די גיטאַרע, פירט אים ווידער אַוועק צו דער בריק אין עסטאַנסיאַ, וווּ די לעוואָנע איז שיין און דאָס לעבן איז שטיל. איוואָנע האָט אים ראַק געבעטן בלײַבן. דאָס מאַיִס־פעלד וועט קלעקן פאַר ביידן, לאָז דיך אָפּ פון דעם כיישעק צום געלט אין דעם ווײַטן אָרט, וואָס מען דערציילט פון דאָרט אַזעלכע מיעסע זאַכן. אין לעוואָנע־נעכט, ווען דער הימל איז פול מיט שטערן, מיט אַזוינע שיינע שטערן וואָס בלענדן דאָס אויג, האָט ער, אין וואַסער שטייענדיק, געטראַכט פון אַוועקפאָרן אַף די איליעוסער ערדן. מענטשן שרײַבן, מענטשן וואָס זײַ־נען נאָך פריִער אַוועק, און דערציילן, אַז געלט קומט דאָרט אָן גרינג, אַז מען קען דאָרט גרינג באַקומען א שטיק באָדן און פלאַנצן דעם בוים וואָס מען רופט אים קאַקאַאָטאַל און גיט אַרויס אַזאַ פרוכט, א גאָלדיקע, וואָס איז נאָך טײַערער פון גאָלד. די ערד וואַרט דאָרט אַף די וואָס פאָרן אַהין און איז נאָך קיינעמס נישט. זי איז דעמס וואָס האָט דעם קוראַזש אַרײַנ־צורײַסן זיך אין וואַלד, אים אויסקאָרטשעווען, פלאַנצן קאַקאַאָ, מאַיִס און מאָנדיאָקאַ, עסן עטלעכע יאָר פאַרינאַ**), ביז דער קאַקאַאָ וועט געבן פרוכט. דעמאָלט קומט דאָס אַשרעס, געלט וואָס איין מענטש קען עס נישט אויסגעבן, א הויז אין שטאָט, ציגאַרן, שטיוול מיט סקריפּ. ווען נישט ווען

*) קאַפּאַנגאַ — שלעגער; פאַרינאַ — מאַנדיאָקאַ־מעל.

דערגייט אויך אַ יעדיִע אַז דער אָדער יענער איז געפאַלן פון אַ קויל אָדער אַ שלאַנג האָט אים אַ ביס געטאָן און ער איז געשטאָרבן, מען האָט אים מיט אַ מעסער אַוועקגעלייגט אין מיטן שטעטל אָדער געשאָסן פון הינטער אַ לויער. נאָר וואָס איז ווערט צו לעבן אין אַזאַ שעפע! אין אַנטאָניאָ ווי־טאָרס שטעטל איז דאָס לעבן אָרעם און אָן מעגלעכקייטן. קימאַט אַלע פאָרן אַוועק. ווייניק זייערע קומען צוריק. דערפאַר אָבער ווען זיי קומען — און ניט אויף לאַנג — איז זיי נישט צו דערקענען. זיי קומען אַהיים רײַך, מיט רינגען אויף די פינגער, מיט גאָלדענע זייגערס, מיט אַ פערל אינעם קראַוואַט. זיי וואַרפן זיך מיט געלט, מיט טײַערע מאַטאָנעס פאַר די קרווי־ווים, מיט נעדאַוועס פאַר די קלויסטערס און פאַר די הייליקע שיצערס, מיט קוואַטערשאַפטן בײַ די יאָר־יאָנטויווים. „ער איז אַהיימגעקומען רײַך", — איז דאָס איינציקע וואָס מען הערט אין שטאָט. יעדער איינער פון די לײַט, וואָס זײַנען אַהיימגעקומען און באַלד צוריקגעפאָרן, ווײַל זיי האָבן זיך מער נישט געקענט צוגעוווינען צו דעם שטילן לעבן, איז פאַר אַנטאָניאָ וויטאָר געווען אַ נײַער רוף אַהין. איוואָנע נאָר האָט אים דאָרט געהאַלטן. אירע ליפּן, די וואַרעמקייט פון אירע בריסטן, איר געבעט מיטן קאָל און מיט די אויגן. נאָר אין אַ טאָג האָט ער מיט אַלץ איבערגעריסן און איז אַוועק. איוואָנע האָט געוויינט אויף דער בריק, וווּ זיי האָבן זיך געזעגנט. ער האָט איר צוגעזאָגט:

— אין איין יאָר וועל איך רײַך ווערן און וועל קומען דיך אַהין נעמען.

איצט הענגט די עסטאַנסיער לעוואָנע איבער דער שיף, נאָר ניט קיין געלע, ווי דעמאָלט ווען זי האָט געוואַכט איבער די פאַרליבטע אויף דער בריק, נאָר אַ רויטע, מיט בלוט געפאַרבט, און אַן עלטערער מענטש זאָגט, אַז קיינער קומט נישט צוריק פון די קאַקאַאָ־ערדן.

אַנטאָניאָ וויטאָר האָט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן געפיל. זאָל עס זײַן מוירע? בענקשאַפט? ער אַליין ווייס ניט וואָס דאָס קען זײַן. די לעוואָנע דערמאָנט אים איוואָנען, ווי זי בעט אים מיט די ליפּן ער זאָל ניט אַוועק־פאָרן, מיט טרערן אין די אויגן אין יענער געזעגענונגס־נאַכט. די לעוואָנע איז אין יענער נאַכט נישט געווען. אויף דער בריק האָט קיינער קיין פיש נישט געכאַפּט. געווען איז פינצטער און אונטן האָט דער טײַך געמורמלט;

זי האָט זיך אַף אים אַרויפגעלייגט מיט איר וואַרעמען לײַב, מיט איר פאַר־טרערטן פּנים.

— דו פאָרסט מיט אַן עמעצן?

א לאַנגע טרויעריקע ווײַלע איז זי געשטאַנען און האָט געשוויגן.

— פאָרסט אַוועק און וועסט צוריק נישט קומען.

— איך שווער דיר אַז איך וועל קומען.

זי האָט מיטן קאָפּ א טרייסל געטאָן אַז ניין. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אַפן ברעג טײַך און האָט אים צוגערופן. זי האָט פאַר אים איר לײַב צעעפנט ווי עס צעעפנט זיך א בלום אַקעגן דער זון. און זי האָט זיך געלאָזט באַזיצן פון אים, אָן א וואָרט צו זאָגן און אָן א קרעכץ צו געבן. דערנאָך, ווען ער האָט געקוקט אַף איר מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן פון איר אומגעריכטן אָנבאָט, האָט זי אַראָפּגערוקט דאָס געבלימטע סיצענע קליידל, אַפּסניי אָפּגעפאַרבט מיט איר בלוט. זי האָט זיך מיט דער האַנט די אויגן פאַרשטעלט און האָט מיט א געבראָכן קאָל געזאָגט:

— דו וועסט צוריק נישט קומען. אַן אַנדערער וואָלט מיך ווען עס איז גענומען, איז גלײַכער מיט דיר. אַזוי וועסטו וויסן ווי גערן איך בין דיך.

— איך שווער דיר, אַז איך וועל צוריקקומען...

— וועסט נישט קומען...

ער איז אַוועק, ווי ליב אים זאָל ניט זײַן איוואָנעס לײַב, וואָס האָט אים דאָרט געהאַלטן, ווי וויל ער וויים אַז ער האָט איר א קינד איבערגע־לאָזט. ער האָט זיך געטראַכט, אַז ער וועט דאָרט פאַרדינען פאַר איר און פאַרן קינד, אַז אין א יאָר אַרום וועט ער צוריקקומען. ערד באַקומט מען גרינג אין איליעוס, ער וועט פלאַנצן קאַקאַא, אַראָפּנעמען די פרוכט און קומען נאָך איר מיט דעם קינד. איר פאָטער איז נישט צוריקגעקומען, קיי־נער וויים אַפילע ניט וווּ ער איז. דער אַלטער זאָגט, אַז קיינער קומט ניט צוריק, אַפילע ניט ווער עס לאָזט איבער א פרוי מיט צוויי קינדער. פאַר־וואָס שפּילט נאָך די האַרמאָניקע און פאַרוואָס איז די מוזיק אַזוי טרויע־ריק? פאַרוואָס איז אַזוי רויט די לעוואָנע אַפן יאַם?

## VI

טרויעריק איז דאָס ליד ווי אַן אָנזאָג אַף שלעכטס. דער דאָרעם־ווינט יאָגט זיך איבערן יאַם און צעטראָגט עס און צעשפּליטערט עס אַף אור־מענדלעכע טענער. די מוזיק יאָגט אָן טרויער, כאַפּט אַרום די מענטשן פון דריטן קלאַס, פאַרכאַפּט אַ מעובערעסע פרוי, וואָס דריקט זיך צו פּילאָמע־נעס אָרעם. די טענער פון דער האַרמאָניקע באַגלייטן דאָס ליד און דער יונג הייבט אַליץ העכער זײַן שטים. אַנטאָניאָ וויטאָר דריקט זיך צו זיך אַליין; די בילדער פונעם שטילן שטעטל וואָס ער טראָגט אין זיך, פון אי־וואָנען וואָס האָט זיך אים אָפּגעגעבן אָן אַ קרעכץ, מישן זיך מיט נײַע בילדער פון נאָך נישט דעראָבערטן באָדן, פון געשלעגן מיט שיסערײַען, פון טויט, פון געלט, פעק מיט באַנקנאָטן. אַ מענטש וואָס פאָרט איינער אַליין און רעדט נישט מיט קיינעם, גייט פאַרבײַ די רעדלעך און בייגט זיך איבער איבערן אָנלען. די לעוואָנע לאָזט נאָך זיך אַ רויטן שפּור אַפן יאַם. דאָס ליד ברעכט הערצער:

ליבע מײַנע, כיוועל אַוועקפאָרן
איך וועל שוין צוריק נישט קומען.

ווײַטע היימען בלײַבן ווײַט פון הינטן, בילדער פון אַנדערע יאַמען און אַנדערע ברעגעס אָדער פון אַ פעלד אַ געליטענעם פון דער טריקעניש, פון מענטשן דאָרט פאַרבליבענע; אַ סאַך זייערע האָבן אַ ליבע איבערגע־לאָזט. אַנדערע פאָרן צוליב דער ליבע, זוכן מיט וואָס צו געווינען די הייס געליבטע, דאָס גאָלד וואָס קויפט דאָס גליק. דאָס גאָלד וואָס קומט אויף אַף איליעוסער ערד, פון דעם קאַקאַאָ־בוים. אַ ליד זינגט, אַז זיי וועלן שוין צוריק נישט קומען, אַז דאָרט וואַרט אַף זיי דער טויט הינטער יעדן בוים. און די לעוואָנע איז רויט ווי בלוט, די שיף וויגט זיך אַף אומרויִקע וואַסערן.

דער אַלטער טראָגט אַ מאַנטל און די פיס זײַנען אים נאַקעט און באָרוועס. ער האָט האַרטע אויגן און רייכערט אַ שטיקל ציגאַר פאַרוויקלט אין מאַיִס־בלאַט. עמעצער בעט בײַ אים צורייכערן און ער גיט אַ צי דעם ציגאַר און צעגליט אים.

— אַ דאַנק, פעטער.

— נישטאָ פאַר וואָס...

— ס׳עט זיכער אויסברעכן אַ שטורעם...

— אַ דאָרעם־ווינטיק וועטער... טרעפט דאָס ווערט טראַגיש, נישטאָ אַזאַ שיף וואָס זאָל בײַשטיין.

די פרוי נעמט זיך פעסטער אײַנהילן.

— די ערגסטע שטורעמס זײַנען אין סעאַרא... סאָף וועלט זעט עס אויס...

— כ׳האָב געהערט פון זיי, — זאָגט דער אַלטער, — מען זאָגט אַזוי איז עס.

זיי רוקן זיך צו צו אַ רעדל ווו מען שפּילט אין קאָרטן. די פרוי פרעגט:

— וואָסמיסע איז פון איליעוס?

— שוין פינף יאָר אין טאַבאַקאַס. כ׳בין פונעם סטעפּ...

— וואָס־זשע טוט איר אין די מעקוימעס, בײַ די יאָרן?

— זעט איר דאָך. פריִער איז אַהין געפאָרן מײַן זון זשאַאַקים... ס׳איז אים געגאַנגען גוט, ער האָט געפלאַנצט אַ קליינע פלאַנטאַציע, איז די אַלטע געשטאָרבן, האָט ער מיך גערופן צו זיך...

דאָ בלײַבט ער אַנטשוויגן. ער הערט זיך אײַן צום ליד וואָס דער ווינט טראָגט עס צו דער שטאָט, וואָס ליגט איצט אויסבאַהאַלטן אין דער פינצטערניש. די אַנדערע וואַרטן. נאָר בלויז דער שמועס אין ערשטן קלאַס און דאָס ליד וואָס דער שוואַרצער זינגט, רײַסן איבער די שטילקייט.

כ׳וועל קיינמאָל מער צוריק נישט קומען.

אַף די ערדן וועל איך שטאַרבן.

די שטים זינגט און די מענטשן קאָרטשען זיך פאַר קעלט. דער ווינט יאָגט, אַ שנעלער, אַ האַסטיקער, ער קומט פון דאָרעם. די שיף טרייסלט זיך אַף די כוואַליעס; אַ סאַך זייערע זײַנען נאָך קיינמאָל אַף קיין שיף נישט געווען. זיי פּלענטן זיך שלעפּן איבער די ווילדע „קאַאַטינגאַס״ פונעם סטעפּ אין אַ באַן מיט אימיגראַנטישע וואַגאָנען. דער אַלטער קוקט אַף זיי מיט האַרטע אויגן:

— איר הערט דאָס ליד? „אַף די ערדן וועל איך שטאַרבן״. ס׳איז עמעס. ווער עס גייט אַרויף אַף יענער ערד, קומט שוין נישט צוריק... זי האָט אײַן זיך אַ קישעף, ציט אַרײַן דעם מענטשן, ווי זשאַקאַ־גומע...

— זי האָט גרינגע געלט, ס׳איז עמעס?

דער יונג שטעלט זיך פאר אים אוועק מיט צעפלאמטע אויגן.

— געלט... אט דאס ציט אריין דעם מענטשן. מען קומט, מען מאכט אביסל געלט, און געלט איז דא, א דאנק גאט. נאר ס׳איז פארשאלטן געלט. א קלאלע, דאכט זיך, ליגט אין דעם. ס׳האלט זיך נישט בא קיינעם. מען מאכט א פלאנטאציע...

די מוזיק איז איצט א צוגעשטיקטע, די קארטן־שפילער האבן אפגעצויגן דאס רעדל. דער אלטער קוקט טיף אריין דעם יונג אין די אויגן, דערנאך פירט ער דעם בליק איבער אלע מענער און פרויען, וואס זיינען אנגעהאנגען אף זיין ווארט:

— איר האט אמאל געהערט וועגן „קאשישע"?

— מען זאגט א געשעפט פון איינעם א דאקטער, וואס נעמט צו בא אנדערע די ערד...

— עס קומט צו גיין אן אדוואקאט מיט א קאראנעל, זיי מאכן א „קאשישע" און איר ווייסט ניט ווו עס וועלן אהינקומען די ביימער קאקאא וואס איר האט פארפלאנצט...

ער נעמט ווידער ארום אלעמען מיט זיין בליק און ווייזט זיינע גרויסע מאזאליעדיקע הענט:

—איר זעט, מיט אט די הענט האב איך א סך קאקאאטאלן געפלאנצט... איך און זשאאקים האבן מיר וועלדער פול געמאכט מיט קאקאא, מער ווי א גאנצע מאכנע „זשופאראס", וואס דאס איז אזא כאיעלע, וואס פלאנצט קאקאא... איז וואס־זשע? — ווענדט ער זיך צו אלעמען, צו די שפילער, צו דער מעובערעסער פרוי, צום יונגן נעגער.

ער בלייבט ווידער שטיל, הערט זיך איין צום געזאנג און קוקט צו דער לעוואנע:

— מען זאגט, אז ווען די לעוואנע האט אזא קאליר, א בלוטיקן, טרעפן די נאכט אומגליקן אין וועג. אט אזא איז זי געווען ווען מען האט דערהארגעט זשאאקימען. זיי האבן נישט געהאט פארוואס אים צו דערהארגענען; נאר פון שלעכטיקייט.

— פארוואס האבן זיי אים דערהארגעט? — פרעגט די פרוי.

— דער קאראנעל האראסיא האט געמאכט א „קאשישע" מיט דעם דאקטער רוי; זיי האבן צוגענומען די ערד וואס מיר האבן געהאט פארפלאנצט... דער באדן, הייסט עס, איז זיינער און זשאאקים איז נישט

דער באַלעבאָס... געקומען איז ער מיט קאַפּאַנגאַס און מיט אַ סערטיפֿיקאַט פֿונעם נאָטאַריוס, האָט אַרויסגעוואָרפֿן די מענטשן און איז פֿאַרבליבן אַפֿילע מיט דעם קאַקאַא, וואָס האָט זיך שוין געטריקנט, גרייט צום פֿאַרקויף. זשאַאַקים האָט גוט געאַרבעט, ער האָט פֿאַר אים קיין מוירע נישט געהאַט. דאָס צורייבן די פּלאַנטאַציע האָט אים דערענדיקט; ער האָט גענומען טרינקען. און איין מאָל, אַן אויסגעטרונקענער, האָט ער אַ זאָג געטאָן אַז ער וועט נעקאָמע נעמען, אַז ער וועט צום קאָראָנעל אַ סאָף מאַכן. ניט ווייַט איז געשטאַנען דעם קאָראָנעלס אַ מענטש און ער האָט עס אָפּגעטראָגן. מען האָט געשיקט מאַכן אַ לויער אויף זשאַאַקימען, און מיט אַ נאַכט שפּעטער האָט מען אים דערהאַרגעט, ווען ער איז געגאַנגען קיין פֿעראַדאָס...

דער אַלטער זאָגט מער גאָרנישט. מער פֿרעגט מען אים נישט. די שפּילער נעמען זיך ווידער צו די קאָרטן; דער וואָס האַלט דאָס פּעשל לייגט אַוועק צוויי קאָרטן אויפֿן פּאָל, די אַנדערע שטעלן אייַן. דאָס געזאַנג שטאַרבט פּאַמעלעך אויף אין דער נאַכט. דער ווינט שטאַרקט זיך פֿון מינוט צו מינוט. דער אַלטער נעמט ווידער ריידן:

— זשאַאַקים איז געווען אַ שטילער מענטש, ער וואָלט קיינעם נישט געהאַרגעט. דער קאָראָנעל האָראַסיאָ האָט דאָס געוווּסט. אויך די שלעגער האָבן דאָס געוווּסט. ער האָט עס געזאָגט שיקערערהייט; ער וואָלט קיינעם נישט געהאַרגעט. געווען איז ער אַן אַרבעטס-מענטש; ער האָט געוואָלט נאָר פֿאַרדינען אויפֿן לעבן... אים האָט פֿאַרדראָסן וואָס מען האָט בײַ אים צוגענומען די פּלאַנטאַציע; דאָס יאָ. נאָר גערעדט האָט ער ווייַל ער איז געווען אויסגעטרונקען... ער איז נישט געווען קיין מענטש אויף האַרגענען... זיי האָבן אים דערשאָסן אין רוקן...

— מ'האָט זיי אַרעסטירט?

דער אַלטער טוט אויף זיי אַ בייזן קוק:

אין דער זעלביקער נאַכט ווען זיי האָבן אים דערשאָסן, האָבן זיי געטרונקען אין אַ שענק און האָבן דערציילט ווי אַזוי דאָס איז פֿאָרגעקומען...

אינעם רעדל ווערט שטיל; איין שפּילער נאָר גיט אַ זאָג:

— זיבן...

נאָר דער אַנדערער הייבט אַפֿילע דאָס געלט ניט אויף; אַזוי פֿאַרכאַפּט איז ער פֿונעם אַלטן, וואָס זעט איצט אויס אייַנגעבראָכן, אַ פֿאַרגע-

סענער פון אַלעמען, אַליין מיט זײַן אומגליק. די מעובערעסער פרוי גיט שטיל אַ פרעג:

— און וואָסמיסע?

— מיך האָט מען פאַרטריבן קיין באַהיָא, איך טאָר ניט זײַן דאָרטן... נאָר איצט פאָר איך אַהין...

דער אַלטער גיט זיך מיטאַמאָל אַ גלײַך אויס, זײַנע אויגן האָבן ווי־דער באַקומען דעם הארטן גלאַנץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעוואָרן צום סאָף דערציילן, און ער גיט אַנטשלאָסן אַ זאָג:

— איצט פאָר איך אָף מער נישט צוריקצופאָרן... קיינער וועט מיך שוין ניט פאַרטרײַבן... ס'איז דער גורל אַזוי, דאָניאַ... קיינער ווערט נישט געבוירן אַ שלעכטער אָדער אַ גוטער; דער גורל, ער קרימט אויס די מענטשן...

— אָבער... — נאָר די פרוי רעדט נישט מער.

— האָט קיין מוירע נישט, איר קענט ריידן.

— ווי אַזוי וועט וואָסמיסע לעבן?... איר זײַט שוין ניט אין די יאָרן צו אַרבעטן...

— האָט וועט עפּעס אַן אָנהאַלט באַם לעבן, דאָניאַ, גיט ער זיך אַן אייצע... און מיך האַלט עפּעס... מײַן זון איז געווען אַ גוטער מענטש, ער וואָלט דעם קאָראָנעל נישט געהאַרגעט. איך האָב אויך אָט די הענט מײַנע — ער ווײַזט זײַנע מאָזאָליעדיקע הענט פון אַרבעטן די ערד — קיינמאָל ניט אײַנגעשמירט אין בלוט. נאָר מען האָט דערהאַרגעט מײַן זון...

— וואָסמיסע? — האָט די פרוי געשטוינט.

דער אַלטער דרייט זיך אויס מיטן רוקן און גייט פאַמעלעכן אַרויס.

— האַרגע... האַרגע... — האָט אַ דאַרער פאַרשוין געמאַכט דערויף זײַן פּיירעש.

די מוזיק צעקלאָגט זיך ווידער אין דער נאַכט, די לעוואָנע שטײַגט שנעל אָפן הימל. דער וואָס האַלט די קאָרטן טרייסלט מיטן קאָפּ און האַלט אונטער דעם דאַרן פאַרשוין, און טיילט ווײַטער. די מעובערעסע פרוי דריקט זיך ווידער צו פילאָמענעס אָרעם און רעדט אין דער שטיל:

— כ'האָב מוירע...

די האַרמאָניקע האָט אויפגעהערט שפּילן. די לעוואָנע האָט זיך צע־גאָסן אין בלוט.

# VII

זשאָזע דאַ ריביירא הערשט איבער אַ צווייטן רעדל. ער דערציילט פּאַסירונגען פֿונעם קאַקאַאָ־לאַנד, מײַסעם איבער מײַסעם. יעדן מאָל שפּײַט ער אויס און איז גליקלעך וואָס ער קען דערציילן, זאָגן וואָס ער ווייס. מען הערט אים גערן אויס, ווי מען הערט אויס אַ מענטשן וואָס האָט וואָס קלאָר צו מאַכן.

— איך בין שיר נישט געבליבן אינדערהיים, — רופֿט זיך אָן אַ נידעריק ווײַבל וואָס זייגט אַ קינד, — מען דערציילט עס גייט דאָרט אום אַזאַ פֿיבער וואָס קען אַ מאַלפּע אַוועקלייגן.

זשאָזע לאַכט. דער אוילעם קוקט צו אים. ער רעדט ווי אַ באַהאַוונטער:

— מען האָט אײַך קיין ליגן נישט דערציילט, ניין, סיאַ דאָניאַ. איך האָב אַ סאַך מענטשן געזען קראַנק ווערן אַף דעם פֿיבער, קרעפּטיקע מענטשן, פֿערד, זאָג איך אײַך. נאָך דרײַ טעג פֿיבער קען אַ מענטש קיין איין טאָג מער נישט אויסהאַלטן.

— איז עס נישט פּאָקן?

— פֿאַראַן פּאָקן אויך. נאָר פֿון זיי איז אָפּגערעדט. פֿאַראַן אַלערליי פּאָקן, נאָר מערסטנס שוואַרצע, די ערגסטע פּאָקן. איך האָב נאָך נישט געזען עמעצער זאָל זיך פֿון זיי אויסהיטן. נאָר נישט פֿון פּאָקן רייד איך. איך רייד פֿונעם פֿיבער. קיינער ווייס ניט סאַראַ פֿיבער דאָס איז און ווי מען רופֿט אים. ער קומט אומגעריכט, און אין איין פֿינטל מיטן אויג איז מען אַ פּאַרטיקער.

— כ'פֿאַרשטיי וואָס דו מיינסט... — רופֿט זיך אָן אַ צווייט ווײַבל.

זשאָזע שפּײַט אויס. דערנאָך דערמאָנט ער זיך.

— אַ דאָקטער האָט זיך באַוויזן, טאַקע מיט אַ מעדיצינישן דיפּלאָם, אַ יונגערמאַנטשיק, ס'האָט אים נאָך קיין באָרד נישט געשפּראָצט, אַ שיינהייט פֿון אַ באָכער. ער וועט אַ סאָף מאַכן צו דעם פֿיבער אין פּעראַדאַס, האָט ער געזאָגט. האָט דער פֿיבער צו אים אַ סאָף געמאַכט. אַ סאָף צו דער שיינקייט. כ'האָב נאָך אַזאַ מיעסן טויט נישט געזען. נאָך מיעסער ווי גאַראַנגאַו, דער זעליקער, וואָס מען האָט אין מאַקאַקאָס דערשטאָכן

און אינגאַנצן צעשניטן, אַרויסגעריסן די אויגן, די צונג און די האָר אָף דער ברוסט.

— פאַרוואָס האָט מען עס אים געטאָן, דעם אָרעמענקן? — פרעגט די זייגנדיקע פרוי.

— אָרעמענקער? — זשאָזע דאָ ריביירא צעלאַכט זיך, און לאַכן לאַכט ער אין זיך אַריַין. עס זעט אויס ווי דאָס וואָלט אים שטאַרק פאַר־וויַילט — אָרעמענקער? אויב עס זיַינען פאַראַן קאַפּאַנגאַס רעשאָיִם אין די דאָרעמדיקע באַנדעס, איז וויסענטע גאַראַנגאַו געווען דער ערגסטער... ער האָט אין איין טאָג דערשאָסן זיבן מענטשן אין זשופּאַראַנאַ... אַ ביי־זער הונט, קיין צווייטן צו אים האָט נאָך גאָט ניט באַשאַפן...

דער אוילעם איז אונטער אַ שווערן איַינדרוק, נאָר איינער אַ סעאַרער מערקט שפּאָטיש אָן:

— זיבן איז אַ ליגן, סעו זשאָזע.

זשאָזע צעלאַכט זיך ווידער און מוט אַ פּיפּקע זיַין ציגאַרעט. ער ער־גערט זיך נישט:

— ביסט אַ קינד. וואָס האָסטו געזען אָף דיַין לעבן? ווי דו קוקסט מיך אָן, האָב איך פופציק קוילן אין איין זיַיט. איך בין שוין אין אַ סאַך ערטער געווען. צען יאָר אַז איך בין אין די וועלדער. בין געווען אַ זעל־נער, האָב אַ סאַך אומגליק געזען, נאָר צו דעם וואָס דאָ קומט עס ניט. האָסט אַמאָל געהערט וועגן אַ לויער?

— געהערט, — רופט זיך איינער אָן, — איינער שטעלט זיך הינטער אַ סלופּ שיסן אַ צווייטן.

— הער־זשע אויס. איז דאָרט פאַראַן אַ מענטש מיט אַזאַ הארץ פון אַ טיַיוול, אַז ער שטעלט זיך אוועק אינעם לויער און גייט אין געוועט אָף צען מילרייס מיט אַ צווייטן פון וועלכער זיַיט דער טויטער וועט פאַלן. און דער ערשטער וואָס קומט אַנטקעגן, באַקומט דעם בליַי, ער זאָל אַנטשיידן דעם געוועט. האָסטו אַמאָל געהערט דערפון?

דער סעאַרער שוידערט אויף. איינס פון די וויַיבלעך גלייבט זיך ניט:

— נאָר קעדיי צו געווינען דעם געוועט?

זשאָזע דאָ ריביירא שפּיַיט אויס און קלערט אויף:

— איצט בין איך דאָ, נאָר איך בין שוין אַ וועלט אויסגעווען, בין געווען זעלנער, און האָב געזען אַזוינס וואָס שטעלט די האָר קאַפּויער, נאָר

דאָס וואָס מען זעט דאָ, האָב איך אין ערגעץ נישט געזען. ס'איז אַן אָרט פאַר מענטשן מיט קוראַזש, נאָר אויך געלט איז דאָ פאַראַן ווי מיסט. ווער עס טייג זיך אויס צום שיסן, דער לעבט אַ טאָג...

— און וואָסמיסע וואָס טוט דאָרט?

— איך בין אַהין געקומען ווי אַ פּאָליציי־סערזשאַנט, האָב געמאַכט אַ קליינע פּלאַנטאַציע, וואָס איז אַ סאַך בעסער פון פּאַגאַנעס. דערפון לעב איך. קיין באַהיָא בין איך געפאָרן זיך דורכלופטערן, איינקויפן וואָס איך דאַרף.

— און צוריק פאָרט איר דריטע קלאַס, פּעטער? — האָט דער סעאַרער געכוויזעקט.

ער טוט ווידער אַ לאַך אין זיך אַרײַן און איז זיך מוידע:

— די ווײַסע מיידלעך האָבן ס'גאַנצע געלט אויפגעגעסן, קינד מײַנס. אין וואַלד איז אַ ווײַב דער טיגער... און אַז מען דערזעט אַ ווײַסן הינטן קערט זיך דער מויעך איבער... כ'בין געבליבן ריין ווי אַ שטיין אין טייך...

קיינער פרעגט אים נישט מער, וואָרעם אין דער מינוט איז אַראָפּגעקומען אַ מענטש מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט, אין אַ פּאַנאַמאַ־הוט און האָט זיך אוועקגעשטעלט אַקעגן. זשאָזע האָט זיך אומגעקוקט און האָט האַכנאָעדיק געגריסט:

— וואָס מאַכט וואָסמיסע, סעו זשוקאַ?

— וואָס טוסטו, זע דאַ ריביירא? ווי גייט דײַן פעלד?

— איך בין שוין אַ כוידעש פונדערהיים. כ'וועל הײַ־יאָר אויסקאָרטשעווען נאָך אַ וואַלד, מיט גאָטס הילף.

זשוקאַ באַדאַראָ שאָקלט צו מיטן קאָפּ און באַקוקט דעם אוילעם:

— קענסטו די לײַט, זע דאַ ריביירא?

— איך באַקען זיך מיט זיי, סעו זשוקאַ. אַקעגן וואָס פרעגט איר, אויב מײַן פראַגע באַלעסטיקט אײַך ניט?

אַנשטאָט אַן ענטפער, קומט זשוקאַ צו נענטער און גיט באַ איינעם אַ פרעג:

— פון וואַנען ביסטו?

— פון סעאַראַ, באַלעבאָס, פונעם קראַטאַ...

— ביסט געווען אַ פיך־טרײַבער?

— ניין, באלעבאס... כ׳האב געהאט א שטיקל פעלד... — און נישט געוואַרט אף ווײַטערן פרעגן, — די טריקעניש האט דערצו א סאף געמאכט.
— האסט מישפאכע, צי דו ביסט אליין?
— כ׳האב א ווײַב און א קינד וואס דאַרף קומען אף דער וועלט...
— ווילסט ארבעטן פאר מיר?
— יא, באלעבאס.

און אזוי קאנטראקטירט זשוקא באדארא די מענטשן: דעם וואס האט געטיילט די קארטן, זײַנעם א כאווער, דעם סעארער, דעם נעגער־יונג און אנטאניא וויטאר, וואס קוקט אפן אויסגעשטערנטן הימל. נאך אנדערע באטן זיך אן, נאר זשוקא באדארא ווארפט זיי אפ. ער איז גענייט אין מענטשן און דערקענט באלד ווער עס טויג צו זײַן ארבעט, דעם וואלד אײַנצונעמען, צו היטן דעם באארבעטן באדן.

## VIII

קאפיטאן זשאן מאגאליאינס הייסט דערלאנגען פארטוגעזישן ווײַן. דער האנדלס־רײַזנדער נעמט אן דעם קיבעד, דער קאראנעל זאגט זיך אפ. דער געוויג פון דער שיף הארגעט אים אוועק דעם מאגן.

— א בייזער ווינט... טרינק איך ווײַן, מוז איך אים אפגעבן דעם יאם...
— ביר, אויב אזוי? א קאניאק?

דער קאראנעל וויל גארנישט נישט טרינקען. זשאן מאגאליאינס דערציילט וועגן זײַן גרויסקייט, וועגן זײַן לעבן אין ריא דע זשאניירא; ער איז ארמיי־קאפיטאן, אבער אויך א רײַכער געשעפטסמאן.

—איך האב מײַן אייגנס א היפש ביסל הײַזער... און ווערט־פאפירן...

ער טראכט שנעל אוים א מײַסע מיט א מומע א מיליאנערשע אן קינדער. ער רעדט וועגן זײַנע גוטע ברידער פאליטיקער, וואס ער איז מיט זיי אף דו, טרינקט מיט זיי און שפילט מיט זיי. ער איז אוועק פון דער ארמיי, האט זיך פענסיאנירט און איצט פארט ער ארום איבערן לאנד. ער קומט איצט פון ריא דא סול און רעכנט פארן ביז די אמאזאנען. איידער ער פארט קיין אויסלאנד וויל ער קענען בראזיל, ער איז ניט ווי יענע וואס

אַז זיי באַקומען אַביסל געלט, פֿאָרן זיי דאָס אויסברענגען מיט די פּראַנ־צויזקעס... דער קאָראָנעל איז מאַסכּים מיט אים, דאָס איז זייער פּאַטרי־אָטיש, און ער וויל וויסן צי ס'איז עמעס וועגן די „פּראַנצויזקעס" אין ריאָ, וואָס טוען „מיט אַן עמעסן אַלץ", אָדער ס'איז פֿלוידעריי. וואָרעם אים האָט מען דערציילט, אַז אין ריאָ זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע פֿרויען... זשאָן מאַגאַליאַינס באַשטעטיקט עס און צעשפּרייט זיך מיט נישט גלאַ־טיקע פּראָטים.

— אָבער וואָס רעדט איר, קאַפּיטאַן? דאָס איז דאָך אַ כּאַזערײַ...

קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס מאַלט נאָך טונקעלער. נאָר לאַנג שטעלט ער זיך נישט אָפּ אַף די באַשרײַבונגען און נעמט ווידער ריידן וועגן זײַן פֿאַרמעגן, וועגן זײַנע באַציִונגען. צי נייטיקט זיך ניט אין עפּעס דער קאָ־ראָנעל? אַ רעקאָמענדאַציע צו אַ וויכטיקן פּאָליטיקער אין ריאָ? אויב ער נייטיקט זיך, דאַרף ער נאָר זאָגן. ער שטייט צו דינסט זײַנע גוטע פֿרײַנט און, כאָטש ער קען דעם קאָראָנעל פֿון ערשט, איז ער אים שטאַרק סימ־פּאַטיש געוואָרן און ער וועט גליקלעך זײַן אים צו דינען. דער קאָראָנעל נייטיקט זיך ניט, נאָר נאָנט דערזעט ער פֿאַרבײַגייען מאַנעקאַ דאַנטאַס, אַ שווערן און אַ דיקן, דאָס העמד פֿאַרשוויצט און די הענט קלעפּיק, און ער רופֿט אים צו און נעמט אים פֿאַרשטעלן:

— דאָס איז מאַנעקאַ דאַנטאַס, אַ רײַכער ערדבאַזיצער אין יענער געגנט... געלט וואַלגערט זיך בײַ אים אין שטוב, ווי אין וואַלד...

זשאָן הייבט זיך אויף זייער אַ העפֿלעכער:

— קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס, מיליטערישער אינזשעניער, אײַך צו דינען.

ער פֿאַרקנייטשט אַ שפּיץ וויזיט־קאַרטל און דערלאַנגט עס דעם קאָראָנעל מאַנעקאַ. דערנאָך בעט ער אים זיצן און הערט קלוימערשט ניט וואָס דער האַנדלס־רײַזנדער זאָגט צום קאָראָנעל פֿעריירינ׳אַ:

— אַן אָנגעזעענער מענטש...

— אַ דערצוויגענער...

קאָראָנעל מאַנעקאַ נעמט אָן דעם קיבעד. ווײַן פֿאַרדרייט אים נישט דעם קאָפּ:

— איך פֿיל מיך אַף דער שיף ווי בײַ מיר אין בעט דאָרט אין אַוור־ריסידיאַ. אַווריסידיאַ רופֿט זיך מײַן קליינע פּלאַנטאַציע, קאַפּיטאַן. אויב

איך ווילט באַ מיר פאַרברענגען אַ פּאָר טעג און עסן טשאַרקי*)...

פערייריניאַ צעלאַכט זיך סקאַנדאַליעז:

— טשאַרקי... קאַפּיטאַן, אין אַוורים־דיאַ איז יעדער מיטאָג אַ באַנקעט, יעדער נאַכטמאָל אַ טויף־יאָנטעוו. דאָניאַ אַוורים־דיאַ האָט באַ זיך אין קיך עטלעכע נעגערטעס מיט מאַלאָכים־הענט... — דער קאָראָנעל פּעריירינאַ באַלעקט זיך נאָשעריש די ליפּן, ווי די מײַכאָלים וואָלטן פאַר אים געשטאַנען אפן טיש, — זיי מאַכן אַ זראָזע, אַז מען זעט דעם גאַניידן פאַר זיך.

מאַנעקאַ דאַנטאַס שמייכלט, ער קוועלט אָן פון דעם לויב פאַר זײַן קיך. ער גיט צו פאַרשטיין:

— דאָס האָט מען פון דער וועלט, קאַפּיטאַן. מען לעבט דער טײַוול ווייס ווו, מען האַקט וואַלד און מען פלאַנצט קאַקאַאָ, מען קעמפט מיט יעדן נישטיקן קאַפּאַנגאַ, מען היט זיך פאַר אַ ביס פון אַ שלאַנג אָדער פאַר אַ שאָס פון הינטערן לויער; אַז ניט עסן אָנשטענדיק, איז וואָס האָט מען דערפון? נישטאָ דאָרט קיין לוקסוס ווי אין שטאָט, נישטאָ קיין טעאַטער, קיין באָרדעלן, קיין קאַבאַרעט, דאָס מין איז נישטאָ. נאָר טאָג ווי נאַכט אַרבעטן, האַקן וואַלד און פלאַנצן.

פערייריניאַ שטימט צו:

— אַ שווערע אַרבעט.

— אָבער אויך געלט צו דער זעט... — פאַרט אַרײַן דער האַנדלס־רײַזנדער און ווישט זיך אָפּ די ליפּן פונעם ווײַן.

מאַנעקאַ דאַנטאַס גיט ווידער אַ שמייכל:

— ריכטיק, דער באָדן איז אַ גוטער, ער גיט אַ גוטן אויסגאַב. נישטאָ זיך וואָס צו באַקלאָגן. ער גיט גענוג אַף מעכאַבעד זײַן אַ גוטן ברודער מיט אַ מיטאָג...

— דעם 16טן קום איך צו אײַך אַף מיטאָג, — זאָגט אים אָן דער רײַזנדער, — אפן וועג קיין סעקיירא גראַנדע, וועל איך נעכטיקן באַ אײַך.

— צו אײַערע באַפעלן... — זאָגט מאַנעקאַ, — אויך איר, קאַפּיטאַן, וועט קומען?

---

*) טשאַרקי — פלייש געטרוקנט אַף דער זון.

זשאָן מאַגאַליאַינס זאָגט אז יאָ, אז ס׳איז גאַנץ מעגלעך. ער רעכנט בלײַבן אַ שטיקל צײַט אין דער געגנט, זען צי עס לוינט זיך אַרײַנלייגן אביסל געלט אין באָדן, אין קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציעס. פון ריאָ אָן רעדט מען אַלץ וועגן דער געגנט, וועגן דעם געלט וואָס וואַלגערט זיך דאָרט. ער האָט כיישעק אַרײַנצולייגן אַ טייל פון זײַן קאַפּיטאַל אין קאַקאַאָ־ווירטשאַפט. דעם עמעס געזאָגט, האָט ער ניט וואָס זיך צו באַקלאָגן, אַ טייל פון זײַן געלט האָט ער ליגן אין ריאָ דאַ זשאַניירער ביניאָנים, וואָס גיבן גוטן רענט. נאָר עטלעכע צענדלינג קאָנטאָס האָט ער נאָך אין באַנק און אַ היפּשע צאָל פּאַפּירן פון דער מעלוכע־האַלוואָע. אויב ס׳וועט לוינען!...

מאַנעקאַ דאַנטאַס רעדט ערנסט און ראָט אים:

— עס לוינט זיך, סעו קאַפּיטאַן. ס׳איז קעדײַ... קאַקאַאָ איז אַ נײַער פלאַנץ, נאָר דער היגער באָדן איז דער בעסטער פאַר קאַקאַאָ. אַ סאַך דאָקטוירים זײַנען אים שוין געקומען שטודירן און עס איז אַ באַשלאָסענע זאַך. נישטאָ קיין בעסערער באָדן פאַר קאַקאַאָ. און דאָס גוטע וואָס ער האָט אין זיך, איז דער אויסגאָב. איך וועל אים נישט פאַרבײַטן, ניט אַף קאַווע, ניט אַף צוקער־דרויך. די זאַך איז וואָס דער אוילעם איז נאָך אביסל ווילד, נאָר אַזאַ מענטשן ווי איר דאַרף עס ניט שרעקן. סעו קאַפּיטאַן, איך פאַרזיכער אײַך: אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט איליעוס זײַן אַ גרויסע שטאָט, אַ הויפּטשטאָט, און די אַלע הײַנטיקע יִישוּווים וועלן זײַן ריזיקע שטעט. קאַקאַאָ איז גאָלד, סעו קאַפּיטאַן.

דער שמועס פאַרציט זיך: מען רעדט פון דער רײַזע. זשאָן מאַגאַליאַינס רעדט וועגן אַנדערע לאַנדשאַפטן, פון רײַזעס מיט דער באַן, מיט ריזיקע שיפן; זײַן פרעסטיזש וואַקסט מיט יעדער מינוט. און דאָס געזעמל וואַקסט. מען דערציילט מײַסעס און עס גיסט זיך ווײַן. זשאָן מאַגאַליאַינס פירט אַרויף, גאַנץ סוטיל, דעם געשפּרעך אַף קאָרטן־שפּיל. דער סאָף איז אַ טיש פּאָקער. דער קאָראָנעל טאָטאָניאָ, באַלעבאָס פון ריאַטשאָ סעקאָ, זעצט זיך צום טיש און דער האַנדלס־רײַזנדער זאָגט זיך אָפּ, ווײַל די „קאַסע” איז אַ צו שטאַרקע און אויך דער אײַנשטעל. געבליבן זײַנען די קאָראָנעלן און זשאָן. די איבעריקע קוקן. מאַנעקאַ דאַנטאַס טוט אויס דאָס רעקל.

— איך קען דערין נישט שפּילן...

פערײרינִיאַ צעטומלט ווידער אַלעמען מיט זײַן געלעכטער:

— לאָזט אײַך נישט גנאַרן, קאַפּיטאַן... מאַנעקאַ דאַנטאַס איז אַ מײַסטער אין פּאָקער... נישטאָ אַזאַ שוטעף וואָס זאָל אים נאָכהאַלטן.

מאַנעקאַ לייגט איבער זײַן רעוואָלווער אין דער הינטערשטער רעקל־קעשענע, ער זאָל ניט שטעקן אין גאַרטל פאַר אַלעמענס אויגן, און זשאָן מאַגאַליאַינס קלערט צי איז קעדײַ פאַרשפּילן דעם ערשטן קאָן אָף נישט אַרויסצואווײַזן מיט אַ מאָל וואָס ער קען.

דאָס באַר־ייִנגל ברענגט צו אַ פּעשל קאָרטן און מאַנעקאַ גיט אַ פרעג:

— מיט אַ צוגעפּאַסטער?

— ווי איר ווילט, — ענטפערט זשאָן מאַגאַליאַינס.

— פּאָקער מיט אַ צוגעפּאַסטער קאָרט איז קיין פּאָקער ניט, — זאָגט טאָטאָניאָ, און געווען איז עס דעם ערשטן מאָל וואָס ער האָט גערעדט, — טוט מיר אַ טויווע, לייגט ניט קיין צוגעפּאַסטע!

— מירן אײַך צוליב טאָן, גוטער ברודער, — און מאַנעקאַ לייגט אַרײַן די קאָרט צווישן די נישט נייטיקע.

פערײרינִיאַ איז קאַסירער, יעדער איינער קויפט פינף הונדערט מיל־רײַיס שפּילמאַרקעס. זשאָן מאַגאַליאַינס פאַרשט טאָטאָניאָן, דעם קאָראָנעל פון ריאַטשאָ סעקאָ, וואָס האָט איין אויג אָן אויסגעלייַדיקטס און אָף איין האַנט נישט מער ווי דרײַ פינגער. ער זיצט אָנגעכמורעט שווײַגנדיק, אים פּאַלט אויס טיילן קאָרטן. זשאָן באַשליסט שפּילן אָן שווינדל, אָרנטלעך, אַפילע נאַרישקייטן באַגיין, ווען מעגלעך, עפּעס פאַרשפּילן. אַרײַנצובאַקומען די לײַט פאַר אַ גרעסערן קאָן.

ער האָט צוויי מעלאָכים אין דער האַנט און טרעט אַרײַן אין שפּיל; מאַנעקאַ דאַנטאַס הייבט ביז זעכצן. פערײרינִיאַ לייגט אוועק די קאָרטן. טאָטאָניאָ דעקט, זשאָן צאָלט צו. פערײרינִיאַ גיט קאָרטן, מאַנעקאַ בעט צוויי, טאָטאָניאָ בעט איינע.

— אַלע דרײַ... בעט זשאָן.

טאָטאָניאָ פאַרפּאַסט, מאַנעקאַ שטעלט אײַן, קיינער קוקט ניט צו זיך אין די קאָרטן און מאַנעקאַ שאַרט זיך צו די מאַרקעס. ער האַלט זיך נישט אײַן און ווײַזט דעם „בלעף".

— אַ טערנע שראַגע...

געהאַט האָט ער אַ וואַלעט, אַ מיילעך און אַ דאַמע און געבעטן האָט ער צוויי קאָרטן צו אַ סקאַלע. זשאַן לאַכט און פּאַטשט מאַנעקאַן אין דער פּלייצע:

— זייער גוט, קאָראָנעל, פֿיַין געשפּילט...

טאַטאַניאַ גיט אַ קרומען קוק און זאָגט גאָרנישט. זשאַן מאַגאַליאַינס האָט שוין אָנגעוואָרן דעם גאַנצן דערעבערעץ צו זײַנע מיטשפּילער. ער וועט שוין באַשטימט רײַך ווערן אין דעם קאַקאַאָ־לאַנד.

## IX

דער האַנדלס־רײַזנדער איז מיד געוואָרן קוקן ווי מען שפּילט און איז אַרויף אויפן דעק. די לעוואָנע גיסט איר שײַן אויף מאַרגאָטן, וואָס שטייט אַ פּאַרטראָגענע אָנגעשפּאַרט באַם אָנלען. דער יאַם איז טונקל־גרין. שוין לאַנג ווי מען זעט ניט די לעצטע פֿײַערן פון דער שטאָט. די שיף טרייסלט שטאַרק. קימאַט אַלע פּאַסאַזשירן זײַנען שוין אין די קאַבינעס אָדער ציו־ליגט אויף די ברעזענטענע שטולן און צוגעדעקט מיט גראָבע דעקעס. אין דריטן קלאַס שפּילט ווידער די האַרמאָניקע אַ צעצויגענע מוזיק און די לעוואָנע שטייט שוין אין מיטן הימל. אַ שנײַדיקע קעלט ציט פונעם יאַם, צוגעבראַכט מיט דעם ווינט, וואָס שויבערט מאַרגאָטס לאַנגע האָר. זי האָט אַרויסגענומען די האָר־נאָדלען פון דער פריזור און די בלאָנדע האָר פּלאַטערן אויפן ווינט. דער האַנדלס־רײַזנדער גיט אַ שטילן פֿײַף ווען ער דערזעט זי שטיין איינע אַליין און שאַרט זיך פּאַמעלעך צו צו איר. ער האָט נישט קיין אָנגעצייכנטן פּלאַן און בלויז אַן אומבאַשטימטע האָפֿע־נונג אין האַרצן:

— גוטן אָוונט...

מאַרגאָט קוקט זיך אום און פאַרנעמט די האָר מיט דער האַנט.

— גוטן אָוונט...

— מען כאַפּט לופט?

— יאָ...

זי טוט ווידער אַ קוק אויפן יאַם, ווי עס שפּיגלען זיך די שטערן אין אים. זי ליגט אַרויף אַ טיכל אויפן קאָפּ און בינדט זיך צו די האָר. זי רוקט זיך אַ קלייניקייט אָפּ און מאַכט פּלאַץ באַם אָנלען פאַר דעם האַנדלס־

רײַזנדן. אַ לענגערע װײַלע שװײַגן זײ. מאַרגאָט איז װי פֿאַרנומען מיט קוקן װײַט אַפֿן יאַם און אַפֿן סוידעסדיקן הימל. ער הייבט אָן:

— איר פֿאָרט קיין איליעוס?

— יאָ, אַהינצו.

— איר רעכנט דאָרטן בלײַבן?

— װאָס קען מען װיסן... אויב מיר װעט גיין גוט...

— ביסט געװען אינעם הײַזל באַ דער מאַדאַם ליזיאַ, ניין?

— הום... הום!... — שאָקלט מיטן קאָפּ.

שאַבעס האָב איך דיך דאָרט געזען. אַ סימען, ביסט געװען מיטן דאָקטער...

— כ'װייס שוין... — האַקט זי אָפּ און קוקט װידער אַפֿן יאַם, װי זי װאָלט נישט װעלן װײַטער ציִען דעם שמועס.

— פֿאַראַן אַ סאַך געלט אין איליעוס... אַזאַ כאַיע, אַזאַ שיינע װי דו, קענסט דאָרט פֿאַרדינען אַ הײַזל... ס'װעט זיך שוין מיסטאָמע געפֿינען אַ קאָראָנעל װאָס זאָל אַרײַנלייגן דעם מאַטעריאַל.

זי נעמט אָװעק די אויגן פֿונעם יאַם און טוט אַ קוק אַפֿן האַנדלס־רײַזנדן. קענטיק זי איז אין סאָפּעק צי זאָל זי ריידן. זי זאָגט גאָרנישט און נעמט װידער קוקן אַפֿן יאַם. דער האַנדלס־רײַזנדער ציט װײַטער:

זשוקאַ באַדאַראָ האָט דיך פֿריִער אַ װײַלע אָנגעכאַפּט... היט זיך פֿאַר אים...

— װער איז ער?

— ער איז איינער פֿון די רײַכע מענטשן אַף יענער ערד... און אַן אײַנשטעלער... זײַנע מענטשן, דערציילט מען, טוען אויף אומגלויבלעכע זאַכן. זיי רײַסן זיך אַרײַן אין פֿרעמדן באָדן, מאָרדן, באַפֿעלן און טוען. ער איז דער באַלעבאָס פֿון סעקיירע גראַנדע.

מאַרגאָט פֿאַראינטערעסירט זיך, ער דערציילט װײַטער:

— די גאַנצע מישפּאָכע, זאָגט מען, איז אַן אײַנשטעלערישע: די מענער און די פֿרויען. אַפֿילע די פֿרויען האָבן טויטע אַף זייער געװיסן. װילסט מיך צו הערן? הייב זיך ניט אָן מיט אים.

מאַרגאָט גיט גרינגשעציק אַ שטרעק די ליפּן:

— װער זאָגט דיר, אַז איך האָב אַן אינטערעס מיט אים? דאָס דרייט

ער זיך אַרום מיר, ווי אַן אַלטער האָן אַרום אַ יונג הינדל... איך וויל מיט אים קיין געשעפטן נישט האָבן, איך יאָג מיך נישט נאָך געלט...

דער רײַזנדער שמייכלט אומגלייביק; זי הייבט מיט די אַקסלען, ווי זײַן מיינונג וואָלט איר ניט אָנגעגאַנגען.

— מען דערציילט אַז זשוקאָס ווײַב האָט ביז צום קאָפּ אָפּגעשווירן איינע אַ מיידל וואָס האָט זיך מיט אים אַרומגעפּירט...

— ווער האָט עס דיר אין קאָפּ אַרײַנגעהאַקט, אַז איך האָב אינטער־רעס אין אים? זאָל ער זיך האָבן וויפל פרויען ער וויל, ד י וועט ער ניט האָבן, — און זי טוט זיך אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אָפן האַרצן.

זי בלײַבט ווידער שטיין אין סאָפּעק און אַנטשליסט זיך:

— האָסט מיך שאַבעס נישט געזען טאַנצן מיט ווירזשיליאָ! ער איז איצט אין איליעוס. איך פּאָר אים זען.

-- ריכטיק... איך האָב פאַרגעסן... יאָ, ער איז דאָרטן. ער פּאַטראָני־זירט... אַ מענטש מיט אַ צוקונפט, ע? דער קאָראָנעל האָראַסיאָ, זאָגט מען, האָט אים געשיקט רופן אָנצופירן מיט דער געגנט... — ער גיט אַן איבערצייגנדיקן שאָקל מיטן קאָפּ, — אויב אַזוי זאָג איך מער גאָרניט. איך ראָט דיך נאָר: היט זיך פאַר זשוקאַ באַדאַראָ...

ער שפּאַנט אַוועק, ס׳איז נישט קעדײַ צו ריידן מיט איר, אַ פאַרליב־טע זוינע איז ערגער פון אַ יונג מיידל. ווי קומט ער אויס מיט זיי. דער זשוקאַ באַדאַראָ? מאַרגאָט בינדט אָפּ דאָס טיכל און לאָזט אירע האָר פלאַטערן אָפן ווינט.

## X

אַ שאָטן שלײַכט זיך איבער די טרעפּ; איידער ער טרעט אַרײַן אין ערשטן קלאַס, קוקט ער זיך אַרום, צי גייט ניט עמעצער. ער גלעט זיך צו די האָר, דאָס טיכל אָפן האַלדז. די הענט זײַנען אים נאָך געשוואָלן פון די קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען אין דער פּאָליציי. אָפן פינגער גייט נאָך נישט אַרויף דאָס פּאַלשע רינגל. דעם קאָמיסאַרס געהילף האָט געזאָגט, ער זאָל אָפּילע וויסן ער וועט אים די הענט איבערברעכן, וועלן זיי מער ניט קריכן אין פרעמדע קעשענעס. פערנאַנדאָ גייט אַרויף דאָס לעצטע טרעפּל און פאַרנעמט זיך צו דער זײַט ווו מאַרגאָט שטייט. ער דערזעט אַ מאַ־

טראָס גיין, און ער שפּאַרט זיך אָן אָפּן אָנלען ווי א פּאַסאַזשיר פון ער־שטן קלאַס וואָס קוקט אין דער נאַכט אַריַין. ער טרעט שטיל אָפּ, קומט שטיל צו צו א פּרעזענטענעם שטול ווי א מענטש כראָפּעט. זיַינע פלינקע פינגער רוקן זיך אַרונטער אונטער דער דעקע, אונטערן רעקל, טאַפּן אָן דעם קאַלטן שטאָל פונעם רעוואָלווער, און שלעפּן אַרויס פון דער הויזן־קעשענע דעם פולן טיַיסטער. דער מענטש האָט זיך אפילע נישט א ריר געטאָן.

ער גייט צוריק אין דריטן קלאַס, וואַרפט אַריַין דעם ליידיקן טיַיס־טער אין יאַם און באַהאַלט דאָס געלט אין קעשענע. איצט טרעט ער צווישן שלאָפנדיקן אוילעם פון דריטן קלאַס און זוכט עמעצן. אין א ווינקל, מיטן פּאָנעם אַרויף, כראָפּעט דער אַלטער, וואָס פאַרט נעקאָמע־נעמען פאַר זיַין דערהאַרגעטן זון. פערנאַנדאָ נעמט אַרויס עטלעכע באַנקנאָטן און, אַזוי שטיל ווי זיַינע הענט קענען, רוקט ער זיי אַריַין דעם אַלטן אין קע־שענע. די איבעריקע באַהאַלט ער דערנאָך אינעם אונטערשלאַק בא זיך אינעם רעקל, ציט אויס דעם האַלדז און לייגט זיך אַוועק אינעם וויַיטסטן ווינקל, ווי אַנטאָניאָ וויטאַר זעט זיך אין עסטאַנסיאַ און פילט בא דער זיַיט איוואָנעס וואַרעמקייט.

## XI

דער פאַרטאָג איז א קאַלטער, די פּאַסאַזשירן קאָרטשען זיך אונטער די דעקעס. מאַרגאָט הערט א וויַיטן שמועס:

— אויב דער קאַקאַאָ וועט מיר היַי־יאָר געבן פערצן מילריַיס, נעם איך מיַין פאַמיליע קיין ריאָ...

— איך האָב בייַשעק אַוועקשטעלן א הויז אין איליעוס...

דער שמועס ווערט אַלץ נענטער:

— ס׳איז א מיַעסע מיַיסע געווען. זעקימען האָט מען דערשאָסן אין רוקן.

— דאָס מאָל וועט שוין זיַין א פּראָצעס, פאַרזיכער איך איַיך.

— מירן זען.

זיי בליַיבן שטיין פאַר מאַרגאָטן און באַטראַכטן זי אָן שום צערע־

מאַניע. דער נידעריטשקער שמייכלט אונטער זײַנע דיקע וואָנצעס, וואָס ער הערט זיי ניט אויף גלעטן:

— וועסט זיך נאָך פאַרקילן, קליינע...

מאַרגאָט ענטפערט ניט. דער צווייטער פרעגט:

— ווו וועסטו זיך אויפהאַלטן אין איליעוס? בא מאַשאַדאָ?

— וואָס גייט עס אײַך אָן?

— זײַ נישט אַזוי פאַרריסן, קליינע. פון עמעצן וועסטו דאָך מוזן לעבן! זע, מײַן פרײַנט מאָורא קען דיר א הויז אויסשטעלן.

דער נידעריקער דרייט זיך די וואָנצעס און לאַכט:

— אוואַדע וועל איך אויפשטעלן, שיינינקע! דאַרפסט נאָר זאָגן יאָ...

זשוקאַ באַדאַראָ איז צוגעקומען:

— מיט אײַער דערלויבעניש...

ביידע טרעטן זיי לײַכט אָפּ:

— גוטן אָוונט זשוקאַ.

זשוקאַ גריסט מיטן קאָפּ און קומט צו צו מאַרגאָטן:

— צײַט שלאָפן גיין, דאָניא. בעסער שלאָפן איידער פלוידערן דאָ מיט יעדן איינעם...

ער גיט א פראָוואָצירנדיקן קוק אָף זיי. ביידע טרעטן זיי אָפּ. מאַרגאָט בלײַבט אַליין מיט אים:

— ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט זיך צו מישן אין מײַן לעבן?

— הערט אויס, דאָניא, איך גיי אַראָפּ א קוק טאָן ווי מײַן ווײַב פילט זיך אין דער קאַבינע, נאָר איך קום באַלד צוריק און טאָמער טרעף איך וואָסמיסע דאָ שטיין, וועט זײַן א סקאַנדאַל. פאָלגט מיך, מײַן ליבע פרוי... — און ער איז אַוועק.

מאַרגאָט כאַזערט איבער מיט עקל: „מײַן ליבע פרוי" און לאָזט זיך פּאַמעלעכן גיין אין קאַבינע. זי הערט נאָך ווי דער נידעריקער מיט די וואָנצעס רופט זיך אָן בעיים זי גייט זיי פאַרבײַ:

— דער זשוקאַ באַדאַראָ בעט זיך א גוט פאַרדינטע לעקציע.

זי דערפילט זיך ווי זשוקאָס ווײַב און טוט א פרעג:

— פאַרוואָס־זשע גיט איר זי אים ניט?

# XII

איבער דער שיף וואָס שנײַדט די נאַכט אפֿן יאַם, שפּרייט זיך וואָס ווײַטער אַן אַלץ טיפֿערע שטילקייט. מען הערט שוין ניט די האַרמאָניקע און די גיטאַרע אין דריטן קלאַס. קיינער זינגט שוין נישט פֿון ליבע־טרויער און פֿון בענקשאַפֿט. מאַרגאָט איז אַוועק צו זיך אין קאַבינע, קיינער שטייט ניט בײַם אָנלען. די רייד פֿון די פּאָקער־שפּילער דערגייען ניט צום יאַם. די שיף באָדט זיך אין רויטער דראָענדיקער לעוואָנע־שײַן און שנײַדט דאָס וואַסער אַ באַדעקטן מיט שווײַגן. אַ שלאָף מיט כאַלוימעס פֿון האָפֿענונג פּילט אָן די נאַכט אפֿן דעק.

דער קאָמאַנדאַנט איז אַראָפּגעקומען פֿון זײַן קאָמאַנדע־טורעם און גייט אום מיט זײַן געהילף. זיי שפּאַנען דורך דעם גאַנצן ערשטן קלאַס און פֿאַרבײַ די פּאַסאַזשירן וואָס שלאָפֿן אין די צעלייגטע שטולן מיט וואָלענע דעקעס אײַנגעדעקט. ווו ניט ווו מורמלט איינער אַ וואָרט פֿונעם שלאָף און כאָלעמט מיט קאַקאָאָ־פּלאַנטאַציעס באַלאָדענע מיט פּרוכט. דער קאָמאַנדאַנט און זײַן געהילף גייען אַרונטער איבער די שמאָלע טרעפּלעך און טרעטן צווישן מענער און פֿרויען, וואָס שלאָפֿן אין דריטן קלאַס, איינער צום צווייטן צוגעדריקט צוליב דער קעלט. דער קאָמאַנדאַנט שווײַגט, נאָר דער געהילף פֿײַפֿט זיך אונטער אַ גאַסן־לידל. אַנטאָניאָ וויטאָר שלאָפֿט מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן. אים כאָלעמט זיך אַוואַדע אַ גרינג געמאַכטער פֿאַרמעגן אַף דער איליעוסער ערד און ווי ער פֿאָרט קיין עסטאַנסיאַ נעמען איוואָנען. ער שמייכלט גליקלעך.

דער קאָמאַנדאַנט בלײַבט שטיין, גיט אַ קוק אַף דעם כאָלעמענדיקן מולאַט און דרייט זיך אום צום געהילף:

— זעט, ער לאַכט. אין וואַלד וועט ער ניט לאַכן!

ער טוט אַ שטוים מיטן פֿוס אַנטאָניאָ וויטאָרס קאָפּ און זאָגט:

— ס'איז מיר אַ ראַכמאָנעס אַף זיי!...

זיי קומען צו צום אָנלען בײַ דער קערמע. די כוואַליעס הייבן זיך ברויזנדיק, די לעוואָנע איז בלוטיק רויט. זיי שטייען און שווײַגן. דער געהילף צינדט אָן זײַן פֿײַקע. אַף לעצט רופֿט זיך אָן דער קאָמאַנדאַנט:

— טרעפֿט איך פֿיל מיך ווי אַ קאַפּיטאַן פֿון די פֿאַרצײַטיקע שקלאַפֿן־הענדלערישע שיפֿן...

דער געהילף ענטפערט ניט און ער קלערט אים אויף:

— פון יענע שיפן וואָס פלעגן אַנשטאָט סכוירעס פירן נעגערס פאַר שקלאַפן...

ער ווײַזט אַף די שלאַפנדיקע מענטשן, אַף דעם נאָך שמייכלענדיקן אַנטאָניאָ וויטאָר:

— וואָס איז דער כילעק?

דער געהילף הייבט מיט די אַקסלען, טוט אַ פּיפּקע די פּײַקע און ענטפערט ניט. ער קוקט אַפן יאַם, אַף דער אומענדלעכער נאַכט, אַפן אויסגעשטערנטן הימל.

# וואַלדלאַנד

## I

דאָס וואַלדלאַנד איז זיך געשלאָפֿן זײַן נישט איבערגעריסענעם שלאָף. געפֿלאָסן האָבן איבער אים די טעג און די נעכט, געשײַנט די זומערדיקע זון, געגאָסן די ווינטערדיקע רעגנס. זײַנע ביימער זײַנען געשטאַנען הונדערטער יאָרן. אָפֿן וואַלדיקן באַרג האָט זיך געביטן אייביקער גרינס, האָט זיך אַרײַנגעריסן אינעם פֿלאַכלאַנד און האָט זיך פֿאַרלוירן אין דער אומענדלעכקייט. געווען איז עס ווי אַ נאָך ניט אויסגעפֿאָרשטער יאַם, אַ פֿאַרשלאָסענער אין זײַנע סוידעס, ווי אַ יונגפֿרוי וואָס האָט נאָך נישט געפֿילט דעם ברען פֿון באַגערן, און ווי אַ יונגפֿרוי שיין, שטראַלנדיק און יונג, נישט געקוקט אָף די הונדערטיאָריקע ביימער. סוידעסדיק ווי דאָס לײַב פֿון אַ נאָך נישט באַמאַנטער פֿרוי. און נאָך איצט איז עס באַגערט.

פֿונעם וואַלד פֿלעגט זיך הערן דאָס טרילן פֿון די פֿייגל אין זוניקע פֿרימאָרגנס. אָף זײַנע ביימער פֿלעגן אומפֿליִען די זומערדיקע שוואַלבן, און מעשוגענערהווײַז פֿלעגן מאַלפֿעס זיך יאָגן פֿון צווײַג צו צווײַג, באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף. סאָוועס האָבן געקראַקעט צו דער געלער לעוואָנע אין שטילע נעכט. און זייערע געשרייען האָבן נאָך קיין אומגליק נישט אָנגעזאָגט, ווײַל צום וואַלדלאַנד זײַנען נאָך קיין מענטשן נישט דערגאַנגען. אַלערליי שלאַנגען זײַנען נאָך רוישלאָז אומגעקראָכן צווישן די טרוקענע בלעטער. טיגערס האָבן נאָך זייער איימעדיקן געבריל אַרויסגעלאָזט אין די נעכט פֿון באַגערן.

דאָס וואַלדלאַנד איז געשלאָפֿן. אוראַלטע ביימער און קלעטערגראָזן האָבן זיך אײַנגעפֿלאָנטערט. מאָך און דערנער האָבן זייער שלאָף געשיצט.

פונעם וואַלדלאַנד, פון זײַנע סוידעס, איז אַ מוירע געגאַנגען צום מענטשנס האַרץ. ווען מענטשן האָבן אין אַ פאַרנאַכט, דורך זומפּן און טײַכן, צו אים זיך דערשלאָגן, זיך אין אים אײַנגעשניטן און זיך דערזען פּאָנעם על פּאָנעם מיט דעם ווילדגעוויקס, זײַנען זיי פאַר שרעק פאַר־שטאַרט געבליבן. די נאַכט איז צוגעפאַלן און האָט געבראַכט מיט זיך שוואַרצע כמאַרעס, שווערן יולי־רעגן. צום ערשטן מאָל האָט דעמאָלט דער געשריי פון די סאָוועס אין דער נאַכט אָנגעזאָגט אומגליק. מאָדנע אָפּגע־הילכט האָט עס איבערן וואַלד. די כאַיעס האָבן זיך צעוועקט. די שלאַנגען שיפּען, די טיגערס רעווען אין זייערע באַהעלטענישן, די שוואַלבן זײַנען פאַרשטאַרבן אַף די צווײַגן, די אַפּן אַנטלויפן. דער שטורעם צעוועקט אויך די גײַסטער פון וואַלד. זײַנען די גײַסטער מיט אַן עמעסן געקומען אינ־איינעם מיט די מענטשן, אינאייינעם מיט זייערע העק און מעסערס, אָדער זײַנען זיי פון לאַנג שוין געווען דאָרט, פון קאַדמויינים אָן, און האָבן זיך צעוועקט אין יענער נאַכט? דער „לאָביזאָן” און די „קאַאַפּאָראַ”, „דעם גאַ־לעכס אייזלטע” און „באָיטאַטאַ”.

די מענטשן קאָרטשען זיך פאַר שרעק. דער וואַלד יאָגט אָן אַף זיי אַ רעליגיעזן אַפּשײַ. נישטאָ דאָרט קיין איין ליידיק אָרט. נאָר כאַיעס און גײַסטער וווינען דאָרט. די מענטשן בלײַבן שטיין מיט מוירע אין האַרצן.

אַ שטורעם האָט זיך אָראָפּגעלאָזט, בליצן שפּאַלטן דעם הימל, דו־נערן קנאַלן ווי די ציינקריצעניש בײַ די געטער פונעם באַאַדראָטן ווילד־געוויקס. די בליצן באַלײַכטן אַ מינוט דעם וואַלד, נאָר די מענטשן זעען נישט מער ווי דאָס טונקעלע גרינס פון די ביימער, אַלע זייערע כושים זײַנען אָנגעהאַנגען אָפּן געהער, וואָס נעמט אויף אינאייינעם מיט דעם שיפּען פון די אָוועקיאָגנדיקע שלאַנגען און געבריל פון די צעשראָקענע טיגערס, אויך די קוילעס פון די צעיושעטע וואַלד־גײַסטער. דאָס פײַער, וואָס לויפט אום איבער די העכסטע צווײַגן, איז אָוואַדע אַרוים פון די נאָזלעכער בײַ דער „באָיטאַטאַ”, און דאָס צלאַפּען וואָס איז אויב נישט דער געלאַף פונעם גאַלעכס אייזלטע איבערן ווילדגעוויקס, די אייזלטע וואָס איז אַמאָל געווען אַ שיין מיידל און האָט זיך אין ליבע איבערגעגעבן אין די פאַרשוועכטע אָרעמס פון אַ גאַלעך? ניט דעם געבריל פונעם טיגער הערן זיי, נאָר דעם פײַנלעכן געוואַי פונעם „לאָביזאָן”, האַלב מענטש און האַלב וואָלף, מיט שרעקלעך לאַנגע נעגל, אַ פאַרזעעניש וואָס די מוטער

האָט אים פאַרשאָלטן; א טויטשרעק וואַרפט אָן דער טאַנץ פון דער „קאַפּאָראַ״ אַף איר איינציקן פוס, מיט איר איינציקער האַנט, מיט איר לאַכנדיקן האַלבן פּאַנעם. די מוירע אינעם האַרץ פון די מענטשן.

שווער פאַלט דער רעגן, ווי אַן אָנהייב פון א צווייטן מאַבל. אַלץ ברענגט אַפּן גערדאַנק דעם אָנהייב פון דער וועלט. דאָס וואַלדלאַנד איינגאַנצן, אומדורכדרינגלעך און סוידעסדיק, אַלט ווי די צייט און יונג ווי דער פרילינג, ווייזט זיך פאַר די מענטשן ווי דער שרעקלעכסטער פון אַלע גייסטער. דער מאָקעם־מיקלעט פונעם „לאָביזאָן״ און פון די „קאַפּאָראַס״. ווייזט זיך פאַר זיי אָן א סאָף. קליין דערזעען זיי זיך צונויפנים דעם וואַלדלאַנד. קליינע דערשראָקענע באַיעלעך. פון זיין טיפעניש דערטראָגן זיך צו זיי אָט די מאָדנע קוילעס. און נאָך שרעקלעכער איז, אינעם צעבושעוועטן שטורעם, צו קוקן אַפן שוואַרצן הימל, וווּ עס גיט קיין שטערן ניט א פינקל פאַר די אָנגעקומענע מענטשן.

געקומען זיינען זיי פון אַנדערע ערדן, פון אַנדערע יאַמען, נאָנט צו אַנדערע וועלדער. נאָר שוין איינגענומענע, מיט צעעפנטע וועגן, מיט פייער אויסגעברענטע וועלדער, ווו עס זיינען שוין קיין טיגערס נישטאָ און עס ווערן אַלץ ווייניקער שלאַנגען... און איצט שטייען זיי פאַר דעם יונגפרוילעכן וואַלד, ווו עס האָט קיינמאָל א מענטשנס פוס נישט געטראָטן, אָן א וועג אַף דער ערד, אָן שטערן אַף דעם שטורעם־הימל. אין ווייטע לענדער, דערציילן אַלטע לייט, אין לעוואָנע־נעכט, שרעקלעכע געשיכטעס פון גייסטער. ערגעץ אין מערכאָקים, אין אַן אָרט, ווו קיינער וויים ניט ווו דאָס געפינט זיך, אַפילע ניט די גייערס, די וואָס שניידן דורך מידבאָריעס מיט גאָטס נעוווע אַף די ליפּן, שטייט די וווינונג פון די גייסטער. אַזוי פלעגן דערציילן אַלטע לייט, געניטע אין דער וועלט.

און אָט האָבן מענטשן, אין אָט דער שטורעם־נאַכט, אויג אַף אויג מיט דעם וואַלדלאַנד, אָנגעטראָפן אָט דאָס טראַגישע ווינקל פון דער ערד, ווו עס וווינען די גייסטער. דאָ אינעם לאַנד, צווישן ווילדגעוויקס, אַף קלעטער־גראָזן, בישביינעם מיט גיפטיקע שלאַנגען, מיט ווילדע טיגערס, מיט אומגליק־אָנזאָגנדיקע סאָוועס, קומען אָפּ פאַר זייערע באַגאַנגענע זינד די פאַרשאָלטענע פאַרוואַנדלט צו ווערן אין פאַנטאַסטישע כאַיעס. אָט פון דאַנען קומען זיי אין לעוואָנע־נעכט אַף די וועגן אָפּצוּוואַרטן די רייזנדערס וואָס רייסן זיך צו זייערע היימען. פון דאַנען קומען זיי אַרויס שרעקן די

וועלט. אין מיטן אָט די קוילעס שטייען איצט די קליין געוואָרענע מענטשן און הערן אָנקומען פֿונעם וואַלד דעם געמורמל פֿון די צעוועקטע גײַסטער. ווען די בליצן הערן אויף, זעען זיי דאָס פֿײַער וואָס זיי שפּײַען און עפּ־שער אויך די נאָך נישט רעכט געזעענע געשטאַלט פֿון דער „קאַאַפּאָראַ" ווי זי טאַנצט איר שרעקנס־טאַנץ. דער וואַלד! נישט קיין סאָד איז ער, נישט קיין סאַקאָנע און דראָונג, ר'איז אַ גאָט!

נישטאָ דאָ קיין קאַלטער ווינט וואָס זאָל קומען פֿונעם יאַם. ווײַט איז דער יאַם מיט זײַנע גרינע כוואַליעס. נישטאָ דאָ קיין קאַלטער ווינט אין אַ נאַכט פֿון רעגן און בליצן. נאָר אויך אָן דעם זײַנען מענטשן באַפֿאַלן פֿון שרעק און ציטערן, דריקן זיך די הערצער. פֿאַר די אויגן שטייט זיי גאָט — וואַלד. די מוירע איז אין זיי.

זיי לאָזן אַרויס פֿון די הענט די העק, די זעגן, די קאָסעס, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט שטייען זיי פֿאַרן אָנגעזיכט פֿונעם וואַלד. די אויגן, אָן אַ מאָס צעעפֿנט, זעען פֿאַר זיך דעם בייזן גאָט. דאָרט זײַנען די בייזע באַיעס, דעם מענטשנס סאָנים, די אומגליק־אָנזאָגנדיקע, דאָרט זײַנען די גײַסטער. מען קען ווײַטער נישט גיין. קיין מענטשלעכע האַנט קען זיך אָקעגן דעם גאָט ניט אויפֿהייבן. פּאַמעלעך טרעטן זיי אָפּ, מיט מוירע אין די הערצער. דונערן פּלאַצן, דער רעגן גיסט, טיגערס רעוועז, שלאַנגען פֿײַפֿן און דער שטורעם, איבער אַלץ, שיצט דעם געוואַי פֿון די מענטשן־וועלף, פֿון די „קאַאַפּאָראַס", פֿון דעם גאַלעכס אייזלטע, דעם סאָד און די יונגפֿרוילעכקייט פֿונעם וואַלדלאַנד. די מענטשן שטייען אויג אָף אויג מיט דעם ווילדוואַלד, ער איז דער וועלטס פֿאַרגאַנגענהייט, דער וועלטס אָנ־הייב. זיי לאָזן אַראָפּ די מעסערס, די העק און די זעגן. איין וועג האָבן זיי, דעם וועג אָף צוריק.

## II

די מענטש טרעטן אָפּ. טעג און נעכט האָט גענומען ביז זיי זײַנען אַהין געקומען. זיי זײַנען טײַכן אַריבער, פֿאַרוואַקסענע וועגן דורכגעהאַקט, זומפּן פֿאַרשאָטן, איינעם האָט אַ שלאַנג אַ ביס געטאָן און מען האָט אים באַגראָבן באַ דער זײַט ערשט דורכגעלייגטן וועג. אַ נישט געהובלטער

ציילעם אַף אַ בערגל ליים, דאָס איז דער גאַנצער זייכער פונעם געפאַלענעם סעאַרער. מען האָט זײַן נאָמען ניט אויפגעשריבן. נישט געווען מיט וואָס צו שרײַבן. ס׳איז דער ערשטער ציילעם צווישן די פיל צלאָמים וואָס באַזוימען די וועגן און דערמאָנען די געפאַלענע באַם אײַננעמען דאָס קאַקאַאָלאַנד. אַ צווייטער שלעפּט זיך נאָך מיט זײַן פיבער, מיט יענעם פיבער וואָס קען אַפילע מאַלפּעס אָוועקלייגן. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהין און, אויך ער טרעט אָפּ; פון היץ זעט ער האַלוציגאַציעס. ער שרײַט צו יענע:

— ס׳איז דער לאָביזאָן...

זיי גייען צוריק. פון אָנהייב פּאַמעלעך, טראָט באַ טראָט, ביז צום ברייטערן וועג, ווו עס זײַנען ווייניקער דערנער און זומפּן פאַראַן. דער יוני־רעגן גיסט, נעצט זיי דורך ביזן לײַב און זיי ציטערן. פאַר זייערע אויגן דער וואַלד, דער שטורעם, די גײַסטער, זיי גייען צוריק.

אָט איז שוין דער דורכהאַק, זיי וועלן אים מיט איין מאָל דורכלויפן און צוקומען צום טײַך. דאָרט וואַרט אַף זיי אַ קאַנאָט־שיפל. זיי כאַפּן קוים דעם אָטעם. דער צעפיבערטער פילט שוין ניט דעם פיבער. די מוירע פליסט אַרײַן נײַעם קויעך אינעם געבראָכענעם לײַב.

ווײַטער אַ ביסל, מיט דעם „פּאַראַבעלום" אין דער האַנט, דאָס פּאָנעם פאַרקרימט פון צאָרן, שטייט זשוקאַ באַדאַראָ. אויך ער איז געווען באַם וואַלד, האָט געזען די בליצן און געהערט די דונערן, דאָס ריטשען פון די טיגערס און דאָס שיפּען פון די שלאַנגען, אויך זײַן האַרץ האָט זיך געקלעמט אונטערן וואָרזאָגערישן געשריי פון דער סאָווע. אויך ער ווייס, אַז דאָרט וווינען די גײַסטער. נאָר ער זעט ניט דעם ווילדוואַלד, דעם אָנהייב פון דער וועלט. זײַנע אויגן זײַנען איבערפולט מיט אַן אַנדער זעונג. ער זעט שוואַרצע ערד, די בעסטע ערד אין דער וועלט אַף פלאַנצן קאַקאַאָ. ניט דאָס וואַלדלאַנד שטייט פאַר אים, מיט בליצן באַלויכטן, פול מעשונעדיקע קוילעס, אײַנגעפלאָכטן אין קלעטערגראָזן, פאַרצוימט מיט אוראַלטע ביימער און באַוווינט מיט בייזע כאַיעס און גײַסטער. ער זעט אַ פעלד באַפלאַנצט מיט קאַקאַאָ־ביימער גאָלד־פּרוכטיקע אין גלײַכע שורעס. די קאָקוסן שוין צײַטיקע, געלע. ער זעט קאַקאַאָ־פעלדער זיך שפּרייטן איבער דער גאַנצער ערד וואָס איז פריִער געווען וואַלדלאַנד. שיין זײַנען זיי. נישטאָ קיין שענערע זאַך אַף דער וועלט ווי קאַקאַאָ־פעלדער. ווען זשוקאַ

באַדאַראַ האָט דערזען דאָס וואַלדלאַנד האָט ער זיך צעשמייכלט. אינגיכן וועלן דאָ זײַן קאַקאַא־ביימער באַלאָדן מיט פרוכט; אַ ליבער שאָטן אויף דער ערד. ער האָט אפילו נישט געמערקט די מענטשן מיט פאַכעד צו־ריקגיין.

ווען ער האָט זיי דערזען, האָט ער בלויז צײַט געהאַט צו זיי צוצו־לויפן און זיך אַוועקשטעלן אַקעגן זיי מיט דעם „פּאַראַבעלום" אין דער האַנט און מיט אַנטשלאָסנקייט אינעם בליק.

— איך שיס אינעם ערשטן וואָס וועט איין טראָט געבן...

די מענטשן זײַנען שטיין געבליבן. זיי שטייען אַ ווײַלע און ווייסן נית וואָס צו טאָן. הינטער זיי דער ווילדוואַלד, פאַר זיי זשוקאַ באַדאַראַ גרייט צו שיסן. נאָר דער פיבער־קראַנקער האָט אַ געשריי געטאָן:

— ס׳איז דער לאַביזאָן... — און ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף פאָרויס.

זשוקאַ באַדאַראַ האָט אויסגעשאָסן. אַ נײַער מין בליץ האָט די נאַכט דורכגעשניטן. דער וואַלד האָט מיט אַ ווידערקאָל אָפּגעענטפערט אויף דעם קנאַל. די אַנדערע שטעלן זיך אַרום מיט געבויגענע קעפּ אַרום דעם גע־פאַלענעם. זשוקאַ באַדאַראַ קומט צו, אַ געלאַסענער, מיט דעם „פּאַראַבע־לום" אין דער האַנט. אַנטאָניאָ וויטאָר בייגט זיך אָן און הייבט אונטער באַם פאַרוווּנדיקטן דעם קאָפּ. די קויל האָט אים דעם אַקסל דורכגעשאָסן. זשוקאַ באַדאַראַ רופט זיך אָן גאַנץ רויִק:

— איך האָב נישט געשאָסן אויף הארגענען, נאָר אײַך צו וואָרענען איר זאָלט פאָלגן... — ער צילט אָן אויף איינעם: — גיי ברענג וואַסער אָפּצוּוואַשן די וווּנד.

ער שטייט באַם קורירן, אַליין פאַרבינדט ער מיט אַ שמאַטע דעם אַקסל באַם פאַרוווּנדיקטן און העלפט אים צוטראָגן צום לאַגער נאָענט באַם וואַלד. די מענטשן גייען און ציטערן, נאָר זיי גייען. זיי לייגן אַוועק דעם פאַרוווּנדיקטן, וואָס רעדט פון היץ. די גײַסטער וואַיעווען פרײַ אינעם וואַלד.

— געגאַנגען! — גיט זשוקאַ באַדאַראַ אַ באַפעל.

די מענטשן קוקן זיך איבער. זשוקאַ שטעלט אָן דעם „פּאַראַבעלום".

— געגאַנגען...

העק און מעסערס האַקן דעם וואַלד מיט מאָנאָטאָנעם גערויש,

שטערן זײַן שלאָף. זשוקאַ באַדאַראָ קוקט פאַר זיך. ער זעט די גאַנצע שוואַרצע ערד באַפלאַנצט מיט קאַקאַאָ. פעלדער און פעלדער מיט געלע פרוכטן באַלאָדן. דער יוני־רעגן נעצט די מענטשן. מיט אַ געבראָכענעם קאָל בעט דער פאַרווונדיקטער אַ טרונק. זשוקאַ באַדאַראָ פאַרשטעקט זײַן „פאַראַבעלום” אין גאַרטל.

## III

דער זוניקער פרימאָרגן גאָלדיקט די נאָך גרינע קאָקוסן אויף די קאַקאַאָ־ביימער. דער קאָראָנעל האָראַסיאָ שפּאַנט פאַמעלעכן צווישן די קאַקאַאָטאַלן, געפלאַנצטע לויטן אײַנגעשטעלטן שעטעך איינער פונעם צווייטן. דאָס פעלד גיט זײַנע ערשטע פרוכטן; יונגע פּינפּיאַריקע קאַקאַאָס. אויך דאָ איז פריִער געווען וואַלדלאַנד, אַזוי סוידעסדיק און איימעדיק. ער האָט עס מיט זײַנע מענטשן, מיט פײַער, מיט מעסערס, מיט העק און קאָסעס דורכגעהאַקט; ער האָט אײַנגעוואָלגערט די גרויסע ביימער, האָט פאַרטריבן די טיגערס און די גײַסטער. דערנאָך איז אַוועק דאָס באַפלאַנצן די פעלדער, גאַנץ געהיט, קעדיי זיי זאָלן געבן אַ וואָס גרעסערן אויסגאַב. און נאָך פינף יאָר האָבן די קאַקאַאָס געגומען בליִען, און אין דעם פרימאָרגן העננגען שוין פון די צווײַגן אַראָפּ קליינע קאָקוסן. די זון באַגילט זיי; דער קאָראָנעל האָראַסיאָ שפּאַצירט צווישן זיי. ער איז אַ מענטש באַ די פופציק און דאָס פּנים באַ אים, אַ געשטופּלטס, איז פאַרשלאָסן און פינצטער. זײַנע גרויסע מאַזאָליעדיקע הענט האַלטן דעם שטריק־טאַבאַק און דאָס פען־מעסערל אויף אָפּשנײַדן אַ שטיקל מאַיִס־בלאַט צום פאַרוויקלען. די הענט וואָס האָבן יאָרנלאַנג געהאַלטן די בײַטש, ווען דער קאָראָנעל האָט נאָך געטריבן אייזלען אויפן גוט פון ריאָדעל בראַזאָ, האָבן שפּעטער געהאַלטן די ביקס, ווען דער קאָראָנעל איז געוואָרן אַן ערד־דעראָבערער. לעגענדעס גייען אום וועגן אים; ער אַליין ווייס ניט וואָס מען דערציילט אַלץ וועגן אים אין איליעוס און טאַבאַקאַס, אין פּאַלעסטינאַ און פערעדאַס, אין אַגואַ בלאַנקאַ און אין אַגואַ פּרעטאַ. פרומע ווײַבער, וואָס גייען אין איליעוסער קלויסטער צום הייליקן זשאָרזשע, דערציילן, אַז דער קאָראָנעל האָראַסיאָ פון פערעדאַס האַלט באַ זיך אונטערן בעט דעם טײַוול, אין אַ פלאַש פאַרשטעקט. ווי אַזוי ער האָט אים

פּאַרשטעקט, איז אַ לאַנגע געשיכטע, וואָס דערציילט אויך ווי אַזוי דער קאָראָנעל האָט זײַן נעשאָמע פאַרקויפט אין אַ שטורעם־טאָג. און דער טײַוול, וואָס איז געוואָרן זײַנער אַ געהאָרכיקער קנעכט, טוט אַלץ וואָס האָראַסיאָ באַגערט. ער האָט אים רײַך געמאַכט און העלפט אים קעגן זײַנע סאָנים. נאָר ווען עס איז — און די ווײַבער ציילעמען זיך דערבײַ — וועט האָראַסיאָ שטאַרבן אָן ווידע און דער טײַוול וועט אַרויס פון דער פלאַש און וועט אַוועקטראָגן זײַן נעשאָמע גלײַך אין גענעם. דער קאָראָנעל האָראַסיאָ ווייס פון די מײַסעס און לאַכט פון זיי מיט זײַן קורצן און טרוקענעם געלעכטערל, וואָס וואַרפט אָן אַ שרעק, מער ווי זײַן געשריי אין אַ בייזן פרימאָרגן.

מען דערציילט נאָך אַנדערע געשיכטעס, נענטערע צום עמעס. דאָקטאָר רוי, ווען ער איז אונטערן גלעזל, האָט ליב צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט איין מאָל פאַרטיידיקט, שוין לאַנג דערין, דעם קאָראָנעל אין אַ געווייסן פּראָצעס. מען האָט אים באַשולדיקט אין דרײַ מאָרדן, דרײַ ווילדע מאָרדן. אינעם אָנקלאָג האָט זיך געזאָגט, אַז נישט גענוג ער האָט איינעם דערהאַרגעט, האָט ער אים נאָך אָפּגעשניטן די אויערן, די צונג, די נאָז און די טעסטיקלען. דער פּראָקוראָר איז געווען אונטערגעקויפט און ער האָט דעם קאָראָנעל נישט באַשולדיקט. דאַן האָט דער דאָקטאָר רוי זיך אויסגעצייכנט, ער האָט אָנגעשריבן אַ פאַרטיידיקונג, וווּ ער האָט גערעדט וועגן „שרײַענדיקער אומגערעכטיקייט”, וועגן „רעכילעסן פון אַנאָנימע סאָנים אָן ערע און ווערדע”. אַ ניצאָכן. איינע פון יענע פאַרטיידיקונגען, וואָס האָבן אים געזאַלבט פאַר אַ גרויסן אַדוואָקאַט. ער האָט אויסגעלויבט דעם קאָראָנעל, איינעם פון די פאַרמעגלעכסטע גוטבאַזיצער אין דער געגנט, אַ מענטש, וואָס ניט נאָר האָט ער אַרויסגעהויבן די הויפּשטאָט פון דעם פּעראַדאַסער קרײַז, נאָר אויך דעם טאָבאַקאַסער קלויסטער; אַ געזעצליבנדיקער, צוויי מאָל ראַטמאַן אין איליעוס, גרויסמײַסטער פון דער מאַסאָנען־לאָזשע. צי קען אַזאַ מענטש באַגיין אַזאַ מיִעסן פאַרברעך?

אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז אים באַגאַנגען. געווען איז עס אָן איניען מיט אַ קאַקאַאָ־קאָנטראַקט. אַף האָראַסיאָס באָדן, האָט דער נעגער אַלטינאַ, מיט זײַן שוואָגער אָרלאַנדאָ און זײַן גוטן ברודער זאַקאַריאַס, באַאַרבעט אַ שטיק פעלד, קאָנטראַקטירט באַם קאָראָנעל. זיי האָבן אויסגעקאָרטשעוועט דעם וואַלד, אים אויסגעברענט, פאַרפלאַנצט קאַקאַאָ,

צווישן דעם קאַקאַאָ האָט ער פאַרזעצט מאַנדיאָקאַ און מאַיִס אַף צו לעבן די דרײַ יאָר ביז דער קאַקאַאָטאַל וועט אויפוואַקסן. נאָך די דרײַ יאָר, זײַנען זיי געקומען צום קאָראָנעל אים איבערגעבן דאָס פעלד און באַקומען דאָס געלט. פינף הונדערט רײַס פאַר אַ פאַרפלאַנצטן בוים מיט אויסגעוואַקסע־נעם קאַקאַאָ. פאַר דעם געלט האָבן זיי גערעכנט קויפן אַ שטיק באָדן, ווו עס איז אַ שטיק וואַלד, צום אָפּרייניקן און באַפלאַנצן פאַר זיך. זיי האָבן פריילעך געשפּאַנט און געזונגען אין וועג. מיט אַ וואָך פריִער האָט זאַקאַ־ריאַס אוועקגעפירט מאַיִס און פאַרינייאַ אין קראַם אויסצובײַטן אַף געטרו־קנטן פלייש, קאַניאַ און בעבלעך. געטראָפן האָט ער זיך מיט דעם קאָראָ־נעל און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט שמועסן. זאַקאַריאַס האָט אים דער־ציילט ווי עס האַלט מיט דעם קאַקאַאָ און דער קאָראָנעל האָט דערמאָנט, אַז עס פעלט נישט קיין סאַך צו די דרײַ יאָר. דערנאָך האָט דער קאָראָנעל אים פאַרבעטן אַף אַ טרונק אין דער גאַלערייע פונעם גרויסן הויז און האָט אים געפרעגט וואָס זיי רעכענען טאָן דערנאָך. זאַקאַריאַס האָט אים דערציילט וועגן זייער פּלאַן צו קויפן אַ שטיקל באָדן, אים אויסקאַרטשע־ווען און פאַרפלאַנצן. דעם קאָראָנעל איז עס נים נאָר געפעלן, ער האָט זיך נאָך אָנגעבאָטן זיי צו העלפן. צי זעט ער נים, אַז ער האָט אַ רײַכן וואַלד אײַנגעטיילט אַף אויסגעצייכנטע קאַקאַאָ־פלאַנטאַציעס? זיי קענען זיך אויסקלײַבן, אין דער פערגעדעסער געגנט, וואָס געהער צו אים, אַ שטיקל וואַלד. אויך פאַר אים איז עס בעסער, ער וועט זיי נישט דאַרפן געבן קיין מעזומען געלט. זאַקאַריאַס איז אַהיימגעקומען צו זיך אין שטיבל אַ צעשטראַלטער.

ווען דער טערמין איז אויסגעגאַנגען, זײַנען זיי געקומען צום קאָראָ־נעל, האָבן געמאַכט דעם כעשבן וויפל שטאַמען קאַקאַאָ עס זײַנען אויס־געוואַקסן און האָבן שוין געהאַט אויסגעקליבן אַ שטיק וואַלד צום קויפן. זיי זײַנען דורכגעקומען מיט דעם קאָראָנעל און האָבן אויסגעטרונקען עט־לעכע קאַניאַס. האָראַסיאָ האָט געזאָגט:

— איר קענט שוין אַרײַנגיין אין וואַלד, און די טעג וועל איך זײַן אין איליעוס און וועל אײַך צו וויסן געבן איר זאָלט אויך אַהין קומען און מ'עט אַלץ אײַנאָרדענען באַם נאָטאַריוס...

— מ'עט מאַכן אַ שריפט, — האָבן זיי געזאָגט, און דער קאָראָנעל האָט זיי געזאָגט זיי זאָלן גיין בעשאָלעם, אין אַ כוידעש אַרום, מער ווײַ־

ניקער, זאָלן זיי זיך אַראָפּכאַפּן קיין איליעוס. אַלע דריַי האָבן זיי געמאַכט קאָמפּלימענטן דעם קאַראַנעל, זיך געניַיגט פאַר אים און זיַינען אוועק. דעם צווייטן טאָג האָבן זיי גענומען אָפּרייניקן דעם וואַלד און שטעלן אַ הײַזקע. די צײַט איז זיך געגאַנגען, דער קאַראַנעל איז שוין אַ פּאָר מאָל געווען אין איליעוס, זיי האָבן שוין גענומען פלאַנצן און קיין שריפט איז נישטאָ. אַלטינאַ האָט זיך איין מאָל אָנגענומען מיט קוראַזש און האָט געזאָגט דעם קאַראַנעל:

— זאָל מיר וואָסמיסע אַנטשולדיקן, סעו קאַראַנעל, נאָר מיר וואָלטן וועלן וויסן ווען וועט זײַן די שריפט אויף דער ערד.

האָראַסיאָ האָט זיך פון אָנהייב באַליידיקט וואָס מען געטרויט אים נישט. נאָר אויף אַלטינאַס אַנטשולדיקן זיך, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט שוין פאַראָרדנט דעם דאָקטאָר רוי, זײַן אַדוואָקאַט, ער זאָל זיך נעמען צו דער זאַך. עס וועט לאַנג נישט דויערן; די טעג וועט מען אײַך רופן קיין איליעוס און מען וועט דעם איניען דערלײדיקן. נאָר די צײַט איז אוועק, פון דער ערד האָבן שוין גענומען שפּראָצן שטענגלעך קאַקאַאָ, נאָך טרוקענע צווייגלעך, וואָס וועלן איינגיכן ווערן ביימער, מיט זייערע הענט געפלאַנצט, אויף ערד וואָס זיי אַליין האָבן אָפּגערייניקט. זיי וועלן אויסוואַקסן און אַרויסגעבן פּרוכטן, געלע ווי גאָלד. געלט. זיי האָבן שוין אַפילו פאַרגעסן אויף דער שריפט. דער נעגער אַלטינאַ נאָר פלעגט זיך אַמאָל פאַרטראַכטן. ער קען דעם קאַראַנעל האָראַסיאָ און האָט באַקומען אַ כשאַד. דאָך האָבן זיי געשטוינט ווען זיי האָבן זיך איין מאָל דערוווּסט, אַז דאָס גוט בייזשאַ־פלאָר איז פאַרקויפט געוואָרן דעם קאַראַנעל ראַמיראָ און דערין זייער פעלד. זיי זײַנען אוועק איבעררײדן מיט דעם קאַראַנעל האָראַסיאָ. אָרלאַנדאָ איז פאַרבליבן; געגאַנגען זײַנען די אַנדערע צוויי. זיי האָבן דעם קאַראַנעל נישט געטראָפן; געווען איז ער אין טאַבאַקאַס. דעם צווייטן טאָג זײַנען זיי ווידער געגאַנגען; דער קאַראַנעל איז געווען אין פּעראַדאַס. אָרלאַנדאָ האָט באַשלאָסן אַליין צופאָרן. פאַר אים איז די ערד אַלץ; ער וויל זי נישט אָנווערן. מען האָט אים געזאָגט, אַז דער קאַראַנעל איז אין איליעוס. נאָר ער איז אַרײַנגעגאַנגען אינעם גרויסן הויז און האָט געטראָפן דעם קאַראַנעל אינעם עסצימער באַם מיטאָג. האָראַסיאָ האָט אַ קוק־געטאָן אויפן פויער און מיט אַ טרוקענעם קאָל אים געזאָגט:

— ווילסט עסן, אָרלאַנדאָ? אויב דו ווילסט, זעץ דיך צום טיש...

— ניין סיניאָ', אַ דאַנק.

— וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער? עפּעס ניַיס?

— גאָרניט קיין שיינע ניַיס, סיניאָ'. דער קאָראָנעל ראַמיראָ איז געקומען אַפן פעלד און זאָגט אַז ס'איז זיַינס, ער האָט עס געקויפט באַם סיניאָ' קאָראָנעל.

— אויב דער קאָראָנעל ראַמיראָ זאָגט, מוז עס זיַין עמעס. ער וועט קיין ליגן נישט זאָגן...

אָרלאַנדאָ איז שטיין געבליבן און האָט געקוקט אַפן קאָראָנעל ווי ער נעמט זיך ווידער עסן. געקוקט האָט ער אַף דעם קאָראָנעלס מאַזאָליעדיקע הענט, אַף זיַין פאַרשלאָפסענעם פּאָנעם, און צום לעצט געזאָגט:

— וואָסמיסע האָט פאַרקויפט?

— דאָס איז מיַין זאַך...

— און וואָסמיסע געדענקט גאָרנישט, אַז איר האָט אונדז פאַרקויפט דאָס שטיק לאַנד? פאַרן געלט פונעם קאָנטראַקט אַפן קאַקאַאָ?

— איר האָט די שריפט? — און האָראַסיאָ האָט ווידער גענומען עסן.

אָרלאַנדאָ האָט גענומען דרייען דעם גרויסן שטרויענעם הוט אין דער האַנט. ער האָט באַגריפן דעם גאַנצן אומגליק וואָס איז אים געשען, אים און זיַינע שותפים. ער האָט אויך געוווּסט, אַז געזעצלעך קענען זיי קעגן דעם קאָראָנעל נישט קעמפן. ער האָט געוווּסט, אַז זיי האָבן שוין נישט קיין ערד, קיין פאַרפלאַנצט פעלד; זיי האָבן שוין גאָרנישט. אַ בלוטיקער נעפל האָט זיַין בליק פאַרשטעלט. ער האָט שוין זיַינע ווערטער נישט געוווּיגן:

— אַ קליינער אומגליק איז אַ נאַרישקייט, קאָראָנעל; וואָסמיסע איז געוואָרנט, אַז דעם טאָג ווען קאָראָנעל ראַמיראָ וועט אַרויף אַפן פעלד, באַצאָלט וואָסמיסע פאַר אַליץ... באַטראַכט איַיך גוט.

ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער מיטן עלנבויגן פון זיך אָפּגעשטופּט די נעגערטע פעליסיאַ, וואָס האָט באַדינט דעם קאָראָנעל און איז אַרויס. האָראַסיאָ האָט וויַיטער געגעסן גלײַך עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט.

באַנאַכט איז האָראַסיאָ מיט זיַינע שלעגער אַרויף אַפן פעלד פון די דריַי באַווײַירים און האָט אַרומגערינגלט די היַיזקע. מען זאָגט, אַז ער אַליין האָט די מענטשן אויסגעהאַרגעט, און אַז דערנאָך האָט ער מיט דעם מעסער וואָס ער שיילט פּרוכט, אויסגעשניטן באַ אָרלאַנדאָן די צונג,

אָפּגעשניטן די אויערן און די נאָז, אים אראָפּגעריסן די הויזן און קאַס־טרירט. ווען ער איז צוריקגעקומען מיט זײַנע מענטשן, און איינער פון זיי, וואָס פּאָליציי האָט אים פאַרנומען אַ שיקערן, האָט אים אויסגעגעבן, האָט ער קוים אַ שמייכל געטאָן. מען האָט אים נישט אָנגעקלאָגט.

זײַנע קאַפּאַנגאַס זאָגן, אַז ער איז דער עמעסער זאַכער, אַז פאַר אַזאַ מענטשן איז קעדײַ צו אַרבעטן. ער דערלאָזט ניט אַז זײַנער אַ קאַ־פּאַנגאַ זאָל לאַנג זיצן אין טפּיסע. איינמאָל איז ער ספּעציעל געפאָרן קיין פּעראַדאַס אַרויסנעמען איינעם אַ זײַניקן. ווי נאָר יענער איז אַרויסגעקו־מען פון הינטער די גראַטעס, האָט ער דעם שרײַבער אין די אויגן צעריסן דעם פּראָטאָקאָל.

אַ סאַך מײַסעס דערציילט מען וועגן דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ. ער איז געוואָרן שעף פון דער קעגנערישער פּאַרטיי, און קעדיי דעם אמט צו געווינען, זאָגט מען, האָט ער געשיקט זײַנע קאַפּאַנגאַס אָפּוואַרטן אינעם לויער דעם פריערדיקן שעף, אַ טאַבאַקעסער סויכער, אים צו ליקווידירן. דערנאָך האָט ער אַרויפגעוואָרפן די שולד אַף זײַנע פּאָליטישע קעגנער. איצט איז דער קאָראָנעל אומבאַשריטענער שעף פון דער געגנט, דער גרעסטער פון די דאָרטיקע ערדבאַזיצער, און ער רעכנט אויסצושפּרייטן זײַן באַזיץ אַף ווײַטע שטרעקעס. וואָס גייען אים אָן די מײַסעס וואָס מען דערציילט וועגן אים? מענטשן, גוטבאַזיצער, אַרבעטער, קאָנטראַקטיסטן און באַאַרבעטער פון קליינע פעלדער האָבן דערעכערעץ פאַר אים. נישט איבערצוציילן זײַנען טויף־טעכטער.

אין דעם פרימאָרגן שפּאַנט ער אום צווישן די נײַע קאַקאַאָטאָלן, וואָס גיבן אַרויס זייערע ערשטע פרוכט. ער וויקלט אַ ציגאַרעט מיט זײַנע גרויסע מאָזאָליעדיקע הענט. ער פּיפּקעט געלאַסן און טראַכט נישט פון גאָרנישט, ניט פון די מײַסעס וואָס מען דערציילט און אויך ניט פון דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ, דעם נײַעם אַדוואָקאַט, וואָס די פּאַרטיי האָט צוגע־שיקט פון באַהיאַ אַרבעטן אין טאַבאַקאַס; ער טראַכט אַפילע נישט וועגן עסטערן, זײַן פרוי, וואָס איז יונג און שיין, אַ דערצויגענע בײַ די באַ־היער מאָנאַשקעס, די טאָכטער פונעם אַלטן סאַלוסטיאַנאָ, אַן איליעוסער קרעמער, וואָס האָט זי מיט גרויס פאַרגעניגן אָפּגעגעבן דעם קאָראָנעל פאַר אַ ווײַב. זי איז בײַ אים די צווייטע; די ערשטע איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען אַ פיך־טרײַבער. זי איז טרויעריק און שיין, איידל און

אויסגעבלייכט, און איז דאָס איינציקע וואָס מאַכט דעם קאָראַנעל שמייבלען גאָר אַנדערש. אין דעם מאָמענט טראַכט ער אַפילע ניט פון עסטערן. ער טראַכט פון גאָרנישט, ער זעט נאָר די קאַקאַאָ־פרוכטן נאָך גרינע און קליינינקע, די ערשטע פרוכטן פון דעם פעלד. ער נעמט איינע אין דער האַנט און גלעט זי צאַרט און טײַוועדיק. צאַרט און טײַוועדיק ווי ער גלעט עסטערס יונגע לײַב מיט ליבע. מיט אָן אַ שיר ליבע.

# IV

עסטער גייט צו צו דער פּיאַנאָ, אַ ראָיאַל, אין אַ ווינקל פונעם גרויסן זאַל. זי ליגט אַוועק די הענט אַף די קלאַווישן, די פינגער נעמען מעכאַניש אויסשפּילן אַ מעלאָדיע. אַן אַלטן וואַלס, וואָס דערמאָנט איר די שול־יאָנטויווים. זי דערמאָנט זיך אָן לוציען. ווו איז זי איצט? שוין לאַנג ווי זי שרײַבט איר ניט, ווי זי באַקומט ניט פון איר אירע ווילדע און אינטערעסאַנטע בריוו. נאָר שולדיק דערין איז זי אַליין. זי האָט נישט געענטפערט אַף לוציעס צוויי לעצטע בריוו... זי האָט איר אַפילע נישט געדאַנקט פאַר די פראַנצויזישע רעווים און מאָדע־זשורנאַלן, וואָס זי האָט איר צוגעשיקט... דאָ ליגן זיי נאָך אַף דער פּיאַנאָ אינאיינעם מיט די אַלטע פאַרגעסענע פּאַרטיטורן. עסטער גיט אַ טרויעריקן לאַך, זי רײַסט אַרויס נאָך איין אַקאָרד פון דער פּיאַנאָ. צו וואָס טויגן איר די מאָדע־זשורנאַלן אין דעם עק וועלט, אין דעם קויט. אַף די יאָנטויווים פון סאַן זשאָרזשע אין טאַבאָקאָס, אין איליעוס, איז די מאָדע אַף יאָרן הינטערשטעליק און זי וואָלט זיך דאָ נישט געקענט באַווײַזן אין די קליידער וואָס איר כאַוועריטאָרן טראָגט אין פּאַריז... אַך! ווען לוציאַ זאָל זיך כאָטש קענען פאָרשטעלן וואָס די „פּאַזענדאַ” איז, דאָס פּאַרוואָרפענע הויז צווישן קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציעס, צווישן שיפּענדיקע שלאַנגען וואָס עסן זשאַבעס! און דאָס וואַלדלאַנד... אָט דער פלאָנטער פון שטאַמען און גראָזן, הייבט זיך אָן כאָמע הינטער דער שטוב. עסטער האָט מוירע דערפאַר ווי פאַר אַ סוינע. זי וועט זיך צו דעם קיינמאָל ניט צוגעוווינען, איז זי זיכער! און זי איז פאַרצווייפלט, זי ווייס אַז דאָ וועט זי איר גאַנץ לעבן אָפּלעבן, אין דער פּאַזענדאַ, אין דער מאָדנער וועלט וואָס וואַרפט אַף איר אָן אַן איימע.

געבוירן געוואָרן איז זי אין באַהיאַ, בײַ דער מוטערס עלטערן אין

שטוב. די מוטער איז אַהין געפֿאָרן אַף קימפּעט און איז פון דער קימפּעט געשטאָרבן. דער פֿאָטער האָט אַ קראַם אין איליעוס. ער האָט זי ערשט גע־האַט געעפנט און עסטער איז געבליבן בא דער באָבען מיט דעם זיידן. זיי האָבן איר אַלץ נאָכגעגעבן, האָבן זי געפּיעשטשעט און האָבן געלעבט נאָר פון אירעטוועגן. דעם פֿאָטער איז געגאַנגען גוט אין דער שפּײַז־קראָם מיט געטראַנקען, און ווען ניט ווען פלעגט ער זיך ווײַזן. צוויי מאָל אין יאָר פלעגט ער קומען, צוליב געשעפט, אין דער הויפּטשטאָט. עסטער האָט געלערנט אין דער בעסטער מיידל־שול פון באַהיִאַ, פון מאָנאַשקעס אָנגע־פירט, צום אָנהייב אַלס דרויסנדיקע און דערנאָך אַלס פּאַנסיאָנערקע, ווען דער זיידע מיט דער באָבען זײַנען געשטאָרבן אין איר לעצטן שול־יאָר. געשטאָרבן זײַנען זיי ביידע אין איין כוידעש; עסטער האָט געטראָגן טרויער־קליידער, נאָר זי האָט זיך נישט געפילט עלנט, זי האָט געהאַט אירע כאַווערטאָרנס. אין שול האָט זי געהאַט שיינע כאַלוימעס, זי האָט געלייענט פּראָוואַנציוויזישע ראָמאַנען, געשיכטעס פון פּרינצעסנס, פון אַ שיין לעבן. אַלע האָבן זיי געהאַט צוקונפטס־פּלענער, נאַיִווע און אַמביציעזע: רײַכע שידוכים און ליבע, עלעגאַנטע קליידער, רײַזעס, ריאָ דע זשאַניירא און איי־ראָפּע. אַלע, אַבוץ זשעניין, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ מאָנאַשקע און האָט דעם גאַנצן טאָג געדאַוונט. עסטער און לוציאַ, וואָס זיי האָט מען געהאַלטן פאַר די עלעגאַנטסטע און שענסטע מיידלעך אין דער שול, האָבן געבאָ־לעמט אַף דער וואָר. זיי פלעגן שמועסן אין הויף בעיים די האָפּסאָקעס און אין דער שטילקייט פונעם שלאָפצימער.

עסטער לאָזט אָפּ די פּיאַנאָ; דער לעצטער אַקאָרד שטאַרבט אָפּ איי־נעם וואַלד. אַך, גליקלעכע שול־יאָרן! עסטער דערמאָנט זיך אַ פראַזע פון סאָר אַנזשעליקאַ, די סימפּאַטישסטע פון אַלע מאָנאַשקעס, ווען זיי פלעגן זיך ווינטשן די שול־יאָרן זאָלן אַריבער וואָס גיכער און דער מאָמענט זאָל קומען ווען זיי וועלן אָנהייבן פירן אַן אַקטיוו לעבן. סאָר אַנזשעליקאַ האָט איר דערמאָלט אַרויפגעלייגט אירע איידעלע הענט אַף די שמאָלע אַקסלען און האָט איר געזאָגט:

— די בעסטע צײַט, עסטער, איז דערמאָלט ווען מען קען כאָלעמען.

דערמאָלט האָט זי עס נישט פאַרשטאַנען. עס האָבן געמוזט אַוועק יאָרן ביז די פראַזע איז איר ווידער אַפּן געדאַנק געקומען און זי דער־מאָנט זי איצט יעדן טאָג. אַך! גליקלעכע שול־יאָרן... עסטער גייט צום

האַמאַק, וואָס וואַרט אַף איר אין דער גאַלעריע. פון דאָרטן זעט מען דעם שאָסיי, ווו עס גייט אַמאָל אַן אַרבעטער פאַרבײַ קיין טאַבאָקאַס אָדער פעראַדאַס. זי זעט אויך די „באַרקאַסן״ ווו דער קאַקאַאָ טריקנט זיך אַף דער זון, אַ געטראָטענער פון שוואַרצע אַרבעטער־פיס. ווען זי האָט פאַרענדיקט די שול, איז זי געקומען קיין איליעוס; זי איז אפילע נישט געווען אַף לוציעס כאַסענע מיט דעם דאָקטער אַלפרעדאָ, דעם זייער באַרימטן דאָקטער. דערנאָך האָט איר כאַוועָרטאָרן געריַיזט. ריאָ דע זשאַניירא און אייראָפּע, ווו איר מאַן האָט זיך ספּעציאַליזירט אין באַרימטע שפּיטעלער. לוציאַ האָט אירע כאַלוימעס פאַרווירקלעכט: טײַערע קליידער, פאַרפומען, טענץ מיט גרויסע אָרקעסטערס. עסטער טראַכט ווי פאַרשיידן עס איז זייער גורל. געקומען איז זי קיין איליעוס אין אַן אַנדער וועלט. אַ שטאָט וואָס הייבט ערשט אָן וואַקסן, מיט אַוואַנטורִיסטן און פויערים, ווו מען הערט נאָר ריידן פון קאַקאַאָ און מאָרד.

דער פאָטער ווינט אין אַן ערשטן שטאָק, איבער דער קראָם; פון איר פענצטער זעט עסטער די איינטאָניקע לאַנדשאַפט. פון יעדער זײַט שטאָט אַ באַרג. זי זעט ניט קיין שיינקייט אינעם טײַך און ניט אינעם יאַם. שיינקייט זעט זי אין לוציעס לעבן, אין די פּאַריזער טאַנץ־אָוונטן. אַפילע ניט אין די טעג ווען שיפן קומען אָן און ס׳לעבט אויף די גאַנצע שטאָט, ווען עס קומען אָן צײַטונגען פון דער הויפּטשטאָט, ווען די שענקלעך ווערן פול מיט מענטשן און מען שמועסט איבער פּאָליטיק. אַפילע אין אָט די קימאַט יאָנטעוודיקע טעג איז עסטער נישט פרײַ פון טרויער. מענער באַוואונדערן זי, קאָרטעזשירן זי פון ווײַטנס. וואַקאַציע־צײַט האָט איר אַ מעדיצין־סטודענט געשריבן אַ בריוו, געשיקט לידער. נאָר עסטערן איז ווייניק די צײַט אַף באַווײַנען און באַדויערן דעם טויט פון איר זיידן מיט דער באָבען, וואָס צווינגט איר לעבן אין דער פאַרשיקעניש. די נײַסן וועגן געשלעגן און מאָרד האָבן זי אײַנגעשראָקן און אין אַנגסט אַרײַנגעוואָרפן. דערנאָך האָט זי זיך געלאָזט באַזיגן פון דעם דאָזיקן לעבן און עס קימערט איר שוין נישט די עלעגאַנץ, וואָס האָט אַזאַ פוראָר געמאַכט (און אַ געוויסן סקאַנדאַל אַרויסגערופן פון אָנהייב). און ווען איר פאָטער האָט איר, אַ פריילעכער, צו ווִיסן געגעבן, אַז דער קאָראָנעל האָראַסיאָ, איינער פון די רײַכסטע מענער אין דער געגנט, בעט איר האַנט, האָט זי זיך באַגנוגנט מיט וויינען.

איצט איז באַ איר אַ יאָנטעוו ווען זי פאָרט קיין איליעוס. דער כּאַלעם וועגן די גרויסע שטעט, וועגן איירָאָפּע, וועגן קעניגלעכע טענץ און פּאַרי־זער קליידער, איז געבליבן דערונטער. אַלץ זעט אויס אַזוי ווײַט, פאַרלוירן אין דער צײַט, אין יענער צײַט „ווען מען האָט געקענט כאַלעמען". ניט קיין יאָרן זײַנען פאַרבײַ, נאָר אַ גאַנץ לעבן, דאַכט זיך איר, איז אַריבער אַזוי שנעל ווי אַ האַלוצינאַציע. איר בעסטער כאַלעם איז איצט צופאָרן קיין איליעוס, בײַזײַן אַ קירכן־יאָנטעוו, אַ פּראָצעסיע, אַ קערמעסע מיט פאָנדן.

זי וויגט זיך לײַכט אינעם האַמאַק. פאַר אירע אויגן, ווי ווײַט עס גרייכט איר בליק, אַרויף און אַראָפּ די בערג, פּלאַנטאַציעס באַלאָדענע מיט קאַקאַאָ־פּרוכטן. אַפן הייפל ראַיען זיך הינער און אינדיקעס. נעגערס אַרבעטן אַף די „באַרקאַסן", שאַרן איבער דעם וווייכן קאַקאַאָ. די זון קומט אַרויס פון צווישן דער כמאַרע און באַהעלט די לאַנדשאַפט. עסטער דער־מאָנט זיך איר כאַסענע. דעם טאָג ווען זי האָט כאַסענע געהאַט, איז זי געקומען אַף דער פאַזענדאַ. עסטער שווידערט אויף אינעם האַמאַק ווען זי דערמאָנט זיך דערין. געווען איז עס די גרויליקסטע איבערלעבעניש. זי דערמאָנט זיך פון נאָך פריִער, ווען מען האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זיי זײַנען כאָסן־קאַלע. די שטאָט האָט זיך געסוידעט און גערעדט. איינע אַ פרוי, וואָס איז נאָך קיינמאָל באַ איר אין שטוב ניט געווען, איז צו איר געקור־מען און האָט איר גענומען דערציילן געשיכטעס. פריִער האָבן פרומע ווײַבער, קלויסטער־באַקאַנטע, איר דערציילט לעגענדעס וועגן דעם קאָראָ־נעל, נאָר יענע האָט איר צוגעבראַכט אַ מער קאָנקרעטע, אַ מער שרעק־לעכע יעדיִע. האָראַסיאָ האָט זײַן ערשט ווײַב אַף טויט פאַרשמיסן ווען ער האָט זי געטראָפן מיט אַ צווייטן אין בעט. ער האָט נאָך דעמאָלט געטריבן אייזלען איבער די פריש דורכגעהאַקטע שטעגן אין וואַלד. די מײַסע איז אַרויסגעקומען ערשט שפּעטער, ווען ער איז רײַך געוואָרן, מען האָט עס דערציילט אַף איליעוסער גאַסן, אַף די וועגן פונעם קאַקאַאָ־לאַנד. מעגלעך אַז ווײַל די שטאָט האָט גערעדט דערפון אין דער שטיל, האָט עסטער, מיט אַ געוויסן שטאָלץ און צעלאָכעס, זיך געלאָזט ריידן דעם שידעך. געשלאָסן געוואָרן איז דער שידעך נאָך לאַנגע שוויַיגענישן אין די זונטיקן, ווען ער פלעגט אַראָפּקומען אין שטאָט עסן באַ זיי נאַכטמאָל. געווען זײַנען זיי כאָסן־קאַלע אָן קושן, אָן מילדן געצערטל, אָן ראָמאַן־ווערטער, אַזוי אַנ־

דערש ווי עסטער האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט אין דער שטילקייט פון דער מיידל־שול.

זי האָט געוואָלט א פּאָשעטע כאַסענע, כאָטש האָראַסיאָ האָט זיך פאַרמאָסטן אַף גרויס: א באַנקעט מיט טענץ, פייערווערק און א געזונגענע מעסע. נאָר אַלץ איז געווען זייער אינטים, אין שטוב דורכגעפירט ביידע כאַסענעס: דעם גאַלעכס און דעם ריכטערס. דער גאַלעך האָט געהאַלטן א דראָשע, דער ריכטער האָט געוווּנטשן גליק מיט זיין מידן פּאָנעם פון א שיקער, דאָקטאָר רוי האָט געהאַלטן א פיינע רעדע. זיי האָבן כאַסענע געהאַט פאָרמיטאָג און פאַרנאַכט זיינען זיי, אַף אייזלען רייטנדיק, איבער זומפּן, געקומען אין גרויסן הויז פון דער „פאַזענדאַ”. די אַרבעטער זיינען זיך צונויפגעקומען פאַרן הויף און האָבן זייערע ביקסן אויסגעשאָסן ווען די אייזלען זיינען צוגעקומען. זיי האָבן געווּנטשן דעם פּאָרפּאָלק א גליקלעכן אָנקום. נאָר עסטער האָט פון דער שיסערייַ אין דער נאַכט באַקומען א דריקעניש אפן האַרץ. האָראַסיאָ האָט באַפוילן טיילן „קאַניאַ” די מענטשן, נאָר אין א פּאָר מינוט אַרום האָט ער זי שוין איבערגעלאָזט אַליין און איז נעגאַנגען געוואָר ווערן ווי עס האַלט מיט זיינע פּלאַנטאַציעס, צוליבן רעגן זיינען געגאַנגען אין שאָדן די מעסטלעך קאַקאַאָ וואָס האָבן זיך געטריקנט אַף דער זון. ערשט ווען ער איז צוריקגעקומען, האָבן די נעגערטעס אָנגעצונדן די נאַפט־לאָמפּן. עסטער האָט זיך געשראָקן פאַרן קוואַקען פון די זשאַבעס. האָראַסיאָ האָט קימאַט נישט גערעדט, ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט די צייט זאָל דורכגיין. ווען נאָך איין זשאַבע האָט זיך צעקוואַקעט אינעם טייכל, האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס איז עס?

ער האָט איר גלייכגילטיק געענטפערט:

— א זשאַבע באַ א שלאַנג אין מויל.

דערנאָך האָבן די נעגערטעס דערלאַנגט צום טיש און האָבן אומצוטרוילעך געקוקט אַף עסטערן. און מיטאַמאָל, ווי נאָר מען האָט פאַרענדיקט עסן — דאָס אומגעריכטע אַראָפּרייסן פון איר דאָס קלייד און דער ברוטאַלער באַזיץ פון איר לייב.

זי האָט זיך צו אַלץ צוגעוויינט; איצט פאַרהאַלט זי זיך גוט מיט די נעגערטעס. פעליסיען שעצט זי אַפילע; זי איז אַן איידעלע מולאַטקע. זי האָט זיך צוגעוווינט אויך צום מאַן מיט זיין שווערן שווייגן, מיט זיין

סענסועלן אימפּעט, מיט זײַן געבייזער, וואָס וואַרפט אָן אַ פּאַכעד אַף זײַנע ווילדסטע קאַפּאַנגאַס; זי האָט זיך צוגעוווינט צו דער באַנאַכטיקער שײַ־סערײַ אַף די וועגן, מיט האַרוגים וואָס מען שלעפּט אָפּט אין נעצן און עס גייען נאָך ווײַבער און וויינען; זי האָט זיך נאָר ניט צוגעוווינט צום וואַלדלאַנד וואָס הינטער דער שטוב, ווו זשאַבעס אין די טײַכלעך שרײַען באַנאַכט פּאַרצווייפלטע אינעם מערדערישן שלונד פון אַ שלאַנג. סאַף דעם צענטן כוידעש איז געבוירן געוואָרן אַ זון. איצט איז ער אָנדערהאַלטן יאָר אַלט, און עסטערן באַפּאַלט אַ גרויל ווען זי זעט האָראַסיאָן אַ ווידער־געבוירענעם אינעם זון. אינגאַנצן ער. עסטער טראַכט זיך, אַז זי איז דער־רין שולדיק, וואָרעם זי האָט קיין אָנטייל נישט גענומען אין דער פּאַר־בינדונג פון דעם נעפעש, זי האָט זיך אים קיינמאָל נישט איבערגעגעבן. ער האָט זי שטענדיק גענומען ווי אַ זאַך, ווי אַ בעהיימע. דאָך האָט זי ליב איר זון, זי האָט אים ליב און לײַדט פּאַר אים. זי האָט זיך צוגעוווינט צו אַלץ, זי כאַלעמט שוין נישט מער. זי האָט זיך נאָר נישט צוגעוווינט צום וואַלדלאַנד און צו דער נאַכט אינעם וואַלדלאַנד.

אין שטורעם־נעכט איז עס שרעקלעך: בליצן באַלײַכטן הויכע שטאַ־מען, וואַרפן אײַן ביימער, דונערן כראַפּען. אין אַזוינע נעכט קאָרטשעט זיך עסטער פּאַר שרעק און וויינט אַף איר גוירל. דאָס זײַנען נעכט פון אַנגסט, פון מוירע וואָס לאָזט זיך ניט אײַנשטילן, וואָס מען קען זי מיט די הענט אָנטאַפּן. זי הייבט זיך אָן מיט דעם פײַנלעכן צווישן טאָג און נאַכט. אַך, אָט די דעמערונג אין וואַלד וואָס זאָגט אָן דעם שטורעם!... ווען עס פּאַלט צו דער אָוונט אַ שוואַרץ פּאַרכמאַרעטער, זײַנען די שאָטנס באַשטימטער אומגליק, נישטאָ אַזאַ נאַפּט־שײַן וואָס זאָל זיי פּאַרטרײַבן, וואָס זאָל זיי נישט לאָזן צונויפגיסן די שטוב מיט די פּלאַנטאַציעס און מיט דעם וואַלד אין איין שטיק נאַכט. די ביימער וואַקסן אוים ריזיק־הויך, זיי וואַקסן אַף דעם געהיימען מיסט פון די שאָטנס; די קוילעס ווערן שאַרף ביז וויטיק, עס פּישטשען אומבאַקאַנטע פייגל, עס רעווען בייזע כאַיעס, וואָס עסטער וויים קיינמאָל נישט ווו זיי זײַנען. און דאָס שיפּען פון די שלאַנגען און דאָס שאָרכען פון די טרוקענע בלעטער ווו זיי קריכן... עסטער האָט דעם אײַנדרוק אַז די שלענג וועלן אַמאָל אַרויף אַף דער גאַלערייע, וועלן אַרײַן אין שטוב און אין איינער אַזאַ שטורעם־נאַכט איר צום האַלדז צוקומען און צום האַלדז פון איר קינד און זיי אַרומוויקלען ווי אַ האַלדזבאַנד. זי

אליין קען איר אנגסט ניט אויסמאלן און אין די מינוטן וואס ציען זיך צווישן טאג און נאכט, ווען עס ברעכט אויס דער שטורעם און די נאטור רייסט זיך אלץ צו צעשטערן, זוכט זי אן ארט ווו דער לאמפ ברענט העלער. נאר דעמאלט שרעקן איר די שאטנס וואס פאלן פונעם לאמפ, רעגן איר פאנטאזיע און זי גלייבט אין די איבערגלויבנס וואס די קאפאנגאס דערציילן. פאראן א זאך וואס שווימט איר שטענדיק ארויף אין זיקארן אין אזוינע נעכט. דער באבעס וויגלידער פון איר וויטער קינדהייט. עסטער זינגט זיי שטיל באם קינדס בעטל און וויינט און גלייבט אין זייער קישעף. זי זינגט און דער זון קקוט אף איר מיט זיינע מאטע הארטע אויגן, האראסיאס אויגן, נאר זי זינגט אויך פאר זיך; אויך זי איז א דערשראקן קינד. זי זינגט און דער זון קוקט אף איר מיט זיינע מאטע הארטע אויגן, הארעבערן פאנעם און זי פארגעסט זיך אן דער פינצטעניש פון דער גאלערייע, אן די שרעקלעכע שאטנס פונעם פעלד, אן דעם אומגליק-ברענענדיקן געשריי פון די סאוועס אף דיביימער, דעם טרויער פון דער נאכט, די געהיימניש פונעם וואלד. וויטע געזאנגען זינגט זי, פאשעטע ניגונים קעגן בייזן קישעף, ווי עס וואלט נאך איבער איר געשוועבט איר באבעס שיצערישער שאטן, א צערטלעכער, א קלוג-הארציקער.

נאר פלוצעם א געשריי פון א זשאבע, א פארצוקטע פון א שלאנג אינעם טייכל; ער שניידט דורך דעם וואלד, די פלאנטאציעס, ער רייסט זיך אין שטוב אריין נאך שארפער ווי דער סאווע-געשריי און ווי דער געשארך פון די בלעטער, ווי דאס פייפן פון ווינט; ער שטארבט אפ אינעם זאל, א באלויכטענעם פונעם נאפט-לאמפ און גרוילט אף עסטערס לייב. זי הערט אויף זינגען, פארמאכט די אויגן און זעט, מיט די מינדסטע פראטים זעט זי, די שלאנג, א גלאנציק פעטע, אן עקלדיקע, שלייכט זיך, קרימט זיך איבער דער ערד, איבער די אראפגעפאלענע בלעטער; מיטאמאל גיט זי א שפרונג אף אן אומשולדיקער זשאבע. און דער געשריי פון פארצווייפלונג, פון געזעגענען זיך מיט דעם לעבן, צעוויגט דאס רויקע וואסער פונעם טייכל און פילט אן מיט מוירע, מיט גרויל און מיט ווייטיק די ארענע פון דער פכאדים-נאכט.

אין אזוינע נעכט זעט זי שלאנגען אין יעדן ווינקעלע פון דער שטוב, זיי שפארן פון די שפאלטן אינעם דיל, פונעם דאך, פון אונטער יעדער שוועל. מיט פארמאכטע אויגן זעט זי ווי יעדע איינע פון די שלאנגען

שלײַכט זיך פּאַמעלעכן ביז דעם פּאַטאַלן שפּרונג אַף די זשאַבעס. זי ציטערט באַם געדאַנק, אַז אַפן דאַך, קען זײַן, קריכט איינע אַזאַ שלאַנג און גאַנוועט זיך שטיל צו איר זשאַקאַראַנדאַ־בעט, קעדיי באַנאַכט עפּשער זיך אַרומצוּוויקלען אַרום איר האַלדז ווען זי וועט שלאָפן, אָדער אַרײַנקריכן אינעם קינדס וויגל און אַרום אים זיך אַרומוויקלען. וויפל נעכט איז זי נישט געשלאָפן, ווײַל איר איז פּלוצעם אַפן געדאַנק געקומען אַ שלאַנג וואָס לאָזט זיך אַרונטער איבער דער וואַנט. גענוג זי זאָל דערהערן אַ שאָרך פאַרן אײַנשלאָפן, זי זאָל ווערן הוילע שרעק. זי הייבט זיך אויף, רײַסט אַראָפּ די קאָלדרעס, וואַרפט זיך צום קינדס בעטל. ווען זי איבערצײַגט זיך אַז דאָס קינד שלאָפט, נעמט זי זוכן, מיט אַ לײַכטער אין דער האַנט, מיט צעשראָקענע אויגן איבערן צימער. האָראַסיאָ כאַפּט זיך אַמאָל אויף, וואָרטשעט אינעם בעט, נאָר עסטער הערט נים אויף זוכן. זי שלאָפט שוין נים, זי וואַרט מיט שרעק אַף דער שלאַנג. באַלד וועט זי זיך באַווײַזן, וועט נעמען קריכן איבערן בעט און עסטער וועט נים וויסן וואָס צו טאָן. איר דאַכט זיך שוין אַז דאָס קינד איז טויט, ליגט ווי אַ מאַלעך אָנגעטאָן, אין אַ בלויען קאַסטן, אַפן פּאָנעם די צייכנס פון די גיפטיקע ציין.

זי האָט איינמאָל געזען אין דער פינצטער אַ שטיקל שטריק און האָט אַזאַ געשריי געטאָן ווי די זשאַבע, און איר געשריי האָט דורכגעשניטן דאָס פעלד און דאָס טײַכל און איז אָפּגעשטאָרבן אינעם וואַלד.

עסטער געדענקט איינע אַ נאַכט. האָראַסיאָ איז געווען אין טאַבאַקאַס, זי איז געבליבן אַליין, מיט דעם קינד און מיט די דינסטן. זיי זײַנען געשלאָפן, ווען זי האָט דערהערט קלאַפּן אין טיר. פעליסיאַ איז געגאַנגען זען ווער עס קלאַפּט און איז אַרײַן מיט אַ געשריי. זי האָט זיך אָנגעטראָפן בא דער טיר מיט עטלעכע אַרבעטער. זיי האָבן געבראַכט צו טראָגן אַמאַראָן אַ געביסענעם פון אַ שלאַנג. עסטער האָט פון דער טיר געקוקט און האָט נישט געוואָלט נאָענט צוקומען. זי האָט געהערט די מענטשן בעטן מיטלען און איינער האָט הייזעריק אויפגעקלערט: „ס'איז געווען אַ סורוקוקו פײַערלעשערן, גיפטיק ווי זי אַליין". אַמאַראָן האָט מען מיט אַ שנור אַרומגעבונדן דעם פוס העכער דעם געביסענעם אָרט. פעליסיאַ האָט געבראַכט אַ גלייַקע קויל פון דער קיך; עסטער האָט געזען ווי מען האָט די קויל אַרויפגעלייגט אַפן ביס. דאָס געברענטע לײַב האָט אַ טשישע געטאָן; אַמאַראָ האָט אַ קרעכץ געטאָן, אַ מאָדנער רייעך האָט זיך צעטראָגן איבער

דער שטוב. איין אַרבעטער איז אַף אַ פערד אַוועקגעלאָפן קיין פּעראַדאַס ברענגען אַ סערום קעגן שלאַנגען־גיפט, נאָר דער גיפט האָט זייער שנעל געווירקט. אַמאַראָ איז געשטאָרבן אַן אַרומגערינגלטער פון עסטערן מיט די נעגערטעס און די אַרבעטער. דאָס פּאָנעם איז אים געווען גרין און די אויגן שרעקלעך אָפן. עסטער האָט זיך נישט געקענט אָפּרייַסן פונעם טויטן, און פון זייַן פאַרשטומטן מויל האָט זי געהערט פייַנלעכע געשרייען ווי פון די דערשטיקטע זשאַבעס אין די טייַכלעך. ווען האָראַסיאָ איז, אַרום האַלבער נאַכט, אַהיימגעקומען פון טאַבאָקאַס, און האָט באַוויזן אַוועקטראָגן דעם טויטן צו אַן אַרבעטער אין שטוב, האָט עסטער באַקומען אַן אָנפאַל פון געוויין און האָט געכליפּעט און געבעטן דעם מאַן זיי זאָלן אַוועק פון דאָרט, זיי זאָלן אַריבער וווינען אין שטאָט, וואָרעם דאָ וועט זי שטאַרבן. שלאַנגען וועלן קומען, אַ סאַך שלאַנגען, וועלן זי צעבייַסן, וועלן איר דאָס קינד אַוועקהאַרגענען, וועלן אים דערשטיקן מיט זייערע שליימיקע רינגען. זי האָט אָפן האַלדז געפילט די קילקייט פון דער שלאַנגס ווייכן גוף; אַ גרויל האָט זי אַרומגענומען און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. האָראַסיאָ האָט געלאַכט פון איר מוירע. און ווען ער איז געגאַנגען אויפזייַן די נאַכט באַם טויטן אַמאַראָ, האָט זי נישט געוואָלט בלייַבן אַליין אין שטוב און איז מיטגעגאַנגען.

די מענער אַרום דעם טויטן האָבן געטרונקען קאַניאַ און האָבן דערציילט מייַסעס. מייַסעס וועגן שלאַנגען. די מייַסע וועגן זשאָרזשע פון טאַראַנגאַ, וואָס איז געווען אַ שיקער און איין מאָל איז ער געגאַנגען אַהיים און האָט געפּלאָנטערט מיט די פיס. אין איין האַנט האָט ער געטראָגן דעם לאַמטערן און אין דער צווייטער אַ ליטער „פּאַראַטי”. ווי דער וועג פאַרקירעוועט זיך, איז די סורוקוקו באַפאַלן דעם לאַמטערן. פונעם קלאַפּ איז זשאָרזשע אומגעפאַלן. ווען ער האָט דערפילט דעם ערשטן ביס פון דער שלאַנג, האָט ער געעפנט די פלאַש און האָט זי אינגאַנצן אויסגעטרונקען. אָפן אַנדערן טאָג, ווען מענטשן זייַנען געגאַנגען צו דער אַרבעט אין פעלד, האָבן זיי געטראָפן זשאָזען שלאָפן און די סורוקוקו איז אויך געשלאָפן, אַן אַרומגעוויקלטע אַרום זייַן ברוסט. די שלאַנג האָט מען דערהאַרגעט. זשאָזע האָט געהאַט זיבעצן ביס, נאָר אים האָט גאָרניט געשאַדט, צוליב דער „קאַניאַ”. דער אַלקאָהאָל האָט אויפגעלייזט דעם גיפט; מער ניט,

זשאָזע איז פּופּצן טעג געלעגן אַ געשוואָלענער, דיק ווי אַ פערד; דערנאָך איז ער געזונט געוואָרן.

מען האָט אויך דערציילט פון מענטשן וואָס זײַנען „באַוואָרנט פון שלאַנגען". די שלאַנגען טוען זיי גאָרניט. נישט ווײַט פון דער „פאַזענדאַ" וווינט אַגאָסטינאָ, איז ער אַ „באַוואָרנטער"; די שלאַנג טוט אים קיין בייז ניט. אַף צו פלײַסן גיט ער איר די האַנט זי זאָל אים בײַסן.

זשאָאַנאַ, דעם פיך־טרײַבערס ווײַב, וואָס טרינקט ווי אַ מאַן, האָט דערציילט, אַז אין אַ „פאַזענדאַ" אַפן סטעפּ, ווו זי האָט געוווינט איידער זי איז געקומען אין די דאָרעמדיקע מעקוימעס, האָט פּאַסירט אָט די טרויעריקע מײַסע:

אַ שלאַנג איז אַרײַן אין אַ גרויס הויז ווען די באַלעבאַטים זײַנען אַוועק שפּאַצירן. זיי פלעגן שטענדיק קומען סאָף יאָר, און דאָס מאָל זײַנען זיי געקומען גליקלעכע, אַ קינד איז זיי געבוירן געוואָרן. נאָר אַ שלאַנג איז אַרײַן און האָט זיך געמאַכט אַ נעסט אינעם קינדס וויגל. ס'ערשטע קינד געווען באַ דעם פּאָרפּאָלק, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק באַסענע געהאַט. ס'קינד האָט געוויינט נאָך דער מוטערס ברוסט און אומשולדיקערהייט האָט עס אַרײַנגענומען אין מויל דער שלאַנגס עק. אַפן צווייטן טאָג האָט דאָס קינד נאָך געהאַלטן אין מויל דער זשאַראַקאַס עק, נאָר געזויגן האָט עס שוין ניט, וואָרום דער גיפט האָט שוין געמאַכט זײַן ווירקונג. די פרוי האָט זיך געלאָזט לויפן איבער די פעלדער מיט די גאָלדענע האָר אַפן ווינט צעלאָזט; מיט אירע נאַקעטע ווײַסע פיס, וואָס זשאָאַנאַ האָט נאָך אַזעלכע נישט געזען, האָט זי געטראָטן די דערנער און איז שוין, ווי מען זאָגט, מער צום זינען נישט געקומען, זי איז פאַרבליבן אַ מיִעסע, אַ צו־געשלאָגענע. פריִער האָט זי געהאַט אַ פּאָנעם פון אַן אויסלענדישער ליאַלקע, דערנאָך איז זי געוואָרן מיִעסער פון אַ מעכאַשייפע. דאָס גרויסע הויז איז געבליבן אַף שטענדיק געשלאָסן, די באַלעבאַטים זײַנען שוין מער אַהין נישט געקומען. די גאַלערייעס זײַנען מיט מאָך פאַרוואַקסן, אין קיך האָט זיך דאָס גראָז אַרײַנגעריסן און נאָך הײַנט, ווער עס גייט פאַר־בײַ, הערט ער שיפן די שלאַנגען, וואָס האָבן דאָרט זייער נעסט. ווען זשאָאַנאַ האָט פאַרענדיקט די געשיכטע, האָט זי גענומען אַ שלוק קאַניאַ און האָט אויסגעשפּיגן. זי האָט געזוכט מיט די אויגן עסטערן, נאָר עסטער

איז שוין נישט געווען, זי איז אַהיימגעלאָפן צום קינד, ווי זי וואָלט אויך גאַנץ געווען צו מעשוגאַס.

איצט, ווען די זון שפּילט זיך אַף דער גאַלעריע, דערמאָנט זיך עס־טער אַן יענער נאַכט און אַן נאָך אַזוינע פּכאַדים־נעכט. פון פּאַריז שרײַבט איר לוציאַ בריוו, וואָס גייען העכער דרײַ כאַדאָשים ביז זיי קומען, און דערציילן פון אַן אַנדער לעבן, פון אַנדערע מענטשן, פון ציוויליזאַציע און יאָנטויווים. די נעכט דאָ, זײַנען נעכט פון ווילדערניש, שטורעם און שלאַנגען. נעכט פון וויינען אַפן ביטערן גוירל. פּאַרנאַכטן וואָס דריקן דאָס האַרץ און רייבן אָפּ יעדע האָפענונג. האָפענונג אַף וואָס? אין איר לעבן איז אַלץ אַזוי באַשטימט...

זי וויינט נאָך אין אַנדערע נעכט. זי וויינט ווען זי זעט האָראַסיאָן אַרויסגיין מיט זײַנע מענטשן אַף עפּעס אַן עקספּעדיציע. זי ווייס אַז די נאַכט וועט זײַן אַ שיסערײַ, אַז עטלעכע מענטשן וועלן פאַלן טויט פאַר אַ שטיקל ערד, אַז האָראַסיאָס „פאַזענדאַ" וואָס איז אויך אירע, וועט גרע־סער ווערן מיט נאָך אַ שטיק וואַלדלאַנד. פון פּאַריז שרײַבט לוציאַ; זי דערציילט פון טענץ אין דער אַמבאַסאַדע, פון אָפּערע און קאָנצערטן. אי־נעם גרויסן הויז פון דער „פאַזענדאַ" וואַרט דער ראַיאַל אַפן אָנשטימער און קען זיך אַף אים נישט דערוואַרטן.

נעכט ווען האָראַסיאָ מיט זײַנע מענטשן זײַנען אַף באַוואָפנטע עקס־פּעדיציעס! איין מאָל, ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז איר אַרײַן אַ געדאַנק אַז ער איז שוין טויט, ווען ער שטאַרבט... וואָלטן די „פאַזענדאַס" געווען אינגאַנצן אירע, זי וואָלט זי איבערגעגעבן דעם פאָטער צום פאַר־וואַלטן און וואָלט אַוועק... זי וואָלט געפאָרן צו לוציען... נאָר דער כאָלעם איז געווען אַ קורצער. פאַר עסטערן איז האָראַסיאָ אומשטאַרביק, ער איז דער האַר, דער באַלעבאָס, דער קאָראָנעל... זי איז זיכער, אַז זי וועט שטאַרבן פאַר אים... ער באַזיצט די ערד, דאָס געלט און די מענטשן. ער איז אַן אײַזערנער, ער ווערט קיינמאָל נישט קראַנק, די קוילן, דאַכט זיך, נעמען אים ניט און האָבן מוירע פאַר אים... דערפאַר האָט זי זיך נישט פאַרוויגט מיט דעם נידערטרעכטיקן און דאָך וווּנדערלעכן כאָלעם... דער כאָלעם האָט נישט פאַר איר קיין פאָרעם און קיין האָפענונג. איר וואָר איז דיז; ס'איז איר גוירל. און וויפל מיידלעך אין איליעוס זײַנען איר

מעקאַנע! זי איז דאָניאַ עסטער, דאָס ווײַב פונעם רײַכסטן מאַן אין טאַ־באַקאַס, פונעם פּאָליטישן שעף, האַר פון אַזויפיל קאַקאַאָ־באַפלאַנצטער ערד און אומבאַרירטן וואַלד...

האָראַסיאָ קומט צו צום האַמאַק. עסטער האָט קוים צייט די טרערן אָפּצווישן. ער האַלט אין דער האַנט אַ קליינעם קאָקוס, אַן ערשטלינג פון דער נײַער פּלאַנטאַציע. צוגעקומען איז ער קימאַט מיט אַ שמייכל:

— די נײַע פּלאַנטאַציע גיט שוין פּרוכט...

ער בלײַבט שטיין, ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס זי וויינט. פון אָנ־הייב פאַרדריסט עס אים:

— וואָס וויינט זי, צום טײַוול? איז איר לעבן ס'ווײנען? האָט זי ניט וואָס זי דאַרף? וואָס פעלט איר?

עסטער האַלט אײַן איר געוויין:

— ס'איז גאָרנישט... מײַנע נאַרישקייטן...

זי נעמט די קאַקאַאָ־פּרוכט, זי ווייס, אַז דאָס וועט דעם מאַן האַנאָע טאָן. האָראַסיאָ טוט שוין אַ פרייל֫עכערן שמייכל. אַ גליקלעכער מיט זײַן ווײַב, מעסט ער זי אָפּ מיט זײַן בליק. דאָס זײַנען די איינציקע זאַכן אין דער וועלט וואָס ער האָט ליב: עסטער און קאַקאַאָ. ער זעצט זיך צו איר צו אינעם האַמאַק און פרעגט זי:

— פאַרוואָס וויינסטו, נאַרעלע?

— איך וויין שוין ניט...

האָראַסיאָ פאַרטראַכט זיך, דערנאָך זאָגט ער, מיט דעם קליינעם קאַקאַאָ־קאָקוס אין זײַן מאָזאָליעדיקער האַנט און מיט דעם בליק צו די פּלאַנטאַציעס:

— ווען ס'קינד וועט גרויס ווערן — דעם זון האָט ער שטענדיק גע־רופן קינד — וועט ער טרעפן דאָס אַלץ שוין באַפלאַנצט.

אַ ווײַלע שווײַגט ער און דערנאָך פאַרענדיקט ער:

— מײַן זון וועט שוין נישט דאַרפן קוועטשן דאָס הײ ווי אַן אַנדע־רער. איך וועל אים אַרײַנרוקן אין דער פּאָליטיק. ער וועט זײַן דעפּוטאַט, גובערנאַטאָר. דערויף מאַך איך געלט...

ער שמייכלט צו עסטערן און נעמט זי גלעטן. דערנאָך גיט ער איר צו וויסן:

— ווישׂ אוים אָט די אויגן, הײַנט מאַכן אַ גוטע וועטשערע, הײַנט

קומט צו אונדז דער דאָקטאָר ווירזשיליאָ, דער נײַער אדוואָקאט, וואָס געפינט זיך איצט אין טאבאקאָס און איז דער דאָקטאָר סעאבראס א פּראָטעזשירטער. און דו, טו דיך אָן שיין. מען דאַרף ווײַזן דעם יונגערמאַן אַז מען איז ניט עפּעס א וואַלד־כאַיע...

ער גיט אַ לאַך מיט זײַן קורצן געלעכטערל, לאָזט איבער דעם קאָקוס באַ עסטערן און גייט אָפּגעבן באַפעלן די אַרבעטער. עסטער טראַכט וועגן דעם נאַכטמאָל מיט דעם אַדוואָקאַט, מיסטאָמע אַזאַ ווי דער דאָקטאָר רוי, וואָס שיקערט זיך אָן באַם טיש און בלײַבט נאָכן עסן שמועסן און שפּײַען ווי עס מאַכט זיך און דערציילן אַלערליי כאַזערײַען... און פון פּאַריז שרײַבט לוציאַ בריוו און דערציילט פון יאָנטויווים און טעאַטער, פון קליידער און באַנקעטן...

## V

די צוויי מענטשן זײַנען אַריבערגעטראָטן די שוועל און דער נעגער פרעגט:

— דער קאָראָנעל האָט מיך גערופן?

זשוקאַ באַדאַראָ וויל אים הייסן אַרײַנקומען, נאָר דער ברודער הייסט אים צוּוואַרטן אין דרויסן. די צוויי מענטשן געהאָרכן און זעצן זיך אַוועק אַף איינער פון די הילצערנע בענק, וואָס שטייען אַף דער ברייטער גאַלערייע פונעם גרויסן הויז. זשוקאַ שפּאַנט אום איבערן זאַל און פּיפּקעט דעם ציגאַרעט. ער וואַרט דער ברודער זאָל ריידן. סיניאָ באַדאַראָ׳, דער קאָפּ פון דער פאַמיליע רוט אין אַ הויכן ווינער אָנלען־שטול, וואָס פּאַרט זיך ניט מיט דעם איבעריקן מעבל, הילצערנע בענק, שטרויענע שטולן, האַמאַקן אין די ווינקלען, און אויך נישט מיט דער דאָרפישער פּאַשעטקייט פון די געווײַסטע ווענט. דער זייגער אינעם עסצימער קלינגט אויס פינף נאָכמיטאָג. סיניאָ באַדאַראָ׳ טראַכט מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן, די לאַנגע באָרד אַף דער ברוסט צעשפּרייט. ער הייבט אויף די אויגן און קוקט אַף זשוקאַן ווי ער שפּאַנט נערוועזיש איבערן זאַל, מיט דעם רעבענקע אין דער האַנט און מיט דעם רייכערדיקן ציגאַרעט אין מויל. דערנאָך נעמט ער פון אים אַראָפּ די אויגן און קוקט אַף דעם איינציקן בילד וואָס הענגט אַף דער וואַנט, אַן אָלעאָגראַפישע רעפּראָדוקציע פון אַן איירא־

פּעניָשן דאָרפישן פּייזאַזש. שאָף פּיטערן זיך אין בלויער מילדקייט. פּאַס־טעכער שפּילן אַף אַ מין פּיַיפעלעך און אַ שיינע בלאָנדע פּויערטע טאַנצט צווישן די שאָף. אַ גרויסע רו פאַלט פון דער גראָזויור. סיניאָ באַדאַראַ׳ דערמאָנט זיך ווי אַזוי ער האָט דאָס בילד געקויפט. ער איז צופעליק אַרייַנגעגאַנגען צו אַ סיריער אין געשעפט אין באַהיָאַ אָפּשאַצן אַ גאָל־דענעם זייגער. ער האָט דאָרט דערזען דאָס בילד און האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין לאַנג ווי דאָניאַ אַנאַ האָט אים געזאָגט וועגן די ווענט אינעם זאַל, אַז זיי נייטיקן זיך אין עפּעס וואָס זאָל זיי פּריילעכער מאַכן. דעמאָלט האָט ער געקויפט דאָס בילד. נאָר ערשט איצט קוקט ער זיך גוט אייַן דער־רין. אַ שטיל פעלד, שאָף, פּאַסטעכער, פליטן און טאַנץ. קימאַט הימלשע בלויקייט. גאָר אַנדערש איז זייער פעלד, די קאַקאַאָ־ערד. פאַרוואָס זאָל עס אויך ניט זייַן ווי דאָס אייראָפּעיִשע? נאָר זשוקאַ באַדאַראַ׳ שפּאַנט הין און צוריק און וואַרט אומגעדולדיק אַפן באַשלוס פונעם עלטערן ברודער. סיניאָ באַדאַראַ׳ פילט אַן עקל צו מענטשלעך בלוט. דאָך מוז ער אָפּטמאָל אָננעמען אַזאַ באַשלוס ווי זשוקאַ וואַרט פון אים. שוין נישט דעם ערשטן מאָל ווי ער שיקט זייַנעם אַ מענטשן אין לויער אַף איינעם וואָס דאַרף פאַרבייַגיין.

ער קוקט אַפן בילד. אַ ווילע פרוי... ראָזעווע באַקן און בלויע אויגן. עפּשער נאָך שענער פון דאָניאַ אַנאַ. און די פּאַסטעכער, קענטיק, אויך ניט ווי די פיך־טרייַבער אַף די „פאַזענדע“ס... סיניאָ באַדאַראַ׳ האָט ליב די ערד און זי צו באַפלאַנצן... ער האָט ליב האָדעווען בעהיימעס, גרויסע שטילע אָקסן, נערוועיִשע פערד, מילד בלעקענדיקע שאָף. פייַנט האָט ער שיקן הארגענען מענטשן. דערפאַר נעמט עס בא אים אַזוי לאַנג זיך צו באַשליסן. ער שיקט נאָר דעמאָלט ווען עס איז קיין ברייַרע נישטאָ. ער איז דער קאָפּ פון דער פאַמיליע. ער מוז גיוווער זייַן דאָס וואָס זשוקאַ רופט עס „זייַנע שוואַכקייטן“. ער האָט זיך ביז איצט קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט אַף דעם בילד... דער בלויער קאָליר איז שיין... שענער פון אַ ווערלבן סאַפּ־יאָריקן בלעטל, און בלעטלעך זייַנען פאַראַן מיט אַן עמעס שיינע!...

זשוקאַ באַדאַראַ׳ שטעלט זיך אַפּ אַקעגן זייַן ברודער:

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, סיניאָ, אַז קיין אַנדער מיטל איז נישטאָ... דער מענטש איז אייַנגעשפּאַרט ווי אַן אייזל... ער פאַרקויפט ניט די פּלאַנטאַציע, נישטאָ אַזאַ געלט וואָס ער זאָל זיך דערין נייטיקן... און

דו ווייסט דאָך, אַז פירמאָ האָט שטענדיק געהאַט אַ נאָמען פון אַן אָקשן... האָסט קיין ברייררע ניט.

סיניאָ באַדאַראָ' נעמט טרויעריק אַוועק די אויגן פון דער אָלעאָ־גראַפיע.

— אַ שאָד, דער מענטש האָט אַף זײַן לעבן קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן... ווען דאָס זאָל ניט זײַן דער איינציקער אויפן ווי אויסצו־שפּרייטן די „פאַזענדע" ביז סעקיירע גראַנדע... ווען ער פאַלט ניט אַרײַן צו האָראַסיאָן...

דאָס קאָל ווערט אים אַביסל פאַרענדערט ווען ער רעדט אַרויס דעם נאָמען. זשוקאַ נוצט עס אויס:

— ווײַסטו ניט שיקן טאָן וואָס מען דאַרף, וועט עס זיכער טאָן האָראַסיאָ... וואָרעם ווער עס וועט האָבן פירמאָס פּלאַנטאַציע, דער וועט האָבן דעם שליסל צו די וועלדער פון סעקיירע גראַנדע...

סיניאָ באַדאַראָ' האָט ווידער פאַרלוירן זײַן בליק אינעם בילד. זשוקאַ רעדט ווײַטער:

— דו ווייסט, סיניאָ, אַז קיינער קען ניט אַזוי גוט ווי איך די ערד וואָס טויג צו פּלאַנצן קאַקאַאָ. דו ביסט אַ דרויסנדיקער, איך אָבער בין דאָ געבוירן. נאָך קליינערהייט האָב איך מיך אויסגעלערנט צו דערקענען וועלכע ערד עס טויג אַף פּלאַנטאַציע. איך דאַרף נאָר אַ טראָט געבן אַף דער ערד און איך ווייס שוין צי זי טויג אַף קאַקאַאָטאַל. דאָס ליגט בײַ מיר אין די פיאַטעס. און איך זאָג דיר, אַז ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ גוטע ערד אַף קאַקאַאָ ווי סעקיירע גראַנדע. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ סך נעכט פאַרבראַכט אין וואַלד און האָב געפּרשט די ערד. וועלן מיר ניט שנעל קומען אַהין, וועט האָראַסיאָ דאָרט זײַן פאַר אונדז. ער האָט אויך אַ נאָז אַף צו דערשמעקן...

סיניאָ באַדאַראָ' גלעט זיך זײַן שוואַרצע באָרד:

— ווי מאָדנע, זשוקאַ, ביסט מײַן ברודער, דײַן מוטער איז געווען די זעלביקע אַלטע פילאָמענאַ, וואָס האָט מיך געבוירן, גאָט זאָל זי האַלטן אין זײַן גלאָר. דײַן פאָטער איז געווען דער זעליקער מאַרסעלינאָ, וואָס איז מײַן פאָטער געווען, און דאָך זײַנען מיר אַזוי פאַרשיידן איינער פונעם צווייטן, ווי עס קענען זײַן פאַרשיידן צוויי מענטשן אַף דער וועלט. די האָסט ליב אַלץ צו דערליידיקן מיט שיסערײַ און טויט. איך וואָלט דיך

וועלן פרעגן: פילסטו א פאַרגעניגן אין הארגענען מענטשן?... פילסטו ניט גאָרניט? גאָרניט בא דיר אינעווייניק? אָט דאָ? — און סיניאָ באַדאַראָ' ווייזט אַפן האַרץ.

זשוקאַ רייכערט זײַן ציגאַרעט און טוט זיך א פּאַטש מיטן רעבענקע איבערן פאַרבלאָטיקטן שטיוול. דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— ווען איך וואָלט דיך נישט קענען, סיניאָ, ווי איך קען דיך, און ווען איך וואָלט דיך נישט רעספּעקטירט ווי אַן עלטערן ברודער, וואָלט איך געקענט מיינען ביסט א פּאַכדן.

— האָסט מיר נישט געענטפערט דערויף וואָס איך האָב דיך געפרעגט.

— צי האָב איך ליב זען מענטשן שטאַרבן? איך ווייס ניט. נאָר ווען איך בין אין קאַס אַף עמעצן, קען איך אים פּאַמעלעכן צעשנײַדן... דו ווייסט עס...

— און ווען דו ביסט נישט אין קאַס?

— ווער עס שטעלט זיך מיר אין וועג, מוז אָפּטרעטן און מיך דורכלאָזן. דו ביסט מײַן עלטערער ברודער און דו דאַרפסט באַשליסן וועגן פּאַמיליען־זאַכן. אונדזער פּאָטער האָט דיך איבערגעלאָזט אַף אַלץ אַכטונג צו געבן: אַף די פּלאַנטאַציעס, אַף די מיידלעך, אַף מיר אויך. דו שאַפסט דאָס פאַרמעגן פון דער פּאַמיליע באַדאַראָ'. נאָר איך זאָג דיר, סיניאָ, אַז ווען איך בין אַף דײַן אָרט, וואָלטן מיר שוין טאָפּלט אַזוי פיל ערד געהאַט.

סיניאָ באַדאַראָ הייבט זיך אויף. ער איז א הויכער, בא די צוויי מעטער, די באָרד אַף דער ברוסט אָפּגעלייגט, שוואַרץ ווי טינט. די אויגן צינדן זיך אים אָן. זײַן קאָל פילט אָן דעם זאַל:

— ווען האָסטו מיך געזען, זשוקאַ, נישט טאָן וואָס מען האָט באַדאַרפט? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז בלוט שמעקט מיר נישט ווי דיר. נאָר ווען האָסטו געזען איך זאָל נישט שיקן אָפּראַמען וועמען ווען מען דאַרף?

זשוקאַ ענטפערט נישט. ער האָט דערעכערעץ פאַרן ברודער, און סיניאָ באַדאַראָ' איז עפּשער דער איינציקער פאַר וועמען ער האָט מוירע. סיניאָ רעדט שוין שטילער:

— מער נישט, איך בין נישט קיין מערדער ווי דו. איך טו עס ווען מען מוז. איך האָב געשיקט אָפּראַמען מענטשן, נאָר גאָט איז מײַן איידעס,

אַז איך טו עס נאָר ווען עס איז קיין אַנדער מיטל נישטאָ. איך ווייס אַז דאָס האָט קיין ווערט נישט ווען עס קומט צום בעשבן דאָרט אויבן, — ער ווײַזט אַפֿן הימל, — נאָר פֿאַר מיר אַליין האָט עס אַ ווערט.

זשוקאַ וואַרט אַז דער ברודער זאָל זיך באַרויִקן.

— דאָס איז צוליב אָט דעם פֿירמאַ, דעם פֿאַראַקשנטן אידיאָט... קענסט מיך אָנרופֿן ווי דו ווילסט, מיך אַרט עס ניט. איצט זאָג איך דיר נאָר איין זאַך: נישטאָ קיין בעסערע ערד פֿאַר קאַקאַאָ ווי סעקיירע גראַנדע, און אויב דו ווילסט זי פֿאַר די באַדאַראָ'ס, איז קיין אַנדער אויפֿן נישטאָ. פֿירמאָ פֿאַרקויפֿט ניט זײַן פֿעלד.

סיניאָ באַדאַראָ' גיט אַ צייכן מיט דער האַנט, זשוקאַ פֿאַרשטייט אים און רופֿט אַרײַן די מענטשן. נאָר איידער זיי קומען אַרײַן, זאָגט ער אים:

— אויב דו ווילסט ניט, וועל איך זיי זאָגן.

סיניאָ זשמורעט צו די אויגן און זעצט זיך אַרײַן אינעם הויכן שטול:

— ווען איך באַשליס אַ זאַך, נעם איך אַף מיר די אַכראַיעס. איך וועל מיט זיי ריידן.

ער גיט אַ קוק אַפֿן בילד, אַזאַ רויִקס מיט זײַן בלויער פֿרידלעכקייט. ווען די ערד וואָס איז אַף דעם אויסגעמאָלט, וואָלט געווען אַזוי גוט פֿאַר קאַקאַאָ, וואָלט ער, סיניאָ באַדאַראָ', געמוזט שיקן קאַפּאַנגאַס זיך שטעלן אינעם לויער הינטער אַ בוים און צעשיסן די פּאַסטעכער וואָס שפּילן אַף די פּײַפֿלעך און די שיינע פֿרוי וואָס טאַנצט דאָרט אַזוי פֿרייַלעך... די מענטשן וואַרטן, ער מאַכט אַן אָנשטרענג און פֿאַרגעסט די גאַנצע סצענע פֿונעם בילד. די פֿרוי האָט אויפֿגעהערט טאַנצן נאָך דער קויל, וואָס ער האָט איר געהייסן אַרײַנשיסן, און ער האָט זיך גענומען אויסטיילן באַפֿעלן מיט זײַן שטענדיק לאַנגזאַמען, פֿעסטן און רויִקן קאָל.

## VI

די צוויי מענטשן, יעדערער מיט זײַן ביקס אַפֿן אַקסל, שפּאַנען איבערן וועג, און דער פֿאַרנאַכטיקער ווינט הייבט אַף אים אַ רויטן שטויב. ווירִיאַטאָ, אַ מולאַט פֿון סעאַרא, אַ סטעפּ־מענטש, לייגט פֿאַר אַ געוועט:

— איך וועט מיך אַף פינף מילרייס אז דער מענטש וועט אָנקומען פון מיין זייט...

די מייסע איז וואָס נישט ווייט פון פירמאַס קליינער פאַזענדע גייט דער ברייטער שליאַך זיך פונאַנדער און סיניאָ באַדאַראָ האָט דערום געשיקט צוויי מענטשן, אַף יעדן אָפּצווייג אַ מענטש. דער נעגער דאַמיאַן, זיין ליבּ־מענטש, אַ גוטער צילער, איבערגעגעבן דער זאַך ווי אַ יאַגד־הונט, דאַרף זיך פאַרנעמען אַפן קירצערן וועג, אַף וועלכן פירמאָ וועט זיך מעגלעכער ווי אַלץ פאַרנעמען, קעדיי זיך איינצושפּאָרן וועג און צייט. ווירִיאַטאָ דאַרף אָפּוואַרטן אַפן שליאַך, הינטער אַ גוואַזשאַבאַ־בוים, וווּ עטלעכע פאַר אים זיינען שוין געפאַלן. דער נעגער דאַמיאַן גייט נישט איין אַפן געוועט, כאָטש עס איז זיכער, אַז פירמאָ וועט אַהיימגיין מיט דעם קירצערן וועג. ווירִיאַטאָ וווּנדערט זיך:

— איך דערקען דיך נישט, ברודער. פעלט דיר אויס דראָט?

נאָר ניט ווייל דאַמיאַנען פעלן די פינף מילרייס, צוויי טעג לוין, וויל ער זיך נישט וועטן. ער האָט זיך שוין געוועט אַף מער ווי דאָס, בּאַ אַנ־דערע מאָל שטעלן זיך אין לויער אין אַזוינע פאַרנאַכטן. נאָר הייַנט איז פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס דערלאָזט אים ניט איינגיין אַף געוועט.

די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ אַף די צוויי מענטשן איבערן פּוסטן וועג. איינעם נאָר האָבן זיי אָנגעטראָפן רייטן אַף אַן אייזל. ער האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין זיי און דערנאָך האָט ער אַ יאָג געטאָן דאָס אייזל, קעדיי צו זיין וואָס ווייטער. ווער קען דען דאָ ניט דעם נעגער דאַמיאַן, סיניאָ באַדאַראָס ליב־קאַפּאַנגאַ? זיין נאָמען איז באַקאַנט איבערן לאַנד. שוין לאַנג ווי מען קען אים אַ סאַך ווייטער פון פּאַלעסטינאַ, פעראַדאַס און טאַ־באָקאַס. פון די איליעוסער שענקלעך, ווו מען רעדט פון זיינע העלדיש־קייטן, רייזט אום זיין נאָמען מיט די קליינע שיפן ביז דער הויפּטשטאָט און אין אַ באַהיער בלאַט איז שוין זיין נאָמען געווען אָפּגעדרוקט מיט קיילעכדיקע אויסיעס. ווייל דאָס בלאַט איז פון דער אָפּאָזיציע, האָט עס גערעדט פון אים זייער שלעכט, האָט אים אָנגערופן מיט מיעסע נעמען. דאַמיאַן געדענקט דעם טאָג זייער גוט. סיניאָ באַדאַראָ האָט אים דעמאָלט אַריינגערופן אין גרויסן הויז באַם מיטאָג עסן. באַם טיש זיינען דעמאָלט געזעסן אַ סאַך מענטשן. ווערליק די געעפנטע פלעשער, איז דאָרט געווען אויך דער ריכטער. געווען איז אויך דער דאָקטאָר זשענאַראָ, דער אַדוואָ־

קאַט פון די באַדאַראַ׳ס. דאָס האָט ער מיט זיך געבראַכט דאָס בלאַט. דאָק־טאָר זשענאַראָ גלאַנצט נישט אַזוי ווי דאָקטאָר רוי, ער קען נישט האַלטן אַזוינע רעדעס ווי יענער, מיט אַזוינע שיינע ווערטער, דערפאַר אָבער קען ער אַלע פאַרפּלאָנטערטע שפּעלטעלעך פונעם געזעץ און ווייס ווי אַזוי אים אַרומצוגיין, און סיניאָ באַדאַראַ׳ האַלט פון אים מער ווי פון אַלע אַנדע־רע איליעוסער אַדוואָקאַטן. סיניאָ באַדאַראָ האָט דעמאָלט אַ שמייכל גע־טאָן צו דאַמיאַנען און האָט אַף אים אָנגעוויזן:

— דאָ האָט איר אײַך, די ווילדע כאַיע...

ווײַל ער האָט געלאַכט, האָט אויך דאַמיאַן געלאַכט מיט זײַן ברייטן אומשולדיקן שמייכל, מיט די ווײַסע, גלאַנציקע שטאַרקע ציין אין זײַן גרויסן נעגער־מויל. דער שיקערער ריכטער האָט זיך פריילעך צעלאַכט, נאָר דאָקטאָר זשענאַראָ האָט קוים אַ שמייכל געטאָן און האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער טוט עס פאַר בלויזער העפלעכקייט. סיניאָ באַדאַראָ׳ האָט נישט אָפּגעלאָזט און האָט שוין גערעדט צו דאַמיאַנען:

— ווייסטו, נעגער, אַז דײַן נאָמען גייט אַף די הויפּטשטאָטישע בלעטער? נישטאָ אין דער גאַנצער געגנט, זאָגן זיי, אַזאַ טויטשלעגער ווי דאַמיאַן, סיניאָ באַדאַראָ׳ס אַ לײַב־מענטש.

געזאָגט האָט ער עס מיט שטאָלץ און מיט שטאָלץ האָט אויך דאַמיאַן געענטפערט:

— ס׳איז עמעס, באַלעבאָס. איך ווייס ניט פון נאָך אַזאַ צילער ווי דער נעגער וואָס שטייט פאַר אײַך — און ער האָט ווידער צופרידן געלאַכט.

דאָקטאָר זשענאַראָ האָט אַ טרוקענעם שלונג געטאָן און האָט זײַן גלאָז אָנגעגאָסן. דער ריכטער האָט געקײַכט פון געלעכטער און האָט אונ־טערגעהאַלטן סיניאָ באַדאַראָ׳. סיניאָ האָט איבערגעלייענט די נאָטיץ פאַר דאַמיאַנען, כאָטש ער האָט זי בלויז אַף העלפט פאַרשטאַנען, צוליב די שווערע ווערטער. נאָר ער איז אַוועק אַ צופרידענער, ווײַל סיניאָ באַדאַראָ׳ האָט אַרײַנגעשריִען:

— דאָניאַ אַנאַ! דאָניאַ אַנאַ!

די טאָכטער איז אַרויסגעקומען פון דער קיך, וווּ זי האָט אָנגעפירט מיטן מיטאָג; אַ ברוינע, אַ שטאַרקע, אַ ווילדע וואַלד־בלום.

— וואָס איז, פאָטער?

דער ריכטער האָט געקוקט מיט פאַראינטערעסירטע אויגן. סיניאָ באַ־דראַ׳ האָט באַפוילן:

— נעם אַרויס פופציק מילרײס פונעם קופערט און גיב דאַמיאַנען. ער גייט אַף די בלעטער...

דערנאָך האָט ער דעם נעגער אַוועקגעשיקט און דער שמועס האָט זיך ווײַטער געצויגן. דאַמיאַן איז צוגעפאָרן קיין פּאַלעסטינאַ אויסגעבן דאָס געלט באַ די זוינעס. ער האָט די גאַנצע נאַכט געטרונקען און האָט יעדן איינעם דערציילט אַז אין אַ באַהעלטער בלאַט שרײַבט זיך, אַז נישטאָ נאָך אַזאַ גוטער צילער ווי ער.

דערפאַר יאָגט אַזוי דער מענטש זײַן אייזל. ער ווייס אַז דער נעגער דאַמיאַן איז אַ פאַרטיקער טויטנקאַסטן, ער ווייס אויך אַז סיניאָ באַדראַ׳ס אַ שלעגער איז געשיצט, אַז פאַר זיי איז קיין פּאָליציי נישטאָ. אַלע ווייסן אַז דער ריכטער איז די באַדראַ׳ס אַ מענטש. זיי האָבן אים אַפילע אַ פּלאַנטאַציע אײַנגעפירט; די באַדראַ׳ס הערשן אין דער פּאָליטיק און האָבן די יוסטיץ אַף זייער זײַט. ווען דער מענטש האָט אַ טרײַב געטאָן זײַן אייזל, האָט וויריאַטאָ האַנאָעדיק געלאַכט. נאָר דער נעגער דאַמיאַן איז פאַרבליבן ערנסט און וויריאַטאָ זאָגט נאָכאַמאָל:

— איך דערקען דיך נישט, ברודער...

דאַמיאַן אַליין דערקענט זיך ניט. ער איז שוין אַ סאַך מאָל געגאַנגען אַף לויער, אַפּוואַרטן מענטשן און זיי שיסן. און הײַנט פילט ער זיך ווי דאָס וואָלט אים געווען דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן.

דאָ צעצווײַגט זיך דער וועג. וויריאַטאָ שטייט צו צו אים:

— ווילסט זיך נישט ווען, נעגער?

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך וויל ניט.

— זיי גייען זיך פונאַנדער. וויריאַטאָ פײַפט זיך אונטער. עס איז שוין פולע נאַכט. די לעוואָנע הייבט זיך שוין אַפן הימל. אַ נאַכט אויסגע־צייכנט פאַר לויער, מען זעט דעם וועג ווי עס וואָלט געווען טאָג. דאַ־מיאַן פאַרנעמט זיך אַפן קירצערן וועג, ער ווייס אַז דאָרט איז פאַראַן אַ פרעכטיקער בוים צום אַפּוואַרטן. אַ געדיכטער באַבלעטערטער זשאַקאַ־בוים, אַפן ראַנד פונעם וועג, ווי מיט אַ קיוון פאַרפלאַנצט אַז אַ מענטש זאָל זיך הינטער אים אויסבאַהאַלטן און שיסן אַף דעם וואָס גייט פאַרבײַ. „איך האָב נאָך אַף קיינעם נישט געשאָסן פון הינטער דעם „זשאַקאַ״,

טראַכט זיך דאַמיאַן. דער נעגער שפּאַנט אַ טרויעריקער, ער האָט פון דער גאַלערייע געהערט דעם שמועס צווישן די ברידער באַדאַראָ'. ער האָט גע־הערט וואָס סיניאָ האָט געזאָגט צו זשוקאַן, און דאָס האַלט אים צערו־דערט די נאַכט. אַן אַנגסט קלעמט זײַן נאַיוו האַרץ. דאַמיאַן האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געפילט. ער פאַרשטייט עס נישט, קיין זאַך אינעם לײַב טוט אים נישט וויי, ער איז נישט קראַנק, און דאָך פילט ער זיך ווי קראַנק.

ווען עמעצער זאָל אים פריִער געוועזן זאָגן אַז אָפּוואַרטן מענטשן אי־נעם לויער און זיי שיסן איז שרעקלעך, וואָלט ער נישט געגלויבט, ווײַל זײַן האַרץ איז ריין און פרײַ פון יעדן בייז. די קינדער פון דער „פאַזענדע" האָבן ליב דעם נעגער דאַמיאַן, וואָס דינט דעם קליינוואַרג פאַר אַ פערד, וואָס גייט זיי ברענגען ווייכן זשאַקאַ פון דיביימער, קראַנצן גאָלדענע באַ־נאַנעס פון די פעלדער, ווו שלאַנגען קריכן אום, וואָס זאָטלט אָן שטילע פערד פאַר די גרעסערע קינדער צום דורכשפּאַצירן, וואָס נעמט זיי צום טײַך זיך באָדן און לערנט זיי שווימען. די קינדער האָבן אים ליב, פאַר זיי איז נישטאָ קיין בעסערער מענטש ווי דער נעגער דאַמיאַן.

זײַן מעלאָכע איז האַרגענען, דאַמיאַן ווייס אָפילע נישט ווי אַזוי ער האָט אָנגעהויבן. דער קאַראָנעל שיקט אים און ער האַרגעט. ער ווייס ניט וויפל ער האָט געהאַרגעט, דאַמיאַן קען נישט ציילן מער ווי ביז פינף, און אויך נאָר אָף די פינגער. אים גייט אויך ניט אָן צו קענען. ער האָסט נישט קיינעם, ער האָט נאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. אַזוי וויניקסטנס, האָט ער ביז הײַנט גערעכנט. פאַרוואָס איז אים הײַנט אַזוי שווער דאָס האַרץ ווי ער וואָלט קראַנק זײַן? ער איז איידל אין זײַן פּאַשעטקייט: טרעפט אָן אַרבעטער ווערט קראַנק אין דער „פאַזענדע", קומט טייקעף דאַ־מיאַן זײַן מיט אים, אים געבן גראָזן צום היילן, רופן זשערעמיאַסן, דעם קי־שעפּמאַכער. האַנדלס־רײַזנדער וואָס שטעלן זיך אָפּ אינעם גרויסן הויז, הייסן אים אַמאָל דערציילן ווי אַזוי ער האָט דערשאָסן דעם אָדער יענעם. דאַמיאַן דערציילט רויִק, ריין פון בייז. אַ באַפעל פון סיניאָ באַדאַראָ איז פאַר אים ניט צום באַשטרײַטן. אַז ער הייסט האַרגענען, דאַרף מען האַרגע־נען, פּונקט ווי ווען ער הייסט אָנזאָטלען דאָס שוואַרצע מוילאייזל צו דער רײַזע, דאַרף מען עס שנעל אָנזאָטלען. דערצו אויך איז ער ניט אויסגע־שטעלט מען זאָל אים אײַנזעצן. וואָרעם ביז הײַנט האָט מען נאָך סיניאָ באַדאַראָ'ס קיין איין שלעגער נישט אײַנגעזעצט. סיניאָ ווייס ווי זײַנע

מענטשן צו פאַרזיכערן. ס'איז אַ פאַרגעניגן פאַר אים צו אַרבעטן. ער איז נישט ווי דער קאָראָנעל קלעמענטינאַ, וואָס שיקט זײַנע מענטשן אויף אַן אַרבעט און דערנאָך גיט ער זיי איבער דער פּאָליציי; דאַמיאַן האָט פֿײַנט דעם קאָראָנעל. אַזאַ באַלעבאָס איז ניט קיין באַלעבאָס צום דינען פאַר אַ מענטש מיט קוראַזש. ער האָט יִינגלווײַז אַ סאַך געדינט. דאָרט האָט ער זיך געלערנט שיסן אַז קלעמענטינאָ זאָל דערשיסן דעם ערשטן מענטשן. און איין מאָל האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון דער פאַזענדע ווײַל פּאָליציי איז געקומען נאָך אים און קלעמענטינאָ האָט אים אַפילו ניט צו וויסן געגעבן... ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן באַ די באַדאַראָ'ס אויפן לאַנד און איצט איז ער סיניאָס אַ לײַב־מענטש. אויב ער האָט אין האַרצן אַ בייז געפיל, איז עס די טיפע פאַראַכטונג צום קאָראָנעל קלעמענטינאָ... טרעפט מען דערמאָנט זײַן נאָמען באַ אַן אַרבעטער אין שטוב, שרײַט דאַמיאַן אויס און זאָגט:

— דאָס איז נישט קיין מענטש... ער איז נאָך מער פּאַסקודניש ווי אַ פרוי... ער וואָלט באַדאַרפט טראָגן קליידלעך...

ער לאַכט דערבײַ מיט זײַנע ווײַסע ציין, מיט זײַנע גרויסע אויגן, מיט זײַן גאַנצן פּנים. אַ געזונטער, גליקלעכער געלעכטער, ווי דער געלעכטער פון אַ קינד. דאָס געלעכטער קײַקלט זיך איבער דער פאַזענדע ווען דאַמיאַן שפּילט זיך מיט די קינדער אויפן הייפל פאַרן גרויסן הויז און קיינער טיילט עס ניט אויס פון די קינדערס געלעכטער.

דער נעגער דאַמיאַן קומט צו צום זשאַקאַ־בוים, נעמט אַרונטער די ביקס און לייגט זי אַוועק אויפן שטאַם. פון אַ הויזן־קעשענע נעמט ער אַרויס אַ שטיק שטריק־טאַבאַק אויף אַ ציגאַר. די לעוואָנע איז איצט גרויס און קײַלעכדיק, דאַמיאַן האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי גרויס נישט געזען. ער פילט ווי עפּעס דריקט אים אינעווייניק, ווי אַ גרויסע האַנט, זײַנע אַ גרויסע שוואַרצע האַנט, וואָלט געדריקט פון אינעווייניק. אין די אויערן קלינגען אים סיניאָ באַדאַראָ'ס ווערטער: „פילסטו אַ פאַרגעניגן אין האַרגענען מענטשן? פילסטו ניט גאָרניט? גאָרניט באַ דיר אינעווייניק?" דאַמיאַן האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז מען קען אינעווייניק עפּעס פילן. און הײַנט פילט ער, דעם קאָראָנעלס ווערטער ליגן אים אויף דער ברוסט ווי אַ מאַסע וואָס איז ניט אַראָפּצורײַסן, אַפילו פאַר אַזאַ שטאַרקן נעגער ווי דאַמיאַן. ער האָט שטענדיק פֿײַנט געהאַט פיזישן וויי־

טיק. ער פלעגט אים ווויל איבערטראגן; איין מאל האט ער זיך מיט זיין מעסער טיף איינגעשניטן דעם לינקן ארעם באם שניידן די קאקאא־קאקוסן אין די פלאנטאציעס. ער האט זיך איינגעשניטן קימאט ביזן ביין און האט פיינט געהאט דעם ווייטיק, ער האט זיך צוגעפייפט ווען דאניא אנא באדארא׳ האט אים געגאסן יאד אין דער וווּנד. א צווייטן מאל האט אים זשאקונדינא איינגעשניטן, אויך מיט א מעסער, דריי שניט אין א פוס. יענעם ווייטיק, האט ער פארשטאנען, געשטאנען איז ער אים, אזוי צו זאגן, פאר די אויגן. נאר איצט פילט ער גאר עפעס אנדערש. עס קריכן אים אין קאפ זאכן, וואס ער האט קיינמאל נישט געטראכט פון זיי, זיי קריכן אין זיין גרויסן קאפ, ווי בא אן אקס די גריים. סיניאס ווערטער זיינען אים אין קאפ איינגעשטאכן, און הינטער די ווערטער קומען בילדער און געפילן. אלטע, שוין פארגעסענע בילדער און נייע, נאך אומבאקאנטע געפילן.

ער פארדרייט א ציגאר, דאס שוועבעלע גיט א בליאסקע אין וואלד. ער רייכערט. ער קען זיך גארנישט פארשטעלן דעם קאראנעל מיט געוויסן־ביסן. יא, דאס איז דאס ריכטיקע ווארט. א האנדלס־רייזנדער האט אים אמאל געפרעגט צי ער, דאמיאן, פילט נישט קיין געוויסן־ביסן. ער האט אים געבעטן אויפקלערן וואס דאס מיינט. דער האנדלס־רייזנדער האט אים געגעבן צו פארשטיין און דאמיאן האט מיט זיין גאנצער אומשולד קוים געזאגט:

— פארוואס?

דער האנדלס־רייזנדער איז אוועק א דערשטוינטער און נאך היינט דערציילט ער דעם פאל אין די באהיער קאפע־הייזער ווען דער שמועס קומט ארויף אף מענטשלעכקייט, לעבן, מענטשן און אנדערע פילאזאפיעס. דערנאך, האט סיניא באדארא׳, אין א סילוועסטער־נאכט, ארויפגעבראכט א גאלעך פראווען גאטעסדינסט אין דער פאזענדע. מען האט אוועקגעשטעלט אן אלטאר אין דער גאלערייע — א שיינקייט פון אן אלטאר, דאמיאן צעשמייכלט זיך ווען ער דערמאנט זיך, דער איינציקער שמייכל אין יענער לויער־נאכט; דאמיאן האט דעמאלט געהאלפן דאניא אנאן און דער זעליקער לידיא, סיניאס ווייב, אלגען, זשוקאס ווייב, וואס האבן דעם יאנטעוו איינארדענען גענומען אף זיך. דער גאלעך איז געקומען שפעט אין דער נאכט. ס׳איז געווען א נאכטמאל מיט אן א שיר מייכאלים:

הינער, אינדיקעס, באַזער־פּלייש און שאָפּנס, ווילד־געפליגל און אַפּילע פּיש האָט מען געבראַכט פון אגווא בלאַנקאַ. געווען איז קאַלטער שטיין, וואָס מען רופט אים אייז, און דאָניא אַנאַ, וואָס האָט שוין גענומען ווערן אַ פריילן, האָט דאַמיאַנען געגעבן אַ שטיקל דערפון און ער האָט זיך דער־מיט דאָס מויל אָפּגעבריט. דאָניא אַנאַ האָט שטאַרק געלאַכט פון דעם ראַכ־מאָנעס־פּאָנעם וואָס דער נעגער האָט דעמאָלט געמאַכט. אַף מאָרגן איז געווען די מעסע; ווער ס'האָט געפירט אַ פריינטשאַפט, האָט באַסענע גע־האַט, קינדער האָט מען געטויפט, קוואַטערס זיינען שמענדיק געווען פון דער באַדראַראַ־פאַמיליע. אַף לעצט האָט דער גאַלעך געהאַלטן אַ דראָשע, אַ רעדע, וואָס אַפּילע דער דאָקטאָר רוי וואָלט זי אַזוי שיין נישט אָפּגעטאָקט ווען ער רעדט פאַר די געשווירענע אין איליעוס. עמעס, די צונג האָט זיך אים אַ ביסל פאַרטשעפּעט, ווייל ער איז געווען אַן אויסלענדער. נאָר דער־פאַר טאַקע האָט ער צערודערט דעם אוילעם ווען ער האָט גערעדט פונעם גענעם, פון דעם פייער, אין וועלכן עס בראָטן זיך די פאַרמישפּעטע אַף אַלע אייביקייטן. דאַמיאַנען אַפּילע איז אַ פּאַכעד באַפאַלן. פריער האָט ער גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט פונעם גענעם, דערנאָך אויך נישט. ערשט היינט דערמאָנט ער זיך אָנעם גאַלעך, ווי ער האָט בייז געשריען; וועגן די וואָס הארגענען מענטשן. מענטשן ווי זיי. דער גאַלעך האָט אַ סאַך גערעדט וועגן געוויסן־ביסן, נאָר אויך דעמאָלט האָט דאָס וואָרט אַף אים קיין איינדרוק נישט געמאַכט. גערירט האָט אים די באַשרייבונג פונעם גענעם, אַ פייער וואָס לעשט זיך ניט אויס, וואָס ברענט אָן אויפהער די לייבער. דאַמיאַן האָט אַ צייכן פון אַ ברי אַפן האַנט־געלענק, אַ גלייַקע קויל איז אים אַרויפגעפאַלן איין מאָל ווען ער האָט געהאָלפן די נעגער־טעס אין קיך. ס'האָט אים וויי געטאָן ביז שרעק. ער שטעלט זיך פאָר ווי דאָס גאַנצע לייב ברענט, הערט נישט אויף ברייען. און געזאָגט האָט דער גאַלעך, אַז גענוג איז איין מענטשן צו דערהארגענען, מען זאָל זיכער גיין אין גענעם אריין. דאַמיאַן ווייס אַפּילע ניט וויפל ער האָט אויסגע־הארגעט. ער ווייס אַז מער ווי פינף, ווארעם ביז פינף קען ער ציילן און האָט זיי געציילט. דערנאָך האָט ער פארלוירן דעם כעשבן, און עס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן דאָס זאָל האָבן עפּעס אַ ווערט. היינט אָבער, איצט ווען ער רייכערט דעם ציגאַרעט אינעם לויער, באַמיט ער זיך זיי אַלעמען צו דערמאָנען. דער ערשטער איז געווען יענער פיך־טרייבער, וואָס

האָט צו ביזאָיען געשטעלט דעם קאָראָנעל קלעמענטינאָ. געווען איז עס אומגעריכט. ער איז דעמאָלט געריטן זײַט באַ זײַט מיט דעם קאָראָנעל. אַקעגנגעקומען איז זיי אַ טאַבון אייזלען וואָס איז געגאַנגען צו באַנקאָ דע לאַ וויסטאָריאַ, און ווי נאָר דער טרײַבער האָט דערזען קלעמענטינאָן, האָט ער מיט דער לאַנגער בײַטש וואָס מען טרײַבט די אייזלען, דער־לאַנגט דעם קאָראָנעל גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן. קלעמענטינאָ איז ווײַס געוואָרן און האָט אַ געשריי געטאָן צו דאַמיאַנען:

— שיס אים אַראָפּ...

און ער׳ האָט אים אַראָפּגעשאָסן מיט דעם רעוואָלווער וואָס ער האָט געטראָגן אינעם גאַרטל. די אייזלען זײַנען אַריבער איבער אים. קלעמענ־טינאָ איז אַוועק צו זיך אין דער פּאַזענדע מיט דעם רויטן סימען פון דער בײַטש אַפן פּאָנעם. דאַמיאַן האָט אַפילע קיין צײַט נישט געהאַט זיך צו פּאַרטראַכטן אין דעם פּאַל, וואָרעם מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען פּאָליציי און ער האָט געמוזט אַנטלויפן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן האַר־גענען פּאַר סיניאָ באַדאַראָ׳. זעקיניאָ פּאָנטעס, דער קאָראָנעל ערואַרדאָ, האָראַסיאָס צוויי קאַפּאַנגאַס באַ דער באַגעגעניש אין טאַבאָקאַס, איז פינף. נאָר סילוויאָ דאַ טאָקאַ, ווייס שוין ניט דער נעגער דאַמיאַן דער ווי־פלטער ער איז. נאָך ווייניקער ווייס ער׳ דער וויפלטער איז יענער וואָס האָט גע־וואָלט שיסן אַף זשוקאַ באַדאַראָ אינעם פּעדעראַלער באָרדעל, און ער האָט ניט געשאָסן ווײַל דאַמיאַן האָט זיך געפּעדערט מיט דעם רעוואָלווער. נאָך ווייניקער די ווײַטערדיקע. דער וויפלטער וועט זײַן פירמאָ? „איכל בעטן דאָניאַ אַנאַ זי זאָל מיך אויסלערנען ציילן אַף דער צווייטער האַנט”. פּאַראַן אַרבעטער וואָס קענען ציילן אַף די פינגער פוןביידע הענט און פון ביידע פיס, נאָר זיי זײַנען שוין אינטעליגענט, זיי זײַנען דיר ניט אַזאַ שוואַרצער אייזל ווי דאַמיאַן. איצט אָבער מוז ער קענען ציילן ווייַ־ניקסטנס מיט די פינגער פון דער צווייטער האַנט. וויפל מענטשן האָט ער שוין געהאַרגעט? די לעוואָנע הייבט זיך איבער דעם זשאַקאַ־בוים, זי באַלײַכט דעם וועג אַף וועלכן פירמאָ דאַרף אָנקומען. יאָ, וואָרעם ער וועט זיכער קומען דאָ אַרום און ניט מיט דעם שליאַך, ווו עס וואַרט אַף אים ווירינאַטאָ. ס׳איז קימאַט מיט אַ מײַל ווייניקער. פירמאָ מוז זיך אײַלן אַהיימצוקומען, די שטיוול אַראָפּציִען און זיך לייגן מיט דאָניאַ טע־רעזאַ, זײַן ווײַב. דאַמיאַן קען זי, ער האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל אָפּגע־

שטעלט פאַר זייער הויז, פאַרבײַפאָרנדיק, בעטן אַ קרוג וואַסער. און דאַניאַ טערעזאַ האָט אים איין מאָל געגעבן אַ גלעזעלע אויסצוטרינקען און האָט געשמועסט מיט אים. זי איז אַ שיינע, ווײַסער פון שרײַב־פּאַפּיר, ווײַסער ווי דאָניאַ אַנאַ. דאָניאַ אַנאַ איז אַ ברונעטע, אָפּגעברענט פון דער זון. דאָניאַ טערעזאַ איז, קענטיק, קיינמאָל אַף דער זון ניט געשטאַנען, האָט די זון איר פּנים ניט אָפּגעברענט, ניט איר ווײַס לײַב. זי איז אַ שטאָטישע, אַן איטאַליענערס אַ טאָכטער, און האָט אַ שיין קאָל. ווען זי רעדט, דאַכט זיך זי זינגט. פירמאָ אײַלט זיך אַוואַדע אַהיימקומען צו זײַן ווײַב. אַ ווײַב איז אין די ערטער אַ זעלטענע זאַך. אַ כוץ זוינעס, פיר אָדער פינף אין אַ דערפל, איינע פולער פון דער צווייטער מיט קראַנקײַטן. געציילטע מענער האָבן ווײַבער. פאַרשטייט זיך אַז דאָס רעדט זיך פון אַרבעטער. און פירמאָ איז נישט קיין אַרבעטער. ער האָט זײַנס אַ קליין שטיקל פעלד, ער אַרבעט זיך אַרויף. מען זאָל אים לאָזן, וועט ער מיט דער צײַט ווערן אַ קאָראָנעל מיט אַ סאַך לאַנד! ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט און איז דערנאָך געפאָרן קיין איליעוס נעמען אַ ווײַב. ער האָט כאַסענע געהאַט מיט דעם איטאַליענערס, דעם בעקערס, טאָכטער. אַ ווײַסע שיינע פרוי. זשוקאַ באַדאַראָ', וואָס איז מעשוגע פאַר ווײַבער, זאָגט מען, האָט דעמאָלט געוואָרפן אַן אויג אַף איר. דאַמיאַן ווייס עס ניט אַף זיכער, נאָר אַפילע ס'זאָל עמעס זײַן, האָט זי אים נישט געוואָלט, וואָרעם זשוקאַ האָט זיך באַלד דערפון אָפּגעלאָזט און מען האָט אויפגעהערט ריידן. יאָ, עס איז גאָר קיין סאָפעק ניט, פירמאָ וועט גיין מיטן קורצן וועג, מען לייגט נישט אָן קיין וועג ווען מען האָט אַ יונג ווײַס ווײַב וואַרטן. נאָר דער עמעס איז, אַז דאַמיאַן וואָלט בעסער וועלן פירמאָ זאָל גיין מיט דעם שליאַך... ס'איז דעם ערשטן מאָל וואָס אים פּאַסירט אַזוינס. אין זײַן צעטרודערונג פילט ער אויך אַ געוויסע געפאַלנקייט.

אים דאַכט זיך, ער איז גאָרניט געווינט צו האַרגענען. אים דאַכט זיך, ער איז גאָר אַנטאָניאָ וויטאָר, דער אַרבעטער וואָס איז געקומען פון סערזשיפּע. ווען יענער האָט געהאַרגעט דעם מענטשן אין דער טאַבאַקעסער באַגעגעניש מיט האָראַסיאָס מענטשן, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געציטערט און האָט געכליפּעט ווי אַ פרוי. דערנאָך האָט ער זיך צוגעווינט און איצט איז ער זשוקאַ באַדאַראָס קאַפּאַנגאַ, ער פאָרט מיט אים אומעטום. איצט איז דאַמיאַן גלײַך צו יענעם אַנטאָניאָ וויטאָר, ווי

ער וואָלט גאָרניט געוווּנט געווען צו שטיין די גאַנצע נאַכט אינעם לויער און עמעצן אָפּוואַרטן. ווען אַנדערע זאָלן זיך דערפון דערוויסן וועלן זיי לאַכן פון אים, ווי זיי האָבן געלאַכט אין דער נאַכט פון דער בעהאָלע אין טאַבאָקאַס פון אַנטאָניאָ וויטאָר. דער נעגער דאַמיאַן פאַרמאַכט די אויגן און פרווּט פאַרגעסן די אַלע בילדער. דער ציגאַרעט איז שוין אויסגעברענט און ער טראַכט זיך צי לוינט זיך פאַרדרייען אַ צווייטן. ער האָט ווייניק טאַבאַק און עס קען אויסקומען לאַנג צו וואַרטן. ווער וויים צי אַזוי שפּעט וועט גאָר פירמאָ קומען? ער איז אומאַנטשיידן, קימאַט צופרידן וואָס ער טראַכט איצט בלויז מיקוויעך דעם טאַבאַק. גוטער טאַבאַק... אויסלענדישער, פונעם גוטן; דער איליעוסער האָט גאָרנישט ניט די ווערט, צאָרעדיק, טרוקן, האַלט זיך ניט... ווי קומט אָבער אַהער טערעזאָ? זי איז אַ ווייַסע, דאַמיאַן טראַכט פון שוואַרצן טאַבאַק, וואָס־זשע האָט דאָס צו טאָן מיט דאָניאַ טערעזאַס ווייַסן פּאָנעם? ווער האָט זי גערופן? דער נעגער דאַמיאַן איז בייז. ווי עפּעס, מישן זיך אַרייַן די ווייַבער, קומען ווען מען רופט זיי ניט. און וואָס פּלוצעם איז סיניאָ באַדראָ'ן אייַנגעפאַלן אין דעם פאַרנאַכט ריידן מיט זייַן ברודער וועגן די ראָזיקע זאַכן? וואָלט ער זיי כאָטש געהייסן, אים מיט וויריאַטאָ, אָפּגיין אַ ביסל וויַיטער. פון דער גאַלערייע האָט מען געהערט דעם גאַנצן שמועס:

„פילסטו אַ פאַרגעניגן אין האַרגענען מענטשן?... פילסטו גאָרניט? גאָרניט באַ דיר אינעווייניק?"

דער נעגער דאַמיאַן פילט. פריִער האָט ער גאָרנישט געפילט. ווען ניט סיניאַ באַדראָ' זאָגט עס, ווען זשוקאַ אַליין זאָל עס געווען זאָגן, וואָלט עס אים עפשער גאָרנישט געקימערט. נאָר סיניאָ באַדראָ' איז פאַר דאַמיאַנען ווי אַ גאָט. ער האָט פאַר אים מער אָפּשיַי ווי פאַר זשערעמיאַסן, דעם קישעפמאַכער וואָס האָט אים „באַוואָרנט" פון קוילן און פון שלאַנגען־בים. און די ווערטער זייַנען אין אים געבליבן, זיי דריקן אַף זייַן האַרצן, זיי גייען אום באַ אים אין קאָפּ. און זיי ברענגען פאַר אים דאָניאַ טערעזאַס ווייַסן פּאָנעם, וואָס וואַרט אַפן מאַן און רעדט סיניאָ באַדראָ'ס און דעם גאַלעכס ווערטער. זי איז אַ האַלבע אויסלענדערקע, ווי דער גאַלעך. נאָר דעם גאַלעכס קאָל איז געווען בייז און האָט אָנגעזאָגט שרעקלעכע זאַכן און דאָניאַ טערעזאַס קאָל איז זיס ווי געזאַנג.

ער טראַכט שוין ניט פון פאַרדרייען אַ ציגאַרעט און רייכערן. ער טראַכט פון דאָניאַ טערעזאַ, וואָס וואַרט אַף איר פירמאָ פאַר מאַן־און ווייַב־ליבע, וויַיס לייַב וואָס וואַרט אַפן מאַן. זי זעט אויס צו זייַן אַ גוטע. זי האָט דעם נעגער דאַמיאַן איין מאָל דערלאַנגט אַ גלעזעלע צום אויסטרינקען... און האָט מיט אים עטלעכע ווערטער אויסגערעדט וועגן דער זון וואָס האָט יענעם נאָכמיטאָג דעם וועג געשמיסן. יאָ, אַ גוטע פרוי. ס'איז נישט קיין קלייניקייט. אַן אַנדערע וואָלט אַ וואָרט נישט אויסגערעדט מיט אַ נעגער אַ מערדער ווי דאַמיאַן. זי האָט איר אייגנס אַ פּלאַנטאַציע קאַקאַאָ, זי האָט געקענט זייַן אַ גאַדלנטע ווי אַנדערע. נאָר זי האָט אים געגעבן אַ טרונק בראָנפן און האָט מיט אים גערעדט וועגן דער ברענענדיקער זון. זי האָט פאַר אים קיין מוירע נישט געהאַט ווי אַנדערע... ווי אַ סאַך אַנדערע, וואָס ווי נאָר זיי דערזעען דעם נעגער דאַמיאַנען גיין, באַהאַלטן זיי זיך אין די שטיבער, שיקן אַרויס די מענער. דאַמיאַן האָט שטענדיק געלאַכט פון דער מוירע וואָס טייל דאַמען האָבן פאַר אים. ער איז אַפילע שטאָלץ געוועזן דערמיט: זייַן נאָמען גייט איבער דער וועלט. נאָר הייַנט שטעלט זיך פאַר דאַמיאַן צום ערשטן מאָל, אַז זיי אַנטלויפן נישט פאַר אַ נעגער אַ בראַוון יונג, נאָר פאַר אַ נעגער אַ מערדער... אַ נעגער אַ מערדער... ער כאַזערט איבער די ווערטער שטיל און לאַנגזאַם און זיי קלינגען אָפּ טראַגיש אין זייַנע אויערן... דער גאַלעך האָט געזאָגט, אַז קיינער טאָר ניט הארגענען אַ צווייטן, אַז דאָס איז אַ טויט־זינד וואָס ווערט באַשטראָפט מיט גענעם. דאַמיאַן האָט זיך דערויף ניט אָפּגעשטעלט. נאָר הייַנט האָט דאָס געזאָגט וועגן הארגענען סיניאָ באַדאַראָ'. אַ נעגער אַ מערדער... און דאָניאַ טערעזאַ איז אַ גוטע, אַ שיינע און אַ גלייַכן צו איר, אַ ווייַסע ווי קיין איינע ניט אין די אַרומיקע פאַזענדעס... זי האָט ליב איר מאַן, מען זעט עס, זי האָט זיך ניט נאָכגעגעבן זשוקאַ באַדאַראָס שאַרן זיך צו איר, דאָס שאַרן זיך פון אַ רייַכן מענטשן, וואָס די ווייַבער רינט דער גאַווער נאָך אים... די ווייַבער האָבן מוירע פאַר אים, דעם נעגער דאַמיאַן דעם מערדער... איצט דערמאָנט ער זיך אַ גאַנצע ריי פּראָטים, ווייַבער וואָס זייַנען אויסגערונען פון די פּלעצער פאַר די טירן ווען ער האָט זיך באַוויזן, אַנדערע האָבן אים נאָכגעשפּירט פון די פענצטער־שפּאַלטן, יענע זוינע אין פעראַדאַס וואָס האָט בעשום אויפן נישט געוואָלט זייַן מיט אים, כאָטש ער האָט איר געוויזן אַ

באַנקנאָט פון צען מילרייס אין דער האַנט... זי האָט נישט געזאָגט פאַרוואָס, זי האָט צוגעטראַכט אַ טערעץ, אַז זי איז קראַנק, נאָר באַ איר אַפן פּאָנעם האָט דאַמיאַן געזען עפּעס אַנדערש: מוירע. ער האָט זיך דערפון צום האַרצן נישט גענומען. ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט זיין ברייטן געלעכטער און האָט גענומען אַ צווייטע. נאָר איצט פילט ער אַ ווייטיק אין דער ברוסט פון יענער זוינעם אָפּזאָג, אַ ווייטיק אין זיין הינט פאַרוווּנדיקטער ברוסט. נאָר איין דאָניאַ אַנאַ באַדאַראָ איז גוט צו אים. זי האָט קיין מוירע ניט פאַר דעם נעגער. נאָר דאָניאַ אַנאַ איז אַ העלדישע פרוי, זי איז פון דער באַדאַראָ׳־מישפּאָכע. די קינדער האָבן פאַר אים קיין מוירע ניט, די קינדער פאַרשטייען נאָך ניט, זיי ווייסן ניט אַז ער איז אַ מערדער, וואָס שטעלט זיך אינעם לויער אָפּוואַרטן מענטשן און זיי אַף טויט דערשיסן מיט זיין פינקטלעכן צילן. ער האָט ליב קינדער, ער פאַרשטייט זיך מיט זיי איין בעסער ווי מיט גרויסע. ער האָט זיך ליב צו שפּילן מיט די אומשולדיקע קינדערס שפּילעכער פון די גרויסע הייזער, ער האָט ליב נאָכצוגעבן די קאַפּריזן פון די אָרעמע אַרבעטער־קינדער. ער איז כאַוועր מיט זיי... און דאָ גיט אים אַ קלאַפּ אינעם מויעך אַ שרעקלעכער געדאַנק: און עפּשער טראָגט גאָר דאָניאַ טערעזאַ אַ קינד אין בויך? ס׳קינד וואָלט געבוירן געוואָרן אַ יאָסעם, דער פּאָטער איז געפאַלן טויט פונעם נעגער דאַמיאַנס אַ געצילטער קויל... ער מאַכט אַ גוואַלדיקן אָנשטרענג, דער קאָפּ איז שווער אַף אים ווי אין טעג פון גרויסער שיקרעס: ניין, דאָניאַ טערעזאַ שוואַנגערט ניט, ער האָט זי גוט געזען דעמאָלט ווען ער האָט עטלעכע ווערטער אויסגערעדט מיט איר פאַר פירמאָס שטוב. זי האָט נישט געהאַט קיין בויך, ניין, זי איז נישט געווען שוואַנגער... דאָס איז אָבער געווען מיט אַ האַלב יאָר צוריק, איצטער, ווער ווייס? זי האַלט שוין עפּשער באַם האָבן. אַ קינד אין בויך... דאָס וואָלט געבוירן געוואָרן אַ יאָסעם, ער וואָלט געוווּסט, אַז דער נעגער דאַמיאַן האָט דערשאָסן זיין פאָטער אין אַ לעוואָנע־נאַכט. און ער וואָלט געטראָגן אַ האַס אַפן נעגער, ניט ווי אַנדערע קינדער וואָס קומען זיך שפּילן מיט דעם נעגער, וואָס זעצן זיך באַ אים אַפן רוקן ווען זיי קענען זיך נאָך ניט אויפזעצן אַפן רוקן פון אַ שטילן אייזל... ער וואָלט נישט גענעסן די זשאַקאַ וואָס דער נעגער דאַמיאַן קלייבט זי אויף, נישט די גאָלדענע באַנאַנאַס וואָס ער ברענגט פון די באַנאַנע־פעלדער. ער וואָלט געקוקט אַף דעם נעגער מיט האַס; דאַמיאַן

וואָלט פֿאַר אים שטענדיק געווען דער מערדער פֿון זײַן פֿאָטער...

דאַמיאַן פֿילט אומענדלעכן טרויער. די לעוואָנע גיסט אָף אים איר שײַן, דער זשאַקאַ־בוים פֿאַרשטעלט אים פֿונעם וועג, די ביקס רוט אָפֿן שטאַם. אַנדערע מאַכן אַ צייכן אָף דער קאָלבע באַ יעדן האָרוג וואָס זיי לייגן אַוועק. ער טוט עס קיינמאָל ניט, ווײַל ער וויל ניט צעקריצן זײַן ביקס. ער האָט זי ליב, זי הענגט באַ אים שטענדיק איבער זײַן אָנמאַטראַציקן ברעטער־בעט. טרעפֿט, אַ נאַכט, ווען סיניאָ באַדאַראָ' דאַרף ערגעץ ארויספֿאָרן, שיקט ער רופֿן דעם נעגער ער זאָל אים באַגלייטן. ער דאַרף נאָר נעמען די ביקס און גיין אין גרויסן הויז. די אייזלען שטייען שוין אָנגעזאָטלט. סיניאָ זעצט זיך אויף, ער אויך, ער רײַט הינטערן באַלעבאָס, מיט דער ביקס פֿון פֿאָרנט אָפֿן זאָטל. האָראַסיאָס אַ מענטש קען אַמאָל זײַן פֿאַרשטעקט אָפֿן וועג. טרעפֿט, אַז סיניאָ רופֿט אים צו און שמועסט מיט אים וועגן די פּלאַנטאַציעס, וועגן דעם אַראָפּנעם, וועגן דעם צושטאַנד פֿונעם ווייכן קאַקאַאָ, וועגן אַ סאַך זאַכן וואָס זײַנען שאַיעך דעם לעבן אין דער פֿאַזענדע. דאָס זײַנען גליקלעכע טעג פֿאַר דעם נעגער דאַמיאַן. גליקלעך אויך דערמיט וואָס אַז זיי קומען אָפֿן אָרט, אין ריאָ דאָ בראַזאָ, פֿעראַדאַס אָדער פּאַלעסטינאַ, גיט אים דער קאָראָנעל אַ פֿינף מילרײַס־פּאַפּירל און ער גייט שלאָפֿן די רעשט נאַכט אין אַ הײַזל. ער לאָזט דאָרט שטיין די ביקס אָנגעשפּאַרט באַם בעט, וואָרעם סיניאָ קען ווען צוריקפֿאָרן צו יעדער מינוט און שיקן אַ יינגל רופֿן דעם נעגער פֿונעם באָרדעל. ער שפּרינגט דעמאָלט אַראָפּ פֿונעם בעט, נעמט די ביקס און גייט. ער איז פֿאַרליבט אין זײַן געווער, ער האַלט עס ריין, אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן. הײַנט, פֿונדעסטוועגן, וויל ער אַפֿילע ניט אַ קוק טאָן אָף דער ביקס, זײַנע אויגן זוכן עפּעס אַנדערש. די לעוואָנע שטייט הויך אין הימל. פֿאַרוואָס קען מען קוקן אָף דער לעוואָנע און עס איז נישטאָ אַזאַ אויג וואָס זאָל קענען אויסהאַלטן דאָס ליכט פֿון דער זון? די פֿראַגע האָט זיך ביז איצט קיינמאָל נישט געשטעלט דער נעגער דאַמיאַן. איצט פֿאַרקלײַבט ער זיך אין דער פֿראַגע און דער קאָפּ זוכט אַ לייזונג צו איר. אַזוי אַרום זעט ער ניט דאָניאַ טערעזאַ מיט דעם קינד וואָס זי דאַרף האָבן, און ער הערט אויך ניט ווי סיניאָ באַדאַראָ' פֿרעגט זשוקאַן:

„פֿילסטו אַ פֿאַרגעניגן אין הארגענען מענטשן?... פֿילסטו גאָרניט? גאָרניט באַ דיר אינעווייניק?"

פֿאַרוואָס קען קיינער נישט קוקן אַף דער זון? קיינער האַלט נישט אויס... אויך אַף די מענטשן וואָס דאַמיאַן האָט געהאַרגעט, האָט ער דערנאָך נישט געקוקט. ער האָט קיין צײַט נישט געהאַט, ער האָט געמוזט אַנטלויפֿן ווי נאָר ער האָט אָפּגעטאָן דאָס „שטיקל אַרבעט". ער האָט אויך קיינמאָל נישט געהאַט דעם פֿאַרדראָס דערנאָך זיך צו דערוויסן אַז דער געשאָסענער לעבט, ווי דאָס האָט געטראָפֿן מיט דעם זעליקן ווייסענטע גאַראַנגוא, וואָס איז אַזוי באַרימט געוואָרן און ער איז אַף לעצט דערשאָסן געוואָרן פֿון איינעם אַף וועמען ער האָט געשאָסן. ער האָט זיך נישט פֿאַרזיכערט צי דער מענטש איז בעעמעס טויט און דערנאָך איז ער געשטאָרבן מיט דעם שרעקלעכן טויט, אַ צעשניטענער אַף שטיקלעך... דאַמיאַן איז קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן אַף די וואָס ער האָט געשאָסן. ווי זעען זיי אויס? ער האָט שוין אַ סאַך הרוגים געזען, נאָר, ווי אַזוי זעען אויס די וואָס זײַנען געפֿאַלן פֿון זײַן האַנט? ווי אַזוי וועט פֿירמאָ די נאַכט אויסזען? וועט ער פֿאַלן מיטן פּאָנעם אַראָפּ צום אייזל און דאָס אייזל וועט מיט אים אַוועקלויפֿן? אָדער ער וועט טייקעף אַראָפּפֿאַלן און דאָס בלוט וועט זיך אים גיסן פֿון דער ברוסט? אָט אַזוי וועט מען אים מאָרגן אַהיימטראָגן ווען מען וועט אים טרעפֿן ליגן. דאָניאַ טערעזאַ וועט זײַן באַצאַרט נאָך פֿון זײַן שפּעטיקן זיך. און וואָס וועט זי טאָן ווען זי וועט אים שוין זען אַ קאַלטן, אַ דערשאָסענעם פּונעם נעגער דאַמיאַן? טרערן וועלן איר רינען איבער דעם קאַלך־ווײַסן פּאָנעם. עס וועט איר עפּשער אויך שאַטן צו איר שוואַנגערשאַפֿט. עפּשער וועט זי גאָר פֿונעם שאָק האָבן דאָס קינד פֿאַר דער צײַט. עפּשער וועט זי גאָר שטאַרבן, ווײַל זי איז שוואַך, ווײַל זי איז אַזוי איידל מיט איר ווײַסקייט... און דעמאָלט וועט דער נעגער האָבן דערהאַרגעט אַנשטאָט איין מענטשן צוויי... ער וועט האָבן דערהאַרגעט אַ פֿרוי און אַ בראַוועד נעגער טוט ניט אַזוינס... און דאָס קינד? דאָס קינד האָט ער נישט גערעכנט. מיט דעם קינד — ציילט ער אַף די פֿינגער — איז דרײַ... איצט אַמפּערט ער זיך שוין ניט צי טערעזאַ שוואַנגערט. ס'איז אַ זיכערע זאַך. ער דאַרף די נאַכט האַרגענען דרײַ... אַ מאַן, אַ פֿרוי און אַ קינד. קינדער זײַנען אַזוי שיין, אַזוי גוט צום נעגער דאַמיאַן, זיי האָבן אים ליב. מיט דעם שאָס וועט ער איינס פֿון זיי דערהאַרגענען... און אויך דאָניאַ טערעזאַ, ווײַס טויט לײַב אינעם טויטנקאַסטן, די לעווײַע וועט זײַן צום פֿראַ־

דעסער צווינטער, דעם נאָנטסטן. מען וועט מוזן האָבן אַ סאַך מענטשן אַף טראָגן די דרײַ קאַסטנס. מ'עט נעמען מענטשן פון אַרום, עפּשער אויך פון באַדאַראַ'ס פאַזענדע. און דאַמיאַן וועט טראָגן דאָס בלויע קעסטל מיט דעם קינד פאַר אַ מאַלעך אָנגעטאָן... קימאַט שטענדיק איז ער דער וואָס טראָגט די קעסטלעך מיט די „מאַלאָכים" ווען עס שטאַרבט אַ קינד אין דער פאַזענדע. דאַמיאַן קריגט פעלד־בלומען, באַצירט דאָס קעסטל, טראָגט עס אַוועק אַפן אַקסל. נאָר פירמאָס קינד וועט ער נישט קענען טראָגן... דאָס האָט ער עס דאָך דערהאַרגעט... דער נעגער דאַמיאַן מאַכט ווידער אַן אָנשטרענג. זײַן קאָפּ פאָלגט אים נישט. פאַרוואָס? דער עמעס איז, אַז ער האָט דאָס קינד נישט דערהאַרגעט. אין דעם מאָמענט איז דער געדאַנק פון נישט האַרגענען פירמאָן צום ערשטן מאָל אין מויעך געקומען דעם נעגער דאַמיאַן. זייער לײַכט, קוים באַרירט; אייגנטלעך, איז ער נישט דערגאַנגען צום געדאַנק פון נישט האַרגענען. ס'איז נישט מער ווי אַ שנעל פאַרבײַלויפנדיקע זאַך, נאָר אַפילע אַזוי, האָט עס אים דערשראָקן. ווי הייסט גיט אויספירן אַ באַפעל פון סיניאָ באַדאַראָ'? אַ גלײַכער מענטש, סיניאָ באַדאַראָ'. אַכוצדעם האָט ער אים ליב, דעם נעגער דאַמיאַן, אין וועג שמועסט ער מיט אים, באַגייט זיך מיט אים קימאַט ווי מיט אַ פרײַנט. און דאָניאַ אַנאַ אויך. זיי גיבן אים געלט, זײַן לוין איז צוויי מיט אַ האַלבן מילרײַס אַ טאָג, נאָר אין דער עמעסן האָט ער אַ סאַך מער. יעדער דערשאָסענער מענטש איז אַ זיכערע באַלוינונג. אַכוצדעם וואָס ער אַרבעט וויייניק, שוין לאַנג, אַז ער גייט ניט אַף די פּלאַנטאַציעס, ער בלײַבט אַף טאָן קליינינקייטן אינעם גרויסן הויז, ער באַגלייט דעם קאָראָנעל אַף זײַנע רײַזעס, שפּילט זיך מיט די קינדער, וואַרט אַף באַפעלן צו שיסן מענטשן... זײַן מעלאָכע איז האַרגענען. דאַמיאַן גיט זיך איצט פולשטענדיק אָפּ רעכענונג דערפון. אים האָט זיך שטענדיק געדאַכט אַז ער איז אַן אַרבעטער בּאַ די באַדאַראָ'ס אין דער פאַזענדע. ערשט איצט זעט ער, אַז ער איז קוים אַ קאַפּאַנגאַ. אַז זײַן פּראָפעסיע איז האַרגענען, אַז ווען מען זאָל נישט דאַרפן אַוועקהאַרגענען מענטשן אין וועג, וואָלט ער גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן. ער באַגלייט דעם קאָראָנעל סיניאָ ניט קעדיי אים צו באַוואַכן, נאָר קעדיי צו שיסן אַף עמעצן וואָס וויל שיסן אַפן קאָראָנעל. ער איז אַ מערדער... אָט דאָס וואָרט האָט סיניאָ באַדאַראָ' אָנגעווענדעט צו זשוקאַן בעיים דעם פאַרנאַכטיקן שמועס. אַ ריכטיק וואָרט

אויך פאַר אים. און איצט וואָס טוט ער, אַז ניט ער וואַרט אָפּ אַ מענטשן אים צו דערשיסן? עפּעס פילט ער אינעווייניק, עפּעס שרעקלעך ווייטיק־לעכס. עס טוט אים ווי אַ וווּנד. ווי מען וואָלט אים אינעווייניק מיט מעסערס צעשטאָכן. די לעוואָנע גלאַנצט איבערן שווייַגנדיקן וואַלדלאַנד. דאַמיאַן דערמאָנט זיך, אַז ער קען פאַרדרייען אַ ציגאַרעט און וועט האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען.

ווען ער האָט פאַררייכערט איז אים דער געדאַנק ווידער אַרויפגעקו־מען: און אַז איך זאָל נישט האַרגענען פירמאַ'ן? איצט קומט שוין דער געדאַנק ווי אַ באַשטימטע זאַך. מיטן טראַכטן דערין, האָט דאַמיאַן זיך אַליין אויסגעפונען. ניין, דאָס קען ניט זיין. דאַמיאַן ווייס גאַנץ גוט צו וואָס סיניאָ באַדאַראָ' באַדאַרף פירמאָס טויט. דערמיט וועט אים גרינ־גער זיין צו באַקומען זיין פּלאַנטאַציע און עפענען דעם וועג צו די וועל־דער פון סעקיירא גראַנדע. ווען די באַדאַראָ'ס וועלן האָבן יענע וועלדער, וועלן זיי האָבן די גרעסטע פאַזענדע אין דער וועלט, זיי וועלן האָבן מער קאַקאַאָ ווי אַלע אַנדערע צוזאַמען. זיי וועלן זיין רייכער פונעם קאָראָנעל מיסאַעל אַפילע. ניין, ניט ליקווידירן היינטיקע נאַכט פירמאָן וואָלט גע־מיינט אָפּנאַרן דעם צוטרוי וואָס סיניאָ האָט צו אים. אויב ער האָט גע־שיקט דעם נעגער דאַמיאַן, הייסט עס, אַז ער האָט זיך פאַרלאָזט אָף אים. ער מוז האַרגענען. אין דעם געדאַנק קלאַמערט ער זיך. ער האָט אַזוי פיל מענטשן געהאַרגעט, איז פאַרוואָס זאָל עס אים היינט שווער זיין? דאָס ערגסטע איז מיט טערעזען, די ווייַסע דאָניאַ טערעזאַ מיט איר קינד אי־נעם בויך. זי וועט זיכער שטאַרבן, ס'קינד אויך. דאָניאַ טערעזאַ שטייט אים פאַר די אויגן. פריִער האָט זיך געגאָסן די ווייַסע לעוואָנע־שייַן, איצט איז עס ס'ווייַסע פּאָנעם פון פירמאָס ווייַב. ער זאָל אַפילע זיין שיקער, איז זיך עס ניט צו גלייבן. אַנדערע טרינקען איידער זיי גייען שיסן אַ מענטשן. ער האָט עס קיינמאָל נישט באַדאַרפט. ער איז שטענדיק געווען אַ רויִקער, אַ פאַרגלייבטער אין זיין גוטן ציִלן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געניייטיקט אין קיין טרונק בראָנפן, ווי אַנדערע, וואָס שיקערן זיך אָן קעדיי צו קענען שיסן אָף אַ מענטשן. נאָר היינט פילט ער זיך ווי ער וואָלט אַ סאַך געטרונקען און די קאַניאַ איז אים צום קאָפּ צוגעטראָטן. ער זעט דאָניאַ טערעזאַס ווייַסן פּאָנעם אָף דער ערד. פריִער איז עס געווען די לעוואָנע, מילך־ווייַסקייט צעגאָסן אָף דער ערד. געוואָרן איז דערפון

דאַניאַ טערעזאַ מיט אַ ווײַסן באַצאַרטן פּאַנעם, אַ פּאַנעם צעעפֿנט מיט טראַגישן שטוינען: זי וואַרט אַף איר מאַן אַף ליבע און ער קומט אַ טויטער, מיט אַ קויל אין דער ברוסט. פון דער ערד קוקט זי אַפן נעגער דאַמיאַן. זי בעט אים ער זאָל ניט האַרגענען איר מאַן, ווי גאָט איז אים ליב, זאָל ער אים ניט האַרגענען... אַף דער לעוואַנע באַגאָסענער ערד זעט דער נעגער אויסגעצייכנט טערעזעס פּאַנעם. זײַן גאַנצער ריזן־קערפּער שוידערט אויף.

ניין, ער קען איר ניט נאָכגעבן, דאַניאַ טערעזען. סיניאָ באַדאַראָ׳ האָט אים געשיקט, דער נעגער דאַמיאַן מוז עס טאָן. ער קען ניט אָפּנאַרן דעם צוטרוי פון אַ רעכטן מענטשן ווי סיניאָ באַדאַראָ. וואָלט אים געוועזן שיקן זשוקאַ... נאָר אים האָט געשיקט סיניאָ; דאַניאַ טערעזאַ, דער נע־גער קען גאָרנישט מאַכן. שולדיק איז אויך אײַער מאַן... פאַרוואָס, דער טײַוול ווייס אים, פאַרקויפט ער זיי ניט דאָס פעלד? זעט ער דען ניט, אַז אַקעגן די באַדאַראָ׳ס קען מען ניט גיין? פאַרוואָס פאַרקויפט ער ניט דאָס פעלד, דאַניאַ טערעזאַ? וויינט ניט, וואָרעם דער נעגער דאַמיאַן קען זיך נאָך אויך צעוויינען... און אַ בראַוווער שלעגער טאָר ניט וויינען, ער וועט נאָך פאַרלירן זײַן כשיוועס. דער נעגער דאַמיאַן שווערט אײַך, אַז ווען ער קען, וואָלט ער פירמאַן ניט געשאָסן. נאָר סיניאָ שיקט אים, מוז דער נעגער דאַמיאַן אויספּאָלגן...

ווער האָט עס געזאָגט, אַז דאַניאַ טערעזאַ איז אַ גוטע? ס׳אַליגן. אָט עפֿנט זי דאָס מויל און זאָגט נאָך מיט אַ זינגענדיקן קאָל סיניאָ באַדאַראָ׳ס ווערטער:

„פילסט אַ פאַרגעניגן אין האַרגענען מענטשן?... פילסטו גאָרניט? גאָרניט בא דיר אינעווייניק?

איר קאָל איז זינגעוודיק, אָבער אויך שרעקלעך. ס׳הערט זיך ווי אַ קלאָלע אינעם וואַלד, אינעם נעגערס אײַנגעשראָקענעם האַרץ. דער ציגאַ־רעט איז פאַרלאָשן. ער האָט נישט דעם מוט אָנצוצינדן אַ שוועבעלע, קעדיי ניט צו צעוועקן די וואַלד־גײַסטער. ערשט איצט טראַכט ער פון זיי, וואָרעם דאַניאַ טערעזעס פּאַנעם, וואָס צייכנט זיך אַף דער ערד, איז זיכער עפּעס אַ קישעף. דאַמיאַן ווייס אַז אַ סאַך מענטשן שילטן אים מיט שרעקלעכע קלאָלעס. קרוויוים פון מענטשן וואָס ער האָט דערשאָסן. שרעקלעכע קלאָלעס אין מינוטן פון לײַדן און האַס. נאָר דאָס זײַנען

ווײַטע זאכן, דאמיאן ווייס זיי נאָר פון הערן. איצט ניט. איצט איז דאָ־ניאַ טערעזאַ דאָ, מיט אירע טרויעריקע אויגן, מיט איר ווײַסן פּאָנעם און מיט איר זינגעווריקן און שרעקלעכן קאָל. זי שילט דעם נעגער דאמ־יאן, זי פרעגט אים צי פילט ער ניט גאָרניט אינעווייניק, דאָרט אין דער טיפעניש פון זײַן האַרץ. יאָ, ער פילט, דאָניאַ טערעזאַ. וואָלט דער נע־גער דאמיאן קענען וואָלט ער נישט געשאָסן פירמאָן! נאָר ער האָט קיין ברירע ניט, נישט ווײַל ער וויל, ניין...

און אז איך זאָל זאָגן אַ קויל האָט נישט געטראָפן? דאָס באַלײַכט אים אַ נײַער געדאַנק זײַן מויעך. אַ סעקונדע בלויז האָט ער דערזען די לעוואָנע אַנשטאָט טערעזעס פּאָנעם. ער וואָלט זײַן נאָמען פאַרלוירן. אנ־דערע שלעגערס טרעפט עס ניט, ביפראַט דעם נעגער דאמיאן. זײַן שיסן איז דער בעסטער אין דער גאַנצער קאַקאַאָ־געגנט. ער האָט קיינמאָל נישט באַדאַרפט צוויי מאָל שיסן אַף דערהאַרגענען אַ מענטשן. מיט דעם ערשטן שאָס איז שטענדיק געגוג געווען. ער וועט זײַן נאָמען אָנווערן, אַלע וועלן לאַכן פון אים, ווײַבער אפילע, קינדער. סיניאָ באַדאַראָ וועט זײַן אָרט אַ צווייטן אָפּגעבן... ער וועט ווערן אַן אַרבעטער גלײַך מיט אַנדערע, וועט שנײַדן קאַקאַאָ, שמײַסן אייזלען, טאַנצן אינעם „באַרקאַס" אַף טריקענען די ווייכע קערנער. אַלע וועלן לאַכן פון אים. ניין, ער קען ניט. אַבוצדעם וועט ער אויך אַזוי אָפּנאַרן דעם צוטרוי פון סיניאָ באַדאַראָ'. דער קאָ־ראָנעל דאַרף האָבן פירמאַן אַ טויטן, שולדיק איז פירמאָ אַליין וואָס ער איז אַזאַ אַקשן.

דאָניאַ טערעזאַ ווייס פון אַלץ אין דער וועלט, אַן עמעסער גײַסט איז זי; פון דער ערד, ווו איר פּאָנעם פאַרנעמט איצט ווידער דאָס אָרט פון דער לעוואָנע, דערמאָנט זי דעם נעגער, אַז סיניאָ איז דעם פאַרנאַכט געווען ניט אַנטשלאָסן, אַז ער האָט געשיקט די מענטשן נאָר ווײַל זשוקאַ האָט אים געצווונגען. דאמיאן הייבט מיט די אַקסלען... צי דען איז סיניאָ באַדאַראָ' אַ מענטש וואָס באַשליסט עפּעס נאָר דערפאַר וואָס זשוקאַ שטייט צו צו אים?... דאָס הייסט נישט קענען סיניאָ באַדאַראָ'... קענטיק, אַז דאָניאַ טערעזאַ קען אים ניט... נאָר זי דערמאָנט אים דעטאַלן, און דער נעגער דאמיאן פאַרלירט שוין זײַן זיכערקייט. און עפּשער וויל גאָר סיניאָ אַליין ניט, אַז פירמאָ זאָל אומקומען? עפּשער איז אים אויך אַ שאָד דאָ־ניאַ טערעזאַ? ס'קינד וואָס זי טראָגט אינעם בויך? עפּשער פילט ער

אויך עפּעם אינעווייניק ווי דער נעגער דאמיאן? דאמיאן דריקט דעם קאפּ מיט די הענט. ניין, ס'איז נישט עמעס, ס'איז אַלץ אויסטראַכטענישן פון דאַניאַ טערעזאַ, פון דאַניאַ טערעזאַ מיט איר קישעף. ווען סיניאַ באַדאַראַ' זאָל נישט געווען ווען אַז פּירמאַ זאָל אומקומען, וואָלט ער אים ניט געשיקט. סיניאַ באַדאַראַ' טוט נאָר דאָס וואָס ער וויל. דערויף איז ער רייך און איז דער קאָפּ פון דער פאַמיליע. זשוקאַ האָט פאַר אים מוירע, מיט זיין גאַנצער באַרימערישער העלדישקייט. ווער האָט דען נישט מוירע פאַר סיניאַ באַדאַראַ'? איין נעגער דאַמיאַן. נאָר אויב ער וועט נישט האַר־גענען פּירמאַן, וועט ער זיין גאַנץ לעבן מוירע האָבן, קיינמאָל נישט קענען קוקן אים אין די אויגן.

דאַניאַ טערעזעס קאָל לאַכט פונעם נעגער: „איז בלויז איים מוירע פאַר סיניאַ באַדאַראַ' וועט איר האַרגענען פירמאַן? אוים מוירע פאַר סי־ניאַ באַדאַראַ'? און דאָס איז דער נעגער דאַמיאַן, וואָס האַלט זיך פאַר דעם בראַווסטן שלעגער אין דער גאַנצער געגנט?... דאַניאַ טערעזאַ לאַכט, איר לויטערער כויזעק־געלעכטער צעטרייסלט דעם נעגערס נערוון. ער איז אינגאַנצן אַ צעטרייסלטער. דאָס געלעכטער גייט פון דער ערד, פונעם וואַלד, פונעם וועג, פונעם הימל, פון אומעטום, אַלע זאָגן אַז ער האָט מוירע, אַז ער איז אַ פּאַכדן, ער, דער נעגער דאַמיאַן, וואָס זיין נאָמען גייט אַף די בלעטער...

„לאַכט נישט, דאַניאַ טערעזאַ, וואָרעם איך קען אייך נאָך אַ קויל אַריינשיסן. איך האָב קיינמאָל קיין פרוי ניט געשאָסן, אַ מאַן טוט עס ניט. נאָר כ'בין קאַפּאַל וואָסמיסע צו שיסן, אויב וואָסמיסע וועט ניט אויפהערן לאַכן. פונעם נעגער דאַמיאַן לאַכט מען נישט, דאַניאַ טערעזאַ. דער נעגער האָט קיין מוירע נישט פאַר סיניאַ באַדאַראַ'... ער האָט אַפשיי, ער וויל ניט אָפּנאַרן דעם צוטרוי פון סיניאַ באַדאַראַ... איך שווער אייך, אַז נאָר דערפאַר... לאַכט ניט, וואָרעם איכל אייך אַ קויל אַריינשיסן, אין אָט דעם ווייסן פּאָנעם..."

מען דריקט אים די ברוסט. וואָס אַזוינס האָט מען אַף אים אַרויפגע־לייגט? ס'איז אַ קישעף, אַ פאַרשעלטעניש. אַ פאַרשעלטעניש פון אַ פרוי קעגן דעם נעגער. פונעם וואַלד רעדט נאָך אַ קאָל די ווערטער פון סיניאַ באַדאַראַ'.

„פילסטו אַ פאַרגעניגן אין האַרגענען מענטשן?... פילסטו גאָרניט?

גאָרניט בײַ דיר אינעווייניק?"

דער גאַנצער וואַלד לאַכט פון אים, דער גאַנצער וואַלד שרײַט אָט די ווערטער, דער גאַנצער וואַלד דריקט זײַן האַרץ, טאַנצט אים אין קאָפּ. אַקעגן זיך האָט ער דאָניאַ טערעזאַ, ניט אינגאַנצן, בלויז איר פּאָנעם. ס׳איז קישעף, פאַרשטעלונג. דאַמיאַן ווייס גאַנץ גוט וואָס זיי ווילן. זיי ווילן ער זאָל ניט שיסן פירמאָן... דאָניאַ טערעזאַ בעט זיך בײַ אים. וואָס קען ער טאָן? סיניאָ באַדאַראָ איז אַ גלײַכער מענטש, דאָניאַ טערעזאַ האָט אַ ווײַס פּאָנעם. זי וויינט... אָבער, ווער איז עס? איז עס דאָניאַ טערעזאַ מיט איר פּאָנעם אָף דער ערד אָדער איז עס דער נעגער דאַמיאַן? ער וויינט... דאָס טוט וויי מער ווי אַ שניט מיטן מעסער, ווי דאָס טשישען פון דער גלײַזקער קויל אָפּן נעגערס לײַב.

מען האָט בײַ אים די הענט צוגענומען. ער קען ניט האַרגענען. מען האָט זײַן האַרץ צוגענומען, ער מוז האַרגענען... איבער דאַמיאַנס שוואַרצן פּאָנעם וויינען דאָניאַ טערעזעס בלויע אויגן... דער וואַלד טרייסלט זיך פון געלעכטער, ער טרייסלט זיך פון געוויין. דער נאַכט־קישעף נעמט אַרום דאַמיאַנען. ער זעצט זיך אָף דער ערד און וויינט אַזוי שטיל און ווייך ווי אַ באַשטראָפט קינד.

אַ טראָט פון אַן אייזל אָפּן וועג הערט זיך אַלץ דײַטלעכער, אַלץ נענטער. אין דער לעוואָנע־שײַן באַווײַזט זיך פירמאָס געשטאַלט. דער נעגער דאַמיאַן שוידערט אויף מיטן גאַנצן גוף, ער הייבט זיך אויף, אַ קנופּ שטייט אים אין האַלדז, די הענט ציטערן אים אָף דער ביקס. דער וואַלד שרײַט אַרום אים. פירמאָ קומט צו.

## VII

באַקאַראַטער קרישטאָל... — קלאַפּט אָן האָראַסיאָ מיטן פינגער אײַנעם באָקאַל. אַ העלער קלאַנג צעטראָגט זיך איבערן טיש. האָראַסיאָ גיט נאָך צו: ס׳האָט מיך געקאָסט אַ היפּשע מאַטבייע... כ׳האָב זיי געקויפט צו דער כאַסענע, קיין ריאָ האָב איך נאָך זיי געשיקט.

דאָקטאָר ווירזשיליאָ נעמט זײַן באָקאַל. טראָפּנס פּאָרטוגעזישער ווײַן באַפאַרבן מיט בלוט די דורכזיכטיקייט פונעם קרישטאָל. ער הייבט אים פאַר די אויגן:

— אַ ראַפינירטער געשמאַק.

ריידן רעדט ער צו אַלעמען, נאָר זײַן בליק שטעלט ער אָפּ אָף עס־

טערן, ווי ער וואָלט איר געזאָגט, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער געשמאַק איז אייערער. ער רעדט מיט זיין שיינער, פולער און מאַדולירטער שטימע און ער קלייַבט אונטער די ווערטער, ווי ער וואָלט געווען אַף אַ טורנעע פון אָראַטאָריע. ער פאַסמאַקעוועט דעם ווייַן ווי אַ מייוון, מיט קליינע שלוקן, וואָס באַווערטיקן דעם געטראַנק. זייַנע פייַנע מאַנירן, זייַנע שמאַכטנ־דיקע בליקן, זיין בלאָנדע פריזור, אַלץ איז אין סטירע מיט דעם עסצימער. האָראַסיאָ פילט עס אַביסל אומקלאָר, מאַנעקאַ דאַנטאַס גיט זיך אָפּ בעשבן דערפון. נאָר פאַר עסטערן עקזיסטירט גאָרניט דאָס עסצימער. דעם יונגן אַדוואָקאַטס זיצן באַם טיש טראָגט זי האַסטיק אַוועק ווייַט פון דער פאַזענדע און וואַרפט זי אַרייַן אין פאַרגאַנגענע טעג. זי איז נאָר איצט אין דער מיידל־שול אַף אַ גרויסן סאַף־יאַר־יאַנטעוו, ווו מען טאַנצט מיט די פייַנסטע און כאָשעוועסטע יונגעלייַט פון דער הויפּטשטאָט. פון אַלץ שמייכלט זי, אויך זי טרייַבט איבער די רייד און די האַלטונג. זי איז באַהערשט פון אַ זיסן קימאַט פריילעכן טרויער. „ס'איז פונעם ווייַן", טראַכט זיך עסטער. דער ווייַן גייט איר לייַבט אין קאָפּ אַרייַן. זי טראַכט און טרינקט. זי טרינקט אויך דאָקטאָר ווירזשיליאָס ווערטער:

— געווען איז עס אַ יאָנטעוו באַם סענאַטאָר לאַגאָ אין שטוב... אַ טאַנץ־אָוונט צום יאָרטאָג פון זיין דערוויילונג. סאַראַ יאָנטעוו דאָס איז געווען, דאָניאַ עסטער! ס'איז זיך קוים פאָרצושטעלן. אַ העכסט אַריסטאָ־קראַטישע געזעלשאַפט. די פּייַוואָס זייַנען געווען, — עסטער קען די פּייַוואָס, זיי זייַנען געווען אירע כאַווערטאָרנס, — מאַרושאַ האָט אַלעמען אַנטציקט, אין בלויען טאַפעט, אַ כאַלעם...

— זי איז אַ שיינע... — זאָגט עסטער און לייגט אַרייַן אין דער שטים אַ ביסל אייַנגעהאַלטנקייט, וואָס גייט ניט פאַרלוירן פאַר דעם דאָק־טאָר ווירזשיליאָ...

— ניין, פונדעסטוועגן, די שענסטע אין שול, אין יענער צייַט... טייַטשט אויס דער אַדוואָקאַט, און עסטער פאַררויטלט זיך. זי נעמט ווידער אַ ביסל ווייַן.

ווריזשיליאָ דערציילט ווייַטער. ער רעדט פון מוזיק, ער דערמאָנט זיך אַ נאָמען פון אַ וואַלס. עסטער דערמאָנט זיך די מעלאָדיע. האָראַסיאָ וואַרפט אַרייַן אַ וואָרט:

— עסטער איז אַ גאַנצע פּיאַניסטקע, ע!

— שפעטער, נאכן עסן, וועלן מיר האבן דאס פארגעניגן זי צו הערן שפילן. זי וועט אונדז נישט אפזאגן דעם פארגעניגן.

עסטער זאגט, אז זי וועט ניט שפילן, מאכמעס שוין לאנג אז זי שפילט ניט, זי האט אנגעוואָרן די פלינקייט אין די פינגער און דערצו איז די פיאנא ניט אנגעשטימט, א שרעק; זי שטייט אזוי פארלאזן אין דעם עק וועלט...

נאר ווירזשיליא וויל ניט הערן פון טערוצים און בעט האראסיאן ער זאל פויעלן בא דאניא עסטער זי זאל זיך אפלאזן פון דער באשיידנקייט און „אנפילן דאס הויז מיט הארמאנישע קלאנגען". האראסיא שטייט צו צו איר:

— הער דיך אויף ברעקלען און שפיל, זאל דער יונגערמאן דיך הערן שפילן. איך וויל אויך הערן... נאך אלעמען האב איך אין דער פיאנא א מאטבייע אריינגעבראכט, די גרעסטע פיאנא אין באהיא, די עמעסע ארבעט געווען זי אהערברענגען, און צו וואס? ארויסגעווארפן געלט... זעקס קאנטאס ריים...

ער באזערט עס איבער, ווי ער וואלט זיך פון הארצן אראפגערעדט:

— זעקס קאנטאס ארויסגעווארפענע... — און ער קוקט דערביי צו מאנעקא דאנטאס, וואס קען אים מיטפילן.

מאנעקא דאנטאס טראכט זיך אז ער דארף אים אונטערהאלטן:

— זעקס קאנטאס איז א סאך געלט... א פלאנטאציע...

דאקטאר ווירזשיליא פילט זיך מיט גארנישט געבונדן:

— וואס זיינען זעקס קאנטאס, זעקס נישטיקע קאנטאס, ווען מען גיט זיי אוים אף צו פארשאפן פרייד דער פרוי, קאראנעל? — און ער הייבט דערביי אויף דעם פינגער, נאנט צום קאראנעלס פאנעם, דעם פינגער מיט דעם געפוצטן נאגל און מיט דעם שרייענדיקן רובין אף זיין אדוואקאטן־רינג. — דער קאראנעל זאגט, נאר איך בין זיכער, אז ער האט נאך קיינמאל נישט אויסגעגעבן זעקס קאנטאס מיט אזא צופרידנקייט ווי דעמאלט ווען ער האט געקויפט די פיאנא. נישט ריכטיק?

— אז איך האב זיי אויסגעגעבן מיט צופרידנקייט איז ריכטיק. זי האט געשפילט פיאנא בא איר פאטער אין שטוב... איך האב נישט גע־וואלט זי זאל ברענגען מיט זיך יענע פיאנא, א קליינע, א צעקראצטע, זייער א פראסטע, — ער האט מיט זיין גרויסער האנט געמאכט א ביטל־

זשעסט, — איך האָב געקויפט די דאָזיקע, נאָר זי שפּילט נישט קימאַט, איין מאָל אין לעבן...

עסטער הערט און שווייַגט, עס הייבט זיך אין איר אַ האַס, נאָך אַ גרעסערער ווי אין דער כאַסענע־נאַכט, ווען האָראַסיאָ האָט פון איר די קליידער אַראָפּגעריסן און האָט זיך אויף איר לייַב אַרויפגעוואָרפן. זי איז אַביסל פאַרשיקערט פונעם ווייַן און אויך פון ווירזשיליאָס ווערטער, און האָט ווידער באַקומען די פאַרכאַלעמטע און אומרויִקע אויגן פון דער אַמאָליקער סעמינאַריסטקע. און זיי זעען האָראַסיאָן ווי אַ גרויסן שמור־ציקן כאַזער, פּונקט אַזאַ ווי דער כאַזער פון דער פאַזענדע וואָס ניאַרעט זיך אין דער בלאָטע באַם וועג. און ווירזשיליאָ וואַקסט פאַר איר אויס ווי אַ וואַנדער־ריטער, אַ מושקעטער, אַ פראַנצויזישער דיוק, אַ געמיש פון די אַלע העלדן וואָס זי געדענקט פון די פראַנצויזישע ראָמאַנען, אַלע נאָבל, געוואַגט און שיין. נישט געקוקט אויף קיין זאַך, נישט געקוקט אויף דעם האַס, איז דער נאַכטמאָל אַ פּרעכטיקער, זי דערלאַנגט נאָך ווייַן און גיט צו ווייסן מיט אַ שמייכל.

— אויב אַזוי שפּיל איך... — זי זאָגט עס צו ווירזשיליאָן און דרייט זיך אום צו האָראַסיאָן: — האָסט מיך קיינמאָל נישט געבעטן... — איר שטים איז צאַרט און ווייך און איר האַס איז באַפרידיקט, זי קען זיך איצט נוקעם זייַן. זי זאָגט נאָך עפּעס, זי האָט כיישעק אים צו ערגערן: — איך האָב געמיינט האָסט פייַנט מוזיק... איצט אַז איך ווייס האָסט ליב פּיאַנאָ, וועל איך זי שוין נישט צורו לאָזן.

פאַר האָראַסיאָן איז אַלץ פאַרענדיקט. דאָס זייַנען גאָרנישט קיין גע־ווייַנלעכע ווערטער. ס'איז גאָרנישט די פריערדיקע עסטער. זי איז אַן אַנ־דערע. זי האָט שטענדיק געטראַכט פון אים, פון זייַנעם אַ פאַרלאַנג, האָט נעהאַט צו אים אַ גוטן געפיל, עפּעס וואָס האָט אייַנגעבראָכן די דיקע שיכטן וואָס האָבן באַדעקט זייַן האַרץ, און האָט עס באַוואָשן מיט גוטס־קייט. ער איז עפּשער געוועזן אומגערעכט צו עסטערן... ער האָט זי נישט פאַרשטאַנען, זי איז פון אַן אַנדער סוויווע... ער פאַרשטייט, אַז עפּעס מוז ער איר צוזאָגן אַ זייער גרויסע זאַך, אַ זייער גוטע זאַך, וואָס זאָל זי גליקלעך מאַכן, און ער זאָגט:

— אויף יאַנטויווים וועלן מיר פאָרן קיין באַהיִאַ... — ער רעדט צו איר, נאָר צו איר, אַבוץ איר זעט ער קיינעם נִיט באַם טיש.

און דער שמועס באקומט ווידער זײַן נאָרמאַלן גלאַנץ. דער שמועס ווערט געפירט קימאַט אויסשליסלעך פון עסטערן און ווירזשיליאָן, זיי שילדערן יאַנטויוויום, דיסקוטירן איבער מאָדעס, מוזיק, ראָמאַנען. האָראַסיאָ איז פאַרוויקלט אין דער באַוווּנדערונג פון זײַן פרוי און מאַנעקאַ דאַנטאַס קוקט מיט זײַנע ביטערע אויגן.

— מיר געפעלט זשאָרזש אָנעט, — זאָגט עסטער, — איך האָב געװיינט, ווען איך האָב געלייענט „דער האַר פון די שמידערײַען".

דאָקטאָר ווירזשיליאָ ווערט אַביסל מעלאַנכאָליש:

— איר האָט אין דעם ראָמאַן געפונען עפּעס אויטאָביאָגראַפישעס?

האָראַסיאָ און מאַנעקאַ פאַרשטייען נישט און עסטער גופא כאַפּט זיך ניט אַזוי גיך וואָס ער מיינט, נאָר ווען זי כאַפּט זיך, לייגט זי צו אַ האַנט צום פּאָנעם און לייקנט עס נערוועזש:

— אָ, ניין, ניין!

דאָקטאָר ווירזשיליאָ גיט אַ זיפץ.

— אַך!

זי געפינט אוים אַז ער גייט צו ווײַט.

— דאָס הייסט ניט...

נאָר ער וויל נישט וויסן, ער שטראַלט, די אויגן גלאַנצן אים און ער פרעגט, אַף צו פאַרענדיקן:

— און זאָלאַ, איר האָט געלייענט זאָלאַ?

ניין, זי האָט אים נישט געלייענט, די מאָנאַשקעס אין שול דערלויבן ניט. ווירזשיליאָ מיינט, אַז פאַר יונגע מיידלעך איז ער בעעמעס נישט פּאַסיק, נאָר פאַר אַ כאַסענע געהאַטער דאַמע... ער האָט באַ זיך אין אַי־ליעוס „זשערמינאַל". ער וועט אים איר צושיקן.

די נעגערטעס דערלאַנגען דעסערטן אָן אַ סאָף. עסטער לייגט פּאָר טרינקען קאַפּע אינעם זאַל. ווירזשיליאָ הייבט זיך אויף, רוקט אָפּ דעם שטול אַף וועלכן ער איז געזעסן און מאַכט זיך פּלאַץ אַפּירצוגיין. האָראַ־סיאָ קוקט מיט אַ געוויסער ווײַטער קינע צו אים. מאַנעקאַ דאַנטאַס באַ־וווּנדערט דעם אַדוואָקאַטס מאַנירן. ער האַלט אַז דערצויגנקייט איז אַ גרויסע זאַך, און טראַכט וועגן זײַנע קינדער און שטעלט זיך זיי פאָר אין דער צוקונפט ענלעכע צו דאָקטאָר ווירזשיליאָ. עסטער גייט אַרויס פון־נעם עסצימער. די מענער גייען איר נאָך.

אין דרויסן זיפּט זיך אַ דין רעגנדל דורך דער לעוואַנע־שײַן. שטערן זײַנען פּאַראַן אַ סאַך, קיין שום אַנדער שײַן פאַרשטעלט ניט די שײַן פון הימל. ווירזשיליאַ גייט צו צו דער טיר, מאַכט אַ טראַט אַף דער גאַלעריע, פעליסיאַ קומט אַרײַן מיט דער טאַץ קאַפע, עסטער סערווירט צוקער. ווירזשיליאַ דרייט זיך אום און זאָגט, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט אַ ליד:

— אין וואַלד נאָר זעט מען אַזאַ שיינע נאַכט...

— יאָ, שיין... — האַלט אים אונטער מאַנעקאַ דאַנטאַס און מישט זײַן טעפּעלע קאַפע. ער דרייט זיך אום צו עסטערן: — נאָך איין לעפעלע, קוואַטערן. איך האָב ליב שטאַרק זיסע קאַפע... — און ער דרייט זיך ווידער אום צו אַדוואָקאַט, — זייער אַ שיינע נאַכט און דאָס שפּריי־רעגנדל גיט איר צו נאָכמער כיין... — ער באַמיט זיך אָנהאַלטן דעם טאָן וואָס ווירזשיליאַ מיט עסטערן האָבן געגעבן דעם שמועס, און איז צופרידן, ווײַל ער האָט דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט געזאָגט אַ פראַזע ענלעך צו זייערע.

— און דער דאָקטאָר? אַ ביסל אָדער אַ סאַך צוקער?

— אַ ביסל, דאַניאַ עסטער... גענוג, פיל דאַנקען... מיינט איר ניט, אַז דער פּראָגרעס טייט אָפּ די שיינקייט?

זי גיט איבער די צוקער־פּושקע פעליסיאַן און וואַרט אַ מינוט מיטן ענטפער. זי איז פאַרטראַכט און ערנסט.

— איך מיין, אַז דער פּראָגרעס האָט אין זיך זייער אַ סאַך שיינקייט...

— אין די גרויסע שטעט אָבער, זעט מען ניט, צוליב דער באַלײַכטונג, די שטערן, דאַניאַ עסטער... די הימלשע און די ערדישע...

— פאַראַן אָבער נעכט נישט קיין אויסגעשטערנטע... — עסטערס קאָל גייט פון דער טיף, פון האַרצן, — אין שטורעם־נעכט איז דאָ שרעקלעך...

— שרעקלעך שיין מוז עס זײַן... — די פראַזע הייבט זיך איבערן זאַל, טאַנצט פאַר אַלעמענס אויגן. ער גיט צו: — גרויליק שיין...

— קען זײַן... — זאָגט עסטער, — נאָר איך האָב אין אַזוינע נעכט מוירע, — און זי קוקט צו אים מיט אַ בעטנדיקן בליק, ווי צו אַ לאַנגיאָריקן פרײַנט.

ווירזשיליאַ מערקט, אַז דאָס איז נישט געמאַכט און עס טוט אים ווי

פאר איר, שטארק ווי. ער קוקט אף איר אין דעם מאָמענט זייער צערט־לעך און מיט עמעסן אינטערעס. די פריִערדיקע פריילעכע און ביטרע גע־דאנקען פארשווינדן און אף זייער אָרט קומט עפּעס וואָס איז ערנסטער און טיפער.

האָראַסיאָ קומט אונטער.

— איר ווייסט פאַרוואָס אָט דער נאַר האָט אַזוי מוירע, דאָקטאָר? פאַרן געשריי פון די זשאַבעס, ווען די שלאַנגען אין טײַכל שלינגען זיי...

דאָקטאָר ווירזשיליאָ האָט שוין אויך געהערט דעם געשריי און אויך אים האָט דאָס האַרץ פאַרקלעמט. ער גיט שטיל א זאָג:

— כ'פאַרשטיי!...

א גליקלעכער מאָמענט איז עס, אירע אויגן זײַנען לויטער און עס שטראַלט אין זיי א געזונטע פרייד. באביידן איז עס איצט נישט געמאַכט. איין רעגע נאָר, און ס'איז געגנוג. זי האָסט שוין גיט אפילע האָראַסיאָן...

זי גייט צו צו דער פּיאַנאָ. מאַנעקאַ דאַנטאַס נעמט אויסלייגן זײַן אַי־ניען פאַר ווירזשיליאָן. א וויכטיקער „קאַשישע", אַן איניען פון א סאַך קאַנ־טאָס רײַס. ווירזשיליאָ באַמיט זיך אים אויסצוהערן. האָראַסיאָ קומט אונ־טער מיט זײַן עקספּעריענץ. ווירזשיליאָ דערמאָנט א געזעץ. עס דערהערן זיך די ערשטע אַקאָרדן אינעם זאַל. דער אַדוואָקאַט צעשמייכלט זיך:

— פריִער לאָמיר הערן דאָניאַ עסטער. דערנאָך וועלן מיר פאַרגרע־סערן אײַער פאַזענדע...

מאַנעקאַ דאַנטאַס שטימט צו מיט א האַנט־באַוועג. דער וואַלס פילט זיך ענג אין זאַל, ער רײַסט זיך אַפּן פעלד אַרויס, צום וואַלד הינטער דער שטוב. אַף דער סאָפע, זאָגט מאַנעקאַ דאַנטאַס אַרויס זײַן מיינונג:

— א פײַנער יונגערמאַן, עָ? און א טאַלאַנט! מען זאָגט ער איז אויך א פּאָעט... ווי שיין ער רעדט... מיר זײַנען פאַרזאָרגט מיט א גוטן אַדוואָ־קאַט... א מענטש מיט געהירן אין קאָפּ.

האָראַסיאָ שטרעקט אויס זײַנע גרויסע הענט, רײַבט זיי איינע אָן דער אַנדערער און גיט זײַנעם א שמייכל אין זיך אַרײַן.

— און עסטער? וואָס זאָגט איר, גוטער ברודער, אַף איר? וועד נאָך אין איליעוס, אין באַהיִאַ אפילע, — ער באַזערט איבער, — אפילע אין באַהיִאַ, האָט אַזאַ דערצויגענע פרוי... זי איז באַקאַנט אין די אַלע זאַכן: פראַנצויזיש, מוזיק, זשורנאַלן, אַלץ... זי האָט א קאָפּ, — ער קלאַפּט זיך

מיטן פינגער אין שטערן, — ס׳איז ניט נאָר שיינקייט... ער רעדט מיט שטאָלץ, ווי אַ באַלעבאָס וואָס לויבט זײַן אייגנס. אין זײַן קאָפּ שפּירט זיך גאַדלעס. ער איז גליקלעך, ווײַל ער שטעלט זיך פאָר אַז עסטער שפּילט פאַר אים, זי שפּילט ווײַל ער האָט זי געבעטן. מאַנעקאַ דאַנטאַס איז מאַסקים, ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ. „זי איז אַ דערצויגענע פרוי, יאָ!״

ווירזשיליאָ, מיט באַגײַסטערטע אויגן, טראַלאַלעקעט די מעלאָדיע באַ דער פּיאַנאָ. ווען עסטער פאַרענדיקט און וויל זיך אויפהייבן, דערלאַנגט ער איר די האַנט איר צוצוהעלפן. זי בלײַבט שטיין, גאַנץ נאָענט צו אים. בעיים ווירזשיליאָ אַפּלאָדירט, גיט ער אַ מורמל אַזוי אַז נאָר זי זאָל הערן:

— ס׳איז ווי אַ פייגעלע אינעם מויל פון אַ שלאַנג...

מאַנעקאַ דאַנטאַס בעט ענטוזיאַסטיש נאָך איין מוזיקשטיק. האָראַסיאָ קומט צו, עסטער שטרענגט אָן אַלע אירע קויכעס און האַלט אײַן די טרערן.

## VIII

דער נעגער דאַמיאַן, אַ פאַרשטעקטער אין לויער, וואַרט אָפּ אַ מענטשן באַם ראַנד פונעם וואַלדלאַנד. אין לעוואָנע־שיין זעט זיך האַלוצינאַציעס און לײַדט. באַם ראַנד פון אַ צווייטן וואַלדלאַנד, אינעם זאַל פון אַ גרויסן הויז, שטעלט דער דאָקטאָר ווירזשיליאָ זײַנע יורידישע קענטענישן צו דינסט דער אַמביציע פון די קאָראָנעלן און געפינט ליבע אין עסטערס צעשראָקענע אויגן. ניט ווײַט פונעם וואַלדלאַנד, באַרג־אַראָפּ, אין דער פאַזענדע סאַנטאַ אַנאַ דאַ אַלעגריאַ, דער גוט פון די באַדאַראָ׳ס, וואַרט אַנטאָניאָ וויטאָר מיט די פיס אינעם וואַסער. זאַנפט פליסט דער טײַך, אַ קליינער און אַ לויטערער, און אין זײַנע וואַסערן מישן זיך די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער פון די קאַקאַאָ־ביימער מיט די בלעטער וואָס פאַלן פון יענער זײַט, פון גרויסע ביימער געפלאַנצטע ניט פון מענטשלעכע הענט. דאָס וואַסער טיילט אָפּ דאָס וואַלדלאַנד פון די פעלדער, און אַנטאָניאָ טראַכט זיך בעיסן וואַרטן, אַז עס וועט לאַנג נישט דויערן וועלן העק און פײַער דעם וואַלד אַראָפּטראָגן. אַלץ וועט דאָ דעמאָלט זײַן קאַקאַאָ, דער טײַך וועט שוין דעמאָלט קיין גרענעץ ניט זײַן. זשוקאַ באַדאַראָ׳ רעדט וועגן אַראָפּטראָגן דעם וואַלד נאָך דעם יאָר. די אַרבעטער גרייטן זיך שוין דעם וואַלד ברענען. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו

פארזעצן די פלאנצלינגען וואס דארפן פארנעמען דאס ארט, וואס איז איצט פארנומען מיט דעם ווילדגעוויקס. אנטאניא וויטאר האט ליב דאס וואלדלאנד. זיין געבוירן־שטאט עסטאנסיא, וואס איז איצט אזוי וויט פון אים, אפילו אין געדאנק, שטייט אין א וואלד; צוויי טייכן נעמען זי ארום און דיביימער רייסן זיך אריין אין די גאסן און אף די שטאטפלעצער. ער איז צוגעוווינט מער צום וואלד, ווי אלע שאען פון טאג זיינען דעמער־רונג־שאען, איידער צו די קאקאא־פעלדער, וואס בלענדן מיט דעם גרינעם גאלד פון זייערע פרוכטן. ער איז אוועק צום וואלד באלד פון אנהייב, ווי נאר עס האט זיך פארענדיקט די ארבעט אף די פעלדער. דא פלעגט אים קומען פאר די אויגן עסטאנסיא, און איוואנע א צעלייגטע אף דער בריק וואס איבערן טייך פיאוטינגא. דא פלעגט ער פילן דעם זיסן ווייטיק פון דער בענקשאפט. די ערשטע צייטן, שווערע צייטן, האט די בענקשאפט אים געפרעסן פון אינעווייניק; די ארבעט איז געווען א שווערע, שווערער ווי אף דעם מאיס־פעלד, וואס ער האט געהאט פארזייט אינאיינעם מיט זיינע ברידער איידער ער איז געקומען אף דעם דארעם־לאנד. זיין ארבעט איז געווען אויפשטיין פיר פארטאג, צוגרייטן דאס טשארקי־פלייש אף מיטאג, צו עסן מיט פארינא, אויסטרינקען דעם קרוג קאווע און פינפע שוין זיין אפן פעלד, שניידן קאקאא ווי נאר די זון נעמט זיך הייבן אי־בערן בארג וואס הינטער דער גרויסער שטוב. דערנאך ווען די זון קומט צו צום שפיץ בארג, ברענען אנטאניא וויטארס נאקעטן רוקן, אינאיינעם מיט די רוקנס פון די וואס זיינען געקומען מיט אים און זיינען נישט צו־געוווינט. די פיס זינקען דעמאלט אינעם זומפ, די שליימיק־ווייכע קאקאא פארכאפט זיי. קומט א רעגן, שמירט ער זיי נאכמער איין, וויל ער טראגט זיך איבער פארוואקסענע פעלדער און איז פול מיט טרוקענע צווייגן, מיט פליגלעך, מיט אלערליי שמוציקייטן. מיטאג־צייט — זיי ווייסן עס פון דער זון — שטעלן זיי אפ די ארבעט, זיי שלינגען איין דעם ארעמען מאלצייט, באקומען ארויס פון א זשאקא־בוים די ווייכע זשאקא און דאס איז זייער נאכשפייז. נאר שוין שרייט דער אויפזעער פון זיין אייזל אראפ זיי זאלן נעמען די סערפן. און זיי נעמען זיך ווידער צו דער ארבעט ביז זעקסע אין אוונט, ווען די זון גייט אראפ פון די פעלדער. די נאכט קומט אן א טרויעריקע, פול מיט פארמאטערונג, אן א פרוי, אן איוואנען זי צו

גלעטן אַף דער נישט פֿאַראַנענער בריק, אָן דעם פּישפּאַנג פֿון עסטאַנסיאַ. פֿאַר דער גאַנצער אַרבעט באַקומט מען צוויי מיט אַ האַלבן מילרײַס אַ טאָג, וואָס גייען אײַנגאַנצן אַוועק אין קראָם פֿון דער פֿאַזענדע; אַ נישטיקער רעשט סאָף כוידעש, אויב עס בלײַבט עפּעס. קומט די נאַכט ברענגט זי מיט זיך בענקשאַפֿטן, מאַכשאָוועס. אַנטאָניאָ וויטאָר קומט דעמאָלט צו צום וואַלד, קריכט אַרײַן מיט די פֿיס אין אײנעם וואַסער, פֿאַרמאַכט די אויגן און דערמאָנט זיך. אַנדערע בלײַבן אין די לײמענע שטיבלעך, אַף די נאַקעטע ברעטער־בעטלעך אויסגעצויגן און שלאָפֿן אײַן פֿאַרמאַטערטע; אַנדערע זינגען פֿאַרבענקטע „טיראַנאַס". די גיטאַרעס זיפֿצן, לידער פֿון אַנדערע לענדער, זיכרוינעס פֿון אַ הינטער זיך געלאָזטע וועלט, האַרצרײַסנדיק געזאַנג. אַנטאָניאָ וויטאָר ברענגט מיט זיך צום וואַלד זײַנע זיכרוינעס. צום הונדערטסטן מאָל באַמאַנט ער ווידער איוואָנען אַף דער בריק אין עסטאַנסיאַ. און שטענדיק איז עס דאָס ערשטע מאָל. ווידער האַלט ער זי אין זײַנע אָרעמס און ווידער פֿאַרבלוטיקט זי איר אָפּגעבליאַקעוועט ציצן קלייד מיט די רויטע בלומען. אַזוי איז עס די ערשטע צײַטן, דאָ באַם ברעג טײַך. דער טײַך וואַשט דערנאָך אַלץ אַראָפּ, פֿונעם לײַב און פֿונעם האַרצן, אין דער באַנאַכטיקער באָד. בלויז דער שליים פֿון דער ווייכער קאַקאַאָ בלײַבט צוגעקלעפּט צו די פֿיאַטעס, וואָס ווײַטער אַלץ גרעבער, ווי עפּעס אַ מאָדנער שוך.

דערנאָך האָט ער באַקומען כיין אין זשוקאַ באַדאַראָ׳ס אויגן. ערשטנס, ווײַל בעייסן אַראָפּטראָגן דעם וואַלד, ווו הײַנט איז דאָס רעפּאַרטימענטאָ־פעלד, האָט ער נישט מוירע געהאַט, ווי אַנדערע, ווען מען איז אָנגעקומען באַנאַכט, אײנעם שטורעם. ער, אַנטאָניאָ וויטאָר, האָט דעם ערשטן בוים אונטערגעהאַקט. הײַנט איז עס רעפּאַרטימענטאָ, ווו די פּלאַנצלינגען קאַקאַאָ ווערן שוין שטאַמען, נאָך שוואַכע, נאָר שוין נאָענט צום בליִען. שפּעטער, האָט אַנטאָניאָ וויטאָר, בעייסן געשלעג אין טאַבאָקאַס, אײנעם דערשאָסן — זײַן ערשטער דערשאָסענער! — און האָט געראַטעוועט זשוקאַן. עמעס, ער האָט לאַנג און פֿאַרצווייפֿלט געוויינט ווען ער איז צוריקגעקומען אין דער פֿאַזענדע; עמעס, ער איז נעכט נישט געשלאָפֿן, ווײַל דער מענטש איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן ווי ער פֿאַלט, מיט דער האַנט אַף דער ברוסט און די צונג אַרויסגעשטעקט. נאָר אויך דאָס איז אַריבער. זשוקאַ האָט אים צוגענומען פֿון דער פֿעלד־אַרבעט און האָט

אים געגעבן די גאַנץ גרינגערע אַרבעט פֿון אַ קאַפּאַנגאַ. ער פּאָרט מיט זשוקאַ באַדאַראָ׳ קאָנטראָלירן די אַרבעט אַף דער פֿאַזענדע און אַף זײַנע אָפּטע רײַזעס אין די אַרומיקע יִישוּווים און אין שטאָט אַרײַן; ער האָט פֿאַרביטן דעם סערפּ אַף דער ביקס. ער קען שוין די זוינעס פֿון טאַבאָקאַס, פֿון פּעראַדאַס, פֿון פּאַלעסטינאַ, פֿון איליעוס, איז שוין קראַנק געווען אַף אַ מיִעסער קראַנקייט, האָט באַקומען אַ קויל אינעם אַקסל. איוואָנע איז שוין איצט אַ ווײַטער מעטושטעשער שאָטן, עסטאַנסיאַ איז קימאַט אַ פֿאַרשוווּמען געדעכעניש. געבליבן איז אים די געוווינהייט צו קומען באַנאַכט אַהער צום ראַנד פֿונעם וואַלדלאַנד, האַלטן די פֿיס אינעם טײַך.

און אָפּוואַרטן ראַימונדען. זי קומט אַהער אָנשעפּן וואַסער אין אַ בלעך פֿאַר דאָניאַ אַנאַס באַנאַכטיקער וואַנע. זי לאָזט זיך אַהער אַראָפּ מיט געזאַנג. ווי נאָר אָבער זי דערזעט אַנטאָניאָ וויטאָר הערט זי אויף זינגען און מאַכט אַ האַרטן בערויגעזן פּנים. זי ענטפֿערט בייז אַף זײַן באַגריסונג און דעם איינציקן מאָל וואָס ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען און צודריקן, האָט זי זיך געגעבן אַ דריי אויס און האָט אים אין טײַך אַרײַנגעוואָרפֿן; זי איז קרעפֿטיק און דרייסט ווי אַ מאַן. דאָס שטעלט אים ניט אָפּ פֿון קומען אַהער יעדע נאַכט, נאָר ער פּרוּווט שוין מער ניט זי נעמען מיט גוואַלד. ער זאָגט איר גוטן אָוונט און זי ענטפֿערט אים אונטער דער נאָז, פֿײַפֿט זיך אונטער דאָס לידל וואָס זי האָט אַפֿן וועג גייענדיק געזונגען. זי שעפּט אָן דעם קעראָסין־בלעך באַם ברעג טײַך. ער העלפֿט איר אים נעמען אַפֿן קאָפּ. און ראַימונדאַ פֿאַרשווינדט צווישן די קאַקאַאָ־ביימער, מיט אירע גרויסע פֿיס, וואָס זײַנען אַ סאַך שוואַרצער פֿון איר מולאַטן־פּנים, פֿאַרזונקען אינעם ליים פֿונעם אײַנשניט. ער וואַרפֿט זיך אַרײַן אינעם וואַסער. צוריק גייט ער מיט דעם קאַקאַאָ־פֿעלד; ער גייט נעמען פֿאַראָרדענונגען באַ זשוקאַ באַדאַראָ׳ אַף מאָרגן. דאָניאַ אַנאַ שיקט אים אַמאָל אַרויס אַ גלאָז ווײַן. אַנטאָניאָ וויטאָר הערט ראַימונדעס טריט אין קיך און ווי זי ענטפֿערט אַף דאָניאַ אַנאַס רופֿן:

— שוין גיי איך, קוואַטערן.

זי איז דאָניאַ אַנאַס אַ טויף־טאָכטער, כאָטש זיי זײַנען אינעם זעלביקן עלטער. זי איז געבוירן געוואָרן אינעם זעלביקן טאָג וואָס דאָניאַ אַנאַ, זי איז די טאָכטער פֿון דער נעגערטע ריזאָלעטאַ, די קעכן פֿונעם גרויסן הויז; אַ שיינע נעגערטע, מיט געטאָקטע היפֿטן און פֿעסטן לײַב.

קיינער ווייס ניט ווער עס איז ראַימונדעס פאָטער; זי איז געבוירן געוואָרן א העלע מולאַטקע מיט קימאַט גלאַטע האָר. נאָר מענטשן ריידן, אַז דער פאָטער איז נישט קיין אַנדערער ווי דער אַלטער מאַרסעלינאָ באַדאַראָ׳, סיניאָס און זשוקאַס פאָטער. דאָס מורמלען איז קיין סיבע נישט געווען אַז דאָניאַ פילאָמענאַ זאָל אַפּזאָגן איר קעכן. פאַרקערט, ריזאַלעטאַ האָט מיט אירע גרויסע שוואַרצע בריסטן געגעבן צו זייגן דער נײַ־געבוירענער „סינאַזיניאַ", דעם ערשטן אייניקל פון די אַלטע באַדאַראָ׳ס. דאָניאַ אַנאַ און ראַימונדאַ זײַנען די ערשטע צײַט געוואַקסן צוזאַמען, ביידע אַף ריזאַלעטאַס ביידע הענט, ביידע בא ריזאַלעטאַס ביידע שוואַרצע בריסטן. און דעם טאָג ווען מען האָט געטויפט דאָניאַ אַנאַן, האָט מען אויך גע־טויפט די מולאַטקעלע ראַימונדאַ. די נעגערטע ריזאַלעטאַ האָט באַשטימט אירע קוואַטערס: סיניאָ, וואָס איז דעמאָלט געווען א יונגערמאַן פון אי־בער צוואַנציק, און דאָניאַ אַנאַ, וואָס איז קוים א פּאָר כאַדאָשים אַלט געווען. דער גאַלעך האָט נישט פּראָטעסטירט; די באַדאַראָ׳ס זײַנען שוין דעמאָלט געווען א מאַכט, פאַר וועלכער עס האָבן זיך געבויגן דאָס געזעץ און דער גלויבן. ראַימונדאַ איז געוואַקסן אינעם גרויסן הויז. זי איז דאָניאַ אַנאַס א „מילך־שוועסטער". און ווײַל דאָניאַ אַנאַ איז אַף דער וועלט געקומען אומגעריכט, קעדיי צו דערפרייען די מישפּאָכע קימאַט אַף דער עלטער פון זיידע־באָבע, צוואַנציק יאָר נאָכן לעצטן טעכטערל באַ־דאַראָ׳, און האָט פול געמאַכט די שטוב מיט ליבשאַפט, האָבן אַלע נאָכ־געגעבן אירע קאַפּריזן. דאָניאַ פילאָמענאַ איז געווען א גאָטספאַרכטיקע און גוטע פרוי און פלעגט דערום זאָגן, אַז אַנאַ האָט געזויגן בא ראַימונ־דאַס מוטער און דערפאַר מוזן די באַדאַראָ׳ס עפּעס געבן דער מולאַטקע. און עס איז אַן עמעס געווען: די נעגערטע ריזאַלעטאַ האָט פאַר זיך עפּעס אַנדערש נישט געזען ווי איר ווײַס טעכטערל, איר „זינאַדזיניאַ", איר דאָ־ניאַ אַנאַ. ווען דאָס ווײַסע מיידעלע איז נאָך א קינד געווען, האָט זי צו־ליב איר געהאַט דעם קוראַזש אָנצושרײַען אַף מאַרסעלינאָן, ווען דער אַל־טער באַדאַראָ׳ פלעגט וועלן באַשטראָפן זײַן געפּיעשטשעטע און נישט געהאַרכזאַם אייניקל. די נעגערטע ריזאַלעטאַ פלעגט ווילד ווערן ווען זי פלעגט הערן וויינען דאָניאַ אַנאַ. זי פלעגט אַרויסלויפן פון קיך מיט צע־גלאַנצטע אויגן און אַן אומרויִק פּאָנעם. זשוקאַ, שוין א יונגאַטש, האָט געהאַט א באַזונדערן פאַרגעניגן צו רייצן די פלימעניצקע זי זאָל וויינען,

קעדיי דערנאָך צו זען ווי ריזאַלעטא ווערט בייז. זי פלעגט אים רופן „טײַוול"; זי האָט פאַר אים קיין דערעבערעץ נישט געהאַט און פלעגט דערגיין ביז אָנשרײַען אַף אים, אַז ער איז „ערגער פון א נעגער". אין קיך פלעגט זי זיך ווישן די טרערן און זאָגן צו די אַנדערע נעגערטעס:

— דער יונג איז א פעסט...

פאַר דאָניא אַנאַ איז די קיך געווען דער גרויסער „איר־מיקלעט". פלעגט זי אַמאָל אָפּטאָן א צו גרויסע שטיפערײַ, איז זי געלאָפן זיך אויס־באַהאַלטן באַ איר „שווארצער מאַמע" אינעם פאַדאַלעק. און ניט דאָניא פי־לאָמענא, ניט דער אַלטער מארסעלינאָ, ניט סיניאָ, איר פאָטער, זײַנען געגאַנגען אַהין זי זוכן. די נעגערטע פלעגט זיך דעמאָלט גרייטן ווי צו א שלאַכט. ראַימונדא פלעגט טאָן קליינע שטוב־ארבעטן, האָט זיך געלערנט קאָכן, נאָר אינעם גרויסן הויז האָט מען זי אויך געלערנט נייען און העפטן, מען האָט איר געוויזן ווי צו לייענען זילבן, איר נאָמען אונטער־שרײַבן און כעשבענען, צונויפרעכענען און אָראָפּרעכענען. די באַדאַראָ'ס האָבן געהאַלטן אַז זיי צאָלן דערמיט א כויוו. ריזאַלעטא איז געשטאָרבן מיט דאָניא אַנאַס נאָמען אַף די ליפּן. זי האָט געקוקט אַף איר וויכאַ־וואַנקע, וואָס האָט איר פאַרשאַפט די פרייד בײַצוזײַן באַ דער לעצטע־שאָ פון איר לעבן. דער אַלטער מארסעלינאָ איז שוין דעמאָלט געהאַט געלעגן צוויי יאָר אין קייווער און מיט א יאָר צוריק איז געהאַט געשטאָרבן זײַן טאָכטער, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט א סויבער און איז געפאָרן קיין באַהיאַ שטאַרבן, א נישט צוגעווויינטע צו דער גרויסער שטאָט, ווײַט פון דער פאַזענדע. זי האָט גענומען אײַנגיין און איז געוואָרן שווינדזיכ־טיק. דאָניא פילאָמענא האָט ארויסגענומען ראַימונדען פון דער קיך און אינגאַנצן ארײַנגענומען אין שטוב. און אַזוי לאַנג זי האָט געלעבט, האָט זי געהאַלטן די מולאַטקע אונטער איר שוץ. דערנאָך, ווען סיניאָס פרוי איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, זײַנען געבליבן די קוואַטערס, סיניאָ און דאָניא אַנאַ, נאָר ביסלעכווײַז איז ראַימונדא געוואָרן די זעלביקע דינסט ווי אַלע דינסטן אין דער שטוב: זי האָט געוואַשן, געלאַטעט, געגאַנגען אָנשעפּן וואַסער צום טײַך, געבאַקן קיכלעך. נאָר אַף יאָנטעוו פלעגט איר דאָניא אַנאַ שענקען א רעשטל סכוירע אַף א בעסער קלייד, און סיניאָ פלעגט איר קויפן שיך און געבן עפּעס געלט. קיין געהאַלט האָט מען איר נישט געצאָלט. צו וואָס טויג איר געלט, אַז זי האָט באַ די באַדאַראָ'ס אין

שטוב אַלץ וואָס זי באַדאַרף? ווען סיניאַ גיט איר פאַר יאָהאַנעס־נאַכט אָדער סילוועסטער צען מילרייס, זאָגט ער איר שטענדיק אָן:

— באַהאַלט עס אויף אויסשטייער...

ער האָט זיך אַליין קיין כעשבן נישט געגעבן, אַז ראַימונדאַ קען האָבן עפּעס אַ פאַרלאַנג. דאָך איז ראַימונדעס האַרץ, פון קינדהייט אָן, פול געווען מיט פאַרלאַנגען. פון אָנהייב זיינען עס געווען די ליאַלקעס און די שפּילעכער, וואָס זיינען אָנגעקומען פאַר דאָניאַ אַנאַ פון באַהיאַ און זי האָט זיי נישט געטאָרט אָנרירן. וויפל פּעטש האָט זי געכאַפּט פון דער נעגערטע ריזאַלעטאַ פאַר צורירן זיך צו די שפּילעכער פון דער „מילך־שוועסטער"! דערנאָך דער כיישעק אויפצוזעצן זיך רייטן ווי דאָניאַ אַנאַ אויף אַ גוט אָנגעזאָטלטן פערד און זיך דורכרייטן איבער די פעלדער. צום לעצט, דער כיישעק צו האָבן ווי זי, אַזאַ שיינע זאַך, ווי אַ האַלדזבאַנד, אַ פּאָר אויערינגלעך. אַ שפּאַניאַלישן קאַם אין די האָר. איינעם אַזאַ קאַם האָט זי געיאַרשנט; זי האָט אים אויפגעקליבן אַפן מיסט, ווו דאָניאַ אַנאַ האָט אים אַרויסגעוואָרפן, ווייל זי האָט אים מער נישט געוואָלט ניצן; ער האָט געהאַט אויסגעבראָכענע ציינדלעך און עס זיינען אים געבליבן נישט מער ווי אַ פּאָר. באַ זיך אינעם קליינעם צימערל, וואָס איז באַלויכטן געווען מיט אַ קאַנעץ באַנאַכט, האָט זי זיך אים אַריינגעשטעקט אין די האָר און האָט געשמייכלט צו זיך אַליין. דאָס איז מעגלעך געווען איר עך־שטער שמייכל אין יענעם טאָג, וואָרעם ראַימונדאַ האָט דעמאָלט געהאַט אַן ערנסטן און בערויגעזן פּאָנעם פאַר יעדן איינעם. זשוקאַ, וואָס האָט קיין איין פּרוי נישט דורכגעלאָזט, מעג דאָס זיין אַ גאַסן־פּרוי אָדער אַ כאַסענע געהאַטע, אַ שטאָטישע אָדער אַ דאָרפישע מולאַטקע, אַ נעגערטע אַפילע, האָט קיינמאָל ניט פאַרטשעפּעט ראַימונדען; עפּשער ווייל זי זעט אים אויס מיעס, מיט איר פּלאַטשיקער נאָז אַפן קימאַט העלן פּאָנעם. זי גייט שטענדיק אום אַ בערויגעזע; דאָניאַ אַנאַ האָט דאָס געמערקט און אין דער פאַזענדע פלעגט מען ביכלאַל זאָגן, אַז ראַימונדאַ איז אַ „שלעכטס", זי האָט נישט קיין גוט האַרץ; זי האָט דאַכט זיך קיינעם נישט ליב; זי לעבט זיך איר שווייגנדיק לעבן, אַרבעט פאַר פיר, און אַז מען גיט איר עפּעס, מורמלט זי אַרויס אַ דאַנק. אַזוי איז זי געוואַקסן און אַזוי איז זי געוואָרן אַ פרייל. עס האָבן זיך באַוויזן באַלאַנים אויף איר, מיט־דער זיכערקייט, אַז סיניאַ באַדאַראָ' וועט אַרויסהעלפן דעם וואָס וועט כאַסענע

האָבן פאַר זײַן טויף־טאָכטער, דאָניא אַנאַ „מילך־שוועסטער". דער אָנגעשטעלטער פון דער שפּײַז־קראָם, אַ בלאָנדער באָכער פון באַהיאַ, וואָס האָט געקענט כעשבענען און האָט געלייענט ביכער, האָט געוואָלט פאַר איר כאַסענע האָבן. אַ דאַרער איז ער געווען און אַ שוואַכער, און האָט געטראָגן ברילן. ראַימונדאַ האָט אים נישט געוואָלט; זי האָט געוויינט ווען סיניאָ האָט מיט איר גערעדט דערפון; געזאָגט האָט זי ניין און ניין. סיניאָ האָט געהויבן מיט די אַקסלען, ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען:

— ווילסט נישט, דאַרף מען ניט... איך צווינג דיך ניט...

זשוקאַ האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער:

— ס'איז דאָך אָבער אַ גוטער שידעך... אַ ווײַסער באָכער, אַ געבילדעטער... מער וועט זיך אַזאַ שידעך ניט מאַכן. איך ווייס בעעמעס ניט וואָס האָט ער דערזען אַף דער נעגערטע...

נאָר ראַימונדאַ האָט געבעטן סיניאָן און ער האָט צו דעם איניען אַ סאָף געמאַכט. סיניאָ האָט צו וויסן געגעבן דעם אָנגעשטעלטן פון דער קראָם, אַז ראַימונדאַ וויל נישט; זשוקאַ באַדאַראָ' האָט אים געפרעגט וואָס אַזוינס האָט ער דערזען אַף דעם האַרטן פּאָנעם פון דער מולאַטקע. אויך אַגוסטין, אַן אויפזעער אַף באַדאַראָ'ס אַ פעלד, האָט זי געוואָלט און האָט גערעדט מיט איר. ראַימונדאַ האָט בייז געענטפערט. דאָניאַ אַנאַ האָט דאָס אַלץ אויפגעקלערט:

—ראַימונדאַ וועט אונדז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. זי האָט אַ האַרט פּאָנעם, נאָר ליב האָט זי איינעם...

זי איז מיטאַמאָל ווייך געוואָרן און האָט זיך דערמאָנט אָן ריזאָלעטאַן; די טעג שאַרט זי ראַק עפּעס צו דער מולאַטקע, אַ קלייד אָדער אַ פּאָר מילרײַס. נאָר די געשפּרעכן וועגן ראַימונדען זײַנען זעלטענע; נישט שטענדיק האָבן די באַדאַראָ'ס צײַט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם גוירל פון דער „זויג־שוועסטער".

אַנטאָניאָ וויטאַר האָט שוין לאַנג אַף איר אַן אויג געוואָרפן. אין דער פאַזענדע איז אַ פרוי אַ לוקסוס־אַרטיקל, און זײַן יונגער גוף פאָדערט אַ פרוי. נישט גענוג איז די ליבע מיט די זוינעס אַף די רײַזעס אין די אַרומיקע יישוווים. ער וויל האָבן אַ לײַב וואָס זאָל וואַרעמען זײַן לײַב אין לאַנגע רעגנדיקע נעכט די ווינטער־כאָדאָשים, פון מײַ ביז סעפּטעמבער, רעגן־צײַט.

ער וואַרט אַף איר באַם ראַנד פונעם וואַלדלאַנד. באַלד וועט זיך אינעם איינשניט דערהערן ראַימונדעס קאָל, וואָס גייט איר פאַרויס. זי האָט עפּשער ניט קיין פּאָנעם פון אַ שיינהייט, נאָר אַנטאָניאַן ליגט אין קאָפּ איר קרעפטיק לייב, מיט דעם גרויסן הינטן, מיט די שטייפע בריסטן, מיט די געטאָקטע היפּטן. אַפן ביינאַשמאָשעסדיקן הימל גרייט זיך צו נאַכט, זאַנפטיק פליסט דער טייך; ס'וועט עפּשער שפּריצן אַ רעגנדל די נאַכט. די גרילן האָבן זיך שוין צעזונגען אין וואַלד. בלעטער פאַלן אין וואַסער. מען האָט אַמאָל געערעדט וועגן גרויסן געלט, וואָס מען מאַכט דאָ אַפן דאָרעם. אַנטאָניאָ האָט צוגעזאָגט אַהיימקומען רייך און גוט גע־קליידט, אין שטיוול מיט סקריפּ. אַנטאָניאָ טראַכט שוין ניט דערפון. ער איז איצט זשוקאַ באַדאַראַ'ס אַ קאַפּאַנגאַ און האָט אַ נאָמען פון אַ שנעלן שיסער. פון זיין זיקאָרן זיינען אָפּגעמעקט עסטאַנסיאַ און איוואָנע וואָס גיט זיך אים איבער אַף דער בריק. ער האָט נישט מער קיין כאַלוימעס ווי אַף זיין רייזע מיט דער שיף. ער האָט נאָר איין פאַרלאַנג: כאַסענע האָבן מיט דער מולאַטקע ראַימונדאַ, האָבן אַ ליימען שטיבל פאַר ביידן. כאַסענע האָבן מיט ראַימונדאַן, האָבן אַ לייב צום אָפּרוען אַף אים נאָך אַ שווערן ארבעטס־טאָג, פון לאַנגע רייזעס אַף שווערע וועגן, פונעם טויט מיצאַד זיינעם אַ דערשאָסענעם. אָפּרוען אין איר לייב, אַ לייב ווי אַ וועק־צולייגן זיין אָן־כאַלוימעסדיקן קאָפּ.

אינעם איינשניט הערט זיך ראַימונדעס קאָל, אַנטאָניאָ וויטאָר הייבט אויף דעם קאָפּ און די ברוסט; ער גרייט זיך איר העלפן אָנשעפּן דעם בלעך מיט וואַסער. די נאַכט הילט איין דאָס וואַלדלאַנד. רויק פליסט דער טייך.

## IX

די מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער „פאַזענדאַ דאָס מאַקאַקאָס".

דער אָפיציעלער נאָמען איז אַ שענערער: „פאַזענדאַ אַווריסידיאַ", אַ באַערונג פון מאַנעקאַ דאַנטאַס פאַר זיין פרוי, אַ דיקע און פוילע מאַ־טראָנע, וואָס איר איינציקער אינטערעס זיינען די קינדער און די קיכלעך וואָס זי באַקט, אָן אַ גלייכן צו איר. נאָר צום קאָראָנעלס גרויסן טרויער,

האט זיך דער נאָמען נישט אָנגענומען און אַלע רופן זי „פּאזענדאַ דאָס מאַקאַקאָס", ווי מען האָט זי פריער גערופן, אַן אַרײַנגעשניטענע אין די סעקיירא גראַנדער וועלדער צווישן די גרויסע באַזיצן פון די באַדאַראָס און פון האַראַסיאַן, וווּ די מאַקאַקאָס (מאַלפּעס) לויפן אום איבערן וואַלדלאַנד. בלויז אין די אָפיציעלע פּאַפּירן וועגן דעם באָדן־באַזיץ קען מען לייענען דעם נאָמען „אַוורידיאַ". און נאָר מאַנעקאַ דאַנטאַס זאָגט: „דאָרט אין אוורידיאַ..." אַלע אַנדערע, ווען זיי באַציִען זיך אַף דער פאַזענדע, ריידן זיי וועגן „די מאַקאַקאָס".

די מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן אַראָפּגעשטעלט דעם האַ־מאַק וואָס זיי טראָגן אַף אַ שטעקן אָנגעהאַנגען, מיט דעם טויטן וואָס מאַכט זײַן לעצטע רײַזע. פונעם קנאַפּ באַלויכטענעם זאַל רירט זיך פּויל מיט איר פּעטן לײַב דאָניאַ אוורידיאַ און פרעגט:

— ווער איז?

— מיט שאָלעם, דאָניאַ, — ענטפערט איינער פון די מענטשן.

איר יינגל לויפט אַרויס ביז דער גאַלעריע און קומט צוריק מיט דער ידיִעה:

— מאַמע, ס'איז צוויי מענטשן מיט אַ מעס... אַ דאַרער מעס...

אַנשטאָט זיך צו דערשרעקן, נעמט דאָניאַ אוורידיאַ, וואָס איז אַמאָל געווען אַ לערערקע, רויִק פאַרריכטן:

— ניט „ס'איז צוויי", רוי, נאָר „ס'זײַנען צוויי" דאַרף מען זאָגן...

זי שאַרט זיך צו ביז דער טיר; דאָס יינגל האַלט זיך באַ איר קליידל. די קלענערע שלאָפן שוין. די מענטשן האָבן זיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק אין דרויסן באַ דער גאַלעריע; אַף דער ערד ליגט דער האַמאַק אַ צעעפנ־טער מיט דעם טויטן.

— זאָל אײַך יעזוס געבן אַ גוטן אָוונט, — רופט זיך אָן איינער; אַ זאָקן מיט ווײַסע קאָלטנס.

דער צווייטער נעמט אַראָפּ זײַן צעלעכערטן הוט און גריסט. דאָניאַ אוורידיאַ ענטפערט און וואַרט אָפּ. דער יונגער קלערט אויף.

— מיר טראָגן אים פון דער פאַזענדע באַראַונאַ; ער האָט דאָרט גע־אַרבעט... מיר טראָגן אים צום צווינטער אין פּעראַדאָס...

— פאַרוואָס האָט איר אים ניט באַגראָבן אין וואַלד?

— זעט איר, ער האָט דרײַ טעכטער אין פּעראַדאָס. מיר טראָגן אים

זיי איבערצוגעבן. אויב וואַסמיסע באַוויליקט, וועלן מיר דאָ אַביסעלע אָפּרוען. ס'איז אַ לאַנגער וועג; דער פעטער איז שוין פאַרמאַטערט, — ווייזט ער אַפן אַלטן.

— פון וואָס איז ער געשטאָרבן? — פרעגט די פרוי.

— פיבער, — דאָס ענטפערט דער אַלטער, — דער מין פיבער וואָס באַפאַלט אַ מענטשן אין וואַלד. מיר האַקן וואַלד. דריי טעג איז ער אָפּגעלעגן. ס'האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן.

דאַניאַ אַוורידיאַ טרייבט אַוועק דאָס יינגל. זי אַליין מאַכט אויך אַ פּאָר טריט צוריק. זי פאַרקלערט זיך. דער אויסגעדאַרטער מעס, אויך אַ זאַקן, רוט אינעם האַמאַק, באַ דער גאַלעריע.

— טראָגט אים צו אַן אַרבעטער אין שטוב. דאָרט וועט איר אָפּרוען... דאָ נישט. איר דאַרפט נאָר אַ קליין ביסל צושפּאַנען; נישט ווייט איז אַ שטוב. זאָגט, איך האָב אייך געשיקט. דאָ נישט, צוליב די קינדער...

זי האָט מוירע פאַר אָנשטעקונג; צו דעם פיבער איז נאָך קיין מיטל נישטאָ. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז טיפוס, דעמאָלט אַ מאַקעס-מעדינע אין דער גאַנצער קאַקאַאָ־געגנט. דאַניאַ אַוורידיאַ קוקט ווי די צוויי מענטשן הייבן אויף דעם האַמאַק, לייגן אים אַרויף צו זיך אַף די אַקסלען און שפּאַנען אַוועק:

—אַ גוטע נאַכט, דאַניאַ.

— אַ גוטע נאַכט.

זי קוקט אַף דעם אָרט ווו דער מעס איז געלעגן. דערנאָך ווערט דאָס שטיק פעטס באַוועגלעך. זי שרייט צו די נעגערטעס אין שטוב, זי הייסט זיי ברענגען וואַסער מיט זייף, און כאָטש עס איז שוין נאַכט, הייסט זי זיי אָפּוואַשן די גאַלעריע. זי נעמט וואַשן דעם יינגל די הענט ביז ער צעוויינט זיך. זי איז די נאַכט נישט געשלאָפן. זי האָט זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט זען צי רוי האָט נישט קיין פיבער. ערגער נאָך איז וואָס מאַנעקאַ איז נישטאָ אין דער היים. ער איז געגאַנגען אַף נאַכטמאָל צו האַראַסיאָן אין דער פאַזענדע.

די מענטשן מיט דער האַמאַק זיינען שוין באַ דער אַרבעטער־שטוב. דער אַלטער איז מיד. עס רעדט דער צווייטער:

— אַ שווערער מעס, דער זעליקער, וואָס, פעטער?

דער געדאַנק צו טראָגן דעם מעס קיין פעראַדאַס איז דעם אַלטנס.

זיי זײַנען געווען גוטע ברידער, ער מיט דעם געשטאָרבענעם. ער וויל אים איבערגעבן זײַנע טעכטער זיי זאָלן אים „ברענגען צו קווורע ווי א קריסט", זאָגט ער. ס'איז א מעהאלעך פון אזעלכע פינף מײַל און עס איז שוין א פּאָר שאָ ווי זיי שפּאַנען מיט אים אין דער לעוואָנע־שײַן. ווידער שטעלן זיי אראָפּ דעם האמאק; דער יונגער ווישט זיך דעם שווייס און דער אַלטער קלאַפּט אָן מיטן שטעקן אין א נישט גוט צוגעמאַכטער טיר פון נישט גלײַכע ברעטער. עס צינדט זיך אָן א ליכט און עמעצער פרעגט:

— ווער איז?

— מיט שאָלעם, — ענטפערט ווידער דער אַלטער.

דער נעגער וואָס עפנט די טיר, קומט פונדעסטוועגן ארויס מיט א רעוואָלווער אין דער האנט; אין די מעקוימעס דאַרף מען זײַן געהיט. דער אַלטער דערציילט וואָס עס איז געשען און פארענדיקט, אז דאָניא אווריסידיא האָט זיי געשיקט. איינער א דאָרער, וואָס באַווײַזט זיך הינטער דעם נעגער, קלערט אויף:

— דאַרט האָט זי נישט געוואָלט. דער פיבער קען נאָך אָנשטעקן די קינדער. דאָ אַרט איר ניט, עמעס? — און ער צעלאַכט זיך.

דער אַלטער טראַכט זיך, אז ווען ניט דאָס, וואָלט ער אים געהייסן גיין ווײַטער. ער הייבט אים אָן אויפקלערן, נאָר דער דאָרער רײַסט אים איבער:

—עס מאַכט נישט אויס, אַלטער, קענסט ארײַנגיין. אַף אונדז האָט דער פיבער קיין מאַכט ניט. אָן ארבעטער האָט א געגאַרבטע הויט.

זיי קומען ארײַן. די וואָס זײַנען געשלאָפן, כאַפּן זיך אויף. פינף זײַנען זיי און אין שטוב איז פאראן נישט מער ווי איין צימער, מיט ליימענע ווענט, מיט א צינקענער סטעליע און אָן ערדענעם פּאָל. דאָס איז דער זאָל, דאָס שלאָפצימער און די קיך; דער אָפּטריט איז אָפן פעלד, אין וואַלד. זיי שטעלן אראָפּ דעם האמאק אַף די ברעטער, ווו די מענטשן שלאָפן. אַלע שטעלן זיי זיך ארום; דער אַלטער נעמט ארויס א ליכט פון דער קעשענע און צינדט עס אָן צוקאָפּנס דעם טויטן. א האַלב איז עס שוין אויסגעברענט. ס'איז אָנהייב נאַכט. דאָס ליכט וועט שטיין צוקאָפּנס אויך באַ די טעכטער אין שטוב.

— וואָס איז זייער ארבעט? — פרעגט דער נעגער.

— אין פאַראַדאָס איז אַלץ זוינע, — קלערט אים אויף דער אַלטער.

—אַלע דריַי? — וווּנדערט זיך דער דאָרער.

— אַלע דריַי. סיניאָ'.

— אַ מינוט שווייַגט מען. דער מעם רוט, אַן אויסגעדאַרטער, מיט אַ פאַרוואַקסן פּאָנעם. דער אַלטער דערציילט:

— איינע איז געווען אַ באַסענע געהאַטע, איז איר דער מאַן געשטאָרבן.

— אַן אַלטער מענטש געווען, ע? — ווייַזט דער דאָרער אָפּן מעס.

— די פולע זעכציק.

— אַכוץ פאַרשיקערטע... — רופט זיך אָן איינער וואָס האָט ביז איצט קיין וואָרט נישט געזאָגט. נאָר קיינער לאַכט נישט.

דער דאָרער ברענגט די פלאַש קאַניאַ. אַ קריגעלע גייט אום פון האַנט צו האַנט. דער טרונק קאַניאַ האָט זיי אויפגעמונטערט. איינער איז געווען אַן ערשט אָנגעקומענער אַף דער פאַזענדע. ער וויל וויסן פון וואָס פאַר אַ פיבער דער אַלטער איז געשטאָרבן.

— קיינער ווייס ניט. ס'איז אַ וואַלדיקער פיבער. כאַפּט ער אָן אַ מענטשן, פּאַטערט ער אים אַוועק איינס און צוויי. קיין דאָקטער קען אים נישט העלפן. ניט אַפילו זשערעמיאַס וואָס היילט מיט גראָזן.

דער נעגער קלערט אויף דעם פריש־אָנגעקומענעם, אַז זשערעמיאַס איז אַ קישעפמאַכער וואָס וווינט אין די סעקיירע גראַנדער וועלדער, איי־נער אַליין, איינגעקנאָטן אין די ביימער, אין אַ באָרעוון בייַדל. מענטשן דערוועגן זיך אַהין צוקומען נאָר אין אַ לעצטן פאַל. זשערעמיאַס לעבט מיט וואָרצלען און ווילדע פרוכטן. ער שפּרעכט אָפּ פון אַ קויל און פון אַ שלאַנגען־ביס. בא אים אין בייַדל קריכן אום די שלאַנגען אינגאַנצן פריַי און יעדע האָט זיך איר נאָמען, עלעהיי אַ פרוי. ער גיט מיטלען קעגן קראַנקייטן פון לייַב און פון ליבע. נאָר קעגן דעם פיבער קען ער גאָרניט ניט טאָן.

— מען האָט מיר דערציילט דערפון אין סעאַראַ, נאָר איך האָב ניט געוואָלט גלייבן. מען דערציילט דאָרט אַלערליי געשיכטעס וועגן די היגע ערטער, מאַמעש וווּנדער...

דער דאָרער וויל וויסן וואָס מען דערציילט:

— גוט צי שלעכטס?

— סיַי גוט און סיַי שלעכטס, — מער שלעכטס ווי גוטס. פון גוט

דערציילט מען נאָר אַז געלט איז דאָ פאַראַן אָן אַ שיר, אַז דער און דער איז דאָ רײַך געוואָרן ווי נאָר ער איז אַראָפּ פון דער שיף. דער ברוק אַף די גאַסן, דער שטויב אַפן וועג, איז געלט... פון שלעכטס, אַז פאַראַן איז דאָ פיבער, קאַפּאַנגאַס און שלאַנגען... פון שלעכטס, אַ סאַך...

— און דאָך ביסטו געקומען...

דער סעאַרער ענטפערט נישט; עס ענטפערט דער אַלטער וואָס האָט געבראַכט דעם מעס:

— עס קען זײַן שלעכטס וויפל איר ווילט, נאָר אַז ס'איז פאַראַן געלט, קוקט מען ניט אַף גאָרניט... אַ מענטש איז אַ כאַיע וואָס זעט נאָר געלט. ער ווערט טויב און בלינד ווען ער הערט ריידן פון געלט... דערפאַר איז דאָ פאַראַן אַזוי־פיל אומגליק אין די מעקוימעס...

דער דאַרער שאָקלט צו מיטן קאָפּ. אויך ער האָט איבערגעלאָזט מאַטע־מאַמע, אַ קאַלע און אַ שוועסטער און איז אַוועק קיין איליעוס נאָך געלט. נאָר די יאָרן לויפן און ער שנײַדט נאָך אַלץ קאַקאַאָ פאַר מאַנעקאַ ראַנטאַס. דער אַלטער זאָגט:

— פאַראַן אַ סאַך געלט, נאָר מענטשן זעען ניט...

דאָס ליכט וואַרפט אַ שײַן אַף דעם טויטנס אויסגעדאַרטן פּנים. ער הערט זיך, דאַכט זיך, אײַן צום שמועס אַרום אים. דאָס קריגעלע גייט ווידער אום צווישן אוילעם. אין דרויסן נעמט שפּריצן אַ רעגנדל. דער נעגער שליסט צו די טיר. דער אַלטער קוקט לאַנג אַף דעם טויטנס בערדיקן פּנים; ער רעדט מיד און האַפּענונגסלאָז:

— איר זעט דעם ניפּטער? האָט ער העכער צען יאָר אָפּגעאַרבעט אין דער באַראָנאַ אַפן קאָראָנעל טעאָדאָראָ און האָט ניט גאָרנישט, אַפילע נישט די טעכטער... צען יאָר איז ער געווען פאַדשולדיקט צום קאָראָנעל... איצט האָט אים דער טויט צוגענומען; דער קאָראָנעל האָט אַפילע אַ סענט נישט געוואָלט געבן אַף העלפן די מיידלעך אים באַגראָבן.

דער יונגער האָט פאַרענדיקט די געשיכטע וואָס דער אַלטער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— געגנוג איז פון זײַן זײַט, — האָט ער געזאָגט, — וואָס ער שיקט זיי נישט אַרײַן אַ בעשבן וויפל דער אַלטער איז שולדיק... די זוינעס פאַרדינען אַ סאַך געלט...

דער דאַרער שפּײַט אויס מיט עקל. דעם טויטנס לאַנגע אויערן, דאַכט

זיך, הערן. דער סעאַרער איז אַביסל איבערגעשראָקן. ער איז ערשט היינט געקומען; מאַנעקאַ דאַנטאַסעס אַן אויפזעער האָט אים קאָנטראַקטירט אין איליעוס מיט נאָך אַנדערע וואָס זיינען מיט דער שיף געקומען. זיי זיינען אָנגעקומען שפּעט און מען האָט זיי צעשטעלט בײַ די אַרבעטער אין די שטיבער. דער נעגער האָט אויסגעטרונקען דאָס קריגעלע קאַניאַ און האָט אים באַרויִקט:

— וועסט שוין מאָרגן זען.

דער אַלטער וואָס האָט געבראַכט דעם מעס, האָט אונטערגעצויגן:

— איך ווייס ניט פון נאָך אַזאַ טרויעריק לעבן ווי דאָס לעבן פון אַן אַרבעטער אויף אַ קאַקאַאָ־פעלד...

דער דאַרער האָט איינגעזען:

— קאַפּאַנגאַס לעבן בעסער, — ער דרייט זיך אויס צום סעאַרער.

— אויב דו ביסט אַ גוטער שיסער, האָסטו דיין קאַריערע געמאַכט. דאָ האָט געלט דער וואָס קען הארגענען, דער מערדער.

דער סעאַרער האָט די אויגן אויסגעגלאָצט; דער טויטער האָט אויף אים אַ שטיקל מוירע אָנגעוואָרפן; געווען איז ער אַ קאָנקרעטער באַווייז דערפון וואָס מען האָט דאָ געזאָגט.

— ווער עס קען הארגענען?

דער נעגער לאַכט; דער דאַרער רופט זיך אָן:

— אַ שלעגער מיט אַ זיכערער האַנט צום שיסן האָט פּריווילעגיעס פון אַ רייכן. זיי וווינען אָפּ יישעוו, מיט די ווייבער, האָבן געלט אין קעשענע, זיי פעלט קיינמאָל ניט קיין רעשט אין קראָם. נאָר דער וואָס אַרבעט בלויז דאָס פעלד... וועסט מאָרגן זען.

דער דאַרער איז שוין דער צווייטער וואָס זאָגט אים וועגן מאָרגן און דער סעאַרער וויל וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין. יעדער איינער קען עס אים זאָגן, נאָר דער דאַרער אַליין זאָגט עס אים:

מאָרגן גאַנץ פרי רופט דיך אַריין דער אָנגעשטעלטער פון דער קראָם מאַכן דעם „זאַק" אויף דער וואָך. דו האָסט נישט קיין געציייג צו דער אַר־בעט, מוזטו עס קויפן. קויפסט אַ סערפּ און אַ האַק, אַ שווערד־מעסער, קויפסט אַ רידל... דאָס וועט דיך קאָסטן אַרום הונדערט מילרייס. דערנאָך קויפסטו פאַרינאַ, פליייש, קאַניאַ, קאַווע אויף אַ גאַנצער וואָך. וועסט אויסגעבן אַן ערעך צען מילרייס אויף עסן. ביז סאָף וואָך פאַרדינסטו פופצן

מילרײַס, — דער סעארער מאכט דעם כעשבן: זעקס טעג צו צוויי מיט א האלבן מילרײַס א טאג, און ער שטימט צו. — דײַן רעשט איז פינף מיל־רײַס, נאר דו באקומסט זיי ניט; זיי בלײַבן אף אפצורעכענען פונעם כוויו פארן געצײַג... ארבעטסט אפ א יאר אף צו באצאלן די הונדערט מילרײַס, און זעסט ניט קיין ניקל פאר די אויגן. אף סילוועסטער, קען זײַן, זאל דער קאראנעל דיר הייסן אויסלײַען צען מילרײַס אף אויסצוגעבן בא די זוינעס אין פעראדאס...

דער דארער זאגט דאס אלץ אין א האלב־שפאסיקן טאן, מיט א גע־וויסן מוטלאזן און טראגישן כויזעק. דערנאך הייסט ער זיך געבן קאניא. דער סעארער בלײַבט שטיין א פארשטומטער; ער קוקט אפן טויטן. צום לעצט רופט ער זיך אן:

— הונדערט מילרײַס פאר א מעסער, א סערפ און א רידל?

דער אלטער דערקלערט עס אים:

— אין איליעוס קאסט דיך א מעסער זשאקארע צוועלף מילרײַס. אין דער פאזענדע־קראם קאסט עס נישט ווייניקער ווי פינף און צוואנציק.

א גאנץ יאר... זאגט דער סעארער און ער מאכט דעם כעשבן ווען עס וועט ווידער רעגענען אף זײַן סעארער ערד מיט אירע טריקענישן. ער האפט צוריקצופארן ווען עס וועט ווידער נעמען רעגענען אף זײַן סארפעדיקער ערד און אהיימפירן געלט אף קויפן א קו מיט א ביקל.

א גאנץ יאר... כאזערט ער זיך און קוקט אפן מעס, וואס שמייכלט דאכט זיך.

אזוי רעכנסטו. איידער דו פארענדיקסט אויסצאלן איז שוין דײַן כוויו פארגרעסערט. האסט שוין געקויפט א פאר הויזן מיט א העמד. האסט שוין געקויפט א רעפוע, וואס איז גאט באהיט ווי טײַער; האסט שוין גע־קויפט א רעוואלווער, וואס דאס איז דאס איינציקע וואס איז בעעמעס נייטיק אין דעם לאנד. און צאלסט קיינמאל נישט אויס דעם כוויו. דא, — און דער דארער ווײַזט מיט דער האנט ארום זיך אף אלעמען, אף די אלע וואס ארבעטן אין „מאקאקאס” און אף די וואס זײַנען געקומען מיט דעם מעס פון „באראונאס”, — דא איז יעדערער שולדיק, קיינעם בלײַבט גארנישט.

דער סעארער האט א פאר צעשראקענע אויגן. דאס ליכט שמעלצט

זיך און באַלײַכט מיט זײַן רויטן פלעמל דעם טויטן. אין דרויסן שפּריצט א רעגנדל. דער אַלטער הייבט זיך אויף:

— איך בין נאָך געווען אַ קינד בעיים דער שקלאַפעריַי. מײַן פאָטער איז געווען אַ שקלאַף, מײַן מוטער אויך. נאָר עס איז נישט געווען ערגער ווי איצט. ס'האָט זיך גאָרניט געענדערט; ס'איז בלויז ווערטער.

דער סעאַרער האָט איבערגעלאָזט ס'ווײַב און אַ טאָכטער אין סעאַראַ. ער איז געקומען מיטן געדאַנק צוריקצופאָרן, ווי נאָר עס וועט אָנהייבן רעגענען, מיט דעם געלט וואָס ער וועט פאַרדינען אין דאָרעם; געלט אף ווידער אָנצוהייבן אַ לעבן אף זײַן ערד. איצט האָט ער מוירע. דער מעס שמייכלט. דער דאַרער שטימט אײַן מיט דעם אַלטן:

— ס'איז קיין כילעק נישט.

דער אַלטער פאַרלעשט דאָס ליכט און באַהאַלט עס אין קעשענע. פאַמעלעכן הייבן זיי אויף דעם האַמאַק, ער מיט דעם יונגן. דער דאַרער עפנט די טיר. דער נעגער פרעגט:

— זײַנע טעכטער, די צוויי...?

— יאָ! — מאַכט דער אַלטער.

— וווּ וווינען זיי?

— אין דער זשאַבע־גאַס. אינעם צווייטן הויז.

דער אַלטער דרייט זיך דערנאָך אום צום סעאַרער:

— פון דאַנען קערט זיך קיינער נישט אום. מען בלײַבט צוגעבונדן צו דער קראָם פונעם ערשטן טאָג אָן. ווילסטו צוריקפאָרן מוזטו דאָס טאָן נאָך הײַנט; מאָרגן איז שוין שפּעט... ווילסטו אַוועקגיין, קום מיט אונדז; וועסט אַזוי אַרום טאָן אַ גוטע זאַך און וועסט העלפן טראָגן דעם מעס. דערנאָך וועט זײַן שפּעט.

דער סעאַרער צווייפלט נאָך. דער אַלטער מיט דעם יונגן שטייען שוין מיט דעם האַמאַק אף די אַקסלען. דער סעאַרער פרעגט:

— וווּהין־זשע וועל איך גיין? וואָס וועל איך טאָן?

קיינער ווייס ניט וואָס אים צו ענטפערן; קיינעם איז גאָר די פראַגע ניט אײַנגעפאַלן. ניט דעם אַלטן און ניט דעם דאַרן, וואָס רעדט מיט אַזאַ בייזעק אין קאָל. דאָס רעגנדל שפּריצט אפן טויטן. דער אַלטער זאָגט אַ גוטע נאַכט און דאַנקט. דער יונגער אויך. דער אוילעם בלײַבט שטיין און קוקט פון דער טיר. דער נעגער ציילעמט זיך איבער צום קאָוועד פאַר־

נעם טויטן, נאָר באַלד גיט ער אַ טראַכט פֿון זײַנע דרײַ טעכטער, זוינעם אַלע דרײַ, די זשאַבע־גאַס, ס׳צווייטע הויז... ער וועט אַהין צוגיין ווען ער וועט זײַן אין פּעראַדאַס... דער סעאָרער קוקט אַף די אַוועקגייענדיקע וואָס פֿאַרשווינדן אין דער נאַכט. מיט אַ מאָל רופֿט ער זיך אָן:

— איך גיי אויך...

ער נעמט שנעל צונויף זײַנע שמאַטעס, גיט אַ זיפֿץ אַרויס אַ געזעגן־וואָרט און לויפֿט אַרויס. דער דאַרער פֿאַרמאַכט הינטער אים די טיר:

— וואוהין־זשע גייט ער? — און ווײַל קיינער ענטפֿערט אים נישט, ענטפֿערט ער זיך אַליין: — צו אַן אַנדער פֿאַזענדע, דאָס אייגענע וואָס דאָ.

ער האָט אויסגעלאָשן דעם קאַנעץ.

## X

ער האָט אויסגעלאָשן דעם קאַנעץ מיט אַ בלאָז. פֿאַר דעם ווינטשט האָראַסיאָ, פֿון דער טיר, אַ גוטע נאַכט דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ, וואָס שלאָפֿט אין קעגנאיבערדיקן צימער. דעם אַדוואָקאַטס קלינגענדיקע שטימע ענטפֿערט אײדל אַף:

— שלאָפֿט געזונט, קאָראָנעל.

עסטער הערט דאָס אין דער שטילקייט פֿון איר צימער און האַלט די הענט בײַ דער ברוסט. זי וויל אײַנהאַלטן דאָס קלאַפּן פֿון איר האַרץ. פֿונעם זאַל טראָגט זיך מאַנעקאַ דאַנטאַסעס ריטמישער כראָפּען. האָראַסיאָס גוטער ברודער שלאָפֿט אינעם האַמאַק, אָן אויפֿגעשטעלטן אינעם זאַל; ער האָט אָפּגעטראָטן דעם דאָקטאָר דאָס צימער ווי ער שלאָפֿט געוויינלעך ווען ער קומט צו גאַסט. עסטער שפּיאָנירט נאָך אין דער פֿינצטער איר מאַנס יעדן ריר. פֿאַראַן דערין אַ באַשטימטער געפֿיל: דאָס וויסן אַז ווירזשיליאָ געפֿינט זיך אינעם קעגנאיבערדיקן צימער. האָראַסיאָ טוט זיך אויס אין דער פֿינצטער. זי הערט דעם קלאַפּ פֿון די שטיוול, ווען ער שטעלט זיי אַוועק. ער זיצט אַפֿן ראַנד בעט, ער איז נאָך פֿרײלעך, ער האָט נאָך אין האַרצן דעם קימאַט יוגנטלעכן געפֿיל פֿון גליק וואָס באַגלייט אים פֿונעם טיש אָן, ווען עסטער האָט אײַנגעשטימט שפּילן אַף דער פּיאַנאָ, ווײַל ער האָט זי געבעטן. פֿונעם ראַנד־בעט הערט ער עסטערס אָטעמען. ער ציט אַראָפּ פֿון זיך דאָס העמד און די הויזן און טוט זיך

אָן דאָס נאַכט־העמד מיט די רויטע בלימלעך אויסגעהעפטע אויף דער ברוסט. ער הייבט זיך אויף צושליסן די טיר, וואָס גייט אַריין אין צווייטן צימער, ווו דאָס קינד שלאָפט, באַוואַכט פון פּעליסיען. עסטערן איז שווער באַ זיך צו פּויעלן דאָס קינד זאָל שלאָפן אינעם צווייטן צימער אונטער דער אויפזיכט פון דער דינסט. זי פאַרלאַנגט די טיר זאָל שטענדיק זיין אָפן. זי האָט מוירע באַנאַכט זאָלן די שלאַנגען זיך אַראָפּלאָזן און דערשטיקן דאָס קינד. האָראַסיאָ שליסט צו די טיר שטילינקערהייט. עסטער פאָלגט נאָך מיט אירע אָפענע אויגן אין דער פינצטער איר מאַנס יעדן קער. זי וויים אַז ער וועט זי די נאַכט נעמען. ער שליסט שטענדיק צו די טיר צווישן די צוויי צימערן ווען ער וויל זי האָבן. און — די מעשׂוגעדיקסטע זאַך צווישן אַלע מעשוגעדיקע זאַכן וואָס האָבן יענע נאַכט פּאַסירט — צום ערשטן מאָל האָט נישט עסטער דעם עקל־געפיל, וואָס זי האָט יעדן מאָל ווען האָראַסיאָ קומט צו איר נעמען ליבע. אָן אַנדערש מאָל קאָרטשעט זי זיך אינעם בעט; אומבאַוווסטזיניקערהייט פּלעגט איר אַ קעלט דורכלויפן איבערן בויך, איבער די אָרעמס, איבערן האַרצן. זי פלעגט פילן ווי איר לייב ציט זיך צונויף אין אַנגסטן. איצט פילט זי דאָס ניט. וואָרעם כאָטש אירע אויגן מערקן אין דער פינצטער האָראַסיאָס יעדן קער, איז איר קאָפּ אינעם קעגנאיבערדיקן צימער, ווו ווירזשיליאָ שלאָפט. שלאָפט ער? עפשער ניט, עפשער טראַכט ער פון איר, עפשער דרינגען דורך זיינע אויגן די פינצטערניש און די טיר, דעם קאָרידאָר און די צווייטע טיר און ווילן זען אונטער דעם קאַמברייענעם העמד עסטערס לייב. זי שווידערט אויף ווען זי שטעלט זיך דאָס פאָר. נאָר ניט פון שרעק; אַ זיסער שווידער גייט איר איבער איבערן רוקן, לאָזט זיך אַרונטער צו די לענדן און שטאַרבט פאַרגעניגנדיק אָפּ אינעם לייב. זי האָט קיינמאָל דאָס נישט געפילט וואָס זי פילט איצט. איר צעוויטיקט לייב פון האָראַסיאָס פּריִערדיקן ברוטאַלן באַנעמען זיך, שטענדיק אַ גענומענע מיט דעם זעלביקן גוואַלד, שטענדיק אויפנעמענדיק אים מיט דעם זעלביקן עקל־געפיל, אַ געוויינטע צו באַקומען פון אים דעם אַדיעקטיוו „קאַלטע”, וואָס האָראַסיאָ שפּייט אים אויס נאָך אַ מאָמענטאַנעם גערANגל, צעעפנט זיך היינט ווי עס האָט זיך צעעפנט איר האַרץ. ווירזשיליאָס בלויזער זיין דאָרטן אינעם אַנדערן צימער צעעפנט זי, פון בלויזן טראַכטן אין אים, אין זיינע ברייטע שיין אָרומגעשווירענע וואָנצעס, אין זיינע פאַרשטאַנדיקע אויגן,

אין זײַן בלאָנדער פריזור. װען ער האָט איר אַ זאָג געטאָן יענעם פאַר־גלײַך מיט דעם פײגעלע און דער שלאַנג, איז זײַן מויל געװען נאָנט צו איר אויער, נאָר געהערט האָט זי מיט דעם האַרצן און מיט דעם לײַב. זי פאַרמאַכט די אויגן, קעדײ נישט צו זען האַראַסיאָן צוקומען. זי זעט װיר־זשיליאָן, זי הערט זײַנע גוטע װערטער... און זי גאָר האָט געמײנט ער װעט זײַן אַזאַ שיקער װי דאָקטאָר רוי... זי שמײכלט. האַראַסיאָ מײנט דער שמײכל איז פאַר אים. אויך ער פילט זיך גליקלעך די נאַכט. עסטער זעט װירזשיליאָן, זײַנע אײדעלע הענט, זײַנע פלײשיקע ליפּן און זי פילט אין איר לײַב אַזױנס װאָס זי האָט נאָך קײנמאָל ניט געפילט, אַ װילדן באַגער. אַ װילן אים צו האָבן, אים צו דריקן, אים זיך איבערצוגעבן, אין זײַנע אָרעמס אויסגײן. אין האַלדז פילט זי װאָרגט איר װי אויסצופּלאַצן אין אַ געװײן. האַראַסיאָ שטרעקט זײַנע הענט, װירזשיליאָס פײַנע מילדע הענט, לאַסקעם װאָס נאָר ער איז אַף זײ פעיִק, זי װעט אויסגײן. אַף װירזשיליאָן װאַרט זי דאָס זינט יענע װײַטע מײדלשע טעג אין דער שול... זי שטרעקט אירע הענט און זוכט זײַן קאָפּ אים צו גלעטן, זי דריקט צו צו האַראַסיאָס ליפּן די ליפּן װאָס דורשטן נאָך װירזשיליאָן... און אָט װעט זי אויסגײן, אין זײַנע פלאַמען איר לעבן פאַרברענען.

האַראַסיאָ האָט זי קײנמאָל אַזאַ ניט געטראָפן. זײַן װײַב איז הײַנט אַן אַנדער װײַב. זי האָט פאַר אים פּיאַנאָ געשפּילט, זי גיט זיך אים לײדנ־שאַפטלעך איבער. װי אַ געשטאַרבענע איז זי אין זײַנע אָרעמס... ער דריקט זי נאָכמער צו. פאַר האַראַסיאָן איז עס אַ זון־אויפגאַנג, אַן אומגעריכטער פרילינג, דאָס גליק װאָס ער האָט שוין ניט געװאַרט דערױף. ער האַלט אונטער דעם שײנעם קאָפּ, עס הערן זיך קלעפּ אין דער גאַסן־טיר. האַראַ־סיאָ לאָזט זי אָפּ און הערט זיך אײַן, ער הערט װי מאַנעקאָ דאַנטאַס הײבט זיך אויף, נײַע קלעפּ אין דער טיר, דעם פרענט אַראָפּנעמען, זײַן גוטן ברודערס פרעגן װער דאָס איז... אין די הענט האַלט ער עסטערס קאָפּ. אירע אויגן עפענען זיך פאַמעלעך. האַראַסיאָ הערט מאַנעקאָס טריט צו־קומען, ער לאָזט אָפּ די זיסע װאַרעמקײט פון עסטערס לײַב. ער דערפילט אַ פּלוצימדיקן קאַס אַף מאַנעקאָן, װאָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער גליקלעכער שאָ; די אויגן װערן אים קלענער. פונעם דורכגאַנג הערט ער מאַנעקאָ דאַנטאַסעס קאָל:

— האַראַסיאָ! גוטער ברודער האַראַסיאָ!

— וואָס איז?

— קום נאָר ארויס אַ מינוט. ס'איז אַן ערנסטע זאַך.

פונעם אנדערן צימער הערט זיך ווירזשיליאָס קאָל:

— מען דאַרף מיך האָבן?

מאַנועקאַ ענטפערט:

— קומט אַרויס אויך איר, דאָקטאָר.

פונעם בעט הערט זיך עסטערס פאַרשטיקטער קאָל:

— וואָס איז, האָראַסיאָ?

האָראַסיאָ קוקט זיך אום צו איר. ער שמייכלט, טראָגט צו די הענט צום פּאָנעם:

— איכל אַ קוק טאָן, איך קום שוין צוריק.

און ווען ער גייט אַרויס שפּרינגט זי אַראָפּ פונעם בעט און טוט אָן אַ שלאָפראָק איבערן העמד. זי דערמאָנט זיך אַז אַזוי אַרום וועט זי די נאַכט נאָכאַמאָל קענען זען ווירזשיליאָן. האָראַסיאָ איז אַרויסגעגאַנגען אַזוי ווי ער איז געווען, מיט דעם אָנגעצונדענעם קאַנעץ אין דער האַנט, דאָס נאַכט־העמד ביז די פּיאַטעס, די בלימלעך אויף דער ברוסט, קליינינקע, קאָמישע. ווירזשיליאָ איז שוין אין זאַל מיט מאַנועקאַ דאַנטאַס ווען האָראַסיאָ קומט אַרויס. ער דערקענט באַלד דעם דריטן: ס'איז פירמאָ, דער וואָס האָט זיין פּלאַנטאַציע לעבן די סעקיירא גראַנדער וועלדער. ער איז מיד און זיצט אויף שטול, אין די פאַרבלאָטיקטע שטיוול. אויך דאָס פּאָנעם איז אים איינגעשמירט אין בלאָטע. האָראַסיאָ דערהערט עסטערס טריט און זאָגט איר:

— ברענג אַריין אַ שלוק מאַשקע.

זי האָט קוים צייט זיך צו איבערצייגן, אַז ווירזשיליאָ טראָגט נישט קיין נאַכט־העמד ווי די אַנדערע. ער טראָגט אַ זייער עלעגאַנטע פּיזשאַמע און רייכערט נערוועיש. מאַנועקאַ דאַנטאַס ניצט אויס די געלעגנהייט וואָס עסטער איז אַרויסגעגאַנגען און טוט אָן אַ פּאָר הויזן איבערן נאַכט־העמד. ער זעט אויס נאָך קאָמישער, מיט דעם סטאָן אַרויסגעשטעקט. פירמאָ דערציילט איבער פאַר האָראַסיאָן:

— די באַדאַראָ'ס האָבן געשיקט מיך ליקווידירן...

מאַנועקאַ דאַנטאַס איז, אין זיין היילעך, איינצייטיק, קאָמיש און גע־

שפּאַנט. אין זײַן פראַגע הערט זיך אַ טיפער קענען פון באַדאַראַ'ס קאַפּאַנגאַס:

— ווי־זשע קומט עס וואָס איר לעבט נאָך?

אויך האָראַסיאָ וואַרט אָפּן ענטפער. ווירזשיליאָ קוקט אויף אים. באַס קאָראָנעל איז דער שטערן אין קנייטשן. ער איז ריזיק אין זײַן קאָמישן נאַכט־העמד. פירמאָ דערציילט:

— דער נעגער האָט זיך אַפּאָנעם דערשראָקן, האָט נישט געטראָפן אין ציל.

— איז ער באַדאַראַ'ס אַ מענטש? — האָראַסיאָ וויל זײַן זיכער.

— דער נעגער דאַמיאַן.

— און האָט נישט געטראָפן? — מאַנעקאַ דאַנטאַס גלייבט זיך ניט.

— נישט געטראָפן. מיסטאָמע געווען שיקער. ער איז אַרויסגעלאָפן אָפן וועג ווי אַ ווילדער. אַ שיינע לעוואָנע געווען, איך האָב געזען דעם נעגערס פּאָנעם.

מאַנעקאַ דאַנטאַס רופט זיך דערויף אָן גאַנץ רויִק:

— אויב אַזוי מעגט איר הייסן שטעלן אַ ליכטל דעם האַר פונעם גוטן סאָף. אַרויסקומען פונעם נעגער דאַמיאַנס אַ שאָס לעבעדיק, איז אַ נעס, פון די גרויסע ניסים.

אַלע שווײַגן. עסטער קומט צו מיט דער פלאַש קאַניאַ און מיט גלעז־לעך. זי גיסט אָן. פירמאָ טרינקט אויס זײַן גלעזל און בעט אַ צווייטס. אויך דאָס צווייטע גיסט ער אַרײַן מיט איין מאָל. ווירזשיליאָ באַוווּנדערט עסטערס נאַקן ווען זי בייגט זיך אָן אָנגיסן דאָס גלעזל מאַנעקאַ דאַנטאַסן. איר ווײַסער האַלדז זעט זיך פון צווישן די צעלאָזטע האָר. האָראַסיאָ שטייט, עסטער גיסט איצט אָן זײַן גלעזל. ווירזשיליאָ קוקט אויף אים און עס גלוסט זיך אים לאַכן; דער קאָראָנעל איז קאָמיש, ווי אַ צירק־קלאָון זעט ער איצט אויס אין זײַן אויסגעניייטן נאַכט־העמד, מיט זײַן געשטופּלטן פּאָנעם. באַם טיש איז ער געזעסן ווי אַ נעבעך, וואָס האָט נישט פאַר־שטאַנען דאָס מערסטע דערפון וואָס ער מיט עסטערן האָבן גערעדט. איצט איז ער העכט קאָמיש. ווירזשיליאָ פילט זיך ווי ער וואָלט געווען הער־שער איבער דער דאָזיקער פרוי, וואָס דער צופאַל האָט זי אַרײַנגעוואָרפן אין אַ פרעמדער סוויווע. דער ריזיקער פאַזענדיירע זעט אים אויס נישטיק און אומווירכטיק, וואָס קען קיין שטער נישט זײַן די פּלענער וואָס זײַנען

אין ווירזשיליאָס מויעך אויפגעקומען. פירמאָס ווערטער ברענגען אים צו־
ריק צו דער ווירקלעכקייט:

— אַט זיץ איך דאָ און טרינק דאָס גלעזעלע קאַניאַ!... געקענט האָב
איך איצט ליגן אַן אויסגעצויגענער אַפן וועג!...

עסטער שווידערט אויף. די פלאַש ציטערט איר אין די הענט. וויר־
זשיליאָ ווערט אויך מיט אַ מאָל אַריינגעצויגן אין דער סצענע. ער האָט
פאַר זיך אַ מענטשן וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון טויט. ס'איז דעם
ערשטן מאָל וואָס ער באַשטעטיקט איינע פון די אַלערליי פאַסירונגען,
וואָס זיינע פריינט האָבן אים דערציילט אין באַהיאַ, ווען ער האָט זיך גע־
גרייט פאָרן קיין איליעוס. דאָך האָט ער זיך נאָך קיין פולן כעשבן נישט
אָפּגעגעבן ווי וויכטיק עס איז דער פאַקט. ער מיינט אַז האָראַסיאָס
קנייטשן, מאַנעקאַ דאַנטאַסעס אַנגסטלעכער בליק ווייזן אַרויס דעם טיפן
איינדרוק וואָס זיי האָבן פון זען אַ מענטשן וואָס איז מיט ניסים לעבן
געבליבן. אין דער בעערעך קורצער צייט וואָס ווירזשיליאָ געפינט זיך אין
דער קאַקאַאָ־געגנט, האָט ער זיך אַ סאַך זאַכן אָנגעהערט, נאָר מיט קיין
קאָנקרעטן פאַל האָט ער זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעטראָפן. די האַריגע
אין טאַבאָקאַס צווישן האָראַסיאָס און די באַדאַראָ־מענטשן איז פאָרגע־
קומען בעיים ער איז זיך געהאַט דורכגעפאָרן קיין באַהיאַ. ווען ער איז
צוריקגעקומען האָט ער געהערט שמועסן דערפון. נאָר ער האָט אַ סאַך
זאַכן נישט געגלויבט. ער האָט שוין געהערט וועגן די סעקיירא־גראַנדער
וועלדער, וואָס סיי האָראַסיאָ און סיי די באַדאַראָ'ס באַגערן זיי, ער האָט
אָבער דער זאַך נישט צוגעגעבן קיין גרויס וויכטיקייט. דערצו נאָך זעט
אים אויס האָראַסיאָ אין דעם שלאָף־מאַלבעש אַ מין קלאָון וואָס דער־
גאַנצט מיט זיין קאָמישקייט דעם איינדרוק וואָס ער האָט באַקומען פון
זיין האַלטונג באַם טיש און אין זאַל. ווען נישט פירמאָס טאָן, וואָלט ער
גאָרנישט באַגריפן ווי דראַמאַטיש די סצענע איז. ער איז דערום אַזוי
פאַרבידעשט געוועזן ווען האָראַסיאָ האָט זיך אומגעדרייט צו מאַנעקאַ
דאַנטאַס און האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— קיין אַנדער אויפן איז נישטאָ... זיי זוכן זיך עס און זיי וועלן
עס האָבן...

ווירזשיליאָ האָט זיך נישט גערעכט אויף דעם פעסטן און ענערגישן
טאָן בא האָראַסיאָן. דאָס איז אינגאַנצן אין סתירה מיט דער פאַרשטע־

לונג וואָס ער האָט זיך געשאַפֿן פֿונעם קאָראָנעל. ער האָט צו אים אַ פֿרעג־נדיקן בליק געטאָן. האָראַסיאָ האָט עס אים געגעבן צו דערקלערן:

— מיר וועלן זיך שטאַרק נייטיקן אין אײַך, דאָקטאָר. ווען איך האָב געבעטן דעם דאָקטאָר סעאַבראַ אַ גוטן אַדוואָקאַט, האָב איך שוין געהאַט פֿאַרויסגעזען, אַז עס וועט מוזן קומען דערצו. מ'איז אונטערגעוואָרפֿן דער פּאָליטיק, דעם ריכטער האָט מען מיט זיך, מוז מען האָבן אַ גוטן אַד־וואָקאַט, וואָס פֿאַרשטייט געזעצן. און אַפֿן דאָקטאָר רוי פֿאַרלאָז איך מיך מער נישט. אַ שיקאַניק, מיט אַלעמען אײַנגעריסן, מיט דעם ריכטער, מיט די נאָטאַריוסן... ער קען שיין ריידן, נאָר מער ווי דאָס קען ער נים. און דאָ דאַרף מען איצט אַן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל האָבן אַ קאָפּ און זאָל זיך קענען אַן אײַצע געבן.

די פֿרײַקייט מיט וועלכער האָראַסיאָ רעדט וועגן אַדוואָקאַטן, וועגן אַדוואָקאַטור און יוסטיץ, די שטאַרקע ווערטער געטונקטע אין אַ געוויסער גרינגשעצונג, שאָקירן ווידער ווירזשיליאָן. דעם קאָראָנעלס נאַרישע און קאָמישע קלאָון־געשטאַלט נעמט פֿאַרשווינדן אינעם אַדוואָקאַטס פֿאַרשטעל־לונג. ער פֿרעגט אים:

— אָבער, אין וואָס גייט עס?

אַ מאָדנע געזעמל מענטשן. אַלע שטייען זיי אַרום דעם דורכגענעצטן פּירמאַ, אַ נאָך נישט באַרויִקטן פֿון יאָגן זיך אַפֿן פֿערד. האָראַסיאָ ריזיק אין זײַן ווײַסן נאַכט־העמד, ווירזשיליאָ מיט זײַן נערוועיִשן רייכערן, מאַ־נעקאָ דאַנטאַס בלייך ווי די וואַנט און מערקט נישט ווי עס שטעקט אים פֿון די הויזן דער סטאָן פֿונעם העמד. אויך עסטער האָט זיך צו זיי צוגע־זעצט און זעט נישט קיינעם אַבוץ ווירזשיליאָן. אויך זי איז בלייך, זי ווייס, אַז עס הייבט זיך אָן דער קאַמף פֿאַר דעם באַזיץ פֿון סעקיראַ גראַנדע. נאָר וויכטיקער דערפֿון איז ווירזשיליאָס קומען, דאָס נײַע קלאַפּן פֿון איר האַרץ, די נאָך נישט אַרויסגעבראַכטע פֿרייד אין איר. ווען ווירזשיליאָ האָט געשטעלט די פֿראַגע, האָט האָראַסיאָ אים געזאָגט:

— זעצט אײַך אַוועק.

ווירזשיליאָ הערט אין דעם קאָל אַן אויטאָריטעט וואָס ער האָט זי פֿריִער נישט געקענט. ווי זײַן באַפֿעל זאָל זײַן אומבאַשטרייטלעך. ווירזשי־ליאָן קומט אַפֿן געדאַנק דער האָראַסיאָ וואָס האָט אַף זיך אָן אַ צאָל האַ־רוגים, וואָס האַלט פֿאַרשטעקט דעם טײַוול אין אַ פֿלאַש. ער וואַקלט זיך

צווישן צוויי געשטאַלטער; איינע ווײַזט אים פּאָר אַ מעכטיקן און שטאַרקן האָר און הערשער; די צווייטע ווײַזט אים ווי אַן אומוויסנדיקן און אומ־גליקלעכן פּאַיאַץ, מיט שוואַכקייטן אַן אַ שיר. האָראַסיאָ נעמט ריידן, אַף זײַן שטול זיצנדיק, און דער פּאַיאַץ פאַרשווינדט:

— עס גייט אין אָט וואָס: דער סעקיירע גראַנדער וואַלד איז גוטע ערד אַף קאַקאַאָ, די בעסטע ערד אין דער געגנט. קיינער האָט זיך נאָך אַהין נישט פאַרקליבן פּלאַנצן. דאָרט לעבט בלויז איינער אַ מעשוגענער וואָס גיט זיך אַן פּאָר אַ זנאַכער. פון איין זײַט שטיי איך מיט מײַן ערד. פון דער זײַט האָב איך מיך שוין אײַנגעביסן אינעם וואַלד. פון דער צווייטער זײַט שטייען די באַדאַראָ׳ס מיט זייער פאַזענדע. אויך זיי האָבן זיך שוין אײַנגעביסן אינעם וואַלד. נאָר גאַנץ ווייניק פון איין זײַט ווי פון דער צווייטער. אָט דער וואַלד איז עק וועלט, סעו דאָקטאָר, און ווער עס וועט אים האָבן, דער איז דער רײַכסטער מענטש אַף דער אילייעוסער ערד. דאָס איז פונקט דאָס אייגענע ווי צו זײַן דער באַלעבאָס פון טאַבאַ־קאָס און פעראַדאָס, פון די באַנען און פון די שיפן...

די אַנדערע טרינקען זײַנע ווערטער, מאַנעקאַ דאַנטאַס שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ווירזשיליאָ הייבט אָן באַגרײַפן, פירמאָ ניכטערט זיך אויס פון זײַן שרעק. האָראַסיאָ רעדט ווײַטער:

קעגנאיבער דעם וואַלד, צווישן מיר און די באַדאַראָ׳ס, שטייט מײַן פרײַנט מאַנעקאַ דאַנטאַס מיט זײַן פאַזענדע. העכער שטייט טעאָדאָראָ דאָס באַראַונאַס. אַבוץ די צוויי, מיט גרויסע פאַזענדעס, זײַנען דאָס אי־בעריקע קליינע פּלאַנטאַציעס, ווי פירמאָס, אַן ערעך צוואַנציק. אַלע אינעם וואַלד אײַנגעביסן, נאָר אַן דעם מוט טיפער אין אים זיך אַרײַנצולאָזן. שוין לאַנג ווי איך פּלאַנעווע אַראָפּצוטראָגן דעם וואַלד. די באַדאַראָ׳ס ווייסן עס גאַנץ גוט. זיי רוקן זיך ווײַל זיי ווילן...

ער קוקט פאַר זיך, די לעצטע ווערטער הערן זיך ווי אַן אָנזאָג אַף אומפאַרריכטלעכע אומגליקן. מאַנעקאַ דאַנטאַס קלערט דאָס אויף:

— זיי הערשן אין דער פּאָליטיק, דערפאַר דערוועגן זיי זיך.

ווירזשיליאָ וויל וויסן איין זאַך:

— וואָס אָבער קער זיך דערבײַ אָן פירמאָ?

האָראַסיאָ רעדט ווײַטער:

— זײַן פעלד געפינט זיך צווישן דעם וואַלד און דער ערד פון די

באדאראָ׳ס. שוין לאַנג אַז זיי האָבן אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל זיי פאַר־קויפן זײַן פעלד. זיי האָבן אים אָנגעבאָטן מער ווי דאָס האָט די ווערט. נאָר פירמאָ איז מײַנער אַ גוטער ברודער, מײַנער אַ ווײַלער זײַט לאַנגע יאָרן, ער האָט מיך געפרעגט און איך האָב אים געראָטן נישט צו פאַר־קויפן. איך ווייס וואָס די באַדאראָ׳ס זײַנען אויסן, זיי ווילן אַרײַן אינעם וואַלד. נאָר איך האָב מיר ניט פאָרגעשטעלט זיי זאָלן דערגיין ביז ליקווי־דירן פירמאָן... דאָס מיינט, אַז זיי זײַנען אַנטשלאָסן... זיי ווילן...

אין זײַן קאָל הערט זיך דראָונג. די מענטשן לאָזן אַראָפּ די קעפּ. האָראַ־סיאָ לאַכט אַרײַן צו זיך אינעווייניק. ווירזשיליאָן זעט ער איצט אויס ווי אַ ריז מיט אַ קוייעך וואָס ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן. אונטער דער הערשאַפט פון זײַן קאָל פאַרשווינדן אַפילו די קאָמישע בלימלעך אַף זײַן נאַכט־העמד. ער ווײַזט אָן מיט דער האַנט, און עסטער גיסט אָן נאָך צו גלעזלעך קאַניאַ. האָראַסיאָ דרייט זיך אום צו דאָקטאָר ווירזשיליאָ:

— מיינט איר, דאָקטאָר, אַז סעאַברא וועט געווינען די וואַלן?

— איך בין זיכער.

— איז גוט. איך פאַרלאָז מיך אַף אײַך. ער רעדט דאָס אַרויס אַזוי ווי ער וואָלט אָנגענומען אַן ענדגילטיקן באַשלוס. און אַזוי טאַקע איז עס געווען. ער הייבט זיך אויף און שפּאַנט צו צו פירמאָן. — ס׳איז גאָרניט, פירמאָ! ווי רעכנסטו? און דו, גוטער ברודער? — ער דרייט זיך אום צו מאַנעקאַ דאַנטאַס — איז פאַראַן עמעצער פון די ערד־באַזיצער וואָס איז נישט מיט מיר?

ער קלערט אויף ווירזשיליאָן:

— די פּלאַנטאַטאָרס ווייסן, אַז אויב די וועלדער וועלן זײַן מײַנע, וועל איך זיי פון זייער ערד נישט אַראָפּוואַרפן. פאַרקערט, איך וועל זיי נאָך געבן אַ טייל פונעם וואַלד. איך האָב שוין גערעדט מיט זיי. אויך זיי וועלן מיר העלפן. די באַדאראָ׳ס ווילן אײַנגאַנצן, דעם וואַלד מיט די פּלאַנטאַציעס. אַלץ ווילן זיי, מער וויפל זיי קענען פאַרשלינגען.

ער קוקט אַף מאַנעקאַן און פירמאָ׳ן און וואַרט זיי זאָלן אים ענט־פערן אַף דער פראַגע וואָס ער האָט זיי געשטעלט. דער ערשטער רעדט פירמאָ:

— אַלע זײַנען מיט וואַסמיסע.

מאַנעקאַ דאַנטאַס איז אין סאַפּעק:

— איך בין נישט אַרעוו פאַר טעאַדאָראַ דאַס באַראַונאַס. ער איז אַ מענטש וואָס קלעפּט צו די באַדאַראַס. מען דאַרף נאָר אַף אים אַ קוק טאָן...

האָראַסיאָ באַשליסט שנעל:

— דו, פירמאָ, גיי די מינוט צוריק. איך שיק מיט דיר צוויי מענטשן דיך צו פאַרזיכערן. דו רייד מיט די איבעריקע: בראַז, זשאָזע דאַ ריביירראָ, די אַלמאָגע מיראַנדאַ, קאָלאָ, מיט אַלעמען. פאַרגעס נישט דעם פריינט זשאַרדע, ער איז אַ מוטיקער מענטש. זאָג זיי זיי זאָלן מאָרגן אַלע אַהער קומען אַף מיטאָג. דער דאָקטאָר איז דאָ און אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. איך בלײַב מיט דעם וואַלד ביז צום ברעג טײַך, דאָס איבעריקע, וואָס אַף יענער זײַט, איז צום צעטיילן. און אויך די ערד. זאָלן זיי זיך נעמען. גוט אַזוי?

פירמאָ הייבט זיך אויף צום גיין ווי אַן האַסקאָמע צו האָראַסיאָס פּלאַן. ווירזשיליאָ פילט זיך ווי אַ נאַר, ער קוקט אַף עסטערן, וואָס איז נאָך ווײַסער פון ווײַס, נאָך בלייבער פון בלייך און רעדט קיין וואָרט ניט אַרויס. האָראַסיאָ רעדט שוין צו מאַנעקאַ דאַנטאַס. ער טיילט אויס באַ־פעלן, ער איז באַלעבאָס:

— און דו, גוטער ברודער, וועסט ריידן מיט טעאָדאָראָן. וועסט אים אויפקלערן דעם איניען. אויב ער וויל קומען, זאָל ער קומען. איך שליס מיט אים אַן אָפּמאַך. אויב ער וויל ניט, טאָ זאָל ער זיך גרייטן, וואָרעם עס וועט דאָ רעגענען מיט קוילן אַף די צוואַנציק מײַלן לאַנד...

ער גייט אַרויף אַפן הויף. ווירזשיליאָ קוקט אים נאָך מיט אויגן פול באַוווּנדערונג. דערנאָך גיט ער אומדרייסט אַ קוק אַף עסטערן, ער זעט זי איצט אַ ווײַטע, קימאַט אַ נישט צוטריטלעכע. אין דרויסן שרײַט האָראַסיאָ צו דער אַרבעטער־שטוב:

— אַלזשעמירראָ! זשאָזע דעדיניאָ! זשאָן ווערמעליאָ!

דערנאָך גייען אַלע אַרויס אַף דער גאַלערייע. אַפן הויף זײַנען די אייזלען שוין אָנגעזאָטלט, די מענטשן באַוואָפנען זיך. עס רײַטן אַרויס צוזאַמען מאַנעקאַ, פירמאָ און די דרײַ קאַפּאַנגאַס. די אייזלשע טריט הילכן אָפּ אינעם פרײַען פאַרטאָג. אויך דער אויפזעער קומט צו. האָראַסיאָ קלערט אים אַלץ אויף. ווירזשיליאָ און עסטער גייען אַרײַן אין זאַל, זי

קומט צו אים, מיט א בלייכן פּאָנעם, און רעדט שנעל, ווערטער פונעם הארצן ארויסגעריסענע:

— פירט מיך אוועק פון דאַנען... וויַט, וויַט...

עס דערהערן זיך האָראַסיאָס טריט איידער נאָך ווירזשיליאָ באוויַזט צו ענטפערן. דער קאָראָנעל קומט אריַין און רעדט צום וויַב און צום אדוואָקאט:

— דער וואלד וועט זיַין מיַינער איך זאל וויסן די ערד וועט זיַין באַוואשן מיט בלוט. סעו דאָקטאָר, גרייט אייַך, די בעהאָלע הייבט זיך אָן.

ער מערקט ווי עסטער שרעקט זיך:

— דו וועסט אוועקפאָרן קיין איליעוס. פאר דיר איז עס גליַיכער, — נאָר דער אינטערעס זיַינער זיַינען די פאסירונגען, — דאָקטאָר, וואָזמיסע וועט זען ווי מען ליקווידירט א בינטל באנדיטן. וואָרעם די באדאראָ'ס זיַינען א בינטל באנדיטן.

ער נעמט אָן ווירזשיליאָן פארן אָרעם און פירט אים ארויס אף דער גאלערייע. אינעם אָנקומענדיקן טאָג קליידט זיך די ערד אין א נאָך בלייכער און טרויעריקער שיַין. האָראַסיאָ וויַיזט אָן אין דער וויַט אף דעם קוים מערקלעכן האָריזאָנט:

— אין אָט דער זיַיט, סעו דאָקטאָר, זיַינען די סעקיירא גראַנדער וועלדער. אין גיכן וועלן זיי זיַין אינגאנצן באפלאנצט מיט קאקאאָ. אזוי זיכער ווי מיַין נאָמען איז האָראַסיאָ דא סילווייראַ...

## XI

ווען דער הונט אינעם הויף צעוואָיעט זיך, שוידערט אויף דאָניא אנא אינעם האמאק. נישט פון מוירע שוידערט זי. אין שטאָט, אין די יִישוּווים ארום, אף די פאזענדעס זאָגט מען געוויינלעך, אז די באדאראָ'ס וויסן נישט וואָס דאָס הייסט מוירע. זי איז בלויז אומרויִק. אזוי דעם גאנצן פארנאכט. זי איז זיכער אז עפּעס באהאלט מען אוים פון איר, אז דער פאָטער מיט דעם פעטער האלטן עפּעס א סאָד וואָס די פרויען אין שטוב וויסן ניט פון אים. זי מערקט אז דאמיאן און ווירדיאטאָ זיַינען נישטאָ און זי פרעגט אף זיי בא זשוקאָן. ער ענטפערט איר, אז די מענטשן „זיַינען געגאַנגען אין אַ שליחעס”. אינעם פעטערס טאָן דערקענט

דאָניאַ אַנאַ דעם ליגן, נאָר זי זאָגט גאָרנישט. אין דער לופט איז צעגאָסן אַן ערנסט און זי פילט אים און איז אומרויִק. ווידער וואָיעט דער הונט. ער וויינט צו דער לעוואָנע מיט דער אַנגסט פון אַ זאָכער אָן אַ נעקייווע אין אַ נאַכט פון באַגערן. דאָניאַ אַנאַ קוקט דעם פאָטער אין פּאָנעם און ער וואַרט מיט צוגעמאַכטע אויגן זי זאָל נעמען לייענען. סיניאָ באַדאַראָ׳ איז רויִק. אַ רו פאַלט אַף זײַנע אויגן און אַף זײַן באָרד, ער האַלט זײַנע גרויסע הענט אַף די קני און איז הוילע פרידן און זיכערקייט. ווען זשוקאַ זאָל זיך ניט אַזוי אומרויִק דרייען אַפן שטול, וואָלט עפשער דאָניאַ אַנאַ נישט געפילט אין זיך דעם הונט וואָיען.

זיי זיצן אין זאַל און עס איז די צײַט פון לייענען די ביבל. אַזאַ אײַנפיר איז באַ זיי זײַט לאַנגע יאָרן, פון דער צײַט ווען דאָניאַ לידיאַ האָט געלעבט, דאָניאַ אַנאַס מוטער. זי איז געווען אַ פרומע און האָט ליב געהאַט לייענען אין דער ביבל דאָס ראָטנדיקע וואָרט פאַר דעם מאַנס געשעפטן. נאָך איר טויט האָט סיניאָ אײַנגעהיט דעם אײַנפיר און איז אים געטרײַ. וווּ ערגעץ ער געפינט זיך, אַף דער פאַזענדע, אין איליעוס, אַפילע אין באַהיִאַ צוליב געשעפט, וווּ נאָר ער קומט, מוז אים עמעצער, יעדע נאַכט, פאָרלייענען שטיקער ביבל, און ער זוכט אין זיי אייצעס און וואָרזאָגונג פאַר זײַנע געשעפטן. פון זינט לידיאַ איז געשטאָרבן ווערט סיניאָ אַלץ פרומער און מישט זײַן קאַטוילישקייט מיט אַביסל ספּיריטיזם און אַ סאַך איבערגלויבן. דעריקער איז באַ אים אײַנגעוואָרצלט דער מינעג צו לייענען די ביבל. לייצים טרײַבן שפּאַס אַף דעם כעשבן און דערציילן אין די קאַפעהײַזער, אַז ווען סיניאָ איז זיך איינמאָל דורכגעפאָרן קיין באַהיִאַ, האָט זיך אים אין אַ נאַכט פאַרוואָלט גיין אין אַ פריילעך הײַזל, און פאַרן לייגן זיך מיט דער זוינע, האָט ער אַרויסגענומען אַן אַלטע ביבל פון דער קעשענע און האָט זי געבעטן זי זאָל אים לייענען אַ קאַפּיטל. פאַר אָט דער מײַסע האָט זשוקאַ באַדאַראָ׳ איין מאָל געמאַכט אַ סקאַנדאַל באַ זעקאַ טריפּאַ אינעם קאַפעהויז און האָט דאָס פּאָנעם צעהאַקט באַם אַפּטייקער קאַרלאָ דאַ סילוואַ, וואָס האָט דאָס דערציילט און דער אוילעם האָט געקײַכט פון געלעכטער.

ווען דאָניאַ לידיאַ איז געשטאָרבן, איז דאָניאַ אַנאַ געוואָרן די לייענערן, אין דער פאַזענדע אָדער אין איליעוס, פון די שוין קוויטיקע און אָפּגעצעריסענע בלעטלעך פון אַן אַלטן ביבל־עקזעמפּלאַר. דעם עקזעמ־

פּלאַר האָט סיניאָ באַדאַראָ׳ בעשום אויפן נישט געוואָלט אומבײַטן אַף אַ נײַעם, ווײַל ער איז זיכער געווען, אַז ער האָט אין זיך אַ קישעף וואָס פירט אים. ער האָט אים נישט געוואָלט אומבײַטן אַפילע דעמאָלט ווען דער קאַנאָניק פּרייטאַס, וואָס האָט אַמאָל איבערגענעכטיקט באַ זיי אין דער פּאַזענדע, האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זײַן ביבל איז געדרוקט פון די פּראָטעסטאַנטן און פאַר אַ קאַטאָליק פּאַסט נית צו לייענען אין אַ „ביירעמדיקן" סייפער. סיניאָ באַדאַראָ׳ האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ מיינט „ביירעמדיק" און האָט אויך נית געבעטן ער זאָל עס אים פאַרטײַטשן. געענטפערט האָט ער אים, אַז ס׳איז קיין בילעק נית און אַז „אַ ביבל איז נישט קיין לואַך, וואָס מען מוז אים אַלע יאָר בײַטן". דער קאַנאָניק פּרייטאַס האָט אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און האָט אָפּגעשוויגן, ביפראַט ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס אַליין וואָס אַ קאָראָנעל לייענט יעדע נאַכט די ביבל איז אַ גרויסע זאַך. סיניאָ באַדאַראָ האָט אויך נישט דערלאָזט אַנאַ זאָל אײַנפירן אַ סיידער אינעם לייענען, ווי זי האָט דאָס געפּרוווט טאָן ווען זי האָט פאַרביטן דאָניאַ לידיאַ אין דער שטוב־פירונג. דאָניאַ אַנאַ האָט פאָרגעלייגט אָנהייבן פונעם ערשטן בלעטל און לייענען ביזן סאָף. סיניאָ האָט פּראָטעסטירט, ער האַלט אַז אַ ביבל איז צום עפענען אַף טרעף, פאַר אים איז עס אַ קישעף־בוך, דאָס בלעטל וואָס מישט זיך צופעליק אויף, האָט עפּעס צו זאָגן. ווען דאָס אויפגעמישטע בלעטל געפעלט אים נית, בעט ער די טאָכטער זי זאָל אויפמישן אַ צווייטס, וואָסערס נית איז, אַ דריטס, אַ פערטס, ביז דאָס אויפגעעפנטע אָרט האָט עפּעס אַ שײַכעס צום איניען וואָס אינטערעסירט אים. ער הערט זיך שטאַרק אײַן צו די ווערטער — אַ סאַך ווערטער פאַרשטייט ער נית — און זוכט זייער זין און טײַטשט זיי אַף זײַן אויפן, צו זײַן געברויך. ער האָט מער ווי איין מאָל אַ געשעפט אָפּגעלאָזט צוליב אַ וואָרט פון מוישען אָדער פון אַווראָמען. ס׳איז באַ אים אַ געוווינהייט צו זאָגן, אַז אים איז קיינמאָל נישט געגאַנגען שלעכט. און ווי איז יענעם קאָרעוו אָדער גאַסט, וואָס קומט אַרײַן בעייסן לייענען און שפּאַסט דערפון אָדער פּראָטעסטירט קעגן דעם! סיניאָ באַדאַראָ ווערט דעמאָלט נערוועזיש און אויפגעבראַכט. זשוקאַ אַפילע דערלויבט זיך נישט עפּעס צו זאָגן קעגן דעם אײַנפיר, וואָס ער האַלט אים פאַר אַ זייער לעסטיקן. ער באַמיט זיך צוצולייגן קאָפּ צום געלייענטן און פאַרווײַלט זיך באַ די ערטער ווו עס רעדט

זיך פון געשלעכט-זאַכן. ער איינער פאַרשטייט געווויסע ווערטער וואָס זיי־נען פאַר סיניאָ באַדאַראָ' אָדער פאַר דאָניאַ אַנאַ אומפאַרשטענדלעך.

דאָניאַ אַנאַ קוקט אַף איר רויקן פּאָטער אינעם הויכן שטול. איר דאַכט זיך אַז ער קוקט מיט זיינע האַלב-צוגעמאַכטע אויגן אַף דעם בילד וואָס הענגט אַף דער וואַנט, דאָס בילד וואָס ער האָט געבראַכט פון באַהיאַ, ווען זי האָט אים אָנגעדאַכט, אַז דער זאַל נייטיקט זיך אין עפּעס וואָס זאָל אים פריילעכער מאַכן. זי קוקט אַף דעם בילד און פילט די גאַנצע שאַלווע, וואָס פאַלט פון דער אָלעאָגראַפיע. נאָר באַלד דערזעט זי זשוקאַן אַ נערוועזשן, ווי ער אינטערעסירט זיך מיט דער צייטונג וואָס ער לייענט. אַ באַהיער צייטונג פון צוריק מיט צוויי וואָכן. ווידער וואָיעט דער הונט און זשוקאַ רופט זיך אָן:

— ווען איך וועל צוריקקומען פון איליעוס, וועל איך מיט זיך ברענגען אַ צויג. פערינען פעלט עס אויס...

דאָניאַ אַנאַ געפינט אויס, אַז די פראַזע קלינגט פאַלש, אַז זשוקאַ וויל מיט דעם רויש פון זיינע ווערטער פאַרשרייען זיין אויפרעגונג. זי גאַרט מען נישט. עפּעס איז פאַראַן אַ גאָר ערנסטע זאַך. ווו זיינען ערגעץ דאַמיאַן און וויריאַטאָ? דאָניאַ אַנאַ באַדאַראָ האָט שוין געהאַט אַ סאַך אַזעלכע נעכט ווען זי פילט די געשטערטע לופט אין שטוב, די אַטמאָספער פון געהיימעניש. מיט אַ סאַך טעג שפּעטער פלעגט זי זיך דערוויסן, אַז מען האָט דערשאָסן אַ מענטשן און אַז מען האָט פאַרגרעסערט די ערד פון די באַדאַראָס. זי פלעגט זיין שרעקלעך באַצאַרט דערפון וואָס מען האָט דאָס פאַר איר אויסבאַהאַלטן, ווי זי וואָלט געווען אַ מיידעלע. זי קערט אָפּ איר בליק פונעם פּעטער, וואָס קיינער ענטפערט אים ניט, און איז מע־קאַנע די רויקייט פון אָלגען, זשוקאַס פרוי, וואָס שטריקט עפּעס אַף אַ שטול לעבן איר מאַן. אָלגע פאַרבלייבט וויניק צייט אין דער פאַזענדע, און ווען זי זעצט זיך אויף אַף דער איליעוסער באַן, אַ געצווונגענע פון זשוקאַן, הערט זי ניט אויף קלאָגן זיך און וויינען. איר לעבן זיינען די איליעוסער רעכילעסן, דאָס מאַכן זיך פאַר אַ קאָרבן ווען זי רעדט מיט די פרומע ווייבער און מיט אירע פריינדנס, און דאָס קלאָגן זיך, טאָג ווי נאַכט, אַף זשוקאַס ליבעס-אַוואַנטורעס. פון אָנהייב האָט זי געפּרוּווט קעגנ־שטעלן זיך דעם מאַנס אָפּטע אומטרייקייטן. זי האָט אונטערגעשיקט שלע־גער זיי זאָלן אָנשרעקן די פרויען וואָס האָבן מאַכזאָקעס מיט אים, און

איין מאָל האָט זי ביז צום קאָפּ אָפּגעשווירן אַ מולאַטקע, וואָס זשוקאַ האָט איר אַ שטוב אויסגעשטאַט. נאָר זשוקאַ האָט גאַנץ שאַרף רעאַגירט — שכײנעס זאָגן אַז ער האָט זי אָפּגעשמיסן — און זי מוז זיך צופֿרידנשטעלן מיט די רעכילעסן, מיט דעם קלאָגן זיך פֿאַר יעדן איינעם, מיט דער מינע פֿון אַ קאָרבן וואָס זי מאַכט ווען זי גייט אין קלויסטער אַרײַן. און דאָס איז איר לעבן. זי האָט קיין זאַך נישט אַזוי ליב ווי קלאָגן זיך און אויסהערן ווײַבערישע קינעס און פּליאָטקעס, זי וואָלט זיך מעגלעך געפֿילט אומצופֿרידן ווען זשוקאַ ווערט אַ מוסטער פֿון אַ מאַן. זי האָט פֿײַנט די פֿאַזענדע, ווּ סיניאָ וויל ניט אויסהערן איר קלאָג, ווּ דאָניאַ אַנאַ, דעם גאַנצן טאָג אַ פֿאַרנומענע, האָט קיין צײַט ניט אויף איר ראַכמאָנעס צו האָבן. אַכוצדעם, קוקט דאָניאַ אַנאַ אַפּן לעבן מיט די אויגן פֿון די באַדאַראָס און זעט נישט קיין שום בייז אין זשוקאַס אַוואַנטורעס, אַבי נאָר ער גיט דעם ווײַב אַלץ וואָס זי באַדאַרף. אַזוי איז געווען דער פֿאָטער און אַזוי דאַרפֿן זײַן די מענער, טראַכט זיך דאָניאַ אַנאַ. אַכוצדעם איז אָלגע, וואָס האָט קיין אינטערעס ניט אין די באַדאַראַ־אַסאָקים, וואָס איז אַ סוינע דער ערד און איז לאַכלוטן נישט באַקאַנט מיט דעם וואָס הייסט קאַקאַאָ־פּלאַנצונג, אין דאָניאַ אַנאַס אויגן אַ פֿרעמדע אין דער מישפּאָכע, אַ דערווײַטערטע, אַ געפּערלעכע. דאָניאַ אַנאַ פֿילט ווי אָלגע וואָלט געאָטעמט מיט אַ גאַנץ אַנדער לופֿט ווי די מיט וועלכע זי, סיניאָ און זשוקאַ אָטעמען. נאָר אין דער רעגע איז זי אין אַ געוויסן זין מעקאַנע אָלגעס רויִקייט, איר גלײַכגילטיקייט צום סאָד וואָס שוועבט אום אינעם זאַל. דאָניאַ אַנאַ שפּירט אַז עפּעס אַן ערנסטע זאַך געשעט און זי איז טרויעריק און בייז וואָס מען האַלט זי אָן אַ זײַט פֿון דעם סאָד, מען גיט איר נישט דאָס אָרט וואָס זי דאַרף פֿאַרנעמען אין דער פֿאַמיליע באַדאַראָ'. און זי האַלט זיך אָפּ מיטן לייענען. אירע אויגן טראָגן זיך איבער פֿון איין פּאַנעם צום צווייטן.

ראַימונדאַ קומט אַרײַן, זי האָט פֿאַרענדיקט איר אַרבעט אין קיך און זי זעצט זיך אַוועק אויף דער ערד הינטערן האַמאַק און נעמט זיך זוכן „קאַפֿונעס” אין דאָניאַ אַנאַס צעפּ. דער מולאַטקעס נעגל קנאַקן קלוימערשט לײַז, נאָר אויך די דאָזיקע צאַרטע לאַסקע באַווײַזט ניט אײַנצושטילן דעם מיידלס אומרו. וואָס איז עס פֿאַר אַ סאָד וואָס סיניאָ און זשוקאַ, איר פֿאָטער און איר פֿעטער, טראָגן זיך מיט אים אַרום? ווּ ערגעץ זײַנען וויריאַטאָ און דער נעגער דאַמיאַן? פֿאַרוואָס איז זשוקאַ אַזוי אומרויִק און

קוקט אַזוי אָפּט אָפּן זייגער? דעם הונטס געוואַי שנײַדט דורך די נאַכט מיט אַנגסטן פון טויט.

סיניאַ הייבט לאַנגזאַם אויף די אויגן און שטעלט זיי אָפּ אַף זײַן טאַכטער.

— פאַרוואָס לייענסטו ניט, טאַכטער?

דאַניאַ אַנאַ צעעפנט די ביבל, אַלגע קוקט אַף איר א גלײַכגילטיקע, זשוקאַ ליגט אוועק די צײַטונג אַף די קני. דאַניאַ אַנאַ נעמט לייענען:

„און אַלע זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען מיט זייערע מענטשן, א זייער גרויסע מאַכנע ווי די זאַמד באַ דעם ברעג יאַם, און א גרויסע צאָל פערד און רײַטוועגענער".

ס'איז די געשיכטע פון די מילכאָמעס וואָס יעשוע האָט געפירט, און דאַניאַ אַנאַ וווּנדערט זיך וואָס סיניאַ הייסט איר ניט עפענען די ביבל אַף אַן אַנדער אָרט. און ווען דער פאָטער הערט זיך אײַן אין די פּסוקים, זוכט זי אויך אַרײַנצודרינגען אין זייער זין, אויסצוגעפינען די שײַכעס וואָס איז פאַראַן אין זיי מיט דעם סאַד וואָס באַאומרויִקט זי. סיניאַ זיצט מיט דעם קערפּער אַרויסגערוקט, די באָרד אַף די פיס אוועקגעלייגט, אַן אײַנגעהויקערטער און באַמיט זיך א וואָרט ניט צו פאַרהערן. איינמאָל טוט ער א קוק אַף זשוקאַן. דאַניאַ אַנאַ לייענט פּאַמעלעך, אויך זי זוכט אַרויס־צוקומען פון א סאַפּעקדיקער וועלט.

און סיניאַ בעט זי נאָכאַמאָל לייענען דעם פּאַסעק, ווו עס זאָגט זיך:

„פאַרנומען האָט יעשוע די גאַנצע ערד פון די בערג און פון דעם דאָרעם, און דאָס לאַנד גוישען, און דאָס פלאַכלאַנד, און דעם מײַרעוודיקן טייל, און דעם וואַלד פון יִזרעעל און זײַנע פעלדער".

דאַניאַ אַנאַס קאָל לעשט זיך אויס, דער פאָטער הייסט איר צוּוואַרטן. ער פאַרקלערט זיך, כאָטש אים איז גאַנץ קלאָר, אַז דאָס בענטשט גאָט זײַן מישפּאָכע און אירע פּלענער. ער פילט זיך פאַרפלייצט פון א גרויסער רו און פון אַן אַבסאָלוטער זיכערקייט. ער רופט זיך אָן:

— די ביבל זאָגט קיינמאָל ניט קיין ליגן. מיר איז קיינמאָל נישט שלעכט געגאַנגען ווען איך האָב איר געפאָלגט. אונדז געהער צו האָבן די סעקיירא גראַנדער וועלדער, אַזוי איז גאָטס ווילן. הײַנט האָב איך נאָך געהאַט ספּייקעס, איצט איז שוין באַ מיר גאָר קיין סאָפּעק נישט.

דאַניאַ אַנאַ האָט מיט א מאָל אַלץ באַגריפן און איז געבליבן צור־

פרידן. איצט ווייס זי שוין, אַז די סעקיירא גראַנדער וועלדער גייען איבער צו די באַדאַראָ'ס, אַז אַף יענער ערד וועלן איצט וואַקסן קאַקאַאָ־ביימער און אַז דעם נאָמען פון דער פאַזענדע, ווי סיניאָ האָט איר צוגעזאָגט וועט זי אַליין געבן. איר פּאָנעם צעעפנט זיך מיט פרייד.

סיניאָ באַדאַראָ, הייבט זיך אויף, ער איז מאַיעסטעטיש, ער זעט אויס ווי אַ פּאַרטרעט־טיקער גאָווי מיט זיינע לאַנגע האָר וואָס הייבן אָן ווייס ווערן, מיט זיין אָפּגעלייגטער באָרד אַף דער ברוסט. זשוקאַ באַטראַכט זיין עלטערן ברודער:

— איך האָב דיר שטענדיק געזאָגט, ברודער, אַז מען דאַרף אַריין אין דעם וואַלד. דעם טאָג וואָס מיר וועלן אים האָבן, וועט זיך קיינער נישט דערוועגן אַקעגן די באַדאַראָ'ס...

דאָניאַ אַנאַ צעשמייכלט זיך נאָך ברייטער. זי שטיצט דעם פּעטערס ווערטער. עס דערהערט זיך אַלגעס קאָל אַ דערשראָקנס:

— עס וועלן זיך ווידער אָנהייבן די האַריגעס! אויב אַזוי, פאָר איך אַוועק קיין איליעוס. איך פאַרטראָג ניט אַזאַ לעבן פון צוזען ווי מען האַרגעט מענטשן...

אין דער מינוט האָט זי דאָניאַ אַנאַ פיינט. זי קוקט אַף איר מיט פאַרדראָס און פאַראַכטונג, זי איז אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ לויזעלעכדיקער נאַרישער וועלט, ווי דאָניאַ אַנאַ מיינט.

דער זייגער קלינגט אויס די שאָ. סיניאָ רופט זיך אָן צו דער טאָכטער:

— גיי שלאָפן, דאָניאַ אַנאַ, שוין צייט. דו אויך, אַלגע. איך דאַרף מיך דורכשמועסן מיט זשוקאַן.

פון דאָניאַ אַנאַס פּאָנעם פאַרשווינדט די גאַנצע פרייד. אַלגע און ראַימונדאַ הייבן זיך אויף, זי זוכט די ווערטער ווי צו זאָגן סיניאָן אַז זי וויל בלייבן, נאָר דעם הונטס געבילן גיט צו וויסן אַז עמעצער איז אין הויף אַריינגעקומען און אַלע שטעלן זיך אויף. מיט עטלעכע סעקונדן שפעטער בלייבט ווירזאַטאָ שטיין אַף דער טיר פון דער גאַלעריע און דער הונט גייט אים נאָך. באַלד דערקענט ער אים און הערט אויף בילן. זשוקאַ גייט אים אַקעגן און פרעגט אים:

— און דאָס שטיקל אַרבעט?

דער מולאַט לאָזט אַראָפּ די אויגן און גיט אַיליק אַ זאָג:

— דער מענטש איז געגאַנגען מיט דעם קירצערן וועג, ער איז נישט

געקומען אַף מײַן זײַט, װען ער קומט, װאָלט איך אים אװעקגעלײגט.

סיניאָ פרעגט:

— װאָס האָט פּאַסירט? עפּעס איז געשען מיט דאַמיאַנען? רײד שנעלער!

— ער האָט נישט געטראָפן אין ציל.

— ס'איז אוממעגלעך...

— נישט געטראָפן? — זשוקאַ שטױנט.

— אַזױ רעכן איך, סיניאָר, איך װײס נישט װאָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט אױסגעזען מאָדנע נאָך װען מיר זײַנען אַרױסגעגאַנגען. איך װײס נית װאָס איז געשען. שיקער איז ער נית געװען. כ'װאָלט עס באַלד דערקענט.

— װאָס אַזױנס װײסטו? — פרעגט סיניאָ.

דער מולאַט לאָזט װידער אַראָפּ די אױגן:

— סעו פירמאָ האָט אַפילע קײן װוּנד נישט באַקומען. אַלע אַרום װײסן עס שױן. מען זאָגט דאַמיאַן איז מעשוגע געװאָרן. מען װײס נית װוּ ער איז...

— און פירמאָ? — האָט זשוקאַ געפרעגט.

— כ'האָב אָנגעטראָפן צװײ מענטשן טראָגן אַ מעס. זײ האָבן גע־זאָגט פירמאָ איז אװעק צום קאָראָנעל האָראַסיאָ. ער האָט זיך בלױז אָפּ־געשטעלט דערצײלן אַז װאָסמיסע האָט געשיקט אים ליקװידירן, נאָר דאַמ־יאַן האָט נישט געטראָפן. מער האָט ער נישט געװאָלט רײדן, ער האָט זיך געיאָגט װי אַ טײַװול... איך האָב מיך געטראָפן מיט די מענטשן. אַ סאַך האָבן שױן גערעדט דערפון...

די פרױען שטײען. דאָניאַ אַנאַ דריקט די ביבל אין דער האַנט. זי הערט אױס דעם געשפּרעך מיט גיריקע אױגן. זי פאַרשטײט שױן אינ־גאַנצן, און זי גיט צו די געשעענישן זײער פולע װיכטיקײט. זי װײס, אַז די נאַכט שטײט אין קאָן די צוקונפט פון די באַדאַראָ'ס. סיניאָ שנײַדט דורך מיט ברײטע שפּאַן דעם זאַל און זאָגט:

— װאָס האָט געקענט פּאַסירן מיט דעם נעגער?

װיריאַטאָ פרוּװט דאָס דערקלערן:

— װײַזט אױס זיך דערשראָקן...

— איך פּו'עג דיך נישט.

דער מולאַט קאַרטשעט זיך אײַן. זשוקאַ רײַבט זיך די הענט; ער באַמיט זיך אויסצובאַהאַלטן זײַנע נערוון:

— איצט איז שוין פאַרפאַלן. מען דאַרף אָנהייבן איידער האָראַסיאָ נעמט זיך דערצו. וואָרעם ס'וועט זײַן מילכאָמע. ריכטיקע מילכאָמע.

אָלגע באַמיט זיך ענדערן די מינע אַפן פּאָנעם אויס מוירע פאַרן מאַן. סיניאָ זעצט זיך ווידער אַוועק. א מינוט שווײַגט ער. ער טראַכט פון די פּסוקים וואָס די טאָכטער האָט געלייענט. ס'איז גאַנץ קלאָר. נאָר ער וויל נאָך:

— לייען ווײַטער דאָניאַ אַנאַ...

זי נעמט די ביבל, צעעפנט זי און לייענט שטייענדיקערהייט. די הענט ציטערן איר אַביסל, נאָר איר קאָל איז פעסט:

„זאָלסט אַף אים קיין ראַכמאָנעס נישט האָבן, זאָלסט אים מאַכן באַצאָלן א לעבן פאַר א לעבן, אַן אויג פאַר אַן אויג, א צאָן פאַר א צאָן, א האַנט פאַר א האַנט, א פוס פאַר א פוס".

סיניאָ הייבט אויף דעם קאָפּ, איצט איז שוין קיין סאָפעק נישט... ער ווײַזט מיט דער האַנט די פרויען זיי זאָלן אַרויסגיין. אָלגע און ראַימונדאַ לאָזן זיך גיין, נאָר דאָניאַ אַנאַ רירט זיך ניט פונעם אָרט. יענע זײַנען שוין אינעם קאָרידאָר און זי שטייט נאָך אַלץ, מיט דער ביבל אין דער האַנט, און קוקט אַפן פאָטער. זשוקאַ וואַרט אומגעדולדיק זי זאָל אַרויסגיין, וואָרעם ער מוז זיך פרײַ דורכשמועסן מיט סיניאָן. מיט א שאַרפטקע קאָל רופט זיך סיניאָ אָן:

— איך האָב דיר געהייסן גיין שלאָפן, דאָניאַ אַנאַ, אַף וואָס וואַרטסטו?

זי נעמט דעמאָלט רעציטירן פון אויסנווייניק, די אויגן שטײַף אָנגעשטעלט אַפן פאָטער:

„שטעל דיך מיר נישט קעגן, מיך צו צווינגען אַוועקגיין; וואָרעם וווּהין דו וועסט גיין וועל איך אויך גיין; און ווו דו וועסט בלײַבן, וועל איך אויך בלײַבן".

— דאָס איז נישט קיין זאַך פאַר פרויען... — רופט זיך אָן זשוקאַ.

נאָר סיניאָ באַדאַראַ' רײַסט אים איבער:

— זאָל זי דאָ בלײַבן. זי איז א באַדאַראָ'. אירע קינדער, זשוקאַ,

וועלן אַמאָל אַראָפּנעמען דעם קאַקאַאָ פון די סעקיירא גראַנדער פעלדער. קענסט בלייבן, טאָכטער מײַנע.

זשוקאַ און דאָניאַ אַנאַ זעצן זיך לעבן אים. זיי נעמען אָנצייכענען די פּלענער צום קאַמף פאַרן באַזיץ פון סעקיירא גראַנדע. דאָניאַ אַנאַ איז פריילעך. די פרייד מאַכט נאָך שענער איר ברונעטן קאָפּ, אירע ברענענ־דיקע שוואַרצע אויגן.

## XII

אַרום דעם וואַלדלאַנד האָט מען אין דער נאַכט פון די צעפּלאַמטע אַמביציעס, פאַרלאַנגען און כאַלוימעס ליכט אָנגעצונדן. עס ברענען די קעראָסין־לאָמפּן בײַ האָראַסיאָן און בײַ די באַדאַראָ'ס. עס ברענט דאָס ליכטל וואָס דאָניאַ אַנאַ האָט אָנגעצונדן פאַר דער הייליקער יונגפרוי אױפן אַלטאַר פונעם גרויסן הויז, זי זאָל העלפן די באַדאַראָ'ס אין די אָנקומענ־דיקע טעג. עס ברענט דאָס ליכט אױפן וועג פון דעם טויטן, וואָס מענטשן טראָגן אױף קווורע צו זײַנע טעכטער אין פעראַדאַס. עס ברענט ליכט בײַ די באַראָונאַס אין דער פאַזענדע, ווו זשוקאַ באַדאַראָ און מאַנעקאַ דאַנטאַס זײַנען קימאַט אין איין צײַט געקומען איבערראַשט פון טעאָדאָראָ. עס ברענט אַ רייכערדיק רויט פלעמל אינעם הויז בײַ די אַרבעטער, וואָס זײַ־נען פרי אויפגעשטאַנען הערן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם נעגער דאַמיאַן וואָס האָט פאַרפעלט דעם ציל און מען ווייס ניט ווו ער איז אַהינגעקומען. עס ברענט ליכט בײַ פירמאָן אין שטוב, ווו דאָניאַ טערעזאַ וואַרט מיט איר ווײַסן לײַב אױפן מאַן גרייט צו ליבע אױפן זשאַקאַראַנדאַ־בעט. עס ברענט ליכט אין די הײַזער פון די קליינע פּלאַנטאַטאָרס, אומגע־ריכט אויפגעוועקטע פון פירמאָ און האָראַסיאָס שלעגער זיי צו פאַרבעטן אױף מאָרגן צום מיטאָג. אַרום דעם וואַלדלאַנד ברענען די לאָמטערנס, די לאָמפּן, די קאַנעצן: זיי באַצייכענען די גרענעצן פונעם סעקיירא גראַנדער וואַלד, אױף צפון און אױף דאָרעם, אױף מיזרעך און אױף מײַרעוו.

די מענטשן, רײַטנדיק אָדער צופוס, שנײַדן זיך אױפּט איבער קליינע שטיקלעך וואַלד אױף צו פאַרקירצן דעם וועג מיט דעם שליאַך. דאָס זײַנען די וואָס גייען פון פאַזענדע צו פאַזענדע, פון פּלאַנטאַציע צו פּלאַנטאַציע פאַרבעטן צום מאָרגנדיקן שמועס. אַרום דעם וואַלדלאַנד צינדט די

מענטשנס אַמביציע פֿײַערן און שנײַדט וועג. נאָר ניט די פֿײַערן און ניט די טריט פֿון די מענטשן וועקן אויף דעם אייביקן שלאָף פֿונעם סעקיירע גראַנדער וואַלד אַף זײַנע צווײַגן און שטאַמען. עס ריִען די טיגערס, די שלאַנגען און די אַפֿן. עס זײַנען נאָך נישט אויפֿגעשטאַנען די פֿייגל צו גריסן דעם באַגינען. בלויז די לײַכט־פֿליגלעך, די לאַמטערנס פֿון די גײַס־טער, באַלײַכטן מיט זייער גרינעם ליכט דאָס געדיכטע גרינס פֿון די בײַ־מער. דער סעקיירע גראַנדער וואַלד שלאָפֿט. מענטשן, לאָהעטע נאָך געלט און נאָך מאַכט, מאַכן פּלענער אים צו פֿאַרכאַפּן. און אינעם האַרץ פֿונעם וואַלד, אין זײַן סאַמע געדיכטעניש, באַלויכטן בלויז מיט דער אומזיכערער און אָוועקפֿליענדיקער שײַן פֿון די לײַכט־זשוקלעך, שלאָפֿט זשערעמיאַס דער קישעפֿמאַכער.

גלײַך מיט די ביימער און די כאַיעס ווייס ער נאָך אויך ניט אַז דאָס וואַלדלאַנד איז אין סאַקאָנע, אַז די מענטשלעכע אַמביציע רינגלט אים אַרום, אַז די טעג פֿון די גרויסע ביימער, פֿון די ווילדע כאַיעס און פֿון די געשפּענסטער האַלטן שוין באַם סאָף. אין זײַן אָרעמען בײַדל שלאָפֿט ער גלײַך מיט די ביימער און מיט די כאַיעס.

ווי אַלט איז ער שוין דער נעגער זשערעמיאַס מיט די ווײַסע קאָלטנס, מיט די אויגן וואָס האָבן שוין זייער גלאַנץ אָנגעווירן, מיט דעם אײַנגעהויקערטן גוף און אײַנגעדאַרטן לײַב, מיט דעם דורכגעאַ־קערטן פּאָנעם, מיט דעם מויל וואָס האָט שוין קיין איין צאָן ניט, מיט זײַן קאָל וואָס פֿליסטערט שוין קוים און מען מוז טרעפֿן וואָס ער זאָגט?

קיינער ווייס עס ניט אַף די צוואַנציק מײַל לאַנד אַרום די סעקיירע גראַנדער וועלדער. פֿאַר יעדן איז ער אַ וואַלד־באַשעפֿעניש, אייביקע ווי דער טיגער און ווי די שלאַנגען, ווי די אײַנגעפֿלאָנטערטע שטאַמען אין די קריכנדיקע גראָזן, ווי די גײַסטער גופֿע וואָס ער פֿראַוועט מיט זיי און צע־שטורעמט זיי. ער איז דער האַר און הערשער איבער דעם סעקיירע גראַנ־דער וואַלד, וואָס האָראַסיאָ און די באַדאַראָס רײַסן זיך איבער אים. פֿונעם ברעג יאַם, אינעם איליעוסער האַפֿן, ביז דעם ווײַטסטן יִישעוו אַפֿן סטעפּ־וועג, רעדט מען וועגן זשערעמיאַסן, דעם קישעפֿמאַכער, וואָס היילט קראַנקייטן, וואָס שיצט דעם מענטשנס לײַב פֿון אַ ביקסן־שאָס און פֿון אַ שלאַנגען־ביס, וואָס גיט אויך מיטלען קעגן ליבעס־קראַנקייט, וואָס קען אויך דעם קישעף, אַז אַ פֿרוי זאָל זיך צוקלעפּן צו אַ מאַן ווי דער טריף

פֿון דעם ווייכן זשאַקאַ. זײַן נאָמען גייט איבער שטעט און דערפֿער וואָס ער האָט זיי קיינמאָל נישט געזען. פֿון זייער ווײַט קומען מענטשן באַ אים בעטן אַן אייצע.

איין מאָל, שוין אַ סאַך יאָרן דערין, ווען דאָס ווילדגעוויקס האָט באַדעקט אַ סאַך מער לאַנד ווי איצט, ווען דאָס האָט זיך געשפּרייט אַף אַלע זײַטן, ווען מענטשן האָבן נאָך נישט געטראַכט פֿון אויסרײַסן די ביימער און פּלאַנצן אַנשטאָט זיי דעם קאַקאַאָ־בוים, וואָס איז נאָך אַהין נישט געהאַט אָנגעקומען פֿון דער אַמאַזאָנען־געגנט, האָט זשערעמיאַס זיך אויסבאַהאַלטן אין יענעם וואַלד. געווען איז ער דעמאָלט אַ יונגער יעגער, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון שקלאַפֿערײַ. די „וואַלד־קאַפּיטענער" האָבן זיך געיאָגט נאָך אים און ער איז אַרײַן אין דעם ווילדגעוויקס, וווּ די אינדיאַנער האָבן געוווינט, און ער איז שוין פֿון דאָרט ניט אַרויסגעקומען; געקומען איז ער פֿון אַ צוקער־פּלאַנטאַציע, וווּ דער באַלעבאָס האָט באַפֿוילן שמײַסן זײַן שקלאַפֿן־רוקן. לאַנגע יאָרן איז אַף זײַן רוקן געווען אײַנגעשניטן דער צייכן פֿון דער בײַטש. נאָר אַפֿילע ווען דער צייכן איז שוין געווען פֿאַרשווּנדן און אַפֿילע ווען עמעצער האָט אים געזאָגט, אַז מען האָט דעקרעטירט די אָפּשאַפֿונג פֿון דער שקלאַפֿערײַ, האָט ער נישט געוואָלט אַרויסגיין פֿונעם וואַלד. לאַנגע יאָרן איז שוין ווי ער איז געקומען; זשערעמיאַס האָט שוין פֿאַרלוירן דעם כעשבן פֿון דער צײַט, יענע פּאַסירונגען זײַנען שוין אויך פֿון זײַן זיקאָרן פֿאַרלוירן; פֿאַרלוירן האָט ער נאָר ניט דעם אָנדענק פֿון די געטער וואָס זײַנע אורעלטערן האָבן מיט זיך געבראַכט פֿון אַפֿריקע און ער האָט זיי נישט געוואָלט פֿאַרבײַטן אַף די קאַטוילישע געטער פֿון די פּלאַנטאַציע־באַלעבאַטים. אינעם וואַלד האָט ער געלעבט בעכאַוורוסע מיט אָגום, מיט אָמולו, מיט אָקסאָסי און אָקסאָלופאַ. באַ די אינדיאַנער האָט ער זיך דערוווּסט דעם סאָד פֿון די הייל־גראָזן. צו זײַנע שוואַרצע געטער האָט ער צוגעמישט טייל פֿון די געבירטיקע און ער רופֿט אָן זייערע נעמען ווען עמעצער קומט צו אים, אינעם האַרץ פֿונעם וואַלד, בעטן אַן אייצע אָדער אַ רעפֿוע. אַ סאַך מענטשן קומען, אַפֿילע פֿון דער שטאָט, און זיי האָבן ביסלעכווײַז אויסגעטראָטן אַ וועג צו אים ביז דעם בײַדל, אַן אויסגעטראָטענער וועג פֿון קראַנקע און באַאַנגסטע.

ער האָט געזען די ווײַסע מענטשן צוקומען צום וואַלד, ער האָט געזען ווי מען האָט אַנדערע וועלדער אויסגעהאַקט, ווי די אינדיאַנער זײַנען

אנטלאָפן אַלץ ווײַטער, ער איז געווען דערבײַ ווי מען האָט געפּלאַנצט די ערשטע ביימלעך קאַקאַאָ, ער האָט געזען ווי מען האָט פאַרלייגט די ער־שטע פאַזענדעס, ער האָט אָפּגעטראָטן אַלץ טיפער אין וואַלד און אים איז באַפאַלן די מוירע, אַז די מענטשן וועלן אַמאָל קומען און אַראָפּ־טראָגן אויך דעם וואַלד סעקיירא גראַנדע. ער האָט פאַרויסגעזאָגט אומ־גליקן אויף דעם טאָג. ער זאָגט יעדן איינעם וואָס קומט צו אים, אַז דער וואַלד איז די וווינונג פון די געטער, אַז יעדער בוים איז הייליק און ווער עס וועט לייגן אַ האַנט אויף זיי, וועלן זיך די געטער אָן אים אָן ראַכמאָ־נעס נוקעמען זײַן.

ער שפּײַזט זיך מיט קרײַטעכער און טרינקט קלאָרע וואַסער פונעם טײַך, וואָס שנײַדט דורך דעם וואַלד, ער האָט צוויי פאַרהיימישטע שלאַנ־גען בײַ זיך אין זײַן אינעם בײַדל, וואָס דערשטוינען די געסט. און פאַר קיינעם פון די געפּירכטיקסטע קאָראָנעלן, ניט פאַר סיניא באַדאַראָ, וואָס איז פּאָליטישער שעף און אַ געאַכטעטער מענטש, ניט פאַר האָראַסיאָן, וואָס מען דערציילט זיך פון אים אַן אַזוי פיל לעגענדעס, ניט פאַר טעאָדאָראָ דאַס באַראונאַס, וואָס האָט אַ שרעקלעכן נאָמען פון אַ ראָשע, ניט פאַר־בראַזילינאַ, וואָס איז אַ סימוואָל פון העלדישקייט, האָט מען נישט אַזוי מוירע אויף דער ערד פון סאַן זשאָרזשע דאַ איליעוס, ווי פאַר דעם קישעפ־מאַכער זשערעמיאַס. ער האַלט אין זײַנע הענט די איבערנאַטירלעכע קויכעס, וואָס ווענדן אויף דעם לויף פון דער קויל, האַלטן אויף די האַנט וואָס הייבט דאָס מערדערישע מעסער, פאַרוואַנדלט אין וואַסער דעם גע־פערלעכסטן גיפט פון דער טויטנדיקער שלאַנג, ווי דאָס איז די קלאַפּער־שלאַנג.

זשערעמיאַס שלאָפט בײַ זיך אינעם בײַדל, נאָר זײַן אויער וואָס איז געווײנט צו אַלע קולעס פונעם וואַלד, כאַפּט אויף, אַפילו אין שלאָף, די צוקומענדיקע אײַליקע טריט. ער עפנט זײַנע מידע אויגן, הייבט אויף זײַן דאַרן גוף, וואָס איז אין שמאַטעס אײַנגעהילט. די טריט זײַנען אַלץ נענ־טערע, עמעצער לויפט איבערן וועג וואָס פירט צו זײַן בײַדל. עמעצער קומט נאָך אַ רעפוע אָדער נאָך אַן אייצע און ער קומט מיט פאַרצווייפ־לונג אינעם האַרצן. זשערעמיאַס איז שוין געוווינט צו דערקענען מענטש־לעכע אַנגסט אין דער שנעלקייט ווי זיי קרייצן דעם וואַלד. דער קומט אַ פאַרצווייפלטער, ער לויפט איבערן שטעגל, אַ ווייטיק מיסטאָמע דריקט אים

דאָס האַרץ. דער קישעפֿמאַכער זעצט זיך אויף אַף די שפּיץ פֿינגער; פֿון צווישן די צוויַיגן דערטראָגט זיך אַ ניט־זיכערע שיַין וואָס פֿאַלט שוואַך אַף דער אַרומקריכנדיקער שלאַנג אינעם בײַדל. זשערעמיאַס וואַרט־אָפּ. דער מענטש האָט ניט מיט זיך קיין פֿיַיער זיך צוצולײַכטן, אים פֿירט דאָס לײַדן אַליין. דער קישעפֿמאַכער קײַעט אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער.

און מיטאַמאָל פֿאַלט אַרײַן אינעם בײַדל דער נעגער דאַמיאַן, ער וואַרפֿט זיך אַף די קני, קושט זשערעמיאַסן די האַנט:

— טאַטע זשערעמיאַס: מיר האָט געטראָפֿן אַן אומגליק... איך האָב קיין קאָל ניט דיר אים אויסצודערציילן, און איך ווייס ניט ווי אַזוי דיר עס צו זאָגן... טאַטע זשערעמיאַס, איך בין פֿאַרלוירן...

דער נעגער דאַמיאַן איז הוילע ציטערניש, זײַן גוף, דאַכט זיך, איז אַ שוואַכער באַמבוק, אַ געשמיסענער פֿונעם ווינט באַם ברעג טײַך. זשערעמיאַס לייגט אַרויף זײַנע אויסגעדאַרטע הענט אַף דאַמיאַנס פּאָנעם:

— זון מײַנער, נישטאָ אַזאַ אומגליק וואָס האָט נישט קיין היילונג. דערצייל, דער אַלטער נעגער וועט דיר געבן אַ מיטל.

מער ווי ווערטער, האָט זײַן שוואַכער קאָל דעם קויעך פֿון איבערצײַגונג. דער נעגער דאַמיאַן רוקט זיך נאָך נענטער צו, ער קריכט אַף די קני.

— פֿאָטער: איך ווייס ניט ווי דאָס איז געשען. אַזוינס האָט נאָך נישט געטראָפֿן דעם נעגער דאַמיאַן. פֿון זינט וואַסמיסע האָט באַשיצט מײַן לײַב פֿון קוילן, האָב איך נאָך קיין איין שאָס ניט געפֿעלט, איך האָב קיינמאָל קיין מוירע ניט געהאַט אַן אומגליקלעכן אַוועקצופּאַטערן... איך ווייס ניט ווי דאָס איז געשען, טאַטע זשערעמיאַס, אַ קישעף איז עס געווען.

זשערעמיאַס שווײַגט און וואַרט ער זאָל דערציילן. זײַנע הענט אַף דאַמיאַנס שטערן זײַנען זײַן איינציקע באַנעמונג. די שלאַנג בלײַבט ליגן, זי וויקלט זיך אײַן אין דער וואַרעמקייט ווו דער קישעפֿמאַכער איז געשלאָפֿן. דאַמיאַן ציטערט און זײַן קאָל איז אָט איבערגעאײַלט שנעל און אָט זוכט עס לאַנגזאַם אַ וואָרט:

סיניאָ באַדאַראָ׳ האָט מיך געשיקט פּאַטערן אַ מענטשן, סעו פֿירמאָ, דער וואָס האָט אַ פּלאַנטאַציע דאָ נאָענט... איך בין געגאַנגען אָפּן לויער מיט דעם קורצן וועג, און געקומען איז אַ גײַסט, טאַטע מײַנער, זײַן ווײַב

איז עס געווען, דאָניא טערעזאַ, און האָט מיר דעם מויעך צעמישט...

ער ווארט אָפּ. זײַן האַרץ איז קליין, געפילן פילן אָן זײַן ברוסט, נײַע אומבאַקאַנטע געפילן. זשערעמיאַס רופט זיך אָן:

— דערצייל, מײַן זון.

איך האָב אָפּגעוואַרט דעם מענטשן, האָט זיך באַוויזן זײַן ווײַב, מיט אַ בויך איז זי געגאַנגען, זי זאָגט דאָס קינד וועט שטאַרבן, דער נע־גער דאַמיאַן וועט הארגענען אַלע דרײַ... איך בין ווייך געוואָרן, זי האָט מיך צענומען, האָט מיר אַרײַנגעלייגט זאַכן אין קאָפּ, האָט בּאַ מיר צוגע־נומען די קראַפט פון דער האַנט, האָט בּאַ מיר צוגענומען דעם ציל פונעם אויג. אַ קישעף, טאַטע מײַנער; דער נעגער דאַמיאַן האָט פאַרפעלט דעם ציל... וואָס וועט איצט זאָגן סיניאָ באַדאַראָ? ער איז אַ גוטער מענטש, איך האָב אים פאַרראַטן... איך האָב דעם מענטשן נישט געהאַרגעט, אַ קישעף איז עס געווען, מען האָט מיך פאַרקישעפט, פאָטער!

בּאַ זשערעמיאַסן איז דער גוף שטײַף און די אויגן אָנגעצילט, זײַנע קימאַט בלינדע אויגן. אויך ער פאַרשטייט, אַז הינטער דער געשיכטע וואָס דער נעגער דערציילט, איז פאַראַן אַ סאַך אַ וויכטיקערע געשיכטע, אַז הינטער דעם נעגערס גורל ליגט דער גורל פונעם סעקייראָ גראַנדע־וואַלד.

— צו וואָס האָט סיניאָ באַדאַראָ געדאַרפט פּאַטערן פירמאָן, זון מײַנער?

— סעו פירמאָ האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן די פּלאַנטאַציע. ווי אַזוי קען סיניאָ אַרײַנגיין אין וואַלד, פאָטער? איך האָב אים פאַרראַטן, איך האָב דעם מענטשן נישט דערשאָסן. דעם ווײַבס אויגן האָבן צוגענו־מען דעם מוט פון מײַן ברוסט. כ׳שווער אַז כ׳האָב זי געזען, פאָטער, ס׳איז נישט קיין ליגן פונעם נעגער, ניין.

זשערעמיאַס שטעלט זיך אויף, ער דאַרף איצט ניט דעם שטעקן אַף אים אָנצושפּאַרן זײַן הונדערט־יאָריקן גוף. ער מאַכט צוויי טראָט צו דער טיר. זײַנע קימאַט בלינדע אויגן זעען איצט קלאָר דעם וואַלד אין זײַן גאַנצער פּראַכט. ער זעט אים זינט די ווײַטסטע טעג פון דער פאַרגאַנ־גענהייט ביז דער איצטיקער נאַכט, וואָס צייכנט אָן זײַן סאָף. ער ווייס אַז די מענטשן וועלן אין אים אַרײַנדרינגען, וועלן אויסהאַקן די ווילדער־ביש, וועלן אויסהאַרגענען די באַיעס, וועלן פלאַנצן קאַקאַאָ אַף דער ערד,

ווו עס איז געווען דער סעקיירא גראַנדער וואַלד. ער זעט שוין דאָס פֿײַער וואָס דרייט זיך אין די קלעטער־גראָזן און לעקט די שטאַמען, ער הערט דאָס ריטשען פֿון די געיאָגטע טיגערס, דאָס הײַלן פֿון די מאַלפּעס, דאָס שיפּען פֿון די שלאַנגען וואָס ברענען. ער זעט די העק און שווערדמעסערס וואָס פֿאַרענדיקן דאָס וואָס דאָס פֿײַער האָט געשוינט, ווישן אַלץ אָפּ, לאָזן די ערד אַ נאַקעטע, רײַסן אַרויס די טיפֿסטע וואָרצלען. ער זעט נישט דעם נעגער דאַמיאַן וואָס האָט פֿאַרראַטן זײַן האַר און וויינט אױף זײַן פֿאַרראַט; ער זעט דעם וואַלד אַן אָפּגעלײידיקטן, אַן אײַנגעוואַלגערטן און פֿאַרברענטן, ער זעט די קאַקאַאָ־ביימער אויפֿקומען און ער ווערט באַ־ הערשט פֿון אַ אומענדלעכן האַס. זײַן קאָל איז שוין איצט נישט קיין געפֿליסטער ווי אַן אַנדערש מאָל, עס איז אויך נישט געווענדט צום נעגער דאַמיאַן, וואָס ציטערט און וויינט און וואַרט אױף די ווערטער וואָס זאָלן אַרויסטרײַבן זײַן ווייטיק. זשערעמיאַס רעדט צו זײַנע געטער וואָס זײַנען געקומען פֿון די אַפֿריקאַנישע וועלדער: אַגוס, אָקסאָסי, יאַנסאַ, אָקסאַלופּאַ, אַמולו און אויך עקסו, וואָס ער איז דער טײַוול. ער רופֿט זיי זיי זאָלן זייער צאָרן אויסגיסן אױף די וואָס ווילן שטערן די רו פֿון זײַן וווינונג. און ער זאָגט:

— דאָס אויג פֿון ראַכמאָנעס איז אויסגעטריקנט און זיי קוקן צום וואַלד מיט דעם אויג פֿון רישעס. איצט וועלן זיי אַרײַנגיין אינעם וואַלד, נאָר פֿריִער וועלן שטאַרבן מאַן און פֿרוי, די קינדער און די אויפֿעס אַפֿילע. זיי וועלן שטאַרבן ביז עס וועלן מער נישט זײַן קיין לעבער ווו זיי צו באַגראָבן, ביז די אָדלערס וועלן ניט באַוויַיזן אַזוי פֿיל פֿלייש אויפֿצופֿרעסן, ביז די ערד וועט ווערן רויט פֿון בלוט, וואָס וועט פֿון וועגן מאַכן טײַכן, און עס וועלן אין דעם בלוט דערטרונקען ווערן די קרויווים, די שכיינים און זייערע פֿרײַנט און קיינער וועט ניט געשוינט ווערן. זיי וועלן אַרײַנגיין אינעם וואַלד, נאָר טרעטן וועלן זיי איבער מענטשלעכע לײַבער, איבער טויטע. יעדער שטאַם וואָס זיי וועלן אונטערהאַקן, וועט זײַן אַן אונטערגעהאַקטער מענטש, און רויבפֿייגל וועלן אָנפֿליִען אַזוי פֿיל, אַז זיי וועלן פֿאַרשטעלן די זון. זייער פֿלייש וועט באַמיסטיקן יעדן קאַקאַאָ־בוים. יעדער פֿלאַנצלינג וועט באַפֿײַכט ווערן מיט זייער בלוט, מיט זייערע אַלעמענס, אַלעמענס, קיינעמס ניט דורכגעלאָזט.

ווידער שרײַט ער אויס די נעמען פֿון זײַנע באַליבטע געטער. ער

שרײַט אוים אויך דעם נאָמען פון עקסו און גיט אים איבער נעקאָמע צו נעמען פאַר אים. זײַן קאָל שנײַדט דורך דעם וואַלד און צעוועקט די פייגל, די אַפּן, די שלאַנגען און די טיגערס. ווידער גיט ער אַ געשריי, אַ הייסע קלאָלע:

יעדער זון וועט פלאַנצן זײַן קאַקאַאָ־בוים אַף דעם בלוט פון זײַן פאָטער...

דערנאָך קוקט ער זיך אײַן אינעם באַגינען, וואָס צעעפנט זיך מיט דעם טרילערן פון די פייגל איבער דעם סעקיירא גראַנדער וואַלד. זײַן גוף גיט זיך נאָך, צו שטאַרק איז געווען דער אָנשטרענג. ער גיט זיך נאָך, זײַנע אויגן ווערן אײַנגעגאַנצן בלינד, זײַנע פיס בייגן זיך אײַן און ער פאַלט אַף דער ערד, זײַנע פיס באַרירן דעם נעגער דאַמיאַן, אַ דורכגענומענעם מיט שרעק. קיין איין זיפץ קומט פון זײַן מויל נישט אַרויס, קיין איין קרעכץ ניט. מיט דעם כאָרכל פון טויט באַמיט זיך זשערעמיאַס בלויז איבערכאַזערן זײַן קלאָלע מיט דעם צעקרימטן גויסעסדיקן מויל. אַף די ביימער טרילערן די פייגל זייער פרימאָרגן־געזאַנג. די פרימאָרגן־שײַן באַלײַכט דעם סעקיירא גראַנדער וואַלד.

# דאָס וואַלדלאַנד שוואַנגערט מיט שטעט

## I

אַמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער: מאַריאַ, לוציאַ, וויאָלעטאַ, אייניק אין זייער דאָליע, אייניק אין זייערע געלעכטערס. לוציאַ, די וואָס מיט די שוואַרצע צעפּ; וויאָלעטאַ, די וואָס מיט די טויטע אויגן; מאַריאַ, די יִינגסטע פון די דרײַ. אַמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער אַלע אייניק אין זייער סאָף.

אָפּגעשוירן האָט מען לוציאַן די צעפּ, געוואַקסן זײַנען אירע קײַלעכדיקע בריסטן, היפּטן ווי די זײַלן, ברוינע, צימרינג־קאָלירטע. געקומען איז דער פּאַרעץ און האָט זיי צוגענומען. אַ געלעגער פון צעדערהאָלץ און פעדערן, קישנס און קאָלדרעס. אַמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער.

מאַריאַ, די יִינגסטע, מיט בריסטעלעך קליינע, מיט אַ גלאַטן צאַרטן בליק. געקומען איז דער פּאַרעץ; ווײַל ער זי ניט נעמען. געקומען איז דער אויפפּאַסער; האָט ער זי ניט גענומען. געקומען איז פעדראָ צום סאָף, אַן אַרבעטער אָף דער פאַזענדע. אַ בעט פון אַ קוענער פעל, אַן לײַלעכער, אָן אַ דעקע, ניט פון צעדערהאָלץ, ניט פון פעדערן. מאַריאַ מיט איר ליבע.

אַמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער: מאַריאַ, לוציאַ, וויאָלעטאַ, אייניק אין זייערע געלעכטערס, אייניק אין זייער דאָליע; לוציאַ מיט איר פּאַרעץ, וויאָלעטאַ מיט איר אויפפּאַסער, מאַריאַ מיט איר ליבע. אַמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער, פאַרשיידענע אין זייער גורל.

אָנגעוואַקסן זײַנען לוציען די צעפּ, אָפּגעפאַלן זײַנען אירע קײַלעכדיקע בריסטן; אירע היפּטן ווי זײַלן מיט סיניאַקעס פול. אין אַן אויטאָ אָפן וועג; וואָס איז געשען מיט דעם פּאַרעץ, וואָס ער איז אַוועק? ער האָט

צוגענומען דאָס צעדערנע בעט, די קישנס, די דעקעס. אמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער.

וויאָלעטאַ האָט אירע אויגן פאַרמאַכט פאַר מוירע צו קוקן אַרום זיך: לויזע הויט אירע בריסטן, אַ קינד צום זייגן. אַף זײַן ריזשן פערד איז איין מאָל דער אויפפאַסער אַוועק; ער וועט שוין צוריק נישט קומען. אַוועק איז דאָס אײַזערנע בעט. אמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער.

די יִינגסטע איז אַוועק מיט דעם מאַן אַפן פעלד, וווּ מען פלאַנצט דעם קאַקאַאָ. זי איז איצט די עלטסטע פון זיי. איין מאָל איז פעדראָ אַוועק. נישט קיין פאָרעצ און נישט קיין אויפפאַסער איז ער געווען; אַוועק איז ער אין אַן אָרעמען קאַסטן; איבערגעלאָזט האָט ער דאָס פעלענע בעט און מאַריען אָן זײַן ליבע. אמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער.

וואָס איז געוואָרן מיט לוציעס צעפּ, מיט וויאָלעטאַס בריסטן, מיט מאַריעס ליבע?

אמאָל זײַנען געווען דרײַ שוועסטער אין אַ שטוב פון אָרעמע זוינעס. איינ‏יק אין זייער לײַדן, איינ‏יק אין זייער פאַרצווייפלונג, מאַריע, לוציאַ, וויאָלעטאַ, איינ‏יק אין זייער גורל.

## II

די דרײַ מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר פון אַ ליימענער שטוב, אַ נישט־געפאַרבטע און נישט־געקאַלכטע. דער יונגער מיט דעם סעאַרער טראָגן דעם האַמאַק מיט דעם טויטן; דער אַלטער רוט זיך אָפּ, אַף זײַן שטעקן אָנגעשפּאַרט. אַ מינוט שטייען זיי פאַר דער טיר. ס'איז פריִער מאָרגן און אַף דער זוינע־גאַס זעט מען קיינעם ניט. דער יונגער רופט זיך אָן:

— און טאָמער שלאָפן זיי מיט עפּעס אַ מאַן?

— דער אַלטער הייבט אויף די הענט:

—זיי האָבן קיין ברייִרע ניט, זיי מוזן אויפשטיין.

זיי פּאַטשן אין די הענט, נאָר פון אינעווייניק ענטפערט מען ניט. אַ שטילקייט ליגט אויסגעגאָסן אַף אַט די גאַסן. אַ גאַס אינעם עק שטעטל פּעראַדאַס. קליינע שטיבלעך, ליימענע, טייל מיט שטרוי געדעקט, צוויי אָדער דרײַ מיט דאַכלקעס, די מערסטע מיט צינק־בלעכן. דאָ וווינען די

זוינעס, אהער קומען די אַרבעטער פון די פּאַזענדעס אין אַ יאַנטעוו נאָך ליבע. דער אַלטער קלאַפּט אָן מיטן שטעקן. ער קלאַפּט אָן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל. אַף לעצט שרייַט עמעצער אַרויס פון אינעווייניק:

— ווער איז דאָרט? וואָס דאַרפט איר דאָ האָבן, צו אַלע טייַוואָלים?

דאָס שרייַט אַ נישט־אויסגעשלאָפענע פרוי. אַ מאַן גייט צו דערנאָך:

— גייט ווייַטער. דאָ איז אַלץ פאַרנומען, — און ער צעלאַכט זיך מיט אַ צופרידענעם געלעכטער.

— זיי זייַנען מיט אַ מאַן, — רופט זיך אָן דער יונגער. ער שטעלט זיך ניט פאָר ווי וועט ער איבערגעבן דעם מעס צו זייַנע טעכטער ווען זיי שלאָפן מיט מענער.

דער אַלטער קלערט אַ ווייַלע:

— נישטאָ קיין אַנדער ברייַרע. מען מוז אים איבערגעבן.

דער סעאַרער רייַסט זיי איבער:

— עפּשער איז גלייַכער אָפּוואַרטן?

— וואָס טוט מען אָבער מיט אים? — דער אַלטער ווייַזט אַפן טויטן, — שוין צו לאַנג ליגט ער אַ ניט באַגראָבענער. ער מוז קומען צו זייַן רו.

און ער שרייַט אַרייַן אינעווייניק:

— לוציאַ! וויאָלעטאַ! לוציאַ!

— וואָס ווילט איר, — דאָס קאָל איז אַ מענעריש.

דער אַלטער רופט די דריטע טאָכטער:

— מאַריאַ! אַ! מאַריאַ!

אַף דער טיר פון דער שכייניש̈ער שטוב קומט אַרויס אַן אַלטע פאַרשלאָפענע פרוי. זי איז אַרויסגעקומען אָנשרייַען מען זאָל איר ניט שטערן שלאָפן, נאָר אַז זי דערזעט דעם מעס, פרעגט זי שטיל:

— ווער איז עס?

— ס'איז דער פּאָטער זייערער, — ענטפערט דער סעאַרער און ווייַזט אַף דער שטוב.

— מ'האָט אים דערהאַרגעט? — פרעגט די פרוי.

— געשטאָרבן פון פיבער.

די פרוי קומט צו צו די דרייַ מענער, גיט אַ קוק אַפן טויטן און מאַכט אַ מינע פון עקל:

— ווי מאָדנע!

דער אַלטער פרעגט:

זיי זײַנען דאָ? קיינער רופט זיך ניט אָפּ...

— זיי האָבן די נאַכט געהוליעט. ס׳איז זשוקיטאַס געבורטסטאָג. ער איז פאַרקאָכט אין וויאָלעטען. זיי האָבן געהוליעט ביז פאַרטאָג. דערפאַר שטייען זיי ניט אויף.

זי שרײַט אינאיינעם מיט דעם אַלטן:

— וויאָלעטאַ! וויאָלעטאַ!

— ווער איז דאָרטן? וואָסערע טײַוואַלים שרײַען דאָרט?

די פרוי קוויטשעט:

— ס׳איז דײַן טאַטע!

— ווער? — דאָס קאָל פון אינעווייניק שטוינט.

— דײַן טאַטע!

אין שטוב ווערט שטיל, ווי אָפּגעהאַקט. אין דער טיר באַווײַזט זיך וויאָלעטעס קאָפּ. זי דערזעט די מענטשן, ציט אויס דעם האַלדז און דער־קענט דעם פאָטער אַ טויטן. זי גיט אַ געשריי; אין שטוב ווערט טומלדיקער.

און באַלד צערודערט זיך די גאַנצע גאַס. פון אַלע שטיבער קומען אַרויס פרויען; געלאַסענער קומען אַרויס די מענער וואָס האָבן אין טייל פון די הײַזער געגעבטיקט. די מערסטע זוינעס קומען אַרויס אין די אונ־טערוועש; טייל אין בלויזן העמד. זיי שטעלן זיך אַרום אַרום טויטן און שמועסן:

— פון פיבער.

— קיינער קען קעגן דעם פיבער ניט בײַשטיין.

— עפּשער וועט ער זיך שוין אָפּשטעלן?

— מען זאָגט פון דער לופט קומט ער.

— גלײַכער איז אים טייקעף צו באַגראָבן.

— שיין, יאָרן אַז ער האָט די טעכטער נישט געזען... עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס זיי זײַנען צעהעפקערט געוואָרן...

— מען זאָגט פאַר בושע פלעגט ער נישט קומען קיין פעראַדאַס.

פרויען מיט אויסגעפּאַטשטע פּענעמער; מולאַטקעס, נעגערקעס, ווי ניט ווי אַ ווײַסע. אַף די פיס, אַף די הענט, אַפן פּאָנעם שראַמען. אין דער לופטן אַ רייעך פון אַלקאָהאָל געמישט מיט ביליקע פּאַרפומען. אַ מולאַטקע

מיט צעשויבערטע האָר, וואָס הייבן זיך באַ איר אַף אַרויף, קומט צו צום טויטן:

— איך בין אַמאָל געשלאָפן מיט אים. אין טאַבאַקאַס איז עס געווען.

אַרום איז שטיל געוואָרן. וויאָלעטאַ שטייט נאָך אַלץ אַף דער טיר. זי האָט ניט דעם מוט צוצוגיין. נאָר די מולאַטקע באַפעלט איר:

— נעם אים אַרײַן אינעווייניק.

לוציאַ און מאַריאַ קומען צו. לוציאַ וויינט: „טאַטע, טאַטע". מאַריאַ גייט צו שטיל; די אויגן זײַנען באַ איר דערשראָקן. הינטער זיי באַווײַזן זיך עטלעכע מענער. זיי לאַכן. אַ פרוי רופט זיך אָן:

— זשוקיטאַ, דײַן שווער איז געשטאָרבן.

דער אַלטער בעט זיך:

— האָט אַפשר פאַרן טויטן...

אַ צווייטע טאַדלט די וואָס האָט עס געזאָגט:

— ביסט מיט אָן עמעסן אַ שמוציקע זוינע.

מען הייבט אויף דעם האַמאַק און מען טראָגט אים אַרײַן אינעווייניק. אַלע גייען נאָך דעם מעס. טייל מענער שפּיליען זיך צו די הויזן; די פרויען גייען נאָך אַזוי ווי זיי זײַנען, האַלב אָנגעטאָן. אַלע זעען זיי אויס אינעם זעלביקן עלטער און האָבן דעם זעלביקן קאָליר, דעם קאָליר פון אַ קראַנקייט. אַ רעשט פאַרלוירענע מענטשן אין עק וועלט. און מאַכמעס אין שטוב איז קיין זאַל נישטאָ, — זי באַשטייט פון פינף קליינע צימערן, וווּ עס וווינען פינף פרויען — לייגט מען אַרײַן דעם טויטן צו וויאָלעטען אין בעט, אינעם קעגנאיבערדיקן צימער. דער אַלטער צינדט אָן דאָס שטיקל ליכט, שוין קימאַט אָן אויסגעברענטס. איבערן בעט הענגט דאָס בילד פון אַ הייליקן, פונעם האָר באַנפים, און אָן אויסגעריסן בלעטל פון אַ זשורנאַל מיט אַ בלאָנדער נאַקעטער פרוי. לוציאַ כליפּעט; מאַריאַ אייסעקט זיך אַרום דעם טויטן; וויאָלעטאַ איז געגאַנגען ברענגען נאָך אַ ליכט. דער אוילעם צעשפּרייט זיך איבערן דורכגאַנג. זשוקיטאַ גייט אַרײַן אינעווייניק, ער ברענגט אַרויס אַ פלאַש בראָנפן און נעמט טיילן די מענטשן וואָס האָבן געבראַכט דעם מעס. מאַריאַ האָט אַפּירגענומען די גיטאַרע, וואָס איז געלעגן אין בעט באַם טויטן צוקאָפּנס.

דער אַלטער רעדט צום סעאַרער און ווײַזט אים אָן אַף מאַריען, וואָס גייט פאַרבײַ מיט דער גיטאַרע:

— איך האָב זי געקענט ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען. אַ שיינהייט. דערנאָך איז זי געווען אַ שיין מיידל, נישט געווען קיין צווייטע צו איר... ווען זי האָט כאַסענע געהאַט מיט פּעדראָן. היינט איז זי שוין אַפילע ניט ענלעך.

— מען דערקענט נאָך עפּעס.

— דאָס זוינע־לעבן פרעסט אויף בא אַ פרוי די שיינקייט אין צוויי טעג.

דער יונגער קוקט אַ פאַראינטערעסירטער אַף מאַריען.

טייל פרויען גייען אָנטאָן זיך. אַ מאַן באַט זיך אָן לוציען איידער ער גייט אַוועק. וויאָלעטאַ בעשבנט מיט זשוקיטאַן וועגן דעם קאַסטן און דער קווורע. ס'איז טייער. אינעם צימער מיט דעם מעס, ווו זיי בעשבענען, קומען אַריין לוציאַ און מאַריאַ. אַלע פיר אַמפּערן זיך. זשוקיטאַ האַלט זיך ווי איינער פון דער פאַמיליע. זיי מאַכן דעם בעשבן. ס'איז אוממעגלעך צו קויפן אַ קאַסטן. דאָס פלאַץ אַפן צווינטער איז טייער געוואָרן:

— ניט אַנדערש נאָר באַגראָבן אים מיט דעם האַמאַק... — זאָגט לוציאַ. — מען קען אים צודעקן מיט אַ ליילעך.

וויאָלעטאַ, וואָס איצט איז זי שוין באַרויקט נאָכן פריערדיקן שרייען, רופט זיך אָן:

— איך ווייס ניט פאַרוואָס האָט מען אים ניט באַגראָבן ערגעץ אַפן וועג. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט אונדז.

— האָסט קיין האַרץ נישט — שניידט איר אָפּ מאַריאַ — איך ווייס ניט וואָס דו האָסט אַזוי געשריִען פריער ווען דו האָסט אים דערזען. סיידן ס'איז געווען געמאַכט. ער איז געווען אַ גוטער מענטש.

וויאָלעטאַ וויל איר אָפּענטפערן, נאָר מאַריאַ רעדט ווייטער:

— ער האָט זיך פאַשעט געשעמט מיט אונדז, וואָס מיר זיינען גאַסן־פרויען. עס האָט אים פאַרדראָסן. נישט דערפאַר וואָס ער האָט אונדז ניט ליב געהאַט.

אינעם קאָרידאָר דערציילט דער אַלטער, וואָס האָט געבראַכט דעם מעס, ווי אַזוי דער מענטש איז געשטאָרבן, אין דריי טעג האָט דער פי־בער אים די קויכעס אויפגעפרעסן:

נישט געווען קיין שום מיטל דערצו. בא די באַראַונאַס אין קראַם

איז נאָך אים געבליבן אַ היפשער כויוו פאַר די רעפועס. זיי האָבן גאָרניט נישט געהאָלפן.

אינעם צימער ליגט פאַר לוציאַ, וואָס איז זייער אַ פרומע, מען זאָל רופן דעם גאַלעך בעגטאָ ער זאָל אָפּריכטן אַ טפילע. זשוקיטאַ איז אין ספק צי דער גאַלעך וועט גיין:

— ער גייט נישט צו קיין זוינע אין שטוב.

— ווער זאָגט עס? — פרעגט וויאָלעטאַ, — ווען איסאַוראַ איז געשטאָרבן, איז ער געקומען. מער ניט, ער נעמט טײַערער.

און מער זאָגט זי גאָרניט; זי וויל ניט מען זאָל זי האַלטן פאַרן פּאַטערס אַ סוינע. זשוקיטאַ שטימט צו:

— ער קומט נאָר פאַר אַ סאַך געלט. פאַר ווייניקער ווי צוואַנציק מילרײַס וועט ער מיסטאָמע נישט גיין.

לוציאַ האַלט שוין באַ אָפּזאָגן זיך פון איר פּלאַן:

— אויב אַזוי, וועלן מיר אים ניט רופן.

זי קוקט אָפן טויטן, אויף זײַן אויסגעמאָגערטן גרינבלעכן פּאָנעם, וואָס שמייכלט דאַכט זיך טויטערהייט. לוציאַן ווערט טרויעריק אָפן האַרצן וואָס מען וועט דעם פּאַטער באַגראָבן אָן טפילעס און זי שטאַמלט אַרויס מיט געוויין:

— מ'עט אים באַגראָבן אָן אַ טפילע, אָרעמער! ער האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, ער איז געווען אַ גוטער מענטש... און ער וועט קומען צו קווורע אַ נישט איבערגעענטפערטער. איך האָב עס מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט... טײַערער טאַטע...

וויאָלעטאַ נעמט זי אָן באַם אָרעם. קיין בעסערן אויפן ווי אַרויסצוווײַזן ליבשאַפט האָט זי נישט.

— מירן אַליין גאָט בעטן. איך געדענק נאָך אַ טפילע.

נאָר די מולאַטקע וואָס איז אַמאָל געהאַט געשלאָפן מיט דעם טויטן און הערט פונעם קאָרידאָר דעם שמועס, נעמט אַרויס צוואַנציק מילרײַס פונעם זאַק, גייט אַרײַן אינעם צימער און גיט זיי לוציען:

— לאָזט אים נישט אָן טפילעס.

דאָס ברענגט זשוקיטאַן אָפן געדאַנק צו מאַכן אַ זאַמלונג. ער לאָזט זיך אַרויס צונויפנעמען געלט באַם אוילעם. איינער וואָס האָט באַ זיך

קיין געלט נישט, באַט זיך אָן גיין רופן דעם גאָלעך און גייט אַוועק. דאָס איז זײַן בײַשטײַער.

לוציאַ ווישט זיך די טרערן און דערמאָנט זיך:

— מען דאַרף דערלאַנגען קאַווע די מענטשן וואָס האָבן אים גע־בראַכט.

מאַריאַ גייט אַרײַן טיפער אין שטוב. ווען זי רופט אין קיך אַרײַן דעם אַלטן, דעם יונגן און דעם סעאַרער, גייען אַלע נאָך. אינעם צימער בלײַבן בלויז וויאָלעטאַ און די מולאַטקע וואָס האָט געגעבן די צוואַנציק מילרײַס. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען ליגן אין זײַן טויטער רו איינעם וואָס זאָל האָבן מיט איר געשלאָפן. זי איז שטאַרק גערירט און זי האַלט אים פאַר איר מעס, פאַר אירן אַ נאָענטן קאַרעוו.

אין קיך, אַרום דער קאַווע, פירט דער אַלטער אַרויף דעם שמועס אַף אַן אַנדער איניען און דערציילט:

— איר ווייסט אַז די באַדראַס האָבן נעכטן געשיקט ליקווידירן סעו פירמאָ?

אַלע פאַראינטערעסירן זיך:

— וואָס רעדט איר?

— מען האָט אים דערהאַרגעט?

— די קויל האָט פאַרפעלט. ס'איז זיך נישט צו גלייבן... ס'איז גע־ווען דער נעגער דאַמיאַן.

איינער האָט אַ פײַף געטאָן פון פאַרוווּנדערונג. אַ צווייטער רופט זיך אָן:

דער נעגער דאַמיאַן האָט פאַרפעלט. דאָס איז סאַף וועלט.

דער אַלטער איז שטאָלץ דערמיט וואָס ער וועקט אַזוי פיל אינטערעס. ער שטעקט אַרײַן אַ נאָגל אינעם צאָן, ווי אַ ציינשטעכער, און שלעפּט אַרויס אַ האָר. ער דערציילט ווײַטער:

— סעו פירמאָ איז אונדז פאַרבײַגעריטן. ער האָט זיך שטאַרק גע־אײַלט צום קאָראָנעל האָראַסיאָ. מען זאָגט ס'וועט אויסברעכן אַ פײַער.

מען האָט פאַרגעסן אָנעם טויטן און מען האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם אַלטן. טייל בייגן זיך אַריבער איבערן קליינעם קיך־טיש, קעדיי אַ וואָרט נישט צו פאַרלירן. אַף די פון פאָרנט שטייענדיקע שפּאַרן זיך

אַן קעפּ מיט אויפגעריסענע נײַגעריקע אויגן. דער אַלטער קלערט אויף דאָס וואָס אַלע ווייסן שוין:

— איבערן וואַלד פון סעקיירא גראַנדע..

— ס'עט זיך איצט אָנהייבן.

דער אַלטער בעט שווײַגן און דערציילט:

— ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן. שפּעטער האָבן מיר געטראָפן סעו פירמאַ צוריקרײַטן פונעם קאָראָנעל האָראַסיאָ מיט צוויי שלעגער. געריטן איז אויך דער קאָראָנעל מאַנעקאַ דאַנטאַס, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם קורצן וועג צו די באַראַונאַס. ער האָט געריטן אין פולן גאַלאָפּ.

זשוקיטאַ איז באַדאַראָ'ס אַ מענטש און ער רײַסט אים איבער:

— דער קאָראָנעל האָראַסיאָ מיינט אַז טעאָדאָראָ וועט זײַן אַף זײַן זײַט. ער נאַרט זיך ווי אַ קינד מיט דער סאַסקע. זעט ער דען ניט, אַז טעאָ־דאָראָ איז צונויפגעוואַקסן מיט די באַדאַראָ'ס ווי דער נאָגל מיט דעם פינגער.

לוציאַ רײַסט זיי איבער:

— אַ מיִעסער מענטש איז ער, דאָס יאָ. פון יענע באַנדיטן... ער איז מיט דעם וואָס טוט אים אַ גרעסערע טוווּע.

איין פרוי צעלאַכט זיך:

— דו זאָלסט עס נישט וויסן? ביסט דאָך געווען זײַנע אַ געליבטע. ער האָט דאָך דיך פאַר אוים בסולע געמאַכט.

לוציאַ שטעלט אַרויס די ברוסט און די אויגן ברענען איר פון קאַס:

— ער איז דאָס ערגסטע וואָס איז פאַראַן אַף דער וועלט. נישטאָ נאָך אַזאַ נידעריקער מענטש.

— אָבער אַ העלד איז ער, — רופט זיך אָן איינער.

— יאָ, אַ העלד מיט די ווײַבער, — זאָגט לוציאַ, — וויל ער דיך אויפעסן, איז ער שטילער פון אַ פייגעלע. איך געדענק ווי ער איז זיך מיט מיר באַגאַנגען. די טריט פלעגט ער מיך נאָכגיין, יעדן טאָג אַ מאַטאָנע געבן, אַ רעשטל סכוירע, אַ פּאָר טופליעס, אַן אויסגענייט טיכל. און צוזאָגעכצער, אַ מוירע. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַ הויז אין איליעוס, קליידער, דעם רינג אַפילע מיט דעם בריליאַנט וואָס ער טראָגט אַפן קליי־נעם פינגער. אַלץ האָט ער צוגעזאָגט און איך האָב אים געגלויבט און האָב אים געגעבן. ער האָט אַפן צווייטן טאָג פאַרגעסן וואָס ער האָט צוגעזאָגט.

ער האָט מיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער זוינע־גאַס. דער טאַטע האָט עס נישט געוווּסט.

דער אוילעם אַרום שווײַגט. דער סעאָרער איז אָנגעשפּיצט. לוציאַ קוקט אַף די פּענעמער, זי זעט מען וואַרט אַף נאָך:

— און איר מיינט אַז נאַר דאָס? ווען ער האָט מיך שוין געהאַט אויפגעגעסן און איז שוין געווען זאַט מיט מיר, האָט ער געוואָרפֿן אַן אויג אַף וויאָלעטען... ווען נישט אַנאַניאַס, וואָס איז בא אים געווען אויפּפּאַ־סער, און איז נאָך פֿריִער געווען צונויפגעלייגט מיט איר... ער האָט עס נישט געטאָן, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט פֿאַר אַנאַניאַסן.

דער אַלטער רופט זיך אָן:

— אַז אַ נעגער האָט אַ טאָכטער, איז זי פֿאַרן ווײַסנס בעט.

לוציאַ האָט נאָך עפּעס וואָס צו דערציילן:

— און אַז פּעדראָ איז געשטאָרבן, דער וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיט מאַריען, איז דער קאָראָנעל אין דער זעלביקער נאַכט געקומען צו איר אין שטוב זיך פֿאַרשלאָגן. ער האָט אַפֿילע נישט געשווינט איר וויי־טיק; אַפֿן אָרט אינעם נאָך וואַרעמען בעט פֿונעם מאַנס לײַב. ער איז דאָס ערגסטע.

מען שווײַגט. דער יונגער וואָס האָט געבראַכט דעם מעס, קוקט די גאַנצע צײַט מיט יעצער־האָרע־אויגן צו מאַריען. ווען נישט דער מיִעסער טאָג, וואָלט ער איר אָנגעבאָטן גיין מיט אים. פֿון דער ערשטער מינוט אָן ציט אים צו זיך מאַריעס רעשט שיינקייט. און פֿונעם גאַנצן שמועס אינ־טערעסירט אים בלויז דער פֿאַל מיט דעם קאָראָנעל טעאָדאָראָ וואָס איז געווען מיט איר די נאַכט פֿון איר מאַנס קווּרע.

דער אַלטער, וואָס האָט אָנגעווירן זײַן וויכטיקייט מיט לוציעס אי־בעררײַס, פֿירט ווידער אַרויף דעם שמועס אַף די באַנאַכטיקע געשעענישן:

— אַ קאַפּאַנגאַ וועט איצט די ווערט האָבן גאָלד. ווער עס האָט אַן אויג צום צילן, וועט רײַך ווערן ווען די בעהאָלע וועט זיך אָנהייבן. ער׳ט קענען פֿאַרלייגן אַ פּלאַנטאַציע.

— איך וועט מיך אַף די באַדאַראַס, — זאָגט זשוקיטאַ, — זיי האָבן די אייבערהאַנט אין דער פּאָליטיק. זיי וועלן זיכער געווינען. סיניאָ און זשוקאַ זײַנען עמעסע מענער.

— קענן דעם קאַראַנעל האַראַסיאַ האָט קיינער קיין באַטרעף ניט...
— זאָגט אַ צווייטער.

פאַנטשאַ וועט אַהער קומען. נישטאָ קיין איין איבערגעלויף ער זאָל ניט זײַן אין דער מיט. ער איז דעם קאַראַנעל האַראַסיאָס אַ מענטש.

טייל געסט כאַפּן זיך אַרויס אין גאַס צעטראָגן די נײַעס וואָס דער אַלטער האָט דערציילט. זיי צעטיילן זיך איבער די עטלעכע פּראָדעסער גאַסן און גייען פון איין באַקאַנטן צום צווייטן. דער סעאַרער שטוינט:

— דאָ רעדט מען נאָר פון טויט.

דער אַלטער באַשטעטיקט:

— טויט איז דאָ אַ ביליקע סכוירע. איצט ווערט זי אינגאַנצן אומזיסט. ביסט באַצײַטנס אַרויס.

— ער אַנטלויפט פון דאַנען? — פרעגט אַ פרוי.

— יאָ, כ׳אַנטלויף.

זשוקיטאַ לאַכט:

— פונקט איצט ווען עס ווערט דאָ אַזוי אינטערעסאַנט?

שוין אָנגעטאָנענע פרויען קומען ווידער אַרײַן. איינע ברענגט בלומען, פאַרוועלקטע בלומען וואָס אַ צופעליקער געליבטער האָט איר געבראַכט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, און זי לייגט זיי אַוועק צום טויטנס פיס. אויך מענער קומען; זיי ווילן הערן די נײַעס וואָס דער אַלטער האָט געבראַכט. די נײַעס טראָגן זיך איבערן שטעטל שוין איבערגעטריבענע. מען זאָל האָבן געבראַכט אַ טויטן־שלעגער וואָס איז געגאַנגען מיט פירמאָן און איז געפאַלן פון דער קויל וואָס איז געווען געצילט אינעם באַלעבאָס. אַז פירמאָ האָט מיט ניסים אויסגעמיטן דעם נעגער דאַמיאַנס אַ קויל. אַנדערע זאָגן אַז געבראַכט האָט מען פירמאָן אַ טויטן.

דער גאַלעך בענטאָ איז אַרײַנגעקומען אין דער זוינע־שטוב. איינע וואָס איז דאָרט געווען אין איין העמד איז אַרויסגעלאָפן זיך אָנטאָן פּאַסיקער. הינטערן גאַלעך גייט דער סאַקריסטאַן. דער גאַלעך גריסט פון דער טיר מיט זײַן פרעמדן אַקצענט:

— גאָט זאָל זײַן מיט אײַך.

אַרײַנגעקומען איז ער דורכן קאָרידאָר; פאַר אַלעמען וויל ער הערן די נײַעס. נאָכדעם ווי דער אַלטער כאַזערט איבער מיט אַ ניכנעדיקן טאָן די גאַנצע געשיכטע, גייט דער גאַלעך אַרײַן אין צימער און שטעלט זיך אָפּ

לעבן דעם מעס. וויאָלעטאַ קלערט אים אויף א פאַרשעמטע וועגן די שווערקייטן וואָס זיי האָבן מיט דעם געלט, זי מאַכט דעם בעשבן מיט דעם סאַקריסטאַן און גיט אים די צוואַנציק מילרייס, וואָס די אַנדערע האָט גע־געבן און נאָך עטלעכע ניקלנע מאַטבייעס. דער גאַלעך הייבט אָן די טפי־לעס. מענער און פרויען זאָגן נאָך אין כאָר:

— אָרא פּראָ נאָבים...

לוציאַ ווײנט שטיל; די דרײַ שוועסטער שטײען צוזאַמען, צוגעדריקט אײנע צו דער צווייטער. דער יונגער קוקט צו מאַריען. וועט זי אײַנגיין שלאָפן מיט אים די נאַכט פון דער קווורע? צי דען איז זי ניט געשלאָפן מיט דעם קאָראָנעל טעאָדאָראָ באַלד נאָכדעם ווי זי האָט באַגראָבן פּעדראָן, איר מאַן? ער זאָגט נאָך מעכאַניש אינאײנים מיט דעם כאָר:

— אָרא פּראָ נאָבים...

דער גאַלעך בראָקט די ליטאַניע־טפילעס. עמעצער גיט א געשריי אַרײַן פון דער טיר:

— זשוקאַ באַדאַראָ גייט!

אַלע לויפן צו דער טיר קוקן ווי אין אַן אויפגעהויבענעם שטויב גאַלאָפּירט זשוקאַ, באַגלייט פון אַנטאָניאָ וויטאָר מיט נאָך צוויי שלעגער, אַפּן וועג קיין טאַבאָקאַס. אַלע לויפן, אַפילו דער סאַקריסטאַן. דער גאַלעך קוקט דורכן פענצטער, מיטן האַלדז אויסגעצויגן איבערן מעס און הערט ניט אויף פּרעפּלען. בלויז די דרײַ שוועסטער און דער יונגער וואָס גלוסט צו מאַריען בלײַבן מיט דעם גאַלעך לעבן דעם מעס. זשוקאַ באַדאַראָ׳ מיט די שלעגער זײַנען שוין אין עק שטעטל. זיי רײַטן פאַרבײַ האָראַסיאָס שפּײַכלער ווו ער האַלט דעם טרוקענעם קאַקאַאָ, און שיסן אויס עטלעכע קוילן אין דער לופטן. די מענער און די פרויען קומען צוריק אין שטוב אַרײַן. די טפילעס פאַרן טויטן פאַרלירן זיך אין די שמועסן. דער יונגער גייט צו צו מאַריען.

## III

מיט א סאַך יאָרן שפּעטער, ווען עמעצער פאָרט דורך דאָס שטעטל פעראַדאַס מיט אַן אַלטן טוישעוו, ווײַזט אים דער אַלטער די הײַזער, די גאַסן, וואָס זייערע בלאָטעס זײַנען שוין פאַרשוווּנדן אונטערן ברוק:

— דאָס איז געווען דער איר־מיקלעט פאַר די ערגסטע ערד־באַנדיטן.

א סאַך בלוט האָט זיך געגאָסן אין פּעראַדאַס. באַם אָנהייב פונעם קאַקאַאָ. ווען מענטשן האָבן גענומען פלאַנצן אין ריאָ דאָ בראַזאָ די נייַע פּלאַנץ, האָט זיך קיינער ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס וועט זיַין דער סאָף פון די צוקער־פלאַנטאַציעס, פון די קאַניאַ־גוראַלניעס און קאַווע־פעלדער ארום ריאָ דאַ בראַזאָ, באַנקאָ דאַ וויטאָריאַ, אַגואַ בראַנקאַ און אין די דרייַ שטעטלעך באַם טייַך קאַשאָיירא, וואָס פאַלט אַרייַן אינעם איליעוסער האַפן. נאָר דער קאַקאַאָ האָט ניט בלויז ליקווידירט די קאַניאַ־גוראַלניעס, די קליינע צוקער־פלאַנטאַציעס און די קאַווע־פעלדער, ער איז אַרייַנגע־דרונגען אינעם וואַלדלאַנד. און אַף זייַן וועג זייַנען אויפגעקומען די הייַ־זער פונעם שטעטל טאַבאָקאַס, און נאָך ווייַטער, די הייַזער פונעם שטעטל פּעראַדאַס, ווען האָראַסיאָס מענטשן האָבן פאַרכאַפּט דעם וואַלד אַפן לינקן ברעג טייַך. א שטיקל צייַט איז פּעראַדאַס געווען דאָס ווייַטסטע שטעטל פון איליעוס. פון דאָרטן פלעגן זיך אַרויסלאָזן די פאַרכאַפּער פון נייַע ערדן. רייַזנדער פון איטאַפּירא פון ריאָ דאָס קאָנטאַס, וואָס זייַנען גע־שטאַנען אַף דער צווייטער זייַט קאַקאַאָ־ערד, פלעגן אַמאָל דורכשנייַדן דעם וואַלד און אַריבערקומען. פּעראַדאַס איז געווען א קליינער רירעוודיקער האַנדלס־צענטער. דער וווקס פונעם שטעטל האָט זיך זיכער אָפּגעשטעלט מיט דער דעראָבערונג פונעם סעקיירא גראַנדער וואַלד, וואָס באַ זייַן גרע־נעץ איז אויפגעקומען דער יישעוו פּיראַנזשי, א גאַנצע שטאָט איז דאָרט אויפגעוואַקסן אין מעשעך פון צוויי יאָר. און מיט יאָרן שפּעטער, מיט דעם שנעלן וווקס פון דער קאַקאַאָ־פלאַנץ, וועט אויפקומען באַפּאַרע', שוין אַפן וועג צום סטעפּ, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם מער קלינגענ־דיקן נאָמען גואַראַסי. נאָר אין דער צייַט פון דער דעראָבערונג איז פּע־ראַדאַס געווען זייער א וויכטיקער יישעוו. עפּשער נאָך וויכטיקער פון טאַבאָקאַס. מען האָט גערעדט וועגן צוציִען אַהין די אייַזנבאַן. ארום דעם פּלאַן פלעגט מען זיך אַמפּערן אין די שענקען און אַפּטייקן. מען האָט טאַבאָקאַס. מען האָט גערעדט וועגן צוציִען אַהין די אייַזנבאַן. ארום דעם געבראַכט פאַר פּעראַדאַס. נאָר מען האָט די באַן אַהין קיינמאָל ניט צוגע־פירט. די מייַסע איז וואָס פּאָליטיש האָט דאָס שטעטל געהערט צו האָ־ראַסיאָן. ער האָט דאָרט געוועלטיקט און ווייַטער קיינער. און אַזוי ווי ער איז געווען א „סעאַבריסט”, איז ער געווען אין דער אָפּאָזיציע; די רע־גירונג האָט קיינמאָל נישט באַשטעטיקט דעם פּראָיעקט פון די ענגלענדער

צו ציִען אן אפּצווייַג פון דער אייַזנבאַן ביז פּעראַדאַס. און ווען סעאַבראַ איז אַרויף און האַראַסיאַ איז געוועזן פון אויבן, האָט ער שוין מער אינטערעס געהאַט פאַר אַ באַן־אפּצווייַג צו סעקיירא גראַנדע, ווו עס איז אויפגעקומען פּיראַנזשי׳. פּעראַדאַס איז געווען אַן עטאַפּ; אין יענער צייַט האָט דאָרט געזאָטן מיט מענטשן. דאָס שטעטל האָט געהאַנדלט און איז באַקאַנט געווען אין די גרויסע באַהיִער עקספּאָרט־הייַזער, געשטאַנען איז עס אין וועג פון די האַנדלס־אַגענטן. רייַטנדיק פלעגן זיי אַהין קומען. אַ קאַראַוואַן אייזלען פלעגט פירן זייערע וואַליזעס מיט מוסטערן און זיי פלעגן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אויסשטעלן זייער לייַנענע ווייַסע וועש צווישן די כאַקי־אַנצוגן פאַר די „גראַפּיונאַס". די האַנדלס־אַגענטן פלעגן פאַרליבן אין זיך די יונגע מיידלעך פונעם שטעטל, פלעגן גיין טאַנצן, ווען עס זייַנען געווען טאַנץ־אַוונטן, טרינקען וואַרעמען ביר און פּראָטעסטירן וואָס עס איז קיין אייַז נישטאָ, מאַכן גרויסע געשעפטן. און אין באַהיִאַ, צוריק פון די רייַזעס, פלעגן זיי דערציילן אין די קאַבאַרעטן העלדישע געשיכטעס פון דעם שטעטל מיט אוואַנטוריסטן און קאַפּאַנגאַס, ווו עס איז פאַראַן נאָר איין פּאַנסיאָן, ווו דער ברוק פון די גאַסן איז די בלאָטע, נאָר יעדער באַרוועסער טראָגט זיך דאָרט אום מיט אַ פולן בייַטל אין קעשענע. זיי פלעגן זאָגן:

— כ׳האָב אין ערגעץ נישט געזען אַזוי פיל פינפהונדערטער מילרייַס ווי אין פּעראַדאַס...

דאָס איז געווען דער גרעסטער באַנקראָט אין יענער צייַט. אין פּעראַדאַס האָט קימאַט קיינער נישט געהאַט קיין צעביטן געלט; ניקלנע מאַטבייעס האָט מען קימאַט נישט געזען. זיי פלעגן דערציילן נאָך אַנדערע נאַרישע אַנעקדאָטן, ווי ביכלאַל אַנעקדאָטן וואָס האַנדלס־אַגענטן דערציילן:

— אַז איר קומט קיין פּעראַדאַס, נעמט פּאַנטשאַ מאַרטינס, דער באַלעבאָס פונעם פּאַנסיאָן, שיטן צוקער אין בעט, ווו דער גאַסט דאַרף שלאָפן.

דער וואָס הערט אויס די געשיכטע, וווּנדערט זיך:

— צוקער? צו וואָס?

— קעדיי צוציִען די מוראַשקעס, זיי זאָלן אויפעסן די וואַנצן.

פּאָקן און טיפוס זייַנען דעמאָלט געווען אַן אַלגעמיינע פּלאָג אין יענע מעקוימעס, און דאָס בעסטע פּעראַדעסער הויז שטייט גאַרניט אָף קיין

שמעטלשער גאַס, נאָר לעבן וואַלד. ס׳איז דער לאַזאַרעט, וווּהין מען שיקט די פּאָקן־קראַנקע. פון דאָרט, פלעגט מען זאָגן, קומט קיינער ניט אַרויס. דאָרט גיט אַף זיי אַכטונג אַן אַלטער נעגער, וואָס איז קראַנק געווען אַף שוואַרצע פּאָקן און איז פון זיי אַרויס אַ לעבעדיקער. קיינער פלעגט נישט אַרייַנגיין אין דעם שטיקל וואַלד ווו דער לאַזאַרעט איז געשטאַנען. ער האָט אַנגעוואָרפן אַ מוירע אַפן גאַנצן שטעטל.

פּעראַדאַס איז אויפגעקומען אַרום דעם שפּייַכלער וואָס האָראַסיאָ האָט אַוועקגעשטעלט פאַרן קאַקאַאָ. ער האָט געדאַרפט האָבן אַ לאַגער אַף צונויפברענגען דעם קאַקאַאָ פון זייַנע פאַרשיידענע פאַזענדעס. לעבן דעם שפּייַכלער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט הייַזער; באַלד ווערט דורכגעלייגט אַ גאַס אין דער בלאָטע, דורכגעשניטן מיט צוויי אָדער דרייַ שמאָלע געסלעך; עס קומען די ערשטע זוינעס און די ערשטע קרעמער. אַ סיריער האָט געעפנט אַ שענק, צוויי טאַבאַקעסער שערער האָבן געעפנט טירן צו דער גאַס; אין די שאַבאַסים האָט זיך געשטעלט אַ מאַרק. האָראַסיאָ האָט געהייסן שעכטן צוויי אָקסן און פאַרקויפן פלייש. אין פּעראַדאַס פלעגן איבערנעכטיקן די טרייַבער פון די אייזלען מיט טרוקענעם קאַקאַאָ פון ווייַטערע פאַזענדעס און זיי הייטן פון גאַנאַווים.

נאָר אַ סאַך גערעדערייַ האָט אַרויסגערופן אין פּעראַדאַס דאָס באַשטימען אַהין סובקאָמיסאַרן. זשוקאַ באַדאַראָ איז צוגעשטאַנען צום איליעוסער פּרעפעקט ער זאָל אַרייַנשיקן קיין פּעראַדאַס אַ סוב־קאָמיסאַר פון דער פּאָליציי. אַף דעם אויפן האָט ער געוואָלט וויי־טאָן האָראַסיאָן, זיך אַרייַנרוקן אין זייַן מעמשאָלע. פּעראַדאַס איז שוין אַ שטעטל, האָט ער געטייַנעט, כאָטש דאָס שטייט אַף האָראַסיאָס ערד. מען מוז דאָרט אייַנפירן געזעצלעכקייט און אָפּשאַפן די גנייוועס מיט די מערדערייַען. אין אַ נאָכמיטאָג איז אָנגעקומען דער סוב־קאָמיסאַר. געקומען איז ער מיט דרייַ בלוט־אָרעמע טרויעריקע פּאָליציי־זעלנער. געקומען זייַנען זיי רייַטנדיק און אין דער אייגענער נאַכט זייַנען זיי אַוועק נאָקעטערהייט צופוס, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אָנגעבראָכן די ביינער. די איליעוסער אָפיציעלע צייַטונג האָט זיך פאַרנומען מיט דעם איניען און איז אָנגעפאַלן אַף האָראַסיאָן; די צייַטונג פון דער אָפּאָזיציע האָט געפרעגט „פאַרוואָס עפּעס האָט מען געשיקט אַ סוב־קאָמיסאַר און נישט געשיקט אַ גאַס אויסברוקירן, אַ לאַמטערן אַוועקשטעלן אַף אַ ראָג־גאַס. דאָס וואָס איז פאַראַן האָט

אײַנגעפירט דער קאַרנעל האַראַסיאַ דאַ סילװײראַ. אויב די שטאַט־פאַרװאַלטונג װיל זיך באַטײליקן אינעם לעבן פון דעם יִשעװ, זאָל זי בײַטראָגן צו זײַן פּראָגרעס. פּערראַדאָס לעבט בעשאָלעם און נייטיקט זיך ניט אין פּאָליציי; דאָס שטעטל נייטיקט זיך אין ברוק אויף די גאַסן, אין באַלײַכטונג און אין װאַסער־לײטונג". נאָר אומזיסט זײַנען געװען די טײַנעס פון דער אָפּאָזיציע־צײַטונג, װאָס האָט פּאַרטײדיקט האָראַסיאָס אײַנטערעסן. דער פּרעפעקט האָט באַשטימט אַ צװײטן סובקאָמיסאַר, אַלץ אויף זשוקאַס העצע. דער נײַער איז באַקאַנט געװען פאַר אַ קוראַזשנעם; דאָס איז געװען װיסענטע גאַראַנגאַו, װאָס איז אַ לאַנגע צײַט געװען אַ קאַפּאַנגאַ בײַ די באַדאַראָ'ס. געקומען איז ער מיט צען זעלנער און האָט זיך באַרימט אַז ער װעט מאַכן און אויסמאַכן. שוין אויפן צװײטן טאָג האָט ער אַרעסטירט האָראַסיאָס אַן אַרבעטער, װאָס האָט פאַרפירט אַ געשלעג אין אַ הײַזל. האָראַסיאָ האָט טײקעף געשיקט אַ שעליעך מען זאָל אים אַרױסלאָזן. געענטפערט האָט ער האָראַסיאָ זאָל אַלײן קומען אים אַרױסנעמען. האָראַסיאָ איז געגאַנגען און האָט אים אַרױסגענומען. װיסענטע גאַראַנגאַון האָט מען געהאַרגעט אויפן װעג קײן מאַקאַקאָס, װען ער איז אַװעק זיך אויסבאַהאַלטן בײַ מאַנעקאַ דאַנטאַס אין דער פאַזענדע. מען האָט אים אָפּגעשונדן די הויט אויף דער ברוסט, די אויערן אָפּגעשניטן און די טעסטיקלען, און דאָס אַלץ אַ מאַטאָנע אַװעקגעשיקט דעם פּרעפעקט אין איליעוס. פון דעמאָלט אָן איז אין פּערראַדאָס קײן סובקאָמיסאַר נישטאָ װײַל זשוקאַ באַדאַראָ' זאָל ניט זוכן אַ מענטשן אויף דעם אַמט.

האָראַסיאָ האָט אַװעקגעשטעלט אַ קאַפּליצע און האָט געפּויעלט מען זאָל אַהין שיקן אַ גאַלעך. פּרײַ בענטאָ האָט גיכער אױסגעזען אַן ערד־פאַרקאַפּער אײדער קריסטוסעס אַ דינער. זײַן לײַדנשאַפט איז געװען די מיידל־שול, װאָס די מאָנאַשקעס האָבן געבױט אין איליעוס. דאָס גאַנצע געלט װאָס ער האָט באַװיזן צונױפצוזאַמלען אין פּערראַדאָס האָט ער אַװעקגעשיקט צו די מאָנאַשקעס פאַר זײער מיידל־שול. דערפאַר האָט מען אים אין שטעטל נישט ליב געהאַט. געמײנט האָט מען, ער װעט זיך מער אײַנטערעסירן מיט פּערראַדאָס, װעט דאָרט אויסבױען אַ בעסערן קלױסטער װי דעם טאַבאַקעסער, אויפן אָרט פון דער קאַפּליצע. נאָר פּרײַ בענטאָ האָט בלױז אין זינען געהאַט די מיידל־שול פון די מאָנאַשקעס, אַ מאָנומענטאַלער ביניען, װאָס מען האָט געגומען בױען אין דער קאָלאָניע קאָנקװיס־

טאַ אין דער שטאָט דאָס איליעוס. געווען איז עס זיַינער אַ פּראָיעקט; ס'האָט אים אַ סאַך מי געקאָסט ביז ער האָט איבערגערעדט דעם באַהיַער אַרכיביסקופּ ער זאָל באַפעלן די מאַנאַשקעס. און אויב די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן, איז עס געווען אַ דאַנק דעם פריַי בענטאַ, וואָס האָט צונויפגעשטעלט דאַמען־קאָמיסיעס אין איליעוס. און אויב ער האָט אָנגענומען די שטעלע פון קאַפּעלאַן אין פּערעדאָס, איז עס געווען מיט דעם ציל צו זאַמלען דאָרט געלט פאַר דער מיידל־שול. עס האָט אים געשראָקן די גלייַכגילטיקייט פון די קאַראָנעלן צו דער דערציִונג פון זייערע טעכטער. זיי זאָרגן אַ סאַך פאַר די זין, זיי צאָן מאַכן פאַר דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אינזשעניערן, די דריַי פּראָפעסיעס וואָס האָבן פאַרביטן דעם אַדל, נאָר פאַר די טעכטער האָבן זיי נישט געזאָרגט; גענוג אַז זיי קענען לייענען און קאָכן. אין פּערעדאָס האָט מען פריַי בענטאָן נישט מויכל געווען זיַין קליינע זאָרג פאַרן שטעטל. מען האָט געזאָגט אַז ער שלאָפט מיט דער קעכן, אַ מולאַטקע פון האָראַסיאָס פאַזענדע. און ווען זי איז געלעגן געוואָרן, האָט מען געזאָגט אַז דאָס קינד איז געראָטן אין אים, כאָטש יעדער איינער האָט געוווּסט אַז דאָס קינד איז ווירגולינאָס, דעם אָנגעשטעלטן באַם סיריער אין שענק. פריַי בענטאָ האָט געוווּסט וואָס מען רעדט וועגן אים, נאָר ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און האָט געזאַמלט געלט פאַר דער מיידל־שול. אין געהיים האָט ער געהאַסט די אַלע לייַט, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פאַר פאַרפאַלענע; מערדער, גאַנאַווים, מענטשן אָן געזעץ, אָן מוירע פאַר גאָט. לויט פריַי בענטאָן איז אין פּעראַדאָס קיין איין מענטש ניט געווען, וואָס זאָל זיך שוין לאַנג נישט האָבן פאַרדינט דעם אייביקן גענעם. ער פלעגט דאָס זאָגן אין די דראָשעס פאַר אַ קליינעם אוילעם אין די זונטיקדיקע מעסעס.

אָט די מיינונג פונעם גאַלעך איז געווען אָנגענומען איבערן גאַנצן קאַקאַאָ־לאַנד, ווו פּעראַדאָס איז געווען דער סינאָנים פון מאָרד. מער ווי דער קאַטויליציזם, וואָס זיַין פאָרשטייער איז געווען דער גאַלעך מיט זיַין קליינער זאָרג פאַרן שטעטל, האָט דאָרט געדיַיעט דער ספּיריטיזם. די „גלויביקע" פלעגן זיך צוזאַמענקומען הערן זייערע פאַרשטאָרבענע קרויווים און פריַינט אין הויז בא עופראַסיניען, אַ מעדיום, וואָס האָט אָנגעהויבן באַרימט צו ווערן. עופראַסיניאַ פלעגט ציטערן אַפן שטול, ריידן מיט אַ געפּענטעטער צונג; מען פלעגט דערקענען דאָס קאָל פון אַ באַקאַנטן

ניפטער. מען האָט דערציילט, אַז די טויטע, דעריקער, דער גײַסט פֿון איינעם אַן אינדיאַנער, וואָס איז געווען עופּראַסיניעס וועגוויַיזער, האָבן שוין לאַנג פֿאַרויסגעזאָגט געשלעגן איבערן סעקיירא גראַנדער וואַלד. וועגן די נעוויַעסן האָט מען אַ סאַך גערעדט און אַרום קיינעם האָט זיך ניט געשאַפֿן אַזאַ אַפּשײַ אין פּעראַדאָס ווי אַרום אַט דער מולאַטקע עופּראַסיניאַ, וואָס וויַיזט זיך אַף פּעראַדעסער בלאַטיקע גאַסן מיט איר אָפּגעצערטן פּאָנעם. נאָך דעם דערפֿאָלג פֿון די „סעאַנסן", האָט זי גענומען מיט מער ווייניקער דערפֿאָלג היילן מיט ספּיריטיזם. דעמאָלט האָט דער דאָקטער זעזע פּרייטאַס, וואָס איז געווען דאָקטער אין טאַבאַקאַס און פֿלעגט קומען איין מאָל אין וואָך צו זײַנע כוילאָים אין פּעראַדאָס, זיך פֿאַרייניקט מיט דעם גאַלעך בענטאָ אינעם קאַמף קעגן עופּראַסיניען. זי נעמט בײַ אים צו די פּאַציענטן; די פֿיבער־קראַנקע האָבן גענומען אַלץ אָפּטער גיין צום מעדיום ווי צום מעדיקער. פּרײַ בענטאָ האָט זיך דורכגעשמועסט מיט האָראַסיאָן, נאָר האָראַסיאָ האָט עס אין אַכט נישט גענומען. מען זאָגט אַז דערפֿאַר וואָס פּרײַ בענטאָ האָט אויסגעטראַכט די מײַסע וועגן האָראַסיאָן מיט די ספּיריטיסטישע סעאַנסן. פּרײַ בענטאָ — ווי פּעראַדאָס פֿלעגט זאָגן — האָט אַ גיפֿטיקע צונג. און ער אַליין האָט דאָס מאָל פֿאַרשפּרייט די געשיכטע. די געשיכטע האָט דערציילט, אַז אַף אַ ספּיריטיסטישן סעאַנס בײַ עופּראַסיניאַן אין הויז האָט מען איינמאָל אַרויסגערופֿן דעם גײַסט פֿון מונדיטאָ דאַ אַלמיידאַ, איינער פֿון די ערשטע ערד־פּאַרכאַפּער, דעם שרעקלעכסטן פֿון זיי אַלעמען, וואָס איז שוין לאַנג געהאַט געשטאָרבן, נאָר זײַן נאָמען פֿון אַ פֿאַרדאַרבענעם מענטשן האָט נאָך געלעבט אין פּעראַדאָס, ווי אַ בײַשפּיל פֿון אַ שלעכטן מענטשן.

עופּראַסיניאַ האָט אָנגעווענדעט אַלע אירע קויכעס אַרויסצורופֿן מונדיטאָ דאַ אַלמיידאַ, נאָר ער האָט בעשום אויפֿן נישט געוואָלט קומען. געווען איז עס אַ שרעקלעכער קאַמף; די מעדיום האָט שיר ניט געפּלאַצט פֿון אָנשטרענג, פֿון ציטערניש און טראַנסן. צום סאָף, נאָך אַ שווערער שאָ אַרבעט, ווען די געסט זײַנען שוין מיד געווען פֿון אַזוי פֿיל קאָנצענטרירן זיך, איז מונדיטאָ דאַ אַלמיידאַ אַרײַנגעקומען זייער אַ מידער און אין גרויס אײַלעניש, מען זאָל אים שוין זאָגן וואָס מען וויל פֿון אים; ער מוז טייקעף צוריקגיין. די מעדיום האָט אים צערטלעך געפֿרעגט:

— וואָס איז אַזוי די אײַלעניש, ברודער?

— אך! פאַראַן איצט אַ סאַך אַרבעט אין גענעם. יעדער איינער...

— האָט דער גײַסט בייז געענטפערט, און פון זײַן בייזקייט, זאָגט מען, איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז ער, מונדיטאַ דאַ אַלמיידאַ.

— וואָס טוט איר דאָרטן? — האָט עופּראַסיניאַ געוואָלט וויסן, ווי דער אויסדרוק פון אַלעמענס נײַגעריקייט.

— מיר טראָגן האָלץ דעם גאַנצן טאָג, אַלע טראָגן מיר, די זינדיקע און די מײַוואָלים.

— צו וואָס אַזוי פיל האָלץ, ברודער?

— מיר גרייטן דעם שײַטער אַף דעם טאָג ווען האָראַסיאָ וועט קומען...

אַזוינע געשיכטעס זײַנען אומגעגאַנגען אין פעראַדאָס, אין האָראַ־סיאָס האַרבעריק, אינעם איר מיקלעט פון די באַנדיטן. פון דאָרט זײַנען זיי, די וואַלד־אַפּרייניקער, געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן. געווען איז עס אַ פּרי־מיטיווע באַרבאַרישע וועלט, וואָס איר איינציקע אַמביציע איז געווען געלט. יעדן טאָג פלעגן אַהין קומען אומבאַקאַנטע מענטשן זוכן גליקן. פון פעראַדאָס זײַנען זיך צעגאַנגען די נײַע פריש אויסגעלייגטע וועגן אי־בערן קאַקאַאָ־לאַנד. פון פעראַדאָס וועלן זיך איצט האָראַסיאָס מענטשן אַרויסלאָזן צו די סעקייראַ גראַנדער וועלדער. פעראַדאָס לעבט יענעם טאָג מיט די נײַסן, וואָס דער אַלטער מיט דעם מעם האָבן אַהין געבראַכט. זשוקאַ באַדאַראָ איז דאָרט אַרום דורכגעריטן קיין טאַבאָקאַס. צוריקוועגס וועט ער שוין פעראַדאָס נישט קענען דורכרײַטן. ער וועט זיך מוזן זוכן אַן אַנדער וועג. קוים עטלעכע שאָ זײַנען פאַריבער און שוין איז פעראַדאָס מילכאָמע־גרייט. קאַפּאַנגאַס היטן שוין האָראַסיאָס שפּײַכלער. אין די שענקען טרינקט מען קאַניאַ מער ווי ווען עס איז. אָנ־הייב נאַכט איז אָנגעקומען האָראַסיאָ.

געקומען איז ער מיט אַ גרויסער סוויטע, אַן ערעך צוואַנציק פערד, אַ קאַראַוואַן אייזלען פירט דעם באַגאַזש. זיי רײַטן קיין טאַבאָקאַס, ווו־עסטער וועט מאָרגן זיך אויפזעצן אַף דער באַן קיין איליעוס. זי רײַט לויט דער מאָדע פון יענער צײַט, אַף אַ זײַט זאָטל און אַפן זאָטל אַ זילבערנע וויניעטקע, אַ זילבערנס איז אויך דאָס הענטל פונעם רעבענקע וואָס זי האַלט אין דער האַנט. זײַט בײַ זײַט מיט איר רײַט ווירזשיליאָ אַף אַן עפּל־גרויען פערד. פון הינטן, לעבן האָראַסיאָן, וואָס זיצט אַ

שווערער אינעם זאָטל, רײַט זײַן גוטער ברודער בראַז, מיט דעם שראַם פון אַ ברייטן מעסער־שניט אַף זײַן פּנים, באַלעבאָס פון אַ פּלאַנטאַציע לעבן די סעקײראַ גראַנדער וועלדער, און מען האָט פאַר אים גרויס אָפּשײַ אין דער קאַקאַאָ־געגנט. ער האַלט זײַן ביקס פון פאָרנט אַפן זאָטל און אַף איר רוט זײַן האַנט וואָס האַלט די לייצעס. און הינטן רײַטן שלעגער און אײַזל־טרײַבער מיט די ביקסן אַף די אַקסלען, מיט די רעוואָלווערס אין די גאַרטלען. דעם מאַרש שליסט אָפּ מאַנעקאַ דאַנטאַס, וואָס איז דורכגעפאַלן מיט זײַן שליכעס צו טעאָדאָראָ מאַרטינס, דעם באַלעבאָס פון באַראַונאַס. יענער איז געבליבן מיט די באַדאַראָס. אַלע רײַטן זיי אין אַ געשלאָסענער גרופּע, וואָס הייבט אויף אַ שטויב אַפן רויכערדיקן וועג. די טרײַבער שרײַען אַף די לאַסט־אייזלען; דאָס זעט גיכער אויס אַ קליינע אַרמיי וואָס רײַסט זיך אַרײַן אין אַ שטעטל. אָנהייב גאַס רײַט האָראַסיאָ אַרויס אַף פאָרנט. ער גראָבט אײַן די ערד מיט די קאָפּיטעס פון זײַן פערד ווען ער שטעלט זיך אָפּ פאַרן הויז פון פאַרכאַט, דעם סיריער, ווּ זיי וועלן איבערנעכטיקן. אָט אַזוי, מיט דעם פערד אַף די הינטערשטע פיס אויפגעשטעלט און ער אַליין אויפגעשטעלט אינעם זאָטל, די ערד צעגראָבן מיט דעם פערדס קאָפּיטעס, מיט דעם רעבענקע אין איין האַנט און אין דער צווייטער די לייצעס, וואָס האַלטן דעם פערדס גלײַכגעוויכט, זעט האָראַסיאָ אויס ווי אַ רײַטער־סטאַטוע פון אַ פאַרצײַטיקן קריגסהעלד. די שלעגערס און די טרײַבערס לאָזן זיך אַרויס איבערן שטעטל, וואָס קאָכט מיט גערעדערײַ. אין פעראַדאַס איז מען די נאַכט ווייניק וואָס געשלאָפן. געווען איז עס אַ לאַגער־נאַכט פאַר דעם פרימאָרגן פון אַ שלאַכט.

## IV

מיט זייערע לאַנגע בײַטשן וואָס קנאַקן ווען זיי באַרירן די ערד, גייען די טרײַבער איבער די טאַבאַקעסער פאַרבלאָטיקטע גאַסן. זיי שרײַען אַף די אייזלען און לאָזן זיי ניט פאַרקריכן אין די שמאָלע געסלעך און אין די נײַע גאַסן, וואָס עפענען זיך ערשט.

— היי, דיאַמאַנטע! דיאָניאָ! גיי, שלימאַזלדיקער אייזל...

פאַרויס דעם טאַבון, גייט אַ באַצירטע מיט דעם ברוסט־גאַרטל, די

אײזלטע װאָס קען בעסער דעם װעג, די פֿאַרגײערן פֿונעם טאַבון. די קאַראַנעלן שטײַגן איבער אײנער דעם צװײטן מיט דער שײנקײט פֿון די ברוסטגאַרטלען אַף די פֿאַרגײערנס, װי אַ באַװײַז פֿון זײער רײַכקײט און מעכטיקײט.

דאָס שרײַען פֿון די אײזל־טרײַבער הערט זיך טאָג װי נאַכט, איבער אַלע קוילעס און געװרישן, אין טאַבאַקאַס.

— טשאָ פּיראַניאַ! ריר דיך, מאַריפּאָסאַ! אײזל פֿאַרטײַװולטער.

און די בײַטשן קנאַלן אין דער לופֿטן און אַף דער ערד און די אײזלען קנעטן די בלאָטע אַף די גאַסן מיט זײער זיכערן און פֿאַמעלעכדיקן טראָט. פֿון װעלכער עס איז מיר הערט מען דעם אױסגעדראָשענעם טאַבאַקעסער װיץ:

— װי גײט עס דעם אײזל־טרײַבערס װײַב?

— איכל באַלד זען די מאַמע דײַנע.

אָפּט קומען אַרײַן אױך אָקסן־סטאַדעס, װאָס גײען פֿונעם סטעפּ, דאָ פֿאַרקױפֿטע צו די קאַצאָװיס, אָדער זײ גײען װײַטער אַפּן װעג קײן איליעוס. די אָקסן רעװען; די אָקסן־טרײַבער, אין זײערע לעדערנע מאַלבושים, אַף די פֿלינקע פֿערדלעך, שנײַדן זיך אַרײַן אין דער סטאַדע, אָדער מישן זיך אױס מיט די אײזל־טרײַבער אין די שענקען, װוּ זײ טרינקען קאַניאַ צוזאַמען אָדער גײען אין די הײַזלעך זוכן דעם צערטל פֿון אַ פֿרױ. עס רײַסן זיך אַרײַן רײַטער אין גאַלאָפּ מיט רעװאָלװערס אין די גאַרטלען. קינדער װאָס שפּילן זיך אין דער בלאָטע, טרעטן שנעל אָפּ און מאַכן װעג, און טױזנט מאָל אין טאָג װערט די בלאָטע איבערגעקנאָטן; אין די שפּײַכלער ליגט מען אָפּ קאַקאַאָ און װידער קאַקאַאָ. דאָס איז טאַבאַקאַס.

פֿון אָנהײב האָט דאָס אָרט קײן נאָמען נישט געהאַט; קױם פֿיר אָדער פֿינף הײַזער באַם טײַך. הינטער יענע הײַזער האָבן זיך דערנאָך גענומען בױען אַנדערע און גאַסן האָבן זיך געעפֿנט, אַפֿילו ניט קײן סימעטרישע, אַ װעג צו מאַכן פֿאַר די קאַראַװאַנען אײזלען באַלאָדענע מיט טרוקענעם קאַקאַאָ. די אײַזנבאַן האָט מען אַהין צוגעפֿירט פֿון איליעוס, און אַרום װאָקזאַל זײַנען צוגעקומען נײַע הײַזער. און געװען זײַנען עס שױן ניט בלױז לײמענע שטיבלעך, נישט געפֿאַרבטע, מיט ברעטלעך פֿאַר פֿענצטער, אַף שנעל אױפֿגעשטעלטע, מער צום אָפּרוען אײדער צום װױנען אין זײ, װי אין פֿעראַדאָס, פּאַלעסטינאַ און מוטונס. אין טאַבאַקאַס האָט מען

געבויט ציגלנע הײַזער און אויך פון שטיין און קאַלך, מיט רויטע דעכער, מיט שויבן אין די פענצטער; אַ טייל פון דער צענטראַלער גאַס האָט מען אויסגעברוקירט. עמעס, די אַנדערע גאַסן זײַנען געווען הוילע בלאָטע, טאָג־טעגלעך אָן איבערגעקנאָטענע פון די אייזלען, באַלאָדענע מיט פּיר־מעסטלדיקע זעק קאַקאַאָ. בײַ די הײַזער האָבן זיך געעפנט שפּײַכלער, צום אָפּלייגן אין זיי דעם קאַקאַאָ. טייל עקספּאָרט־הײַזער האָבן געהאַט זייערע פיליאַלעס אין טאַבאָקאַס און דאָרט האָבן זיי אָפּגעקויפט דעם קאַקאַאָ בײַ די פאַזענדייראָס. און כאָטש די מעלוכע־באַנק האָט נאָך דאָרט קיין פּי־ליאַלע נישט געהאַט, איז דאָרט געווען אַ באַנק־פאַרטרעטער, וואָס פלעגט אײַנשפּאָרן די קאָראָנעלן די רײַזע מיט דער באַן קיין איליעוס דאָרט אַרײַנצולייגן אָדער אַרויסצונעמען געלט. דעם קלויסטער פונעם הייליקן זשאָזע, שיצער פונעם שטעטל, האָט מען אוועקגעשטעלט אויף אַ באַגראָזטן שטאָט־פּלאַץ. קימאַט קעגנאיבער, אין איינעם פון די ווייניקע טאַבאָקעסער צוויי־שטאָקיקע הײַזער, איז געווען די מאַסאָנען־לאָזשע, וואָס האָט אין זיך אַרײַנגענומען די מערסטע פאַזענדייראָס און האָט אײַנגעאָרדנט בעלער און אויסגעהאַלטן אַ שול.

אויף דער אַנדער זײַט זײַנען שוין געשטאַנען עטלעכע הײַזער און מען האָט שוין גענומען ריידן פון לייגן אַ בריק, וואָס זאָל פאַראייניקן ביידע זײַטן שטאָט. די טאַבאָקעסער האָבן געהאַט איינע זייערע אַ גרויסע שטרע־בונג: דאָס שטעטל זאָל דערהייבן ווערן צו דער קאַטעגאָריע פון אַ שטאָט און זאָל האָבן איר אייגענע פאַרוואַלטונג און גערעכטיקייט, מיט איר פּרעפעקט, איר ריכטער, איר פּראָקוראָר, איר קאָמיסאַר. מען האָט שוין אַפילו געהאַט פאַרגעשלאָגן ווי אַזוי די נײַע שטאָט אַ נאָמען צו געבן: איטאַבונאַ, וואָס אין גוואַראַני־לאָשן, מיינט עס „שוואַרצער שטיין”, לע־קאָווער די גרויסע שטיינער, וואָס שטעקן אין מיטן טײַך און נאָך די ברעגעס, און וועשנס אַרבעטן דאָרט דעם גאַנצן טאָג. נאָר אַזוי ווי טאַבאָקאַס האָט פּאָליטיש געהערט צו האָראַסיאָן, וואָס ער איז געווען דער גרעסטער פאַזענדייראָ פון אַרום, האָט די שטאָט־רעגירונג נישט צוגעהע[לפ]ט זיך צו דער שטרעבונג פון די אײַנוווינער. די באַדאַראָ׳ס האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז האָראַסיאָס אַ פּאָליטישער פּלאַן נאָכמער צו באַהערשן די געגנט. גע־בליבן איז טאַבאָקאַס אַ שטעטל אינעם מוניציפּאַלן טכום פון סאַן זשאָר־זשע דאָס איליעוס. נאָר אַנדערע פלעגן שוין דאַטירן זייערע בריוו ניט אין

טאַבאַקאַס, נאָר אין איטאַבונאַ. און אַז מען פלעגט אין איליעוס פרעגן אַ טאַבאַקעסער פון וואַנען ער איז, פלעגט ער שטאָלץ ענטפערן:

— איך בין פון דער שטאָט איטאַבונאַ.

געווען איז דאָרט אַ סוב־קאָמיסאַר; ער איז געווען די העכסטע מאַכט. עס רעדט זיך נאָר אַזוי, וואָרעם אין דער עמעסן איז די העכסטע מאַכט געווען האָראַסיאָ. דער סוב־קאָמיסאַר, אַ געוועזענער אונטעראָפיציר פון דער אַרמיי, אַ קליינער, אַ דאַרער, נאָר אַ בראַווער, האָט זיך דאָרט גע־האַלטן נישט געקוקט אויף אַלע סטראַשונקעס פון האָראַסיאָס שלעגער. דערצו אויך איז ער געווען אַ גאַנץ פעיִקער; ער האָט זיך באמת ניט אי־בערצוטרײַבן זײַן מאַכט. אין אַ געשלעג פלעגט ער זיך אַרײַנמישן נאָר דעמאָלט ווען עס זײַנען געווען ערנסט פאַרווונדעטע אָדער טויטע. האָראַ־סיאָ פלעגט מיט אים אויסקומען, און האָט אים אַפילע אַ פּאָר מאָל גע־שטיצט, קעגן זײַנע אייגענע קאַפּאַנגאַס. ווען האָראַסיאָ פלעגט קומען קיין טאַבאַקאַס, פלעגט ער צוקומען, זיך אַביסל דורכרײדן מיט אים, און שטענ־דיק פלעגט ער ריידן וועגן שאַלעם מאַכן מיט די באַדאַראָ'ס. האָראַסיאָ פלעגט לאַכן מיט זײַן געלעכטערל אין זיך אַרײַן, און קלאַפּן דעם אונטער־אָפיציר אין פּלייצע:

— ביסט אַ בראַווער מענטש, עסמעראַלדאָ, צו וואָס דינסטו די באַ־דאַראָ'ס, פאַרשטיי איך ניט. ווען נאָר דו ווילסט, האָסטו אין מיר אַ פרײַנט.

נאָר עסמעראַלדאָ האָט געפילט אַן אַלטע אַכטונג צו סיניאָ באַדאַראָ, נאָך פון דעמאָלט ווען זיי האָבן אינאיינעם געבויערט די וועלדער אויף דער קאַקאַאָ־ערד. דאָרט פלעגט מען זאָגן, אַז סיניאָס מענטשן זײַנען אים גע־טרײַ פאַר פרײַנטשאַפט. ווער עס פאַרבינדט זיך מיט אים, גייט שוין פון אים קיינמאָל ניט אַוועק, ער איז ניט ווי האָראַסיאָ, וואָס פאַרראַט זײַנע גוטע ברידער...

ווער עס איז אין טאַבאַקאַס האָראַסיאָס אַ פרײַנט און אַ ווײלער, האַלט זיך שטענדיק פּײַנטלעך צו די פרײַנט און ווײלער פון די באַדאַ־ראָ'ס. בּאַ די וואַלן קומען פאַר געשלעגן, שיסערײַען און עס זײַנען פאַראַן טויטע. האָראַסיאָ האָט שטענדיק געוווּנען און האָט שטענדיק פאַרשפּילט, וואָרעם אין איליעוס האָט מען שטענידק געשווינדלט מיט די וואַל־קאַסטנס. עס האָבן געשטימט לעבעדיקע און טויטע. אַ סאַך פלעגן שטימען אונטער

דראָונגען פון די שלעגערס. אין די וואַל־טעג פלעגט טאַבאָקאַס זײַן פול מיט קאַפּאַנגאַס, צו היטן די הײַזער פון די אָרטיקע פּאָליטישע פירער: פונעם דאָקטער זעזע, שטענדיקער קאַנדידאַט פון האָראַסיאָס צאַד, פון לעאָפּאָלדאָ אַזעוועדאָ, פירער פונעם רעגירונגס־צאַד, פון דאָקטאָר פּעדראָ מאַטאַ, איצט אויך פון דאָקטאָר ווירזשיליאָ, דעם נײַעם אַדוואָקאַט. יעדער פּאַרטיי האָט זיך געהאַט איר אַפּטייק און אַ קראַנקער וואָס האָט זיך געהיילט באַם דאָקטער זעזע האָט נישט געשטימט פאַר די באַדאַראָ׳ס, און ווער עס האָט זיך געהיילט באַם דאָקטער פּעדראָ האָט ניט געשטימט פאַר האָראַסיאָן. די דאָקטוירים האָבן צווישן זיך געהאַט פּערזענלעכע באַציִונגען, נאָר איינער אַפן צווייטן האָט אויסגערעדט וואָס אין דער קאָרט. דאָקטער פּעדראָ פלעגט זאָגן אַז דאָקטער זעזע האָט ניט אין זינען זײַנע כוילאָים, נאָר די פּאָליטיק און זײַן קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציע. דאָקטער זעזע פלעגט זאָגן, און מיט אים דאָס שטעטל, אַז דאָקטער פּעדראָ שוינט ניט זײַנע קראַנקע, אַז אַ מאַן טאָר אים ניט געטרויען זײַן ווײַב צו באַטראַכטן און אַ פּאַטער זײַן טאָכטער. אויך אַ דענטיסט האָט יעדער פּאַרטיי געהאַט אירן. דאָס גאַנצע שטעטל איז צעטיילט געווען אַף צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען און ביידע האָבן זיי זיך מיִעם געזידלט אין די איליעוסער צײַטונגען. האָראַסיאָ האָט שוין געהאַט באַשטעלט די מאַשינען פאַר אַ וואָכנבלאַט אין טאַבאָקאַס אונטער דאָקטאָר ווירזשיליאָס רעדאַקציע.

נאָר אַדוואָקאַטן זײַנען געווען אַ סאַך, זעקס אָדער זיבן אינעם שטעטל, און אַלע האָבן זיי פאַרדינט געלט מיט די סקאַנדאַליעזע „קאַשישעס". מער נאָך ווי אין איליעוס איז דער „קאַשישע" געוואַקסן אין טאַבאָקאַס. מענטשן וואָס האָבן יאָרן לאַנג געהאַט זייער ערד און זייערע פּלאַנטאַציעס, האָבן זיי איבער נאַכט אָנגעוואָרן דורך אַ געלונגענעם „קאַשישע". נישט געווען קיין איין קאָראָנעל, וואָס זאָל ריזיקירן צו מאַכן אַ געשעפט אָן אַ באַראַטונג מיט אַ גוטן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל אים פולשטענדיק באַוואָרענען פון אַ שפּעטערדיקן „קאַשישע". איינער אַ נעגער פון טאַבאָקאַס, קלאַודיאָנאָר, וואָס פלעגט אַראָפּנעמען זײַנע טויזנט מעסטלעך קאַקאַאָ, האָט איין מאָל געמאַכט אַ „קאַשישע", וואָס איז באַרימט געוואָרן און מען האָט וועגן אים געשריבן אין אַלע באַהיִער צײַטונגען. דער קאָרבן איז געווען דער קאָראָנעל מיסאַעל, וואָס זײַן פאַרמעגן איז שוין דעמאָלט געווען אַ לעגענדאַרישער, אַ פאַזענדיירע פון אַ סאַך

טויזנטער מעסטלעך קאַקאַא, אַן אַקציאָנער אינעם האַפן ־ ווערק און אין דער אײַזנבאַן, באַלעבאָס פון אַן איליעוסער באַנק. אַליין אַ גאַנצע עקאָנאָ־מישע מאַכט, און אַדוואָקאַט זײַנער איז געווען זײַן איידעם. מיט דעם אַלעמען, האָט אים דער נעגער קלאַודיאָנאַר באַשווינדלט. אין דער שטיל־קייט פון זײַן פאַזענדע האָט קלאַודיאָנאַר ארומגעטראַכט דעם „קאַשישע" און דורכגעפירט האָט ער אים מיט דער הילף פון דאָקטאָר רוי.

געקומען איז ער איין מאָל צום קאָראָנעל מיסאַעל און האָט אים גע־בעטן לײַען זיבעציק קאָנטאָס אויף קויפן אַ פעלד. מיסאַעל האָט זיי אים געליִען אויף הויכע פּראָצענטער און אויף אַ קורצן טערמין: אויף זעקס כאָדאָ־שים. דער קאָראָנעל מיסאַעל האָט דערבײַ געהאַט זײַן אויסרעכענונג, בלײַבן מיט קלאַודיאָנאַרס פאַזענדע, אויב ער וועט ניט צאָלן. קלאַודיאָ־נאַר איז געווען אַן אַנאַלפאַבעט און האָט די וועקסלען געבאַסמעט מיט אַ ציילעמל. ער איז אַהיימגעגאַנגען און אַפן וועג איז ער אָפּגעטראָטן אין איטאַבונאַ און האָט זיך דאָרט געדונגען אַ לערער. ער האָט אים גענומען צו זיך אַהיים און האָט זיך בײַ אים אויסגעלערנט לייענען און אונטער־שרײַבן זיך. אין זעקס כאָדאָשים אַרום, ווען עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון אומקערן דעם בויוו, האָט קלאַודיאָנאַר געלייקנט, ער האָט גאָר קיינמאָל בײַ דעם קאָראָנעל מיסאַעל קיין געלט נישט גענומען, ס'איז אַלץ אַ שווינדל פונעם קאָראָנעל, און דער בעסטער באַווײַז איז — האָט געטײַ־נעט זײַן אַדוואָקאַט, דער דאָקטאָר רוי — אַז קלאַודיאָנאַר קען לייענען און כאַסמעט אויסגעצייכנט. און דער קאָראָנעל מיסאַעל האָט פאַרלוירן די זיבעציק קאָנטאָס; קלאַודיאָנאַר האָט צוגעקויפט ערד און האָט יענעם יאָר געהאָלפן צום יאָנטעוו פונעם הייליקן זשאָזע.

אין דער עמעסן, קען מען ניט זאָגן, אַז געווען זײַנען בלויז זעקס אָדער זיבן אַדוואָקאַטן. דאָס זײַנען די וואָס האָבן געוווינט אין טאַבאַ־קאַס. געאַרבעט האָבן אינעם שטעטל אויך אַזעלכע וואָס האָבן געוווינט אין איליעוס, און פאַרקערט, האָבן די טאַבאַקעסער געאַרבעט אין שטאָט. געווען איז אַהין נישט מער ווי דרײַ מיט אַ האַלבער שאָ רײַזע מיט דער באַן; שפּעטער איז אַהין ניט מער ווי פינף און פערציק מינוט מיט דעם שאָסיי, וואָס מען האָט דאָרט אויסגעלייגט, מיט דעם פאַרשריט פון יענער געגנט.

אָט אין מיטן פון די „קאַשישעס", פון דעם פּאָליטישן קאַמף, פון די

אינטריגעס און פון די קלויסטער־יאַנטויווים און מאַסאָנען־בעלער, לעבט זיך טאַבאַקאַס, וואָס האָט פריער קיין נאָמען נישט געהאַט און איצט שטרעבט עס זיך אָנצורופן איטאַבונאַ. דאָס בלוט פון די מענטשן וואָס זײַנען דאָרט געפאַלן אין די געשלעגן, האָט זיך אַ סאַך מאָל אויסגע־מישט מיט דער גאַסן־בלאָטע. די אייזלען האָבן עס אײַנגעקנאַטן מיט זייער פאַמעלעכדיקן טראַט. ווען דאָקטער זעזע פלעגט קומען מיט זײַן רענצל אינסטרומענטן, פלעגט אים אָפט שווער זײַן אויסצוגעפינען די וווּנד, אַזוי אויסגעשמירט פלעגט דער מענטש זײַן אין בלאָטע. נאָר מיט דעם אַלעמען, איז טאַבאַקאַס געווען באַרימט אױף דער וועלט; אין סטעפּ אַפילע פלעגט מען ריידן פון דעם שטעטל, און אַ באַהיַער צײַטונג האָט עס געהאַט אָנגע־רופן „צענטער פון ציוויליזאַציע און פּראָגרעס".

## V

מאַרגאָט ווײַזט מיט דער האַנט אַפן שטיקל גאַס וואָס זעט זיך פונעם אָפענעם פענצטער; זי מיינט דערמיט דאָס גאַנצע טאַבאַקעסער שטעטל:

— דאָ איז דער עק פון דער וועלט. אַ בייסווילעס.

ווירזשיליאָ ציט זי צו צו זיך. נישט גערן הייבט זיך אויף מאַרגאָט פונעם שטול און זעצט זיך באַ זײַנע פיס:

— ביסט אַ שלעכט פּאַרוויינט קעצל.

זי הייבט זיך האַסטיק אויף און איז בערויגעז:

— דאָס נאָר ווייסטו. אַז איך בין שולדיק. ווען דו ביסט אַהער געקו־מען און האָסט דיך פאַרקליבן אַף אַט דער ערד, איז געווען ווער עס זאָל דיר עפענען די אויגן. איך געדענק ווי זשוּוענאַל האָט דיר געזאָגט, אַז דו וואָלסט באַדאַרפט פאָרן קיין ריאָ און דאָרט מאַכן אַ קאַריערע. איך ווייס נים צו וואָס דו ביסט אַהערגעקומען.

ווירזשיליאָ עפנט דאָס מויל און וויל עפּעס זאָגן. נאָר ער בלײַבט מיט דעם האַלב אָפענעם מויל. ער האָט זיך באַטראַכט אַז ס'איז נישט **קעדײַ.** וואָלט עס געווען מיט אַ כוידעש פריִער, וואָלט ער זיכער היפּש צײַט פאַר־לוירן אויפצוקלערן זײַן געליבטער אַז זײַן צוקונפט ליגט גראָד דאָ, אַז אויב די אָפּאָזיציע וועט געווינען די וואַלן, ווי עס ווײַזט זיך לויט אַלע סימאָנים, וועט ער זײַן קאַנדידאַט אַף דעפּוטאַט פון דער געגנט, די בעסטע

אינעם שטאָט; אַז דער וועג קיין ריאָ דער זשאַנייראָ איז אַ סאַך אַ גרינגערער מיט די קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציעס ווי מיט דעם יאַם אין אַ טראַנסאַטלאַנטיק־שיף; אַז טאַבאַקאַס איז אַ לאַנד פון געלט און אַז ער האָט דאָ אין אַ פּאָר כאַדאָשים פאַרדינט וויפל ער וואָלט נישט פאַרדינט פון יאָרן אַדוואָקאַטור אין דער הויפּטשטאָט. ער האָט איר שוין וויפל מאָל אויפגעקלערט, יעדן מאָל ווען איר פאַרבענקט זיך נאָך דער באַהיַער פריילעכקייט, די קאַבאַרעטן מיט די טעאַטערס. ער פאַרשטייט סאַראַ קאָרבן דאָס איז פאַר זײַן געליבטער. דער פאַל האָט זיך אָנגעהויבן ווען ער איז נאָך געווען אינעם פערטן יאָר. ער האָט מאַרגאָטן דערקענט אין אַ הײַזל און איז מיט איר עטלעכע מאָל געשלאָפן; ס'האָט ניט לאַנג גענומען, האָט זיך די פרוי אין אים אײַנגעליבט. און ווען עס האָט געהאַלטן דערבײַ, ער זאָל מוזן אָפּשטעלן דאָס לערנען צוליבן טויט פון זײַן פאָטער, וואָס האָט איבערגעלאָזט די פאַמיליע אין אַ שלעכטער לאַגע, האָט זי אים אָנגעבאָטן וואָס זי האָט געהאַט און וואָס זי האָט פאַרדינט יעדע נאַכט. איר זשעסט האָט אים גערירט; און אַזוי ווי איינער אַ פּאָליטישער פירער פון דער אָפּאָזיציע האָט פאַר אים געקראָגן אַ שטעלע אינעם פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט און אַן אָרט אין דער רעדאַקציע פון דער פּאַרטיי־צײַטונג, האָט ער געקענט בלײַבן מיט מאַרגאָטן פאַר אים אַליין. ער האָט גענומען צאָלן פאַר איר פּאַנסיאָן־צימער און איז בײַ איר געשלאָפן יעדע נאַכט און אַפילע געגאַנגען מיט איר אין טעאַטער. ער האָט נאָר ניט געלעבט מיט איר עפנטלעך, מאַכמעס דאָס וואָלט געווען אַ סקאַנדאַל און וואָלט אים שאַדטן צו דער קאַריערע. נאָר בײַ מאַרגאָטן אין צימער, האָט ער אינאיינעם מיט זשווענאַלן און נאָך פאַקולטעט־כאַווײרים באַטראַכט די גאַנצע סטודענטישע קאַמפּאַניע וואָס האָט אים געמאַכט פאַר רעדנער פונעם אַרויסלאָז און בײַ איר האָט ער געשריבן זײַן דיסערטאַציע.

און ווען ער האָט אָפּן ראַט פונעם פּאָליטישן פירער אָנגענומען די שטעלע פון פּאַרטיי־אַדוואָקאַט אין טאַבאַקאַס האָט ער עטלעכע שאָ געפּאַטערט אַף איבעררײדן מאַרגאָטן זי זאָל קומען אַהין. זי האָט נישט געוואָלט. זי האָט געבענקט נאָך באַהיַער פריילעכן לעבן. זי האָט שטענדיק גערעכנט, אַז ווען ווירזשיליאָ וועט ווערן אַדוואָקאַט, וועט ער אויסקלײַבן דעם וועג פון ריאָ דע זשאַנייראָ. ווען ווירזשיליאָ איז נאָך אַ סטודענט געווען האָט ער אויך אַזוי גערעכנט. נאָר די פּאָליטישע פירער האָבן באַ־

וויזן אים איבערצוריידן, אז אויב ער וויל מאכן א קאריערע, מוז ער עט־לעכע יאר אוועקגעבן אט דעם נייעם קאקאא־לאנד. און ער איז געפארן נישט געקוקט דערויף וואס מארגאט האט געקלערט, אז צווישן זיי איז אלץ געענדיקט. די לעצטע נאכט אינעם „פענסיאן אמעריקאנא" איז גע־ווען א פיינלעכע. זי האט זיך אין אים איינגעקלאמערט, געוויינט און פארגעווארפן, אז ער וויל זי פארלאזן. ער האט געזאגט, אז זי פארלאזט א י ם, אז זי האט אים נישט ליב. מארגאט האט מוירע באקומען:

— וועסט אהין אוועקפארן, וועסט דארט כאסענע האבן מיט א ליא־דע רייכער פראווינצערן; וועסט דיך אפלאזן פון מיר אין יענער וויסטע־ניש... איכ'ל נישט פארן, ניין...

— דער עמעס איז אז דו האסט מיך נישט ליב. וואלסטו מיך ליב געהאט, וואלסטו טייקעף געפארן מיט מיר.

געפארן איז ער אליין, נאר אין אייניקע וואכן ארום איז זי אומגע־ריכט געקומען, האט סקאנדאליזירט איליעוס מיט אירע קליידער לעצטע מאדע, מיט אירע ברייטע הוטן און געפארבטן פאנעם. און די נאכט וואס זיי האבן זיך ווידער געטראפן, האט פול געמאכט איליעוסער גאסן מיט ליבעס־זיפצן און ליבעס־קרעכצן. זי איז מיט אים געפארן קיין טאבאקאס און די ערשטע צייט האט זי זיך אויפגעפירט לייטיש. זי האט ווי פאר־געסן דאס באהיזער גלאנציקע און פריילעכע לעבן; זי האט אויסגעזען ווי א כאסענע געהאטע פרוי, וואס זארגט פארן מאנס האלבאשע, פירט די קיך, אלץ פאר אים, זי פארקוקט אף איר אייגענער עלעגאנץ, לאזט די האר פאלן אף די אקסלען און האט קיין טיינעס נית וואס דארט זיינען נישטא קיין פריזירער איר צו מאכן די דעמאלטיקע קאמפליצירטע פריזורן.

זיי וווינען נית צוזאמען; ווירזשיליא קען נית סקאנדאליזירן דאס שטעטל, וואס איז פול מיט פארורטיילן. ער איז אדוואקאט פון א פאליטי־שער פארטיי, האט היסכייוועסן. זי האט א שיינע וווינונג, מיט דער גע־ליבטער פון אן ארטיקן סויכער. אין דער וווינונג פארברענגט ווירזשיליא א היפשע טייל פון טאג; דא נעמט ער אויף אמאל א געאיילטן פארטיי־מיטגליד, דא עסט ער און שלאפט, ווארפט אן די מאטיווירונגען אין די פארטיידיקונגס־פאלן פאר דער איליעוסער יוסטיץ.

מארגאט זעט אויס גליקלעך; אירע קליידער מיט די ברייטע פאלדן שלאפן פארגעסענע אין די שראנקען און זי רעדט קימאט נית פון באהיא.

נאָר ביסלעכווײַז מידט זי זיך אײַן, ביסלעכווײַז זעט זי זיך אַרום, אַז זי זיצט שוין דאָרט צו לאַנג. דערצו, איז ער ביכלאַל נישט גערן זי מיטצונעמען אַף זײַנע אָפטע רײַזעס קיין איליעוס קעדיי אויסצומײַדן רעכילעסן. אויב זי פֿאָרט, איז עס אין אַ צווייטן צוג; אין שטאָט זעט זי אים ווייניק וויאָס. ערגער פֿון אַלץ איז וואָס זי זעט אים ריידן מיט קאַלע־מיידלעך, טעכטער פֿון רײַכע פֿאַזענדייראָס. אין אַזעלכע טעג טוט זיך כווישעך; מאַרגאָט מאַכט אים סקאַנדאַלן אין גאַס; עס העלפֿן ניט זײַנע טערוצים, אַז דאָס איז אים נייטיק צו דער קאַריערע. זיי גייען אַרויס פֿון שטוב צעקריגטע און זי וואַרפֿט אים פֿאָר די קאָרבאָנעס וואָס זי ברענגט פֿאַר אים, און זיצט דאָ אין דער וויסטעניש, ווען זי קען זײַן אין באַהיִאַ און לעבן אינעם בעסטן און אינעם שענסטן; וואָרעם עס פֿעלן ניט קיין רײַכע סאָכרים אָדער פּאָליטיקער וואָס וואָלטן איר אַ שטוב אײַנגעשטעלט. מ'האָט זי שוין אַ סאַך מאָל געבעטן; נאָר זי, דער נאַר, איז אים נאָכגעלאָפֿן.

— קלעאָ האָט מיר אָבער געזאָגט איך זאָל ניט פֿאָרן... און אַזוי צאָלסטו מיר דערפֿאַר...

די קריגערײַען פֿאַרענדיקן זיך קימאַט שטענדיק מיט אַ געעפֿנטער פֿלאַש שאַמפּאַניער און מיט הייסע קושן באַנאַכט. נאָר נאָכדעם וואַקסט נאָכמער בײַ מאַרגאָטן די בענקשאַפֿט צום באַהיִער לעבן און די זיכערקייט, אַז ווירזשיליאָ וועט שוין פֿון יענעם מאָקעם ניט אַרויסקריכן. און די קריגערײַען ווערן אָפֿטער; איצט קומען זיי פֿאָר יעדע עטלעכע טעג צוליב קלייניקייטן. זי קלאָגט זיך אַז דאָ זײַנען קיין מאָדיסטקעס נישטאָ, אַז די האָר וועלן איר דאָ אַ טעל ווערן, אַז זי האָט שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן טאַנצן די צײַט וואָס זי טאַנצט ניט.

אין דעם נאָכמיטאָג איז דער איניִען גאַנץ ערנסט. ער האָט איר צו וויסן געגעבן אַז ער פֿאָרט אַף צוויי וואָכן אָדער מער קיין איליעוס. מאַרגאָט שפּרינגט פֿאַר פֿרייד. נאָך אַלעמען, איז איליעוס אַ שטאָט, מען קען טאַנצן בײַ ניאָזיניאָן אין קאַבאַרעט, פֿאַראַן דאָרט פֿרויען מיט וועמען צו שמועסן; ניט די שמוציקע טאַבאָקעסער גאַסן־פֿרויען, מערסטנס דאָרפֿישע אָפּגעפּליקטע פֿון די קאָראָנעלן און קאַפּאַטאַזן און אַרויסגעוואָרפֿענע אַף דער גאַס, אין שטעטל. אַפֿילע די וואָס וווינט מיט איר, דעם סויכערס געליבטע, איז אַ מולאַטקע וואָס קען ניט לייענען, מיט אַ שיינער שטאַלט

און אַן אידיאַטישן געלעכטער. דעם פּאַזענדייראָס זונדל האָט זי אָפּגע־נאַרט און דער סויכער האָט זי אַרויסגענומען פון דער ברוינער־גאַס, וואָס דאָס איז די גאַס פון די לײַכטע פרויען. אין איליעוס זײַנען פאַראַן פרויען פון באַהיִאַ און פון רעסיפע און אַפילו פון ריאָ דאַ זשאַניירא, און מען קען מיט זיי ריידן פון קליידער און פריזורן. מאַרגאָט איז פרייליך פון ווירזשיליאָס נײַעס וועגן דער רײַזע אויף אַ פּאָר וואָכן אין שטאָט אַרײַן. זי לויפט צו צו אים, הענגט זיך אויף אים און קושט אים אין מויל:

— ווי שיין דאָס איז! ווי שיין!

נאָר די פרייד דויערט ניט לאַנג. ער זאָגט איר אַז ער וועט זי ניט מיטנעמען. נאָך איידער ער זאָגט איר פאַרוואָס ער קען דאָס ניט, שרײַט זי שוין און וויינט:

— שעמסט זיך מיט מיר... צי דו האָסט אַן אַנדערע אין איליעוס... ביסט קאַפּאַל צו האָבן מאַכזאַקעס מיט עפּעס אַן אומפאַרשעמטער. נאָר מעגסט עס וויסן, אַז איך וועל איר דאָס פּאָנעם צעשנײַדן, אַז איך וועל מאַכן אַ סקאַנדאַל די גאַנצע וועלט זאָל וויסן... דו קענסט מיך נאָך ניט, האָסט מיך נאָך נישט געזען ווען איך ווער אין כּעס...

ווירזשיליאָ לאָזט איר זיך אויסשרײַען און ערשט ווען זי שטילט זיך אײַן און פון די אויגן גיסן איר די טרערן און זי כליפּעט פונעם האַרצן, קלערט ער איר אויף אַזוי ליב ווי מעגלעך, פאַרוואָס ער נעמט זי ניט מיט. אַז ער פאָרט צוליב ערנסטע געשעפטן און ער וועט פאַר איר קיין צײַט ניט האָבן; ווייס זי דען ניט, אַז דער אייסעק צווישן האָראַסיאָן און די באַדאַראָ׳ס ווערט זייער מיִעס צוליב דעם סעקיירא גראַנדער וואַלד? זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ אַז יאָ, זי ווייס, נאָר זי זעט דערין קיין שטער ניט ער זאָל זי מיטנעמען. און וואָס שײַעך צײַט איז עס נישט וויכטיק. ער וועט דאָך ניט אַרבעטן די גאַנצע נאַכט, און אין קאַבאַרעט פירט ער זי ערשט באַנאַכט, ווען זיי קומען קיין איליעוס.

ווירזשיליאָ זוכט טערוצים. ער פילט אַז זי איז גערעכט, אַז די בשאָדים וואָס הערן זיך אין אירע ווערטער און די אומקלאָרע פאַרהאַלטונ־גען אין איר בייזן און דערשראָקענעם בליק, אַז פאַראַן איז אַן אַנדער פרוי, איז עמעס. ער וויל זי ניט מיטנעמען ניט נאָר דערפאַר וואָס ער וועט זײַן פאַרנומען מיט האָראַסיאָס געשעפטן, נאָר אויך ווײַל ער וויל האָבן די גאַנצע צײַט פאַר עסטערן. עסטער גייט אים פונעם קאָפּ ניט אַרויס. טאָג

ווי נאַכט האָט ער איר הילפס־רוף צו אים ווען דער מאַן איז געווען אַף דער גאַלעריע:

— פירט מיך אַוועק פון דאַנען... ווײַט פון דאַנען...

ווירזשיליאַ ווייס, אַז אויב מאַרגאַט וועט פאַרן קיין איליעוס וועלן דאָרט דערגיין צו איר בייזוויליקע רייד. און עס וועט ווערן אַ געגעם; זי איז פּעיִק אַף אַ סקאַנדאַל, וואָס זאָל אַרײַנשלעפּן אַפילע עסטערן. און ווירזשיליאַ קען זיי נישט אַוועקשטעלן ביידן, עסטערן מיט מאַרגאַטן, אַף איין הייך. זי איז די געליבטע פון די סטודענטישע יאָרן, ווילדע יאָרן. עסטער איז די ליבע וואָס ער האָט אויסגעפונען אין מיטן וואַלד, די ליבע וואָס קומט אַמאָל אָן, און איז שטאַרקער פון דער וועלט. ער וויל נישט זי זאָל פאָרן; ער איז אַנטשלאָסן. ער וויל איר אָבער אויך ניט ווי טאָן; ער קען נישט פאַרשאַפן אַ פרוי קיין ערגערניש. ווי אַ פאַרצווייפלטער זוכט ער עפּעס אַ טערעץ. און אים דאַכט זיך, אַז ער האָט דעם טערעץ געפונען, און ער זאָגט איר אַז ער וויל זי נישט לאָזן אַליין אין איליעוס, ווען ער ווייס אַז ער וועט אַף איר קיין אָפּאַכט נישט קענען האָבן, ווײַל ער איז אייפערזיכטיק אַף אַנדערע; מאַשאַדאָס הויז, ווו זיי שטעלן זיך געוויינלעך אָפּ, איז דאָס פרויען־הויז, ווו עס קומען די רײַכערע קאַראָנעלן. ער נעמט זי ניט מיט זיך אויס אייפערזוכט. ער זאָגט עס מיט אַ ווי ווײַט מעגלעך איבערצײַגנדיקן טאָן. מאַרגאַט גיט אַ שמייכל מיט אירע פאַרוויינטע אויגן. ווירזשיליאַ פילט זיך ווי ער וואָלט אָפּגעהאַלטן אַ ניצאָכן, און ער רעכנט צו קענען דערמיט פאַרענדיקן. נאָר זי רוקט זיך צו און זעצט זיך אַוועק באַ אים אַפן שויס:

— ביסט אייפערזיכטיק אַף דײַן קעצעלע? פאַרוואָס? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך נעם נישט אין אַכט די אָנבאָטן וואָס מען מאַכט מיר. אויב איך בין צוליב דיר פאַרקראָכן אַזש אַהער, איז צוליב וואָס זאָל איך דיך גענאַרן?

זי האָט אים שטאַרק אָנגעקושט און דערנאָך גענומען בעטן:

— נעם דײַן קעצעלע מיט זיך, שוואַרצער מײַנער: איך שווער דיר, אַז איך וועל אין ערגעץ נישט גיין. מיט דיר נאָר וועל איך גיין אין קאַבאַרעט. איך וועל פונעם צימער נישט אַרויסגיין, איך וועל מיט קיינעם נישט ריידן. ווען דו וועסט קיין צײַט נישט האָבן, וועל איך מיך פאַרשליסן באַ מיר אין שטוב...

ווירזשיליא האט דערפילט אז זי גיט זיך אונטער, האט ער נעביטן זײַן טאקטיק:

— איך פארשטײ נישט וואס איז דיר אזוי שרעקלעך אין באטאקאס, וואס דו קענסט דא קיין איין טאג נישט זײַן אליין. ווילסט דיך נאר פאר־קלײַבן קיין איליעום.

זי הייבט זיך אויף. דאס ווײַזט זי אים איצט אף דער גאס:

— ס'איז א בייסוילעם.

און ווידער רעדט זי וועגן דעם טאעם וואס זי האט געמאכט און האט זיך אהער פארקליבן און האט מאקרעוו געווען איר לעבן און איר צו־קונפט. ווירזשיליא וויל איר אויפקלערן, נאר ער פארשטייט, אז עס האט קיין זין נישט; אין דעם מאמענט דערשפירט ער אז צו דעם פאל מארגאט קומט איצט אן עק. פון זינט ער האט דערקענט עסטערן, קען ער אף קיין צווייטער פרוי נישט קוקן. אפילע מיט מארגאטן איז ער נישט דער פריִער־דיקער געליבטער, דער טײַוועדיקער, דער פארכאפטער .ער קוקט מיט א גע־וויסער גלײַכגילטיקייט אף איר צויבער, אף אירע געטאקטע היפטן, אף אירע שטײַפע מיידלשע ברוסטן, אף אירע מאנירן נאך געשמאקער צו מאכן די שא פון ליבע. איר ברוסט איז איצט בלויז באגער, אבער באגער צו עסטערן, צו איר אינגאנצן, צו אירע מאכשאוועס, צו איר הארץ און צו איר לײַב. דערפאר זיצט ער איצט מיט אן אפן מויל, ער וויל עפעס זאגן און באטראכט זיך. מארגאט ווארט. און ווײַל ער זאגט גארניט און גיט בלויז א מאך מיט דער האנט ווי ער וואלט זאגן אז ס'איז נישט קעדײַ צו ריידן, כאפט זי זיך ווידער ארויף:

— דו באגייסט זיך מיט מיר ווי מיט א שקלאפן. פארסט קיין אי־ליעום און לאזט מיך דא איבער. דערנאך קומסטו צוגיין מיט א מײַסע וועגן אייפערזוכט. דו פלוידערסט. איך בין געווען אן אידיאטקע. נאר מער ניט... איצט ווען עמעצער וועט קומען מיך באארבעטן און וועט מיך וועלן נעמען קיין איליעום אדער קיין באהיִא, וועל איך אים דערמוטיקן.

ווירזשיליא ווערט אין קאס:

— מײַנעט וועגן, טעכטערל, מעגסטו עס טאן. מיינסט איכל שטארבן דערפון?

זי האט זיך אנגעצונדן:

— איך זיץ דא ווי אן אידיאטקע. עס פעלן ניט קיין מענער וואס

גייען מיר נאָך פּוס טריט. זשוקאַ באַדאַראַ׳ גאַוועדט מאַמעש און שיקט צו מיר שליכים. און איך זיץ דאָ ווי אַ נאַר צוליב דיר און דיר ווילט זיך גאָר אָוועקפאָרן קיין אילעוס, זיך אויסזוכן אַ רײַכע פּראָווינצערן און באַסענע האָבן פאַר איר געלט.

ווירזשיליאַ הייבט זיך אויף און די אויגן ברענען אים פון קאַס:

— פאַרמאַך ס׳מויל!

— איכל נישט פאַרמאַכן. אָט דאָס איז עס. ווילסט אָפּנאַרן עפּעס אַ פּראָווינצער מיידל, ס׳געלט באַ איר צונעמען...

ווירזשיליאַ גיט אַ פּאַטש דער פרוי מיט דער לינקער זײַט האַנט איבערן מויל, עס נעמט רינען בלוט באַ איר פון דער ליפּ; מאַרגאָט דערשרעקט זיך. זי וויל אים באַליידיקן, נאָר זי ברעכט בלויז אויס אין אַ געוויין:

— האָסט מיך מער נישט ליב... האָסט מיך קיינמאָל נישט געשלאָגן...

אויך ער איז גערירט. און ער וווּנדערט זיך אַף זײַן ברוטאַלער האַנדלונג. ער פילט ווי עס דרינגט אין אים אַרײַן דער קלימאַט פון אָט דער ערד און מאַכט אים פאַר אַן אַנדערן. ער איז שוין נימ מער דער זעלביקער וואָס איז צוריק מיט אייניקע כאָדאָשים געקומען פון באַהיאַ, די העפלעכקייט אַליין, וואָס איז אַפילע נישט פעיִק צו דענקען וועגן שלאָגן אַ פרוי. אויך אַף אים, דעם ציוויליזירטן, פון אַנדערע מעקוימעס, לייגט זיך אָוועק ווי אַ מאַסע דעם קלימאַט פון דעם קאַקאַאָ־לאַנד. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אַ פאַרשעמטער. טרויעריק קוקט ער אַף זײַן האַנט. ער קומט צו צו מאַרגאָטן, נעמט אַרויס דאָס טיכל און ווישט איר אָפּ דעם טראָפּן בלוט פון דער ליפּ:

— זײַ מיר מויכל, טעכטערל.. איך האָב דעם קאָפּ פאַרלוירן; אַזוי פיל זאַכן ליגן מיר אָפּן קאָפּ, אַז זיי מאַכן מיך נערוועִיִש... און אויך דו, וואָס רעדסטו מיר פון אָוועקגיין, פון זשוקאַ באַדאַראַ׳, פון גיין צו אַ צווייטן... ס׳איז געווען קעגן מײַן ווילן...

זי וויינט; ער זאָגט איר צו:

— ווייַן נישט, איכל דיך נעמען קיין איליעוס...

מאַרגאָט הייבט אויף דעם קאָפּ; איצט שמייכלט זי. זי טראַכט זיך, אַז ער האָט איר אַ פּאַטש געטאָן פון אייפערזוכט. זי פילט זיך נאָך מער זײַנע; ווירזשיליאַ איז איר מאַן. זי שפּאַרט זיך אָן אַף אים; זי איז צאַרט

און קליין, אין זײַן ברוסט אײַנגעגראָבן. און זי איז פול מיט באַגער און שלעפּט אים צו זיך אין צימער.

## VI

די קוילעס פון די שנײַדערס דערגייען צו דאָקטער זעזע ווען ער איז שוין אפן ראָג גאַס:

— דאָקטער! דאָקטער זעזע! קומט אַהער!

אַלע דרײַ שנײַדערס שטייען אַף דער טיר פון דער „פּאַריזער שער", דאָס בעסטע שנײַדער־געשעפט אין טאַבאַקאַס, וואָס געהער צו מאַניקאָ באַרזשעס. ער האַלט אין איין האַנט צוויי העלפטן פון אַ פּאָר הויזן און אין דער צווייטער אַ נאָדל־פאָדעם. „די פּאַריזער שער" איז ניט נאָר דאָס בעסטע שנײַדער־געשעפט אין טאַבאַקאַס, נאָר אויך די הויפּט־קוואַרטיר פון די אָרטיקע רעפּובליקאַנער־טרײַבער. דאָרט שמועסט מען פון אַלץ, דאָרט ווייס מען פון אַלץ, מען ווייס אַפילו וואָס באַ וועמען מען עסט. „די פּאַריזער שער" איז הײַנט דערפרייט מיט די ידיעות פון פּעראַדאַס, וואָס זײַנען געגאַנגען אינאיינעם מיט האָראַסיאָס קאָרטעזש. דערפאַר בלעקט אַזוי מאַניקאָ באַרזשעס צו דאָקטער זעזע.

ווען ער קומט צו, אַ דיקער, אַ נידעריקער און אַן אײַלנדיקער, מיטן קאַפּעליוש אַפן שפּיץ קאָפּ, די ברילן אַף דער שפּיץ נאָז און די שיך אין בלאָטע, און פרעגט וואָס זיי ווילן, לויפט אונטער איינער פון די שנײַדערס מיט אַ שטול ער זאָל זיך זעצן:

— מאַכט אײַך באַקוועם, דאָקטער.

דער דאָקטער זעצט זיך צו און שטעלט אַראָפּ אַפן מאָזאַיקענעם פּאָל זײַן אינסטרומענטן־רענצל. דאָס רענצל איז אין שטעטל באַרימט דערמיט וואָס ער טראָגט דערין די פאַרשיידנסטע זאַכן: פון אַ סקאַלפּעל ביז קערנער טרוקענעם קאַקאַאָ, פון איניעקציעס ביז צײַטיקע פּרוכטן, פון סלאָיעקלעך מיט רעפּועס ביז קוויטונגען אַף דירע־געלט פון די הײַזער וואָס ער פאַרדינגט. מאַניקאָ לויפט אַרונטער הינטערן געשעפט און ברענגט אַרויס אַ צײַטיקע אַבאַקאַטע־פּרוכט:

— דאָס איז פאַר אײַך, דאָקטער.

זעזע דאַנקט און לייגט אַרײַן די פּרוכט צו זיך אין רענצל צווישן אַלע

זאַכן. די שנײַדערס זעצן זיך אויס אַרום דעם דאָקטער, רוקן צו די שטולן, אַזוי אַז מען זאָל זען פאַר זיך די גאַנצע גאַס. דער דאָקטער פּעדערט זיך:

— וואָס הערט זיך נײַעס?

— דערציילן דאַרפט איר, דאָקטער, — לאַכט טאַניקאַ באַרזשעס, — איר ווייסט בעסער.

— וואָס ווייס איך?

— אָט זאָגט מען אַז צווישן קאָראָנעל האַראַסיאַ און די באַדאַראַ'ס איז די זאַך שטאַרק אָנגעהיצט — כאַפּט זיך אַרויס איינער פון די שנײַדערס.

— אַז זשוקאַ באַדאַראַ' רעקרוטירט מענטשן — גיט צו טאַניקאַ.

— דאָס איז שוין קיין נײַס ניט, דאָס ווייס מען שוין, — זאָגט דער דאָקטער.

— פאַראַן אָבער אַזוינס וואָס איר ווייסט ניט, קען איך אײַך גאַ־ראַנטירן.

— לאָמיר הערן.

— אַז זשוקאַ באַדאַראַ' האָט שוין קאָנטראַקטירט אַן אַגראָנאָם אויף מעסטן די סעקײַראַ גראַנדער וועלדער.

— וואָס רעדט איר? ווער האָט עס אײַך געזאָגט?

טאַניקאַ מאַכט אַ מינע ווי אויף צו דערציילן אַ גרויסן סאָד:

— דער קאַנדיניאַס קינדער, סעו דאָקטער... וואָס ווייס מען דען ניט אין טאַבאַקאַס? דאָ, אַז מען האָט ניט וואָס צו דערציילן, טראַכט מען אויס. נאָר זעצע וויל וויסן:

— ערנסט גערעדט, ווער האָט עס אײַך געזאָגט?

טאַניקאַ באַרזשעס לאָזט אַראָפּ דעם טאָן:

— געזאָגט האָט עס מיר אַזעוועדאָ, פון דער אײַזן־קראָם. בײַ אים אין געשעפט האָט זשוקאַ צוזאַמענגעשטעלט די טעלעגראַמע דעם מענטשן אַרויסצורופן.

— דאָס האָב איך נישט געוווּסט. נאָך הײַנט שיק איך עס איבער־געבן מײַן פרײַנט האַראַסיאַ.

די שנײַדערס קוקן זיך איבער. ס'האַלט ניט גוט. טאַניקאַ דערציילט ווײַטער:

— מען זאָגט האַראַסיאַ האָט אָוועקגעשיקט דאַניאַ עסטער קיין אי־

ליעוס, ווײַל אין דער פּאזענדע איז זי נישט זיכער. נאָך הײַנטיקע וואָך וועט ער אַרײַן אין וואַלד. ער האָט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט בראַזן, מיט פּירמאַן, מיט זשאָזע דאַ ריביירא און מיט זשאַרדע וועגן צעטײלן דעם וואַלד. ער בלײַבט מיט איין העלפט און די אַנדערע העלפט צעטײלט ער די וואָס העלפן אים. איז עס עמעס, דאָקטער?

דער דאָקטער פּרוּווט לייקענען.

— פאַר מיר איז עס אַ נײַעס.

— דאָקטער... — טאָניקאַ באַרזשעס זשמורעט צו די אויגן, — מען וויים דאָך אַפילו אַז דאָקטאָר ווירזשיליאָ האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם קאָנטראַקט, אַז ער איז שוין געשטעמפּלט און אַלץ מיט אַן אַנדער. אָך, יאָ! אַז מאַנעקאַ דאַנטאַס איז דערין אויך באַטײליקט. אַלע ווייסן עס, דאָקטער, ס׳איז אַן אויסגעשריגענער סאָד.

דאָקטער זעזע איז צום סאָף מוידע און איז אויך מוידע, אַז ער אַפילו וועט האָבן אַ שטיקל וואַלד. טאָניקאַ באַרזשעס שפּאַסט:

— אויב אַזוי, וועט איר זיך דאָך מוזן גיין שלאָגן, ע, דאָקטער? האָט איר שוין אײַער אַכט און דרײַסיקער קאָלט? צי איר ווילט בעסער אַ „פּאַראַבעלום”? אויב איר ווילט, וועל איך אײַך פאַרקויפן איינעם אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד.

דאָקטער זעזע לאַכט אויך:

— איך בין שוין צו אַלט אָנצוהייבן די שלעגער־קאַריערע.

אַלע לאַכן. דאָקטער זעזעס פּאַכדאָנעס איז באַרימט. אַ וווּנדער איז וואָס מען האָט רעספּעקט פאַר אָט דעם מענטשן אינעם קאַקאַאָ־לאַנד. דאָס איינציקע וואָס דערנידעריקט מיט אַן עמעס אַ מענטשן אין יענער געגנט, פון פערנאַדאָס ביז איליעוס, איז פּאַכדאָנעס. אַ מענטש מיט אַ נאָמען פון אַ פּאַכדן מיינט אַ מענטש אָן אַ צוקונפט אויף יענע וועגן און אין יענע יישוּווים. אויב עס פאָדערט זיך פון אַ מענטשן ער זאָל באַזיצן עפּעס אַן איינשאַפט אויף צו קענען לעבן אין יענער צײַט אויף דאָרעם פון באַהיאַ, איז עס פאַרזענלעבער מוט. ווי קען מען זיך גאָר אײַנשטעלן לעבן צווישן קאַפּאַנגאַס און ערד־פאַרכאַפּער, צווישן אַדוואָקאַטן אָן געוויסן און מערדער אָן כאַראַקטער, אויב מען האָט ניט דאָס ביסל גלײַכגילטיקייט צו לעבן און טויט?

מענטשן וואָס רעאַגירן ניט ווען מען שלאָגט זיי, וואָס מײַדן אויס

געשלעג, וואָס האָבן ניט צו דערציילן קיין געשיכטעס פון זייער העלדיש־קייט, נעמט מען נישט אין ערנסט צווישן די „גראַפיונאָס". דאָקטער זוזע איז דער איינציקער אויסנאַם. אַ מעדיקער אין טאַבאַקאַס, אַ ראַטמאַן אין איליעוס, אַ געוויילטער פון האַראַסיאָ, דעם פּאָליטישן פירער פון דער אָפּאָזיציע, איז דער איינציקער מענטש וואָס מען האַלט פון אים, כאָטש מען ווייס, אַז ער איז אַ שרעקעוודיקער. דאָקטער זוזעס פּאַכדאָנעס איז געוואָרן אַ שפּריכוואָרט. אַז מען וויל מעסטן אַ צווייטנס פּאַכדאָנעס נעמט מען פאַר אַ מאָס דעם דאָקטערס.

— ער איז שיר ניט אַזאַ פּאַכדן ווי דאָקטער זוזע.

אָדער אַזוי:

— ער איז אַזאַ פּאַכדן אַז דאָקטער זוזע קומט ניט צו אים.

דאָס איז ניט קיין קלאַנג, וואָס זײַנע פּאָליטישע סאָנים האָבן וועגן אים אַרויסגעלאָזט. זײַנע אייגענע פּאַרטיי־כאַווײרים פּאַרלאָזן זיך ניט אויף אים בעיים אַ טומל. זיי אַליין דערציילן אין די שענקלעך און אין די שאַנד־הײַזלעך אַנעקדאָטן וועגן דאָקטער זוזעס פּאַכדאָנעס.

בעיים איינעם אַ גרויסן געשלעג צווישן האָראַסיאָס און באַדאַראָס מענטשן, דערציילט מען, לעמאָשל, איז דאָקטער זוזע אַרײַן אין אַ הויז פון גאָסן־פרויען און מען האָט אים דאָרט געפונען באַהאַלטן אונטער אַ בעט. איין מאָל האָט ער געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ וואַל־מיטינג פון אַן אימ־פּראָוויזירטער טריבונע אינעם איליעוסער האַפן. געווען איז עס בעיסן וואַל־קאַמף פאַר באַנײַען דעם סענאַט און די דעפּוטאַטן־קאַמער. געקומען איז פון באַהיאַ, אַלס קאַנדידאַט אויף דעפּוטאַט פון דער אָפּאָזיציע אין יע־נער געגנט, אַ יונגערמאַן וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן זײַן פּאָליטישע קאַ־ריערע, אַ זון פון דעם עקס־גובערנאַטאָר פון דעם שטאַט. דער יונגערמאַן איז געקומען מאַכן זײַן פּראָפּאַגאַנדע מיט גרויס מוירע. מען האָט אים דערציילט ווילדע זאַכן וועגן דער געגנט און ער האָט מוירע געהאַט פאַר אַ קויל אין האַרצן אָדער פאַר אַ מעסער אין זײַט. האָראַסיאָ האָט געשיקט שלעגער קיין איליעוס גאַראַנטירן די קאָנפערענץ. די שלעגער האָבן אַרומ־גערינגלט די טריבונע, מיט די רעוואָלווערס אין די גאַרטלען, גרייט אויף אַלץ. באַדאַראָ'ס מענטשן האָבן זיך צעשאָטן צווישן אוילעם וואָס איז נײַ־געריק געווען צו הערן דעם באַהיער יונגערמאַן, וואָס האָט געשעמט פאַר אַ גוטן רעדנער. צוערשט האָט גערעדט דער דאָקטאָר רוי, אַביסל אויסגע־

טרונקען, ווי שטענדיק, און האט געשמיסן די פעדעראלע רעגירונג. דער־נאך האט גערעדט דאקטער זעזע, וואס האט געדארפט פארשטעלן דעם קאנדידאט פאר די ווילער. צום לעצט איז געקומען דאס ווארט פונעם גאסט. ער איז ארויפגעקומען אף דער טריבונע, א קליינע אימפראוויזירטע טריבונע פון אלטע קאסטן־ברעטער, וואס האט זיך געוויגט אונטער די פיס פון די רעדנער. ער האט זיך אויסגעהוסט אף צו ציען די אויפמערק־זאמקייט. די שטילקייט איז געווען א פולשטענדיקע, און ער האט גענומען ריידן:

— דאמען, הערן און פרײַלנס... איך...

מער האט ער א ווארט נישט געקענט זאגן. אזוי ווי קיין דאמען זײַנען נישט געווען און קיין פרײַלנס אויך ניט, האט איינער א ווילער יונג א געשריי געטאן:

— א פרײַלן איז די מאמע דײַנע!

מען האט געלאכט, אנדערע האבן געשריִען עס זאל זײַן שטיל. דער רעדנער האט גענומען ריידן וועגן „אומדערצוינגנקייט". באדאראַ'ס מענטשן האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האבן גענומען שיסן, האר־ראסיאס מענטשן האבן צוריקגעשאסן. דערציילט מען, אז ווען דער יונגער קאנדידאט האט זיך געוואלט פארשטעקן אונטער דער טריבונע אף אויס־צומײַדן די קוילן, וואס האבן זיך געקרייצט, האט ער געטראפן דאס ארט שוין פארנומען פון דאקטער זעזע. און ניט נאר האט ער אים דאס ארט ניט אפגעטראטן, נאר ער האט אים נאך געזאגט:

— אויב איר ווילט ניט פארלירן אײַער פרעסטיזש, גייט צוריק אף אײַער ארט. דא האב איך נאר דאס רעכט זיך צו באהאלטן, ווײַל איך בין א טראדיציאנעלער פאכדן.

און אזוי ווי דער יונגערמאן איז נישט אײַנגעגאנגען און האט גע־וואלט אף גוואלד זיך פארשטעקן אונטער דער טריבונע, האבן זיי זיך ביידע גענומען שלאגן איבער דער באהעלטעניש. און עס איז פעסטגע־שטעלט, אז דאס איז געווען דאס איינציקע מאל אף זײַן לעבן וואס דער דאקטער זעזע האט זיך געשלאגן. מענטשן וואס זײַנען געשטאנען נאנט און האבן געקענט צוזען דאס געשלעג, דערציילן וועגן דעם ווי פון דער קאמישסטער זאך וואס זיי האבן ווען געזען, ווי א געשלעג צווישן ווײַבער, איינער איז ארײַן דעם צווייטן מיט די נעגל אינעם פאנעם.

טאַניקאַ באַרזשעס רוקט צו זײַן שטול נענטער צום דאָקטערס:

— ווייסט איר ווער עס קומט אהער הײַנט אָדער מאָרגן?

— ווער?

— דער קאָראָנעל טעאָדאָראָ. מען זאָגט עס קלײַבן זיך מענטשן אהער צו קומען פון דער פּאַזענדע.

דאָקטער זעזע דערשרעקט זיך:

— טעאָדאָראָ? צוואָס קומט ער?

טאַניקאַ ווייס ניט:

— איך ווייס נאָר אַז ער קומט אהער מיט אַ סאַך קאַפּאַנגאָס. וואָס ער וויל דאָ טאָן ווייס איך ניט. נאָר דאָס הייסט האָבן קוראַזש, דאָקטער, ע?

אַ צווייטער שנײַדער גיט צו:

— קומען קיין טאַבאַקאָס וווּ עס זײַנען פאַראַן אַזוי פיל האַראַסיאָס מענטשן. און נאָכדעם ווי ער האָט אים אַזוי געענטפערט. ווי אַזוי איז עס געווען, טאַניקאַ?

טאַניקאַ געדענקט עס אויף אויסנווייניק:

— מען זאָגט ער האָט געענטפערט דעם קאָראָנעל מאַנעקאָ: „זאָג האָראַסיאָן, אַז איך פאַראייניק זיך ניט מיט מענטשן פון זײַנס גלײַכן, איך האָב קיין געשעפטן ניט מיט אַן אייזל־טרײַבער”.

דאָס רעדט זיך וועגן דעם ענטפער וואָס טעאָדאָראָ האָט געגעבן מאַנעקאָ דאַנטאַסן ווען ער איז געקומען צו אים מיט אַ וויזיט אין האָראַסיאָס נאָמען ער זאָל זיך מיט אים פאַראייניקן צום פאַרנעמען דעם סעקײַראַ גראַנדער וואַלד. דאָקטער זעזע שטוינט:

— איר ווייסט אויך אַלץ. דאָ שינדט מען יעדן איינעם, קיינער איז ניט פרײַ דערפון.

איינער פון די שנײַדערס צעלאַכט זיך:

— דאָס איז דאָך די היגע פאַרווײַלונג, דאָקטער.

טאַניקאַ באַרזשעס וויל וויסן, צי איז פאַראַן אַ וועלכע פאַראָרדענונג פון האָראַסיאָן מיקויעך טעאָדאָראָן אין פאַל ער וועט אַרײַנקומען קיין טאַבאַקאָס:

— איך ווייס ניט... איך ווייס ניט גאָרנישט... — און דער דאָקטער

געמט דאָס רענצל און הייבט זיך שנעל אויף. ער האָט זיך אַ פּאָנעם דער־מאָנט, אַז ער האָט עפּעס דרינגלעכס וואָס צו טאָן.

איידער דער דאָקטער גייט אַרויס, לאָזט טאָניקאָ באַרזשעס אַרויס דאָס לעצטע רעכילעסל:

— מען זאָגט, דאָקטער, אַז דאָקטאָר ווירזשיליאָ ווערט צעשמאָלצן פאַר דאָניאַ עסטער.

זעזע ווערט ערנסט און ענטפערט אים, שוין מיט אַ פּוס אַף דער טיר:

— אויב איר ווילט פאָלגן אַ מענטשן וואָס וווינט דאָ אין דער געגנט באַלד צוואַנציק יאָר, טאָ הערט: רעדט לאָשן־האָרע אַף וועמען איר ווילט, אַף אַלע פרויען אין דער וועלט, רעדט אַף אַלעמען, אַפילע אַף האָראַסיאָן, נאָר ניט אַף זײַן פרוי. וואָרעם אַז ער וועט זיך דערוויסן, גיב איך פאַר אײַער לעבן קיין פרוטע ניט. ס'איז אַן אייצע פון אַ גוטן פרײַנט.

און ער איז אַוועק און האָט געלאָזט שטיין טאָניקאָן אַ ווײַסן, אַן אַ טראָפּן בלוט אין פּאָנעם פאַר שרעק. טאָניקאָ רעדט איבער מיט די אַנדערע:

— ווי מיינט איר, ער וועט עס דערציילן דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ?

און כאָטש די אַנדערע דאַכט זיך אַז ניין, אַז דאָקטער זעזע איז אַ גוטער מענטש, רוט נישט טאָניקאָ ביז ער גייט אַוועק צום דאָקטער אין קאַבינעט און בעט אים „גאָרניט צו דערציילן דעם קאָראָנעל; דאָס רעכי־לעסל האָט אים דערציילט די פרוי וואָס וווינט מיט מאַרגאָטן; זי איז גע־ווען דערבײַ ווי ווירזשיליאָ מיט זײַן געליבטער האָבן זיך איבערגעוווערטלט איבער אַ צווייטער „סיניאַ", וואָס זי רעכנט אַז דאָס דאַרף זײַן דאָניאַ עסטער".

— אַן אומגליקלעך לאַנד איז עס, דאָקטער; מען באַרעדט אַלעמען, מען מײַדט נישט אויס קיינעם. נאָר מײַן מויל איז איצט אַ שלאָס. איך וועל איצט קיין פּיפּס נישט געבן. נאָר אײַך האָב איך עס געזאָגט.

דאָקטער זעזע באַרויקט אים:

— זײַט רויִק, טאָניקאָ. דורך מיר וועט האָראַסיאָ גאָרנישט ניט וויסן. נאָר איצט, איז דאָס גלײַכסטע שווײַגן. סײַדן איר ווילט זײַן אַ מערדער אַף זיך אַליין.

ער עפנט די טיר. טאָניקאָ גייט אַרויס. אַ פרוי איז אַרײַנגעקומען. ער געפינט קוים אינעם רענצל דעם אַפּאַראַט אַף אויסצוהערן די ברוסט בײַ דער קראַנקער.

אינעם וואַרט־זאַל שמועסן מענער און פרויען. איינע מיט אַ קינד בײַ דער האַנט, דערזעט טאַניקאַ באַרזשעס און זי הייבט זיך אויף פונעם שטול און גייט צו צו אים. זי שמייכלט:

— וואָס מאַכט איר, סעו טאַניקאַ?

— מען מאַכט, דאָניאַ זעפינױאַ. און איר?

זי ענטפערט אפילו ניט, זי וויל בלויז דערציילן:

— איר ווייסט שוין פונעם סקאַנדאַל?

— וואָסער סקאַנדאַל?

— אַז דער קאַראָנעל טאַטאַניאַ, פון ריאַטשאַ סעקאַ, האָט איבער־געלאָזט די פאַמיליע און איז אַוועק מיט אַ פרוי, אַ שעלמע, פון באַהיאַ. ער האָט זיך מיט איר אויפגעזעצט אויף דער באַן. פאַר אַלעמען אין די אויגן.

טאַניקאַ באַרזשעס טוט אַ מאַך מיט דער האַנט ווי אויף אַן אומוויכטי־קער זאַך:

— דאָס איז שוין אַן אַלטע מײַסע, דאָניאַ זעפינױאַ. איך גיי אין געװעט, אַז דאָס לעצטע נײַס ווייסט איר ניט.

די פרוי ווערט הוילע נײַגעריקייט, זי ציט זיך און איז נערוועזיש:

— וואָסער נײַס, סעו טאַניקאַ?

טאַניקאַ באַרזשעס צווייפלט אַ ווײַלע. דאָניאַ זעפינױאַ וואַרט אין אַנגסטן:

— דערציילט שוין, גיכער...

ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן, פירט אַוועק די פרוי ווײַטער אי־נעם זאַל און זאָגט איר אין דער שטיל:

— מען זאָגט אַז דאָקטאָר ווירזשיליאָ...

דאָס איבעריקע שעפּטשעט ער אַרײַן דער אַלטער אין אויער. זי פּלאַצט אויס מיט שטוינען:

— זאָל עס מעגלעך זײַן? ער? ווער וואָלט עס זאָגן?

— טאַניקאַ באַרזשעס בעט זי:

— איך האָב אײַך גאָרניט געזאָגט, ע! איך האָב עס אײַך דערציילט, ווײַל אײַך.

— הערט אויף, סעו טאַניקאַ. איר ווייסט דאָך, אַז מײַן מויל איז אַ

קאסטן אַף אַ שלאָס. נאָר ווער וואָלט דאָס קענען זאָגן, ע! דאַכט זיך אַזאַ לײַטישע פרוי...

טאַניקאַ באַרזשעס פאַרשווינדט אין דער טיר. דאָניאַ זעפיניאַ קומט צוריק אין זאַל און פאַרשט מיט די אויגן די וואַרטנדיקע פּאַציענטן. ניטאָ קיין איינער וואָס ס'זאָל קעדײַ זײַן. זי לייגט אַף די איניעקציע פאַרן קינד אַף מאָרגן, זאָגט די אַנדערע אַ גוטן טאָג, ס'איז שוין שפּעט, זי קען ניט וואַרטן, זי האָט אַ באַשטימטע שאָ באַם דענטיסט. זי גייט אַרויס און שלעפּט מיט דאָס קינד. דאָס רעצילעפל ברענט איר די צונג, זי איז אַזוי פרײלעך ווי זי וואָלט געווונען אַפן לאָטעריי־צעטל. זי אײַלט צו די אווענידאָס, דרײַ אַלטע מוידן, וואָס ווינען ניט ווײַט פונעם קלויסטער דער הייליקער זשאָזע.

## VII

דאָקטער זעזע האַלט אין באַטראַכטן אַ פּאַציענט אַ מאַן, ער קלאַפּט אים מעכאַניש די ברוסט, דעם רוקן, הייסט אים זאָגן דרײַ און דרײַסיק. אין דער עמעסן, איז ער גאַנץ ווײַט פון דאָרטן: דער געדאַנק ליגט אים ערגעץ אַנדערש. דעם טאָג איז דער קאַבינעט פול. אַזוי איז עס שוין... פּונקט ווען ער אײַלט זיך ערגעץ צו גיין, קומען מענטשן וואָס זײַנען געזונט אַף אַלע אייוורים און נעמען נאָר צו די צײַט. ער הייסט דעם מענטשן זיך אָנטאָן און פאַרשרײַבט אים אַ רעצעפּט:

— באַשטעלט דאָס אין דער אַפּטייק „סאָאָ זשאָזע". דאָרט וועט מען עס אײַך מאַכן ביליקער. — דאָס איז נישט עמעס, נאָר די אַפּטייק „סאָאָ זשאָזע" געהער צו זײַנעם אַ פּאַרטיי־כאַווער, ווען די אַפּטייק „אַ פּרימאַ־וועראַ" געהער צו אַ ווײלער פון די באַדאַראָ'ס.

— ס'איז נישט קיין געפאַר, דאָקטער?

— אײַך איז גאָרניט. ס'איז אַ קאַטאַר וואָס נעמט זיך פון די וואַלד־רעגנס. נעמט דעם רעצעפּט וועט איר געזונט ווערן. קומט אין צוויי וואָכן אַרום.

— איכל ניט קענען, סעו דאָקטער. ס'איז אַן הויצאָע קומען אַהער פונעם פעלד. איך אַרבעט זייער ווײַט.

דאָקטער זעזע וויל עס מאַכן בעקיצער:

— קומט־זשע ווען איר וועט צײַט האָבן.

דער מענטש באַצאָלט. דער דאָקטער שטופּט אים מאַמעש אַרויס. ער נעמט אויף אַ צווייטן, אַן אַלטן אַרבעטער, אַ באַרוועסן, אין אַ בײַקענעם העמדל, וואָס איז געקומען נאָך אַ רעפּוע פאַרן ווײַב, וואָס „דער פיבער גייט בײַ איר אַוועק און קומט צוריק; יעדן כוידעש ליגט עס איר אַוועק". דער מענטש דערציילט אים אַ לאַנגע געשיכטע, נאָר דאָקטער זעצע טראַכט דערפון וואָס ער האָט געהערט אינעם שנײַדער־געשעפט. צוויי נישט־אַנגענעמע נײַעס: ערשטנס, אַז טעאָדאָראָ קומט. צו וועלכע טײַוואָלים קומט ער? ער האָט געמעגט אַ טראַכט טאָן, אַז טאַבאַקאַס איז פאַר אים נישט קיין געזונטער קלימאַט. נאָר טעאָדאָראָ איז אַ מענטש מיט קוראַזש און האָט ליב צו טומלען. אויב ער קומט קיין טאַבאַקאַס, איז מיסטאָמע דאָ פאַראַן עפּעס אַ מײַסע אַפּצוטאָן. דאָקטער זעצע וואָלט באַדאַרפט שיקן צו וויסן געבן האָראַסיאָן, וועלכער געפינט זיך איצט אין איליעוס. ערגער איז וואָס די באַן איז שוין אַוועק. ער קען אים צושיקן די ידיעה ערשט מאָרגן. אַלנפאַלס מוז ער נאָך הײַנט ריידן מיט דאָקטאָר ווירזשיליאָ. און דאָ דערמאָנט ער זיך אָן דער צווייטער ידיעה: אין שטעטל שמועסט מען, אַז דאָקטאָר ווירזשיליאָ ווערט צעשמאָלצן פאַר דער קוואַטערן עסטער (זי מיט האָראַסיאָן האָבן גענומען קוואַטערשאַפט בײַ זײַנעם אַ קינד. איינס פון זײַנע נײַן, אַ גאַנצער לייטער, מיט אַ יאָר געדוקט איינס פונעם צווייטן). דאָקטער זעצע טראַכט דערפון און דערמאָנט זיך. עסטער האָט פאַרבראַכט פיר טעג אין טאַבאַקאַס, ווען זי האָט געוואַרט האָראַסיאָ זאָל דאָ דערלייזיקן זײַנע געשעפטן און זאָל קענען פאָרן מיט איר קיין איליעוס. אין דער צײַט פלעגט ווירזשיליאָ קומען צו אים אין שטוב, ווו דער קאַראַנעל שטעלט זיך געוויינלעך אָפּ ווען ער קומט. ווירזשיליאָ פלעגט לאַנג בלײַבן מיט איר שמועסן אינעם זאַל און זיי פלעגן ביידע לאַכן. ער, זעצע גופא פלעגט אונטערכאַפּן אַ שמועס פון דער דינערשאַפט. דאָס ערגסטע איז געווען אָף אַן אונטערהאַלט בײַ רעזענדען, אַ סויכער, וואָס זײַן ווײַב האָט געפראַוועט געבורטסטאָג. זי האָט געגרייט אַ טיש מיט פאַרבײַסנס, און אַזוי ווי אין שטוב איז פאַראַן אַ פּיאַנאָ און מיידלעך וואָס שפּילן אָף איר, האָט מען אימפּראָוויזירט אַ באַל. ווײַבער אין טאַבאַקאַס טאַנצן נישט. אין איליעוס אַפילע, אַז אַ „מער מאָדערנע" פרוי טאַנצט, איז סײַדן מיטן מאַן. דערפון האָט זיך גענומען דער סקאַנדאַל ווען עסטער

איז אַרוים טאַנצן מיט ווירזשיליאָן. דאָקטער זעזע דערמאָנט זיך, אַז וויר־זשיליאָ האָט געבעטן דערלויבעניש בײַ האָראַסיאָן צו טאַנצן מיט איר, און האָראַסיאָ האָט איר דערלויבט, אַ שטאָלצער אַף זײַן פּרוים גלאַנץ. נאָר מענטשן ווייסן ניט און ריידן. ס'איז אַ מיַעסע מײַסע. אַזוי מיַעס און עפּשער נאָך מיַעסער ווי טעאָדאָראָס קומען קיין טאַבאַקאַס. דאָקטער זעזע קראַצט זיך אין קאָפּ. אָך, ווען האָראַסיאָ דערוויסט זיך וואָס מען רעדט... אַ ביטערער איניען... דער כוילע האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט דערציילן וועגן דעם ווײַבס פיבער און האָט געוואַרט אַפן דאָקטערס דיאַגנאָז:

— מיינט נישט וואָסמיסע אַז דאָס איז געלער פיבער?

דאָקטער זעזע טוט אַף אים אַ קוק אַ דערשראָקענער. ער האָט זיך איינגאַנצן פאַרגעסן אַף אים. ער הייסט זיך איבערדערציילן איינציקע פּראָ־טים און איז מאַסקים:

— ס'איז געלער פיבער, יאָ.

ער פאַרשרײַבט כינין און רעקאָמענדירט די אַפּטייק „סאַאָ זשאָזע" נאָר זײַן מויעך איז ווידער פאַרנומען מיט די טאַבאַקעסער קאָמפּליקאַ־ציעס. בייזע צינגער — און ווער איז אין טאַבאַקאַס נישט קיין בייזע צונג? — האָבן זיך אָנגעזעצט אַף עסטערס לעבן. אַ שלעכטער אייסעק. בײַ די לײַט איז גאָר נישטאָ קיין איין כאַסענע געהאַט פּרוי אַ לײַטישע. און קיין זאַך פאַרשאַפט ניט טאַבאַקאַס אַזאַ פאַרגעניגן ווי אַ ליבע־סקאַנדאַל אָדער אַ ליבעס־טראַגעדיע. דערצו, די יעדיִע אַז טעאָדאָראָ קומט. וואָ־סערע טײַוואָלים דאַרף ער דאָ?

דאָקטער זעזע נעמט אַף זיך דאָס רעקל. ער גייט צו אַ פּאָר קראַנקע. אומעטום גייט דער געשפּרעך אַרום די געשלעגן, וואָס מען ריכט זיך אַף זיי צוליב דעם סעקייראָ גראַנדער וואַלד. אַלע ווילן וויסן נײַס; דער דאָקטער איז האָראַסיאָס אַ גוטער פרײַנט, ער מוז אַוואַדע וויסן. דערנאָך גייט ער אין שול. ער פירט מיט איר אָן נאָך פון אַ פריִערדיקער רעגירונג, ווען זײַן פּאַרטיי איז געווען פון אויבן. אים האָט מען קיינמאָל נישט אַראָפּגעזעצט; דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסער סקאַנדאַל, מאַכמעס ער איז געווען דער וואָס האָט אויסגעבויט דעם נײַעם שול־ביניען און די לערערקעס האָבן אים געשטיצט. ער קומט אַרײַן אין הויף, גייט דורך איין זאַל און פאַר־געסט סײַ עסטערן און סײַ טעאָדאָראָן, ער פאַרגעסט אויך דעם סעקייראָ גראַנדער וואַלד. ער טראַכט גאָר וועגן דעם יאָנטעוו, וואָס די שול גרייט

צום „טאָג פונעם בוים" אַף אין צוויי טעג אַרום. קינדער לויפן אום אי־בערן הויף, פּלאָנטערן זיך פאַרן דאָקטערס קורצע פיס. ער כאַפּט אַ פּאָר זייערע און הייסט זיי רופן די סובדירעקטאָרן און די לערערקע פון פאַר־טוגעזיש. ער גייט דורך נאָך איין קלאַסן־צימער; די קינדער שטייען אויף ווען ער גייט פאַרביי. ער גיט אַ צייכן זיי זאָלן זיך צוריק אַוועקזעצן. ער קומט אַרײַן אין אַן אַנדער זאַל. די סובדירעקטאָרן און עטלעכע לערערקעס וואַרטן שוין אַף אים.

ער זעצט זיך אַוועק און לייגט אַוועק אַף אַ טיש דעם הוט מיט דעם רענצל. ער נעמט אַרויס דאָס טיכל און ווישט זיך דעם שווייס וואָס רינט אים איבערן פעטן פּנים.

— די פּראָגראַם איז שוין צוגעגרייט, — אינפאָרמירט די סוב־דירעקטאָרן.

— ווײַזט אַהער.

— פאַר אַלעמען וועלן מיר האָבן די זיצונג. אַ רעדע...

— דאָקטאָר ווירזשיליאַ וועט ניט ריידן, ווײַל ער פאָרט מאָרגן אַף קיין איליעום צוליב די אַסאַקים פונעם קאָראַנעל האַראַסיאַ. זאָל עסטאַ־ניסלאַאָ ריידן. — עסטאַניסלאַאָ איז אַ פּאַרטיקולאַרער לערער, אַ רעדנער אַף אַלע פּעראַדעסער יאָנטויווים. אין יעדער רעדע, איבער וועלכער עס איז געשעעניש, כאַזערט ער איבער די זעלבע שטיקער רעטאָריק און די זעלבע בילדער. און פּעראַדאַס קען מען שוין אַף אויסנווייניק „עסטאַניס־לאַאָס אַ רעדע".

— אַ שאָד! — קלאָגט זיך אַ דינינקע לערערקע, דאָקטאָר ווירזשי־ליאָס אַ פאַרערערן. — דאָקטאָר ווירזשיליאַ רעדט אַזוי גוט און איז אַזאַ שיינער...

די אַנדערע לאַכן. דאָקטער זעזע ווישט זיך דעם שווייס:

— וואָס קען איך דערצו טאָן?

די סובדירעקטאָרן אינפאָרמירט ווײַטער:

— נו גוט, אַפּרוּער די פײַערלעכע זיצונג אין שול. אַ רעדע פון פּראָ־פעסאָר עסטאַניסלאַאָ (זי פאַררוכט דעם נאָמען אינעם פּאַפּיר, פון וועלכן זי לייענט). דערנאָך דעקלאַמאַציעס פון די שילער. צום לעצט וועלן אַלע זינגען אין כאָר דעם „הימען צום בוים". באַלד דערנאָך אויסשטעלן די קינדער און מאַרשירן צום פּלאַץ פאַר דער קאַטעדראַלע. דאָרט וועלן

מיר פלאנצן א קאקאא־בוים, א רעדע פון דאקטער זעזע פרייטאס און א פאעזיע פון דער לערערקע אירענע.

דער דאקטער רײַבט זיך די הענט:

— זייער גוט, זייער גוט.

ער עפנט דאס רענצל, נעמט ארויס עטלעכע בלעטלעך קרוינפאפיר צעשניטן אף העלפט, אין דער לענג, ס'איז זײַן רעדע. ער נעמט זי לייענען פאר די לערערקעס, וואס א מאל אלץ מער באגײַסטערט, ער הייבט זיך אויף און נעמט זשעסטיקולירן, ער לייענט מיט א פעסטן עלאקווענטן טאן. די קינדער קלײַבן זיך אן בא דער טיר און טומלען וויפל די סובדירעקטארן זאל זיי נים וועלן אײַנשטילן מיט אירן א „טשיסט". דעם דאקטער זעזע קימערט עס נישט. ער איז פארכאפט און לייענט מיט ברען:

„דער בוים איז א מאטאנע פון גאט צו די מענטשן. ער איז אונדזער ברודער פון דער פלאנצן־וועלט, וואס גיט אונדז זײַן קילן שאטן, זײַן געשמאקע פרוכט, זײַן זייער ניצלעכן האלץ פאר מעבל און אנדערע זאכן פון באקוועמלעכקייט. מיט זײַנע שטאמען זײַנען געמאכט געווארן די שיפן וואס האבן אנטדעקט אונדזער פארגעטערטן בראזיל. קינדער דארפן ליב האבן און רעספעקטירן די ביימער".

— זייער שיין... זייער שיין... — האט די סובדירעקטארן אפלאדירט.

די לערערקעס האבן געזאגט:

— א שיינקייט!...

— ס'וועט זײַן א דערפאלג...

דאקטער זעזע שוויצט פון אלע פארן. ער ווישט זיך דאס פאנעם מיטן טיכל און שרײַט אף די קינדער וואס שטייען נאך אנגעשטעלט בא דער טיר און האבן זיך א לאז געטאן צוריק אין הויף ארײַן. ער זעצט זיך ווידער אוועק:

— גוט, ע? איך האב עס אנגעשריבן עקספראמט, נעכטן בא דער נאכט... די לעצטע טעג האב איך נישט געקענט, איך האב געהאט בא מיר אין שטוב דעם קוואטער מיט דער קוואטערן; איך האב זיי געמוזט שאפן געזעלשאפט דעם גאנצן טאג...

— מען זאגט, אז פאר דאניא עסטער איז עס נישט נייטיק געווען, — רופט זיך אן א לערערקע, — דאקטאר ווירזשיליא האט איר געשאפט געזעלשאפט דעם גאנצן טאג...

— זי איז דאָ, פון אַלץ רעדט מען! — פּראָטעסטירט די דינע לע־רערקע, — אַזוי זײַנען זיי, די אָפּגעשטאַנענע ערטער. — זי איז אַ באַ־היִערן און פּאַסט זיך נישט אַרײַן אין טאַבאָקאַס.

אַ צווייטע לערערקע, אַ „גראַפּיונאַ", פּילט זיך באַליידיקט:

— טאַבאָקאַס, קען זײַן, איז אָפּגעשטאַנען פאַר אַזעלכע וואָס רופן אָן העפקיירעס פּראָגרעס. אויב פּראָגרעס מיינט שטיין אײַנגעטוליעט מיט יִינגלעך באַם טויער ביז צען אַזייגער אין דער נאַכט, איז טאַבאָקאַס, אַ דאַנק גאָט, בעעמעס אַן אָפּגעשטאַנען שטעטל.

געווען איז עס אַן אָנצוהערעניש אַף דער לערערקעס ליבע מיט אַ באָכער אויך אַ באַהיִער, אַן אָנגעשטעלטער אין אַן עקספּאָרט־הויז, אַ סקאַנדאַליעז פּאַרליבעניש וואָס איז געלעגן בא גאַנץ טאַבאָקאַס אין מויל. די לערערקע האָט רעאַגירט:

— מיך מיינט איר? זאָלט איר עס וויסן, אַז איך פּאַרליב מיך אין וועמען איך וויל און איך דערלויב ניט קיינעם אַקעגן מיר זיך צו דערוועגן. מײַן לעבן איז מײַנס, און מישט זיך ניט! איך שמועס אָפּן טויער ווי לאַנג מיר ווילט זיך... בעסער ווי בלײַבן אַן אַלטע מויד, אַזוי ווי איר... איך וויל נישט זײַן קיין לעבנסלענגלעכע.

דאָקטער זעזע מישט זיך אַרײַן:

— רויִק, רויִק... פּאַראַן זאַכן וואָס עס האָט אַ זין צו ריידן וועגן זיי, נאָר אַנדערע טרײַבט מען שטאַרק איבער. און אַז אַ יונגערמאַן קומט אַרײַן צו אַ כאַסענע געהאַטער פרוי אין שטוב און ברענגט איר ביכער צום לייע־נען, דאַרף מען דערפון מאַכן אַ סקאַנדאַל? דאָס איז מיט אַן עמעסן אָפּגעשטאַנען.

אַלע זײַנען מאַסקים, אַז דאָס איז אָפּגעשטאַנענקייט, דערצו נאָך מיינט די סובדירעקטאָרן, אַז מען האָט נישט גערעדט קיין איבעריקס. מען האָט נאָר אָנגעמערקט דעם אַדוואָקאַטס זיצן דעם גאַנצן טאָג באַם דאָקטער אין שטוב און שמועסן מיט דאָניאַ עסטער. די לערערקע וואָס האָט פּראָ־טעסטירט ווען די אַנדערע האָט גערעדט פון טאַבאָקעסער אָפּגעשטאַנענ־קייט, האָט צוגעגעבן אַז „דער דאָקטאָר ווירזשיליאָ רעספּעקטירט אַפילע ניט די טאַבאָקעסער פאַמיליעס. ער לעבט מיט אַ גאַסנפרוי אין אַ פאַ־מיליען־גאַס און זיי סקאַנדאַליזירן יעדן מאָל ווען זיי געזעגענען זיך. זיי קושן זיך אַף דער טיר פאַר אַלעמען אין די אויגן. די לערערקעס לאַכן

און זײַנען אויפֿגעבראַכט. דאָקטער זעזע גופּע בעט באַ איר מער איינצעל־הייטן. די לערערקע די מאָראַליסטקע ווײנט נישט ווײַט פֿון מאַרגאַמן און זי צעשפּרייט זיך:

— דאָס איז אַן אוממאָראַלישקייט. דאָס ברענגט צו זינד. איך האָב עס געזאָגט דעם פֿאָטער טאָמע. מען זינדיקט נישט ווילנדיק. מען זינדיקט מיט די אויגן און מיט די אויערן. די פֿרוי קומט אַרויס אַף דער טיר מיט אַ צעשפּיליעטן שלאָפֿראָק, קימאַט אַ נאַקעטע, און הענגט זיך דעם דאָק־טאָר ווירזשיליאָ אַפֿן האַלדז, ווי אַ צווײַג, זיי קושן זיך און זאָגן זיך אַזוינע זאַכן.

— וואָס זאָגן זיי זיך? — פֿרעגט די באַהיַערן, מיט איר דינעם גופּל אַ נערוועזיש צעוויגטן און מיט אירע גלאַנציקע אויגן, ווען זי הערט יענע שילדערן, — וואָס זאָגן זיי?

די לערערקע רעוואַנשירט זיך:

— איז עס נישט אָפּגעשטאַנען דאָס צו דערציילן?

— זיי נישט קיין שוטע... וואָס זאָגן זיי?

— „מײַן בערעלע" אַהין, „מײַן קעצעלע" אַהער... „מײַן ציר־הינ־טעלע", — זי רעדט שטילער און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּאָנעם פֿון בושע פֿאַרן דאָקטער. — „מײַן שקאַפּקעלע שפּרינגענדיקס".

— וואָס? — פֿאַררויטלט זיך די סובדירעקטאָרן.

— אָט ווי איר הערט... ס'איז אַן אוממאָראַלישקייט!

— און אין אַ פֿאַמיליען־גאַס! — טײַנעט יענע.

— דאָס איז עס דאָך. מיטאָג־צײַט קומען מענטשן פֿון אַנדערע גאַסן קוקן. ס'איז אַ טעאַטער — מאַכט יענע דעם אונטערצי.

דאָקטער זעזע גיט זיך אַ פּאַטש אין שטערן, ער האָט זיך דערמאָנט:

— דער טעאַטער... הײַנט איז רעפּעטיציע, און איך האָב מיך אינ־גאַנצן פֿאַרגעסן... איך מוז פֿאַר פֿרי אָפּעסן, אַז ניט בלײַב איך אינגאַנצן הינטערשטעליק.

ער לויפֿט קימאַט אַרויס פֿון דער שול, שוין אַ פּוסטע, די קינדער זײַ־נען שוין נישטאָ, די שול־צימערן און די הויף שטייען שטיל, עס הערן זיך נאָר ביז דער גאַס די קוילעס פֿון די לערערקעס, וואָס באַריידן דאָקטאָר ווירזשיליאָס אָרט לעבן:

— אַן אומאָנשטענדיקייט...

דאָקטער זעזע עסט אין אײַלעניש, ער ענטפערט אפן ווײַבס א פראַגע וועגן געזונט פון ריביירימאַ, זײַנער א כוילע א פרײַנט, ער גיט א צי באָם אויער איינעם פון זײַנע זינדלעך, און לויפט אוועק צו לאָוראַן, וווּ די „גרופע טאַבאַקעסער ליבהאָבער" רעפעטירט פאַר דער פאָרשטעלונג, וואָס דאַרף אין גיכן פאָרקומען. אין שטעטל און אפילו אין פערדאָס טיילט מען שוין א בלעטל:

**שאַבעס, דעם 10טן יוני**

**טעאַטער סאַא זשאָזע**

עס וועט אויפגעפירט ווערן

די באַרימטע פיעסע אין 4 אַקטן

אונטערן טיטל:

**סאָציאַלע וואַמפירן**

פּראָגראַמען אין גיכן.

פון דער גרופע טאַבאַקעסער ליבהאָבער.

דערפאָלג! דערפאָלג! דערפאָלג!

די פּאָליטיק, די פאַמיליע, די מעדיצין, די פעלדער און הײַזער צום פאַרדינגען, די שול, דאָס אַלץ פאַרשאַפט זעזע פּריוואַטס געגוג זאָרג, נאָר זײַן עמעסע לײַדנשאַפט איז די „גרופע טאַבאַקעסער ליבהאָבער". יאָרן לאַנג האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק זי צו גרינדן. צוערשט האָט ער געמוזט פירן א ביטערן קאַמף און גוויווער זײַן דעם ווידערשטאַנד פון די שטעטלשע מיידלעך אַנטיילצונעמען אין א טעאַטער־פאָרשטעלונג. געפּויעלט האָט ער עס א דאַנק דעם מיידל פון א רײַכן סויבער, וואָס איז אַהיימגעקומען פון ריאָ, וווּ זי האָט געלערנט. נאָר ערשט דערנאָך האָט דאָס דאָקטער זעזע געמוזט פּויעלן בײַ זייערע עלטערן, און דאָס איז געווען גאָרנים אַזוי גרינג. ווען ער האָט עס שוין געפּויעלט, איז עס שטענדיק געווען מיט אַט דער רעקאָמענדאַציע פון דער מוטער:

— איך לאָז זי נאָר דערפאַר וואָס איר בעט מיך, דאָקטער.

אַנדערע האָבן אַנטשידן אָפּגעזאָגט:

— דאָס מײַן טעאַטער איז ניט פאַר אָרנטלעכע מיידלעך.

אַזוי ביז אים איז געלונגען צוזאַמענצושטעלן א גרופע און מען האָט אויפגעפירט די ערשטע פיעסע, אָנגעשריבן פונעם פּראָפעסאָר עסטאַניס־

לאא: „דאָס פאַלן פון דער באַסטיליע". געווען איז עס אַ גוואַלדיקער דער־פאָלג. די מאַמעס האָבן אין זיך נישט געקענט אַרײַן פאַר שטאָלץ. מען האָט זיך געשפּאַרט ווער פון די מיידלעך האָט בעסער געשפּילט. דער דאָקטער זעזע האָט גענומען רעפּעטירן אַ צווייטע פּיעסע, דאָס מאָל אַ נאַציאָנאַל־היסטאָרישע, וועגן פּעדראָ דעם צווייטן. אויפגעפירט האָט מען זי לעטוויוועס דער קאַטעדראַלע ווען זי האָט זיך נאָך געהאַלטן אין בויען. נישט געקוקט דערויף וואָס בעיים דער פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אַ באַדויערלעכער אינצידענט צווישן צוויי אַרטיסטקעס אויף דער בינע, איז אויך די פּיעסע געווען אַ דערפאָלג, וואָס האָט צום איבעריקן באַפּעסטיקט דעם פּרעסטיזש פון דער „גרופּע טאַבאַקעסער ליבהאָבער". די גרופּע איז געוואָרן דער שטאָלץ פון טאַבאַקאַס און אַז אַ טאַבאַקעסער קומט קיין איליעוס, זאָגט ער אַרײַן די איליעוסער, אַז כאָטש זיי האָבן אַ גוטן טעאַ־טער, האָבן זיי אָבער ניט קיין ליבהאָבער־גרופּע. דאָקטער זעזעס כּלעם איז, קומען מיט דער גרופּע קיין איליעוס און דאָרט געבן אַ פאָרשטעלונג. דערצו האָט ער די פּיעסע „סאָציאַלע וואַמפּירן", וואָס ער האָט אָנגע־שריבן, אויף צו איבערצײַגן די מאַמעס זיי זאָלן לאָזן זייערע טעכטער פאָרן אין דער גרעסערער שטאָט שפּילן.

לאַנג ציט זיך די רעפּעטיציע, די יונגעלײַט מאַכן נאָך אַלע מנועס, ציטערן מיט דער שטים, דעקלאַמירן אַפעקטירט. איינע לויבט ער, אַנדערע פאַררירכט ער און אַליין שוויצט ער מיט זײַן גאַנצן גליקלעכן פּאָנעם.

ערשט ווען ער קומט אַרויס פון דער רעפּעטיציע, דערמאָנט ער זיך דעם סעקירעראָ גראַנדער וואַלד, טעאָדאָראָן, עסמערן, דאָקטאָר ווירזשיליאָ. ער כאַפּט דאָס רענצל, וווּ די בלעטלעך פון דער פּיעסע זײַנען אויסגע־מישט מיט די רעצעפּטן און ער לויפט צום אַדוואָקאַט. נאָר דער אַדוואָ־קאַט איז בײַ מאַרגאָטן און דאָקטער זעזע גייט אַהין.

דער קלויסטער־גלאָק קלינגט אויס נײַן און די גאַסן זײַנען פּוסט. די „ליבהאָבער" גייען אַהיים, די מאַמעס באַגלייטן זיי. אַ שיקער אויף אַ ראָג גאַס רעדט צו זיך אַליין. אין אַ שענקל דיסקוטירט מען פון פּאָליטיק. די גאַס איז באַלויכטן מער מיט דער לעוואָנע ווי מיט די נאַפט־לאַמטערנס.

דאָקטאָר ווירזשיליאָ טראָגט אַ פּיזשאַמע. עס דערהערט זיך מאַר־גאָטס קול פרעגן ווער דאָס איז. דאָקטער זעזע שטעלט אַוועק זײַן רענצל אויף אַ שטול אינעם זאַל:

— ס׳איז זיכער אַ קאָראָנעל טעאָדאָראָ קומט אַהער. גיט עס צו וויסן דעם קוואַטער האָראַסיאָ. קיינער ווייס ניט צוליב וואָס ער קומט.

— מיסטאָמע אַ טומל מאַכן.

— און נאָך אַן איניען, אַ מער ערנסטער.

— אַ שטייגער?

— מען זאָגט אַז זשוקאַ באַדאַראָ האָט געשיקט נאָך אַן אַגראָנאָם אויסמעסטן דעם וואַלד און אַרויסבאַקומען אַן אייגנטום־שײַן.

דאָקטאָר ווירזשיליאָ לאַכט, צופרידן פון זיך אַליין.

— צו וואָס בין איך אַדוואָקאַט, דאָקטער? דער וואַלד איז שוין רע־גיסטרירט, אַן אויסגעמאָסטענער און אַלץ מיט אַן אַנדער, באַם נאָטאַריוס וועגאַנסיאָ, אַלס אייגנטום פון קאָראָנעל האָראַסיאָ, בראַז, מאַנעקאָ דאַנ־טאַס, אַלמאַנע מערענדאַ, פירמאָ, זשאַרדע און... — דאָ הייבט ער העכער דאָס קאָל — דאָקטער זעזע פרייטאַס. איר דאַרפֿט אַהין מאָרגן צוגיין אונטערשרײַבן.

ער קלערט אים אויף דעם „קאַשישע”; דעם דאָקטאָרס פּאָנעם צע־שמייכלט זיך:

— כ׳באַגריס אײַך, דאָקטאָר! דאָס איז אַ מײַסטערשטיק.

ווירזשיליאָ שמייכלט באַשיידן:

— איבערצײַגן דעם נאָטאַריוס האָט געקאָסט צוויי קאָנטאָס רײַס. דאָס איבעריקע איז שוין געגאַנגען גלאַט. מירן זען וואָס וועלן זיי טאָן. זיי וועלן קומען צו שפּעט.

דאָקטער זעזע שווײַגט אַ ווײַלע. ס׳איז גוט געמאַכט. האָראַסיאָ האָט זיך געפֿעדערט פֿאַר די באַדאַראָס; איצט איז ער יורידיש באַלעבאָס פונעם וואַלד. ער און זײַנע גוטע פרײַנט, צווישן זיי דאָקטער זעזע. ער רײַבט זיך זײַנע דיקע הענט:

— אַ גוט שטיקל אַרבעט. נישטאָ דאָ נאָך אַזאַ אַדוואָקאַט. און איצט לאָז איך אײַך דאָ ביידן, — ער ווײַזט אָפּן צימער ווו מאַרגאָט וואַרט אַף אים, — איינע אַליין. ס׳איז איצט קיין צײַט ניט אַף שמועסן. אַ גוטע נאַכט, דאָקטאָר.

ווען ער איז אַרײַנגעקומען האָט ער גערעכנט ריידן מיט ווירזשיליאָן וועגן דעם גערייד אַרום עסטערן. ער האָט אים אַפילו גערעכנט ראָטן ער זאָל אין איליעוס ניט זיצן צו לאַנג בײַ האָראַסיאָן אין שטוב. אין שטאָט

זײַנען פֿאַראַן נישט װײניקער בײזע צינגער װי אין שטעטל. נאָר איצט זאָגט ער גאָרניט, ער האָט מוירע דעם אַדװאָקאַט צו באַליידיקן, אים זײַן צו לאַסט. און הײַנט װײל דאָקטער זעזע בעשום אופֿן נישט באַלעסטיקן דעם דאָקטאָר װירזשיליאָ, װאָס האָט אַזאַ קלאַפּ דערלאַנגט די באַדאַראָ׳ס.

װירזשיליאָ פֿירט אים צו ביז דער טיר. דאָקטער זעזע גייט מיט דער גאַס אַראָפּ צו, ער נעגנט נישט אָן אַזאַ פּאַרטרויענס מענטשן אים אָנצו־זאָגן די בסורע. יורידיש זײַנען די באַדאַראָ׳ס פֿאַרשפּילט. װאָס קענען זײ איצט טאָן? ער קומט צו צום שענקל און קוקט אַרײַן פֿון דער טיר. איינער פֿון די װאָס טרינקען דאָרט, פֿרעגט אים:

— איר זוכט דאָ עמעצן, דאָקטער?

אויך דאָרט איז נישטאָ עמעצער װאָס זאָל די װערט האָבן אויסצו־הערן אַזאַ בסורע. ער ענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע:

— איר װייסט נישט װוּ טרעפֿט מען איצט טאָניקאָ באָרזשעס?

— ער איז שוין אװעק שלאָפֿן, — זאָגט אים איינער, — איך האָב מיך ניט לאַנג ערשט מיט אים געטראָפֿן; ער איז געגאַנגען אָפּן װעג צו דער זוינע...

דאָקטער זעזע מאַכט אַ פֿאַרדריסלעכע מינע. ער מוז זיך האַלטן מיט דעם גרויסן נײַעס ביז מאָרגן. ער גייט װײַטער מיט דעם שנעלן און קורצן שפּאַן פֿון אַ דיקן מענטשן. נאָר איידער ער קומט צו צו זײַן שטוב, בלײַבט ער אַ װײַלע שטיין און װיל דערקענען װעמענס קאַקאַאָ עס פֿירט איצט אַ קאַראַװאַן פֿון פּופּצן אייזלען, װאָס קומט אַרײַן אין שטעטל מיט דעם קלינגערײַ פֿון די גלעקלעך און דער טרײַבער שרײַט און דערװעקט די מענטשן אין די הײַזער:

— טשאָ, אייזל שלימאַזלדיקער! געגאַנגען, פּענמעסערל!

## VIII

דער מענטש קומט שנעל אַרײַן אין דער אײַזנקראָם:

— סעו אַזעװעדאָ! סעו אַזעװעדאָ!

דער אָנגעשטעלטער קומט צו:

— סעו אַזעװעדאָ איז אינעװייניק, סעו איגנאַסיאָ.

דער מענטש גײט אַרײַן אינעװײניק. סעו אַזעװעדאָ שרײַבט אױס בעשבוינעס פון אַ גראָבן בוך. ער קוקט זיך אום:

— װאָס איז איגנאַסיאָ?

— איר װײסט נאָך ניט?

— זאָגט, מענטש אײנער, עפּעס אַן ערנסטע זאַך?

איגנאַסיאָ אָטעמט אָפּ. ער איז קױמאַט געלאָפן אַהער.

איך האָב מיך ערשט דערװוּסט, װאָסמיסע װעט זיך גאַרנישט פאַר־שטעלן. איר'ט פאַלן װען איר װעט עס הערן.

סעו אַזעװעדאָ לײגט אַװעק דעם בלײַער, דאָס פּאַפּיר און דעם בױוור־בוך. ער װאַרט אַן אומגעדולדיקער.

— ס'איז דער גרעסטער קאַשישע װאָס איך האָב װען געהערט. דאָק־טאָר װירזשיליאָ האָט באַשמירט װענאַנסיאָן און האָט בא אים פאַררע־גיסטרירט אַן אײגנטום־שײַן פון די סעקײראָ גראַנדער װעלדער אַפן נאָמען פון קאָראָנעל האָראַסיאָ און נאָך פינף אָדער זעקס: בראַז, דאָקטער זעזע, קאָראָנעל מאַנעקאַ, איך װײס ניט װער נאָך.

סעו אַזעװעדאָ הײבט זיך אױף פונעם שטול:

און די צעמעסטונג װער האָט געמאַכט? אַזאַ מין אײַנשרײַב האָט קײן װערט ניט.

— אַלץ איז געזעצלעך געמאַכט, סעו אַזעװעדאָ. אַלץ איז לעגאַל, עס פעלט ניט אַ קאָמאַ. דער יונגער מאַן איז אַ צאַצקע אַן אַדװאָקאַט. ער האָט דורכגעפירט אַלץ װי געהעריק. די צעמעסטונג איז שױן געװען אַ געמאַכטע. אַן אַלטע צעמעסטונג, געמאַכט מיט אַ צײַט לאַנג צוריק, פונעם פאַרשטאָרבענעם מונדיטאָ דע אַלאַמײדאַ, װען ער האָט באַפלאַנצט די װעלדער אַף יענער זײַט. זי איז קײנמאָל ניט פאַררעגיסטרירט געװאָרן, װײַל מונדיטאָ האָט די פּיסלעך אױסגעצױגן. נאָר װענאַנסיאָ האָט דעם דאָקומענט פון דער צעמעסטונג געהאַט בא זיך.

— איך האָב עס נישט געװוּסט.

— געדענקט איר נישט, אַז קאָראָנעל מונדיטאָ איז געפאָרן ברענגען אַן אַגראָנאָם פון באַהיאַ, ער זאָל מאַכן די צעמעסטונג, און געקומען איז אײנער מיט אַ באָרד, פלעגט אומגײן אַ שיקערער?

— איצט געדענק איך.

— נו, האָט דער דאָקטאָר װירזשיליאָ אױסגעפונען אָט די צעמעס־

טונג; ווײַטער איז שוין געגאַנגען ווי געשמירט. מען האָט נאָר באַדאַרפט די נעמען צוקראַצן און רעגיסטרירן באַם נאָטאַריוס. מען זאָגט וועגאַנסיאָ האָט פאַר דער אַרבעט באַקומען צען קאָנטאָס.

סעו אַזעווערדאָ ווייס ווי אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דעם נײַעם:

— אַ גרויסן דאַנק אײַך, איגנאַסיאָ; איכל אײַך די טויווע נישט פאַרגעסן. איר זײַט אַ ריכטיקער פרײַנט. איך גיב עם שוין צו וויסן סיניאָ באַדאַראָ׳. און ער איז אַ מענטש וואָס געדענקט אַ טויווע, איר ווייסט עס.

איגנאַסיאָ שמייכלט:

— זאָגט דעם קאָראָנעל סיניאָ אַז איך שטיי אים צו דינסט. פאַר מיר איז ער דער איינציקער פירער פון דער געגנט. ווי נאָר איך האָב מיך דער־וווסט, בין איך גלײַך געקומען אַהער.

ער זעגנט זיך אָפּ. סעו אַזעווערדאָ פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. דערנאָך נעמט ער די פעדער, בייגט זיך איבער איבערן טיש און מיט זײַן שווערן קסאַוו שרײַבט ער אָן אַ בריוו צו סיניאָ באַדאַראָ׳. ער שיקט דעם אָנגע־שטעלטן אַרײַנרופן אַ מענטשן. אין אייניקע מינוטן אַרום איז ער דאָ. אַ טונקעלער מולאַט, אַ באָרוועסער, נאָר מיט שפּאָרן, מיט אַ רעוואָלווער, וואָס שטעקט אים אַרויס פונעם צעריסענעם רעקל.

— צי אײַער באַפעל, סעו אַזעווערדאָ.

— מעליטאָן, זעץ דיך אויף אַף מײַן פערד און רײַט גלײַך אַוועק, אָן אָפּשטעל, צו די באַדאַראָ׳ס אין דער פאַזענדע, און גיב איבער דעם בריוו סיניאָן פון מיר. ער איז זייער אַ דרינגלעכער.

— זאָל איך רײַטן איבער פעראַדאַס, סעו אַזעווערדאָ?

— איבער פעראַדאַס; ס׳איז אַ סאַך נענטער.

— מען זאָגט ס׳איז פאַראַן אַ פאַראָרדענונג פונעם קאָראָנעל האָראַ־סיאָ ניט דורכצולאָזן דאָרט אַרום באַדאַראָ׳ס מענטשן.

— פּלוידערײַ. צי עפּשער האַסטו מוירע?

— האָט שוין וואָסמיסע אַמאָל געזען איך זאָל מוירע האָבן? כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן.

— סיניאָ וועט דיך גוט באַלוינען, ווײַל די ידיעה איז זייער אַ וויכטיקע.

דער מענטש נעמט דעם בריוו. איידער ער גייט נעמען דעם פערד, פרעגט ער:

— מען דאַרף ברענגען אַן ענטפער?
— ניין.
— אויב אַזוי, אַף אין גיכן, סעו אַזעוועדאַ.
— פאַר געזונט, מעליטאָן.
שוין אַף דער טיר, דרייט ער אום דעם קאָפּ:
— סעו אַזעוועדאַ!
— וואָס איז?
— טאָמער בלײַב איך אין וועג, איבער פעראַדאַס, זאָל וואַסמיסע אַכ־טונג געבן אַף מײַן ווײַב און מײַנע קינדער.

## IX

דאָניאַ אַנאַ באַדאַראָ רעדט מיט דעם מענטשן וואָס איז ערשט אַראָפּ פונעם פערד, אַף דער גאַלערייע פון דער פאַזענדע:
— ער איז אין איליעוס, מעליטאָן. ער וועט קומען ערשט אין דרײַ טעג אַרום.
— און סעו זשוקאַ?
— ער איז אויך נישטאָ. ס'איז עפּעס דרינגלעכס?
— איך מיין אַזוי, סיניאַ דאָניאַ. סעו אַזעוועדאַ האָט מיר געהייסן רײַטן אַן אָפּשטעל, איבער פעראַדאַס, ווײַל ס'איז נענטער. און פעראַדאַס איז אין מילכאָמע.
— ווי אַזוי האָסטו עס געטאָן?
— איך האָב מיך פאַרנומען הינטערן לאַזאַרעט; קיינער האָט מיך נים געזען.
דאָניאַ אַנאַ דרייט דעם בריוו אין דער האַנט. זי פרעגט ווײַטער:
— זאָל עס זײַן זייער דרינגלעך?
— מיר דאַכט זיך אַז יאָ, סיניאַ אַנאַ. סעו אַזעוועדאַ האָט מיר גע־זאָגט, אַז ער איז זייער אַ וויכטיקער און זייער אַ געאײַלטער. ער האָט מיך געשיקט אַף זײַן פערד...
דאָניאַ אַנאַ פּויעלט בא זיך: זי עפנט דעם בריוו, קלײַבט זיך פונאַנ־דער אין אַזעוועדאָס קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס, און ווערט ערנסט:
— באַנדיטן!

זי וויל שוין אַרײַנגיין מיט דעם בריוו אין דער האַנט, נאָר זי דער־מאָנט זיך אינעם שעלײַעך.

— מעליטאָן, זעץ דיך צו אַף דער גאַלערייע. איכ'ל דיר אַרויסשיקן עפּעס אויסצוטרינקען...

זי שרײַט אַרײַן:

— ראַימונדאַ! ראַימונדאַ!

— וואָס איז, קוואַטערן?

— דערלאַנג אַ קאַניאַ סעו מעליטאָנען, אַף דער גאַלערייע...

זי גייט אַרײַן אין זאַל, דאָרט שפּאַנט זי אום הין און צוריק, זי זעצט איצט אוים אַ ריכטיקע שוועסטער פון די באַדאַראַ'ס בעיים זיי טראַכטן פון עפּעס אָדער בעיים זיי דיסקוטירן צווישן זיך. אַף לעצט, זעצט זי זיך אַרײַן אין סיניאָס הויכן שטול מיט אַן ערנסטן פּאָנעם צוליב דער יעדיִע. דער פּאָטער מיט דעם פעטער זײַנען אין איליעוס און דאָס איז אַן איניען וואָס קען ניט וואַרטן. וואָס זאָל זי טאָן? אַוועקשיקן דעם בריוו צום פּאָ־טער? ער וועט אָנקומען קיין איליעוס ערשט מאָרגן; אַלץ וועט פּאַר־האַלטן. מיט אַ מאָל דערמאָנט זי זיך, שמעלט זיך אויף און גייט אַרויס צוריק אַף דער גאַלערייע. מעליטאָן טרינקט זײַן גלעזל קאַניאַ.

— ביסט שטאַרק פאַרמאַטערט, מעליטאָן?

— ניין, סיניאַ. איך האָב מיך בלויז דורכגעריטן. אַכט קליינינקע מײַל.

— אויב אַזוי, זעץ דיך ווידער אויף און רײַט אַוועק קיין באַראַונאַס. וועסט אַוועקפירן מײַנע אַ שליכעס צום קאָראָנעל טעאָדאָראָ. זאָג אים ער זאָל טייקעף קומען צו מיר אַף אַ שמועס. און קום צוריק מיט אים.

— אַף אײַער באַפעל, סיניאַ דאָניאַ אַנאַ.

— זאָל ער שוין קומען, וואָרעם ס'איז אַן ערנסטע זאַך.

מעליטאָן זעצט זיך אויף, גיט אַ גלעט דאָס פערד און זעגנט זיך:

— אַ גוטן טאָג, סיניאַ.

זי שטייט אַף דער גאַלערייע און קוקט ווי ער רײַט אָפּ. זי נעמט אַף זיך אַכראַיעסן. וואָס וועט סיניאָ זאָגן ווען ער וועט זיך עס דערוויסן? זי נעמט ווידער לייענען סעו אַזעוועדאָס בריוול און קומט צום שלוס, אַז זי האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט געשיקט רופן טעאָדאָראָן. זי גיט ווידער אַ מורמל:

— באַנדיטן! און דאָס אַהוואָקאַטל... ער איז ווערט מען זאָל אים דערשיסן...

די קאַץ קומט צו און טוליעט זיך צו אירע פיס. דאָניאַ אַנאַ בייגט זיך איַין און גלעט זי. איר פּאַנעם איז נישט האַרט; זי איז נאָר אַביסל טרויעריק, די טיפע שוואַרצע אויגן, דאָס מויל מיט די מיַיוועדיקע ליפּן. זעט מען זי אַזוי אַף דער גאַלעריי, איז דאָניאַ אַנאַ באַדאַראַ' אַן אומדרייסט דאָרפיש מיידל.

## X

אין שול גייט אַלץ ווי געהעריק. דאָקטער זעזע האָט געפּויעלט באַ טייל געשעפטסלײַט זיי זאָלן שליסן זייערע קראָמען לעקאָוועד דעם „טאָג פונעם בוים". אין שול, וווּ פּראָפעסאָר עסטאַניסלאַאָ האָט געלייענט זײַן רעדע און קינדער האָבן דעקלאַמירט, זיַינען געקומען ווייניק מענטשן אַ כוץ די לערער און די קינדער, נאָר דער פּלאַץ פאַרן קלויסטער איז פול. אין שול האָט די זיצונג געפירט דאָקטער זעזע און די קינדער האָבן אים צוגעטראָגן אַ בוקעט בלומען. מען מאַרשירט צום פּלאַץ, ווו עס וואַרטן שוין צוויי אָרטיקע פּריוואַטע שולן: עסטאַניסלאַאָס און דאָניאַ גיליערמינאַס, וואָס איז באַרימט מיט דער שטרענגקייט ווי זי האַלט אירע שילערס. דאָקטער זעזע שפּאַנט בעראָש פון זײַן שול מיט דעם בוקעט בלומען אין דער האַנט.

דער פּלאַץ איז פול מיט מענטשן. יאָנטעוודיק פאַרפּוצטע פרויען, מיידלעך קוקן צו פאַרליבטע קרעמער, צו אָנגעשטעלטע פון די אָנגעשלאָסענע געשעפטן. אַלע ווילן זיי געניסן פון אומגעריכטער פאַרוויַילונג אינמיטן דער טרויעריקער וואָכעדיקייט פון טאַבאַקעסער לעבן. די שול שטעלט זיך אויס פאַר די פּריוואַטע שולן. פּראָפעסאָר עסטאַניסלאַאָ וואָס איז לאַנג שוין נישט גלײַכגילטיק צו דאָניאַ גיליערמינאַ, קומט צו צו זיַינע שילער און הייסט זיי זײַן שטיל. ער וויל זיי זאָלן זיך אויפפירן נישט ווייניקער אָרטיק ווי די שילער פון זײַן קאָנקורענטקע, וואָס שטייען שטיל און ערנסט אונטערן בליק פון דער לערערקע די מעכאַשייפע. לעבן אַן ערשט געעפנטן לאָך אַפן פּלאַץ, ליגט אַ יונג קאַקאַאָ־ביימל, פון נישט מער ווי איין יאָר אַלט. ס'איז דאָס ביימל צום פלאַנצן באַ דער פײַערלעכער

צערעמאניע. דער סוב־קאמיסאר איז נישטא, די באדאראס האבן אים ארויסגערופן קיין איליעוס און דער פאליציייִשער קויעך — אבט זעלנער — איז דעריבער נישט געקומען. נאר די קאפעליע „3 דע מאיא" — אַן אויסגעשטאטע אף האראסיאס הויצאעס — איז געקומען מיט אירע מוזיק־אינסטרומענטן. אף דער קאפעליע איז אויסגעפאלן צו עפענען דעם אקט מיט דעם נאציאנאלן הימען. די מענער נעמען אראפ די היט; עס ווערט שטיל. די קינדער פון אלע דריי שולן זינגען די ווערטער. די זון בריט, טייל מענער עפענען די שירעמס זיך צו שיצן.

ווי נאר די מוזיק פארענדיקט, שטעלט זיך אוועק דאקטער זעזע פונקט אפן מיטן פלאץ און הייבט אן זיין רעדע. פון אלע זייטן שרייט מען עס זאל זיין שטיל. די לערערקעס גייען אום צווישן די קינדער, פאר־דערן אויף צו אָרדענונג און צו ווייניקער טומל. נאר קיין גרויסע רעזול־טאטן באקומען זיך ניט. שטיל איז נאר צווישן די שילער פון דאניא גיליערמינא, וואס שטייט א שטייפע, מיט די הענט פארלייגט אף פארנט, אין איר ווייסן אויסגעפרעסטן און שטייפן קלייד. קיינער קימאט באוויזט ניט צו הערן וואס דאקטער זעזע זאגט און זייער ווייניק אוילעם באוויזט אים צו זען, מאכמעס קיין טריבונע האט מען ניט אויפגעשטעלט און ער רעדט אף דער ערד שטייענדיק. דאך אפלאדירט מען אים ווען ער פאר־ענדיקט. טייל קאוואלירן קומען צו און באגריסן אים, און ער, א באשיי־דענער, א געריר טער, דריקט די הענט וואס שטרעקן זיך צו אים. ער איז דער ערשטער וואס בעט שווייגן צו קענען הערן די פאעזיע פון דער לע־רערקע אירענע. דער לערערקעס שוואכע קאל קוויטשעט בא די פערזן:

געבענטשט זאל זיין דער זוימען וואס באפרוכטיקט די ערד...

די קינדער רופן קימאט אפן הויכן קאל די פארקויפער פון „קעמאי־דאס". זיי לאכן, ריידן, קריגן זיך, שטויסן זיך איינער דעם צווייטן מיט די פיס. די לערערקעס זאגן צו באשטראפן מארגן אין שול. די לערערקע אירענע הייבט אויף א האנט, לאזט זי אראפ, הייבט אויף די צווייטע:

בוים געבענטשטער, וואס גיט שאטן און פרוכט...

מיטאמאל דערהערט זיך דאס קלאפן פון פערדישע פיס, וואס רייסן זיך אריין אינעם קלויסטער־פלאץ. דאס האט קאראנעל טעאדארא פון באראונאס זיך ארייַנגעריסן בעראש פון צוועלף באוואפנטע רייטער. זיי רייסן זיך אריין מיט א שיסעריי אין דער לופטן און טרעטן דאס גראז.

טעאָדאָראָ שנײַדט זיך דורך די אויסגעשטעלטע שולן; עס לויפן די קינ־דער, עס לויפן די פרויען און די מענער. ער שטעלט זיך אָפּ אקעגן דער גרופּע וואָס ארום דעם ביימל. די לערערקע אירענע שלינגט איַין דעם פּערז וואָס זי האָט געדארפט זאָגן; זי האלט נאָך אויפגעהויבן די האנט. טעאָדאָראָ האלט דעם רעוואָלווער אין דער האנט:

— וואָס איז עס פאר א טומל? מען פלאַנצט א פעלד אָפּן קלויסטער־פּלאַץ?

זעזע קלערט אים אויף מיט ציטערנדיקע ווערטער די פּײַערונג. טעאָ־דאָרא לאַכט. ער איז קענטיק מאַסקים.

— אויב אזוי, פלאַנצט. איך וויל זען...

ער ווײַזט מיט דעם רעוואָלווער; די קאַפּאַנגאַס קומען צו מיט די ביקסן אין די הענט. זעזע און נאָך צוויי מענטשן פלאַנצן דעם קאַקאַאָ־בוים. עמעס, די צערעמאָניע איז א גאַנץ אַנדערע ווי די וואָס דאָקטער זעזע האָט זיך פאָרגעשטעלט. עס פעלט די פײַערלעכקייט; זיי שטעקן אָפּ גיך אַרײַן דאָס ביימל אינעם געעפנטן לאָך און פארשיטן מיט דער אויס־געגראָבענער ערד. ווייניק מענטשן זײַנען שוין פאראן אָפּן פּלאַץ; די מער־סטע זײַנען זיך צעלאָפן.

— שוין? — פרעגט טעאָדאָראָ.

— שוין...

— איצט וועל איך עס באַגיסן... — לאַכט טעאָדאָראָ.

און פון אָפּן פערד צעשפּיליעט ער זיך דעם ראָספּער פון די הויזן און נעמט מאַשטן זײַן אָפּן ביימל. ער טרעפט אָבער ניט, און די האשטאָנע שפּריצט אַלעמען אָפּ. די לערערקע אירענע פארשמעלט זיך די אויגן מיט דער האנט. איידער קאָראָנעל טעאָדאָראָ פארענדיקט, גיט ער א פּאַטש מיט דער האנט און די האשטאָנע שפּריצט אָפּ דאָקטער זעזע. דערנאָך גיט ער א רוף זײַנע מענטשן און זיי פארלאָזן אין גאַלאָפּ דעם פּלאַץ. די וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן בלײַבן שטיין ווי געליימטע און קוקן זיך בלויז איבער. א לערערקע ווישט זיך די טראָפּנס האשטאָנע וואָס האָבן איר פארשפּריצט דאָס פּאָנעם. א צווייטע שטוינט:

— האָט איר געזען אזוינס...!

טעאָדאָראָ רײַט איבערן פּלאַץ און שיסט. דערנאָך פארנעמט ער זיך צו א געסל, וווּ עס געפינט זיך די ביורא פונעם נאָטאריוס וועגאַנסיאָ.

דאָרט בלײַבן זײ שטײן און שפּרינגען אַראָפּ פון די פערד; װענאַנסיאָ און זײַנע אָנגעשטעלטע האָבן קוים צײַט אַרויסצולויפן אין הויף. טעאָדאָראָ רופט אַרײַן אײנעם פון זײַנע מענטשן. ער קומט צו מיט אַ פלאַש קעראָסין און נעמט מיט אים באַגיסן דעם פּאָל און די ראַפטן מיט פּאַפּירן. װען ער פאַרענדיקט װאַרפט ער אַװעק די פלאַש װוּ עס איז.

— צינד אונטער — באַפעלט טעאָדאָראָ.

דער קאַפּאַנגאַ צינדט אָן אַ שװעבעלע; דער פלאַם לאָזט זיך גײן איבערן פּאָל, הײבט זיך דערנאָך אַרויף אויף אַ פּאָלעצע, געפינט אַ בלעטל פּאַפּיר און כאַפּט זיך אַרײַן אין די אַרכיװ־פּאַפּירן. טעאָדאָראָ מיט דעם קאַפּאַנגאַ קומען אַרויס; זײַנע מענטשן שטײען אויף דער װאַך באַם ראָג גאַס און װאַרטן דאָס פײַער זאָל זיך צעװאַקסן. טעאָדאָראָ טראָגט אַ װײַס רעקל אויף ברײנענע כאַקי־הויזן; אויפן מיגדסטן פינגער טראָגט ער אַ גרויסן בריליאַנט. דאָס פײַער נעמט אַרום דאָס הויז מיט רויטע פלאַמען. עס קלײַבן זיך מענטשן אויף דער גאַס. טעאָדאָראָ באַפעלט די מענטשן זיך אויפזעצן. מיט די פערדישע פיס צעטרײַבן די נענטער שטײענדיקע נײַ־געריקע. אויף דער גאַס באַװײַזן זיך האַראַסיאַס מענטשן, באַװאָפנטע. טעאָדאָראָ פאַרקירעװעט מיט זײַנע מענטשן אַרונטערן ראָג צו מוטונס גאַס. װען זײ קרײצן זי, װערט די גאַס פול מיט מענטשן; װענאַנסיאָ רײַסט זיך באַ די האָר; האַראַסיאַס מענטשן לויפן מיט דעם געװער. זײ שיסן פונעם ראָג; טעאָדאָראָס מענטשן ענטפערן. זײ מאַכן זיך אַ װעג צװישן אױלעם װאָס לויפט איבערן געסל זען די סרײפע. אײדער טעאָדאָראָ אַנטלויפט, פאַלט אײנער פון זײַנע מענטשן, באַם אָנהײב װעג אַ דערשאָסענער. דאָס פערד לויפט װײַטער, אָן דעם רײַטער, אינאײנעם מיט די אײ־בעריקע. האַראַסיאַס מענטשן לויפן צו צום פאַרװוּנדיקטן און דערענדיקן אים מיט די מעסערס.

# דער יאַם

## I

דער מענטש מיט דעם בלויען קאַמזויל ענטפערט ניט. ער זעט אויס א קלייניקער אין דעם גרויסן בלויען קאַמזויל, וואָס פאַלט אים אריבער די טונקל־ברינענע הויזן, נאָך טונקעלער צוליב דער קויטיקייט.

די נאַכט, דאָרט ארום דער שטאָט, איז א לירישע. די פּאָעזיע פון דער נאַכט דערגייט צום שמאַלציקן באַלקן פונעם שענק דורך דעם ביסל לעוואָנע־שיַין וואָס פאַלט אַפן ברוק, פון די שטערן וואָס זעען זיך דורך די אָפענע טירן, פון א וויַיטער גיטאַרע וואָס עמעצער שפּילט און פון א וואַרעם פרויען־קאָל, א וואַרעמס און א טרויעריקס, וואָס זינגט אין דער זעלביקער ציַיט א געוויס ליד וועגן א פאַרלוירענער ליבע אין דער יוגנט. מער עפשער ווי די לעוואָנע און די שטערן, מער ווי דער זינדי־קער רייעך פון די זשאַסמין־וואַזאָנעס אַף א נאָנטן שטאָק, ווי די פיַיערלעך אַף דער באַלויכטענער שיף, באַטריבט אָט דאָס וואַרעמע פרויען קאָל די מידע הערצער פון די מענטשן, וואָס שלאָפן אין די בודקעס אָדער בא דער שטאָיקע אָנגעשפּאַרט.

דער וואָס מיט דעם פאַלשן רינג באַזערט איבער די פראַגע, ווען ער זעט דער מענטש מיט דעם בלויען קאַמזויל ענטפערט ניט:

— און איר, סעז שנעק, האָט גאָר קיינמאָל קיין פרוי נישט געהאַט?

נאָר ריידן רעדט דער בלאָנדער:

— א פרוי, זאָגט איר... צענדליקער פרויען אין אַלע האַפנס. א פרוי איז א מין כאַיע, וואָס פעלט קיינמאָל נישט אויס דעם מאַטראָס. איך,

וואָס מיר באַלאַנגט, האָב זיי געהאַט טוצנוויַיז... — ער צעעפנט און פאַר־מאַכט דערביַי די פינגער פון דער האַנט.

די פּראָסטיטוטקע שפּיַיט אויס צווישן אירע פּאַרפּוילטע ציין און וואַרפט אויגן צום בלאָנדן מאַטראָס:

— דאָס מאַטראָסן־האַרץ איז ווי די כוואַליעס אין יאַם, וואָס קומען אָן און גייען אָפּ. ווי גוט איך האָב געקענט זשאָזע דאַ סאַנטאַ. איין מאָל איז ער אוועק, סעו, אַ שוויַיגנדיקער, אַפילו ניט מיט זיַין שיף...

— לאָזט איַיך אָפּ, — רעדט וויַיטער דער מאַטראָס, — אַ מאַטראָס קען ניט פאַראַנקערן אין איין פרוי. ער שווימט אוועק, בליַיבט דער האַפן פוסט, שווימט אַן אַנדערער צו. אַ פרוי, מיַין טיַיערער, איז פאַלשער פון אַ שטורעם־ווינט.

אַ שטיקל לעוואָנע־שיַין שפּאַרט זיך איצט דורך דער טיר און באַ־ליַיכט די גראָבע ברעטער פונעם פאָל. דער וואָס מיט דעם פאַלשן רינג גיט אַ שטורכע מיטן מעסער, וואָס ער שניַידט מיט אים זיַין טשאַרקי, יענעמס קאַמזויל:

— רעדט, שנעק. איז עס ניט ריכטיק אַז ער זעט אויס אינגאַנצן ווי אַ שנעק? איר האָט אַמאָל געזען אַ מענטש זאָל אַזוי ענלעך זיַין צו אַ שנעק? האָסט שוין געהאַט אַ פרוי?

די פּראָסטיטוטקע קיַיכט פון געלעכטער, זי נעמט אַרום דעם מאַטראָס אַרום האַלדז און זיי לאַכן צוזאַמען. דער וואָס אינעם קאַמזויל טרינקט אויס דעם רעשט קאַניאַ פון זיַין גלאָז, ווישט זיך אָפּ דאָס מויל מיטן אַרבל און דערציילט:

— וואָס ווייסט איר ווו דאָס איז געווען. געווען איז עס זייער וויַיט פון דאַנען, אין אַן אַנדער האַפן, אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַ סאַך אַ גרע־סערן. אין אַ שענק איז עס געווען, איך געדענק ווי ער האָט זיך גערופן: „ניַיע וועלט".

דער וואָס מיט דעם פאַלשן רינג בעט נאָך אַ קאַניאַ מיט אַ קלאַפּ אין טיש.

— איך האָב געקענט אירע אַ פריַינדן, געווען זיַינען זיי ביידע מיט איינעם. איך האָב געטרונקען מיט מיַינעם אַ כאַוועր און געשמועסט ווי מיעס דאָס לעבן איז. מען זאָגט ס'איז נישטאָ קיין ליבע פון ערשטן בליק. ס'איז אַ גרויסער ליגן...

די פּראָסטיטוטקע שפּאַרט אָן דעם קאָפּ און דריקט נאָכמער דעם שטאַרקן אָרעם באַם בלאָנדן מאַטראָס. דאָס זינגענדיקע פּרויען־קאָל פּילט אָן מיט איין מאָל די קויטיקע סצענע אין שענק:

ער איז אוועק אָף קיינמאָל מער נישט קומען צוריק!...

זיי הערן זיך איַין. דער וואָס מיט דעם רינג זופּט זײַן קאַניאַ קליינע שלוקנוויַיז, ווי אַ טײַערן געטראַנק און מיט אַן אַנגסטלעכן פּאָנעם וואַרט ער דער בלויער קאַמזויל זאָל וויַיטער דערציילן.

— וואָס מאַכט עס אויס? — זאָגט דער און ווישט זיך דאָס מויל מיטן אַרבל.

— די לעוואָנע איז גרויס און שיין. שוין לאַנג אַז איך זע זי נישט אַזוי שיין, — שעפּטשעט די פּראָסטיטוטקע און טוליעט זיך נאָכמער צום בלאָנדן.

— דערציייל! דערצייל דעם סאָף! — בעט זיך דער וואָס מיט דעם פאַלשן רינג.

— אַזוי איז עס געווען. ווי איך האָב שוין געזאָגט, בין איך געזעסן מיט אַ גוטן ברודער און עפּעס געטרונקען. און ער האָט זיך געקלאָגט אָפן לעבן, זײַן וויַיב גייט אום מיט וואָנדן און ער איז געענגט אין געלט, זייער שטאַרק געענגט. איז ער טרויעריק געווען. איך בין אויך טרויעריק געוואָרן, און דעמאָלט איז זי אַרײַנגעקומען. מיט אַ צווייטער איז זי געקומען. כ׳האָב איַיך שוין געזאָגט?

— יאָ, געזאָגט, — העלפט אים דער בלאָנדער מאַטראָס וואָס די געשיכטע הייבט אים אָן אינטערעסירן. אויך דער שפּאַניער, דער באַלעבאָס פונעם שענק, שפּאַרט זיך אָן באַ דער סטאָיקע אויסהערן... דאָס זינגענדיקע פרויען־קאָל קומט אַ צוגעטויבטס פון דער סוידעסדיקער נאַכט־טיפעניש. דער וואָס מיט דעם בלויען קאַמזויל דאַנקט מיט אַ זשעסט דעם בלאָנדן מאַטראָס און דערציילט וויַיטער:

— אַזוי איז עס געווען. זי איז אַרײַנגעקומען מיט אַ צווייטער און מיט איינעם. די צווייטע האָב איך געקענט. איך פלעג מיט איר גיין שוין פון לאַנג. אָבער, פרײַנט מײַנע! די באַקאַנטע האָב איך קימאַט נישט געזען, געזען האָב איך נאָר זי.

— אַ ברונעטע איז זי געווען? — פרעגט דער וואָס מיט דעם פאַלשן רינג, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צו ברונעטע.

— אַ ברונעטקע? ניין! קיין בלאָנדע אויך ניט, נאָר, מאָדנע, אַן אויס־לענדערן האָט זי אויסגעזען, אַ פרוי פון אַן אַנדער לאַנד.

— איך ווייס וואָס דאָס איז! — זאָגט דער בלאָנדער, וואָס איז געווען אַ מאַטראָס אַף אַ לאַסט־שיף, וואָס גייט איבער ווײַטע יאַמען.

דער וואָס מיט דעם בלויען קאַמזויל דאַנקט ווידער מיט אַ זשעסט. די פּראָסטיטוטקע מורמלט צום מאַטראָס:

אַלצדינג ווייסטו... — און זי שמייכלט, — קוק ווי די לעוואָנע זעט אויס, גרויס און געל...

— אַזוי ווי דער יונגערמאַן זאָגט, — דער וואָס מיט דעם בלויען קאַמזויל ווײַזט מיט די ליפּן אַפן מאַטראָס, — זי האָט אויסגעזען ווי אַראָפּגעגאַנגען פון אַ שיף וואָס גייט פון זייער ווײַט. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך בין צוגעקומען צו איר; מײַן פרײַנט, דאַכט מיר, וואָס איז מיט מיר געווען, איז צוגעגאַנגען ריידן מיט דער צווייטער. די צווייטע האָט געזאָגט ווער מיר זײַנען, און זי איז געבליבן מיט אונדז שמועסן... פון וואָס מען האָט געשמועסט, שווער איך אײַך אַז איך ווייס ניט... איך האָב געזען נאָר זי און זי האָט נישט גערעדט, זי האָט נאָר געלאַכט, ווײַסע ציין, ווײַס, אַפּילע ניט זאַמד אַפן פּליאַזש... ווײַל מײַן כאַווער האָט גע־רעדט, האָט דערציילט ווי טרויעריק אים איז, האָט די צווייטע אויך גע־רעדט, מיר דאַכט זי האָט אים געטרייסט. מיט אַן עמעם ווייס איך ניט. זי און יענער האָבן געשוויגן, נאָר זי האָט געלאַכט, — ער צעשמייכלט זיך בעיים ער דערמאָנט זיך און אַזוי צעשמייכלט רעדט ער, — און גע־לאַכט האָט זי אײַלנדיק. איך האָב נאָך נישט געזען אַ מענטש זאָל אַזוי אײַלנדיק לאַכן. די אויגן... — ער וויל זיך דערמאָנען, — איך ווייס ניט וואָסערע אויגן זי האָט געהאַט... — ער פאָכעט מיט די הענט, — זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרוי פון אַ מײַסע וואָס דער נעגער אַסטעריאָ פלעגט דער־ציילן אַף דער שוועדישער שיף, די וואָס איז אײַנגעזונקען אַף דער זאַמד־באַנק בײַ קאַקייראָס...

דער וואָס מיט דעם רינג שטעלט אַרײַן דעם פּוס אינעם פּאַס לעוואָ־נע־שײַן, שפּײַט אויס און פרעגט:

און דער פּאַרשוין וואָס איז מיט איר געווען איז געווען דער באַלע־באָס פון דער שיף?

— ווער ווייס אים... ער האָט נישט אויסגעזען, ניין... גיכער אַ

פּריַינט... ווער ווייס אים... איך ווייס נאָר, אַז זי האָט געלאַכט, די ציין ווײַס, דאָס פּאָנעם ווײַס, די אויגן...

ער רוקט די פינגער אין די קעשענעס פונעם בלויען קאַמזויל און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט די הענט, ביז ער אַנטשליסט זיך אויסצוטרינקען די גלאָז קאַניאַ.

— און דערנאָך? — פרעגט דער וואָס מיט דעם רינג.

— זיי האָבן באַצאָלט און זײַנען אַרויס. איך בין אויך אַרויס. איך בין אַ סאַך מאָל געגאַנגען אין דעם שענק... איינמאָל האָב איך זי ווידער געזען. זי איז געקומען פון ווײַט, בין איך זיכער. פון זייער ווײַט, זי איז נישט געווען פון יענעם לאַנד...

— די לעוואַנע איז אַזוי שיין... זאָגט די פּראָסטיטוטקע און דער מאַטראָס מערקט, אַז די אויגן בײַ איר זײַנען טרויעריק. זי וויל זאָגן עפּעס אַנדערש, נאָר זי געפינט קיין ווערטער ניט.

— פון ווײַט, ווער ווייס צי ניט טיף פונעם יאַם? איך ווייס נאָר, אַז זי איז געקומען און איז אַוועק. נאָר דאָס ווייס איך. זי האָט אַפילע ניט אַ קוק געטאָן אויף מיר. נאָר איך געדענק נאָך ביז הײַנט ווי זי האָט געלאַכט, איך געדענק אירע ציין, די ווײַסקייט פון אירע ציין. און דאָס קלייד — ער צעשרײַט זיך מאַמעש פאַר פרייד, ווען ער דערמאָנט דעם נײַעם פּראַט — אַ קלייד מיט אָפענע אַרבל...

ער זופּט אויס די גלאָז, שטרעקט אויס די ליפּן, ער איז מער ניט פריילעך. דאָס זינגענדיקע פרויען־קאָל אין דער לירישער נאַכט גייט פאַרמעלעכן אויף:

ער איז אַוועק אויף קיינמאָל נישט קומען צוריק!...

— און דערנאָך? — פרעגט ווידער דער וואָס מיט דעם פאַלשן רינג.

דער וואָס מיטן בלויען קאַמזויל ענטפערט ניט און די פּראָסטיטוטקע ווייס ניט צי ער קוקט אויף דער לעוואָנע אָדער אויף עפּעס אַזוינס וואָס זי זעט ניט, דאָרט, נאָך ווײַטער פון דער לעוואָנע און פון די שטערן, ווײַטער פונעם הימל, ווײַטער פון דער דאָזיקער רויִקער נאַכט. זי ווייס אויך ניט פאַרוואָס גלוסט זיך איר אַזוי וויינען. און איידער די טרערן קומען איר אָן, גייט זי אַרויס מיט דעם בלאָנדן מאַטראָס צום יאַנטעוו פון דער לעוואָנע־נאַכט.

דער שפּאַניער שפּאַרט זיך צו צו דער סטאָיקע אויסצוהערן די אוועק־

טורעם פונעם מענטשן מיט דעם פאלשן רינג, נאר דער וואס מיט דעם בלויען קאמזויל איז שוין איצט ווידער גלייכגילטיק און קוקט שטייף צו דער נעלער לעוואנע אין הימל. דער וואס מיט דעם רינג דערציילט די געשיכטע פון א מיידל. ער דערציילט מיט ברייטע זשעסטן. ער דרייט זיך אויס צום שפאניער און ווייזט אן אף דעם וואס מיט דעם בלויען קאמזויל:

— זעט ער ניט בעעמעס אויס ווי א שנעק?

## II

אין דער נאכט פון אט דעם שמועס אינעם האפן, שלאפט די שטאט איליעוס איר אומרויקן שלאף, אן איבערגעריסענער מיט די קלאנגען וואס דערגייען אהין פון פעראדאס, פון טאבאקאס און סעקיירא גראנדע. ס'האט זיך אנגעהויבן דער קאמף צווישן די באדאראס מיט האראסיאן. ביידע וואכנבלעטער וואס גייען דא ארויס, זידלען זיך שטארק. יעדער בלאט רימט זיינע פירער און וואלגערט אינעם מיסט דאס לעבן פון די קעגנער. דער בעסטער זשורנאליסט איז דער וואס קען מיעסער זידלען. מען שוינט ניט גארניט, נישט די פאמיליעס, נישט דאס פריוואטע לעבן.

מאנועל דע אליווייראַ, דירעקטאר פון „על קאמערסיא", דאס בלאט פון די באדארא'ס זיצט הינטער זשוקאן און קוקט ווי ער שפילט פאקער. די אנדערע שפילער זיינען קאראנעל פערייריניא, טעאדארא דאס באראונאס און דער קאפיטאן מאגאליאינס. פערייריניא, וואס קען אים פון דער רייזע וואס זיי האבן צוזאמען געמאכט פון באהיא קיין איליעוס, שטעלט פאר דעם קאפיטאן פאר זשוקאן.

— א ווויל דערצויגענער יונגערמאן — זאגט ער — זייער א רייכער, מאכט אן אפרו־רייזע. א קאפיטאן אין דימיסיע, אן אינזשעניער.

זשוקא באדארא' איז געקומען צוליב אן איניען מיט דעם סעקיירא גראנדע וואלד. דער אגראנאם, דאקטאר ראבערטא, איז איצט נישטא אין איליעוס, ער איז אין באהיא, און זשוקא איילט זיך מיט דער צעמעסטונג פונעם וואלד צוליב רעגיסטרירן אים ווי זיין אייגנטום. ער דערהערט אז ס'איז פאראן אן אינזשעניער אין שטאט און ער טראכט זיך אז די פראבלעם איז געלייזט. פערייריניא שטעלט זיי פאר. זשוקא שלאגט טייקעף פאר:

— קאַפּיטאַן, מיך פרייט זייער אײַך צו קענען. איך האָב אַ געשעפט פאַר אײַך, איר וועט פאַרדינען געלט.

זשאָן מאַגאַליאַינס פאַראינטערעסירט זיך. עפשער איז דאָס די געלעגנהייט וואָס ער זוכט. ער איז געקומען קיין איליעוס מאַכן געלט, נאָר גרויס געלט, ניט דאָס געלט וואָס בלײַבט פון אַ טיש פּאָקער. ער באַמיט זיך צו זײַן העפלעך מיט זשוקאַן:

— די פרייד איז דורכויס מײַנע. אַגעוו, זײַט איר מיר שוין באַקאַנט. מיר זײַנען אױף איין שיף געפאָרן פון באַהיאַ. עס האָט זיך די געלעגנהייט נישט געמאַכט אונדז פאָרצושטעלן.

— אַזוי איז עס, — האָט פּערייריניאַ זיך דערמאָנט, — איר זײַט אויך געפאָרן אױף דער שיף, זשוקאַ, נאָר איר זײַט שטאַרק פאַרנומען געווען מיט אַ פרוי, וואָס איז געווען אױף דער שיף... — גיט ער אַ פּעטשל זשוקאַן אין בויך און צעלאַכט זיך.

זשוקאַ באַדויערט וואָס זיי האָבן זיך פריִער נישט געקענט און גייט גלײַך אריבער צום איניען:

— קאַפּיטאַן, אָט וואָס דאָ קומט פאָר: אונדזער פאַזענדע גרענעצט מיט אַ וואַלד וואָס באַלאַנגט צו קיינעם ניט, נאָר מער איז ער אונדזערער ווי וועמענס עס איז, ווײַל מיר האָבן די ערשטע אין אים אַרײַנגעדרונגען. דער סעקיירא גראַנדער וואַלד. איצט ווילן מיר אים אַראָפּטראָגן און פלאַנצן קאַקאַאַ. און דאָ האָט זיך פאַרוואַלט איינעם אַן אָנפירער פון קאַפּאַנגאַס, וואָס ער האַלט דאָ אויף, אַ געוויסן האָראַסיאַ דאַ סילווייראַ, מאַכן אַ שמוציק שטיקל אַרבעט: ער האָט צורעכטגעמאַכט אַן אַלטע צעמעסטונג און האָט דעם וואַלד רעגיסטרירט אױף זײַן נאָמען מיט נאָך אייניקע גוטע ברידער. נאָר דאָס איז אים נישט געלונגען, ווײַל מיר האָבן אים דעם „קאַשישע" צו נישט געמאַכט איינס און צוויי.

— איך האָב געהערט דערפון. אַ סרייפע באַ אַ נאָטאַריוס, ניין? אַ דרייסט שטיקל אַרבעט, אַ גוט דורכגעפירטס. כ'האָב געשטוינט — קאַפּיטאַן מאַגאַליאַינס באַטאַנט זײַנע ווערטער מיט שאַרפע זשעסטן — דאָס האָט איר אויפגעטאָן? אויב אַזוי, באַגריס איך אײַך. כ'האָב ליב דרייסטע מענטשן.

— ניין, דאָס האָט געטאָן אונדזער פרײַנט טעאָדאָראָ, דער באַזיצער פון באַראַונאַס. ער איז אַ מענטש מיט טאַלאַנט, מיט קוראַזש.

— מען זעט שוין.

— איצט זוכן מיר אַן אינזשעניער אַגראַנאָם וואָס זאָל מאַכן די צע־מעסטונג פונעם וואַלד. צום אומגליק איז דער דאָקטאָר ראָבערטאָ איצט אַף דער רײַזע, ער איז דער איינציקער דאָ וואָס טויג דערצו. די אַנדערע צוויי זײַנען פאַכדאַנים און ווילן זיך ניט אונטערנעמען. דערהערט האָב איך, אַז איר זײַט אַן אינזשעניער און איך קום צו אײַך פרעגן צי ווילט איר ניט נעמען אַף זיך די צעמעסטונג. מירן אײַך גוט באַצאָלן. וואָס שײַך האָנאָראַר נעקאָמע, זאָלט איר קיין מוירע ניט האָבן. איך גאַראַנטיר אײַך.

קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס לאַכט מיט אַ שטעל פון העכערקייט:

— ווי גאָט איז אײַך ליב! ווען מען רעדט איר פון מוירע! ווייסט איר אין וויפל רעוואָלוציעס איך האָב מיך באַטייליקט, קאָראָנעל? אין מער ווי אַ טוץ. איך ווייס נאָר ניט צי מעג איך, געזעצלעך, — ער שטרײַכט אונ־טער דאָס וואָרט, — מאַכן די צעמעסטונג. איך בין מיליטערישער אינ־זשעניער און ווייס ניט צי האָט עס אַ ווערט.

— איידער איך בין צו אײַך געקומען, האָב איך געפרעגט מײַן אַד־וואָקאַט, און ער זאָגט אַז יאָ, אַז איר מעגט. אַז מיליטערישע אינזשעניערן מעגן פּראַקטיצירן.

— איך בין ניט אַזוי זיכער. דערצו איז מײַן דיפּלאָם ניט רעגיס־טרירט אין באַהיאַ. נאָר אין ריאָ. דער נאָטאַריוס וועט מײַן צעמעסטונג ניט אָננעמען.

— דאָס איז נישט וויכטיק. מירן דורכקומען מיט דעם נאָטאַריוס. דערפון זאָלט איר ניט...

זשאָן מאַגאַליאַינס איז נאָך אין סאָפעק. ער איז נישט קיין מיליטע־רישער און נישט קיין אינזשעניער, ער קען נאָר גוט קאָרטן שפּילן, אַר־בעטן מיטן פּעשל און אויך געווינען יענעמס צוטרוי, נאָר כיישעק האָט ער צו אַ גרעסערער געלעגנהייט, צו גרעסער געלט, ניט זײַן שטענדיק אויס־געשטעלט אַפן קאָרטן־טיש, וווּ מען הייבט זיך אַמאָל אויף מיט אַ סאַך און אַמאָל מיט גאָרניט. נאָך אַלעמען, וואָס קען ער דאָ אָנווערן? די באַ־דאַראָס הערשן אין דער פּאָליטיק, אַלע מעגלעכקייטן צו געווינען זײַנען אַף זייער זײַט, און געווינען זיי, איז דאָס אייגנטום פונעם וואַלד זייערס אויסער יעדן צווייפל. און אַפילע מען זאָל זיך דערוויסן אַז די צעמעסטונג

איז נישט קיין לעגאלע, אז זי איז געמאכט פון א זשוליק, וועט ער שוין זיין וויט, ערגעץ אין אנדערע לענדער געניסן פונעם באקומענעם געלט. ס'איז קעדיי איינצושטעלן. ער קלערט אזוי און קוקט אף זשוקא באדארא, וואס שטייט פאר אים און פאטשט זיך אומגעדולדיק מיט דעם רעבענקע איבערן שטיוול. זשאן מאגאליאינס רופט זיך אן:

— דער עמעס איז, אז איך בין א דרויסנדיקער און וואלט ניט וועלן אריינקריכן אין א היגן סיכסעך. באטש איך סימפאטיזיר בעעמעס מיט אייערער און אייער ברודערס שטרעבונג. פרינציפיעל נאכן אונטערצינדן דעם נאטאריוסעס ביורא. קוראזש־אקטן געווינען מיין סימפאטיע. קורץ...

— מירן גוט באצאלן, קאפיטאן. איר וועט קיין כאראטע ניט האבן.

— איך רייד נישט פון געלט. אויב איך וועל עס יא טאן, וועט עס זיין אוים סימפאטיע...

— מיר מוזן דאך אבער אויך דאס דערליידיקן. געשעפט איז געשעפט, באטש מיר וועלן אייך שטענדיק דאנקבאר זיין פאר דער טויווע.

— דאס איז ריכטיק.

— וויפל ווילט איר פאר דער ארבעט? איר'ט מוזן פארברענגען אן ערעך אכט טעג אין דער פאזענדע.

— און די אינסטרומענטן? — זשאן מאגאליאינס וויל געווינען צייט, קעדיי א רעכן צו טאן וויפל ער זאל פארלאנגען. — מיינע אינסטרומענטן זיינען פארבליבן אין ריא.

— דאס איז גארנישט. איכל קריגן דאקטאר ראבערטאס בא זיין פרוי.

— אויב אזוי... — טראכט ער, — נו גוט, איך בין נישט געקומען אהער ארבעטן, איך בין געקומען אף א שפאציר. לאזט מיך א טראכט טאן... אכט טעג אין דער פאזענדע, וועל איך אנווערן די מיטוואכדיקע שיף... — ער רעדט דירעקט צו זשוקאן — מיטוואך האב איך געזאלט פארן קיין באהיא, — גיט ער ווידער א מרוקע, — וועל איך עפשער ניט קומען באצייטנס צו שליסן דאס האלץ־געשעפט אין ריא... א צעדרייעניש... קורץ... — ער ווענדט זיך ווידער צו זשוקאן, וואס ווארט אלץ נערוועזשער און שמייסט זיך אלץ שנעלער מיט דעם רעבענקע איבערן שטיוול — צוואנציק קאנטאס, מיין איך, איז ניט קיין סאך...

— ס'איז א סאך געלט, — זאגט באדארא, — אין אכט טעג ארום

קומט דאָקטאָר ראָבערטאָ, וועט ער מאַכן די אַרבעט פאַר דרײַ קאָנטאָס.

זשאָן מאַכט אַ מינע פון פולשטענדיקער גלײַכגילטיקייט, ווי ער וואָלט זאָגן, אַז אויב אַזוי זאָלן זיי וואַרטן.

— ס'איז אַ סאַך געלט, — כאַזערט איבער זשוקאַ באַדאַראָ'.

— הערט אויס: דרײַ קאָנטאָס נעמט באַ אײַך דער אַגראָנאָם. ער אָבער האָט אַ באַהיַער דיפּלאָם, ער לעבט דערפון, קומען וועט ער ערשט אין אַכט טעג אַרום, אויב ער וועט קומען. איך שטעל אײַן מײַן פּראָפעסי־אָנעלע קאַריערע, מען קען מיך פּראָצעסירן און איך זאָל פאַרלירן מײַן דיפּלאָם אינאײנעם מיט מײַן ראַנג. דערצו בין איך אַף שפּאַציר, כ'וועל פאַרלירן די שיף און עפּשער אויך אַ גרויס געשעפט פון הונדערטער קאָנטאָס. אויב איך בלײַב, איז נאָר אויס סימפּאַטיע און ניט פאַר געלט.

— איך אָנערקען עס, קאַפּיטאַן. נאָר ס'איז אַ סאַך געלט. אויב איר ווילט צען קאָנטאָס, איז אָפּגעמאַכט, פאַרן מיר מאָרגן אַרויס.

זשאָן מאַגאַליאַינס לייגט פאַר אַ פּשרה:

— פופצן קאָנטאָס.

— סעו קאַפּיטאַן, איך בין נישט קיין סיריער און נישט קיין גאַסן־הענדלער. איך קען באַצאָלן צען קאָנטאָס און אויך נאָר דערפאַר וואָס איך בין געאײַלט. אויב איר ווילט, קענט איר זיי נאָך הײַנט באַקומען און מאָרגן פאָרן מיר אַרויס.

זשאָן פאַרשטייט אַז עס איז נישט קעדײַ צו דינגען זיך:

— גוט, אויב איך טו שוין אַ טויווע, זאָל זײַן אינגאַנצן. אָפּגעמאַכט.

— איך וועל אײַך דאַנקבאַר זײַן דעם גאַנצן לעבן, קאַפּיטאַן. איך און מײַן ברודער. איר קענט זיכער זײַן מיט אונדזער שטיצע ווען איר וועט אײַך נייטיקן.

פאַרן געזעגענען זיך, פרעגט ער אים:

— איר ווילט זיי שוין? אויב איר ווילט, קומט מיט מיר אין שטוב.

— גייט, פאַר וועמען האַלט איר מיך? ווען איר וועט וועלן וועט איר מיר באַצאָלן. ס'איז נישט קיין אײַלעניש.

— אויב אַזוי וועלן מיר זיך טרעפן הײַנט אין אָוונט.

— איר שפּילט אַ פּאָקער?

פעריירינע אַפּלאָדירט ענטוזיאַסטיש:

— אַ ווױלער געדאַנק. מירן מאַכן אַ טיש אינעם קאַבאַרעט.

— גוט, — זאָגט זשוקאַ, — איך וועל אײַך אַהין ברענגען דאָס געלט. דאָרט וועל איך עס בײַ אײַך אָפּגעווינען און איך וועל האָבן די צעמעסטונג אומזיסט.

אויך זשאָן מאַגאַליאַינס מאַכט אַ שפּאַס.

— איך וועל בײַ אײַך געווינען די צען פּעקלעך און וועל אַזוי אַרום האָבן די צוואַנציק וואָס איך האָב פאַרלאַנגט... קומט אָן אונטערגעבעטער, סעו זשוקאַ באַדאַראָ׳.

— עס פעלט אַ האַנט, — מערקט אָן פּערײַריניאַ.

— איכל מיטנעמען טעאָדאָראָן, — באַשליסט זשוקאַ.

און איצט זיצן זיי דאָרט אינעם הינטערשטן זאַל בײַ ניאָזיניאָן אין קאַבאַרעט און שפּילן יענעם פּאָקער. זשוקאָן געפעלט אַלץ מער דער קאַפּיטאַן. ער איז פון דעם טיפּ מענטשן וואָס ע ר , אַ שמועסער, אַ געניטער אין פרויען, אַ דערציילער פון פּיקאַנטע אַנעקדאָטן, אַ דורכגעמאַכטער. די שפּיל איז צעטיילט אַף צווייען. טעאָדאָראָ און פּערײַריניאַ פאַרשפּילן. טעאָדאָראָ האָט שוין פאַרשפּילט אַ סאַך געלט. זשוקאַ האָט עפּעס געווונען. זשאָן מאַגאַליאַינס האָט געווונען אַ סאַך. דער אײַנשטעל איז אַ הויכער. מאַנועל דע אָליווײַראַ גייט אַרײַנרופן פונעם טאַנץ־זאַל אַסטראַזשילדען, אַ צווייטן פּאַזענדיירא, ער זאָל קומען אַ קוק טאָן ווי גרויס מען שטעלט אײַן. ביידע שטייען זיי און קוקן.

— אײַערע הונדערט און זעכציק מיט נאָך דרײַ הונדערט און צוואַנציק... — זאָגט טעאָדאָראָ.

— ער האָט שוין פאַרשפּילט העכער צוויי קאָנטאָס — גיט אָליווײַראַ אַ מורמל צו אַסטראָזשילדען — כ׳האָב נאָך אַזאַ שלימאַזל ניט געזען.

זשוקאַ באַדאַראָ באַצאָלט פאַר אויפדעקן. טעאָדאָראָ ווײַזט אַ טערנע נײַנטלעך. זשוקאַ האָט צענטלעך.

— אין קאָפּ, גוטער ברודער.

ער נעמט צונויף די מאַרקעס. ניאָזיניאָ קומט אַרײַן פול מיט גריסונגען און שפּאַסן. ער ברענגט אַרײַן וויסקי. מאַנועל דע אָליווײַראַ נעמט אַ גלאָז. ער קוקט צו די שפּיל, עפּשער וועט אים עפּעס אַראָפּפאַלן: אַ וויסקי, אַ וועטשערע, אַן אַראָפּגעפאַלענע מאַרקע פון באַקאַראַט אָדער רולעטע.

— גוטער וויסקי — זאָגט ער.

קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס גיט אַ קנאַק מיט דער צונג. ער באַ־שטעטיקט:

— אַ בעסערן האָט מען מיר פאַרקויפט נאָר איין מאָל אין ריאָ. קאָנטראַבאַנד. אַ נעקטאַר...

טעאָדאָראָ בעט עס זאָל זײַן שטיל. טעאָדאָראָ קען ניט לײַדן ווען ער פאַרשפּילט, רעדט מען פון אים, און דאָס איז אַ שאָד, וואָרעם ער שפּילט אַ סאַך, און אין אַלע מינים שפּילן. ער וואָלט געוווען זייער רײַך, זאָגט מען וועגן אים, ווען ניט אָט די לײַדנשאַפט זײַנע. דעם טאָג ווען ער געווינט, צאָלט ער אַלעמענס מאַשקע, טיילט געלט די פרויען, צאָלט וועטשערעס מיט שאַמפּאַניער אין קאַבאַרעט. נאָר ווען ער פאַרשפּילט, איז ער אומ־דערטרעגלעך, ער פּראָטעסטירט קעגן אַלעמען.

— באַ פּאָקער שווײַגט מען, — פּראָטעסטירט ער.

פערייריניאָ טיילט קאָרטן. אַלע גייען אַרײַן אינעם שפּיל. מאַנועל דע אַליוויירא זיצט הינטער זשוקאַ באַדאָראָ און פּאַסמאַקעוועט דעם וויסקי. ער קוקט זיך אַפילו ניט צו צו דער שפּיל, ער איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין טרינקען. קאָראָנעל אַסטראָזשילדאָ שטייט הינטער טעאָדאָראָן און קוקט זיך צו צום פּאָקער. אױף זײַן פּאָנעם וואָס קנייטשט זיך פון ניט צושטימען, לייענט זשאָן מאַגאַליאַינס טעאָדאָראָס שפּיל. טעאָדאָראָ בעט צוויי קאָרטן, אַסטראָזשילדאָ מאַכט אַ מינע, אַז אים געפעלט עס ניט. זשאָן מאַגאַליאַינס בעט שוין דעמאָלט קיין איינע ניט, כאָטש אין דער האַנט האָט ער אַ נישטיקע פּאָר. טעאָדאָראָ וואַרפט אַוועק די קאָרטן:

— וויל איך מאַכן אַ „בלעף", טרעף איך מיך אָן אױף אַ פּאַרטיקער שפּיל...

אויך די אַנדערע וואַרפן אַוועק די קאָרטן. זשאָן שאַרט זיך צו די מאַרקעס.

ניאָזיניאָ קומט אַרײַן, ער וויל וויסן צי מען וויל נאָך עפּעס. טעאָ־דאָראָ טרײַבט אים אַרויס:

— גיי נודיע די מאַמע דײַנע!

ער שפּילט אין יעדן קאָן און פאַרשפּילט. איין מאָל, ווען ער לייגט אַוועק צוויי טײַז און בעט אַ קאָרט צו אַ „פלעש", האַלט זיך אַסטראָ־זשילדאָ ניט אײַן און גיט אַ זאָג: „אַפילו אַזוי, קענט איר נאָר פאַרשפּילן!"

אזוי שפּילט מען נישט אין פּאָקער, דאָס איז פּאַשעט זיך געוואָרפן מיט געלט... אַזאַ שפּיל קאַליע מאַכן!...

טעאָדאָראָ גיט אַ רוק אָפּ דעם שטול צום קריגן זיך:

— וואָס גייט עס דיר אָן, דו הורן־זון? כ'שפּיל אָפּ מײַן געלט צי אָפּ דײַנעם? גיי מיש דיך אין דײַנע אייגענע געשעפטן.

אַסטראָזשילדאָ ענטפערט:

— אַ הורן־זון ביסטו, טינױפּעסדיקער קנאַקער! — און ער כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער צום שיסן.

זשוקאַ באַדאַראָ' און פּערייריניאַ מישן זיך אַרײַן. זשאָן מאַגאַליאַינס באַמיט זיך אויסצוזען רויִק, ניט אַרויסצוּווײַזן אַז ער האָט מוירע. מאַנועל דע אָליווײראַ רירט זיך אַפילע ניט פונעם שטול און לאָבט זיך, אַ גלײַכגילטיקער, מיט דעם וויסקי. ער ניצט אויס דעם טומל און גיסט אַרײַן צו זיך אין גלאָז אַ האַלב פון פּערייריניאַס, וואָס שטייט נאָך אַ פולע.

מען האָט צוגענומען בײַ אַסטראָזשילדאָן דעם רעוואָלווער, און אויך בײַ טעאָדאָראָן. זשוקאַ באַדאַראָ בעט מען זאָל זיך האַלטן רויִק:

— צוויי פרײַנט... וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַרישקייט? לאָזט איבער די קוילן צום שיסן אָפּ האַראַסיאָן מיט זײַנע מענטשן.

טעאָדאָראָ זעצט זיך צוריק אַוועק און פּראָטעסטירט נאָך אַלץ קעגן די קיבעצער. זיי שטייען אים אָפּ אומגליק, טײַנעט ער. אַסטראָזשילדאָ איז בלײַך און זעצט זיך אויך אַוועק, איצט שוין לעבן זשאָן מאַגאַליאַינס. מען שפּילט נאָך עטלעכע קאָנען. פּערייריניאַ שלאָגט פאָר אַרײַנגיין אינעם קעגנאיבערדיקן סאַלאָן טאַנצן. מען ציילט איבער די מאַרקעס: זשאָן מאַגאַליאַינס האָט געוווּנען קימאַט דרײַ קאָנטאָס, זשוקאַ באַדאַראָ האָט איין קאָנטאָ מיט עפּעס געווינס. איידער מען גייט אַרויס ווענדט זיך זשוקאַ מיט אַ ביטע צו טעאָדאָראָן און אַסטראָזשילדאָן:

— זאָל עס נעמען אַ סאָף... אַזוי איז שפּיל... מען צעהיצט זיך...

— ער האָט מיך באַליידיקט, — זאָגט אַסטראָזשילדאַ.

טעאָדאָראָ דערלאַנגט אים די האַנט, יענער דריקט זי. מען גייט אַריבער אין סאַלאָן, נאָר טעאָדאָראָ בלײַבט דאָרט נישט לאַנג, עס טוט אים וויי דער קאָפּ, זאָגט ער און גייט אַהיים. פּערייריניאַ קאָמענטירט:

— ער וועט אַמאָל שטאַרבן אַזוי, איבער אַ נאַרישקייט, פון אַ קויל אָן אַ פאַרוואָס...

זשוקאַ אַנטשולדיקט אים:

— ער האָט זיך זײַנע פּלוצעמדיקע אויספּלאַצונגען, נאָר ער איז אַ ווילער מענטש.

דער קאַבאַרעט־סאַלאָן איז שטאַרק באַלעבט. אַן אַלטער נעגער ווערט שיר ניט צעפּלאַצט קלאַפּנדיק אַף אַ פּיאַנאָ וואָס איז נאָך עלטער פון אים, און איינער מיט אַ בלאָנדער פּאַטלע טוט וואָס ער קען אַף אַ פידל.

— אַ געמיינער אָרקעסטער... — זאָגט פּערײַרינײַאַ.

— אַ ביזאָיען — באַקרעפטיקט מאַנועל דע אָליוויירא.

פּאָרלעך טאַנצן אַ וואַלס, שטאַרק אײַנגעטוליעט. פרויען פון פאַר־שיידענעם עלטער זײַנען צעזעצט בײַ די טישן. ביכלאַל טרינקט מען ביר. ווײַ ניט ווי גלעזער וויסקי און דזשין. ניאָזיניאָ קומט אַרײַן באַדינען. זשו־קאַ באַדאַראָ׳ האָט נישט ליב די צוויי קעלנער פונעם קאַבאַרעט, ווײַל ביידע זײַנען זיי פּעדעראַסטן. אים באַדינט שטענדיק דער באַלעבאָס אַליין. און ווײַל ער איז געווינט אַ סאַך אויסצוגעבן, באַדינט אים ניאָזי־ניאָ מיט גרויס האַכנאָע און מיט אַ סאַך העפלעכקייט. פּערײַרינײַאַ טאַנצט מיט אַ גאָר יונגער פרוי, זי מוז אַלט זײַן ניט מער ווי אַ יאָר פופצן. ניט לאַנג ערשט, אַז זי האָט זיך באַוויזן אין דעם שאַנד־לעבן, און פּע־רײַרינײַאַ איז מעשוגע פאַר אַזוינע מיידלעך „גרינינקע און צאַרטינקע״, ווי ער קלערט עם אויף זשאַן מאַגאַליאַינסן. אַן אַלטע פרוי קומט צו און זעצט זיך אוועק לעבן מאַנועל דע אָליוויירא.

— צאָלסט איינעם פאַר מיר, מאַנו — ווײַזט זי אָפּן וויסקי.

מאַנועל דע אָליוויירא פרעגט זיך אָן מיט די אויגן בײַ זשוקאַ באַ־דאַראָ׳. אַז יענער שטימט צו, גיט ער אַ רוף צו ניאָזיניאָן און זאָגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן:

— ברענגט שנעלער אַהער אַ וויסקי פאַר דער דאַמע.

דער אָרקעסטער בלײַבט שטיל. פּערײַרינײַאַ נעמט דערציילן אַ פאַל וואָס האָט מיט אים שוין לאַנג דערין פּאַסירט:

— דאָ מוז מען זײַן אַלץ, קאַפּיטאַן. אָט זײַט איר אַ מיליטערישער אינזשעניער און איר וועט מוזן טאָן די אַרבעט פון אַן אַגראָנאָם. און איך, אַ פּויער און אַן איגנאָראַנט האָב אַמאָל געמוזט ווערן אַ מעדיקער כירורג.

— אַ כירורג?

אַזוי איז עס געוועזן. אַן אַרבעטער בײַ מיר אַף דער פאַזענדע האָט

איינמאָל אײַנגעשלונגען אַ ביינדל פון אַן אַגוטי. דאָס ביינדל האָט זיך אַוועקגעשטעלט דעם אומגליקלעכן פּאַפּערעק אינעם מאָגן, און ער גייט אוים. ער קען ניט האָבן דעם שטול־גאַנג. ס'איז אויך קיין צײַט נישטאָ צו פירן אים אין שטאָט. האָב איך קיין אַנדער ברירע נישט געהאַט און האָב אים אָפּערירט.

— ווי אַזוי אָבער?

— איך האָב גענומען אַ לאַנגן דיקן דראָט, האָב פאַרבויגן דעם שפּיץ ווי אַ ווענדקע, האָב אים פריִער אָפּגעוואַשן מיט אַלקאָהאָל און האָב אים אַרײַנגערוקט דעם אומגליקלעכן אינעם הינטערביילעק. דאָס האָט פאַר־שאַפט אַרבעט. עס איז אַרוים בלוט אַ סאַך, נאָר אויך דער ביין איז אַרוים. און ער לעבט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג.

— קאַלאָסאַל, ע!

— איר שפּילט אײַך מיט פערייריניאַן...

— ערגער ווי אַלץ איז געווען דער נאָמען וואָס איך האָב באַקומען, סעו קאַפּיטאַן. פון ווײַט האָבן גענומען קומען צו מיר מענטשן איך זאָל זיי היילן. ווען איך עפן דעמאָלט אַ קאַבינעט, וואָלט איך אַ סאַך גוטע מעדיקער צו גרונט געבראַכט.

ער לאַכט, אַלע מיט אים לאַכן. זשוקאַ באַדאַראַ רופט זיך אָן:

— דאָ מוז מען אַלץ קענען. פאַראַן דאָ, קאַפּיטאַן, פּאַשעטע פויע־רים, וואָס לערנען די אַדוואָקאַטן...

— דאָס לאַנד פון דער צוקונפט... — לויבט זשאָן מאַגאַליאַינס.

מאַנועל דע אַליווייראַ רעדט זיך אָפּ ווו זיך צו טרעפן מיט דער אַל־טער זוינע. זשוקאַ באַדאַראַ נעמט קיין אויג ניט אַראָפּ פון מאַרגאָטן, וואָס זיצט בא אַ צווייטן טיש מיט דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ. אַסטראָזשילדאָ פאָלגט נאָך זײַן בליק, ער מיינט יענער קוקט צום אַדוואָקאַט:

— דאָס איז דער דאָזיקער דאָקטאָר ווירזשיליאָ וואָס האָט געמאַכט דעם „קאַשישע" מיט דער צעמעסטונג...

— איך ווייס, — ענטפערט זשוקאַ, — איך קען אים.

אויך זשאָן מאַגאַליאַינס קוקט אַהין און גריסט מאַרגאָטן מיטן קאָפּ. זשוקאַ באַדאַראַ' וויל וויסן:

— איר קענט זי?

— יאָ, איך קען זי... זי איז שטאַרק נאָענט געווען מיט אַ מיידל וואָס

איך האָב געהאַט אין באַהיאַ. וויאָלעטאַ רופט מען זי. שוין צוויי יאָר אַז זי וווינט מיט דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ.

— זי איז אַ שיינע, — זאָגט זשוקאַ באַדאַראָ.

זשאָן מאַגאַליאַינס מערקט זיך, אַז זשוקאַ איז פאַרכאַפּט פון דער פרוי. ער זעט עס פון די אויגן וואָס ער האָט אָנגעשטעלט, פון דעם ווי ער האָט געזאָגט אַז זי איז אַ שיינע. ער טראַכט זיך, אַז ער קען דאָס אויסניצן.

— יאָ, זי איז שיין... מײַנע אַ גוטע פרײַנדן...

זשוקאַ דרייט זיך אום צו אים. זשאָן מאַגאַליאַינס, גיט גלײַכגילטיק אַ זאָג, ווי עס פּאַסט אין דעם פאַל:

— זי שטייט אײַן אין מאַשאַדאָאָס הויז. מאָרגן, ווען זי וועט בלײַבן אַליין, וועל איך זײַן בײַ איר. איך האָב נישט ליב גיין צו איר ווען דער דאָקטאָר איז דאָ. ער איז זייער אייפערזיכטיק. זי איז זייער אַ צוגעלאָזענע, אַ ווויל מיידל...

— מאָרגן וועט איר נישט קענען, קאַפּיטאַן. גאַנץ פרי פאָרט איר ארויס אַף דער פּלאַנטאַציע. מיט דער באַן אַכט אַזייגער אין דער פרי.

— ריכטיק, איז אויב אַזוי, צוריקצוּווּעגס.

אַסטראָזשילדאַ רופט זיך אָן:

— סאַראַ שיינע פרוי!

מאַרגאָט מיט ווירזשיליאָן שמועסן צווישן זיך לעבהאַפטיק בײַ דעם ווײַטערדיקן טיש. זי איז אויפגערעגט, זי מאַכט מיט די הענט און מיט דעם קאָפּ.

— שטענדיק קריגן זיי זיך, — מערקט אָן די אַלטע וואָס זיצט מיט מאַנועל דע אָליוויירא.

— פון וואַנען ווייסטו?

— מאַשאַדאָאָ האָט מיר דערציילט. יעדער סקאַנדאַל...

מען דערלאַנגט נאָך וויסקי. דער אָרקעסטער שפּילט. מאַרגאָט און ווירזשיליאָ טאַנצן, נאָר אַפילו בעיסן טאַנצן קריגן זיי זיך. ווען די מוזיק שפּילט נאָך, לאָזט זיך מאַרגאָט אָפּ פון ווירזשיליאָן און זעצט זיך אַוועק. דער אַדוואָקאַט בלײַבט אַ ווײַלע שטיין און ווייס נישט וואָס צו טאָן. נאָר באַלד רופט ער צו דעם קעלנער, צעצאָלט זיך, נעמט דעם הוט, וואָס ליגט אַף אַ שטול און גייט ארויס.

— זי איז צעקריגט, — זאָגט זשוקאַ באַדאַראַ׳.
— איצט זעט עס אויס גאַנץ ערנסט — זאָגט די פרוי.
מאַרגאַט פירט מיט די אויגן איבערן סאַלאָן און באַמיט זיך אויסצו־זען גלייכגילטיק. זשוקאַ באַדאַראַ דרייט זיך אויס אפן שטול און רעדט שטיל צו זשאָן מאַגאַליאַינס:
— איר ווילט מיר טאָן אַ טויווע, קאַפּיטאַן?
— כ׳שטיי צו אייער דינסט.
— שטעלט זי מיר פאָר...
זשאָן מאַגאַליאַינס קוקט אַף דעם פאַזענדייראָ מיט טיפן אינטערעס. ער מאַכט זיינע פּלענער. אין דעם קאַקאַאָ־לאַנד וועט ער רייך ווערן.

## III

אין דער לעוואָנע־נאַכט שפּאַנט ווירזשיליאָ לענגאויס די רעלסן פון דער איינזנבאַן. ס׳האַרץ שפּרינגט אין אים. ער געדענקט שוין אפילע ניט די האַסטיקע סצענע מיט מאַרגאָטן אינעם קאַבאַרעט. אויב ער גיט אַ מינוט אַ טראַכט פון איר, איז נאָר קעדיי גלייכגילטיק אַ הייב צו טאָן מיט די אַקסלען. גלייכער דאָס זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סאָף נעמען. ער האָט זי געוואָלט אַהיימפירן, ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט אַן אַי־ניען צו דערליידיקן אויסער דער שטאָט שפּעט אין דער נאַכט און ער קען דעריבער מיט איר נישט בלייבן. מאַרגאָט אָבער האָט שוין געהאַט אַ כשאַד, אַ פּלוי אין אויער, און האָט נישט אָנגענומען זיינע אַנטשולדי־קונגען: אָדער ער גייט מיט איר אַהיים, אָדער זי בלייבט אין קאַבאַרעט און אַלץ צווישן זיי איז אויס. ער ווייס ניט צוליב וואָס האָט ער איר געדאַרפט איינריידן, אַז ער האָט אַ וויכטיקן איניען און אַז זי דאַרף אַהיימגיין שלאָפן. זי האָט נישט געוואָלט, זיי האָבן זיך צעקריגט און ער האָט זיך מיט איר אַפילע נישט געזעגנט. איצט זיצט זי מיסטאָמע באַם טיש מיט זשוקאַ באַדאַראַ׳, וואָס מיט אים האָט זי אים געסטראַשעט:
— וואָס גייט עס מיר אָן? עס פעלן מיר נישט קיין מענער. דאַרפסט נאָר זען סאַראַ אויגן זשוקאַ באַדאַראַ האָט אַף מיר אָנגעשטעלט...
דאָס ערגערט אים נישט. בעסער אַזוי, דאָס וואָס זי גייט אַוועק מיט אַ צווייטן, וועט זיין די בעסטע לייזונג. ווען ער גיט אַ קלער דערפון

שמייכלט ער. ווי זאכן בײַטן זיך מיט דער צײַט! ווען ער שטעלט זיך פאַר מיט איין יאָר צוריק מאַרגאָטן מיט א צווייטן, וואָלט ער קאַפּאַל געווען דעם קאָפּ צו פאַרלירן און אָפּטאָן א נאַרישקייט.. אין באַהיאַ האָט ער איין מאָל אינעם „פּענסיאָן אַמעריקאַנאַ" געמאַכט א סקאַנדאַל, האָט פאַרפירט א געשלעג און מען האָט אים פאַרנומען אין פּאָליציי, בלויז דערפאַר וואָס א באָכער האָט געמאַכט מאַרגאָטן א קאָמפּלימענט. איצט פילט ער זיך אפילע לײַכטער דערפון וואָס ער ווייס, אַז זשוקאַ באַדאַראָ איז פאַראינ־טערעסירט אין איר, וואָס ער האַלט די אויגן אײַנגעשטאָכן אין זײַן גע־ליבטערס לײַב. ער צעשמייכלט זיך ווידער: זשוקאַ באַדאַראָ' האָט בלויז אורזאַכן אים פּײַנט צו האָבן, ער איז האַראַסיאָס אדוואָקאַט, און דאָך, אָן זײַן ווייסן, טוט אים זשוקאַ א גרויסע טויווע.

נאָר איצט, לעגנגוים די רעלסן, ווו ער באַמיט זיך צו גיין וואָס ווײַ־טער פון די שוועלן, טראַכט ער שוין ניט פון מאַרגאָטן. זײַנע אויגן דרינגען איצט דורך, אין דער נאַכט, די שיינקייט פון דער וועלט: די פולע לעוואָנע איז איבער דער שטאָט צעגאָסן, די גרילן זינגען אינעם גראָז. א לאַסטצוג פײַפט ערגעץ ווײַט און ווירזשיליאָ טרעט אָפּ פון די רעלסן. ער שפּאַנט מיט די הינטער־הייף, מיט די גרויסע שטילע גרינסגערטנער. באַ א טויער ליבט זיך א פּאָרל. ווירזשיליאָ מײַדט זיי אויס זיי זאָלן אים ניט דערקענען. באַ א צווייטן טויער, ווײַטער, וואַרט אַף אים עסטער.

האָראַסיאָס נײַ הויז אין איליעוס, דער „פּאַלאַצעט", ווי מען רופט עס, שטייט אין דער נײַער שטאָט. ביניאָנים וואָס הייבן זיך אָן באַם פּליאַזש, ווו מען האָט אוועקגענומען די קאָקוס־ביימער. די הײַזער שטייען מיט די הייף צו דער באַן־ליניע. א געזעלשאַפט האָט זיך געגרינדעט, וואָס האָט אָפּגעקויפט די פּלעצער, פאַרוואַקסן געוועזענע מיט קאָקוס־ביימער און זי פאַרקויפט בוי־פּלעצער. דאָרט האָט האָראַסיאָ, נאָך דער באַסענע, אויסגעבויט א הויך הויז, איינס פון די בעסטע אין איליעוס, מיט ציגל וואָס מען האָט זיי ספּעציעל געברענגט אין דער ברענערײַ אַף דער פאַזענ־דע; פאַרהאַנגען און מעבל האָט מען געבראַכט פון ריאָ דע זשאַנײראָ. אינעם הויף הינטערן פּאַלאַצעט מוז איצט וואַרטן עסטער, אין ציטערניש פון שרעק און אין אנגסטן פון ליבע.

ווירזשיליאָ נעמט שפּאַנען שנעלער. ער איז הינטערשטעליק, צוליב דער קריגערײַ מיט מאַרגאָטן איז ער שפּעט אַרויסגעגאַנגען. דער לאַסט־

צוג קומט אָן און באַלײַכט אַלץ מיט זײַנע מעכטיקע בליץ־אויגן. ווירזשי־ליאַ בלײַבט שטיין, ער וואַרט אַפּ דער צוג זאָל דורכגיין און לאָזט זיך ווידער גיין לענגויס די רעלסן. עס האָט אים געקאָסט מי איבערצורײדן עסטערן זי זאָל אַף אים וואַרטן באַם טויער, קעדיי צו קענען ריידן מיט איר רויק. זי האָט מוירע פאַר די דינסטן, פאַר איליעוסער בייזע צינגער, און האָט מוירע אַז האַראַסיאַ וועט זיך אַמאָל דערוויסן. ביז דעמאָלט איז איר ליבע נישט געגאַנגען ווײַטער ווי אַ פאַרליבעניש פון דער ווײַטן. שנעל אומגעביטענע ווערטער, ער האָט איר אַ בריוו געשריבן, אַ לאַנגן און אַ הייסן, און עסטער האָט אים געענטפערט מיט אַ קוויטעלע, געצייל־טע עטלעכע ווערטער: „איך האָב דיך ליב, נאָר עס איז אוממעגלעך", אַ האַנטדרוק באַם אַריבערטרעטן די שוועל, טיפע באַגערנדיקע בליקן. און זיי טראַכטן זיך, אַז ווײַל אַזוי ווייניק, מערקט עס קיינער ניט, זיי שטעלן זיך גאָרניט פאַר אַז גאַנץ איליעוס רעדט דערפון און מען האַלט זיי פאַר געליבטע, וואָס לאַכן זיך אויס פון האַראַסיאַן. נאָך דעם בריוו, ווען האַ־ראַסיאַ איז צוריקגעפאָרן אין דער פאַזענדע, איז ער געקומען מיט אַ ווי־זיט צו עסטערן. ס'איז דאָס עמעסע מעשוגאַס אַזוי צו פּראַוואָצירן די רע־בילעס־מאַכט פון דער שטאָט. עסטער האָט דאָס אים געזאָגט און האָט אים געבעטן אַוועקגיין. און קעדיי ער זאָל אַוועקגיין, האָט זי אים צוגעזאָגט זיך טרעפן די אַנדערע נאַכט באַם טויער. ער האָט זי געוואָלט אַ קוש טאָן, איז זי אַנטלאָפן.

ווירזשיליאַס האַרץ קלאַפּט ווי באַ אַ פאַרליבט יינגל. קלאַפּט אַזוי שנעל, פילט אַזוי טיף די שיינקייט פון דער נאַכט. אָט איז שוין דער טויער פון האַראַסיאַס פּאַלאַצעט. ווירזשיליאַ קומט צו מיט ציטערניש און גערירטקייט.

דער טויער איז האַלב אָפן, ער גיט אים אַ שטויס און גייט אַרײַן. אונטער אַ בוים, אין אַ מאַנטל אײַנגעהילט, מיט לעוואָנע־שײַן באַגאָסן, וואַרט אַף אים עסטער. ער לויפט צו צו איר, נעמט זי אָן באַ די הענט:

— מײַן ליבע!

איר גוף ציטערט, זיי נעמען זיך אַרום. ווערטער זײַנען איבעריק אין לעוואָנע־שײַן.

— איך וויל דיך מיטנעמען. ווײַט פון דאַנען, ווײַט פון אַלעמען, אויפבויען אַ נײַ לעבן.

זי ווײנט שטיל, מיטן קאָפּ בײַ אים אויף דער ברוסט. פון אירע האָר גייט אַ פּאַרפום וואָס מאַכט נאָך פולער די שיינקייט און די געהיימעניש פון דער נאַכט. דער ווינט ברענגט צו טראָגן דעם גערויש פונעם יאַם, פון דער אַנדערער זײַט, און מישט זיך אויס מיט דעם געוויין.

— מײַן ליבע!

דאָס איז איר ערשטער קוש, ער האָט אין זיך אַלע סוידעס פון דער וועלט, די גאַנצע שיינקייט פון דער נאַכט, ער איז גרויס ווי לעבן און טויט.

— מײַן ליבע!

— עס איז אוממעגלעך, ווירזשיליאַ. מײַן זון איז דאָרט. מען טאָר עס נישט טאָן...

— מירן אים מיטנעמען... מירן אַוועק ווײַט, אין אַנדערע לענדער... ווו קיינער זאָל אונדז נישט קאָנען...

— האַראַסיאָ וועט אונדז נאָכיאָגן ביז עק וועלט...

מער ווי ווערטער, איבערצײַגן ווילדע ליבע־קושן. די לעוואָנע פון די פּאַרליבטע נייגט זיך איבער זיי. שטערן ווערן געבוירן אויפן איליעוסער הימל. עסטער טראַכט פון סאָר אַנזשעליקאַ. ווידער קומט די צײַט ווען מען קען באַלעמען. און אויך פאַרווירקלעכן די באַלוימעס. זי פאַרמאַכט די אויגן אונטער ווירזשיליאָס הענט אויף איר לײַב.

אונטערן מאַנטל טרעפט ווירזשיליאָ עסטערס לײַב אַ נאַקעטן. אַ בעט פון לעוואָנע־שײַן, לײַלעכער פון שטערן, זיפצן פון דער גסיסע־שאָ, וואָס איז אַלעמען איר גוף. זײַנען עס די זיפצן און די וויי־געשרייען פון דער אויסטערלישער ליבע־שאָ.

— איך גיי מיט דיר, מײַן ליבע, וווהין דו ווילסט...

זי פאַרשטאַרבט אין זײַנע אָרעמס:

— ביזן טויט...

## IV

קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס שמייכלט צו איר פון זײַן טיש. אויך מאַרגאָט שמייכלט. דער קאַפּיטאַן הייבט זיך אויף און גייט צו דריקן איר די האַנט.

— אַליין?

— אַזוי איז עס.

— זיך צעקריגט?

— אַלץ איז פאַרענדיקט.

— מיט אַן עמעצן? צי ווי די פריִערדיקע מאָל?

— דאָס מאָל איז אויס. איך בין נישט אַזאַ וואָס זאָל דולדן גרינג־שעצונג.

זשאַן מאַגאַליאַינס נעמט אַן די פאָזע פון אַ פאַרשוועוער.

— ווי אַ פריינט זאָג איך דיר, מאַרגאָט, אַז פאַר דיר איז עס אַ גרויסאַרטיק געשעפט. איך קען דאָ איינעם אַ מענטשן, וואָס איז אָנגע־שטאָפּט מיט געלט און פאַלט פאַר דיר. שוין איצט.

— זשוקאַ באַדאַראָ, — פאַרלויפט זי אים דעם וועג.

קאַפּיטאַן זשאַן מאַגאַליאַינס שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— ער צעשמעלצט זיך...

מאַרגאָט איז שוין פאַרמאַטערט פון וויסן עס:

— פון היינט אָן ווייס איך עס? אַף דער שיף נאָך בין איך אים געפעלן. איך בין נישט איינגעגאַנגען, איך בין נאָך עמעצדיק געווען מיט ווירזשיליאָן.

— און איצט?

מאַרגאָט לאַכט:

— איצט איז עפּעס אַנדערש. ווער ווייס...

דער קאַפּיטאַן נעמט אָן די פאָזע פון אַ באַשיצער, ער גיט איר אייצעס:

— לאָז דיך אָפּ פון די נאַרישקייטן, מיידל. אַזוי לאַנג דו ביסט יונג, שטאָפּ דיך אָן. דער מין אָרעמער געליבטער, טעכטערל, איז גוט פאַר ווייבער פון רייכע מענער...

זי לאָזט זיך איבעררײַדן.

— איך בין מיט אַן עמעצן געווען אַ נאַר. אין באַהיאַ זיינען מיר נאָכגע־לאָפן אָט אַזוי, — זי לייגט צונויף די פינגער — רייכע מענער. דו ווייסט...

דער קאַפּיטאַן שאָקלט צו מיטן קאָפּ. מאַרגאָט קלאָגט זיך:

— און איך בין נאָכגעלאָפן, ווי אַן אידיאָטקע, ווירזשיליאָן. האָב

מיך פארדוקט אין דער ווילדעניש און האב געמערעזשעט זאכן אין טאבאקאס. איצט איז א סאף דערצו.

— ווילסט איך זאל דיך פארשטעלן פאר זשוקא באדארא׳?

— ער פארלאנגט עס?

— ער איז מעשוגע פאר דיר...

קאפיטאן זשאן מאגאליאינס דרייט זיך אוים אפן שטול און גיט א צייכן מיטן פינגער. זשוקא באדארא׳ הייבט זיך אויף, פארשפיליעט דאס רעקל און קומט צו מיט א שמייכל. ווען ער הייבט זיך אויף פונעם טיש, רופט זיך אן אסטראזשילדא צו מאנועל דע אליוויירא און צו פעריירינע:

— דאס וועט זיך פארענדיקן מיט א געשלעג.

— אין איליעוס פארענדיקן זיך אלע זאכן מיט געשלעג, — ענטפערט דער זשורנאליסט.

זשוקא קומט צו צום טיש. זשאן מאגאליאינס וויל זיי פארשטעלן, נאר מארגאט גיט אים דערויף קיין צייט ניט:

— מיר קענען זיך שוין. דער קאראנעל האט מיך איין מאל מארקירט מיט א קניפ.

זשוקא לאכט אויך:

— און וואסמיסע איז אנטלאפן, איך האב שוין מער מיין אויג ניט געלייגט אף אייער לייב... כ׳האב געוווסט אז איר געפינט זיך אין טאבאקאס, נאר ווען איך בין אהין געקומען, האב איך אייך נישט געטראפן. מען האט געזאגט איר זייט א כאסענע געהאטע, האב איך רעספעקטירט...

— זי האט זיך געגעט, — גיט אים צו וויסן זשאן מאגאליאינס.

— זיך צעקריגט?

מארגאט וויל קיין סאך אויפקלערונגען נישט געבן:

— ער האט מיך פארלאזט צוליב א געשעפט, און איך בין נישט פון די וואס מען פארבייט מיך אף געשעפט.

זשוקא באדארא לאכט ווידער:

— גאנץ איליעוס וויים שוין וואס פאר א געשעפט דאס איז.

מארגאט פארקנייטשט דאס פאנעם:

— פון וואס רעדט איר?

זשוקא באדארא׳ דארף מען די צונג נישט פיקן:

— פון האַראַסיאַס פרוי, פון דאָניא עסטער. דאָס דאָקטערל האָט זיך מיט איר פאַרטשעפּעט.

מאַרגאַט פאַרבײַסט אַ ליפּ. עס ווערט שטיל. זשאָן מאַגאַליאַינס ניצט אויס די געלעגנהייט צוריקצוגיין צו זײַן טיש. מאַרגאַט פרעגט:

— איז עס עמעס?

— איך בין נישט קיין ליגנער.

זי צעלאַכט זיך, לאַכט לאַנג, און פרעגט מיט אַ געמאַכטער שטימע:

— איר באַט מיר גאָרניט אָן צו טרינקען?

זשוקאַ באַדאַראָ׳ רופט צו ניאָזיניאָן:

— ברענגט אהער שאַמפּאַניער.

ווען מען גיסט אָן די גלעזער, זאָגט ער צו מאַרגאָטן:

— איך האָב אײַך איין מאָל געמאַכט אַ פאָרשלאַג אויף דער שיף. געדענקט איר?

— איך געדענק.

— מאַך איך אײַך ווידער דעם פאָרשלאַג. איך שטעל אויס וואַסמיסע אַ הויז, איך גיב אײַך אַלץ. נאָר מײַנע אַ פרוי איז בלויז מײַנע און ווײַטער קיינעמס נישט...

זי דערזעט דאָס רינגל בײַ אים אויפן פינגער, נעמט זײַן האַנט און לויבט דאָס רינגל:

— שיין!

זשוקאַ באַדאַראָ׳ נעמט אַראָפּ דאָס רינגל און טוט עס אָן מאַרגאָטן:

— דאָס איז פאַר וואַסמיסע...

אַרויסגעגאַנגען זײַנען זיי פאַרטאָג שיקער, זיי ביידע און מיט זיי מאַנועל דע אָליווייראַ, וואָס איז געהאַט צוגעקומען צו זייער טיש, ווי נאָר ער האָט דערזען די פלעשער שאַמפּאַניער אויפשטעקן און האָט געטרונקען מער פון זיי ביידן. אַ פאַרטאָגיקע קעלט בלאָזט אינעם איליעוסער האַפן. מאַרגאָט זינגט. דער זשורנאַליסט זינגט מיט איר אין כאָר. זשוקאַ באַדאַראָ׳ אײַלט זיי אונטער, ער דאַרף אַרויספאָרן מיטן צוג פון אַכט אין דער פרי. די פישער קומען שוין צוריק פון זייער פישפאַנג אינעם ווײַטן ים.

## V

פֿאַראַן אַ שטאָטישע פֿאַראָרדענונג, אַז קאַראַוואַנען אייזלען, וואָס פֿירן קאַקאַאָ, איז פֿאַרבאָטן צוצוקומען ביזן צענטער. איליעוסער צענטער־גאַסן זײַנען אַלע ברוקירט און צוויי אַפּילע מיט זעקסעקיקע שטיינער, אַ באַווײַז פֿון פּראָגרעס, וואָס פֿילט אָן די ברוסט פֿון איליעוסער אײַנוווינער מיט גאַיווע. די קאַראַוואַנען שטעלן זיך אָפּ אין די גאַסן נאָענטע צום וואָקזאַל און דער קאַקאַאָ קומט אַרײַן אין שטאָט אַף וועגענער מיט פֿערד. מען לייגט אים אָפּ אין גרויסע שפּײַכלער באַם האַפֿן. אַ גרויסע טייל קאַקאַאָ קומט אויך אַרײַן קיין איליעוס ניט אַף אייזלשע רוקנס. ער קומט מיט דער באַן אָדער מיט קאַנאַט־שיפֿלעך פֿון באַנקאָ דאַ וויטאָריאַ, מיט דעם טײַך קאַשאָיראַ, וואָס פֿאַלט אַרײַן אינעם האַפֿן.

דער איליעוסער האַפֿן איז די גרעסטע זאָרג פֿון דער אײַנוווינער־שאַפֿט. עס איז דעמאָלט פֿאַראַן קוים איין דאַם צום אַרײַנקום פֿון די שיפֿן. קומען אַמאָל אַרײַן צוויי שיפֿן אין איין פֿרימאָרגן, מוז איינע אָפּלאָדן די סכוירעס מיט אַ קאַנאָט־שיפֿל. עס האָט זיך שוין אָבער געגרינדעט אַן אַנאָנימע געזעלשאַפֿט אַף אויסבעסערן און אויסניצן דעם איליעוסער האַפֿן. מען רעדט פֿון אויסבויען נאָך אַ פּאָר גרויסע דאָקן. אויך רעדט מען, און זייער אַ סאַך, פֿון פֿאַרבעסערן דעם צוטריט מיט דער געפֿערלעכער זאַמדבאַנק, ברענגען שעפֿ־שיפֿן און זי טיפֿער מאַכן.

איליעוס איז אויפֿגעקומען אַף אינדזלען, דער גרעסטער שטאָט־קערפּער איז אַ שפּיץ לאַנד, אַרײַנגערוקט צווישן צוויי בערגלעך — אוניאָן און קאָנקוויסטאַ — און פֿאַרכאַפּט אויך צוויי שכײנעסדיקע אינדזלען. אַף איינעם פֿון די אינדזלען ליגט די שטאָט־טייל פּאָנטאַל, ווו רײַכע לײַט האָבן זייערע זומער־וווינונגען.

די אײַנוווינערשאַפֿט וואַקסט שטוינענדיק שנעל פֿון זינט דער קאַקאַאָ־פּלאַנץ האָט זיך אויסגעשפּרייט. דורך איליעוס גייט קימאַט די גאַנצע קאַקאַאָ־פּראָדוקציע פֿון דאָרעם־באַהיִאַ. פֿאַראַן איז קוים נאָך איין האַפֿן — באַראַ דאָ ריאָ דאַס קאָנטאַס — אַ גאַנץ פֿלאַכער, און בלויז זעגל־שיפֿן קענען אין אים פֿאַראַנקערן.

איליעוסער אײַנוווינער כאָלעמען פֿון קענען אַ מאָל דירעקט עקספּלאָטירן דעם קאַקאַאָ און נישט דאַרפֿן שיקן אים קיין באַהיִאַ. דער איניען

ווערט שטענדיק געלופטערט אין די בלעטער: אויסשעפן די זאַמד־באַנק, וואָס לאָזט ניט צו די טיף־גייענדיקע שיפן. דאָס אָפּאָזיטאָרישע בלאַט ניצט דאָס אויס אַף אָנצוגרייַפן די רעגירונג. נאָר אויך דאָס אָפיציעלע בלאַט ניצט דאָס אויס און דרוקט פון צייַט צו צייַט אַ יעדיַע, אַז „דער זייער כאָשעווער און פלייַסיקער שטאָט־פּרעפעקט שטייט אין פאַרהאַנדלונגען מיט דער פעדעראַלער און מיט דער שטאַט־רעגירונג, קעדיי ענדלעך אויסצווירקן אַ צופרידנשטעלנדיקע לייזונג אינעם איניען אילעיוסער האַפן". נאָר דער עמעס איז, אַז דער איניען רוקט זיך ניט פון אָרט, די שטאַט־רעגירונג שטערט, זי שיצט די אינטערעסן פונעם באַהיַער האַבן. דערווייַל דינט די האַפן־פראַגע אַף אויסצופילן, מיט קימאַט די זעלביקע ווערטער, די פּלאַטפאָרמעס פוןביידע קאַנדידאַטן אַף פּרעפעקט: פון דער רעגירונג און פון דער אָפּאָזיציע. בלויז דער סטיל איז געענדערט: די פּלאַטפאָרמע פון באַדאַראָ׳ס קאַנדידאַט שרייַבט דער דאָקטאָר זשענאַראָ, די פּלאַטפאָרמע פון האָראַסיאָס קאַנדידאַט שטאַמט פון דאָקטאָר רויִס מער גלענצנדיקער פעדער.

אין איליעוס קען מען מעסטן די רייַכקייט פון די קאָראָנעלן לויט די הייַזער וואָס זיי פאַרמאָגן. יעדער פון זיי בויט זיך אַ בעסער הויז און די פאַמיליעס געוויינען זיך מיט דער צייַט צו וווינען מער אין שטאָט ווי אַף די פאַזענדעס. דאָך, שטייען די הייַזער געשלאָסן אַ היפּשע צייַט פון יאָר, און דעמאָלט לעבן זיי אויף נאָר בעיים אַ קלויסטער־יאָנטעוו. איליעוס איז אַ שטאָט אָן פאַרווייַלונגען, זי האָט נישט מער ווי דעם קאַבאַרעט און די שענקלעך, וווּ די ענגלענדער פון דער באַן פאַרגיסן זייער טרויער מיט טרינקען וויסקי און שפּילן אין ווערפלעך, און די „גראַפיונאָס" ווערטלען זיך איבער און שיסן זיך איבער. די פרויען בלייַבט נישט מער פאַרווייַלונג ווי גיין צו גאַסט און באַריידן די אַנדערע, אָדער זיך באַגייַסטערן מיט די קלויסטער־יאָנטויוום. איצט, ווען מען גייט בויען די מיידל־שול פון די מאָנאַשקעס, האָבן זיך אייניקע דאַמען אָרגאַניזירט אַף זאַמלען געלט פאַר דער בויונג, און זיי פירן דורך קערמעסעס און טאַנץ־אָוונטן, וווּ זיי מאַכן די זאַמלונגען. דער קלויסטער סאַאָ זשאָרזשע, דער שיצער פון דער געגנט, אַ גרויסער און אַ נידעריקער, אָן אַרכיטעקטאָנישער שיינקייט, נאָר רייַך מיט גאָלד אינעווייניק, שטייט אַף אַ פּלאַץ וווּ מען האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן. פאַראַן אויך דער קלויסטער סאַאָ סעבאַסטיאַן, נישט ווייַט פונעם

קאַבאַרעט, קעגנאיבער דעם יאַם. און אויפן בערגל דאַ קאָנקוויסטאַ שטייט די קאַפּליצע נאָסאַ סעניאָראַ דאַ וויטאָריאַ און קוקט אויף דער שטאָט פון דער הייך. פאַראַן אויך אַ פּראָטעסטאַנטישער קולט וואָס באַדינט די ענגלענדער און טייל אָרטיקע וואָס האָבן זיך צו אים אָנגעשלאָסן. דאָס איבעריקע, וואָס שייך רעליגיע, זײַנען די „ספּיריטיסטישע סעאַנסן" אין די הינטערשטע גאַסן, און זיי מערן זיך פון טאָג צו טאָג. ביכלאַל האָט די שטאָט איליעוס מיט אירע בײַשטעטלעך און פאַזענדעס אַ שלעכטן נאָמען אַ ינעם באַהיער אַרכיעפּיסקאָפּאַט. מען קלאָגט זיך דאָרט, אַז די אײַנ־ אינעם באַהיער אַרכיפּיסקאָפּאַט. מען קלאָגט זיך דאָרט, אַז די אײַנגעפּלאַנצטע אומגלויבן איז מאַמעש צום שטוינען: אַ לאַנד פון מערדער. די צאָל גאָלאָכים אין שטאָט און אין דער סוויווע איז קליין אין פאַרגלײַך מיט דער צאָל אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים. און טייל גאָלאָכים זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן פאַזענדייראָס פון קאַקאַאָ און זאָרגן זיך ווייניק פאַר דער רעטונג פון די נעשאָמעס. מען דערמאָנט אָפט דעם פאַל מיט דעם פאָטער פאַיוואַ, וואָס טראָגט אַ רעוואָלווער אונטער דער סוטאַנע און עס קימערט אים נישט ווען פאַר זײַנע אויגן שלאָגט מען זיך. פאָטער פאַיוואַ איז באַדאַראָ׳ס אַ פּאָליטישער פירער אין מוטונס, צו די וואַלן ברענגט ער מאַסן וויילער. ער זאָגט זיי צו, שמועסט מען, עמעסע שטיקער גאַניידן און לאַנגע יאָר לעבן אין הימל. ער איז ראַטמאַן אין איליעוס און אינטערעסירט זיך אַבסאָלוט ניט מיט דעם רעליגיעזן לעבן פון דער שטאָט. פאַרקערט, דער קאַנאָניק פרייטאַס אינטערעסירט זיך יאָ. ער האָט איין מאָל געהאַלטן אַ דראָשע, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט, מאַכמעס ער האָט פאַרגליכן דאָס געלט וואָס די קאָראָנעלן גיבן אויס אין קאַבאַרעט אויף גאַסן־פרויען, מיט דעם ביסל געלט וואָס מען זאַמלט פאַר דער מיידל־שול. געווען איז עס אַ האַסטיקע לײַדנשאַפטלעכע דראָשע, נאָר אָן שום פּראַקטישן רעזולטאַט. דער קלויסטער לעבט פון די ווײַבער, און די ווײַבער לעבן פונעם קלויסטער, פון די מעסעס, פון די פּראָצעסיעס, פון די יאָנטויווים אין דער הייליקער וואָך. זיי מישן לאָשן־האָרע מיט באַוווּנדערונג פאַר די באַצירטע אַלטאַרן, מיט נײַע טוניקס פאַר די הייליקע אָפּבילדער.

די שטאָט שטייט צווישן טײַך און יאַם, אויסטערליש שיינע פּליאַזשן, מיט קאָקוס־ביימער לענגויס דעם גאַנצן זאַמד־פּלאַץ. אַ פּאָעט וואָס איז אַמאָל געקומען קיין איליעוס לייענען אַ רעפעראַט, האָט זי אָנגערופן „די

שטאָט פון די פּאַלמען דעם ווינט אַנטקעגן", אַן אימאַזש, וואָס די אָרטיקע בלעטער דערמאָנען אים פון צײַט צו צײַט.

דער עמעס איז, אַז די פּאַלמען הייבן זיך ערשט אַרויס און לאָזן זיך וויגן פונעם ווינט. די האַשפּאָע אין איליעוס האָט דער קאַקאַאָ־בוים, כאָטש מען זעט קיין איינעם ניט איבער דער גאַנצער שטאָט. ער שטייט אָבער הינטער דעם גאַנצן לעבן פון סאַאָ זשאָרזשע דאָס איליעוס. הינטער יעדן געמאַכטן געשעפט, הינטער יעדן אויפגעבויטן הויז, הינטער יעדן שפּײַכלער, הינטער יעדן געשעפט־הויז, הינטער יעדער ליבע, הינטער יעדער איבערראַשונג אַף דער גאַס. נישטאָ אַזאַ געשפּרעך, אין וועלכן דאָס וואָרט קאַקאָא זאָל ניט פיגורירן ווי אַ הויפּט־עלעמענט. און איבער דער שטאָט טראָגט זיך, פון די שפּײַכלער, פון די וואַגאָנען, פון די שיפּקעלערס, פון די וועגענער און פון די מענטשן אַ שאָקאָלאַד־גערוך, וואָס דאָס איז דער רייעך פון טרוקענעם קאַקאָא.

פאַראַן נאָך איין שטאָטישע פאַראָרדענונג, וואָס פאַרבאָט טראָגן געווער מיט זיך. נאָר זייער ווייניקע ווייסן אַז אַזאַ פאַראָרדענונג איז פאַראַן און די וואָס ווייסן טראַכטן אַפילו ניט פון אויספאָלגן זי. מענטשן גייען פאַרבײַ, אין שטיוול אָדער אין שטיוולעטן פון גראָבן לעדער, אין כאַקיהויזן, אין אַ קאַשעמירענעם רעקל, און הינטער דעם דער רעוואָלווער. מענטשן מיט ביקסן אַפן רוקן גייען איבער דער שטאָט פאַר אַלעמענס גלײַכגילטיקע אויגן. נישט געקוקט דערויף וואָס אין איליעוס איז שוין פאַראַן אײַנגעזעסנס, באַשטימטס, הויכע הײַזער, ברוקירטע גאַסן, שטיינערנע ביניאָנים, מאַכט זי דעם אײַנדרוק פון אַ לאַגער. אָפּטמאָל, ווען עס קומען אָן געפּאַקטע שיפן מיט עמיגראַנטן פונעם סערזשיפּער און סעאַרער סטעפּ, ווען די אײַנשטיי־הײַזער באַם וואָקזאַל זײַנען אַזוי פול אַז עס איז אין זיי מער קיין אָרט נישטאָ, שטעלט מען אויף באַראַקן באַם האַפן. מען אימפּראָוויזירט קיכן און קאָראָנעלן גייען אַהין אויסקלײַבן אַרבעטער פאַר זיך. דאָקטאָר רוי האָט אַמאָל אַ כאָשעוון גאַסט אָנגעוויזן אַף די לאַגערן:

— דאָס איז דער שקלאַפן־מאַרק.

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ געוויסן שטאָלץ און מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג, אַזוי ליב האָט ער די שטאָט וואָס איז אַזוי שנעל אויפגעקומען, אַ טאָכטער פונעם האַפן, אויפגעכאָוועט מיט קאַקאָא, איצט

שוין די רייכסטע פונעם שטאט, אויך די בליענדיקסטע. וויניק איליעוסער געבוירענע האבן עפעס א באדייטונג אינעם שטאטישן לעבן. קימאט אלע פאזענדייראס, דאקטוירים, אדוואקאטן, פאליטיקער, זשורנאליסטן, קאנסטרוקטארן, זיינען געקומענע פון דער פרעמד, פון אנדערע שטאטן. נאר זיי זיינען פארליבט אין דעם גליקלעכן רייכן לאנד. אלע האלטן זיי זיך פאר „גראפיונאס" און אז זיי קומען קיין באהיא, דערקענט מען זיי פון דעם שטאלץ, מיט וועלכן זיי ריידן.

— יענער איז אן איליעוסער — זאגט מען.

אין די באהיער קאבארעטן און געשעפט־הייזער שטעלן זיי זיך אויס מיט העלדישקייט און רייכקייט, גיבן אויס, קויפן פון דאס בעסטע, דינגען זיך ניט, נעמען אויף א געשלעג אומגעפרעגט פארוואס, אין די שאנד־הייזער רעספעקטירט מען זיי, מען האט פאר זיי מוירע און מען קוקט זיי אויס מיט אנגסט. און אויך אין די עקספארט־הייזער פארן לאנד ווערן די איליעוסער סאכרים באהאנדלט מיט דעם גרעסטן איינזען און זיי האבן אומבאשרענקטן קרעדיט.

פון גאנץ צאפן־בראזיל קומען אראפ מענטשן אינעם דארעם פון באהיא. דער נאמען גרייכט וויט; געלט, זאגט מען, וואלגערט זיך דארט אין די גאסן, קיינער קוקט זיך אפילע ניט אום אף א מילריים־מאטבייע. שיפן קומען אנגעשטאפט מיט עמיגראנטן, עס קומען אוואנטוריסטן פון אלע מינים, פרויען פון יעדן עלטער, וואס איליעוס איז פאר זיי די ערשטע אדער די לעצטע האפענונג.

אין שטאט מישן זיך אלע אויס, דער הייַנטיקער ארעמאן קען זיין דער מארגנדיקער גוויר, דער הייַנטיקער אייזל־טרייבער קען מארגן האבן א גרויסע קאקאא־פאזענדע, דער פויער וואס קען ניט לייענען און שרייבן קען אמאל ווערן אן אנגעזעענער פאליטישער פירער. מען גיט אן ביישפילן און מען ווייַזט שטענדיק אן אף הארעסיאן, וואס האט אנגעהויבן ווי אן אייזל־טרייבער און איצט איז ער פון די גרעסטע פאזענדייראס אין דער געגנט. און דער הייַנטיקער אוישער קען זיין דער מארגנדיקער קאבצן, אויב איינער א רייַכערער האט איינאיינעם מיט אן אדוואקאט געמאכט א געלונגענעם „קאשישע" און האט בא אים צוגענומען די ערד. און אלע הייַנט לעבעדיקע קענען מארגן ליגן טויט אף דער גאס, פון א קויל אין דער ברוסט. אריבער דער יוסטיץ, אריבער דעם ריכטער, דעם פראקוראר

און די געשוווירענע איז דאָס געזעץ פונעם שיס־צינגל, די לעצטע אינס־טאַנץ פון דער איליעוסער יוסטיץ.

די שטאָט האָט זיך דעמאָלט גענומען פוצן מיט גערטענער, די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט געדונגען אַ באַרימטן גערטנער אין באַהיִאַ. דאָס אָפּאָ־זיטאַרישע בלאַט איז אָנגעפאַלן, „איליעוס נייטיקט זיך מער אין וועגן ווי אין גערטענער. נאָר אַפילע די אָפּאָזיטאָרן ווײַזן דעם גאַסט מיט שטאָלץ די בלומען וואָס וואַקסן אַף די שטאָט־פּלעצער, פריִער פאַרוואַק־סענע מיט דערנער. וואָס שײַעך וועגן, ווערן זיי אייסגעטראָטן פון מענטשן און אייזלען, וואָס פירן דעם קאַקאַאָ צום איליעוסער האַפן. צום יאָס מיט זײַנע שיפן און רײַזעס. אָט דאָס איז דער האַפן פון סאַאָ זשאָרזשע דאָס איליעוס, וואָס ווערט שוין אָנגעצייכנט אַף די נײַסטע ווירטשאַפטלעכע מאַפּעס מיט אַ קאַקאַאָ־פּלאַנץ.

## VI

דער אָפּאָזיציאָנעלער „אַ פאָליאַ דאָס איליעוס" וואָס דערשײַנט יעדן שאַבעס, טריפט מאַמעש אין דעם נומער מיט אומדערהערטן אָנגרײַף. זײַן רעדאַקטאָר, פּילעמאָן אַנדרעיאַ, איז אַ געוועזענער שנײַדער פון באַהיִאַ, וואָס האָט דאָ אוועקגעוואָרפן ס׳פאַך. אין שטאָט ווייס מען, אַז פילעמאָן איז נישט פעיִק אַ שורע אָנצושרײַבן, אַז די אַרטיקלען וואָס זײַנען אַפילע פון אים אונטערגעשריבן, שרײַבן אַנדערע, אַז ער איז נישט מער ווי אַ כסימע־לייגער. ווי אַזוי ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פונעם אָפּאָזיציאָנעלן בלאַט, ווייס קיינער נית. פריִער פלעגט ער טאָן פּאָליטישע אַרבעטן פאַר האָראַסיאָ, און ווען דער קאָראָנעל האָט געקויפט די דרוק־מאַשין און די קאַסטנס שריפט פאַר דעם וואָכנבלאַט, האָט זיך דער אוילעם דערוווּסט אַן איבעררעשטער, אַז פילעמאָן איז באַשטימט פאַר רעדאַקטאָר.

— ער קען דאָך קוים לייענען...

— ס׳איז אָבער אַ נאָמען פון אַן אינטעלעקטואַל. עס קלינגט שיין ס׳איז אַ פראַגע פון עסטעטיק, — מיט אַ פול מויל רעדט ער אַרויס דעם נאָמען: פּילעמאָן אַנדרעיאַ! אַ נאָמען פון אַ גרויסן פּאָעט! — פאַרענדיקט ער.

דער איליעוסער אוילעם האַלט ביכלאַל פאַראַנטוואָרטלעך דעם דאַק־

טאָר רוי פאַר די אַרטיקלען פונעם „איליעוסער בלאַט". וואָל־ציַיט שאַפט זיך פאַרביסענע צוויי צדאָדים און „אַ פאָליאַ דאָס איליעוס" מיט דעם „אָ קאָמערסיאָ" פאַרפירן צווישן זיך אַ פאָלעמיק פול מיט זידלערישע אַדיעקטיוון. פון איין זיַיט דאָקטאָר רוי מיט זיַין ריַיכן סטיל און פאַררונטיקטע באָמבאַסטישע פראַזן; פון דער אַנדער זיַיט מאַנועל דע אָליוויירא און טייל מאָל דאָקטאָר זשענאַראָ. מאַנועל דע אָליוויירא און טייל מאָל דאָקטאָר זשענאַראָ. מאַנועל דע אָליוויירא איז אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט. ער האָט געהאַט מיטגעאַרבעט אין עטלעכע באַהיַער ציַיטונגען, פאַר דעם ווי זשוקאַ באַדאַראָ', וואָס האָט אים געקענט פון די דאָרטיקע קאַבאַרעטן, האָט אים אָנגעדונגען צו רעדאַקטירן „אָ קאָמערסיאָ". ער איז פלינקער און זאַכלעכער און טרעפט שטענדיק אין פינטל. דאָקטאָר זשענאַראָס אַרטיקלען זיַינען פול מיט יורידישע ציטאַטן, דעם אַדוואָקאַט פון די באַדאַראָ'ס האַלט מען ביכלאַל פאַר דעם געבילדעטסטן מענטשן אין שטאָט, מען באַוווּנדערט די הונדערטער ביכער וואָס ער פאַרמאָגט. דערצו פירט ער אַ צוריקגעצויגן לעבן, ער וווינט אינאיינעם מיט זיַינע צוויי זין און גייט קימאַט קיינמאָל פון שטוב ניט אַרויס. ער קומט נישט אין די שענקלעך און גייט נישט אין קאַבאַרעט. וואָס שיַיעך פרויען, זאָגט מען, אַז מאַשאַדאָ קומט צו אים אַ פאָר מאָל אין כוידעש. זי איז שוין אַלט, געקומען איז זי ווען די שטאָט האָט ערשט אָנגעהויבן וואַקסן. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז זי געווען די גרויסע איליעוסער פרויען־סענסאַציע. איצט איז זי באַלעבאָסטע פון אַ באָרדעל, אַליין פירט זי שוין ניט דאָס לעבן. אַן אויסנאַם מאַכט זי מיט דאָן זשענאַראָ, וואָס איז נישט געווינט יאָגט זי, צו קיין אַנדער פרוי.

דערפאַר עפּשער רופט אָן דאָס ליַיט־אַרטיקל פון „אַ פאָליאַ דאָס איליעוס", וואָס פאַרנעמט קימאַט די גאַנצע ערשטע זיַיט פון דעם קליינעם וואָכנבלאַט, דאָקטאָר זשענאַראָן „היפּאָקריטישער יעזויִט". ער איז אין דעם נומער דער צום ווינציקסטן אָנגעגריפענער פון אַלע באַדאַראָס פריַינט. דער אַרטיקל גיט זיך אָפּ מיט דער סרייפע באַם נאָטאַריום וועגאַנסיאָ אין טאַבאַקאָס. „אַ פאָליאַ דאָס איליעוס" טאַדלט שאַרף דעם „באַרבאַרן־אַקט קעגן דער יוסטיץ אין אַ ציוויליזירט לאַנד, ווי עס איז אָנגענומען צו קוקן אַף איליעוס". דער קאָראָנעל טעאָדאָראָ קליַיבט אָן אַרום זיַין נאָמען אַף די שפּאַלטן פונעם וואָכנבלאַט אַ פּרעכטיקע קאָלעקציע באַליידיקנדיקע

סובסטאַנטיוון און אַדיעקטיוון: „באַנדיט״, „וווּלגאַרער שיקער״, „פּראָפעסיאָנעלער קאָרטן־שפּילער מיט שוליערישע נייגונגען״, „סאַדיסטישער גײַסט״, „אומווירדיקער צו לעבן אין אַ קולטורעלן לאַנד״, „בלוטדורשטיקער״. פונדעסטוועגן, איז נאָך עפּעס געבליבן פאַר די באַדאַראָ׳ס. זשוקאַ קומט אַרויס ווי „אַ ביליקער דעראָבערער פון לײַכטע פרויען״, ווי אַ „ניט אָנשטענדיקער שיצער פון זוינעס און באַנדיטן״, און סיניאָ ווערט ווי שטענדיק באַצייכנט אַלס „קאַשישע־מאַכער״, „קאַפּאַנגאַ־שעף״, באַזיצער פון אַן אומערלעך געמאַכטן פאַרמעגן, שולדיקער אינעם טויט פון צענדליקער מענטשן, „געוויסנלאָזער פּאָליטישער פירער״.

דער אַרטיקל פאָדערט גערעכטיקייט, וואָרעם יורידיש איז נישטאָ וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם אייגנטום פון סעקיירוֹ גראַנדע, דער וואַלד איז געווען צעמאָסטן און זײַן אייגנטום־שײַן רעגיסטרירט באַם נאָטאַריוס און ער איז ניט דאָס אייגנטום פון בלויז איינעם, נאָר פון עטלעכע ערד־אַרבעטער, צווישן זיי צוויי מיט אַן עמעס שטאַרקע פּאַזענדייראָס. נאָר די מערהײַט — זאָגט דאָס בלוט — קליינע ערד־אַרבעטער. וואָס די באַדאַראָס זײַנען אויסן איז צו נעמען דעם וואַלד בלויז פאַר זיך, און דערמיט שעדיקן ניט נאָר די געזעצלעכע אייגנטימער, נאָר אויך דעם פּראָגרעס פון דער געגנט, דעם פונדאַמענטאַל־טייל פון דעם אייגנטום, וואָס דאָס איז „די טענדענץ פון הײַנטיקער צײַט, ווי דאָס באַווײַזט דער בײַשפּיל פון פראַנק רײַך״. בעיס דער קאָראָנעל האָראַסיאָ — שרײַבט ער — אַ פּראָגרעסיווער און פאָרויסזייענדיקער מענטש, האָט באַשלאָסן אויסהאַקן דעם סעקיירוֹ גראַנדער וואַלד און באַפלאַנצן די ערד מיט קאַקאַאָ, האָט ער געטראַכט ניט נאָר פון זײַנע פּריוואַטע אינטערעסן. ער האָט געטראַכט פונעם פּראָגרעס פון דער געגנט און האָט אין זײַן ציוויליזאַטאָרישער אונטערנעמונג שותּפעם געמאַכט מיט אַלע קליינע פּויערים, וואָס גרענעצן מיט דעם וואַלד. אָט דאָס הייסט זײַן אַ גוטער און ניצלעכער בירגער. ווי קען מען גאָר דענקען אים צו פאַרגלײַכן מיט די „אַמביציעזע און געוויסנלאָזע״ באַדאַראָ׳ס, וואָס האָבן אין זינען נאָר זייערע ענגע פּריוואַטע אינטערעסן? „אַ פּאָליאַ דאָס איליעוס״ פאַרענדיקט דאָס אַרטיקל מיט אַ וואָרענונג, אַז האָראַסיאָ און די אַנדערע געזעצלעכע אייגנטימער וועלן זיך ווענדן צום געריכט און פאַר דאָס וואָס וועט געשען אויב די באַדאַראָס וועלן פּרוּוון שטערן אויסהאַקן דעם וואַלד, וועלן זיי אַליין שולדיק

זײַן. די באַדאַראָס האָבן אָנגעהויבן ניצן געוואַלד און זיי וועלן שולדיק זײַן פאַר אַלץ וואָס וועט געשען. דער אַרטיקל פאַרענדיקט זיך מיט אַ לאַטייניש זאַץ: „אַלעאַ יאַקטאַ עסט” (דער גורל איז געוואָרפן).

די שוין געוויינטע לייענער פון די פּאָלעמיקעס היצן זיך. ניט נאָר ווײַזט דאָס, אַז עס הייבט זיך אָן אַ פּאָלעמיק וואָס איז נישט צום פאַרגלײַכן מיט די פריִערדיקע, נאָר עס מערקט זיך, אַז דער אַרטיקל איז געשריבן ניט פון דאָקטאָר רוי, זיי דערקענען זײַן סטיל פאַר אַ מײַל. דאָקטאָר רוי איז מער רעטאָריש, ער איז זייער גוט אין אַ רעדע פאַר די געשווירענע אינעם געריכט, נאָר אינעם בלאַט פעלט אים דער קויעך. אין דעם אַרטיקל איז צו זען אַ מער ענערגישן מענטשן, מיט אַ שאַרפערער לאָגיק און שאַרפערע אַדיעקטיוון. ס'איז באַלד באַקאַנט געוואָרן, אַז דעם אַרטיקל האָט געשריבן דער דאָקטאָר ווירזשיליאָ, דער נײַער אַדוואָקאַט פון דער פּאַרטיי, וואָס וווינט אין טאַבאָקאַס, נאָר איצט געפינט ער זיך אין איליעוס. דאָקטאָר רוי גופא האָט אויפגעדעקט ווער דער מעכאַבער איז, ווען מען האָט אים גענומען באַגריסן. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ווירזשיליאָ איז אַ דירעקט פאַראינטערעסירטער אין דער זאַך, ווײַל ער איז געווען דער וואָס האָט רעגיסטרירט דעם סעקיירא גראַנדער וואַלד באַם נאָטאַריוס, וואָס טעאָדאָראָ האָט זײַן ביוראָ אונטערגעצונדן. בייזע צינגער האָבן ניט פאַרפעלט דערבײַ אָנצומערקן, אַז פאַראינטערעסירט איז ער אין האָראַסיאָס פרוי. זיי האָבן פאַרגעפילט דעם פאַרגעניגן וואָס זיי וועלן האָבן ווען זיי וועלן לייענען דאָנערשטיק אינעם „אָ קאָמערסיאָ” וועגן אָט דער זײַט אינטים לעבן פון האָראַסיאָס אַדוואָקאַט.

נאָר צו אַלעמענס שטוינען, האָט „אָ קאָמערסיאָ”, אין זײַן ענטפער אױף דעם אַרטיקל, אַן ענטפער וואָס האָט נישט געזינדיקט מיט ערנסט, אינגאַנצן איגנאָרירט דעם פאַמיליען־איניען, וואָס די שטאָט האָט געשמועסט פון אים. דערצו האָט דער אַרטיקל באַלד פון אָנהייב צו וויסן געגעבן זײַנע לייענער, אַז ער וועט נישט ניצן די „קלאָאַקע־שפּראַך” פונעם „פּאַשקוויל”, וואָס האָט אַזוי נידעריק אָנגעגריפן די באַדאַראָ'ס און זייערע פאַרטיי־כאַווײרים. אַז ער וועט אויך נישט אַרײַנקריכן אין וועמענס עס איז פּריוואַטן לעבן, ווי דאָס טוט געוויינלעך דער „שמוציקער אָרגאַן” פון דער אָפּאָזיציע. וואָס שײַעך דעם ערשטן צוזאָג, האָט ער געהאַלטן וואָרט בלויז העלפט, ווײַל ער האָט אויסדערציילט האָראַסיאָס גאַנצן לעבן,

פון „דעם דאָזיקן געוועזענעם אייזל־טרײַבער, וואָס איז רײַך געוואָרן ווער ווייס ווי אַרום”. ער האָט אויסגעמישט באַקאַנטע זאַכן, ווי דעם פּראָצעס פאַרן טויט פון די דרײַ מענטשן („ער האָט אויסגעמיטן די גערעכטע שטראָף אַדאַנק די שיקאַנעס פון די אַדוואָקאַטן, וואָס דערנידעריקן זייער פּראָפעסיע, ער האָט אָבער ניט אויסגעמיטן דעם אורטייל פון דער עפנטלעכקייט”), מיט גאַנץ פּערזענלעכע, ווי דער טויט פון זײַן ערשטער פרוי (די מיסטעריעזע פאַלן מיט פּלוצעם פאַרשווונדענע און בײַ דער נאַכט באַגראָבענע קרויוויים”) און וואָס שײַעך דער שפּראַך, האָט שוין „אָ קאָמערסיאָ” גאָר קיין וואָרט נישט געהאַלטן. האָראַסיאָן האָט ער אָנגערופן מערדער אַף „אַראָפּ”. דעם דאָקטאָר רוין „פּאַרפּאַלענער שיקער” אָדער „אַ הונט וואָס בילט נאָר ער בײַסט נישט”, „דער אומגעטרײַער פאַמיליען־פאָטער, וואָס ליגט איבער אין די שענקען און זאָרגט ניט פאַר ווײַב און קינדער”. נאָר די שאַרפסטע עפּיטעטן זײַנען אויסגעפאַלן אַף דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ. מאַנועל דע אָליווייראַ האָט דעם זאַץ וועגן דעם אַדוואָקאַט אָנגעהויבן מיט די ווערטער, אַז „ער וואָלט וועלן אײַנטונקען זײַן פעדער אין אַ רינשטאָק אַף אָנצושרײַבן דעם נאָמען פונעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ קאַבראַל”. מיט די ווערטער האָט „אָ קאָמערסיאָ” אָנגעהויבן אַ „קיצער ביאָגראַפיע” פונעם אַדוואָקאַט, וואָס איז גאָרניט געווען אַזוי קורץ. ער האָט אָנגעהויבן נאָך פון די סטודענטישע יאָרן, האָט דערמאָנט ווירזשיליאָס הוליאַנקעס אין באַהיאַ, „דאָס באַקאַנטסטע פּאָנעם אין אַלע הויפּטשטאָטישע שאַנדהײַזער”, זײַנע שוועריקייטן צו פאַרענדיקן דעם קורס: „געצוווּנגען צו לעבן פון די ברעקלעך אַראָפּגעפאַלענע פונעם טיש בײַ דער קראָ סעאַבראַ”. אויך מאַרגאָטן האָט ער אַרויפגעשלעפּט, כאָטש אָן איר נאָמען. דער זאַץ לייענט זיך אַזוי:

„נישט בלויז טרויעריק־באַרימטע פּאָליטיקער האָבן דעם מאָגן אָנגעפילט דעם סטודענט זשוליק און שלעגער. אַן עלעגאַנטע קאָקאָט איז געווען אַ קאָרבן פון זײַנע שאַנטאַזשיסטישע גענג. ער האָט אָפּגענאַרט די יונגע שיינהייט און האָט געלעבט אַף איר כעשבן, און פאַר דעם געלט, באַקומענס אינעם בעט, האָט דער אומפאַרשעמטער סטודענט באַקומען זײַן דיפּלאָם. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען זײַן דיפּלאָם און האָט אים געשטעלט צו דינסט דעם אייזל־טרײַבער האָראַסיאָ, האָט דער אומדאַנקבאַרער פאַרשווין פאַרלאָזט זײַן קאָרבן, דעם

גוטן און שיינעם וועזן וואָס האָט אים געהאָלפן ווען דאָס מאַזל האָט זיך פון אים אָפּגעקערט".

דער אַרטיקל האָט פאַרנומען אַנדערהאַלבן זײַטן, כאָטש „אַ קאָמערסיאָ" איז אַ סאַך גרעסער ווי „אַ פאָליאַ דאָס איליעוס". ער האָט זיך געניוי אָפּגעשטעלט אַף דעם פאַל מיט דעם נאָטאַריוס. ער האָט אויפגעקלערט דעם „מיִעסן קאַשישע" פון רעגיסטרירן אַן אייגנטום־שײַן אַפן גרונט פון אַן אַלטער צעמעסטונג וואָס האָט אָנגעווירן יעדן לעגאַלן ווערט, און דערצו נאָך אויסגעקראַצט געוואָרן אַף צו פאַרבײַטן דעם נאָמען פון מונדיטאָ דע אַלמיידאַ אַף האָראַסיאָ און „זײַנע נאָכלויפער". די סרייפע אינעם ביוראָ האָט ער צוגעשריבן וועגאַנסיאָן גופע; דעם פאַלשן דינער פון דער יוסטיץ, וואָס האָט אַף קאָראָנעל טעאָדאָראָס פאָדערונג אים צו ווײַזן די צעמעסטונג, באַשלאָסן אונטערצוצינדן די ביוראָ און אַזוי אַרום פאַרניכטן די באַווײַזן פון זײַן נידערטרעכטיקער טאַט". ער האָט אַרויסגעשטעלט די באַדאַראָ'ס ווי הייליקע, וואָס זײַנען נישט פעיִק אַ פליג אַף דער וואַנט וויי צו טאָן. געוואָרנט האָט ער, אַז די „אומווערדיקע באַליידיקונגען" פונעם „אָפּאָזיציאָנעלן פאַשקוויל" זײַנען ווײַט פון באַרירן דעם גוטן נאָמען פון אַזעלכע כאָשעווע מענטשן ווי די באַדאַראָ'ס, קאָראָנעל טעאָדאָראָ און דעם „דערלויכטענעם פאַקל פון דער רעכט־וויסנשאַפט, ווי דאָקטאָר זשענאַראָ טאָרעס, דער שטאָלץ פון דער גראַפונער קולטור".

צו לעצט האָט ער זיך באַצויגן אַף די דראָונגען פון האָראַסיאָ און זײַנע „הינט". דאָס פאָלק וועט אורטיילן אין דער צוקונפט פון וועמען עס איז געקומען די דראָונג צו פאַרגיסן בלוט און וועט אָפּוועגן די אַכראַיעס „אַף דער וואָגשאָל פון דעם פאָלקס גערעכטיקייט". און זאָל האָראַסיאָ וויסן, אַז זײַנע לעבערלעכע באַרימערײַען שרעקן ניט קיינעם. די באַדאַראָ'ס ווילן קעמפן מיט דעם געווער פון רעכט און גערעכטיקייט, זיי קענען אָבער אויך — פאַרזיכערט „אַ קאָמערסיאָ" — קעמפן מיט יעדן מין געווער וואָס דער סוינע וועט אויסקלײַבן. אַף יעדן געביט קענען די באַדאַראָ'ס ענטפערן ווי עס פאַרדינען די פאַרשווינען „פון דעם מין געוויסנלאָזע באַנדיטן און זייערע אַדוואָקאַטן". אַלס ענטפער אַף דעם לאַטײַנישן „אַלעאַ יאַקטאַ עסט" האָט אויך „אַ קאָמערסיאָ" פאַרענדיקט מיט אַ לאַטײַנישן זאַץ: „קוואָסקע

טאַנדעס טראַפּיירוס, אַבוטעגטע פּאַטענטיאַ נאָסטראַ?״*) דער זאַץ איז גע־
ווען דאָקטאָר זשענאַראַס בײַטראַג צו מאַנועל אַליווייראַס אַרטיקל.

איליעוס שעפּט פאַרגעניגן אין די גאַסן.

## VII

ווען קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס איז צוריקגעקומען מיט פאַרבלאָ־
טיקטע שטיוול און מיט אַ פאַרוואַקסענער באָרד פונעם סעקיירא גראַנדער
וואַלד, האָבן געקומען רודערן אין אים פאַרשיידענע סטירעדיקע געפילן.
געפאָרן איז ער אַף אַכט טעג און געקומען האָט עס פופצן און איצט זיצט
ער נאָך אַלץ באַ די באַדאַראָ׳ס אין דער פאַזענדע. ער האָט זיך ווי עס
איז אַן אייצע געגעבן מיט די פעלדמעסטערישע אינסטרומענטן, מיט דעם
טעאָדאָליט, מיט דעם באַנדמאָס, מיט דעם מעסטשטאָק, מיט דעם ווינקל־
מעסטער — אינסטרומענטן, וואָס ער האָט אַף זײַן גאַנצן קאָרטנשפּילע־
רישן לעבן ניט אָנגעקוקט. די אויסרעכענונגען האָבן פּאַקטיש געמאַכט
די אַרבעטער, וואָס זײַנען מיט אים מיטגעפאָרן, און זשוקאַ באַדאַראָ; ער
האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט קלוימערשט געצייכנט באַ
זיך פּירעקן און דרײַעקן. צוויי טעג האָבן זיי פאַרבראַכט אינעם וואַלד;
די נעגערס האָבן געטראָגן די אינסטרומענטן און זשוקאַ האָט אַרויסגע־
וויזן קענטעניש פון דער ערד:

— קאַפּיטאַן, איך לייג די הענט אַפן פײַער, אויב עס איז נאָך פאַ־
ראַן ערגעץ אַזאַ ערד צום פּלאַנצן קאַקאַאָ.

זשאָן מאַגאַליאַינס בייגט זיך אָן און הייבט אויף אַ הויפן פײַכטע
ערד.

— פּרימאַ! באַמיסטיקט וועט זי זײַן ביז גאָר רײַך.

זי דאַרף נישט קיין באַמיסטיקונג. ס׳איז נײַע ערד, שטאַרקע ערד,
סעו קאַפּיטאַן. די פּלאַנטאַציעס דאָ וועלן אַרויסגעבן אַזוי פיל ווי קיין
איין פּלאַנטאַציע ערגעץ אַנדערש.

זשאָן מאַגאַליאַינס איז מאַסקים. ער רעדט קימאַט ניט, ווײַל ער האָט

---

*) ווי לאַנג נאָך וועט דער אייזל־טרײַבער זיך ניצן מיט אונדזער
געדולד?

מוירע ארויסצוכאפן זיך מיט א נארישקייט. זשוקא באדארא לויבט אלץ די ערד, ווו דיביימער וואקסן ווילד.

דעם קאפיטאן אבער אינטערעסירט ניט אזוי די גוטסקייט פון דער ערד ווי די ברוינע געשטאלט פון דאניא אנא באדארא׳. נאך אין איליעוס האט ער פון איר געהערט, דאס האט זי דאך, זאגט מען, געהייסן טעאדא־ראן אונטערצינדן ווענאנסיאס ביורא. אין איליעוס רעדט מען פון דאניא אנא ווי פון א מאדנעם מיידל, וואס האט פיינט ווייבערשע געשפרעכן און האלט ניט פון די קלויסטער־יאנטויוויום (כאטש איר מוטער איז געווען זייער א פרומע) און אויך נישט פון טענץ און פלירט. זעלטן ווער עס האט זי געזען טאנצן און קיינער קען ניט אנווייזן אף א יונגערמאן וואס זאל זיין אירער א כאסן מער אינטערעסירט זי זיך מיט אויסלערנען זיך רייטן, שיסן, קענען די אייגנשאפטן פון דער ערד און פון די פלאנצן. אלגא דערציילט אפט די שכיינעס ווי גרינגשעציק דאניא אנא באציט זיך צו קליידער וואס סיניא שיקט ברענגען פאר איר פון באהיא אדער פון ריא, באשטעלטע בא בארימטע שניידער. זי אינטערעסירט זיך ניט מיט זיי. זי וויל ויסן וועגן די נייע לאשיקלעך וואס זיינען געבוירן געווארן אין דער פאזענדע. זי קען די נעמען פון אלע פערד וואס די פאמיליע פאר־מאגט. אפילע פון די לאסט־אייזלען. זי האט אף זיך די בוכפירונג פון די באדארא־געשעפטן און סיניא פרעגט בא איר ווען ער וויל עפעס ויסן. זשוקאס ווייב זאגט, אז „דאניא אנא האט באדארפט געבוירן ווערן א מאן״.

ניט אזוי טראכט זשאן מאגאליאינס. עפשער דערמאנען אים אירע אויגן אנדערע אזעלכע געליבטע אויגן, און דאס ציט זיין אויפמערקזאמ־קייט. ווען ער רעדט פון איר, מיט זיינע איבערגעטריבענע לויב־ווערטער, פארלירט זיך זיין בליק אין אט די מילדע אויגן, ווו פלוצעם צעפינקלט זיך אפט א טיפער בליץ, ווי אין יענע אויגן וואס האבן אמאל געקוקט אף אים מיט גרינגשעצונג. שפעטער, ווען ער ווערט היימישער מיט דאניא אנא, פארגעסט ער אן די אויגן פון יענעם מיידל, וואס איז פארבליבן אין ריא דע זשאניירא.-בא די באדארא׳ס אין שטוב רעדט מען איצט ניט פון עפעס אנדערש ווי נאר פון דעם סעקיירא גראנדער וואלד. און פון דעם וואס האראסיא מיט זיינע לייט גרייטן זיך איצטער טאן. מען בויט קא־ניונקטורן, מען מאכט האשארעס, מען רעכנט אוים די מעגלעכקייטן. וואס

וועט האַראַסיאַ טאָן ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז די באַדאַראַ׳ס צע־מעסטן שוין דעם וואַלד און גרייטן זיך רעגיסטרירן די צעמעסטונג און אַרויסנעמען אַן אייגנטום־שײַן? באַ זשוקאַן איז קיין סאָפעק ניט: האַראַ־סיאַ וועט טייקעף פּרוּוון אַרײַנדרינגען אין וואַלד און וועט פאַרפירן אַ פּראָצעס אינעם איליעוסער געריכט מיקוויעך דעם באַזיץ פון דער ערד, אַפן גרונט פון דעם רעגיסטער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן באַם נאָטאַריוס וועננאַנסיאָ. סיניאָ צווייפלט; אַזוי ווי האַראַסיאַ, ווי אַ מענטש פון דער אָפּאָזיציע, האָט נישט קיין שטיצע אין דער רעגירונג, וועט ער פאַר אַלע־מען, איידער ער קלײַבט זיך גיין אַף קויעך, פּרוּוון מאַכן עפּעס אַ „קאַ־שישע". פון איליעוס האָט זשוקאַ געבראַכט די לעצטע נײַסן: דעם סקאַנ־דאַליעזן פאַל פון עסטערן מיט דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ, וואָס די גאַנצע שטאָט רעדט דערפון. סיניאָ גלייבט ניט:

— ס׳איז אַ פּלוידערײַ פון מענטשן וואָס האָבן ניט וואָס צו טאָן.

— ס׳איז ריכטיק, ער האָט איבערגעלאָזט די פרוי וואָס ער האָט מיט איר געלעבט. ס׳איז אַ פאַקט. איך בין גוט אינפאָרמירט, — און בעיים ער דערמאָנט מאַרגאָטן לאַכט ער צו זשאָן מאַגאַליאַינס.

זשאָן מאַגאַליאַינס וועדט אַרײַנגעצויגן אין די וויקוכים און שמועסן, ער באַטייליקט זיך אין זיי ווי באַדאַראַ׳ס אַ מענטש, גלײַך מיט טעאָדאָראָ דאַס באַראַונדאַס, ווען דער קאָראָנעל שלאָפט באַ זיי. ער פילט זיך ווי אַן אייגענער. און יעדן מאָל ווען דאָניאַ אַנאַ גיט אַ קוק צו אים און פרעגט מיט רעספּעקט דעם קאַפּיטאַנס אַ מיינונג, נעמט זשאָן מאַגאַליאַינס שיטן מיט זילזולים אַף האַראַסיאָס מענטשן. איין מאָל, ווען אירע אויגן האָבן אַ קוק געטאָן אַף אים מילדער ווי אַן אַנדערש מאָל און מיט מער אינטע־רעס, האָט ער געשטעלט צו דינסט די באַדאַראַ׳ס „זײַנע מיליטערישע קענטעניש פון אַ קאַפּיטאַן וואָס האָט אָנטיילגענומען אין אַכט רעוואָ־לוציעס". ער איז מיט זיי און שטייט גרייט צו זייערע באַפעלן. אויב עס וועט קומען צו געשלעג, קענען זיי זיך פאַרלאָזן אַף אים. ער איז גרייט אַף אַלץ וואָס מען וועט פון אים פאַרלאַנגען. בעיים ער זאָגט דאָס גיט ער אַ שמייכל צו דאָניאַ אַנאַ. דאָניאַ אַנאַ, פּלוצעם אַן אומדרייסט געוואָרענע און אַ פאַרשעמטע, לויפט אַוועק צו זיך, בעיים סיניאָ באַדאַראָ׳ דאַנקט דעם קאַפּיטאַן. ער האָפט אָבער אַז דאָס וועט נישט נייטיק זײַן, אַז אַלץ וועט דורכגיין בעשאָלעם, און עס וועט נישט קומען צו קיין בלוט־פאַרגי־

סונג. עמעס, ער גרייט זיך — זאָגט ער — נאָר מיט דער האָפענונג, אַז האָראַסיאָ וועט זיך אָפּלאָזן פון דעם שטרײַט פאַרן באַזיץ פונעם וואַלד. ער, אָבער, וועט ניט אָפּטרעטן, ער איז דער קאָפּ פון דער פאַמיליע, ער ווייס זײַנע אַכראַיעסן. דערצו אויך האָט ער היסכײַוועסן מיט גוטע פרײַנט, אַזעלכע ווי זײַן פרײַנט טעאָדאָראָ דאַס באַראונאַס, וואָס איז זיך מאַקרעוו פאַר אים. וועט האָראַסיאָ גיין ווײַטער, וועט ער אויך גיין ווײַטער. נאָר ער האָפט נאָך... זשוקאַ הייבט מיט די אַקסלען, בא אים איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז האָראַסיאָ וועט פּרוּוון אַרײַנדרינגען אין וואַלד אַף קויעך, און אַז עס וועט זיך אַ סאַך בלוט גיסן איידער די באַדאַראָ'ס וועלן רויִק קענען פלאַנצן זייער קאַקאַאָ אַף דער ערד. קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס באַט זיך ווידער אָן:

— אַף וואָס נאָר איר ווילט. איך האָב ניט ליב זיך צו באַרימען מיט העלדישקייטן; נאָר איך בין געוווינט צו דעם מין צוזאַמענשטויסן.

יענעם טאָג האָט ער נישט געזען דאָניאַ אַנאַ ביז פאַרנאַכט, אין דער שאָ ווען זי לייענט פאַר די ביבל. זשוקאַ באַדאַראָ' קײַכט פון געלעכטער און טײַט אַף איר מיטן פינגער:

— וואָס קומט דאָ פאָר? ס'האַלט בא וועלט־איבערקערעניש?

אויך סיניאָ קוקט אַף איר. דאָניאַ אַנאַ איז ערנסט, דאָס פּאָנעם שטרענג פאַרשלאָסן. זי האָט אַזוי פיל אַרבעט אָוועקגעלייגט, אײַנאײַנעם מיט ראַימונדען, זיך צו מאַכן די פריזור, ווי בא עסטערן איין מאָל אַף אַ יאָנטעוו אין איליעוס, און איצט לאַכט מען פון מיר... זי טראָגט איצט איינס פון אירע שפּאַציר־קליידער, וואָס קוקט אויס מאָדנע אינעם זאַל פונעם גרויסן הויז אַף דער פּאַזענדע. זשוקאַ הערט נישט אויף לאַכן און סיניאָ פאַרשטייט נישט וואָס מיט זײַן טאָכטער איז געשען. נאָר איין זשאָן פילט זיך גליקלעך, און באַטש ער פאַרשטייט ווי קאָמיש דאָניאַ אַנאַ זעט אויס אין דעם קלייד, ווי אַף אַ באַל צו גיין, ווערט ער אויך ערנסט און די אויגן קרימען זיך אים אין אַ דאַנקבאַרן שמאַכטנדיקן בליק. זי אָבער קוקט נישט אַף קיינעם און מיינט אַז אַלע לאַכן. צום סאָף הייבט זי אויף די אויגן און ווען זי דערזעט אַז דער קאַפּיטאַן קוקט אַף איר אַ גערירטער, באַקומט זי דעם מוט זיך אָנצורופן צו זשוקאַן:

— פון וואָס לאַכט איר? צי איר מיינט אַז נאָר אייער ווײַב מעג זיך אָנטאָן און פּאַרקעמען?

— טאָכטער מיַינע, וואָס זיַינען עס פאַר אַ רייד? — שטוינט סיניאָ פון איר האַסטיקייט נאָכמער ווי פון איר אַנטאָן.

— ס'איז מיַין קלייד, איר האָט עס מיר געגעבן. איך טו עס אָן ווען איך וויל, און נישט עמעצער זאָל לאַכן דערפון.

— זי זעט אויס ווי אַ סטראַשידלע, — קיַיכט זשוקאַ פון פאַרגעניגן. דעמאָלט באַשליסט זיך זשאָן מאַגאַליאַינס אַ וואָרט אַריַינצושטעלן:

— זי איז זייער עלעגאַנט. זעט אויס אַ קאַריאָקאַ*). אַזוי קליידן זיך די מיידלעך אין ריאָ. זשוקאַ שפּאַסט.

זשוקאַ באַדאַראָ' טוט אַ קוק אַפן קאַפּיטאַן. פון אָנהייב רעכנט ער זיך כאַפּן שלאָגן, דער סוביעקט וויל אים געבן אַ לעקציע אין דערצויונג־קייט, נאָר באַלד באַטראַכט ער זיך, אַז דעם קאַפּיטאַנס כוווו אַלס גאַסט איז צו זיַין העפלעך מיט דעם מיידל. ער הייבט די אַקסלען:

— געשמאַק איז געשמאַק, איך דיסקוטיר ניט.

סיניאָ באַדאַראָ' מאַכט אַ סאָף צום שטריַיט:

— לייען, טאָכטער מיַינע.

נאָר זי לויפט אַוועק צו זיך, זי וויל נישט וויינען פאַר מענטשן אין די אויגן. זי וויינט זיך אויס באַ ראַימונדאַן אין די אָרעמס, און יענעם אָוונט לייענט שוין, אַ טיף פאַרטראַכטער, זשאָן מאַגאַליאַינס די שטיקער ביבל פאַר סיניאָ באַדאַראַ, און דער קוקט אַף אים מיט אַ זיַיט, מעסט אים און פאַרשט אים.

אַפן צווייטן טאָג, ווען דער קאַפּיטאַן שטייט אויף און גייט אַרויס אַף זיַין פרימאָרגנדיקן שפּאַציר, טרעפט ער דאָניאַ אַנאַ אינעם שטאַל העלפן מעלקן די קי, וואָס באַזאָרגן מיט מילך די גרויסע שטוב. ער גריסט איר און קומט צו. זי הייבט אויף דאָס פּנים, לאָזט אַ וויַילע אַפּ די ציצקע באַ דער קו און רופט זיך אָן:

— איך האָב מיך נעכטן אויפגעפירט זייער באַדויערלעך, איר מוזט וועגן מיר טראַכטן ווער וויים וואָס פאַר זאַכן... אַזוי איז ווען אַ דאָרפי־שער וויל זיך מאַכן פאַר אַ שטאָטישער, — און זי צעלאַכט זיך מיט אירע וויַיסע פּערפעקטע ציין.

קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס זעצט זיך אַוועק באַ דער טיר:

---

*) קאַריאָקאַ — פון ריאָ דע זשאַנעיירָאָ.

— איר זײַט שיין... ווען איר זײַט אַף אַ באַל אין ריאָ, וואָלט דאָרט קיין שענער מיידל פון אײַך נישט געווען, שווער איך אײַך.

זי גיט אַף אים אַ קוק און פרעגט אים:

— געפעלט אײַך נישט בעסער אַזוי, ווי איך זע אוים אַלע מאָל?

— דעם עמעם צו זאָגן, יאָ, — און דער קאַפּיטאַן זאָגט דעמאָלט דעם עמעס, — אַזוי געפעלט איר מיר. איר זײַט אַ שיינהייט...

דאָניאַ אַנאַ שטעלט זיך אויף און נעמט דעם עמער מיט מ לך:

— איר זײַט אַ גלײַכער מענטש. איך האָב ליב אז אַ מענטש זאָגט דעם עמעס, — און זי קוקט אים אַרײַן אין די אויגן. דאָס איז איר אויפן ווי אַרויסצוווײַזן ליבע.

ראַימונדאַ קומט אַרײַן און לאַכט מיט קורצע געלעכטערלעך פון אַ מיטבאַטיילִיקטער, זי נעמט איבער בּאַ דאָניאַ אַנאַ די עמערס מילך און ביידע גייען זיי אַרוים.

זשאָן מאַגאַליאַינס גיט שטיל אַ זאָג צו די קי אין שטאַל:

— מיר דאַכט זיך איך וועל כאַסענע האָבן... — ער קוקט זיך אַרום אַף דער פאַזענדע, אַף דעם גרויסן הויז, אַף דעם הייפל, אַף די קאַקאַאָ פּלאַנטאַציעס, מיט דער מינע פון אַ באַלעבאָס. נאָר ער דערמאָנט זיך אַף זשוקאַן און סיניאָן, אַף די קאַפּאַנגאַס וואָס קומען זיך צונויף אין דער פאַזענדע און ער שוידערט אויף.

אין דער פאַזענדע רודערט עס אויסערגעווײנלעך אין דער שאָ. אַוי בעטער גייען אַרוים יעדן פרימאָרגן צו די פּלאַנטאַציעס, אַראָפּנעמען דעם קאַקאַאָ, אַנדערע טרעטן דעם ווייכן קאַקאַאָ אין קאַרעטעס אָדער זיי טאַנצן אַפן טרוקענעם קאַקאַאָ אין די „באַרקאַסן״ און זינגען זייערע טרויעריקע לידער:

דעם נעגערס לעבן איז שווער,
שווער ווי נאָר זײַן לעבן איז שווער...

אַ קלאָג וואָס דער ווינט פאַרטראָגט, זיפצן אין דער היץ אַף די קאַקאַאָ פעלדער, אין דער אַרבעט פון פרי ביז נאַכט:

איך וויל שטאַרבן בּאַ דער נאַכט
אין אַ לאַנגער נאַכט אין בײַדל...
איך וויל שטאַרבן אַ געשמיסענער
מיט דעם זוים פון דײַן קליידל...

די אַרבעטער זיפצן אויס זייערע לידער אין די טעג פון אַרבעט, זייערע לידער פון קנעכטשאַפט און אוממעגלעכער ליבע. נאָר אין דער זעלביקער צייט קומט זיך צונויף אַף דער פאַזענדע אַן אַנדער ייילעם, זיי זעען אויס ענלעך צו די אַרבעטער פיזיש, מיט זייערע האַרטע שטימען, מיט זייער אויפן ריידן און קליידונג. זיי פילן אָן די אַרבעטער־הײַזער, זיי שלאָפן אין די קאַקאַאָ־שפּײַכלערס, אַנדערע זײַנען צעלייגט איבער דער גאַלעריע פונעם גרויסן הויז, דאָס זײַנען די קאַפּאַנגאַס, וואָס טעאָדאָראָ שיקט זיי, וואָס זשוקאַ רעקרוטירט זיי און זיי שטייען אונטערן באַפעל פון דעם אונטעראָפיציר עסמעראַלדאָ פון טאַבאָקאַס, אָדער פון סעו אַזעוועדאָ אָדער גאָר פונעם גאַלעך פּאַיוואַ פון מוטונס, היטן די פאַזענדע פון די באַדאַראָ'ס און וואַרטן אָפּ די געשעענישן. טייל קומען צו רײַטן אַף פערד, ווייניק פאַראַן אַזעלכע. מערסטנס קומען זיי צו פוס, מיט דער ביקס אַפן אַקסל, מיט דעם מעסער אינעם גאַרטל. זיי קומען דאָ אָפּוואַרטן אַף דער גאַלערייע באַפעלן פון סיניאָ באַדאַראָ' און דערווײַל זופן די גלעזער קאַניאַ, וואָס דאָניאַ אַנאַ הייסט זיי דערלאַנגען. ביכלאַל זײַנען עס מענטשן שווײַגנדיקע, נישט באַריידעוודיקע, פון אומבאַשטימטן עלטער, נעגערס און מולאַטן, ווען ניט ווען אַ בלאָנדער, אַ בלאָנדער, אין סתירה צו די אַנדערע. סיניאָ און זשוקאַ קענען זיי און דאָניאַ אַנאַ אויך. דער ספּעקטאַקל כאַזערט זיך איבער יעדן פרימאָרגן. זשאָן מאַגאַליאַינס רעכנט אַז אַן ערך דרײַסיק מענטשן זײַנען געקומען אַף דער פאַזענדע שוין נאָך אים. און ער פרעגט זיך וואָס וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען, ווי אַזוי גייען די צוגרייטונגען אין דער פאַזענדע באַ האָראַסיאָן. ער פילט זיך פאַראינטערעסירט, פאַרכאַפּט פון דער ערד, ווי ער וואָלט געווען אין איר אײַנגעוואָרצלט. זײַנע פּלענער וועגן אָוועקפאָרן צעשווימען זיך, ער זעט נישט קיין אויפן ווי אַוועקצוגיין פון איליעוס. ער זעט נישט צוליב וואָס ער זאָל בלײַבן.

אָט מיט די געדאַנקען קומט ער אָן קיין איליעוס. אין צוג, לעבן סיניאָ באַדאַראָ', וואָס איז די גאַנצע צײַט געשלאָפן, קלערט ער לאַנג נעכטן אין אָוונט האָט ער זיך געזעגנט מיט דאָניאַ אַ־אַ אַף דער גאַלערייע:

— מאָרגן פאָר איך אָפּ.

— איך ווייס, נאָר איר קומט צוריק, ניין?

— אויב איר פאַרלאַנגט, וועל איך קומען...

זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און האָט מיטן קאָפּ געזאָגט יאָ. זי איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און האָט אים קיין צײַט נישט געגעבן אַף דעם קוש, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָרט אַף אים און אים געווונטשן. אין דער פרי האָט ער זי נישט געזען. דעם גרוס האָט אים געבראַכט ראַימונדאַ:

דאָניאַ אַנאַ שיקט זאָגן וואָסמיסע, אַז צום יאָנטעוו פון סאַאָ זשאָרזשע וועט זי קומען קיין איליעוס. — און ער האָט איר געגעבן אַ בלום, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אין זײַן רײַזע־טאַש.

אין צוג קלערט ער. ער באַמיט זיך איבערצוקלערן גאַנץ ע־נסט און קומט צום שלום, אַז ער קריכט אַרײַן אין אַ טיפעניש. צוערשט, דאָס ערד־מעסטן, דאָקומענטן אונטערשרײַבן. נישט ער איז אַן אינזשעניער, נית ער איז אַ קאַפּיטאַן, דאָס קען אים פירן צו קאָמפּליקאַציעס, צו אַ פּראָצעס, צו טורמע. דאָס אַליין איז גענוג ער זאָל זיך מוזן אויפזעצן אַף דער ערשטער שיף: ער האָט שוין גענוג געלט פאַרדינט אַף עטלעכע כאַדאָשים לעבן אָן זאָרג. דאָס ערגסטע אָבער איז דאָס פאַרליבעניש מיט דאָניאַ אַנאַ. זשוקאַ איז אים שוין כוישעד, האָט שוין געגעבן אָנצוהערעניש, האָט געלאַכט, ער איז, קענטיק, מאַסקים. ער האָט אים צו וויסן געגעבן, אַז ווער עס דענקט כאַסענע האָבן מיט דאָניאַ אַנאַ, מוז גיין גלײַך אויב ער איז נישט גרייט פונעם ווײַב אַליין באַשטראָפט צו ווערן. און סיניאָ קוקט אַף אים ווי ער וואָלט אים געפאָרשט. ער האָט אים איין מאָל אין אַן אָוונט געפרעגט אַף זײַן פאַמיליע, אַף זײַנע באַציִונגען אין ריאָ, און ווי עס האַלט מיט זײַנע געשעפטן. דער קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס האָט דערויף אויפגעצילעט אַ מאָנומענטאַלע סעריע ליגנס. איצט, אינעם צוג, שרעקט עס אים, אינסטינקטיוו קוקט ער פון צײַט צו צײַט אָפּ רער פונעם „פאַראַבעלום”, וואָס קוקט אַרויס באַ סיניאָן פון אונטערן רעקל. וויל ער זײַן אויפריכטיק, מוז ער אַוועקפאָרן, זיך אויפזעצן מיט דער ערשטער שיף קיין באַהיִאַ, און אויך דאָרט נישט בלײַבן, צוליב דעם איניען מיט דער ערד־מעסטונג. צוריקפאָרן קיין ריאָ קען ער נית, נאָר דער גאַנצער צאָפן איז פאַר אים אָפן, די פערנאַמבוקער צוקער־פּלאַנטאַציעס, די גומי־באַלעבאַטים פונעם אַמאַזאָנען־לאַנד. ער קען ווײַזן זײַנע פעיִקייטן אין פאַקער אין רעסיפע ווי אין בעלען אָדער אין מאַנאַאָס, און ווײַטער לעבן אָן קאָמפּליקאַציעס, נישט גערעכנט דעם כשאַד פון אַ מיטשפּילער, די געפאַר

באַזײַטיקט צו ווערן פונעם קאַסינאָ אָדער דאָס רופן אַמאָל אין פּאָליציי, אָן איבעריקע קאָנסעקווענצן. און אינעם צוג פאָרנדיק, באַשליסט קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס זיך אויפצוזעצן אַף דער ערשטער שיף. ער האָט מיט זיך פרײַע פון פופצן ביז זעכצן קאָנטאָס, גענוג אַף פאַרווײַלן זיך אַ שטיקל צײַט. נאָר ווען סיניאָ באַדאַראָ האָט זיך אויפגעכאַפּט און זשאָן האָט דערזען זײַנע אויגן, האָט ער זיך דערמאָנט אַף אַנאַ באַדאַראָס אויגן און ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס מיידל שפּילט אַ ראָל דערבײַ. ער האָט זיך די גאַנצע צײַט באַמיט צו קוקן אַף דעם איניען מיט זײַן ציניִשן אויפן מיצאַד דער מעגלעכקייט אַרײַנצוקריגן זיך, דורך דער כאַסענע, אין דער פאַמיליע פון די באַדאַראָ׳ס, אינעם פאַרמעגן פון די באַדאַראָ׳ס. נאָר איצט פילט ער, אַז ס׳איז נישט נאָר דאָס. ער פילט אַ נויטווענדיקייט אין איר, אין זיך האַסטיקייט, אָט אַ צאַרטע און אָט אַ שטרענגע, אַן אײַנגעשלאָסענע אין איר בסולעשאַפט, אָן קושן און אָן ליבע־כאַלוימעס. זי וועט קומען צום יאָנטעוו פון סאַאָ זשאָרזשע, האָט זי אים געשיקט זאָגן. פאַרוואָס זאָל ער ניט אָפּוואַרטן מיטן אוועקפאָרן ביז נאָכן יאָנטעוו, וואָס איז שוין נישט ווײַט? ביז דעמאָלט איז קיין געפאַר נישטאָ. די געפאַר איז סיניאָ באַדאַראָ׳, וואָס קען זיך אָנפרעגן אַף אים אין ריאָ. ע־ וועט זיך דעמאָלט זיכער נישט אויסדרייען פון דער נעקאָמע, וואָס די פּאָשעטע שפּירעוודיקע לײַט וועלן נעמען פון אים, און אַ גליק וועט זײַן אויב ער וועט אַרויס מיטן לעבן. ער קוקט אַפן רעוואָלווער־רער, נאָר סיניאָ באַדאַראָ׳ס אויגן ברענגען אים צו טראָגן אַהין דאָניאַ אַנאַ... קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס ווייס נישט וואָס צו טאָן. דער צוג פײַפט און גייט אַרײַן אינעם איליעוסער־וואָקזאַל.

אין אָוונט איז ער אוועק צו מאַרגאָטן, ער ברענגט איר אַ גרוס פון זשוקאַן. מאַרגאָט האָט זיך איבערגעצויגן. זי איז אוועק פון מאַשאַדאָאָס פּאַנסיאָן און האָט געדונגען אַ שטיבל, ווו זי וווינט איינע אַליין מיט אַ דינסט וואָס קאָכט און ראַמט אויף. אירע זאַכן זײַנען אָנגעקומען פון טאַבאָקאַס און איצט ווײַזט זי איר עלעגאַנץ איבער איליעוסער גאַסן. זי שפּאַצירט מיט איר באַשפּיצטן שירעמל צווישן דעם געמורמל פונעם אוילעם. אַלע ווייסן שוין, אַז זשוקאַ באַדאַראָ׳ וווינט מיט איר. די מיינונגען זײַנען צעטיילט מיקויעך דעם אויפן ווי אַזוי די זאַך איז צושטאַנד געקומען. באַדאַראָ׳ס מענטשן זאָגן, אַז זשוקאַ האָט זי צוגענומען בא וויר־

זשיליאַן, האַראַסיאַס מענטשן, ווידער, זאָגן, אַז ווירזשיליאָ האָט זי שוין
געהאַט אַוועקגעוואָרפן. נאָכן אַרטיקל פון „אָ קאָמערסיאָ” האָט מען נאָך
מער גענומען ריידן און באַדאַראָ'ס ווײַלער ווײַזן אָן אין גאַס אַף „דער
פרוי וואָס דאָקטאָר ווירזשיליאָ האָט שטודירט אַף אירע קאָסטן”. מאַרגאָט
טריומפירט, זשוקאַ האָט געעפנט אַ קרעדיט פאַר איר אין די קראָמען, די
קרעמער בייגן זיך פאַר איר און זײַנען זיס צו איר.

מאַרגאָט שטעלט אַוועק אַ שטול פאַר אים אינעם עס־צימער, דער קאַ־
פּיטאַן זעצט זיך אַוועק. ער נעמט אָן די קאַווע וואָס די דינסט האָט אַרײַנ־
געבראַכט און ער גיט איר איבער זשוקאַס בריוול. ער וועט קומען די אַנ־
דערע וואָך, ער וויל וויסן צי זי נייטיקט זיך אין עפּעס. מאַרגאָט באַשיט
דעם קאַפּיטאַן מיט פראַגן וועגן דער פאַזענדע. אויך זי פילט זיך באַלעַ־
באָסטע פון באַדאַראָ'ס פאַרמעגן. זי האָט שוין, קענטיק, אינגאַנצן פאַר־
געסן ווירזשיליאָן, זי דערמאָנט אים נאָר איין מאָל, ווען זי פרעגט זשאָן
צי ער האָט געלייענט דאָס אַרטיקל אין „אָ קאָמערסיאָ”.

— ווער עס מאַכט זיי מיר, דער צאָלט מיר פאַר זיי, — זאָגט זי.

דערנאָך נעמט זי לויבן מאַנועל דע אָליווייראַ, אַ שאַרפער מענטש,
מיט געהירן אין קאָפּ, און גיט צו:

— אַ כוץ דעם איז ער אַ לעביונג. כ'האָב נאָך אַזאַ פריילעכן מענטשן
נישט געזען. ער קומט שטענדיק אַהער מיר שאַפן געזעלשאַפט. ער איז אַ
רויסער וויצלער...

קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס גלייבט ניט אין דעם לויב. ווער ווייס צי
מאַרגאָט ליגט זיך ניט מיט דעם זשורנאַליסט ווען זשוקאַ איז נישטאָ?
און מאַכמעס ער פילט זיך, ווי זי, אַוואַנטוריסטיש און פרעמד צווישן די
ערד־מענטשן, האַלט ער פאַר זײַן כויוו איר צו ראָטן:

— ווילסט מיר זאָגן דעם עמעס? האָסט עפּעס מיט דעם אָליווייראַן?

זי לייקנט, נאָר אָן קראַפט:

— זעסט ניט, אַז...

— איך וויל דיר געבן מײַן ראָט; דו ווילסט מיר ניט זאָגן, איז ניט.
איך וויל עס נישט וויסן. נאָר זאָגן וויל איך דיר: היט זיך פאַר די באַדאַ־
ראָ'ס. מיט די מענטשן שפּילט מען זיך ניט. אויב דיר איז ליב דײַן פעלכ־
טראַכט אַפילע ניט פון געגאַרן אַ באַדאַראָ. מיט די לײַט שפּילט מען זיך
ניט.

ער זאָגט עס מאַרגאָטן און אויסן איז ער, דאכט זיך, זיך אַליין צו איבערציַיגן:

— גלײַכער ניט צו טראַכטן אפילע פון געגאַרן זיי.

## VIII

נישט ווײַט פונעם האַפן, אין אַ צווייטשטאָקיקן הויז, געפינט זיך דאָס עקספּאָרט־הויז „זודע אירמאַאָס ע קאָמפּ". אונטן איז אַ קאַקאַאָ־שפּײַכלער, אינעם אייבערשטן שטאָק זײַנען די ביוראָס. דאָס איז איינע פון די דרײַ אָדער פיר פירמעס, וואָס האָבן זיך גענומען אָפּגעבן מיט קאַקאַאָ־עקספּאָרט, אַ פּאָר יאָר נאָכדעם ווי ער האָט זיך גענומען אַנטוויקלען. פריִער, ווען די פּראָדוקציע איז נאָך געווען קליין, פלעגט זי אינגאַנצן פאַרברויכט ווערן אין לאַנד. נאָר ווען די פּלאַנץ איז זיך צעוואַקסן, האָבן טייל באַהיִער סאָחרים און אייניקע אויסלענדער, שווייצער און דײַטשן, געגרינדעט פירמעס צום עקספּאָרטירן קאַקאַאָ. צווישן זיי די פירמע פון די ברידער זודע, צוויי עקספּאָרטירער פון טאַבאַק און באַוול. געגרינדעט האָבן זיי אַן אָפּטיילונג פאַר קאַקאַאָ. די פיליאַלע האָבן זיי געעפנט אין איליעוס און האָבן אַהין געשיקט מאַקסימיליאַנאָ קאַמפּאָס, אַן אַלטן אָנגעשטעלטן, שוין מיט אַ ווײַסן קאָפּ, מיט אַ סאַך עקספּעריענץ. אין יענער צײַט האָבן די עקספּאָרטירער זיך געבויגן פאַר די קאָראָנעלן. די אָנגעשטעלטע און די פּאַרוואַלטער פלעגן זיך נייגן און בייגן מיט העפלעכקייטן; די באַלעבאַטים פלעגן גרייטן מיטאָגן פאַר די פאַזענדייראָס, ווען זיי פלעגן קומען אין דער הויפּטשטאָט, זיי פירן אין די קאַבאַרעטן און באָרדעלן. געווען זײַנען זיי נאָך קליין, די עקספּאָרט־הײַזער פון קאַקאַאָ, זיי פלעגן ביכלאַל זײַן קליינע אָפּטיילונגען פון גרויסע עקספּאָרט־הײַזער פאַר טאַבאַק, קאַווע, באַוול און קאָקוסן.

דעריבער אויך הייבט זיך איצט שנעל אויף דער פּאַרוואַלטער מאַקסימיליאַנאָ קאַמפּאָס ווען סיניאָ באַדאַראָ' קומט אַרויף די שטיגן פון „זודע אירמאַאָס ע קאָמפּ". און גייט אים אַנטקעגן דריקן די האַנט.

— סאַראַ ליבע איבעראַשונג, קאָראָנעל!

ער דערלאַנגט אים דעם בעסטן שטול צום זיצן, זײַנעם, און אַליין זעצט ער זיך באַשײדן אַוועק אַף איינעם פון די שטרויענע שטולן:

— שוין לאַנג איַיך נישט געזען! מען זעט איַיך נאָר ווען מען קומט צו איַיך פאַרהאַנדלען מיקויעך דעם שניט.

— כ'בין געווען אין דער פאַזענדע, געאַרבעט.

— און ווי גייט עס, קאָראָנעל? וואָס דענקט איר וועגן הייַיאָריקן שניט? ער וועט ווייַט איבערשטיַיגן, דאַכט מיר, דעם פאַראַיאָריקן, ע? מיר, דאָ, האָבן שוין ביז הייַנטיקן כוידעש אויפגעקויפט מער קאַקאַאָ וויפל דעם גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר. אי דאָס האָבן נאָך טייל שטאַרקע פאַזענ־דייראָס, ווי איר, נישט פאַרקויפט דעם שניט.

— צוליב דעם קום איך איצט, — זאָגט סיניאָ.

מאַקסימיליאַנאָ קאַמפּאָס ווערט נאָך העפלעכער:

— איר האָט באַשלאָסן נישט וואַרטן אף העכערע פּרייַזן? גוט טוט איר, מיין איך. איך גלייב ניט קאַקאַאָ זאָל הייַיאָר צאָלן מער ווי פּערצן מיל־ייַס דאָס מעסטל. פאַר פערצן מיל לוינט זיך אויך בעסער פלאַנצן קאַקאַאָ איידער גיין הערן אַ געזונגענע מעסע, — ער לאַכט פון זייַן אייַ־גענעם פאַרגלייַך.

און איך גלייב, אַז ער וועט צאָלן טייַערער, סעו מאַקסימיליאַנאָ. איך גלייב ער וועט צאָלן ווינציקסטנס פופצן, סאַף שניט. ווער עס קען אייַנ־האַלטן זייַן קאַקאַאָ, וועט פאַרדינען אַ סאַך געלט. די פּראָדוקציע קלעקט נאָך נישט פאַר אַלע וואָס ווילן אים האָבן. מען זאָגט, אַז בלויז אין נאָרד אַמעריקע...

מאַקסימיליאַנאָ דרייט מיטן קאָפּ:

— ס'איז עמעס, אַז מען זעצט אַפּ וויפל נאָר קאַקאַאָ עס איז פאַראַן, נאָר וואָס שייַעך פּרייַזן, קאָראָנעל, איז עס דערווייַל די זאַך פון די אויס־לענדער. אונדזער קאַקאַאָ איז נדאָ דערווייַל גאַרנישט אַקעגן דעם קאַקאַאָ פון קאָסטאַ ד'אָראָ. דעם פּרייַז שטעלט ענגלאַנד. ווען איר וועט האָבן פאַר־פלאַנצט די גאַנצע ערד דאָ, ווען איר וועט האָבן אויסגעהאַקט דעם גאַנצן וואַלד, וואָס איז נאָך דאָ פאַראַן, וועט מען עפשער קענען אַרויפצווינגען אונדזערע פּרייַזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

סיניאָ באַדאַראָ' שטעלט זיך אויף, די באָרד פאַרשטעלט אים דעם קראַוואַט און דאָס הערצל פונעם העמד:

— אָט דאָס וויל איך טאָן, סעו מאַקסימיליאַנאָ. איך וועל אויסהאַקן דעם סעקייראָ גראַנדער וואַלד און וועל פאַרפלאַנצן קאַקאַאָ. אין פינף יאָר

אָרום פאַרקויף איך אײַך מײַן קאַקאַאָ פון יענער ערד און מען וועט אַרויפצווינגען פרײַזן פון דאַנען.

מאַקסימיליאַנאָ ווייס עס שוין. ווער ווייס דען ניט אין איליעוס פון באַדאַראָ'ס פּלענער מיקויעך סעקיירא גראַנדער וואַלד? מען ווייס אָבער אויך, אַז די זעלביקע פּלענער האָט האַראַסיאָ. און מאַקסימיליאַנאָ זאָגט עס אים. סיניאָ באַדאַראָ' דערקלערט אים:

— דער וואַלד איז מײַנער; איך קום ערשט פון רעגיסטרירן דעם אייגנטום־שײַן באַם נאָטאַריוס אָדמינאָ רעיס. ער איז מײַנער און זוי וועט זײַן דעם וואָס וועט זיך וועלן רוקן...

ער זאָגט עס מיט איבערצײַגונג און מאַקסימיליאַנאָ קאַמפּאָס טרעט אָפּ פאַר סיניאָ באַדאַראָס אויסגעשטרעקטן פינגער. נאָר באַדאַראָ צעלאַכט זיך און לייגט פאַר ריידן וועגן געשעפט.

— איך וויל פאַרקויפן מײַן שניט. איך פאַרקויף אײַך שוין איצט צוועלף טויזנט מעסטלעך... יד פרײַז שטייט הײַנט פערצן טויזנט מיט צוויי הונדערט רײַסן דאָס מעסטל... דאָס באַטרעפט הונדע)־ט און זיבעציק קאָנטאָס. מאַסקים?

מאַקסימיליאַנאָ הייבט אויף דעם קאָפּ און טוט אוים די ברילן:

— און צאָלן?

— איך וויל איצט קיין געלט נישט. איך וויל נאָר איר זאָלט מיר עפענען אַ קרעדיט אַף דעם געלט; איך וועל עס דאַרפן אַף אויסהאַקן דעם וואַלד און פאַרפלאַנצן די פעלדער. איך וועל עס אַרויסנעמען וואָכנטלעך

— הונדערט און זיבעציק קאָנטאָס מיט פיר הונדערט מילרייס, — מאַכט מאַקסימיליאַנאָ דעם כעשבן.

זיי שמועסן וועגן די פּראָטים פונעם אָפּמאַך. זײַט אייניקע יאָר ווי די באַדאַראָ'ס פאַרקויפן זייער קאַקאַאָ צו „זודע אירמאַאָס ע קאָמפּ". און מיט קיין שום אַנדערע קליענטן האָט נישט דאָס עקספּאָרט־הויז אַזוי פיל אײַנגזען ווי מיט די ברידער באַדאַראָ'.

סיניאָ געזעגנט זיך. מאָרגן וועט ער קומען אונטערשרײַבן דעם קאָנ־טראַקט אַפן פאַרקויף. און פאַרן אַרויסגיין זאָגט ער:

— געלט צום אויסהאַקן דעם וואַלד און פאַרפלאַנצן מיט קאַקאַאָ סעו מאַקסימיליאַנאָ, — ער איז ערנסט, גלעט זיך די באָרד און די אויגן באַ אים זײַנען האַרט.

מאקסימיליאנא געפינט ניט וואס צו זאגן און פרעגט:

— און אייער טאכטער, דאניא אנא, וואס מאכט?

סיניאס פאנעם ווערט אן די גאנצע הארטקייט און צעשמייכלט זיך:

— א פרייל געווארן... און א שיינע! וועט אין גיכן באסענע האבן.

מאקסימיליאנא קאמפאס באגלייט דעם קאראנעל אראפ די שטיגן, און גייט צוריק ערשט פונעם טראטואר, מיט א לאנגן האנט־דרוק:

— כ'ווינטש א סאך גליק אייער פאמיליע, קאראנעל!

סיניא באדארא' גייט אריבער ביזן מיטן גאס מיט דער האנט באם הוט און ענטפערט אף די באגריסונגען וואס ער באקומט פון אלע זייטן. אנדערע גייען אריבער די גאס אים צו גריסן.

## IX

די גלעקער קלינגען אינעם פייערלעכן פארנאכט פונעם סאא זשאר־זשע־טאג. דאס איז דער גרעסטער יאנטעוו אין איליעוס, דער יאנטעוו פון דער שטאטס הייליקן שיצער. בעייסן אקט וואס איז אין דער פרי פאר־געקומען אין דער שטאט־פארוואלטונג, האט דער פרעפעקט דערמאנט יע־נעם זשארזשע דא פיגערײידא קאריירא, וואס האט געשאנקען דאס הויז דעם איליעוסער שטאטראט און האט דארט אוועקגעשטעלט די ערשטע פרימיטיווע פלאנטאציעס, צוקער־פלאנטאציעס, וואס די אינדיער האבן צעשטערט. און ער האט פארגליכן צו אים די שפעטער געקומענע, וואס האבן געבראכט די קאקאא־פלאנץ. דאקטאר זשענארא האט אויך גע־האלטן א רעדע פול מיט פרעמד־שפראכיקע ציטאטן, וואס דער גרעסטער טייל אוילעם האט ניט פארשטאנען.

בא די אפיציעלע פייערונגען נעמען געוויינלעך הארסיאס מענטשן קיין אנטייל נישט, נאר היינט זיינען זיי אלע דא; אין שווארצע פראקן אנגעטאן, ציען זיי זיך איבער די גאסן צו דער קאטעדראלע, פון וואנען די סאא זשארזשע־פראצעסיע וועט ארויסגיין און וועט דורכגיין די וויכ־טיקסטע איליעוסער גאסן.

דער קאנאניקער פרייטאס באמיט זיך שטענדיק צו שטיין העכער די פאליטישע כילוקעדייעס צווישן די גרויסע קאראנעלן. ער מישט זיך אין זיי נישט אריין, ער איז גוט מיט די באדארא'ס און מיט הארסיאן, מיט

דעם איליעוסער פּרעפעקט און מיט דעם דאָקטער זעזע. ווען ער מאַכט אַ זאַמלונג לעטיוועס דער שול פֿון די מאָנאַשקעס, מאַכט ער צוויי זאַמלבויגנס, קעדיי ניט סיניאָ באַדאַראָ' און ניט האָראַסיאָ זאָלן דאַרפֿן אונטערשרײַבן אויפֿן צווייטן אָרט. ביידע זײַנען זיי צופֿרידן ווען זיי באַקומען דעם בויגן ריין פֿון אונטערשריפֿטן און יעדער איינער טראַכט זיך אַז ער איז דער ערשטער זײַן נאָמען אַוועקצושטעלן. אָט די פֿלינקע פּאָליטיק פֿירט דערצו, אַז אַרום קלויסטער זאָלן ביידע צדדים, די רעגירונג און די אָפּאָזיציע, זײַן אייניק. בכלל איז דער קאַנאָניקער פּריטאַס גענוג ליבעראַל, און ער מאַכט קיינמאָל קיין ווערע ניט דערפֿון וואָס די מערסטע גרויסע קאָראָנעלן זײַנען אָנגעשלאָסן אין דער מאַסאָנען־לאָזשע. עמעס, ער העלפֿט סיניאָ באַדאַראָ' אין זײַן קאַמף וואָס ער פֿירט קעגן דעם מאַסאָנענטום וואָס האָט אויסגעוויילט פֿאַר גרויסמײַסטער האָראַסיאָן), נאָר ניט אָפֿן, אַלץ הינטער די קוליסן. אָפֿן קעמפֿט ער בלויז קעגן דעם קולט פֿון די ענגלענדער, די פּראָטעסטאַנטישע קירך. אײנעם איבעריקן האַלט ער גלײַכגעוויכט. אין די נײַן טעג פֿון סאַאָ אַנטאָניאָ פּאַטראָניזירט זשוקאַ באַדאַראָ'ס פֿרוי אָדער דאָניאַ אַנאַ די לעצטע פֿון די נײַן מעסעס, אויב האָראַסיאָס פֿרוי פּאַטראָניזירט די ערשטע, און ביידע קאָנקורענטן פֿלײַסן זיך איבערצושטײַגן איינער דעם צווייטן מיט דעם לוקסוס פֿון באָמבעס און ראַקעטן, אין די נעכט ווען זייערע ווײַבער האָבן די קוואַטערשאַפֿט איבער די נײַן מעסעס. אין מײַ איז ער איינע מעכאַבעד מיט דער געזונגענער מעסע בעיִם די צווייטע האַלט די וואַך איבערן אַלטאַר. ווען ער קען שפּילט ער אַף דער קאָנקורענץ, און ווען דאָס ניצט אים זוכט ער דעם שאָלעם צווישן זיי.

אַקעגן דעם קאַטעדראַלע־פּלאַץ שטייען די מענער אין די פֿאַרשפּיליעטע שוואַרצע פֿראַקן און וואַרטן די ווײַבער זאָלן אַדורכגיין אין קלויסטער אַרײַן. עסטער גייט דורך געאָרעמט מיט האָראַסיאָן, זייער עלעגאַנט אין אַ קלייד וואָס דערמאָנט איר די צײַט ווען זי האָט געלערנט אין דער באַהיַער מיידל־שול. ווירזשיליאָ זעט זי דורכגיין און נעמט אַראָפּ דעם הוט צום גריסן. האָראַסיאָ ענטפֿערט מיט אַ האַנט אין דער לופֿטן; עסטער גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

דער אוילעם אַרום שושקעט זיך איבער, מיט בײַסיקע שמייכלעך. באַלד דערנאָך גייען סיניאָ און זשוקאַ באַדאַראָ'. סיניאָ געאָרעמט מיט דאָ־

ניאַ אַנאַ, זשוקאַ לעבן זײַן פרוי. קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס — וואָס טראָגט, קימאַט אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע און טיילט זיך סקאַנדאַליעז אויס מיט זײַן אַש־קאָלירטן פראַק — נעמט אַראָפּ דערבײַ זײַן קעסל־הוט און פאַרנייגט זיך טיף. דאָניאַ אַנאַ פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט דעם פאָכער; סיניאָ טראָגט צו די האַנט צום הוט, זשוקאַ גיט אַ רוף:

— האָלאַ, קאַפּיטאַן!

— זיי פלירטעווען, — רופט זיך אָן אַ מיידל.

דאָקטער זעזע קומט צו לויפן אַ פאַרשוויצטער. ער שטעלט זיך אָפּ עפּעס זאָגן ווירזשיליאָן און לויפט ווײַטער. דאָקטאָר זשענאַראָ שטעלט ערנסט און פײַערלעך ריטמישע טריט און קוקט צו דער ערד. עס גייט דער־נאָך דער פּרעפעקט, עס גייען מאַנעקאַ דאַנטאַס, דאָניאַ אַווריסידיאַ און די קינדער; טעאָדאָראָ דאַס באַראַונאַס איז געקליידט ווי שטענדיק, נאָר אַנשטאָט די שטיוול מיט די כאַקי־באָמבאַטשן, טראָגט ער ווײַסע שטײַף־געפּרעסטע הויזן. אויפן פינגער בליאַסקעט בײַ אים זײַן ריזיקער בריליאַנט. אויך מאַרגאָט איז דאָ, נאָר אין קלויסטער גייט זי ניט אַרײַן. זי בלײַבט אין אַ ווינקל פּלאַץ שמועסן מיט מאַנועל דע אָליוויירא. ווײַבער ווינקען זיך איבער און שמועסן וועגן אירע קליידער און מאַנירן.

— ס׳איז זשוקאַ באַדאַראָ׳ס נײַע געליבטע, — רופט זיך עמעצער אָן.

— מען זאָגט זי איז פריִער געווען די געליבטע פון דאָקטאָר ווירזשיליאָ.

— איצט האָט ער עפּעס בעסערס.

מען לאַכט. פאַראַן אויך באָרוועסע, נאָר יענע שטייען באַזונדער. דער אוילעם איז צו גרויס ווערליק דעם קלויסטער, צו גרויס ווערליק דעם פּלאַץ, און ער צעשיט זיך איבער די גאַסן. דער קאַנאָניקער פּרייטאַס מיט נאָך צוויי גאַלאָכים גייען אַרויס פאַר דער קלויסטער־טיר און נעמען אויס־שטעלן די פּראָצעסיע. צוערשט קומט אַרויס אַן אַלטאַר מיט דעם קינד יעזוס, אַ קליינע סטאַטועטקע. עס טראָגן אים קינדער, אין ווײַסן געקליידט, פיר קינדער אונטערגעקליבענע פון די בעסטע פאַמיליעס. אויך מאַנעקאַ דאַנטאַסעס אַ יינגל. דער אַלטאַר לאָזט זיך גיין צו דער גאַס, קעגנאיבער דער קאַטעדראַלע. אַפריִער גייט אַ קאַפּעליע מוזיק. הינטן גייען אין אוני־פאָרמען די שולן אונטערן בליק פון די לערערקעס. ווען דאָס פּלאַץ ווערט אָפּגעליידיקט, קומט אַרויס דער אַלטאַר מיט דער בסולע מאַריאַ, אַ סאַך

אַ גרעסערער. אים טראָגן שטאָטישע מיידלעך, צווישן זיי דאָניאַ אַנאַ. ווען זי גייט פאַרביַי זשאָן מאַגאַליאַינס, טוט זי אַ קוק אַף אים און שמייכלט. דער קאַפּיטאַן געפינט אויס אַן ענלעכקייט צווישן איר מיט דער בסולע פונעם אַלטאַר, כאָטש זי איז אַ ברונעטקע און די בסולע איז אַ פאַרצער־ליַיען־בלויע. די מוזיק־קאַפּעליע און די שול־קינדער זיַינגען שוין וויַיט אַרויס. די מענער אַפן טראָטואַר שטייען מיט די שירעמס אין די הענט. הינטערן אַלטאַר מיט דער בסולע גייען די שילערקעס פון דער מאָנאַשקע־שול, אין וויַיסן געקליידט מיט בלויע בענדער פון די קאָנגרעגאַציעס אַפן האַלדז. איצט קומען די וויַיבער. זשוקאַס פרוי געאָרעמט מיט איר מאַן; עסטער מיט אירער אַ כאַוועוטאָרן, די פרוי פון מאַנעקאַ דאַנטאַס, דאָניאַ אַווריסידיאַ, וואָס אַלץ איז באַ איר שיין. מען מאַכט פלאַץ און עס קומט אַרויס אַף אַ פערד, ווי ער האַרגעט דעם דראַקאָן, דער הייליקער זשאָרזשע, אַ ריזיק גרויסער, אַ רייַך פאַרפוצטער און אַ ריַיטנדיקער. מען טראָגט אים אַף שטאַנגען, פון פאָרנט האָראַסיאָ און סיניאָ באַדאַראָ׳ און פון הינטן דאָקטאָר זשענאַראָ און דאָקטער זעזע. די צוויי שמועסן צווישן זיך ווי צוויי פריַינט, נאָר האָראַסיאָ מיט סיניאָן קוקן זיך אַפילע נישט איבער; זיי שפאַנען ערנסטע מיט די בליקן פאַר זיך, מיט סימעטרישע טריט. אַלע פיר טראָגן רויטע טוניקס אַף זייערע שוואַרצע פּרעק.

הינטן גייט דער קאַנאָניקער פרייטאַס מיט נאָך צוויי גאַלאָכים פון ביידע זיַיטן. און נאָך זיי אַלע כאָשעווע ליַיט: דער פּרעפעקט, דער קאָמי־סאַר, דער ריכטער, דער פּראָקוראָר, טייל אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, אַג־ראָנאָמען, קאָראָנעלן און סאָכרים; מאַנעקאַ דאַנטאַס און פעריירינ‍יאַ, טע־אָדאָראָ און דאָקטאָר רוי. הינטער זיי גייט דער האַמוין, פרומע וויַיבער, שטעטלשע, זינדיקע פון דער קאָלאָניע זעט 21, גאַסן־אַרבעטער, מענער אין שמאַטעס, פרויען מיט די שיך אין די הענט, וואָס האָבן אַ נײַדער געגעבן דעם הייליקן.

די קאַפּעליע פּיַיקלט אויס אַ סיגנאַל און די פּראָצעסיע לאָזט זיך גיין פּאַמעלעך און געאָרדנט.

קימאַט איינציַיטיק גייען אַראָפּ פונעם טראָטואַר דאָקטאָר ווירזשיליאָ און קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס און שטעלן זיך אַוועק הינטערן אַלטאַר פון דער בסולע. זשוקאַ באַדאַראָ׳ און ווירזשיליאָ גריסן זיך קאַלט, דער קאַפּיטאַן קומט צו און איז זיי מעכאַבעד מיט צוקערלעך וואָס ער האָט

געקויפט. דאָניאַ אַנאַ קוקט זיך אום ווען זי דערהערט ריידן דעם קאַפּי־טאַן און גיט נישט ווילנדיק אַ וויג דעם אַלטאַר. די אַנדערע לאַכן שטיל. אַ גרופּע מענער וואָס איז געקומען זען די פּראָצעסיע, פורעמט זיך אויס ארום מארגאַטן. ווען דער אַלטאַר מיט דעם הייליקן זשאָרזשע גייט זיי פאַרביי, רופט זיך איינער אָן:

— ווער וואָלט עס זאָגן! קאָראָנעל האָראַסיאָ אינאיינעם מיט סיניאָ באַדאַראָ', איינער לעבן צווייטן. און דאָקטער זעזע מיט דאָקטאָר זשענאַ־ראָ... ניסים געשעען.

מאַנועל דע אָליווייראַ פּאַרגעסט אַ מינוט, אַז ער איז רעדאַקטאָר פון באַדאַראָ'ס בלאַט און זאָגט:

— יעדערער פון זיי בעט דעם הייליקן ער זאָל אים דערהאַרגענען דעם צווייטן. זיי בעטן און דראָען.

מאַרגאָט צעלאַכט זיך, אויך די אַנדערע לאַכן, און אַלע שליסן זיך אָן צו דער פּראָצעסיע, וואָס ציט זיך לאַנגזאַם ווי אַ ריזיקע שלאַנג איבער די שמאָלע איליעוסער גאַסן. ראַקעטן קנאַלן אין דער לופט.

# דער קאַמף

## I

פון וואַנען טראָגט זיך אָט דאָס דרימבלען אַף דער גיטאַרע אין דער אָן־לעוואָנעדיקער נאַכט? ס'איז אַ טרויעריק געזאַנג, אַ פאַרבענקטער ניגן וואָס דערציילט פון טויט. סיניאָ באַדאַראָ' האָט זיך ביז איצט גאָר קיינמאָל נישט פאַרטראַכט איבער דעם טרויער פון דער מוזיק, פון די לידער וואָס נעגערס, מולאַטן און ווײַסע אַרבעטער זינגען אַף דער קאַקאַאָ־ערד. נאָר איצט, ווען ער רײַט דאָ אַף זײַן שוואַרצן פערד, נעמט אים דורך די מוזיק אַף דורך און דורך און, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, דערמאָנען זיך אים די געשטאַלטער אָפּן בילד וואָס הענגט בײַ אים אין זאַל פונעם גרויסן הויז. זי מוז אַוודע קומען, די מוזיק, פון ערגעץ אַ פעלד, פון אַ הויז צווישן די קאַקאַאָ־ביימער. ס'איז אַ מענעריש קאָל; סיניאָ פאַרשטייט נישט פאַרוואָס פאַרלירן די נעגערס אַ טייל פון דער נאַכט מיט דעם גערימפּל אַף די גיטאַרעס, ווען זיי האָבן אַזוי ווייניק צײַט אַף שלאָפן. נאָר דאָס געזאַנג גייט אים נאָך אַף אַלע אויסבייגן פונעם וועג; צו מאָל נישט מער ווי אַ געמורמל הייבט זיך עס פּלוצעם אויף ווי פון זייער נאָנט:

אָן אַ האָפענונג איז מײַן גורל...
צו אַרבעטן טאָג ווי נאַכט...

הינטער זיך הערט סיניאָ באַדאַראָ' דעם געלאַף פון די אייזלען, אַף וועלכע עס רײַטן זײַנע קאַפאַנגאָס. דרײַ זײַנען זיי: דער מולאַט ווירִיאַטאָ, דער הויכער און דינער טעלמאַ, מיט אַ זיכערן ציל און אַ ווײַבערשן קאָל, און קאַסטיטאַ, דער וואָס האָט דערשאָסן דעם קאָראָנעל זשאַסינטאָ. זיי שמועסן צווישן זיך: דאָס נאַכט־ווינטל ברענגט אים רעשטן פון זייער געשפּרעך:

— דער מענטש האָט אַרײַנגערוקט די האַנט אין דער טיר, אַ שרעק...
— ער האָט אויסגעשאָסן?
— ער האָט שוין קיין צײַט ניט געהאַט...
— דאָרט וווּ עס איז פֿאַראַן אַ פֿרוי, ענדיקט זיך עס שטענדיק מיט אומגליק.

וואָלט דער נעגער דאַמיאַן דאָ געווען, וואָלט אים סיניאָ צוגערופֿן און ער וואָלט צוגעקומען און סיניאָ וואָלט אים דערציילט פֿון זײַנע פּלע־נער און דער נעגער וואָלט זיי שווײַגנדיק אויסגעהערט, צוגעשטימט מיט זײַן ריזן־קאָפּ. נאָר דאַמיאַן גייט איצט אום אויף די קאַקאַאָ־וועגן אַ גע־רירטער פֿונעם זינען, און וויינט און לאַכט ווי אַ קינד, און סיניאָ האָט געמוזט אָנווענדן זײַן גאַנצע ענערגיע ניט צו דערלאָזן אַז זשוקאַ זאָל דעם נעגער הייסן דערשיסן. איין מאָל איז ער פֿאַרבײַגעגאַנגען די פֿאַזענדע און האָט געפּיקעט. ווער עס האָט אים דעמאָלט געזען האָט געזאָגט, אַז עס איז אים ניט צו דערקענען, אַן אויסגעצערטער, אַ פֿאַרבלאָטיקטער, די אויגן אײַנגעזונקען און מורמלט עפּעס וועגן טויטע קינדער אין ווײַסע קאַסטנס פֿאַר מלאָכים. אַ ווילער נעגער, און סיניאָ פֿאַרשטייט ניט וואָס איז מיט אים געשען יענע נאַכט וואָס ער האָט פֿאַרפֿעלט דעם ציל אַקעגן פּירמאָן. זאָל ער זײַן געווירט פֿון זינען? דאָס געזאַנג וואָס דערהערט זיך ווידער באַם פֿאַרקירעווען, ברענגט אים אויפֿן געדאַנק יענעם פֿאַרנאַכט? סיניאָ באַדאַראָ׳ דערמאָנט זיך דאָס בילד אויף דער וואַנט בײַ אים אינעם גאַסט־זאַל: דאָס פּויער־מיידל און די פֿאַסטעכער, שאַלווע, בלוי, און דודעס שפּילן. דאָס מוז זײַן אַ פֿריילעכע מוזיק, מיט זיסע ליבע־ווערטער. אַ מוזיק צום טאַנצן; דאָס מיידל האַלט אַ פֿוס אין דער לופֿטן, ווי צום טאַנצן. דאָס מוז ניט זײַן ווי די, אַ מוזיק ווי צו אַ לעווײַע:

מײַן לעבן איז ווי אויפֿן אוילעם האַטויע.
ווי כ׳בין געקומען, האָט מען מיך צוגעבונדן
מיט קייטעלעך פֿון קאַקאַאָ...

סיניאָ באַדאַראָ קוקט זיך אײַן אויף די זײַטן וועג. ערגעץ מוז דאָ זײַן אַן אַרבעטער־שטוב, און עפּשער שנײַדט זיך גאָר אַ מענטש מיט דעם פֿעלד, מיט דער גיטאַרע אָנגעהאַנגען און ער מאַכט זיך קירצער דעם וועג מיט דעם געזאַנג? שוין אַן ערעך פֿופֿצן מינוט ווי דאָס געזאַנג באַגלייט דעם קאָרטעזש און דערציילט אַלץ וועגן לעבן אויף דער ערד, וועגן אַרבעט

און טויט, ווען גורל פון מענטשן, וואָס דער קאַקאַאָ האָט זיי אַרײַנגעכאַפּט. נאָר סיניאָ באַדאַראָ׳ס אויגן, געוויינטע צו דער נאַכט־פינצטערניש, זעען ניט אין ערגעץ קיין שײַן. בלויז די וואָרזאָגערישע אויגן פון אַ סאָווע, וואָס האָט אַ שאַרפן גרילץ געטאָן. דאָס מוז זינגען אַ מענטש, וואָס שנײַדט זיך דאָ ערגעץ נאָענט מיט דעם פעלד. ער מוז זיך קירצער מאַכן דעם וועג מיט דעם געזאַנג; און ער פאַרלענגערט דעם וועג פון סיניאָ באַדאַראָ צו זיך אַף דער פאַזענדע. סאַקאָנעדיקע וועגן. נישטאָ איצט מער קיין רו אַף די וועגן אַרום סעקייראָ גראַנדער וואַלד. אין יענעם אָוונט, ווען ער האָט געשיקט דעם נעגער דאַמיאַן אָפּראַמען פירמאָן פון וועג, האָט ער נאָך געהאַט אַ האָפענונג, איצט איז שוין שפּעט, איצט איז די מילכאָמע אַ דערקלערטע; האָראַסיאָ וועט אַרײַן אינעם סעקייראָ גראַנדער וואַלד, ער גרייט מענטשן, ער האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס אין איליעוס און פאָדערט דאָס רעכט אַף דער ערד. דאָס מיידל אַפן אײראָפּעיִשן פעלד טאַנצט אַף איין פוס; סיניאָ באַדאַראָ׳ האָט נאָך אַ האָפענונג. דאָס געזאַנג — באַשטימט קומט עס פונעם וועג איבערן פעלד — ווערט אַלץ נענטער, הערט זיך אַלץ העכער, אַלץ טרויעריקער:

וועןן איך וועל שטאַרבן

טראָגט מיך אין אַ וויגעדיקער נעץ...

עס וועלן איצט נעמען גיין די האַמאַקן איבערן וועג; די סצענע וועט זיך איבערכאַזערן נאַכט נאָך נאַכט. און בלוט וועט רינען פון זיי און וועט באַגיסן די ערד. ס׳איז נישט קיין ערד פאַר טענץ און בלויע פאַסטעכער, מיט רויטע מיצלעך. ס׳איז אַ שוואַרצע ערד, פאַר קאַקאַאָ גוט, די בעסטע אין דער וועלט. דאָס קאָל הערט זיך נאָך נענטער, דאָס ליד פון טויט:

ווען איך וועל שטאַרבן

באַגראָבט מיך בײַ דעם זוים פון וועג...

באַם וועג שטייען צלאָמים אָן נעמען. מענטשן וואָס זײַנען געפאַלן פון אַ קויל אָדער פונעם פיבער, אויך פון אַ מעסער, אין אַ פאַרברעכןנאַכט אָדער פון קראַנקייט. נאָר די קאַקאַאָ־ביימער וואַקסן אויף און גיבן פרוכט; סעו מאַקסימיליאַנאַ האָט געזאָגט, אַז דעם טאָג ווען די וועלדער וועלן זײַן באַפלאַנצט, וועלן זיי דיקטירן אַף די נאָרד־אַמעריקאַנער מערק. זיי וועלן האָבן מער קאַקאַאָ ווי די ענגלענדער; אין ניו־יאָרק וועט מען קענען דעם נאָמען פון סיניאָ באַדאַראָ, דעם באַלעבאָס פון די קאַקאַאָ־

פֿאַזענדעס אין סאַאָ זשאָרזשע דאָס איליעוס. רײַכער פֿון מיסאַעלן... באַם זוים פֿון וועג וועט ליגן האָראַסיאָ; מיט צלאָמים אָן נעמען וועלן ליגן פֿירמאָ און בראַז, זשאַרדע און זע דאַ ריפֿאַרא. אַזוי האָבן זיי אַמאָל געוואָלט; סיניאָ באַדאַראָ׳ וואָלט בעסער וועלן עס זאָל זײַן ווי אַפֿן בילד, ווי אַ טאַנץ, אַלע פֿריילעך, די מענער מיט זייערע דודעס, אַפֿן בלויען פֿעלד. שולדיק איז האָראַסיאָ... וואָס רוקט ער זיך אַף פֿעלדער וואָס זײַנען נישט זײַנע, וואָס קענען געהערן נאָר צו די באַדאַראָ׳ס, וואָס קיינער קען זיך נישט דערוועגן זיי צו באַשטרײַטן? דאָס האָט האָראַסיאָ אַזוי געוואָלט; ווען עס באַלאַנגט אָן אים, סיניאָ באַדאַראָ, וואָלט געווען יאָנטעוו, דאָס מיידל מיט דעם פֿוס אין דער לופֿטן, וואָלט אַוועק טאַנצן איבערן בלוטיקן פֿעלד... עס וועט אַמאָל זײַן ווי אַף די אייראָפּעיִשע פֿעלדער... סיניאָ באַדאַראָ צעגיסט אַ שמייכל איבער דער באָרד; אויך ער זעט די צוקונפֿט, ווי די קאָרט־נוואַרפֿער און די וואָרזאָגער, אַפֿן אויסבייג פֿונעם וועג ווו ער קומט זיך צונויף מיט דעם קווערשניט, באַווײַזט זיך דער מענטש מיט דער גיטאַרע.

ווען איך וועל שטאַרבן
באַגראָבט מיך אונטער אַ קאַקאַאָ־בוים...

נאָר דאָס צלאַפּען פֿון די רײַטער אַפֿן וועג פֿאַרטויבט דאָס קאָל פֿונעם זינגער און סיניאָ באַדאַראָ׳ באַדויערט איצט זײַן טאָעס. ער זעט שוין ניט דאָס פֿויער־מיידל טאַנצן אַף דער קאַקאַאָ־ערד, די באַפּלאַנצטע וועלדער, די פֿרײַזן דיקטירטע אין איליעוס. ער זעט בלויז דעם מענטשן גיין, די פֿינגער נאָך אַף דער גיטאַרע, די פֿיס גוויוער זײַן דעם בלאָטיקן וועג. ער טרעט אָפּ פֿונעם וועג אַף דורכלאָזן סיניאָ באַדאַראָ מיט זײַנע מענטשן.

— גוטן אָוונט, באַלעבאָס...

די מענטשן ענטפֿערן אין כאָר:

— פֿאָר געזונט...

— זאָל גאָט דער האַר באַגלייטן וואָסמיסע...

דאָס געזאַנג ווערט איצט אַלץ ווײַטער; אַלץ ווײַטער דרימבלט איצט דער מענטש אַף זײַן גיטאַרע. באַלד וועט זיך שוין אײַנגאַנצן נישט הערן דאָס קאָל וואָס זינגט דאָס טרויער־ליד, וואָס באַקלאָגט זײַן לעבן און בעט מען זאָל אים באַגראָבן אונטער אַ קאַאַקאָ־בוים. זיי זאָגן, די שלײַמיקייט פֿון דעם ווייכן קאַקאַאָ בינדט דאָ אַזוי צו די מענטשן. סיניאָ באַדאַראָ׳

ווײַס גיט פֿון עמעצן וואָס זאָל האָבן צוריקגעפֿאָרן. ער האָט געהערט אַ סאַך זיך קלאָגן, ווי דער דאָזיקער נעגער; זיי קלאָגן זיך טאָג ווי נאַכט, אין די הײַזער, אין די שענקלעך, אין די קאַנטאָרן, אין די קאַבאַרעטן; זיי זאָגן ס'איז אַ לאַנד אָן גליק, ס'איז די עק וועלט, אָן פֿאַרווײַלונג, אָן פֿרייד, ווו מען האַרגעט מענטשן פֿאַר גאָרניט, ווו הײַנט איז מען רײַך און מאָרגן אָרעמער פֿון אַ יִעוון. סיניאָ באַדאַראָ קען אַ סאַך אַזעלכע קלאָגער; ער האָט די פֿלוידערײַען געהערט שוין צענדליקער מאָל; ער האָט שוין געזען מענטשן פֿאַרקויפֿן זייערע פֿעלדער, צונויפֿנעמען זייער געלט און שווערן, אַפֿן וועג שטייענדיק, אַז זיי וועלן צוריק נישט קומען. זיי פֿאָרן קיין איליעוס אָפּוואַרטן די ערשטע שיף קיין באַהאַ. אין באַהיאַ האָבן זיי פֿון אַלץ, אַ גרויסע שטאָט, רײַכע געשעפֿטן, באַקוועמע הײַזער, טעאַטער און טראַמווײַען מיט אײזלען. פֿאַראַן איז דאָרט פֿון אַלץ; דער מענטש האָט געלט אין קעשענע, גרייט צו געניסן פֿונעם לעבן. נאָר איידער די שיף גייט אָפּ, איז דער מענטש שוין דאָ צוריק; די שליימיקייט פֿונעם קאַקאַאָ איז אים צו די יאַפּאַטעס צוגעקלעפּט, און ער קומט און באַגראָבט ווידער זײַן געלט אין אַ שטיקל ערד, צום פֿלאַנצן קאַקאַאָ־ביימער... טייל פֿאָרן שוין אַפֿילע אָפּ; זעצן זיך אויף, שנײַדן די כוואַליעס פֿונעם יאַם, און ווהין זיי קומען ריידן זיי ניט פֿון עפּעס אַנדערש ווי נאָר פֿון דער איליעוסער ערד. און ער איז זיכער, אַזוי זיכער ווי ער הייסט סיניאָ באַדאַראַ, אַז עס וועלן קיין זעקס כאַדאָשים נישט אַוועק, אַ יאָר, און דער מענטש וועט צוריקקומען, אָן געלט, פֿלאַנצן קאַקאַאָ. זיי זאָגן די שלײַמיקייט פֿונעם ווייכן קאַקאַאָ האַלט דעם מענטשן און לאָזט אים נישט אָפּ. עס זאָגן עס די לידער וואָס מען זינגט דורך די נעכט אַף די פֿאַזענדעס.

זיי קומען איצט אַרײַן צווישן די קאַקאַאָ־ביימער. זיי זײַנען איצט אַפֿן פֿעלד פֿון דער אַלמאָנע מערענדאַ, בײַ דער זײַט פֿונעם סעקיירראָ גראַנדער וואַלד. מען האָט סיניאָ באַדאַראָ'ן געזאָגט, אַז אויך זי האָט געשלאָסן אָן אָפּמאַך מיט האָראַסיאָן. נאָר צוליב דעם וועט ער דאָך ניט אויסמײַדן דעם זײַטיקן וועג וואָס שפּאָרט אים אײַן קימאַט אַ האַלבע מײַל גאַנג. אויב זי איז מיט האָראַסיאָן איז ערגער פֿאַר איר מיט אירע צוויי זין, וואָרעם אויב יאָ, וועלן זיך יענע פֿעלדער מוזן פֿאַראייניקן מיט די נײַע, וואָס די באַדאַראָ'ס וועלן פֿלאַנצן אַף דער ערד פֿון די סעקייראַ גראַנדער וועלדער. אין פֿינף יאָר אַרום וועט ער, סיניאָ באַדאַראָ אַרײַנ־

גיין אין קאנטאר פון „זודע אירמאאס ע קאמפ". און וועט זיי פארקויפן דעם קאקאא פון די נייע פעלדער. אזוי האט ער עס געזאגט און אזוי וועט ער עס טאן. ער איז נישט קיין מענטש פון צווייערליי ווערטער. אפילע דאס מיידל זאל מוזן אויפהערן טאנצן אפן בילד און זאל פון גרויסן הויז. דערנאך ערשט וועט זי טאנצן אפן געלן פעלד פון צייטיקן קאקאא־גאלה, וואס איז א סאך שענער ווי דאס בלויע אפן בילד. א סאך שענער...

נאכן ערשטן שאס קומען טייקעף אנדערע; סיניא באדארא, האט קוים צייט אויפצוהייבן דאס פערד, וואס האט באקומען א קויל אין ברוסט און איז געפאלן אף א זייט, זיינע קאפאנגאס קריכן אראפ און פאר־שאנצן זיך הינטער די אומגעווארפענע אייזלען. סיניא באדארא' מיט זיך צו באפרייען זיין צוגעדריקטן פוס פון אונטערן גויסעדיקן פערד. זיינע אויגן פארשן די פינצטערניש און דאס האט ער, נאך ליגנדיקערהייט אויסגעפונען דעם לויער פון הארסיאס קאפאנגאס, הינטער א זשאקא־בוים באם זייטיקן וועג.

— הינטערן זשאקא־בוים זיינען זיי, — זאגט ער.

שטיל איז איצט, נאך די ערשטע שאסן. סיניא באדארא געלינגט צו באפרייען זיין פוס, ער שטעלט זיך אויף אין זיין גאנצער הייך; א שאס האט אים דעם הוט דורכגעלעכערט. ער שיסט אוים זיין „פאראבעלום" און שרייט צו די מענטשן:

— לאמיר פון זיי א סאף מאכן!

איינער פון די איבערפאלער שטעקט ארויס דעם קאפ פון הינטערן בוים און צילט. טעלמא רופט זיך אן מיט זיין ווייבערשן קאל:

— מיינער' איז שוין דא, באלעבאס.

ער הייבט אויף די ביקס, דער קאפ גיט זיך א שאקל הינטערן בוים און פאלט אראפ ווי א צייטיקע פרוכט. סיניא באדארא גייט וויטער און שיסט; איצט שטייט ער שוין אויסבאהאלטן מיט זיינע מענטשן הינטער קאקאא־ביימער און זיי קענען זען די מעטשן אינעם לויע. פינף זיינען זיי, שוין מיט דעם געפאלענעם. מערענדאס צווי זין און הארסיאס דריי קאפאנגאס. סיניא באדארא לאדט אן זיין געווער; ווירזאטא הינטער אים שיסט אוים. זיי גייען מיט די קאקאא־ביימער; סיניאס פלאן איז די מענ־טשן פונעם לויער צו פארגיין פון הינטן. נאר יענע כאפן זיך דערויף און נעמען באצייטנס שיסן קעדיי אויסצומיידן דעם מאנעווער. זיי מוזן אביסל

אָפּטרעטן פונעם זשאַקאַ־בוים און סיניאָ בריט איינעם אָפּ. דער מענטש נעמט זיך דרייען פון דעם שאָס, הייבט אַ האַנט, אַ פוס אין דער לופטן. ווירִיאַטאָ דערענדיקט אים.

— רו אָפּ, זון פון דער מאַמען דיינער. ס'איז איצט קיין צייט ניט אַף טאַנצן.

סיניאָן דערמאָנט זיך אינמיטן דעם געשלעג דאָס מיידל אַפן בילד, וואָס טאַנצט אַף איין פוס. ס'איז ניט קיין צייט אַף טאַנצן; ווירִיאַטאָ איז געדעכט. זיי גייען וויַיטער. אַ קויל טרעפט קאַסטיטאַן אין אַקסל; דאָס בלוט שפּריצט אָפּ סיניאָ באַדאַראָ'ס אַ שפּיץ פון די הויזן:

— ס'איז גאָרניט... נישט מער ווי אַ קראַץ, — זאָגט קאַסטיטאַ און שיסט וויַיטער.

זיי גייען וויַיטער מיט דער אַרומרינגלונג; די דריַי פאַרבליבענע אינעם לויער זעען ס'איז אומזיסט די מי. עס איז נאָך צייט; און זיי טרעטן אָפּ איבערן פעלד. סיניאָ שיסט אַף זיי פון זיַין „פּאַראַבעלום". דערנאָך קומט ער צו צום שוואַרצן פערד און גלעט אים איבערן נאַך וואַרעמען האַלדז. דאָס בלוט שטראָמט פונעם פערדס ברוסט; עס ווערט אַ ריטשקע אַף דער ערד. טעלמאָ קומט צו; ער נעמט אים אויסזאָטלען. ווירִיאַטאָ פירט צו דאָס אייזל, אַף וועלכן ער איז געריטן און איז בעיים דער שיסעריַי אַוועק אָן אַ זיַיט, און סיניאָ באַדאַראָ זעצט זיך אַף אים אויף. טעלמאָ פירט דעם פערדס געשפּאַן אַף זיַין אייזלס ברוסט־רימען און ווירִיאַטאָ פירט אַף זיַין אייזלס הינטן קאַסטיטאַן, וואָס דריקט צו מיט דער האַנט זיַין וווּנד. זיי רייַטן שנעל מיטן וועג. סיניאָ באַדאַראָ האַלט נאָך דעם פּאַראַבעלום אין דער האַנט. זיַין בליק, קימאַט אַ טרויעריקער, איז איַינגעשטאָכן אין דער פינצטערניש. נאָר איצט הערט ער שוין נישט קיין געזאַנג, קיינער זינגט נישט וועגן די אומגליקן פון דער ערד. עס איז אויך קיין לעוואָנע נישטאָ וואָס זאָל באַליַיכטן די טויטע לעבן די קאַקאַאָ־ביימער. פון הינטן באַ־רימט זיך טעלמאָ מיט זיַין וויַיבערשן קאָל:

— איך האָב אים געטראָפן אין קאָפּ דעם איפּעש.

די שיַין פון אַ ליכט, וואָס די זאָרג פון ראַכמאָנעסדיקע הענט האָבן אָנגעצונדן, באַליַיכט אַ פרישן ציילעם אַפן וועג. סיניאָ באַדאַראָ טראַכט זיך, אַז אויב מען זאָל וועלן באַליַיכטן אַלע צלאָמים וואָס וועלן פון היַינט און וויַיטער אויפגעשטעלט ווערן, וועלן די וועגן פון דער קאַקאַאָ־

ערד מער באַלויכטן זײַן ווי די איליעוסער גאַסן. ער איז איצט אינגאַנצן טרויעריק. „ס'איז נישט קיין צײַט אַף טאַנצן, מיידל, נאָר נים איך בין שולדיק, נים איך".

## II

און די געשלעגן וואָס האָבן זיך די נאַכט אָנגעהויבן, האָבן נישט אויפגעהערט ביז דער סעקיירא גראַנדער וואַלד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַקאַאָ־פעלדער. שפּעטער פלעגן מענטשן פון דער געגנט רעכענען די צײַט לויט דעם דאָזיקן קאַמף:

— דאָס איז געשען פאַר די געשלעגן פון סעקיירא גראַנדע.

— געווען איז עס צוויי יאָר נאָכדעם ווי דער קאַמף אַרום סעקיירא גראַנדע האָט זיך פאַרענדיקט.

די לעצטע גרויסע שלאַכט פאַר דער דעראָבערונג פון דער ערד, איז אויך געווען די ווילדסטע פון אַלע שלאַכטן. זי איז דעריבער פאַרבליבן אינעם זיקאָרן אַף יאָרן לאַנג. געשיכטעס וועגן דער שלאַכט זײַנען איבער־געגאַנגען פון מויל צו מויל, פון עלטערן צו קינדער, פון די עלצטע צו די יינגסטע. און אַף די מערק אין שטעט און שטעטלעך זינגען אוים בלינדע גיטאַרע־שפּילער די געשיכטע פון די צוזאַמענשטויסן און איבערשיסונגען, וואָס האָבן אין בלוט געטונקען די שוואַרצע קאַקאַאָ־ערד.

פאַרשאָלטן האָט אַ קישעפמאַכער
אין אַ קישעף־נאַכט...

די דאָזיקע בלינדע זײַנען די דיכטער און כראָניקער פון אָט דער ערד. אין זייער בעטלערישער שטים, אין די סטרונעס פון זייערע גיטאַרעס, איז אײַנגעהיט די טראַדיציע פון דער קאַקאַאָ־געשיכטע. דער עולם אַף די מערק, מענטשן וואָס קומען פאַרקויפן זייער פאַרינאַ און מאַיִס, זייערע באַנאַנעס און מאַראַנצן, מענטשן וואָס קומען קויפן, שטעלן זיך אַרום די בלינדע און הערן אוים די געשיכטעס פון דער אָנהייב־צײַט קאַקאַאָ, וואָס איז אויך געווען דער אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט. מען וואַרפט די ניקלס צו די בלינדע אינעם שיסעלע; די גיטאַרע ברומט, דאָס קאָל דערציילט פון אַמאָליקע האַריגעס אַרום סעקיירא גראַנדע:

מ'האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שיסן,

אַזוי פיל טויטע אין די גאַסן.

טייל זעצן זיך צו אַף די שפּיץ פינגער, אַנדערע שפּאַרן זיך אָן אַף די שטעקנס, די אויערן אָנגעשפּיצט צום בלינדנס געשיכטעס. די גיטאַרע באַגלייט זיין; עס קומען אויף פון פאַרגעסנקייט די מענטשן וואָס האָבן צע־עפנט דאָס וואַלדלאַנד אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָבן עס אויסגעהאַקט, וואָס האָבן געטייט און טויט געפאַלן, וואָס האָבן געפלאַנצט דעם קאַקאַאָ. אַ סאַך פון די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן לעבן נאָך. טייל זיינען פאַרבליבן מיט זייערע נעמען אין די לידער, וואָס די בלינדע זינגען. גאָר די צוהערער פאַרבינדן קימאַט ניט די היינטיקע פאַזענדייראָס מיט די נעכטיקע דעראָבערער. גלייך זיי וואָלטן געוועזן גאָר אַנדערע ווענזנס. ווי פאַרשיידן עס זיינען די ציטן! פריער איז דאָ געווען דאָס וואַלדלאַנד, אָן אַפּגעשלאָסנס מיט ביימער און סוידעס; היינט זיינען דאָ די קאַקאַאָ־פעלדער, צעעפנטע מיט דעם געלם פון די גאָלדיקע פרוכטן. די בלינדע זינגען; זייערע געשיכטעס זיינען שרעקלעכע:

איך וועל אייך דערציילן אַ געשיכטע,
אַ געשיכטע אייך צו שרעקן:

אַ געשיכטע וואָס שרעקט, די געשיכטע פון סעקייראָ גראַנדער וואַלד. אין דער זעלביקער נאַכט ווען די ברידער בערענדאָ און האָראַסיאָס דריי מענטשן זיינען באַפאַלן סיניאָ באַדאַראָ אַפן זייטיקן וועג, איז זשוקאַ אַרויס מיט צען מענטשן און האָט אַ ריי מעהומעס געמאַכט אין דער אומ־געגנט. אָנגעהויבן האָבן זיי מיט דעם מאָרד פון די צוויי ברידער מערענ־דאַ, מען זאָגט, דער מוטער אין די אויגן, קעדיי צו וויזן אַ ביישפּיל. דער־נאָך זיינען זיי אַרויף אַף פירמאַס פעלד און האָבן אונטערגעצונדן אַ פּלאַנטאַציע פון מאַנדיאָקאַ, און זיי האָבן אים ניט געהאַרגעט נאָר דער־פאַר וואָס ער איז נישט געווען אינדערהיים; געווען איז ער אין טאַבאָקאַס:

— צום צווייטן מאָל ווי ער דרייט זיך אַרויס — האָט זשוקאַ גע־זאָגט, — דעם דריטן מאָל וועט ער שוין לעבעדיק ניט אַרויס.

דערנאָך זיינען זיי אַוועק צו בראַזן אַפן פעלד און געווען איז דאָרט אַ שיסעריי. בראַז מיט זיינע מענטשן האָבן זיך קעגנגעשטעלט און זשוקאַ האָט געמוזט אָפּציען נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט איינעם פון זיינע מענטשן אַ טויטן, און האָט גישט געפּרוווט וויפל עס זיינען געפאַלן פונעם צווייטן צאַד. איינער זיכער: אַוועקגעלייגט האָט אים אַנטאָניאָ ווי־

טאָר און זשוקא האָט געזען ווי דער מענטש איז געפאַלן. אַנטאָניאָ זאָגט, אַז ער האָט אַוועקגעלייגט נאָך איינעם, נאָר זיכער איז ער ניט.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער האָבן בלינדע אויף די מערק פון די נייע יישובֿים, פּיראַנזשי, און גואַראַסי, אויגעקומענע אויף דער ערד פונעם סעקיירא גראַנדער וואַלד, געזונגען וועגן דעם קאַמף:

ס׳איז געווען אַ פּײַן צו קוקן
וויפל מענטשן ס׳פאַלן.
פאַלט האָראַסיאָס איינער
און ס׳פאַלן צוויי פון באַדאַראָ׳ס...
טויטע וואַלגערן זיך אין טאָל,
און ס׳האַרץ טוט וויי...
צו זען אַזוי פיל מענטשן שטאַרבן,
צו זען אַזוי פיל מענטשן טייטן.

מענטשן האָבן זיך אָנגעדונגען פאַר קאַפּאַנגאַס. מען האָט גענומען ווער עס האָט געקענט בעסער צילן, ווער עס האָט געהאַט מער קוראַזש. מען דערציילט אַז האָראַסיאָ האָט אַרויסגעשיקט מענטשן אויפן סטעפּ דינגען באַרימטע שלעגער, אַז די באַדאַראָס האָבן אויף קיין געלט נישט געקוקט און געצאָלט גוטע שיסער. די נעכט זײַנען פול געווען מיט שרעק, מיט סוידעס און אומגעריכטע געשעענישן. יעדער וועג, ווי ברייט ער זאָל ניט געווען זײַן, איז אומזיכער געווען פאַר רײַזנדער. האָט ווער געמעגט קיין שום שײַכעס ניט האָבן מיט דעם סעקיירא גראַנדער וואַלד, נישט מיט האָראַסיאָן און נישט מיט באַדאַראָ׳ן, האָט ער זיך נישט אײַנגעשטעלט פאָרן איבער די קאַקאַאָ־וועגן אָן דעם באַגלייט פון כאָטש איינעם אַ שלעגער. אין יענער צײַט זײַנען עס רײַך געוואָרן די געצײַג־הענדלער, וואָס האָבן פאַרקויפט געווער. אַבוץ סעו אַזעוועדאָ פון טאַבאַקאַס, וואָס איז געגאַנגען געבראָכן, ווײַל ער האָט צוגעשטעלט ביקסן די באַדאַראָ׳ס, און אויב ער האָט עפּעס אָפּגעראַטעוועט, איז נאָר דערפאַר וואָס ער איז געווען פּאָליטיש פלינק. הײַנט פאַרקויפט ער גרינסן אין איליעוס, און אויף דער אָרעמער עלטער, דערציילט ער פאַר יונגע סטודענטן:

מען האָט פאַרקויפט העק און מעסערס
און ווידער העק... מ׳איז רײַך געוואָרן
אַלץ האָט מען געקויפט, עפשער אַ מיליאָן.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, זינגען בלינדע. זיי באַזינגען די מעשׂים פון די באַדאַראָ׳ס, דעם מוט פון סיניאָ און זשוקאַ:

אַ מאַן מיט מוט איז סיניאָ,
דער שעף פון די באַדאַראָ׳ס...
איין מאָל האָט ער אַליין
פינף מענטשן אַוועקגעלייגט,
זשוקאַ, נישט ווייניקער פון אים
האָט קוראַזש געהאַט.
און זשוקאַ האָט נישט געשווינט
קיין גרויסע און קיין קליינע.

זיי באַזינגען אָבער אויך דעם קוראַזש פון האָראַסיאָס מענטשן, פון די וואָס זײַנען געגאַנגען מיט אים, פון בראַזן, דעם מוטיקסטן פון אַלע, וואָס האָט, אַליין אַ פאַרוווּנדיקטער מיט דרײַ קוילן, דערהאַרגעט צוויי‌ען:

בראַז, מיט דעם בראַזיליענישן נאָמען
זשאָזע דאָס סאַנטאָס האָט געהייסן.
ער האָט אים אָנגעטרויט פײַן
און ער האָט צעוווּנדיקט און געהאַרגעט
און אין טאָל געוואָרפן.

זיי מאָלן אָפּ האָראַסיאָן ווי ער גיט באַפעלן פון זײַן פאַזענדע און שיקט ארוים זײַנע מענטשן אַף די וועגן אַרום דעם סעקייראָ גראַנדער וואַלד:

האָראַסיאָ גיט באַפעלן,
ער איז אַ מעכטיקער מאַן,
די שלעגער אַף די וועגן,
אַ געשלעג פאַרפירן...

די געשיכטעס פונעם קאַמף אַרום סעקיירא גראַנדע ברענגען אַרויס די מענטשן און די מיַיסים, און אויך זייער אומרו. ווען די וויַיבער דער־ציילן זיי:

ס׳וויַיב איז מיט דער שיף
אַליין געפאָרן קיין באַהיִאַ...
און מען זאָגט שוין טאַקע:
ס׳איז אַ וויַיב נאָר אַף דער וויַיל
— ווי דערוויַיל עס איז אַ מאַקע —
מאָרגן ווערט זי אַן אַלמאָנע.

דער אוילעם, מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער אַף די מערק, אין די שטעטלעך, ווו פריִער איז געווען סעקיירא גראַנדער וואַלד, הערט אויס און באַוווּנדערט, לאַכט און שמועסט. דעם בלינדנס ליד פירט פאַר זיי דורך אַנדערהאַלבן יאָר קאַמף, מענטשן פאַלן, מענטשן טייטן, די ערד מיט בלוט באַגיטיקט. און ווען די בלינדע פאַרענדיקן:

ס׳איז דער סאָף פון דער געשיכטע,
אַ געשיכטע אײַך צו שרעקן!

וואַרפן זיי אַריַין נאָך עטלעכע מאַטבייעס דעם דערציילער אינעם שי־סעלע און ריידן איבער: אַ קישעף־זאַך. אַזוי זאָגט דאָס ליד. אויך זיי זאָגן אַזוי. ס׳איז די אַרבעט פון אַ קישעפמאַכער אין אַ קישעף־נאַכט. די קלאַלע פונעם נעגער זשערעמיאַס האָט אין יענער צײַט פון קאַמף זיך געטראָגן איבער וועגן, פון פאַזענדע צו פאַזענדע, מיט דער שטים פונעם נעגער דאַמיאַן, אַן אָפּגעצערטן און אַ קוויטיקן, דעם שטילן מעטורעף, וואָס גייט אום און פּיקעט איבער די קאַקאַאָ־וועגן.

## III

נאָך נישט אָפּגעקילט זײַנען די שמועסן אַרום דעם לויער אַף סיניאָ באַדאַראָ און אַרום דעם טויט פון די ברידער מערענדאַ און שוין איז אי־ליעוס אויפגעטרייסלט פון אַן אינצידענט צווישן דאָקטאָר ווירזשיליאָ און זשוקאַ באַדאַראָ אינעם שטאָטישן קאַבאַרעט, ביכלאַל זײַנען אין די אַנדער־

האַלבן יאָר די געשעעענישן געלאָפן אַזוי שנעל, אַז דאָניאַ יאַזשאַ מאָוראַ, אַן אַלטע מויד וואָס האָט געהאַלטן וואַך בײַ אַן אַלטאַר פונעם קלויסטער סאַן סעבאַסטיאַן, האָט זיך אָנגערופן צו איר פרײַנדין דאָניאַ לעניטאַ סיל־וואַ, וואָס האָט געוואַכט באַם קענגאיבערדיקן אַלטאַר:

— דאָ פּאַסירן אַזוי פיל זאַכן, לעניטאַ, אַז ס׳איז גאָר קיין צײַט נישטאָ איינע ווי געהעריק אַרומצורײדן. אַלץ איז איצט אַזוי געאײַלט.

דער עמעס איז, אַז סײַ האָראַסיאָ און סײַ די באַדאַראָס אײַלן זיך. סײַ דער און סײַ יענער ווילן וואָס פריִער אויסהאַקן דעם וואַלד און וואָס פריִער אים באַפלאַנצן מיט קאַקאַאָ־ביימער. דער קאַמף פאַרשלינגט געלט, די צאָלונגען יעדן שאַבעס שטײַגן אַזוי הויך, אַז ס׳איז נאָך ביז איצט אַזוינס נישט געהערט געוואָרן, די קאַפּאַנגאַס צאָלט מען צו דער מינוט, די פּרײַזן אויף וואָפן שטײַגן. סײַ די באַדאַראָס און סײַ האָראַסיאָ זײַנען געאײַלט און דערפאַר זײַנען די לעצטע כאַדאָשים אַזוי פול מיט געשעע־נישן, אַז אַלטע מוידן און פרומע ווײַבער באַווײַזן ניט זיי אַרומצושמועסן. נאָך רעדט מען פון איין געשעעניש און שוין קומט אַ צווייטע און פאַר־דערט אויפמערק. דאָס אייגענע איז מיט די צוויי שטאָטישע בלעטער. טרעפט אַז מאַנועל דע אָליוויירע האַלט נאָך אין שרײַבן אַן אַרטיקל וואָס זידלט האָראַסיאָן פאַר אַ סקאַנדאַל מיצאַד זײַנע מענטשן, און שוין באַ־קומט ער אַ ידיִע פון אַ נאָך גרעסערן סקאַנדאַל. די ברוטאַליטעט פון „אָ קאָמערסיאָ" און „אַ פּאָליאַ דאָס איליעוס" האָט גאָר אין דעם יאָר קיין גרענעץ נישט. נישטאָ שוין קיין איין זידל־וואָרט וואָס זאָל נישט זײַן אויסגענוצט. און עס איז געווען אַן עמעסער יאָנטעוו אין דער רעדאַקציע פון „אָ קאָמערסיאָ", ווען דאָקטאָר זשענאַראָ האָט אויסגעשריבן פון אַ בוכהאַנדלונג אין ריאָ (די באַהיִער בוכהאַנדלונגען האָבן נישט געהאַט צו פאַרקויפן) אַ גרויסן פּאָרטוגעזישן לעקסיקאָן, אַרויסגעגעבן אין לי־סאַבאָן, אַ ספּעציאַליזירטן אין קיניעגטיסטישע טערמינען. „אָ קאָמער־סיאָ" האָט, צום גרויסן פאַרגעניגן און צו דער גרויסער באַוווּנדערונג פון די אײַנוווינער, גענומען אָנרופן האָראַסיאָן און זײַנע מענטשן „פּולאַנאָ" (דער ווי רופט מען אים), „מעקעטרעפּע" (טומלער), „וויליאָן" (גראָבער נעפעש), „פיליבוסטעראָ" (פּיראַט), און ענלעכע אַדיעקטיוון וואָס מען פלעגט נוצן אין יענער צײַט. „אַ פּאָליאַ דאָס איליעוס" ענטפערט מיט טער־מינען פון דער היימישער אונטערוועלט, וואָס דאָקטאָר רוי איז אין זיי אַן

אויטאָריטעט. דער פּראָצעס, וואָס האָראַסיאָ האָט פאַרפירט אינעם איליר־עוסער געריכט, דירט זיך ניט פונעם אָרט. „ער ציט זיך אין געריכט״ איז דער אומפּאַסיקסטער אויסדרוק, ווען עס האַנדלט זיך אין אַ פּראָצעס מי־צאַד אַ מענטשן פון דער אָפּאָזיציע קעגן אָנהענגער פון דער רעגירונג, ווי אין דעם איצטיקן פאַל. דער ריכטער איז געשטעלט געוואָרן אַף צו פאַר־טיידיקן די אינטערעסן פון די באַדאַראָ׳ס. טוט ער עס נישט ווי געהע־ריק, קען אים דער גובערנאַטאָר צום ווינציקסטן איבערשיקן ערגעץ ווו אין אַ שטעטל אַפן סטעפּ, אָן שום באַקוועמלעכקייטן, אַ פאַרלווירענעם און אַ פאַרגעסענעם פון אַלעמען, ער זאָל דאָרטן יאָרן לאַנג זיפּען. דאָס איליר־עוסער געריכט, פאַרקערט, איז דער וועג צום העכסטן געריכט פונעם שטאַט, אָנשטאָט ריכטער זיך רופן מיניסטער, וואָס איז אַ מער קלינגענ־דיקער און מער אײַנטרעגלעכער טיטל. עס העלפן נישט די באַמיִונגען פון דאָקטאָר ווירזשיליאָ און דאָקטאָר רוי, וואָס באַמבאַרדירן מיט פּעטיציעס, מיט אויפּפאָדערונגען און ביטעס אין אַכט צו נעמען. דער פּראָצעס, ווי האָראַסיאָ זאָגט, קריכט „מיט טשערעפּאַכע־טריט״ און ער האַלט אַז גלײַ־בער איז נעמען די ערד אַף קויעך איידער געזעצלעך. פּאַקטיש, אָפּגעזען פונעם פּראָצעס, גייען גראַד די געשעעענישן זייער שנעל. אויך די באַדאַראָס האָבן אינטערעס, אַז די געשעענישן זאָלן גיין וואָס שנעלער. די וואַלן קומען אונטער, זיי וועלן פאָרקומען קומענדיקן יאָר, און מענטשן זאָגן, אַז צווישן דער פעדעראַלער און דער שטאַט־רעגירונג מוז קומען צו אַן איבעררײַס איבער דער פראַגע איבערדערוויילונג פונעם פרעזידענט. ווען די שטאַט־רעגירונג פאַלן, אַזוי גייען די באַדאַראָ׳ס איבער אין דער אָפּאָ־זיציע; זיי וועלן מער נישט האָבן אַף זייער זײַט דעם ריכטער; דעמאָלט וועט האָראַסיאָס פּראָצעס מיט אַן עמעס זיך רירן.

וועגן דעם אַלעמען שמועסט מען אין די שענקלעך, אַף די ראָגן גאַס און אין די איליעוסער הײַזער, אַפילע אַף די שיפן וואָס שטעלן זיך אינעם איליעוסער האַפן, צווישן די טרעגער, וואָס לאָדן זיי אָפּ און די מאַטראָסן, וואָס פאָרן ווײַטער. אין די ווײַטערדיקע שטעט, אין אַראַקאַזשו און וויר־טאָריאַ, אין מאַסעיאָ און רעסיפע, רעדט מען וועגן דעם קאַמף, ווי מען רעדט וועגן דעם קאַמף פון פאָטער ציצעראָ, אין זשאַאַסיירו דאַ סעאַראַ.

ווירזשיליאָ האָט אַף זײַנער אַ רײַזע קיין באַהיאַ געהאַט געפּויעלט בײַ אַ מיניסטער, וואָס שטיצט די אָפּאָזיציע, אַ גינציקע מיינונג פאַר האָ־

ראַסיאָן. די מיינונג האָט ער צוגעלייגט צו די אַקטן פונעם פּראָצעס, וואָס געפינט זיך נאָך אין זיין ערשטער אינסטאַנץ. דאָך האָט מער נאָך ווי דעם מיניסטערס מיינונג באַוויגן זשוקאַ באַדאַראַ צו פּראָוואָצירן דאָקטאָר ווירזשיליאָ די ריי אַרטיקלען וואָס ער דרוקט אין אַ באַהיִער אָפּאָזיציאָנער צייטונג וועגן די שטרייטיקייטן אין איליעוס. די אַרטיקלען אין „אַ פאָליאַ דאָס איליעוס" באַלעסטיקן לאַכלוטן ניט די באַדאַראָס. נאָר די אַרטיקלען אין דער באַהיִער צייטונג האָבן אַן אָפּקלאַנג אויך אויסער דעם שטאַט, און כאָטש די רעגירונגס־צייטונגען פאַרטיידיקן סיניאָ באַדאַראָ׳, האָט דער גובערנאַטאָר צו וויסן געגעבן, אַז בעסער איז אויסצומיידן יעדע פּובליציטעט מיקויעך די „אינצידענטן", אין אַ מאָמענט ווען די שטאַט־רעגירונג געפינט זיך אין ניט קיין גאָר גוטע באַציִונגען מיט דער פעדעראַלער רעגירונג. האָראַסיאָ האָט זיך דערוווּסט דערפון און ווירזשיליאָ גייט אום איבער איליעוסער גאַסן ווי אַ זיגרייכער העלד.

איינמאָל איז ער געגאַנגען אין קאַבאַרעט. שוין לאַנג אַז ער גייט ניט; זיינע נעכט פאַרברענגט ער אין די אָרעמס בא עסטער, ווילדע נעכט פון ליבע און דעליריום. נאָר איצט איז האָראַסיאָ אין איליעוס און ווירזשיליאָ האָט ניט וווּ צו גיין. ער האָט זיך צוגעוווינט נישט צו בלייבן באַנאַכט אינדערהיים, און ער איז געגאַנגען אין קאַבאַרעט טרינקען אַ וויסקי. ער גייט איצט מיט מאַנעקאַ דאַנטאַס; דער קאָראָנעל איז געקומען אינאיינעם מיט האָראַסיאָן. ווירזשיליאָ האָט אים פאַרבעטן:

— גייען מיר אין קאַבאַרעט?

מאַנעקאַ דאַנטאַס לאַכט און שפּאַסט:

— איר ווילט אַראָפּפירן אַ פאַמיליען־פאָטער פונעם גלייכן וועג, דאָקטאָר? איך האָב אַ ווייב מיט קינדער, איך גיי נישט אין די ערטער.

זיי לאַכן ביידע און גייען אַרויף די שטיגן. אינעם הינטערשטן זאַל שפּילט זשוקאַ באַדאַראָ׳ פּאָקער מיט זשאָן מאַגאַליאַינס און אַנדערע גוטע ברידער. ניאָזיניאָ רוימט איין די פריינט אַ סאָד, „ס׳איז אַ שטאַרקער פּאָקער; ער האָט נאָך אַזוינע גרויסע איינשטעלן נישט געזען". ווירזשיליאָ און מאַנעקאַ דאַנטאַס גייען אַריין אינעם מאַנץ־זאַל, וווּ דער פּיאַניסט מיט דעם פידלער שפּילן די מאָדע־מוזיק. זיי זעצן זיך אוועק און בעטן וויסקי. ווירזשיליאָ דערזעט באַלד מאַרגאָטן זיצן בא אַ טיש מיט מאַנועל דע אָליווייראַ און אַנדערע פריינט פון די באַדאַראָ׳ס. דער זשורנאַליסט, וואָס

איז מיט קיינעם נישט צעקריגט און זאָגט, אַז „ער איז נישט מער ווי אַ פּראָפעסיאָנאַל און דאָס וואָס ער שרייבט איז די מיינונג פון די באַדאַ־ראָס און קער זיך גאָרניט אָן מיט זיין פּריוואַטער מיינונג, וואָס דאָס זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן, גריסט ווירזשיליאָן. דער אַדוואָקאַט ענט־פערט און גריסט אַלעמען. מאַרגאָט גיט אַ שמייכל צו אים, ער זעט אויס שיין, זי דערמאָנט זיך אַמאָליקע נעכט, פאַרבייסט אַ ליפּ ווי אַן אָנהייב־זשעסט פון באַגער. ניאָזיניאָ ברענגט אַ פלאַש וויסקי.

— גוטער, שאָטלענדישער. ס'איז נאָר פאַר באַקאַנטע קליענטן. נישט פאַר אַלעמען.

— סאַראַ פּראָפּאַרץ וואָסער האָט ער? — שפּאַסט מאַנעקאָ דאַנטאַס.

ניאָזיניאָ שווערט, אַז ער איז נישט פעיִק אָפּ אַזוינע זאַכן, ווי מישן וויסקי, ביפראַט דעם, עמעסער וויסקי... און ער נעמט צונויף די פינגער און טראָגט זיי צו צו די ליפּן מיט אַ קלינגענדיקן קוש. מיט דער מימיק באַשטעטיקט ער די גוטסקייט פון דער מאַשקע. דערנאָך וויל ער ווייסן פאַרוואָס זעט מען נישט אַזוי לאַנג דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ... ער באַדויערט וואָס ער קומט נישט. ווירזשיליאָ ענטפערט פאַרוואָס ער איז ניט געקומען אין קאַבאַרעט מיט אַ קיצער פון אַלע מאָטיוון:

— באַשעפטיקט, ניאָזיניאָ, באַשעפטיקט!

ניאָזיניאָ גייט אָפּ, נאָר אַז מאַנועל דע אָליווייראַ דערזעט די פלאַש וויסקי, קומט ער צו און פרעגט אָפּ אַ צווייטן זשורנאַליסט, זייערביידנס אַ באַקאַנטער, וואָס אַרבעט אין באַהיִאַ אין דער אָפּאָזיציאָנעלער צייטונג:

— האָט איר געזען דאָרט אַנדראַדען, דאָקטאָר? — פרעגט ער נאָכ־דעם ווי ער דריקט די האַנט ווירזשיליאָן און מאַנעקאָ דאַנטאַסן.

— מיר האָבן געגעסן צוזאַמען.

— וואָס־זשע טוט ער?

— אָך! ווי שטענדיק, טרינקט פון אינדערפרי, ווען ער שטייט אויף, ביז ער לייגט זיך. ער האַלט זיך באַ זיינע געוווינהייטן. ער איז קאָלאָסאַל. מאַנועל דע אָליווייראַ דערמאָנט זיך:

— ער שרייבט נאָך אַלץ זיינע קאָמענטאַרן אַ שיקערער?

— ווען ער פאַלט פון די פיס.

מאַנעקאָ דאַנטאַס הייסט ניאָזיניאָן דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז; ער גיסט

אַן פאַרן זשורנאַליסט. מאַנועל דע אַליווייראַ דאַנקט פאַר דער פריַינטלעכ־
קייט און דערקלערט אים:

— אַ קאָלעגע, קאָראָנעל. די בעסטע פעדער פון באַהיַאַ. אַן אַלזיַיַ־
טיקער זשורנאַליסט. נאָר טרינקען טרינקט ער, אַ שרעק. ווי נאָר ער
שטייט אויף, איידער ער וואַשט זיך נאָך אויס די ציין, נעמט ער אַ טרונק,
אָדער ווי ער זאָגט, „פאַרזוכט" ער אַ גלאָז קאַניאַ. און אַזוי גייט בא אים.
אין רעדאַקציע האָט נאָך קיינער נישט געזען אַנדראַדען שטיין אַ גליַיכן.
נאָר דער קאָפּ, קאָראָנעל, איז שטענדיק דער זעלביקער. יעדער קאָמענטאַר
זיַינער! אַ שיינקייט! — ער גיט אַ שלוק וויסקי און גייט איבער אַף אַן
אַנדער טעמע: — גוטער וויסקי.

ער איז מאַסקים אַף נאָך אַ דאָזע; מיט דער פולער גלאָז זעצט ער זיך
אַוועק צוריק בא זיַין טיש. נאָר פריִער רופט ער זיך אָן צו ווירזשיליאָן:

— בא מיַין טיש האָט איר איַיערע אַ באַקאַנטע וואָס בענקט נאָך
איַיך, — זיי קוקן אַף מאַרגאָטן, — זי זאָגט זי וואָלט איצט געגאַנגען אַ
וואַלס מיט איַיך.

ער גיט אַ פינטל מיטן אויג און גייט אַוועק:

— ווער עס איז איין מאָל געווען קעניג, בליַיבט שטענדיק מאַיעסטעט.

ווירזשיליאָ לאַכט פון דעם קאָמענטאַר. אין גרונט האָט ער קיין שום
אינטערעס ניט אין איר. געקומען איז ער אין קאַבאַרעט עפּעס אויסטרינקען
און שמועסן, און ניט צוליב אַ פרוי. וויַיניקער נאָך צוליב אַ פרוי וואָס
איז איצט זשוקאַ באַדאַראָס אַ געליבטע און ווערט פון אים אויסגעהאַלטן.
דערצו אויך טראַכט ער איבער, אַז מאַרגאָט, וואָס ער האָט מיט איר נישט
גערעדט זיַיט יענער נאַכט אין קאַבאַרעט, וועט אים נעמען אויסריידן. ער
איז נישט פאַראינטערעסירט אין איר. צו וואָס דאָס טאַנצן? ווידער אָנ־
קניפּן איבערגעריסענע פעדים? ער גיט אַ וויג מיט די אַקסלען און אַ
טרונק וויסקי. נאָר מאַנעקאַ דאַנטאַס איז יאָ פאַראינטערעסירט. ער וואָלט
וועלן מען זאָל זען ווירזשיליאָן טאַנצן מיט מאַרגאָטן. אַזוי אַרום וועלן
זיי זען אַז זי איז מעשוגע פאַרן אַדוואָקאַט, אַז מיט זשוקאַן איז זי נאָר
דערפאַר וואָס ווירזשיליאָ האָט זי איבערגעלאָזט. מען וואָלט שוין נישט
געזאָגט, אַז זשוקאַ האָט זי בא אים צוגענומען. און ער רופט זיך אָן:

— דאָס מיידל נעמט פון איַיך קיין אויג נישט אַראָפּ, דאָקטאָר.

ווירזשיליאָ גיט אַ קוק. מאַרגאָט שמייכלט, אירע אויגן הענגען אַף אים. מאַנעקאַ דאַנטאַס פרעגט:

— פאַרוואָס זאָלט איר זיך נישט דורכטאַנצן מיט איר?

נאָר ווירזשיליאָ קלערט איבער: „עס איז נישט קעדיי". ער גיט זיך אַ דריי אַף זײַן שטול; מאַרגאָט, באַם צווייטן טיש, מיינט אַז ער הייבט זיך אויף זי צו נעמען טאַנצן, און זי הייבט זיך אויף. דאָס צווינגט אים זיך צו אַנטשליסן. ער האָט שוין קיין אַנדער ברייְרע ניט. מען שפּילט אַ פּאַר־בענקטן וואַלס; זיי טראָגן זיך דורך איבערן זאַל און דער גאַנצער עולם קוקט שוין אַף זיי; די זוינעס נעמען זיך איבערשמועסן. פונעם טיש ווו מאַרגאָט איז געזעסן, וויל איינער זיך אויפהייבן. עס הייבט זיך אָן אַ שטיקל וויקויעך צווישן אים מיט מאַנועל דע אָליווייראַ. דער זשורנאַליסט וויל אים עפּעס איינריידן און האַלט אים צו, נאָר יענער הערט אים אויס, רײַסט זיך אַרויס פון זײַנע הענט און גייט אַרײַן אין קאָרטן־זאַל.

דער וואַלס ציט זיך אַף דער אַלטער פּיאַנאָ, ווירזשיליאָ און מאַרגאָט טאַנצן און ריידן צווישן זיך אַ וואָרט ניט אויס. זי טאַנצט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאַרקלעמטע ליפּן.

זשוקאַ באַדאַראָ קומט אַרײַן פונעם קאָרטן־זאַל. הינטער אים גייט זשאָן מאַגאַליאַינס, דער מענטש וואָס איז אים געגאַנגען רופן און די אַנ־דערע פּאָקער־פּאַרטנערן. אַף דער טיר וואָס פירט פון איין זאַל צום צווייטן, בלײַבט זשוקאַ שטיין, מיט די הענט אין די קעשענעס, און קוקט; פון די אויגן שפּריצן אים פונקען. די מוזיק איז שטיל געבליבן. די טענצער אַפּלאָדירן און פאָדערן ביס. אין דעם מאָמענט קרייצט זשוקאַ באַדאַראָ דורך דעם זאַל, נעמט אָן מאַרגאָטן באַם אָרעם און שטופּט זי צום טיש. זי ווערט זיך אַ ביסל; ווירזשיליאָ קומט צו, ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר מאַרגאָט לאָזט אים ניט:

— טו מיר אַ טויווע, מיש זיך נישט.

ווירזשיליאָ בלײַבט אַ ווײַלע שטיין אַ אומאַנטשלאָסענער; ער קוקט אַף זשוקאָן, וואָס שטייט און וואַרט. נאָר ווירזשיליאָ דערמאָנט זיך אַף עסטערן. וואָס גייט אים אָן מאַרגאָט? ער גריסט זײַן געוועזענער גע־ליבטער:

— אַ דאַנק דיר, מאַרגאָט, — און גייט צוריק צו זײַן טיש וווּ ער

טרעפט מאַנעקאַ דאַנטאַסן שטיין מיט דער האַנט אַפן רעוואָלוועד און וואַרט אַפן סקאַנדאַל.

זשוקאַ שלעפט צו מאַרגאָטן ביז צום טיש, וווביידע נעמען זיי זיך קריגן אַפן קאָל; אַלע הערן מאַ:ועל ידע אָליווייראַ וויל זיך אַרײַנמישן, נאָר זשוקאַ באַדאַראָ גיט אַף אים אַזאַ קוק, אַז דער זשורנאַליסט זעט איַין אַז ס'איז גלײַכער שווײַגן. די קריגערײַ צווישן זשוקאַ און מאַרגאָטן ווערט אַלץ שאַרפער; זי וויל זיך אויפהייבן, נאָר ער זעצט זי אַף קויעך אַוועק. בא די אַנדערע טישן הערשט אַ שטילשווײַגעניש; דער פיאַניסט אַפילע קוקט. זשוקאַ דרייט זיך אום:

— פאַרוואָס שפילט נישט די פאַרדריפּעטע פיאַנאָ? — גיט ער אַ געשריי און דער אַלטער כאַפּט זיך שפּילן און די פּאָרלעך גייען טאַנצן.

זשוקאַ נעמט טייקעף אָן מאַרגאָטן פאַר אַ האַנט און שלעפּט זי מיט זיך. ווען זיי גייען פאַרבײַ דעם טיש ווו ווירזשיליאָ און מאַנעקאַ זיצן, רופט זיך אָן צו איר זשוקאַ:

— איכל דיר ווײַזן ווי צו רעספּעקטירן אַ זאָכער, שלעכט פאַרווינטע זוינע דו! ס'איז דיר אַ פּאָנעם דאָס ערשטע מאָל לעבן מיט אַ מאַן.

ער זאָגט עס, אַז ווירזשיליאָ זאָל הערן און דער אַדוואָקאַט גיט זיך אַ הייב אויף פונעם טיש; ער האָט דעם קאָפּ פאַרלוירן. מאַנעקאַ דאַנטאַס האַלט אים אָפּ. ער זעט אַז טאָמער פאַרמעסט ער זיך, אַזוי פאַלט ער אַ טויטער פון זשוקאַס הענט. זשוקאַ און מאַרגאָט זײַנען אַראָפּ די טרעפּ; פונעם זאָל הערט מען ווי ער פּאַטשט זײַן געליבטע. ווירזשיליאָ איז בלייך. מאַנעקאַ דאַנטאַס קלערט אים אויף אַז עס איז נישט קעדײַ.

דער אינצידענט איז ווײַטער דערפון נישט אַוועק און ווירזשיליאָ פאַרגעסט אים באַלד אַפן צווייטן טאָג. ער טראַכט שוין אַפילע ניט דערפון; מאַרגאָט אינטערעסירט אים נישט. זי איז אַוועק מיט זשוקאַ באַדאַראָ ווײַל אַזוי האָט זי געוואָלט; ווירזשיליאָס פּלאַן איז געווען זי צוריקשיקן קיין באַהיאַ; איר געבן געלט אַף עטלעכע כאַדאָשים. זי האָט בעסער געוואָלט גיין צו זשוקאַן נאָך אין דער זעלביקער נאַכט ווי זיי האָבן איבערגעריסן, ווערן זײַן געליבטע; זי האָט דערציילט פאַר באַדאַראָס צײַטונג פראָטים פון ווירזשיליאָס לעבן אַלס סטודענט. אויב זשוקאַ פּאַטשט זי איצט, אויב זי קען נישט טאַנצן מיט וועמען זי וויל, איז זי אַליין שולדיק; ער, ווירזשיליאָ, קער זיך גאָרנישט אָן דערמיט. אין אַ געוויסער מאָס

גיט ער רעכט זשוקאַן. ווען מאַרגאָט וואָלט נאָך געווען זײַן געליבטע, וואָלט אים אויך נישט געפעלן זי זען טאַנצן מיט אַ מאַן, וועלכן זי האָט פֿרײַער געהאַט. פֿאַר אַ סאַך ווײניקער דערפֿון האָט ווירזשיליאָ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פֿאַרפֿירט אַ געשלעג אין אַ באַהיִער קאַבאַרעט. ער געפֿינט אַפּילע אוים אַ באַרעכטיקונג פֿאַר זשוקאַס באַליידיקונג פֿאַרן אַרויסגײן. דער מענטש איז אַוואַדע געווען אײפֿערזיכטיק און ער האָט דעם קאָפּ פֿאַרלוירן. ווירזשיליאָן פֿרייט עס וואָס מאַנעקאַ דאַנטאַס האָט אים געצוווּנגען זיך אַוועקזעצן, ווען ער האָט קימאַט דעם קאָפּ פֿאַרלוירן און איז שיר נישט אַרײַן אין אַ געשלעג צוליב מאַרגאָטן. ער רעכנט נישט אָפּזאָגן זיך אַפּילע פֿון ענטפֿערן ווען זשוקאַ זאָל אים גריסן אין גאַס. ער איז נישט בייז אַף אים. ער פֿאַרשטייט וואָס עס איז געשען, דעריקער האָט ער קיין אינטערעס נישט מיט עמעצן זיך צו שלאָגן פֿאַר מאַרגאָטן.

דער אינצידענט אָבער שטײַגט פֿון מויל צו מויל. אין די שטאָטישע גערעדערײַען. טייל זאָגן, אַז זשוקאַ האָט אַרויסגעריסן מאַרגאָטן בײַ דאָקטאָר ווירזשיליאָ פֿון די הענט און האָט זי געפּאַטשט פֿאַר אים אין די אויגן. אַנדערע גיבן איבער אַן אַנדער ווערסיע. לויט דער ווערסיע, זאָל זשוקאַ האָבן געטראָפֿן מאַרגאָטן זיך קושן מיט דאָקטאָר ווירזשיליאָ און האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער. נאָר ווירזשיליאָ האָט אים דערויף קיין צײַט נישט געגעבן און איז אַרײַן מיט אים אין אַ געשלעג פֿאַרן באַזיץ פֿון דער פֿרוי. די ווערסיע איז די פֿאַרשפּרייטסטע. אַפּילע די וואָס זײַנען בייגעווען דעם אינצידענט ווידערשפּרעכן שטאַרק איינער דעם צווייטן: לויט איינעקע, האָט זשוקאַ פֿאַרלאָזט דעם קאַבאַרעט קעדיי אויסצומײַדן, אַז דאָקטאָר ווירזשיליאָ זאָל ווידער נעמען מאַרגאָטן טאַנצן, און ווען ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער אים געבעטן אַנטשולדיקונג. די מערסטע אָבער דענקען פֿאַרקערט: אַז זשוקאַ האָט אַרויסגערופֿן ווירזשיליאָן זיך שלאָגן, נאָר ער האָט זיך דערשראָקן.

באָטש ווירזשיליאָ ווייס, אַז אין איליעוס ווערן די מינדסטע זאַכן שטאַרק פֿונאַנדערגעבלאָזן, ווונדערט אים אָבער וואָס האָראַסיאָ נעמט אויף דעם אינצידענט אַזוי ערנסט. אַפֿן צווייטן טאָג האָט אים דער קאָראָנעל פֿאַרבעטן אַף נאַכטמאָל. ווירזשיליאָ האָט מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען, ער איז גערן אַ פּרעטעקסט צו זײַן נאָנט פֿון עסטערן, פֿילן איר נאָנטקייט, הערן איר ליבן קאָל.

געקומען איז ער אַביסל פֿריִער פֿאַרן נאַכטמאָל; בײַ דער טיר האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן מיט מאַנעקאַ דאַנטאַס, אויך אַ פֿאַרבעטענעם. דער קאָראָנעל נעמט אים אַרום, אויך האָראַסיאָ דריקט אים אײַן די אָרעמס בײַם אַרײַנקומען. ווירזשיליאָ טרעפֿט זיי זייער ערנסט; ער שטעלט זיך פֿאָר אַז עפּעס נײַעס מוז זײַן אַרום סעקיירא גראַנדע. ער וויל פֿרעגן, נאָר די דינסט גיט צו וויסן, אַז דאָס עסן שטייט שוין אויפֿן טיש, און ווירזשיליאָ פֿאַרגעסט אָן אַלץ, ער וועט באַלד זען עסטערן. נאָר עסטער גריסט אים קאַלט: ווירזשיליאָ מערקט שפּורן פֿון ניט לאַנגסטיקע טרערן בײַ איר אין די אויגן. דאָס ערשטע וואָס אים פֿאַלט אײַן איז דער כשד אַז האָראַסיאָ זאָל זיך האָבן עפּעס דערוווּסט וועגן אים מיט עסטערן און אַז דער נאַכטמאָל איז נישט מער ווי אַ פּאַסטקע אונטערגעשטעלט. ער טוט ווידער אַ קוק אויף עסטערן און זעט אַז זי איז ניט נאָר טרויעריק, נאָר אויך באַליידיקט, בערוגזע אויף אים. און דער קאָראָנעל האָראַסיאָ איז ליבלעך, ליבלעכער ווי ווען עס איז. נײַן; דאָס האָט זיכער ניט קיין שײַכעס צו זײַן איניען מיט עסטערן. איז וואָס־זשע דען, צו אַלע טײַוואָלים, איז עס?

האָראַסיאָ און מאַנעקאַ נעמען איבער אויף זיך דעם גאַנצן שמועס בײַם עסן. ווירזשיליאָ דערמאָנט זיך אָן אַנדער נאַכטמאָל אויף דער פּאַזענדע, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט עסטערן. עטלעכע כאָדאָשים דערין און זי איז שוין זײַנע; ער קען שוין אַלע סודעס פֿון דעם געליבטן לײַב, זי אַנטפּלעקט פֿאַר אים אַלע מיסטעריען פֿון דער ליבע. זי איז זײַן פֿרוי; ער טראַכט נישט פֿון עפּעס אַנדערש ווי נאָר פֿון קענען אַוועקפֿירן זי ווײַט פֿון דעם לאַנד מיט זײַנע סקאַנדאַלן און האַריגעס. קיין ריאָ דע זשאַניירא, יוּ זיי זאָלן האָבן זייער שטוב, ווו זיי זאָלן לעבן זייער לעבן. דאָס איז נישט קיין כאָלעם, ווירזשיליאָ וואַרט בלויז ביז ער וועט פֿאַרדינען עפּעס מער געלט און אַן ענטפֿער פֿון זײַנעם אַ פֿרײַנט, וואָס זוכט פֿאַר אים אַ שטעלע אין ריאָ אין אַן אַדוואָקאַטן־ביוראָ אָדער אַ גוטע רעגירונגשטעלע. בלויז ווירזשיליאָ און עסטער ווייסן פֿון דעם כאָד, און זײַנע פּיִאָטים פּלאַנעווען זיי צווישן איין קוש און דעם צווייטן אינעם גרויסן בעט וואָס פֿאַרנעמט קימאַט דעם גאַנצן אַלקער. זיי שטעלן זיך פֿאָר דעם טאָג ווען זיי וועלן זיך אינגאַנצן געהערן איינער דעם צווייטן, און די ליבע זאָל ניט איבערגעריסן ווערן מיט שרעק ווי עס טרעפֿט איז די איצטיקע נעכט, ווען די צערטלעכקייט ווערט געשטערט פֿון דער מוירע טאָמער

וועלן די רינגסטן פאַרדעכטיקן אַז ער איז דאָ אין שטוב. ער כאַלעמט פון דעם טאָג ווען זי וועט קענען גיין אין גאַס האַנט אין האַנט מיט אים, איר אָרעם איינגעפלאָכטן אין זיינעם, איר האַנט אין זיינער. איינער מיט דעם צווייטן אַף אייביק. בעיים מאַנעקאַ דאַנטאַס מיט האָראַסיאָן שמועסן וועגן שניט, וועגן פּרייז אַף קאַקאַאָ, וועגן רעגן, וועגן געשעדיקטן ווייכן קאַקאַאָ, קומען ווירזשיליאָן אָפּן געדאַנק יענע מאָמענטן, ווען זיי פּלאַנעווען, צווישן צערטלעכקייטן, זייער פּלייטע, באַרעכענען יעדע קלייניקייט און פאַרענדיקן מיט פרייליכע לאַנגע קושן וואָס צינדן דאָס לייב צו ליבע, ביז דער קאַיאַר טרייבט אַרוים ווירזשיליאָן און ער פאַרלאָזט מיט גנייוויש טריט האָראַסיאָס הויז.

עסטער רייסט אים אַרוים פון די געדאַנקען, ווען זי ניצט אויס אַ מאָמענט פון שווייגן אינעם שמועס צווישן האָראַסיאָ און מאַנעקאַ דאַנטאַס און זאָגט:

— איר האָט נעכטן, זאָגט מען, געשפּילט די ראָל פון אַ ריטער, דאָקטאָר ווירזשיליאָ, — זי שמייכלט, נאָר איר פּאָנעם איז טרויעריק.

— איך? — ער בלייבט מיט דעם גאָפּל אין דער לופטן.

עסטער רעדט וועגן דעם נעכטיקן טומל אינעם קאַבאַרעט — זאָגט האָראַסיאָ, — איך האָב מיך אויך דערוווּסט דערפון.

— עס איז דאָך אָבער קיין שום טומל נישט געווען...

און ער קלערט אויף דעם פאַל: ער האָט זיך געפּילט זייער טרויעריק אין אָוונט; פאַרבענקט ווער ווייס נאָך וואָס, — און ער קוקט צו עסטערן, — און אַזוי ווי איך האָב מיך געטראָפן מיט דעם קאָראָנעל מאַנעקאַ, האָט ער אים געבעטן גיין מיט אים אין קאַבאַרעט...

מאַנעקאַ דאַנטאַס שלאָגט אים איבער מיט אַ געלעכטער:

— איר האָט מיך פאַרשלעפּט, דאָקטאָר. דערציילט ווי דאָס איז געווען.

געקומען אין קאַבאַרעט, האָט מען געטרונקען אַן אומשולדיקן וויסקי, און דאָ קומט צו מאַנועל דע אָליווייראַ. און באַ זיין טיש זיצט אַ פרוי וואָס ווירזשיליאָ קען זי פון באַהיאַ, פון דער צייט ווען ער איז אַ סטודענט געווען. זיי האָבן געטאַנצט אַ וואַלס; ווען ער האָט געפּאָדערט ביס, האָט זיך באַוויזן זשוקאַ באַדאַראָ און איז אַוועק מיט דער פרוי. ער האָט קיין שום אינטערעס נישט אין דער פרוי און עס וואָלט אים קיין זאַך נישט

געקימערט ווען זשוקאַ גייט ניט פאַרביי און זאָגט אים עפּעס נישט אָנגע־נעמס. דאָך, האָט קאָראָנעל מאַנעקאַ דאַנטאַס אים נישט דערלאָזט רעאַ־גירן און ווירזשיליאַ האָט אים געדאַנקט וואָס ער האָט אים פאַרהיט פון באַגיין אַ נאַרישקייט צוליב אַזאַ וואָס אינטערעסירט אים אַבסאָלוט ניט. דאָס איז עס געווען, מער גאָרנישט. ער שטעלט מאַנעקאַ דאַנטאַס פאַר אַן איידעס. עסטער, קענטיק, איז גלײַכגילטיק צו זײַנע אויפקלערונגען; מיט אַ געמאַכטן טאָן זאָגט זי:

— מיט אַן עמעסן, וואָס איז דאָ אויסערגעוויינלעכס? קאַבאַרעט איז פאַר באָכערים, אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר פאַמיליע. איר האָט גוט געטאָן וואָס איר זײַט אײַך געגאַנגען פאַרווײַלן; קיינער לײַדט נישט דער־פון... דער קוואַטער מאַנעקאַ בלויז קומט דאָ אַרוים אַביסל נישט באַ־קוועם, — און זי דראָט אים דערבײַ מיטן פינגער — האָט אַ פרוי מיט קינדער. איכל עס דערציילן דער קוואַטערן, ע? — דראָעט זי שמייכלענ־דיק, מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

מאַנעקאַ דאַנטאַס לאַכט און בעט זי נישט דערציילן דאָנאַ אַוור־ריסידיאַ:

— זי איז אייפערזיכטיק, אַ שרעק.

האָראַסיאָ מאַכט אַ סאַף דערצו:

— לאָז דיך אָפּ, פרוי, — יעדער איינער האָט אַ רעכט ווען ניט ווען זיך פאַרווײַלן. די צאָרעס אָפּטיילן.

ווירזשיליאָ איז שוין איצט רויקער. ער וויים שוין פאַרוואָס עסטער איז בערויגעז, פאַרוואָס איר געצווונגענע גלײַכגילטיקייט, די שפּורן פון טרערן אין די אויגן. וואָס וואָלט זי זיך דען נישט דערוועסט פון די אַלטע מוידן און פרומע ווײַבער, וואָס האָבן נישט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן ווי נאָר ריידן פון אַ צוויטנס לעבן? און געוואָלט האָט ער זי האָבן אין זײַנע אָרעמס אַף צו קענען איר אַלץ דערקלערן, מיט זײַנע צערטלעכקייטן, אַז מאַרגאָט איז פאַר אים גאָרנישט און אַז ער האָט געטאַנצט מיט איר קימאַט צופעליק. ער פילט אַן אומגעהויערע צאַרטקייט צו עסטערן און אַפילע אַ געווינסן שטאָלץ, וואָס זי איז טרויעריק פון אייפערזוכט. די דינסט האָט דערלאַנגט קאַווע צום טיש.

האָראַסיאָ בעט אַרײַן ווירזשיליאָן צו זיך אין ביוראָ באַהאַנדלען אַן איניען. מאַנעקאַ דאַנטאַס גייט אַרײַן מיט זיי; עסטער בלײַבט זיצן אַן

איבערגעבויגענע איבערן שטריקעכץ. די ביורא איז א קליינער צימער ווו די גרויסע אײַזערנע קאסע ציט אף זיך די אויפמערקזאמקייט. ווירזשיליא זעצט זיך אוועק; מאנעקא דאנטאס רוקט צו דעם שטול:

— דער איז אביסל ברייטער, פאר מײַן שמאלץ.

הארסיא בלײַבט שטיין און וויקלט א ציגאר מיט מאיס־בלאט. ווירזשיליא ווארט; הארסיא וויל מיסטאמע וויסן זײַנע א מיינונג איבער א געוויסן פראט אינעם פראצעס וואס ער האט פארפירט. לאנגזאם וויקלט דער קאראנעל דעם ציגאר, שנײַדט ארום דאס מאיס־בלעטל, דרייט דעם טאבאק אין זײַן מאזאליעדיקער האנט, און צום סאף רופט ער זיך אן:

— מיר איז געפעלן געווען ווי איר האט דערציילט דעם פאל עסטערן. ווען ניט, וואלט זי זיך געשראקן; זי האלט פון אײַך שטארק, דאקטאר. זי האט דא קימאט ניט, ארעמע, מיט וועמען א ווארט אויסצוריידן; זי האט גאר אן אנדער דערציִונג ווי די איבעריקע ווײַבער דא. זי האט ליב מיט אײַך צו שמועסן; ביידע רעדט איר איין שפראך...

ווירזשיליא לאזט אראפ דעם קאפ און הארסיא צינדט אן דעם פארוויקלטן ציגאר און רעדט ווײַטער:

— נאר דא, צווישן אונדז גערעדט, דאקטאר, האט דער נעכטיקער איניען זײַנע א מיִעסע זײַט. ווייסט איר וואס דער זשוקא גייט ארום דערציילן?

— איך וויים נישט, און דעם עמעם געזאגט, קאראנעל, אינטערעסירט מיך נישט. די באדארא׳ס מוז איך אוועדע נישט זײַן צום הארצן, און איך בין מוידע אז זיי האבן א רעכט דערויף. איך בין אײַער אדוואקאט און, דערצו, אויך פארטיי־אדוואקאט. ס׳איז רעכט זיי זאלן ריידן שלעכטס פון מיר.

הארסיא שטעלט ארויף דעם פוס אף א שטול; ער שטייט קימאט מיט דעם רוקן צו ווירזשיליאן:

— דאס איז אײַערע א זאך, דאקטאר. איך האב נישט ליב ארײַנצומישן זיך אין יענעמס לעבן. נאר ווען עס האנדלט זיך פון א פרײַנט, ווי איר...

— אבער, וואס קומט דא פאר? — פרעגט ווירזשיליא.

— איר גיט אײַך גאר קיין רעכענונג נישט אפ, דאקטאר, אז אויב

איר נעמט נישט אָן קײן שטעלונג, אַנטשולדיקט װאָס איך זאָג אײַך, װעט אײַך קײנער דאָ, אױף דער ערד, נישט נעמען ערנסט.

— פֿאַרװאָס?

זשוקאַ באַדאַראַ באַרימט זיך פֿאַר יעדן אײנעם, אַז ער האָט באַ אײַך פֿון די הענט אַ פֿרוי צוגענומען, אַז ער האָט אײַך באַלײדיקט און איר האָט נישט רעאַגירט. אַז איר, אַנטשולדיקט װאָס איך כאַזער איבער זײַנע װערטער, זײַט אַ פּאַכדן.

װירזשיליאַ װערט װײַס, נאָר באַלד קאָנטראָלירט ער זיך:

— װער עס איז בײַגעװען דעם אינצידענט, װײס, אַז אַזױנס איז נישט פֿאָרגעקומען. איך האָב פֿאַרענדיקט און האָב געװאָרט אױף אַ „בים". דאָך, װען ער האָט אָנגענומען מאַרגאָטן פֿאַרן אָרעם, האָב איך אים געװאָלט עפּעס זאָגן; נאָר זי האָט מיך געבעטן איך זאָל מיך נישט מישן. דערנאָך װען ער האָט געזאָגט דאָס נאַרישקײט, האָט מיך קאָראָנעל מאַנעקאַ אָפּגעהאַלטן.

מאַנעקאַ נעמט צום ערשטן מאָל אַ װאָרט אין דעם שמועס:

— ס'איז קלאָר, דאָקטאָר, אַז װען איך לאָז אײַך אױפֿהײבן אַ האַנט, װאָלטן מיר שױן איצט געגאַנגען צוריק פֿון אײַער לעװײַע. זשוקאַ האָט זיך שױן געהאַט געכאַפּט צום רעװאָלװער. און דאָ װיל קײנער נישט, אַז איר זאָלט אומקומען.

האָראַסיאָ רופֿט זיך אָן:

— דאָקטאָר, איך בין אַהער געקומען נאָך אַלס קינד. שױן לאַנגע יאָרן דערין. איך װײס נישט אויב עמעצער קען נאָך אַזױ אײליעס אַזױ װי איך. קײנער װיל נישט אײַער טױט. גוט האָט געזאָגט דער קװאַטער. איך װײניקער װי װער עס איז, װײַל איר געפֿעלט מיר און איך דאַרף אײַך האָבן. איך װיל אָבער אױך נישט איר זאָלט דיספּרעסטיזשירט װערן, מיט דעם נאָמען פֿון אַ פּאַכדן. דערפֿאַר זאָג איך אײַך.

ער שטעלט זיך אָפּ, װי ער װאָלט האָבן געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע. ער צינדט אָן נאָך אַ שװעבעלע און לאָזט עס ברענען ביז עס בריט דעם פֿינגער; דעם קאָפּ האַלט ער אומגעדרײט צום אַדװאָקאַט װי ער װאָלט געװאַרט אױף זײַנס אַ װאָרט.

— װאָס מײנט איר, דאַרף איך טאָן?

האָראַסיאָ ווארפט אַוועק דאָס שוועבעלע אַף דער ערד. דאָס שטיקל ציגאַר, אַ פאַרלאָשנס, הענגט אַף זײַן גראָבער ליפּ:

— איך האָב דאָ מײַנעם אַ מענטשן, אַ פאַרטרױענס־מענטש. דאָגער־שטיק קומט זשוקאַ אַרויף אַף דער פאַזענדע; איך בין אינפאָרמירט. מיט פּופּציק מילרײַס לייזט איר די זאַך...

ווירזשיליאָ פאַרשטייט נישט רעכט וואָס ער מיינט.

— ווי אַזוי?

מאַנעקאַ דאַנטאַס קלערט אים אויף.

— פאַר פּופּציק מילרײַס מאַכט דער מענטש די אַרבעט. דאָנערשטיק וועט ער אָפּוואַרטן זשוקאַן אַפן וועג; קיין שום הייליקער וועט אים שוין ניט העלפן... און דערנאָך וועט זיך שוין קיינער קעגן אײַך ניט דערוועגן...

האָראַסיאָ דערמוטיקט אים:

— און קיין סאַקאָנע איז דערבײַ נישטאָ. די באַדאַראָ'ס וועלן זאָגן, אַז איך האָב אים געשיקט. אויב עס וועט זײַן אַ פּראָצעס, וועט ער זײַן קעגן מיר. נאָר וועגן דעם זאָלט איר אײַך ניט זאָרגן...

ווירזשיליאָ הייבט זיך אויף:

— דאָס אָבער, קאָראָנעל, איז נישט קיין העלדישקייט. אונטערשיקן אַ קאַפּאַנגאַ. ער זאָל אַזוי, קאַלטבלוטיק, איינעם דערשיסן, איז נישט קיין מוט. וואָלט איך מיך געטראָפן מיט זשוקאַן אין גאַס און איך וואָלט אַף אים אַ האַנט געלייגט, פאַרשטיי איך. נאָר שיקן אַ מענטשן ער זאָל אים אַ קויל אַרײַנשיסן? ווי איך פאַרשטיי, איז עס נישט קיין העלדישקייט...

— דאָ, דאָקטאָר, איז עס אַזוי. און אויב איר רעכנט דאָ מאַכן אַ קאַריערע, טאָ לאָזט מיך אַהער רופן דעם קאַפּאַנגאַ. אַז ניט, איז קיין מיטל נישטאָ. איר קענט אײַך זײַן דער בעסטער אַדוואָקאַט אין דער וועלט: וועט קיינער צו אײַך נישט גיין.

— און אַכוצדעם, די פּאַרטיי... — גיט צו מאַנעקאַ דאַנטאַס.

ווירזשיליאָ זעצט זיך צוריק אַוועק. ער קלערט. ער האָט זיך קיינמאָל אַף אַזוינס נישט געריכט. ער ווייס, אַז האָראַסיאָ איז גערעכט. אין דעם לאַנד איז שיקן עמעצן הארגענען העלדיש; דאָס שאַפט רעספּעקט. ער ווייס אויך, אַז דאָ איז נישט שײַעך קיין שווינדל. טאָמער קומט די זאַך צום געריכט, וועט מען די שולד וואַרפן אַף האָראַסיאָן. נאָר מיט דעם אַלעמען,

זעט ער נישט אײַן פאַרוואָס ער זאָל שיקן דערהאַרגענען זשוקאַ באַדאַראַ. האַראַסיאַ רופט זיך אָן:

— הערט אויס, דאָקטאָר, איך זאָג עס אײַך ווײַל כ'בין אײַך אַ פרײַנט. איך שיק, אויף יעדן פאַל, ליקווידירן זשוקאַ באַדאַראַ'. איך בין גרייט דערויף; ער האָט דערהאַרגעט מײַנע פיר מענטשן, — ער פאַרריכט זיך — דאָס הייסט, זײַנע מענטשן האָבן זיי דערהאַרגעט. ער האָט אונ־טערגעצונדן בײַ פירמע די פּלאַנטאַציע און איז באַפאַלן די שטוב בײַ בראַזן. צו פיל ווילדקייטן באַגייט ער; גלײַכער מיט אים אַ סאָף צו מאַכן. די וואָך הייב איך אָן האַקן דעם וואַלד; זשוקאַ וועט עס שוין נישט זען.

ער שטעלט זיך אָפּ, צינדט ווידער אָן אַ שוועבעלע און גיט אַ צי דעם ציגאַר. ער קוקט צו ווירזשיליאָן; זײַן יעדער וואָרט איז שווער, ווי אַ קלאַפּ מיט אַ פויסט:

— איך וויל אײַך בלויז טאָן אַ געפעליקייט. באַפעלט איר דעם מענטשן, און אַלע וועלן עס וויסן, כאָטש איך בין אָרעוו פאַרן געריכט, אַז וואָסמיסע האָט באַפוילן אָפּראַמען זשוקאַ באַדאַראַ. און קיינער וועט זיך קענען אײַך ניט דערוועגן, ניט מיט אײַערער אַ פרוי. מען וועט אײַך רעספּעקטירן.

מאַנעקאַ דאַנטאַס קלאַפּט ווירזשיליאָן אויפן אַקסל; פאַר אים איז עס די פּאָשעטסטע זאַך אין דער וועלט:

— עס קאָסט אײַך גאָרנישט די פינף ווערטער צו זאָגן.

— האָראַסיאַ פאַרענדיקט:

— איר געפעלט מיר, דאָקטאָר; איר זײַט אַ מענטש פון וויסן. נאָר דאָ, אויף דער ערד, האָט וויסן אַליין קיין ווערט נישט, סעו דאָקטאָר.

ווירזשיליאָ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. דער קאָראָנעל וועט שיקן האַרגע־נען זשוקאַן, ער וויל בלויז, אַז ער, ווירזשיליאָ, זאָל דעם קאַפּאַנגאַ געבן דעם באַפעל; דערמיט וועט ער פאַררעכנט ווערן אינעם צעטל פון די אײַ־ליעוסער העלדישע מענטשן. ער טראַכט פון עסטערן, וואָס זיצט אין זאַל, אַ געפּײַניקטע פון אייפערזוכט. ער טראַכט פון לעבן מיט איר, אוועק מיט איר אין אַנדערע מעקוימעס, אין אַ ציוויליזירט לאַנד, וווּ מענטשלעך לעבן האָט עפּעס אַ ווערט. ווײַט אַוועק פון דאָרט, פון דעם ווילדלאַנד, פון די יישובים, פון דער באַרבאַרישער שטאָט, פון דעם זאַל, וווּ די צוויי קאָ־ראָנעלן ראָטן אים — פון זײַן טויווע וועגן — ער זאָל הייסן האַרגענען

א מענטשן. אנטלויפן מיט עסטערן, און אנדערש וועלן יעדן טאָג זײַן די פרימאָרגנס, שענער די פארנאכטן, און קלאָג די נעכט, א כוץ דעם ווי פון דער ליבע. אין אנדערע ווײַטע לענדער...

האָראסיאָס קאָל שנײַדט ווידער דורך דעם זאַל:

— באַשליסט אײַך, דאָקטאָר.

## IV

שווער זײַנען די לאַנגע ווינטערדיקע רעגנס; דאָס וואַסער זינגט אַף די דעכער און רינט איבער די שויבן. דער יאַם־ווינט טרייסלט די ביימער אינעם גאָרטן און שמײַסט אַראָפּ די בלעטער און די גרינע פרוכטן. עס־טער האַלט די אויגן פאַרמאַכט און זעט די בלעטער זיך טראָגן און זיך דרייען אין דער לופטן מיט די רעגן־טראָפּנס באַלאָדן און פאַלן צו דער ערד. דאָס בילד וואַרפט זי אין א קעלט און נאָכמער אין א שלעפעריקייט און זי דריקט זיך צו איר געליבטן מיט איר קאָפּ אַף זײַן ברייטער ברוסט. ווירזשיליאָ קושט אירע שיינע האָר, דערנאָך דעקט ער שטיל צו מיט די ליפּן די לעדלעך פון אירע צוגעמאַכטע אויגן. עסטער שטרעקט אויס א נאַקעטן אָרעם און נעמט אַרום דעם געליבטן. דער שלאָף באַפאַלט זי וואָס ווײַטער אַלץ שווערער און איר גוף ווערט אַלץ שווערער... ווירזשיליאָ פּרוווט נאָך ריידן מיט איר, דערציילן וואָס עס איז געשען. ער דערציילט אײַליק און נערוועזש... ער וויל ניט זי זאָל אײַנשלאָפן, ער וויל זי זאָל אויפזײַן מיט אים. עס איז שוין האַלבע נאַכט און דער רעגן שטילט זיך נישט אײַן. ער פאַלט וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און מיט דעם רעגן דער שלאָף. ווירזשיליאָ רעדט, ער דערציילט איר פּאַסירונגען פון זײַן סטודענטישן לעבן אין באַהיאַ. ער דערציילט איר אַפילע פון אנדערע פרויען, וואָס זײַנען אין זײַן לעבן דורכגעגאַנגען, עפּשער וועט זי וואַך ווערן, זיך שטאַרקן איבערן שלאָף. עסטער ענטפערט מיט איינציקע זילבן; צום סאָף דרייט זי זיך איבער מיטן פּנים אַראָפּ, מיטן קאָפּ אין קישן אײַנגעגראָבן. זי מורמלט נאָך:

— דערצייל, ליבער מײַנער...

נאָר ער דערזעט זי שלאָפן און ער דערפילט די גאַנצע פּוסטקייט פון די ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, פון די רייד וועגן זײַן סטודענ־

טישן לעבן. פּוסט, אײנגאַנצן פּוסט, אין זינען און אין אינטערעס. די רעגנטראָפּנס רינען איבער די שױבן; װירזשיליאָ טראַכט זיך אַז זײ זעען אױס װי טרערן. עס מוז גוט זײַן װען מען קען װײנען, לאָזן אַרױספֿליסן די לײדן דורך די אױגן, זײ לאָזן זיך גליטשן איבערן פּנים... אַזױ טוט עסטער. װען זי האָט זיך דערװוּסט, אַז ער האָט געטאַנצט מיט מאַרגאָטן אין קאַבאַרעט, האָט זי געלאָזט די טרערן פֿליסן איבער איר פּנים און דערנאָך איז איר אַ סאַך גרינגער געװאָרן אױסצוהערן װירזשיליאָס דערקלערונגען, גלײבן אין זײ. פֿאַראַן אַ סאַך אַזעלכע מענטשן, זײ טרײסטן זיך מיט טרערן. נאָר װירזשיליאָ קען נישט װײנען. ער האָט נישט געװײנט אַפֿילע דעמאָלט װען ער האָט באַקומען אין גאַס די ידיעה, אַז דער פֿאָטער איז פּלוצעם געשטאָרבן אין סטעפּ. און ער האָט ליב געהאַט זײַן פֿאָטער ביז מעשוגאַס, ער האָט געװוּסט סאַראַ קאָרבאָנעס דער פֿאָטער ברענגט אַף צו קענען אױסהאַלטן זײַן לערנען. ער איז דעמאָלט שטײן געבליבן מיט אַ קנופּ אין האַלדז, אַף דער גאַס, װו אַ באַקאַנטער האָט אים איבערגעגעבן זײַן מומעס בריװ מיט דער ידיעה. אַ קנופּ אין האַלדז, נאָר אָן אײן טרער אין זײַנע טרוקענע, שרעקלעך טרוקענע אױגן, אַזױ טרוקן אַז זײ האָבן אים געבריט. קײן אײן טרער ניט. אַף די שױבן רינען די רעגנטרערן, אײנע נאָך דער צװײטער. װירזשיליאָ טראַכט זיך, אַז דאָס װײנט די נאַכט איבער די טױט־געפֿאַלענע אַף יענער ערד. אַ סאַך זײַנען זײ. נאָר אַ מאַבל קען אױסװײנען אַזױ פֿיל גװאַלטיקן טױט! װאָס טוט ער דאָ אַף דער ערד? צו װאָס איז ער אַהערגעקומען? איצט איז שױן שפּעט; עסטער איז דאָ, און אַװעקגײן װעט ער נאָר מיט איר. װען ער איז געקומען איז זײַן ברוסט פֿול געװען מיט אַמביציע. געזען האָט ער טײַכן מיט געלט, אַ באַנק אין פּאַרלאַמענט, אַ צוקונפֿטיקן פּאָליטיקער, װאָס ער אײנער פֿירט אָן מיט דער גאַנצער פּרוכטיקער קאַקאַאָ־געגנט. די ערשטע צײַטן האָט ער נאָר דערפֿון געטראַכט, און אַלץ איז געגאַנגען גוט, אַלץ װי ער האָט געװוּנטשן: ער האָט פֿאַרדינט געלט, די קאָראָנעלן האָבן זיך פֿאַרלאָזט אַף אים, ער האָט געהאַט דערפֿאָלג אַלס אַדװאָקאַט און דער אײניען פּאָליטיק איז געגאַנגען גוט; די שטאַט־רעגירונג האָט זיך אַלץ מער דערװײַטערט פֿון דער פֿעדעראַלער, און עס איז זיכער געװען, פֿאַר יעדן װאָס האָט נאָר אױגן, אַז די קומענדיקע װאַלן װעלן זי אומװאַרפֿן, אױב זי װעט נאָך פֿריִער נישט פֿאַלן. אין באַהיִאַ האָט מען אױך גערעדט פֿון

א פעדעראַלער אינטערווענץ אינעם שטאַט. די שעפּן זײַנען געווען אין ריאָ און האָבן זיך באַמיט צו פאַרהאַנדלען; דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק האָט זיי אויפגענומען, די לאַגע איז געוואָרן אַלץ קלאָרער, גע־ווען זײַנען גרויסע מעגלעכקייטן ער זאָל זײַן קאַנדידאַט אַף דעפּוטאַט צו די איבעראַיאַריקע וואַלן און, בײַ אַ פּאָליטישער ענדערונג, איז זײַן דער־ווייַלונג אויסער יעדן ספק.

נאָר אויפגעקומען איז עפּעס, און דאָס אַלץ איז שוין מער נישט וויכטיק. בלויז זי איז וויכטיק, איר לײַב, אירע אויגן, איר שטים, אירע פאַרלאַנגען, איר ליבע צו אים. נאָך אַלעמען קען ער אויך אין ריאָ מאַכן אַ קאַריערע; דאָס איז געווען זײַן ערשטער געדאַנק ווען ער האָט זיך דיפּ־לאָמירט. זאָל ער נאָר באַקומען אַן אָרט אין אַן אַדוואָקאַטן־ביוראָ מיט אַ גוטער קליענטעלע, וועט ער גיין פאָרויס; די צײַט וואָס ער האָט פאַר־בראַכט אין טאַבאַקאַס און איליעוס האָט אים גוט געדינט. אין דעם יאָר מיט די אַכט כּאַדאָשים האָט ער געלערנט אַ סאַך מער ווי אין די פינף יאָר פאַקולטעט. עס גייט אום אַ וואָרט, אַז אַן „איליעוסער אַדוואָקאַט" קען זײַן אַדוואָקאַט אומעטום, און דאָס איז עמעס. דאָ זײַנען נייטיק אַלע סובטעלקייטן פון דער פּראָפעסיע, מען מוז דאָ קענען די געזעצן אַף דורך און דורך און וויסן ווי זיי אַרומצוגיין. עס איז גאָר קיין ספק ניט אַז ווירזשיליאָ האָט גרויסע מעגלעכקייטן זיך אַרויפצואַרבעטן אומעטום; ניט אומזיסט האָט מען אים אין איליעוס שוין געהאַלטן פאַר איינעם פון די בעסטע אַדוואָקאַטן. נאַטירלעך, וועט עס ניט זײַן אַזוי גרינג ווי דאָ, וווּ ער האָט זיך שוין געשאַפן אַ נאָמען און האָט שוין געמאַכט דעם אָנהייב פון אַ פּאָליטישער קאַריערע... שנעל און גרינג... ווירזשיליאָ שטעלט זיך אָפּ אַף די צוויי ווערטער וואָס זײַנען אים אַפּן געדאַנק געקומען. שנעל, קען זײַן. גרינג, ניט... איז עס עפּשער גרינג צו שיקן. האַרגענען מענטשן קעדיי אַרויסצורופן צו זיך דערעכבערעץ? קעדיי געשעצט צו ווערן פון אַלע־מען, קעדיי צו קענען מאַכן אַ פּאָליטישע קאַריערע? ס'איז נישט גרינג... פאַר אים, אַלנפאַלס, פאַר ווירזשיליאַן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אַף אַן אַנדער ערד, אין אַנדערע געוווינהייטן, מיט אַנדערע געפילן. פאַר די דאָר־טיקע קאָראָנעלן, פאַר די אַדוואָקאַטן וואָס האָבן דאָרט זייער לעבן אָפּגע־לעבט, פאַר זיי איז עס גרינג; פאַר האָראַסיאָן, פאַר די באַדאַראָס, פאַר מאַנעקאָ דאַנטאַס, פאַר דאָקטאָר זשעניאַראָ מיט זײַן גאַנצער ווערטער־קול־

טור און פאַר זײַן ערנסט פון אַ מענטשן, וואָס ווייס קיינמאָל פון קיין פרוי ניט. זיי שיקן הארגענע מענטשן ווי מען שיקט באַשנײַדן ביימער אָדער ווי מען גיט אַרויס אַ סערטיפיקאַט אױף עלטער באַם נאָטאַריוס. יאָ, פאַר זיי איז עס גרינג, און ווירזשיליאָ האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאַר־טראַכט ווי מעשונע דאָס איז. איצט אָבער קוקט ער מיט אַנדערע אויגן אױף די גראָבע פאַרשוינען פון די פאַזענדעס, אױף די מאַנירלעכע אַדוואָקאַטן פון דער שטאָט און פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס שיקן רויִקערהייט שלעגערס אָפּוואַרטן די סאָנים הינטער אַ בוים. צוערשט זײַן אַמביציע, דערנאָך די ליבע צו עסטערן און דער באַגער צו אַנטלויפן מיט איר פון דאָרטן, האָבן גוירעס געווען ער זאָל זיך נישט פאַרטראַכטן ווי שרעקלעך עס זײַנען די דראַמען, וואָס זײַנען דאָ דאָס טאָגטעגלעכע. ער האָט געמוזט דערגיין אַז אויך ער זאָל געצוווּנגען זײַן שיקן הארגענען אַ מענטשן, ביז ער זאָל דערפילן דעם אומגליק פון דעם אַלעמען, ווי שרעקלעך די דאָזיקע מײַסים זײַנען, ווי שווער אָט די ערד לייגט זיך אױף די מענטשן. די פעלד־אַרבעטער האָבן אין זיך די קלעפּיקייט פון דעם קאַקאַאָ, וואָס איז צו זייער ערע פיס צוגעקלעפּט און איז פאַרוואַנדלט אין אַ מין גראָבער סקאָרע, וואָס וואַשט זיך קיינמאָל נישט אָפּ. און זיי אַלע, די אַרבעטער, די קאַפּאַנ־גאַס, די קאָראָנעלן, די אַדוואָקאַטן, די דאָקטוירים, די סאָכרים און עקס־פּאָרטלער טראָגן טיף אין הארצן אָט די קלעפּיקייט און זי דריקט אױף זייער געמיט... נישטאָ קיין דערציִונג, קיין קולטור, קיין סענטימענטן, וואָס זאָלן זיי אַראָפּוואַשן. קאַקאַאָ איז געלט, איז מאַכט, איז דאָס גאַנצע לעבן, ער איז אײַנגעפלאַנצט אין זיי, און ניט נאָר אין דער מעכטיקער שוואַרצער ערד פון דעם וואַלדלאַנד. ער ווערט באַ יעדן איינעם פון זיי געבוירן, וואַרפט אַ בייזן שאָטן אױף יעדן הארצן, פאַרלעשט יעדן גוטן געפיל. ווירזשיליאָ פילט ניט קיין האַס צו האָראַסיאָן, ניט צו מאַנעקאָ דאַנטאַס און נאָך וויניקער צו דעם שוואַרצן וועלכן ער האָט געשיקט אינעם לויער אױף זשוקאַ באַדאַראָ הײַנט דאָנערשטיק אין דער נאַכט, וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג. אַ האַס פילט ער צום קאַקאַאָ... ער ברויזט אויף דערפון וואָס ער פילט זיך באַהערשט, וואָס ער האָט קיין קויעך ניט געהאַט צו זאָגן ניין און לאָזן אַז האָראַסיאָ אַליין זאָל טראָגן די שולד פאַר זשוקאַס טויט. ער ווייס אַפילע ניט ווי אַזוי אָט די ערד, אָט די געוווינהייטן, דאָס אַלץ וואָס אַרום דעם קאַקאַאָ, האָט אים אַרײַנגעצויגן. אין טאַבאָקאַס האָט ער איין

מאָל אַ פּאַטש געטאָן מאַרגאָטן, און דעמאָלט האָט ער דערפילט, אַז פּאַראַן איז אַ צווייטער ווירזשיליאָ, וועלכן ער קען נישט; שוין נישט דעם פון דער אוניווערזיטעט־באַנק, דעם העפלעכן און ליבלעכן, דעם אַמביציעזן אָבער צעשמייכלטן, וואָס איז באַצאַרט פון יענעמס אומגליק, וואָס האָט אַ געפיל פאַר יענעמס לײַדן. הײַנט איז ער אַ האַרטער מענטש. מיט וואָס איז ער אַנדערש פון האָראַסיאָן? ער איז דער זעלביקער וואָס יענער, זײַנע געפילן זײַנען די זעלביקע. ווען ער האָט זיך באַקענט מיט עסטערן, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט זי באַפרײַען פון אַ מאָנסטער, פון אַן אָפּשטויסנדיקן מענגוואָלדיקן מענטשן. נאָר וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז שוין. זיי זײַנען שויןביידע מערדער, אָנפירער פון קאַפּאַנגאַס. ביידע דינען זיי דעם קאַקאַאָ, דעם גאָלד פון דער קאַקאַאָטאָלן־פּרוכט.

זשוקאַ האָט שוין מיסטאָמע איצט באַקומען די קויל — טראַכט זיך ווירזשיליאָ — און מוז שוין איצט זײַן נישט מער ווי נאָך איין האָרעג אויף די קאַקאַאָ־וועגן. אים וועט מען נישט באַגראָבן ווי אַנדערע אונטער אַ בוים מיט אַ פּאָשעטן ציילעם וואָס זאָל דערמאָנען די פּאַסירונג. זשוקאַ איז אַן אָנגעזעענער פּאַזענדייראָ; ער וועט האָבן אַ גרויסע לעווייַע, דאָקטאָר זשענאַראָ וועט מאַכן אַ העספּעד אויפן בייסוילעם, ער וועט פאַרגלײַכן זשוקאָן צו די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. דאָקטאָר ווירזשיליאָ גופא וועט גיין צו דער לעווייַע; ס'איז נישט קיין נײַס, אַז מערדער גייען נאָך דעם אָרן פון זייער קאָרבן. מען דערציילט פון אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגענומען אַ הענטל באַם אָרן, מיט אַ טרויעריקן פּאָנעם און אַ שוואַרצן ראָק, ווי עס פּאָדערט די צערעמאָניע. ניין, ער וועט נישט גיין צו זשוקאַס לעווייַע; ווי וועט ער קענען קוקן אין פּאָנעם דער דאָניאַ אָלגאַ? זשוקאַ איז נישט געווען קיין גוטער מאַן, ער האָט געלעבט מיט אַנדערע פרויען, ער פלעגט שפּילן אין קאָרטן אין קאַבאַרעט, נאָר דאָניאַ אָלגאַ וועט וויינען און וועט לײַדן. ווי וועט ער קענען קוקן אויף איר בעיים דער קוואָרע? ניין, איצט דאַרף ער ערגעץ אוועק, ווײַט אוועק, וווּ קיין זאַך זאָל אים נישט דערמאָנען איליעוס, קאַקאַאָ און הארוגים. וווּ קיין זאַך זאָל אים נישט דערמאָנען די נאַכט באַ עסטערן אין שטוב, אינעם קאָראָנעלס ביוראָצימער, ווען ווירזשיליאָ האָט געשיקט רופן דעם שלעגער. צו וואָס האָט ער עס געטאָן? ער האָט עס געטאָן דערפאַר וואָס ער איז שוין אָן אויסגאַנג צוגעבונדן צו דער ערד, דערפאַר וואָס זײַן פאַרלאַנג אוועקצו־

פירן פון דאנען עסטערן איז נישט מער ווי א כאלעם וואס ווערט אלץ ווייטער. ער איז צוגעבונדן צו דער ערד און אויך ער רעכנט קולטיווירן קאקאא־פעלדער, ער האפט אז האראסיא זאל אומקומען אין די געשלעגן פאר סעקיירא גראנדע און ער זאל קענען כאסענע האבן פאר עסטערן. ערשט איצט גיט ער זיך אפ כעשבן, אז ער האט דעם פארלאנג שטענדיק געהאלטן אין הארצן, אז ער האט יעדן טאג געווארט אף דער יעדיע, אז דער קאראנעל איז דערשאסן געווארן פון באדארא'ס א מענטשן... אין דער צייט וואס ער האט געטראכט פון א שטעלע אין ריא, פון פארדינען געלט צום אוועקפארן, אין דער צייט וואס ער האט געזוכט טערוצים אף אפצולייגן זיין אנטלויפן מיט עסטערן, האט ער געווארט אף דעם פאל און האט אים געהאלטן פאר אומפארמיידלעך: אז די באדארא'ס זאלן שיקן מענטשן אפראמען האראסיאן און א סאף מאכן צו דער פראבלעם. ער האט אייניקע מאל געטראכט דערפון און האט זיך טייקעף באמיט דעם מאמענט צו פארגעסן. געטראכט האט ער, אז ווען האראסיא זאל שטארבן, וואלט ער געראטן עסטערן דורכצוקומען מיט די באדארא'ס וועגן צעטיילן דעם סעקיירא גראנדער וואלד און א סאף מאכן צום קאמף. ער האט זיך דעמאלט אליין גענארט, אז ער טראכט דערפון ווי פון א מעגלעכן פאל, וואס ער מוז אים אין אכט נעמען ווי אן אדוואקאט פון דער פאמיליע. נאר איצט, ווען ער ליגט אין בעט און זעט דעם רעגן וויינען אף די שויבן, איז ער זיך מוידע, אז אין די לעצטע כאדאשים האט ער ראק געווארט אף דער יעדיע וועגן האראסיאס טויט, א קויל אין דער ברוסט, א קאפאנגא אנטלויפט... יא, אים בלייבט קיין אנדער ברייַרע נישט. ער קען שוין פון דער ערד נישט אנטלויפן. ער איז שוין ביז לעצט מיט איר פארבונדן, פארבונדן מיט א הארעג, מיט זשוקא באדארא, וואס ער האט אים געשיקט הארגענען. איצט מוז מעןווארטן, אז היינט מארגן, זאל א קויל טרעפן האראסיאן, זיין לעוויע. און דעמאלט וועט ער האבן עסטערן, וועט ער האבן דאס פארמעגן און אויך דעם סעקיירא גראנדער וואלד. ער וועט זיין רייך און פארערט, פאליטישער שעף, דעפוטאט, סענאטאר, וואס נאר ער וועט וועלן. אין איליעוסער גאסן וועט מען אים באריידן, נאר גריסן מיט האכנאע און זיך בייגן פאר אים. וואס קען מען מאכן... עס האט קיין זין ניט צו טראכטן פון אנטלויפן, פון אוועקפארן ערגעץ ווייט, פון אנהייבן א נייַ לעבן. ווי ער וועט

זײַן, װעט ער פֿאַר זיך זען זשוקאַ באַדאַראָ׳ װי ער פֿאַלט פֿונעם פֿערד מיט דער האַנט אַף דער װוּנד, ער זעט דאָס איצט אָפּגעשפּיגלט אין דער פֿאַררעגנטער שויב. ער זעט דאָס מיט זײַנע טרוקענע, טרערנלאָזע אויגן; ער טראַכט אַז אויך זײַן האַרץ איז טרוקן, פֿאַרדעקט מיט דעם שאָטן פֿונעם קאַקאַאָ.

עס האָט קיין זין ניט צו טראַכטן פֿון אַנטלויפֿן; זײַנע פֿיס זײַנען איצט געפֿאַנגען פֿון דער ערדס קלעפּיקייט, די קלעפּיקייט פֿון דעם װײַסן קאַקאַאָ, די קלעפּיקייט אויך פֿון בלוט. ער װעט שוין קיינמאָל מער ניט קענען כאָלעמען פֿון אַן אַנדער לעבן. אויך ער איז שוין איצט אַ „גראַפּיונאַ”, עט ביז אַראָפּ אַ „גראַפּיונאַ”. „מען װעט מער נישט קענען כאָלעמען, עסטער!”

די אויגן זײַנען אים טרוקן, די הענט ציטערן אים, זײַן האַרץ װיל־דעװועט; עסטער דרעמלט אין דער קילער רעגן־נאַכט. אין הײַנטיקער נאַכט, אַפֿן װעג קיין פֿעראַדאַס, האָט אַ מענטש אַראָפּגעשאָסן זשוקאַ באַדאַראָ פֿונעם פֿערד. װירזשיליאָ טוליעט זיך אין די אָרעמס פֿון דער פֿרוי. עסטער שמייכלט אַ האַלב אײַנגעשלאָפֿענע:

— איצט נישט, ליבער.

און די אַנגסט װאַקסט; ער טוט זיך אָן קימאַט אין אײַלעניש; ער פֿילט אַ באַדערפֿעניש דער רעגן זאָל אים נעצן, גיסן אים אַפֿן קאָפּ, װאַשן אים די פֿאַרבלוטיקטע הענט, װאַשן דאָס באַפֿלעקטע האַרץ. ער פֿאַרגעסט אַז ער דאַרף אַראָפּגיין מיט שטילע טריט קעדיי נישט אויפֿ־צוװועקן די דינסטן. און ער גייט אַרויס דורכן גאָרטן. בײַ דער באַנליניע טוט ער אויס דעם הוט און לאָזט דעם רעגן גיסן איבערן פּאָנעם, װי ער װאָלט זײַן די טרערן װאָס ער האָט נישט אויסגעװויינט.

## V

אומזיסט, פֿונדעסטװעגן, נעמט זיך װירזשיליאָ אַזוי צום האַרצן און אומזיסט אויך די פֿרייד, װאָס דאָקטער זעזע זעט אַף האָראַסיאָן, װאָס איז יענע נאַכט געשלאָפֿן בײַ אים אין טאַבאָקאַס. פֿון זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די סעקיירע גראַנדער געשלעגן, פֿאַרט ער נישט באַנאַכט איבער די װעגן, כאָטש ער האָט גענוג מענטשן אים צו בײַ־

גליטן. מאַכמעס דעם וואָס ער האָט נאָכמיטאָג נישט געקענט אַרויס־פאָרן צו זיך אין דער פּאַזענדע צוליב די געשעפטן וואָס האָבן אים פאַרהאַלטן אין טאַבאַקאַס, האָט ער אָפּגעלייגט דאָס אַרויספאָרן אויף אינדערפרי און ער פאַרברענגט דעם נאָכמיטאָג בײַ דאָקטער זעזע אי־נעם קאַבינעט און קוקט ווי דער דאָקטער נעמט אויף די קראַנקע. און אַזוי ווי קימאַט אַלע זײַנען זיי האַראַסיאָס באַקאַנטע און זײַנע ווײַ־לער, פאַרלירט ער נישט קיין צײַט. פאַר יעדן האָט ער אַ וואָרט, ער פרעגט אויף די געשעפטן, אויפן הויזגעזינד. ער קען זײַן ליבלעך ווען ער וויל, און דעם טאָג פילט ער אַ באַזונדערע פרייד. אַ פרייד וואָס וואַקסט אין אים וואָס נענטער עס ווערט צו נאַכט. פונעם פענצטער אינעם קאַ־בינעט דערזעט ער זשוקאַ באַדאַראָ, אין שטיוול מיט שפּאָרן, אַרויס־קומען פון אַזעוועדאָס אײַזן־קראָם און שפּאַנען איבער טאַבאַקעסער גאַסן. ער שמייכלט צופרידן ווען ער זעט דעם סוינעם נערוועזשע גע־שטאַלט. דער מענטש, וועלכן ער האָט געשיקט, מוז שוין איצט גיין צום לויער אַפן וועג קיין פעראַדאַס. דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ איז שווער געווען זיך צו אַנטשליסן. האַראַסיאָ האָט ליב דעם אַדוואָקאַט און איז זיכער אַז ער טוט אים אַן עמעסע טויווע דערמיט וואָס ער מאַכט אים באַרימט מיט זשוקאַ באַדאַראָ׳ס טויט, אַן סאַקאָנע פאַר זיך. ער טרעט אָפּ פונעם פענצטער גריסן דער פרוי פון סילוויאָ מאַנעסיטאַס, באַלע־באָסטע פון אַ קליינער פּאַזענדע אין דער ריכטונג צו פּאַלעסטינאַ, ער איז איינער פון די שטאַרקע, וואָס האַראַסיאָ שטיצט זיך אויף זיי אין יע־נער געגנט. די פרוי איז דעם זעלביקן טאָג געקומען און האָט געבראַכט מיט זיך איר מאַן, וואָס ווערט אויפגעפרעסן פונעם פיבער. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינעם שטיבל וואָס זיי האָבן פון יענער זײַט טײַך. די פרוי שרעקט זיך פאַר איר מאַנס צושטאַנד. זי האָט אים געמוזט ברענגען אין אַ האַמאַק; ער קען נישט רײַטן.

האַראַסיאָ באַגלייט אַהין דעם דאָקטער זעזע, העלפט אויפהייבן דעם קראַנקן ווען דער דאָקטער באַטראַכט אים. ער באַט זיך אָן העלפן דער פרוי, פרעגט צי זי דאַרף נישט קיין געלט. דאָקטער זעזע ווייס אַז האַראַסיאָ איז ליבלעך מיט זײַנע ווײַלער, מיט זײַנע פרײַנט, נאָר דעם טאָג, דאַכט זיך אים, איז ער איבערגעטריבן ליב. דער קאָראָנעל וויל גאָר־ניט אַוועקגיין און העלפט דער פרוי אַרונטערדוקן דעם אָרינאַל דעם

קראַנקן, אים איבערטאָן די וועש, וואָס איז אים צום לײַב צוגעקלעפּט פֿון שוויים, דערלאַנגען די רעפֿועס, וואָס מען האָט געבראַכט פֿון דער אַפּטייק. פֿאַרן אַוועקגיין נעמט דער דאָקטער אַוועק דעם קאָראַנעל אָן אַ זײַט און זאָגט אים:

— נישטאָ וואָס צו מאַכן...

— זאָגט עס נישט!

דער דאָקטער גיט נישט קיין האָפֿענונגען:

— ווערט דער פֿיבער באַלד נישט אָפּגעהאַקט, אַזוי איז אומזיסט די מי. איצט מוזט איר גיין מיט מיר זיך אָפּבאָדן, אָפּוואַשן די הענט מיט אַלקאָהאָל. דער פֿיבער שפּילט זיך ניט. ער שטעקט טייקעף אָן.

נאָר האָראַסיאָ לאַכט זיך אויס, ער פֿאַרבלײַבט בא סילוויאָן ביזן נאַכטמאָל און זאָגט צו צוריקצוקומען. און ערשט פֿאַרן עסן וואַשט ער זיך די הענט און לאַכט פֿונעם דאָקטערס מוירע; פֿאַר אים, זאָגט ער, האָט דער פֿיבער דערעכּעריש. דאָקטער זעזע נעמט אים דערקלערן ווי־סנשאַפֿטלעך; אַז דער פֿיבער איז איינע פֿון זײַנע זאָרגן. ער האַרגעט אַוועק אין אַ פּאָר טעג, נישטאָ קיין מיטל צו אים. נאָר קיין זאַך שטערט נישט יענע נאַכט האָראַסיאָס פֿרייד. ער איז אַזוי פֿריילעך, אַז ער גייט צוריק צו סילוויען אין שטוב העלפֿן דעם קראַנקן. און ער איז דער וואָס לויפֿט רופֿן דעם דאָקטער זעזע, ווען סילוויאָ טרעט אַרײַן אין גסיסע. אין וועג לויפֿט ער שוין אַרײַן צו וויסן געבן דעם גאַלעך. זיי טרעפֿן שוין סילוויאָן אַ טויטן; די פֿרויען וויינען אין די ווינקעלעך. האָראַסיאָ דערמאָנט זיך, אַז אויך זשוקאַ באַדאַראָ מוז שוין איצט ליגן אַ טויטער, אָפֿן וועג אויסגעצויגן, די אויגן אָפֿן און שטאַר אַזוי ווי בא סילוויאָן. ער באָט זיך אָן דער אַלמאָנע אויסשטיין די קוורע־הויצאָעס און העלפֿט איבערטאָן דעם קראַנקן.

נאָר דער עמעס איז, אַז האָראַסיאָ פֿרייט זיך אומזיסט און אַז ווירזשיליאָ לײַדט אומזיסט. די סיבע פֿון דער פֿרייד און פֿון דעם לײַדן, זשוקאַ באַדאַראָ, רײַט איצט צו זיך אַף דער פֿאַזענדע; אָפֿן וועג ליגט אַ טויטער דער מענטש, וואָס איז געגאַנגען אים אָפּוואַרטן אינעם לויער. און אַן איינגעהויקערטער אָפֿן אייזל, געפֿירט פֿון ווירזשיליאָן באַם צוימל, רײַט אַ פֿאַרווונדיקטער אַנטאָניאָ וויטאָר, וואָס האָט איצט אַ צווייטן מאָל געראַטעוועט דעם באַלעבאָס דאָס לעבן. דאָס מאָל צופֿעליק

ווען דער מענטש אינעם לויער האָט געהאַלטן גרייט די ביקס צום שיסן, דער אויער אָנגעשפּאַנט צום קלאַפּן פון די פערדישע טריט, די אויגן צום רײַטער, וואָס איז אים אַקעגנגעריטן, און ער האָט דערקענט אין אים זשוקאַ באַדאַראָ, האָט אַנטאָניאָ וויטאָר אויפגעכאַפּט אַ לײַכטן שאָרך בײַ דער זײַט וועג. געמיינט האָ ער ס'איז אַ פּאַקאַ (בראַזיליענישער קיניגל) אָדער אַ שילדקרויט, און ער האָט פאַרקירעוועט דעם אייזל צום פעלד, מיט דעם רעוואָלווער אין דער האַנט, אַהיימצוברענגען דעם געפאַנג דאָניאַ אַנאַן אַ מאַטאַנע. דערזען האָט ער דעם מענטשן די ביקס אויפהייבן און האָט די רעגע אויסגעשאָסן, נאָר ניט געטראָפן. דער מענטש האָט זיך צו אים אויסגעדרייט און האָט אים געטראָפן אין פוס, ניט אין דער ברוסט, ווײַל דער אייזל האָט אונטערגעשפּרונגען. אַף דער שיסערײַ זײַנען צוגעקומען זשוקאַ און וויריאַטאָ און דער מענטש האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. פאַרן האַרגענען אים, איידער נאָך ער איז צוגעגאַנגען זען וואָס מיט אַנטאָניאָ וויטאָרן איז געשען, איז זשוקאַ באַדאַראָ צוגעשטאַנען צו דעם מענטשן און האָט אים אויסגעפרעגט:

— זאָג זוער, וועל איך דיך אָפּלאָזן...

דער מענטש האָט מוידע געווען:

— דאָקטאָרווירזשיליאָ, אויך קאַראַנעל האָראַסיאָ...

ווען דער מענטש האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, האָט וויריאַטאָ די ביקס אויפגעהויבן. דער בליאַסק פונעם שאָס האָט באַלויכטן די נאַכט. דער מענטש איז געפאַלן אַף פּאַרויס. זשוקאַ, וואָס איז פאַרנומען געווען מיט פאַרבינדן אַנטאָניאָ וויטאָרן דעם פוס מיט אַ שמאַטע, וואָס ער האָט פון זײַן אייגענעם זײַדענעם העמד אָפּגעריסן, דערהערט דעם שאָס און ער הייבט זיך אויף:

— האָב איך אים נישט געזאָגט, אַז ער קען זיך גיין? — שרײַט ער אַ געערגערטער.

וויריאַטאָ אַנטשולדיקט זיך.

— מיט איינעם ווייניקער, באַלעבאָס...

— איך וואָלט דיך באַדאַרפט אָנלערנען ווי מיך צו פאָלגן. אַז איך זאָג עפּעס, איז עס צום אויסגעפירט ווערן, זשוקאַ באַדאַראָ'ס אַ וואָרט ווערט נישט געפעלשט.

וויריאַטאָ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און ענטפערט ניט. זיי גייען צו צום

האַרעג; ער איז שוין טויט. זשוקאַ מאַכט אַ פּאַרדראָסיקע מינע:
— קום צו, העלף מיר — זאָגט ער צו ווירִיאַטאָן.
זיי זעצן אויף וויטאָרן אַפן אייזל; ווירִיאַטאַ נעמט אָן דאָס אייזל פאַרן ציימל און זיי גייען ווײַטער. אַזוי קומען זיי אָן צו דער פאַזענדע, וווּ די קעראָסין־לאָמטערנס ברענען נאָך, אַ באַווײַז פון סיניאָס אומ־רויִקייט, ער האָט גערעכנט דער ברודער זאָל קומען אַ סאַך פריִער. אַלע גייען אַרויס אַפן הויף און זעען ווי די קאַפּאַנגאַס און אַרבעטער העלפן אַנטאָניאָ וויטאָרן אַראָפּנעמען פונעם אייזל. מען פאַרוואָרפט זיי מיט פראַגן, מען לויפט העלפן דעם פאַרוווּנדעטן. סיניאָ באַדאַראָ אַליין האַלט אַנטאָניאָ וויטאָרן בײַ די אַקסלען אים אַרײַנצוטראָגן. מען לייגט אים אַוועק אַף אַ באַנק; דאָניאַ אַנאַ שרײַט צו ראַימונדאַן זי זאָל ברענ־גען אַלקאָהאָל און וואַטע. אַנטאָניאָ וויטאָר דערהערט דער מולאַטקעס נאָמען, דרייט ער אום דעם קאָפּ. און נאָר ער און דאָניאַ אַנאַ מערקן ווי בײַ איר ציטערן די הענט ווען זי גיט איבער דעם פּעקל וואַטע מיט דעם פלעשל אַלקאָהאָל. דערנאָך פאַרבלײַבט זי העלפן דאָניאַ אַנאַן מאַכן די קוראַציע (די קויל האָט נישט אָנגערירט דעם ביין) און אירע האַרטע און שווערע הענט ווערן דעליקאַט און צאַרט; אויך זיי זײַנען צאַרטע פרויען־הענט. פאַר אַנטאָניאָ וויטאָרן זײַנען זיי אַ סאַך צאַרטער, פײַנער און איידעלער, ווי דאָניאַ אַנאַ באַדאַראָ׳ס גרינגע און איידעלע הענט.

## VI

אינעם ווייכן זוניקן פרימאָרגן גייט ראַימונדאַ אַרײַן אין דער אַר־בעטער־שטוב. זי ברענגט אַ פלאַש מילך און אַ ברויט וואָס דאָניאַ אַנאַ שיקט פאַר אַנטאָניאָ וויטאָרן. דאָס הויז איז ליידיק; די אַרבעטער זײַנען אַף די פעלדער, זאַמלען אויף דעם קאַקאַאָ; אַנטאָניאָ וויטאָר שלאָפט אַ אומרויִקן פיבער־שלאָף. ראַימונדאַ שטעלט זיך אַוועק באַם געלעגער און קוקט אַפן שלאָפנדיקן מענטשן. דער פאַרבונדענער פוס שטעקט אַרויס פון אונטער דער אַלטער קאָלדרע, אַ פאַרפּאַפּטער ביז די קנעכל מיט פאַרטרוקנטער קאַקאַאָ־שלײַמיקייט. דעם אָוונט וועט ער אַף איר נישט וואַרטן באַם ברעג טײַך איר העלפן אויפהייבן דעם בלעך מיט וואַסער. ראַימונדאַ שרעקט זיך. און טאָמער שטאַרבט ער? סיניאָ באַדאַראָ האָט געזאָגט, אַז די וווּנד איז נישט קיין געפערלעכע, אַז אין

דרײַ אָדער פיר טעג אַרום װעט שױן אַנטאָניאָ װיטאָר זײַן אױף די פיס, און װען דער נעגער זשערעמיאַס װאָלט נישט געװען געשטאָרבן, װאָלט זי זיך אײַנגעשטעלט דעם װאַלד דורכצוקרײַצן און גײן נאָך אַ רעפּוע צום קישעפמאַכער. די רעפּוע פון דער אַפּטײק, װאָס שטײט באַ דער זײַט געלעגער און זי דאַרף אים אײַנגעבן, פאַרדינט נישט ראַימונדאַס צוטרױ. זי קען אַ טפילע קענען פיבער און קענען אַ ביס פון אַ שלאַנג, װאָס די מוטער האָט זי אױסגעלערנט אין קיך פונעם גרױסן הױז. זי לאָזט זיך אַראָפּ אױף די קני און זאָגט די טפילע אײדער זי װעקט אױף אַנטאָניאָ װיטאָרן אים אײַנצוגעבן די רעפּוע.

— פאַרשאָלטענער פיבער, דרײַ מאָל טו איך דיך באַגראָבן אין דער טיפעניש פון דער ערד. דעם ערשטן מאָל אינעם נאָמען פונעם פאָטער; דעם צװײטן מאָל אינעם נאָמען פונעם זון; דעם דריטן מאָל אינעם נאָמען פונעם הײליקן גײַסט; מיט דעם גענאַד פון דער יונגפרױ מאַריאַ און פון אַלע הײליקע. איך באַשװער דיך, פיבער פאַרשאָלטענער, און איך שיק דיך צוריק אין דער טיפעניש פון דער ערד און לאָז מיר איבער...

לױט דער אַלטער רײזאַלעטאַ, מוז מען אױף דעם אָרט זאָגן װאָס דער קראַנקער קער זיך אָן מיט דעם װאָס זאָגט די טפילע: „מײַן ברודער", „מײַן מאַן", „מײַן פאָטער", „מײַן באַלעבאָס". ראַימונדאַ בלײַבט אַ װײַלע שטײן אַן אומאַנטשלאָסענע. װאָלט ער נישט געװען אַזױ געפּער־לעך און װאָלט ער נישט געשלאָפן, װאָלט די מולאַטקע ראַימונדאַ ענד־שער נישט פאַרענדיקט די טפילע:

און לאָז מיר איבער מײַן מענטשן אַן אױסגעהײלטן פון אַלעם בײזן, אָמײן.

זי װעקט אױף אַנטאָניאָ װיטאָרן. איר פּאָנעם איז װידער בײז, איר באַנעמונג האַסטיק:

ס'איז צײַט נעמען אַ רעפּוע.

זי נעמט פעסט אַרײַן זײַן קאָפּ אין איר געטאָקטן אָרעם. אַנטאָניאָ װיטאָר שלינגט אַראָפּ דעם לעפל רעפּוע; ער קוקט אױף ראַימונדאַן מיט פיבערדיקע אױגן. די מולאַטקע גײט צו צום פײַער, װי זי רופט עס: דרײַ שטײנער מיט פאַרלאָשענע קױלן אין דער מיטן, מיט אַ פּאָר שטיקלעך

אָפּגעברענט האַלץ. איבער דעם אַ בלעך מיט אַ ביסל וואַסער. זי גיסט אויס די וואַסער, גיסט אַרײַן די מילך און צינדט אונטער דאָס פֿײַער. אַנטאָניאָ וויטאָר קוקט איר נאָך. ער ווייס ניט ווי אָנצוהייבן. ראַימונדאַ זעצט זיך צו אויף די שפּיץ פֿינגער באַם פֿײַער, זי וואַרט די מילך זאָל אויפֿזידן. אַנטאָניאָ וויטאָר אַנטשולדיקט זיך און רופֿט זי צו:

— ראַימונדאַ!

זי קוקט זיך אום.

— קום אַהער.

זי גייט צו נישט גערן, מיט קליינע פּאַמעלעכדיקע טריט.

— זעץ דיך אַוועק, — מאַכט ער איר פּלאַץ אויף די ברעטער.

— ניין.

אַנטאָניאָ וויטאָר קוקט אויף דער מולאַטקע, נעמט זיך אָן מיט קויעך און פֿרעגט:

— ווילסט מיט מיר כאַסענע האָבן?

זי ווערט נאָך בייזער. מאַכט אַ האַרטן פּאָנעם, די הענט נעמען זיך צו די שפּיצן קליידל און זי קוקט אויף דעם ערדענעם דיל. זי ענטפֿערט ניט; זי לויפֿט צו דער אויפֿגעזאָטענער מילך:

— שיר ניט אויסגעלאָפֿן.

אַנטאָניאָ וויטאָר דרייט זיך אום אויף זײַן געלעגער, מיד פֿונעם אָנשטרענגונג. זי זידט איצט אויף די וואַסער פֿאַר דער קאַווע; זי דערלאַנגט זי אים אין אַ קריגל און טונקט אײַן דאָס ברויט, קעדיי אים אײַנצושפּאָרן די אַרבעט. דערנאָך וואַשט זי אויס דאָס קריגל און לעשט אויס דאָס פֿײַער:

— איכל צוריקקומען מיטאָג־צײַט.

אַנטאָניאָ וויטאָר זאָגט גאָרנישט; ער קוקט בלויז. איידער זי גייט אַרויס, שטעלט זי זיך ווידער אַוועק פֿאַר אים, די אויגן ווידער אַראָפּ־געלאָזט, די הענט ווידער פֿאַרנומען מיט דעם קליידל, דאָס פּאָנעם בייז, אויך דאָס קאָל איז בייז:

— אַז דער קוואַטער סיניאָ וועט דערלויבן, וויל איך, יאָ...

און זי פֿאַרשווינדט אין דער טיר. אַנטאָניאָ וויטאָר פֿילט ווי די היץ קומט אים צו.

# VII

זשוקאַ באַדראַ פאַרענדיקט אויסאַרבעטן מיט סיניאָן די לעצטע פּראָטים צום האַקן דעם וואַלד. זיי וועלן אָנהייבן מאָנטיק. זיי האָבן שוין אונטערגעקליבן, די וואָס דאַרפן אײַנוואַלגערן די ביימער, אָנהייבן דאָס ברענען, און די וואָס דאַרפן זיכערן מיט זייערע ביקסן די אַרבעט פון יענע.

— מאָנטיק גיי איך אין וואַלד אַרײַן...

סיניאָ זיצט אויף זײַן הויכן ווינער שטול. זשוקאַ האָט עפּעס וואָס צו זאָגן; סיניאָ וואַרט.

— אַ ווױלער מולאַטל דער אַנטאָניאָ וויטאָר.

— אַ ווױלע זאַך, — איז סיניאָ מאַסקים.

זשוקאַ לאַכט:

— קאָמישע מענטשן. איך בין געגאַנגען מיט אים איבעררײדן. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי ער שלעפּט מיך אַרויס פון אַ צאָרע. דעם ערשטן מאָל איז עס געווען אין טאַבאַקאַס, געדענקסט?

— איך געדענק.

— נעכטן ווידער. איך בין אים געגאַנגען פרעגן וואָס ער וויל. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך רעכן אים געבן דאָס שטיקל אָפּגערייניקטע וואַלד וואָס איז פאַרבליבן פון פאַראיאָרן ניט געפלאַנצט. לעבן רעפּאַרטימענטאָ. גוטע ערד; פאַראַן דאָרט גענוג פאַר אַ גרויס פעלד. ווייסטו וואָס ער האָט מיר געזאָגט?

— וואָס אַזוינס?

זשוקאַ לאַכט ווידער:

— ער וויל נאָר איין זאַך, האָט ער געזאָגט. זאָלסט אים לאָזן קאַסענע האָבן מיט ראַימונדען. האָסטו געזען אַזוינס! פאַראַן טיפּשים אויף דער וועלט! איך גיב אים ערד, דעם שלימאַזל, און ער וויל גאָר אָט די מיִעסע מאַכעשייפע... איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מאַסקים זײַן.

סיניאָ האָט גאָרנישט דערקענען:

— און אַז ער וועט כאַסענע האָבן וועט ער שוין אויך האָבן די ערד. ווען דו וועסט זײַן אין איליעוס, הייס זשענאַראָן אים רעגיסטרירן

באַם נאַטאַריוס. ער איז אַ ווילער מולאַט. און אויך ראַימונדאָ האָט דערויף אַ רעכט; איך האָב צוגעזאָגט דעם טאַטן אַז איך וועל זי נישט לאָזן אָן אַ נאַכלע ווען זי וועט כאַסענע האָבן. איך גיב מײַן צושטימונג.

ער וויל שוין אויפהייבן דאָס קאָל אַרײַנצורופן ראַימונדאָן און דאָניאַ אַנאַ זיי די בסורע אָנצוזאָגן, ווי זשוקאַ האַלט אים אָפּ מיט אַ מאַך פון דער האַנט.

— איך האָב דיך צו בעטן דערלויבעניש אַף נאָך איין שידעך...

— נאָך איינעם? וואָס־זשע, ביסט געוואָרן דער הייליקער אַנטאָניוס פון די אַרבעטער?

— דאָס איז שוין נישט פון קיין אַרבעטער, ניין...

זשוקאַ זוכט אָן אויפן ווי צוצוטרעטן צום איניען:

— ס'איז מאַמעש אַ וויץ... ראַימונדאָ און דאָניאַ אַנאַ זײַנען איי־נעם זעלביקן עלטער, ביידע האָבן זיי געזויגן פון די זעלביקע בריסטן באַ דער שוואַרצער ריזאַלעטאַ, זיי זײַנען ביידע אינאײנעם געוואַקסן; וואָלט עס גלײַך געווען זיי זאָלן ביידע אינאײנעם אויך כאַסענע האָבן...

— דאָניאַ אַנאַ? — סיניאָ באַדאַראָ דריקט צו די אויגן, גלעט זיך די באָרד.

— דאָס איז קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס. ער האָט מיט מיר גע־רעדט דערפון אין איליעוס... ער זעט אויס אַ קאָרעקטער מענטש...

סיניאָ באַדאַראָ פאַרמאַכט די אויגן. ווען ער עפנט זיי, זאָגט ער:

— איך האָב שוין געזען אַז עפּעס וועט דערפון אַרויסקומען. דאָניאַ אַנאַ, האָב איך געזען, רעגט זיך צוליבן קאַפּיטאַן. דאָ און באַ דער פּראָצעסיע...

— ווי מיינסטו?

סיניאָ קלערט:

— קיינער קען אים נישט גרינטלעך. ער דערציילט אַזוינע זאַכן... אַז אין ריאָ, אַז דאָס, אַז יענץ, נאָר קיינער קען אים ניט ווי געהעריק. וואָס ווייסטו?

— איך ווייס נישט מער וויפל דו. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט ניט גאָרנישט. דאָ איז אַלץ נײַ, סיניאָ, דו ווייסט עס גאַנץ גוט. אַלץ הייבט זיך דאָ אָן, און ערשט דערנאָך שאַצט מען דעם מענטשן. הינטער אים, ווער ווייס וואָס דאָרט איז פאַראַן. אַ ווערט האָט נאָר

דאָס וואָס מען זעט פאַר זיך. און דער קאַפּיטאַן, דאַכט מיר, איז אַ מענטש, וואָס איז קאַפּאַבל זיך איינצושטעלן.

— קען זיין...

— ער האָט צעמאָסטן די ערד. אָן זיין דיפּלאָם אַ רעגיסטרירטן; איך ווייס, אַז דאָס איז געווען צוליבן געלט און ניט צוליב דער פּריינט־שאַפט. נאָר דאַניאַ אַנאַן וויל ער נישט פאַרן געלט; דאָס איז פאַר פריינטשאַפט; גאַנץ מעגלעך אַז ער פאַרמאָגט קיין איין ניקל ניט, און ער וויל ערשט אָנהייבן. נאָר ער טוט עס מיט קוראַזש; בעסער איידער אַ צווייטער וואָס וויל זיך אָפּרוען.

סיניאָ קלערט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן. די הענט גלעטן די שוואַרצע באָרד. זשוקאַ רעדט ווייטער:

— איין זאַך איז פאַראַן, סיניאָ. דו האָסט נאָר איין טאָכטער. איך האָב גאָרניט. סיידן אין גאַס, קינדער וואָס טראָגן ניט מיין נאָמען. אָלגאַ טויג ניט צו קינדער האָבן; דער דאָקטער האָט עס שוין געזאָגט. איך קען אַ ליאַדע טאָג פאַלן פון אַ קויל; דו ווייסט אַז אַזוי וועט עס זיין. סאָנים האָב איך גענוג. איך וועל אָט די געשלעגן נישט איבערלעבן. און דערנאָך, ווען דו וועסט שוין זיין אַלט, וועלכער באַדאַראָ׳ וועט דעם קאַקאַאָ אַראָפּנעמען, דעם שטאָט־מער ווילן אין איליעוס? וועלכער?

סיניאָ ענטפערט נישט. זשוקאַ דערגאַנצט:

— ער איז אַ מענטש נישט ווי אַלע. ווער ווייס צי איז ער נישט בלויז שפּילער? עפּשער איז ער עס טאַקע. מ׳האָט מיר שוין געזאָגט. נאָר דאָ, סאָף קאָל סאָף, איז דאָך אַלץ שפּיל, אַ שפּיל מיט געשלעגן; אַזאַ מענטש קומט צו נוץ, נישטאָ ווער עס זאָל פאַרנעמען מיין פּלאַץ ווען מען וועט מיך אַוועקהאַרגענען.

ער שפּאַנט איבערן זאַל; ער נעמט דעם רעבענקע וואָס ליגט אויף אַ באַנק און שמייסט זיך די שטיוול:

— קענסט זי כאַסענע מאַכן מיט אַ דאָקטאָר. וואָס־זשע קומט אַרויס? ער וועט אויפעסן די פאַרדינסטן פונעם קאַקאַאָ, קיין איין פעלד מער וועט ער ניט פלאַנצן, קיין איין וואַלד מער ניט אויסהאַקן. ער וועט געניסן פון אַ לעבן וואָס ער האָט קיינמאָל נישט גענאָסן. דער קאַפּיטאַן האָט דאָס שוין אַלץ מיטגעמאַכט; ער וויל פלאַנצן אַ פעלד. דערפאַר זעט עס מיר אויס גלייך...

ראימונדא קומט אריין אויסקערן דעם זאל; סיניא מאכט מיט דער האנט און טרייבט זי ארויס. זשוקא דערציילט:

— איך האב אים געזאגט: איין זאך נאר איז פאראן, קאפיטאן, האט איר כאסענע מיט דאניא אנא, מוזט איר טראגן איר נאמען. פונקט פארקערט ווי בא אנדערע, ווו דער מאן גיט זיין נאמען דער פרוי. יוער עם וועט כאסענע האבן מיט דאניא אנא, וועט מוזן ווערן א באדארא׳.

— וואס־זשע האט ער געזאגט?

— פון אנהייב איז עם אים נישט געפעלן. די מאגאליאינס זיינען ראס, זיינען יענץ, דערנאך, אז ער האט געזען ס׳איז אומזיסט די רייד, האט ער מאסקים געווען.

סיניא באדארא שרייט אריין אין שטוב:

— דאניא אנא! ראימונדא! קומט נאר אהער!

ביידע קומען זיי אריין. דאניא אנא, קענטיק, מיט א כשאד וועגן דעם וואס דער פאטער מיט דעם פעטער האבן גערעדט. ראימונדא, מיט דעם בעזעם אין דער האנט; זי האט געמיינט מען רופט זי אויסקערן דעם זאל. און צוערשט רעדט סיניא באדארא צו איר:

— אנטאניא וויטאר וויל מיט דיר כאסענע האבן. איך האב געזאגט אז יא. איך גיב דיר נאדן די ערד וואס הינטער רעפארטימיענטא. ווילסט?

ראימונדא ווייס ניט וואהין צו קוקן:

— אויב דעם קוואטער געפעלט...

— אויב אזוי גרייט זיך צו דער כאסענע. שוין, זאלסט קיין צייט ניט לאזן קאליע צו ווערן פאר דער צייט. קענסט גיין.

ראימונדא גייט ארויס; סיניא רופט צו דאניא אנאן נענטער צו זיין שטול:

— אויך דיין האנט, טאכטער מיינע, האט מען געשיקט בעטן. זשוקאן געפעלט ער; איך ווייס נישט וואס צו קלערן... ס׳איז דער קאפיטאן וואס איז דא געווען. ווי געפעלט ער דיר?

דאניא אנא שטייט פונקט ווי ראימונדא פאר אנטאניא וויטארן. די אויגן אף אראפ, די הענט באם קליידל און ווייס ניט ווי צו זאגן:

— דער קאפיטאן זשאן מאגאליאינס?

— יא, ער. געפעלט ער דיר?

— ער געפעלט מיר, פאַטער, יאָ.

סיניאָ באַדראַ גלעט זיך פאַמעלעכן די באָרד:

— נעם די ביבל; וועלן מיר זען וואָס זאָגט זי.

דעמאָלט ערשט הייבט אויף דאָניאַ אַנאַ די אויגן פון דער ערד און נעמט אוועק די הענט פונעם קליידל; איר שטים איז פעסט און אַנטשלאָסן.

— זאָל זיך די ביבל זאָגן וואָס זי וויל, פאַפאַ, איך וועל כאַסענע האָבן נאָר מיט איין איינציקן מענטשן אין דער וועלט: מיט דעם קאַפּי־טאַן. מעג זײַן אָן איר בראָכע.

און זי גיט זיך אַ וואָרף דעם פאָטער צו די פיס און נעמט איב אָרום בײַ די ליטקעס.

## VIII

דער דאָקטער זעזע לאָזט איבער די פאַרשטעלונג אין דער מיט: די ליבהאָבער פון דער טאַבאַקעסער גרופע בלײַבן אָנעם רעזשיסער, וואָס ער איז אויך דער סופלער. דאָס צעדרייט אַביסל דעם ספּעקטאַקל, וואָרעם טייל אַקטיאָרן קענען נישט זייערע ראָלן און זיי רײדן מיט דער הילף פון דעם סופלער. קיין גרויס באַדײַטונג האָט עס ניט, וואָרעם טאַבאַקעסער אוילעם שטעלט זיך איצט נישט אָפּ אַרומריידן די פאָר־שטעלונג „סאָציאַלע וואַמפּירן", פאַרכאַפּט איז ער פון די נײַעס, גע־בראַכטע פון דעם מענטשן, וואָס איז געקומען רופן דאָקטער זעזע: האָ־ראַסיאָ איז קראַנק, דער פיבער האָט אים אַוועקגעלייגט. דאָקטער זעזע איז אַוועק אינמיטן דער פאָרשטעלונג, האָט אַרײַנגעלייגט רעפועס אי־נעם רענצל און איז אַוועקגעריטן. דער קאַפּאַנגאַ איז אַוועק מיט אים, נאָר דאָס נײַעס איז געבליבן, און גייט אום פון מויל צו מויל און פון ריי צו ריי. און אָפן צווייטן טאָג, ווען עסטער גייט אַראָפּ, אַרום עלף, פון דער באַן און זעצט זיך טייקעף אויף, נישט איבערגעביסענערהייט, אָפן פערד, און אַרום איר די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען זי אָפּוואַרטן, ווייס שוין גאַנץ טאַבאַקאַס, אַז האָראַסיאָ האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דעם פיבער, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט סילוויאָן, דעם וואָס איז געשטאָרבן צוריק מיט דרײַ טעג. סילוויאָס אַלמאָנע האָט באַשטעלט נײַן

בעסעם פארן געזונט פון האראסיאן, „אזא גוטער מענטש", האט זי געזאגט. ווירזשיליא האט באגלייט עסטערן ביז טאבאקאס און קימערט זיך ניט וואס מען וועט זאגן, נאר צו האראסיאן אין דער פאזענדע פארט ער ניט אין דעם זעלבן טאג. ער וועט צוקומען אויב דער קאראנעל וועט זיך פילן ערגער. איצט טראגט ער שוין אויך א רעוואלווער, נאכ־דעם ווי ער האט זיך דערוווּסט אז זשוקא באדארא׳ איז ארויס א לע־בעדיקער פונעם לויער. טאבאקאס ווארט אף נייעס דורך די מענטשן וואס קומען פון דער פאזענדע נאך רעפועס. דאקטער זעזעס קאבינעט איז געשלאסן און זיין פרוי ענטפערט די פאציענטן, אז „דער דאקטער וועט צוריקקומען ווי נאר עס וועט אנטשיידן ווערן דער פאל מיט דעם קאראנעל האראסיא". דער אוילעם טייטשט אוים די פראזע, אז דאקטער זעזע וועט קומען מיט האראסיאן אלס טויטן, ווארעם פון דעם פיבער בלייבט קיינער נישט לעבן. מען רעכנט אוים פאלן; זיי זיינען אן א צאל: ארבעטער און קאראנעלן, דאקטוירים און סאכרים. ווידער גייען אום צווישן די פרומע ווייבער די מייסעס מיט דעם טייוול, וואס האראסיא האלט אים פארשטעקט אין א פלאש, און ער וועט ארוים פון דארטן, קעדיי מיטצונעמען האראסיאס נעשאמע. מען זאגט, אז דער גאלעך בענטא איז שוין ארויסגעפארן פון פעראדאס צו דער פאזענדע מיט דער לעצטער זאלבונג פארן קראנקן, זאגן מיט אים ווידע און אים מויכל זיין די זינד.

נאר האראסיא איז נישט געשטארבן. אין א וואך ארום האט דער פיבער גענומען אפפאלן, ביז ער איז אינגאנצן אראפ. מער ווי דאקטער זעזעס רעפועס, האט אים געהאלפן זיין שטארקער גוף, דער גוף פון א מענטשן אן שוואכקייטן און אן קראנקייטן, מיט געזונטע אייוורים. און ווי נאר דער פיבער האט גענומען אפטרעטן, האט ער באפוילן זיינע מענטשן זיי זאלן נעמען האקן דעם סעקיירא גראנדער וואלד. ווירזשיליאן האט מען ארויסגערופן אף דער פאזענדע; דער קאראנעל וויל זיך מיט אים באראטן וועגן יורידישע פראטים. ער איז שוין איינמאל געווען. דער קא־ראנעל האט דעמאלט גערעדט פון היץ, א היץ מיט קאקאא־וויזיעס, מיט פאלנדיקע ווערטער, מיט באפלאנצטע פעלדער. ער האט געשריען, בא־פוילן. אין פיבער האט ער געפלאנצט און אראפגענומען קאקאא. עסטער טרעט ניט אפ פונעם קראנקנס בעט. זי איז אפגעצערט, דאס איז פון גרע־

געצלאָזער איבערגעגעבנקייט. ווען ווירזשיליאַ איז דעם ערשטן מאָל געקומען, האָט זי אים נאָר געפרעגט צי ער ווייס עפּעס פון איר זון, וואָס איז געבליבן אין איליעוס. ער האָט קימאַט נישט באַוויזן צו ריידן מיט איר אָן זײַטיקע. ער האָט זי געזען איין אויגנבליק נאָר, אַ קוש געטאָן ווען זי איז געגאַנגען פון דער קיך אין צימער מיט אַ שיסל הייס וואַסער. זיי האָבן צווישן זיך זייער ווייניק גערעדט; ווירזשיליאַ האָט געליטן ווי זי וואָלט אים פאַרראַטן. נאָר אויך באַ אים זײַנען די אויגן פאַרנעפּלט געווען מיט אַ געוויסן אומרו; ער פילט זיך שולדיק פאַר האָראַסיאָס קראַנקייט, פאַר זײַן טויט, וואָס ער האַלט אים פאַר אומפאַרמײַדלעך, גלײַך דער קאָראָנעל וואָלט קראַנק געוואָרן דערפון וואָס ער גלוסט צו עסטערן. ער פאַרשטייט, אַז עסטער פילט דאָס אייגענע, דאָך פילט ער דעם ווייטיק פון פאַרראַט.

ווען האָראַסיאָ, שוין אויסער סאַקאָנע, שיקט אים רופן, באַמיט ער זיך צו זײַן בערויגעז מיט עסטערן, וואָס זעט אויס מיד און דערשלאָגן. אינעם צימער ווו דער קאָראָנעל ליגט אַף די ווײַסע לײַלעכער אינעם נאַכטהעמד, דערזעט ער עסטערן זיצן אין בעט און האַלטן אין אירע הענט האָראַסיאָס אַ האַנט. האָראַסיאָ האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי גליקלעך ווי ער פילט זיך איצט ווי נאָכן פיבער, וואָס האָט אים דערוויזן זײַן פרויס איבערגעגעבנקייט. און דאָס מאַכט אים אַקטיוו; ער טיילט אויס פאַראָרדענונגען ניט נאָר צו די אַרבעטער, נאָר אויך צו מאַנעקאַ דאַנטאַסן און בראַזן, וואָס זײַנען געקומען אים וויזיטירן. ווירזשיליאַ קומט אַרײַן, נעמט אַרום דעם קאָראָנעל אַ ליגנדיקן, דריקט קאַלט עסטערס האַנט, נעמט אַרום מאַנעקאַ דאַנטאַסן און באַגריסט דאָקטער זעזע „פאַר דעם וווּנדער וואָס ער האָט באַוויזן". נאָר האָראַסיאָ לאַכט:

— נאָך גאָמי. האָט זי מיך געראַטעוועט, סעו דאָקטאָר. — און ער ווײַזט אָן אַף עסטערן וואָס זיצט לעבן אים. דערנאָך אַנטשולדיקט ער זיך פאַר דאָקטער זעזע:

— דער קוואַטער, נאַטירלעך, האָט געטאָן אַלץ, רעפּועס, באַהאַנדלונגען, אָן אַ שיר זאַכן. נאָר ווען ניט זי, וואָס איז די גאַנצע צײַט ניט געשלאָפן, ווייס איך ניט...

עסטער הייבט זיך אויף און גייט אַרויס פונעם צימער. ווירזשיליאַ גיט זיך קיין רעכענונג ניט און זעצט זיך אַרײַן אין בעט אַף דעם אָרט

ווי עסטער איז געזעסן. ער זעצט זיך אַרײַן אין דער וואַרעמקייט, וואָס די געליבטע האָט נאָך זיך געלאָזט, און אַ פּלוצעמדיקער פאַרדראָס אױף האָר־ראַסיאָן פּאַרפּלייצט אים. ער איז ניט געשטאָרבן... אָך, ווען ער קען באַ־פעלן אים צו הארגענען...

אַ פּאָר מינוט איז ער אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דעם געדאַנק, אַז ער הערט זיך ניט אײַן צום שמועס. ערשט אַ פראַגע פון מאַנעקאַ דאַנטאַס ברענגט אים צוריק צום שמועס:

— ווי מיינט איר, דאָקטאָר?

דערנאָך טרעפט ער עסטערן לעבן דעם „באַרקאַס”. זי נעמט אים אַרום און כליפּעט אַרויס:

— מיינסטו ניט אַז אַזוי האָב איך געדאַרפט האַנדלען? אַנדערש האָט ניט געקענט זײַן.

ער איז גערירט; ער צערטלט דער געליבטערס לײַב איבערן אָנטאָן. ער קושט איר אין די אויגן, אין די באַקן, און רײַסט איבער, אַ דער־שראָקענער:

— דו פיבערסט!

זי זאָגט אַז ניין; ס'איז בלויז אַ מידקייט. זי קושט אים שטאַרק און בעט אים בלײַבן אױף באַנאַכט; זי וועט זען אַרײַנקומען צו אים אין צימער בעיסן אומגיין אין שטוב אַרום קראַנקן. ער זאָגט איר צו, אַ גערירטער און אַ פאַרבענקטער נאָך אירע צערטלעכקייטן; ער לאָזט זי איבער אַליין ווען ער מערקט אַ גרופּע אַרבעטער אָנקומען מיטן וועג.

נאָר באַם נאַכטמאָל קען עסטער מער ניט אויסהאַלטן דאָס זיצן באַם טיש און עסן. עס נעמט איר שווינדלען און זי גייט שנעל אַרויס אויסמיי־קענען. ווירזשיליאָ איז בלײַך און דרייט זיך אום צו דאָקטער זעזע:

— זי האָט געפּאַקט דעם פיבער!

דער דאָקטער הייבט זיך אויף און גייט צו עסטערן אין צימער; עס־טער איז אינעם באָד־צימער און האָט צוגעשלאָסן די טיר. אויך ווירזשי־ליאָ הייבט זיך אויף; וואָס גייען אים אָן מאַנעקאַ דאַנטאַס און בראַז... ער בלײַבט שטיין לעבן דאָקטער אינעם דורכגאַנג. עסטער עפנט די טיר; די אויגן ברענען איר. ווירזשיליאָ נעמט זי אָן באַם אָרעם:

— וואָס איז מיט אײַך?

זי שמייכלט מילד; זי דריקט אים לײַכט די האַנט:

— ס'איז גאָרנישט... איך קען מיך בלויז ניט האַלטן אױף די פיס. איך װעל מיך צולייגן. איכל דערנאָך צוריקקומען...

זי פאַראָרדנט נאָך עפּעס פעליסיען און גייט אַרײַן אין דעם שלאָפצימער, וווּ ווירזשיליאָ איז געהאַט געשלאָפן אין יענער נאַכט ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען מיט אַ וויזיט אין דער פאַזענדע, און זי וואַרפט זיך אַרײַן אין בעט. ער בלײַבט שטיין און קוקט פונעם דורכגאַנג. אויך דאָקטער זעזע קומט צו, בעט דערלויבעניש און פאַרשליסט די טיר פון קעגנאיבערדיקן צימער; האָראַסיאָ וויל וויסן וואָס איז דאָרט פאַר גערודער. ווירזשיליאָ קומט אַרײַן צום קאָראָנעל אין צימער און גיט אים צו וויסן מיט אַ געבראָכענעם קאָל:

— אויך זי האָט געפּאַקט דעם פיבער...

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ער קען ניט; ער שטייט און קוקט אױף האָראַסיאָן. דער קאָראָנעל שטאַרצט אויס די אויגן, מיט אַן אָפן מויל: אויך ער וויל עפּעס זאָגן און קען ניט. ער פילט זיך ווי אַ מענטש וואָס פאַלט אין דער לופטן און האָט נישט בא וואָס זיך אָנצוכאַפּן. ווירזשיליאָן באַפאַלט אַ ביישעק אים אַרומצונעמען, אינאיינעם מיט אים זיך אויסצוקלאָגן, זיך אויסצוויינען. צוויי אומגליקלעכע...

## IX

אַלע מיינונגען אין איליעוס שטימען אײַן: די באַדאַראָ'ס, קענטיק, האָבן די אייבערהאַנט אין די געשלעגן פאַרן באַזיץ פון סעקיירע גראַנדע. און ניט נאָר ווײַבער אין די פּאָלעשן פון די קלויסטערס שמועסן אַזוי. זאַכקענער אין די שענקלעך און אַדוואָקאַטן אינעם טריבונאַל זײַנען מיט דער מיינונג, אַז די ברידער באַדאַראָ' האָבן שוין אַ געווונענע פּאַרטיע, און אַז צוגעהאָלפן האָט דערצו האָראַסיאָס קראַנקייט. דער פּראָצעס אין געריכט ווערט אָפּגעהאַלטן אַ דאַנק דאָקטאָר זשענאַראָס קעגן־פּעטיציעס, אַנערקענטע פונעם ריכטער. און זשוקאַ באַדאַראָ איז שוין אַרײַן אין וואַלד און האָט שוין אָפּגערייניקט היפּשע שטאָכים אין דער געגנט, וואָס גרענעצט מיט דער פאַזענדע סאַנטאַ אַנאַ, ווו די רייניקונג האָט זיך אָנגעהויבן.

עמעס, עס גייען נאָך אָן די שיסערײַען, דער קאָראָנעל מאַנעקאַ דאַנ־

טאס, פון איין זייט, און זשארדע, בראז, פירמא, זע דא ריביירא און די אנדערע קליינע פלאנטאטארס פון דער געגנט שטערן מיט אלע מעגלעכקייטן די ארבעטן פון באדארא׳ס מענטשן. מאנעקא דאנטאס האט אויסגעשפרייט א פאסטקע פאר ארבעטער וואס זיינען געגאנגען אפרייניקן א שטיק וואלד און עס איז געקומען צו א גרויסער שיסעריי. בראז האט זיך מיט איניקע מענטשן אריינגעריסן אינעם לאגער באם זוים פון וואלד, ווען זשוקא איז ניט געווען. נאר נישט געקוקט דערויף גייט די ארבעט ווייטער און די באדארא׳ס באפעסטיקן זיך אין וואלד.

און זיי ענטפערן מיט קויעך אף די איבערפאלן פון הארסיאס מענטשן. טעאדארא דאס בראונאס פאלט אן אין דער צייט וואס זשוקא באגלייט און שיצט די ארבעטער. אין א באנאכט איז טעאדארא ארויף אף זע די ריביירעס פעלד און האט אונטערגעצונדן דעם לאגער טרוקענעם קאקאא, ער האט צעשעדיקט צוויי הונדערט מיט פופציק מעסטלעך שוין פארקויפטן קאקאא, האט אונטערגעצונדן דאס הויז, האט דערשאסן אן ארבעטער, וואס האט סיגנאליזירט, האט זיך גענומען ברענען די פלאנטאציעס מאנדיאקא און זע דא ריביירא האט קוים באהערשט דאס פייער.

אין איליעוס זאגט מען שוין, אז טעאדאראן האבן פארשמעקט די סרייפעס פון זינט ער האט אונטערגעצונדן ווענאנסיאס נאטאריום־ביורא. אין א „פאליא דאס איליעוס" האט ער שוין דעם אויסשליסלעכן נאמען „אונטערצינדער". דאקטאר רוי האט אנגעשריבן א בארימטן ארטיקל, ווו ער פארגלייכט טעאדאראן מיט נעראנען, וואס זינגט נאכן אונטערצינדן רוים. זע דא ריביירא און זיינע ארבעטער פארגלייכט ער דארט מיט די „ערשטע קריסטן", קארבאנעס פון דעם פארברעכערישן און בלוטיקן וואנזין פון דעם נייעם נעראן, וואס איז נאך פארדארבענער פון דעם דעגענערירטן רוימישן קייסער". פון אלע ארטיקלען וואס ער האט געשריבן בעיים דער בעהאלע ארום סעקיירא גראנדע, האט דאס ארטיקל דעם גרעסטן דערפאלג געהאט; די באהיער אפאזיציע־צייטונג האט אים איבערגעדרוקט אונטערן טיטל: „די פארברעכנס פון דעם רעגירונגס־צאד אין איליעוס". מען האט פארפירט א פראצעס קעגן טעאדאראן.

נאר איינגאנצן אף באדאראס זייט זיינען אריבער די מיינונגען, ווען הארסיא האט נישט באוויזן, נאכדעם ווי ער איז געזונט געווארן, זיך נעמען אפרייניקן די טייל וואלד וואס גרענעצט מיט זיין פאזענדע. טייל

שרײַבן צו האָראַסיאָס נישט גענוגנדיקע ענערגיע דער קראַנקײט פון דאָניאַ עסטער. נאָר װי דאָס זאָל נישט זײַן, איז עס עמעס, אַז די אַרבעטער און קאַפּאַנגאַס װאָס דער קאָראָנעל האָט אַרױסגעשיקט, האָבן זיך אײן מאָל און אַ צװײטן מאָל אומגעקערט און נישט אָנגעהױבן צו עפענען קײן שטאָכים צום רײניקן. דאָס מאָל האָט סיניאָ באַדאַראָ׳ אַלײן אָנגעפירט מיט די מענטשן, װאָס זײַנען צװײ נעכט נאָכאַנאַנד באַפאַלן דעם לאַגער, װאָס איז געשטאַנען אונטער זשאַבעס אָנפירונג. האָראַסיאָס אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט די אונטערגענומענע אַרבעט. נאָר אײן בראַז, מיט אײניקע מענטשן, האָט געהאַט פרײַ געמאַכט אַ שטיקל װאַלד באַ זײַן זײַט און האָט אָנגעהױבן דאָס רײניקן. נאָר גאָר װײניק, אָן אָן ערעך װײניקער װי באַדאַראָס מענטשן.

דאָך זײַנען נאָך פאַראַן געװעטן פאַר האָראַסיאָן. דעריקער שטיצט מען זיך אַף דעם קאָראָנעלס גרעסערער רײַכקײט, ער האָט אַ סאַך געלט אין באַנק און קען לענגער אױסהאַלטן דעם קאַמף. נישט בלױז רײניקן און פלאַנצן עסט געלט. עס קאָסטן אױך די באַװאָפנטע קאַפּאַנגאַס. מען פאַרגעסט אױך נישט, אַז סיניאָ באַדאַראָ׳ גרײט זיך כאַסענע מאַכן זײַן טאָכטער מיט דער גרעסטער ראַכװעס, ער שרײַבט אױס אַ יאַם מיט זאַכן פון ריאָ דע זשאַנײראָ, ער בױט אײנגאַנצן איבער דאָס איליעוסער הױז, בױט צו אַ פליגל ספּעציעל פאַר אַ װױנונג דעם נײַעם פּאָרפאָלק, ער פאַרבט אױך איבער דאָס גרױסע הױז אַף דער פאַזענדע. מאָדיסטנס אַרבעטן, שפּיצן־מאַכערקעס; די כאַסענע פונעם קאָראָנעלס טאָכטער איז אַ געשעעניש. דאָס מײדל דאַרף גרײטן װעש אַף לאַנגע יאָרן, בעטגעװאַנט פאַר קינדער און קינדס־קינדער. קאָלדרעס, לײַלעכער, דעקעס, ציכן און טישטעכער, אַלץ רײַך אױסגעהעפּט. קאָמיסיאָנערן האָבן זיך אַרױסגעלאָזט איבערן סטעפּ אױפקױפן די פײַנסטע שטיקװאַרג און געהעפּט. געלט פליסט װי װאַסער, סײַ פאַר די קאַפּאַנגאַס אַף האַרגענען מענטשן, און סײַ די שנײַדער און שוסטער אַף באַקלײדן און באַשוכן די קאַלע. אין איליעוס רעדט מען פון דער כאַסענע װי פון סעקײראַ גראַנדער געשלעגן. זשאָן מאַגאַליאַינס איז אַרױסגעפאָרן פון איליעוס אַף דער פאַזענדע העלפן זשוקאַן באַם רײניקן דעם װאַלד; װען ניט װען קומט ער קײן איליעוס, ער קומט קאָרטן שפּילן אין קאַבאַרעט; פונעם פּאָקער שלאָגט ער צונױף אַ ביסל געלט. אַף דער פאַזענדע האָט ער קײן הױצאָעס ניט; שפּאָרט ער.

פונדעסטוועגן וויסן שוין אנדערע, אז סיניא באדארא׳ האט שוין אויסגעגעבן דאס גאנצע געלט פון דעם היי־יאריקן שניט. מאקסימיליאן דערציילט פאר זיינע נאנטע, אז דער קאראנעל איז שוין געקומען פאר־האנדלען דעם קומענדיקן שניט אף גאנץ נידעריקע פרייזן, אין דער צייט ווען האראסיא האט נאך נישט פארקויפט אפילע א העלפט פון דעם היי־יאריקן. דאך וועטן זיך נאך ווייניק מענטשן אף האראסיאן. די מערהייט שטעלט אף באדאראן, זיי זעען נישט די מעגלעכקייט ער זאל פארלירן, און זיי נייען זיך דעריבער נייע אנצוגן צו דאניא אנאס כאסענע. אלטע מוידן און ווייבער קומען זיך צונויף אין די פארנאכטן צו זשוקא באדארא׳ אין שטוב און אלגא וויזט זיי סארא רייכע קליידער עס זיינען אנגעקומען פון ריא, אונטערקליידלעך פון אויסגעהעפטן קאמבריי, נאכטהעמדער ווי א באלעם. זי וויזט זיי די עלעגאנטסטע גארסעטן, די פיינע סעארער שפיצן. די מיילער עפענען זיך מיט אן „א״ פון באוואונדערונג. פאראן זאכן וואס איליעוס האט זיי נאך קיינמאל נישט געזען, און אלע באשטעטיקן זיי מיט זייער פיינקייט די מאכט פון דער מישפאכע באדארא׳.

און ווען סיניא גייט איבער די שמאלע שטאטישע גאסן, מיט זיין טרויעריקן פאנעם אין דער שווארצער בארד איינגעראמט, בייגן זיך פאר אים די קרעמער, גריסן אים און וויזן אן די האנדלס־רייזנדערס פון באהיא און ריא דע זשאניירא:

— דאס איז דער באלעבאס פון דער ערד. סיניא באדארא׳!

## X

עסטער איז געשטארבן אין א פול־זוניקן פרימארגן, ווען די גלעקער אין שטאט האבן גערופן די איינוווינער צו א פייערלעכער מעסע. די קראנקייט האט שוין געהאט פארצערט קימאט איר גאנצע שיינקייט; די האר זיינען איר אויסגעפאלן. זי איז שוין געווען א געשפענסט פון דער פריערדיקער שיינער פרוי. די אויגן זיינען איר געשפרונגען פונעם אויסגע־צערטן פאנעם, א זיכערע אז זי וועט שטארבן און פול מיט דעם באגער צו לעבן. די ערשטע טעג פון דער קראנקייט, אף דער פאזענדע, האט זי שרעקלעך געערדט פון היץ; די לייַלעכער דורכגעווייקטע אין שוויס, האט זי געערדט אפגעהאקטע ווערטער; זי האט איין מאל ארומגעכאפט האראַ־

סיאַן און האָט געשריִען, אַז אַ שלאַנג האָט זיך איר אַרום האַלדז אַרומ־געוויקלט און וועט זי דערשטיקן. מאַנעקאַ דאַנטאַס וואָס איז אייניקע טעג געווען בײַ האָראַסיאָן אויף דער פאַזענדע, און האָט אַ שטאַרקן כּשאַד גע־האַט וועגן די באַציִונגען צווישן עסטערן מיט ווירזשיליאָן, האָט געצי־טערט פאַר שרעק טאָמער רעדט זי פונעם אַדוואָקאַט אין די פיבער־נעכט. נאָר זי, קענטיק, האָט עפּעס אַנדערש נישט געזען אַ כּוח שלאַנגען אין די וואַלד־טײַכלעך, שטילע און פאַררעטערישע, גרייט אַ שפּרונג צו טאָן אויף אַן אומשולדיקער זשאַבע. און זי האָט געשריִען און געליטן און לײַדן פאַרשאַפט די אַרומיקע; די מולאַטקע פעליסיאַ האָט געוויינט.

אַז דאָקטער זעזע האָט געזען די היץ לאָזט נישט נאָך, האָט ער גע־ראָטן איבערפירן עסטערן קיין איליעוס. טרויעריק איז געווען צו קוקן ווען דער האַמאַק איז אַרויס פון דער פאַזענדע אויף די אַקסלען פון די אַר־בעטער. דאָקטער זעזע האָט אַ זאָג געטאָן צו ווירזשיליאָן, ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן פערד:

— אַ לעווײַע זעט עס אויס... אָרעמע קוואַטערן...

האָראַסיאָ האָט באַגלייט די פרוי. אַלע דרײַ האָבן זיי געשוויגן. ווירזשיליאָ האָט קיין ווערטער נישט געהאַט פון זינט זי איז קראַנק געוואָרן. ער פלעגט אומגיין איבער די ווינקעלעך פונעם גרויסן הויז; יעדן טאָג פלעגט ער אויסגעפינען אַן אַנדער טערעץ אויף ניט צו פאָרן קיין טאַבאָקאַס. נאָר קיינער האָט אים נישט באַמערקט; אַ צעמישונג איז געווען אין שטוב: קאַפּאַנגאַס זײַנען אָפּגעריטן ברענגען רעפּועס, נעגערטעס האָבן געקאָכט קעסלען וואַסער, האָראַסיאָ האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן אַרײַנצוגיין אין וואַלד און איז געלאָפן צום בעט, וווּ עסטער האָט גערעדט פון היץ.

ווען מען האָט זי צוגעטראָגן צום האַמאַק, האָט זי געהאַט אַ לויטערן מאָמענט; זי האָט אָנגענומען האָראַסיאָן בײַ דער האַנט, ווי ער וואָלט געווען דער האַר פון אַלעמענס גורל און האָט אים געבעטן:

— לאָז מיך נישט שטאַרבן...

ווירזשיליאָ איז אַרויס אַ פאַרצווייפלטער אין הויף; איר בליק צו אים איז געווען אַ געבעט, אַ ווילדער פאַרלאַנג צו לעבן. אין דעם אויגנבליק־לעכן קוק האָט ער דערזען דעם גאַנצן טרוים וועגן אַן אַנדער לעבן אויף דער וועלט, ביידע פרײַ אין זייער ליבע. ער פילט איצט ניט קיין האַס צו קיינעם, ווי נאָר צו דער ערד וואָס האַרגעט זי אַוועק, וואָס נעמט זי צו

אַף אייביק. מער ווי האַס פֿילט ער אַ מוירע. קיינער מײַדט נישט אויס די ערד; זי כאַפּט אַרײַן יעדן איינעם וואָס וויל פֿון איר אַנטלויפֿן... עסטערן בינדט זי צו מיט די קייטן פֿון טויט; אויך אים האַלט זי געבונדן אַף קיינמאָל נישט אָפּצולאָזן... אַזוי האָט ער אומגעשפּאַנט ביז מען האָט אים גערופֿן; צײַט זיך אויפֿצוזעצן. דעם האַמאַק האָט מען געטראָגן אַפּריער, מיט אַ לײַלעך צוגעדעקט. זיי זײַנען געריטן פֿון הינטן; געווען איז עס אַ שרעקלעך לאַנגע רײַזע. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין פֿעראַדאַס; די היץ איז איר געשטיגן; עסטער האָט געשריִען, אַז זי וויל נישט שטאַרבן...

קיין טאַבאַקאַס איז מען אָנגעקומען אָנהייב נאַכט; דאָקטער זעזעס הויז איז פֿול געוואָרן מיט וויזיטן. ווירזשיליאָ איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן; ער האָט זיך געדרייט אַף זײַן באָכערשן בעט, אין וועלכן ער איז שוין לאַנג נישט געהאַט געלעגן. אָפֿן געדאַנק זײַנען אים געקומען די נעכט מיט עסטערן, די צערטלעכקייטן אָן אַ שיר, דער ציטער פֿון ליבע אין די פֿײַבער, די לײַדנשאַפֿטלעכע נעכט אינעם איליעוסער הויז. דעם צווייטן טאָג האָט ער זי געזען אָפּפֿאָרן אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן, אין אַן אימפּראָווויזירטן בעט, מיט האָראַסיאָן זיצן פֿון איין זײַט און דאָקטער זעזען, קימאַט אַ שלאָפֿנדיקן, פֿון דער צווייטער זײַט. דער דאָקטער האָט אויסגעזען פֿאַרמאַטערט און דערשלאָגן, די אויגן אײַנגעזונקען אין זײַן דיקן פּאָנעם. עסטער האָט אַ קוק געטאָן אַף ווירזשיליאָן און ער האָט געפֿילט ווי זי געזעגנט זיך. דער נײַגיר האָט פֿול געמאַכט דעם וואָקזאַל, און ווען ער איז אַרויס פֿונעם וואַגאָן און דער אוילעם האָט אים דורכגעלאָזט, האָט ער די גאַנצע לענג פֿון דער גאַס געהערט ריידן הינטער זיך.

דעם צווייטן טאָג האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און איז אַוועק קיין איליעוס. נאָכן וויזיט בײַ האָראַסיאָן אין שטוב, וואָס ער פֿאַרלענגערט אים ווי ווײַט ער קען, גייט ער אין די שענקלעך טרינקען. — ער האָט קיין קאָפּ נישט צו די פּראָצעסן וואָס ער פֿירט אינעם געריכט. ער גייט אום פֿאַרשלאָפֿן און אויפֿגערעגט. ער פֿילט זיך עלנט, אָן אַ פֿרײַנט. מאַנעקאַ דאַנטאַס, וואָס איז אים נאָנט געוואָרן, פֿעלט אים איצט אויס. ער וואָלט וועלן ריידן מיט עמעצן, דאָס האַרץ אויסגיסן, דערציילן אַלץ וואָס איז געשען און וואָס זיי האָבן געטראַכט, וואָס עס איז געווען שיין — דאָס לעבן ערגעץ ווײַט פֿון דאָרטן בײַדע איבערגעגעבן דער ליבע — און אויך וואָס עס איז געווען מיִעס — דער פֿאַרלאַנג אַז האָראַסיאָ זאָל פֿאַלן פֿון אַ קויל

פֿון זייער ווייל וועגן. — ווי אַזוי ער פּלעגט אָפּט וועלן אַוועק און האָט געוווּסט, אַז ער קען שוין ניט, ווײַל ער איז צוגעבונדן צו דער ערד. דאָס איינציקע וואָס פּלעגט אים צעשטרייען זײַנען געווען די שמועסן וועגן די סעקירראָ גראַנדער געשלעגן. מאַכמעס די שמועסן האָבן אים מער צוגעבונדן צו עסטערן; אַ דאַנק דעם סעקירראָ גראַנדער וואַלד האָבן זיי זיך באַקענט און זיך ליב באַקומען. האָראַסיאָ האָט זיך אַף אַ מינוט ניט אָפּגעלאָזט פֿון די געשעפֿטן, ווי שטאַרק ער האָט נישט געליטן פֿון זײַן ווײַבס קראַנקייט. ער גיט אַרויס באַפֿעלן, ער הייסט די פּלאַנטאַטאָרס און די אויפֿזעער קומען קיין איליעוס מיט אים איבערצורײדן. מאַנעקאַ דאַנטאַס איז איינמאָל געקומען און האָט געבראַכט מיט זיך דאָניאַ אַווריסידיאַ זי זאָל העלפֿן אין שטוב און צוזען דאָס קינד. ווירזשיליאָ פֿירט שמועסן מיט די קאָראָנעלן איבער די פּאָליטישע אויסזיכטן, איבער דעם אויפֿן ווי דער פּראָצעס ווערט געפֿירט, איבער די אַרטיקלען פֿון „אַ פֿאָליאַ דאָס איליעוס”. האָראַסיאָ האָט אים שוין געהאַט געזאָגט וועגן זײַן קאַנדידאַטור אַף דעפּוטאַט. און אין דער צײַט פֿון עסטערס קראַנקייט איז האָראַסיאָ כאָשעווער געוואָרן אינעם אַדוואָקאַטס אויגן; ער פֿילט זיך נענטער צו אים, ער איז דאַנקבאַר דעם קאָראָנעל — וואָס איז דאַכט זיך אומפֿעיִק געווען צו פֿילן און לײַדן — וואָס אויך ער לײַדט און ווענדט אָן אַלע קויכעס צו ראַטעווען עסטערן: מעדיצינישע קאָנסיליומס, נעדאָרים דעם קלויסטער, מעסעס.

איינמאָל נאָר האָט ווירזשיליאָ באַוויזן צו ריידן מיט עסטערן ווען קיינער איז דערבײַ ניט געווען. און זי האָט געוואַרט דערויף אויסשליסלעך צום שטאַרבן. געווען איז עס אין דער נאַכט פֿאַר איר טויט. ער האָט אויסגענוצט אַ מינוט ווען האָראַסיאָ איז אַרויסגעגאַנגען און דאָניאַ אַווריסידיאַ האָט זיך פֿאַרשמועסט אין זאַל, און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין צימער אומבײַטן דעם דאָקטער זעזע וואָס האָט מער נישט געקענט איבערטראָגן די פֿאַרמאַטערטקייט. עסטער איז געשלאָפֿן, דאָס פּאָנעם באַוואַשן מיט שוויים. זי האָט געזאָטן פֿון היץ; ווירזשיליאָ האָט איר אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אָפֿן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דאָס טיכל און האָט איר דעם שוויים אָפּגעווישט. זי האָט זיך אַ ריר געטאָן אינעם בעט, האָט אַ קרעכץ געטאָן און האָט די אויגן געעפֿנט. עס האָט אַ ביסל געדויערט ביז זי האָט אים דערקענט און האָט דערזען אַז זיי זײַנען אַליין. ווען זי האָט

דאָס פאַרשטאַנען, האָט זי אַרויסגענומען אַן אויסגעצערטע האַנט פון אונטערן לײַלעך, האָט אָנגענומען זײַנע אַ האַנט און אַרויפגעלייגט זיך אַף דער ברוסט. דערנאָך האָט זי אַ שמייכל געטאָן, האָט געמאַכט אַן אָנשטרענג און האָט אַרויסגערעדט:

— אַ שאָד וואָס איך שטאַרב...

— דו וועסט ניט... — האָט ער אַ גוואַלדיקן אָנשטרענג געמאַכט — שטאַרבן, ניין.

זי האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן; געווען איז עס דער טרויעריקסטער שמייכל אין דער וועלט:

— לאָז מיך דיך אָנקוקן.

ווירזשיליאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני פאַרן בעט, זײַן קאָפּ איבער אירן; ער האָט זי געקושט אין פּאָנעם, אין די אויגן, אינעם מויל, וואָס האָט געברענט פון היץ, און האָט געלאָזט די טרערן אַ שפּראָץ טאָן און באַנעצן אירע הענט; וואַרעמע טרערן, וואָס זײַנען אים געפאַלן אַיבערן פּאָנעם. געווען זײַנען עס מינוטן אָן ווערטער, מיט איר פיבערדיקער האַנט אין זײַנע האָר און זײַן פאַרביטערט מויל האָט געקושט איר פּאָנעם, אַ צעקרימטן פונעם פיבער.

דאָס שאַרכען פון דאָניאַ אַוורִיסידיאַס טריט האָט אים אויפגעהויבן, נאָר פריִער האָט זי זיך געזעגנט מיט אַ קוש. ער איז אַרויסגעגאַנגען ווײַנען אַז קיינער זאָל ניט זען. דאָניאַ אַוורִיסידיאַ איז אַרײַנגעקומען; עסטער האָט אויסגעזען אַ סאַך בעסער.

„ס'איז געווען אַ געזונטמאַכנדיקער וויזיט", האָט דאָניאַ אַוורִיסידיאַ געזאָגט אַפן צווייטן טאָג, ווען זי איז געשטאָרבן. אַ ליבעס־געזעגענונג איז עס געווען. דאָס האָט נאָר ווירזשיליאָ געוווּסט.

צו דער לעווײַע איז געקומען אַ גרויסער עולם. פון טאַבאָקאַס איז געקומען אַ ספּעציעלער צוג, עס זײַנען געקומען מענטשן פון פּעראַדאַס, מאַנעקאַ דאַנטאַס, די שכײנישע פּויערים פון סעקיירואָ גראַנדער וואַלד; געקומען זײַנען פרײַנט פון באַנקאַ דאַ וויטאָריאַ; גאַנץ איליעוס איז געווען. אינעם שוואַרצן קאַסטן האָט דער טויטערס פּאָנעם צוריקבאַקומען אַביסל פון זײַן שיינקייט, און ווירזשיליאָ האָט זי געזען ווי נעכטן אַ שמייכלענדיקע, אַ גליקלעכע, פון ליבן און געליבט זײַן.

עסטערס פאָטער האָט געוויינט, האַראַסיאָ, אין שוואַרצן אָנגעטאָן.

האָט אױפֿגענומען די טרױער־אױסדרוקן, און דאָניאַ אַװריסידיאַ האָט געהאַלטן װאָך לעבן דעם מעס. דעם קאַסטן האָט מען אַרױסגעטראָגן װען די זון האָט זיך גענומען אַרונטערלאָזן; דער זון־פֿאַרגאַנג האָט געטראָפֿן די לעװײַע אױפֿן װעג צום בײסױלעם. דאָקטער זעזאַ האָט געזאָגט עטלעכע װערטער, דער קאַנאָניקער האָט איבערגעגעבן דעם גוף דער ערד; דער אױלעם האָט געקוקט אױף װירזשיליאָן און האָט געזען װײטיק אױף זײַן פּאָנעם.

מאַנעקאַ דאַנטאַס האָט זיך אַנטשולדיקט װאָס ער קען ניט אָננעמען װירזשיליאָס ביטע צו עסן מיט אים נאַכטמאָל; ער מוז זײַן מיט האָראַסיאָן די ערשטע טרױער־נאַכט. װירזשיליאָ דרײט זיך אַרום אײנער אַלײן איבער איליעוסער גאַסן. ער פֿילט װי די נײַגעריקײט רינגלט אים אַרום װען ער גײט אַרײַן אין אַ שענקל, ער שפּאַצירט איבערן האַפֿן, װוּ אַ שיף לאָדט זיך אױס, ער רעדט אױס אַ פּאָר װערטער מיט אַ מענטשן אין אַ בלױען קאַמזױל. יענער איז שיקער. און ער טראַכט װוּהין זאָל ער גײן, מיט װעמען זאָל ער זיך אױסרײדן, אױף װעמעס ברוסט זאָל ער אױסװײנען זײַן פֿול האַרץ. און ער קלאַפּט אָן צו מאַרגאָטן אין טיר. זי איז שױן געהאַט געשלאָפֿן און זי האָט אים אױפֿגענומען אַ פֿאַרװוּנדערטע. נאָר װען זי האָט דערזען װי טרױעריק און װי אומגליקלעך ער איז, איז איר האַרץ װײך געװאָרן און זי האָט אים אױפֿגענומען מיט דער זעלביקער מוטערלעכער ליבשאַפֿט װי אין יענער נאַכט אין באַהיִאַ, װען ער האָט זיך דערװוּסט אַז זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן אױפֿן סטעפּ.

## XI

און אַװעק זײַנען די װינטערדיקע רעגנס און געקומען זײַנען די הײסע זומער־טעג. קאַקאַאָ־בלומען שפּראָצן אױף שטאַמען און צװײַגן, די בליִונג פֿונעם נײַעם שניט. גרױסע מאַכנעם אַרבעטער, װאָס זײַנען איצט נישט פֿאַרנומען באַם אַראָפּנעמען און טריקענען דעם קאַקאַאָ, זײַנען באַשעפֿטיקט באַם האַקן דעם סעקײראָ גראַנדער װאַלד, מיצאַד די באַדאַראָס, װי מיצאַד האָראַסיאָן. נאָך עסטערס טױט האָט ער זיך אינגאַנצן אַרײַנגעװאָרפֿן אין דער דעראָבערונג פֿונעם װאַלדלאַנד. און אױך ער איז אַרײַן אין דער װילדעניש, האָט אָפּגעשלאָגן די איבערפֿאַלן פֿון באַדאַראָס קאַ־

פאנגאס, און האט געעפנט נייע דורכגענג און א סאך פלעצער אפגערייניקט. זיי פארוועטן זיך ווער עס וועט גיכער צוקומען ביז דעם אנדערן עק וואלד. די געשלעגן האבן זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט; זאבקענער זאגן, אז זיי וועלן זיך ווידער אנהייבן ווען האראסיא און די באדאראס וועלן זיך צוזאמענקומען באם טייך וואס שניידט דורך דעם וואלד. האראסיא האט אין ווירזשיליאן דעם ווירקזאמסטן מיטארבעטער. ניט נאר האט דער פראצעס זיך גענומען רירן, כאטש לאנגזאם, א דאנק די פעטיציעס וואס דער אדוואקאט באמבארדירט מיט זיי דעם ריכטער; די אנקלאג־שריפט וואס ער האט צוגעשטעלט אלס אדוואקאט פון זע דא ריביירא קעגן טעאדארא דאס באראונאס איז א מייסטערווערק פון יוריספרודענץ. אכוצדעם האט ווירזשיליא דורכגעשטודירט דעם אייגנטום־שיין אפן וואלד וואס סיניא באדארא׳ האט געמאכט און האט אין אים אויסגעפונען גרויסע יורידישע כעסרוינעס. די צעמעסטונג, לעמאשל, איז נישט קיין פולקאמע, זי ווייזט נישט אן די ריכטיקע גרענעצן פונעם וואלד; ס׳איז אן אומקלארע און אומדייטלעכע זאך. ווירזשיליא האט צוגעשטעלט דעם ריכטער אן אויספירלעכע עקספאזע, וואס איז צוגעלייגט צו האראסיאס פראצעס.

און פארענדיקט האבן זיך די הייסע זומער־טעג און ווידער זיינען געקומען די לאנגע ווינטערדיקע רעגנס, און צייטיק געווארן זיינען קאקאאפרוכטן, וואס האבן מיט גאלד באשיינט די שאטנדיקע פעלדער. אוועק זיינען די טויטע כאדאשים, זיינען ווידער פול מיט רייזנדערס די וועגן פון טאבאקאס, פון פעראדאס, פון פאלעסטינא און פון מוטונס. זיי קרייצן דעם יאם קיין איליעוס. אויך עמיגראנטן קומען, מאכנעס־ווייז אין דריטן קלאס פון געפאקטע שיפן. סיריער וואנדערנדיקע הענדלער קומען אין וואלד מיט די וואליזעס אף די אקסלען. א סאך פון די שטאמען, פארקוילטע בעיסן ברענען, בליען ווידער אויף מיט גרינס און דערפרייען דאס אויג אף די אפגערייניקטע ערטער. שוין פאראן נייע וועגן. נאך די רעגנס באווייזן זיך בלומען ארום די צלאמים פארפלאנצטע אין יענעם יאר. סעקיירא גראנדער וואלד איז שוין קימאט אף העלפט קלענער געווארן. ער איז ארומגענומען מיט ליידיקע אפגערייניקטע פלעצער. ער לעבט זיין לעצטן ווינטער. אין רעגנדיקע פרימארגנס גייען ארבעטער מיט זייערע קאסעס אף די אקסלען; זייער טרויעריק געזאנג שטארבט אפ אין דער געהיימעניש פונעם וואלד:

קאקאא איז א גוטע ארבעט...
שוין געקומען איז דער נײַער שניט...

## XII

אין אנהייב ווינטער האט דאניא אנא באסענע געהאט מיט דעם קאפּיטאן מאגאליאינס. זשוקא און אלגא זײַנען אונטערפירערס פונעם כאסן; דאקטאר זשענארא און די פרוי פונעם דאקטאר פּעדרא מאטא — פון דער קאלע. ווען דער קאנאניקער פרייטאס האט געבענטשט דאס פּארפאלק, האט ער שוין אויך „פארבונדן אף לעבן און טויט" אנטאניא וויטארן מיט ראימונדען. אנטאניא וויטאר האט געטראגן א פּאר שווארצע שטיוועלעך, וואס האבן אים שטארק באלעסטיקט; ראימונדא האט געהאט א בערויגעזן פּנים ווי שטענדיק, און וויפל דאניא אנא האט איר ניט אנגעזאגט, אז זיי דארפן דעם טאג ניט ארבעטן, איז זי אף באנאכט געבליבן העלפן אין קיך און ער האט באדינט די געסט מיט מאשקע און דערבײַ א ביסל צוגעהונקען צוליב זײַנע נײַע שיך.

געווען איז עס א יאנטעוו וואס מען וועט געדענקען אין איליעוס. דאניא אנא איז געווען שיין אין איר ווײַסן קלייד, מיט דעם גרויסן קאלע־שלײַער, מיט אראנזשן־צווייט, און מיט דעם ברייטן גאלדענעם רינג. זשאן מאגאליאינס, אין א זייער עלעגאנטן פראק, האט ארויסגערופן באוווּנדערונג בײַ די קאלע־מיידלעך. סיניא באדארא', א ביסל א טרויעריקער, האט אנגעפירט די סימכע, און האט מיטן בליק נאכגעקוקט דער טאכטער ווען זי איז אומגעגאנגען פון איין ארט אפן צווייטן און האט באדינט די געסט.

אינעם צימער פון כאסן־קאלע האבן די געסט דעפּילירט פארבײַ דעם בעט א פולן מיט מאטאנעס. געווען זײַנען טיי־סערוויזן, קונסט־זאכן, וועש, א רעוואלווער קאלט 38 מיט א כראמירט־שטאלענעם לאנגן רער אין א העלפאנטביינערנעם הענטל, א קונסטווערק, טעאדאראס א מאטאנע דעם קאפּיטאן זשאן מאגאליאינס. טעאדארא האט געטרונקען שאמפּאניער און האט געשפּאסט מיט דעם קאפּיטאן ווענן צארטן מאטראץ. פון דער אנטציקונג בא כאסן־קאלע אין צימער זײַנען די געסט אריבער אין טאנצזאל, וווּ די מוזיק, אין פולער אוניפארם, האט געשפּילט וואלסן און פּאלקעס, און פון צײַט צו צײַט א מאשישי.

אינעם מאָמענט ווען דאָס נײַע פאַרפאַלק האָט זיך געלאָזט ארויס־גיין פונעם זאַל, שוין פאַרטאָג, האָט זשוקא באַדאראָ אָנגעכאַפּט די פּלי־מעניצע מיט דעם גוטן ברודער און האָט זיי לאַכנדיק אָנגעזאָגט:

— איך וויל אַ ייִנגל, ער? אַן עמעסן באַדאראָ!

דעם האָניק־כוידעש, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין דער פאַזענדע, האָט האַסטיק איבערגעריסן די יעדיִע אַז מען האָט זשוקאַן דערהאַרגעט אין איליעוס. נאָך דער באַסענע איז ער געהאַט געקומען אויף דער פאַזענדע מיט די פּלימעניקעס, און פון דאָרט איז ער אַוועק מיט אַ ברינאַדע מענטשן אין וואַלד. אין שטאָט איז ער צוריקגעפאָרן פאַרברענגען שאַבעס און זונטיק; ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך מאַרגאָטן.

זונטיק איז ער געגאַנגען עסן מיטאָג מיט אַן ערשטגעקומענעם דאָק־טאָר פון באַהיִא, וואָס האָט אים געבראַכט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון זײַנעם אַ גוטן ברודער. דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט אינעם פאַנ־סיאָן־הויז בײַ אַ סירישער אויף אַ צענטראַלער גאַס. פונעם אַלטן גאַסטזאַל האָט מען געמאַכט אַן עס־זאַל, און זשוקא מיט דעם דאָקטאָר האָבן פאַר־נומען דעם ערשטן טיש באַם אַרײַנגאַנג. זשוקא איז אויסגעקומען מיט דעם רוקן צו דער גאַס. דער קאַפּאַנגאַ האָט דעם רעוואָלווער צוגעשטעלט צו דער טיר און האָט בלויז איין קויל אויסגעשאָסן. זשוקא באַדאראָ האָט פאַמעלעכן גענומען צופאַלן צום טיש; דער דאָקטאָר האָט די הענט אויסגעשטרעקט אים אונטערצוהאַלטן, נאָר ער האָט זיך טייקעף אויפגע־הויבן; מיט איין האַנט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן בײַ דער טיר און אין דער צווייטער האָט ער געהאַלטן דעם רעוואָלווער. דער שיסער איז געלאָפן אי־בער דער גאַס, נאָר די קוילן האָבן אים געטראָפן; דרײַ האָט ער באַקומען. ער איז אומגעפאַלן ווי אַ טויט. זשוקא באַדאראָ האָט זיך בײַ דער טיר אַ גליטש געטאָן אויף די שטיינער פונעם טראָטואַר און דער רעוואָלווער איז אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן. אַלץ האָט געדויערט נישט מער ווי איין מינוט; די געסט זײַנען צוגעלאָפן העלפן זשוקאן און דער אוילעם אין גאַס האָט זיך אַרומגעקליבן אַרום דעם געפאַלענעם קאַפּאַנגאַ.

זשוקא באַדאראָ איז געשטאָרבן אין דרײַ טעג אַרום, אַרומגערינגלט פון די אייגענע, נאָכדעם ווי ער האָט סטאָיִש אויסגעהאַלטן די אָפּעראַציע וואָס דער דאָקטער האָט געמאַכט אויף אַרויסצונעמען די קויל. אין איליעוס זײַנען נישטאָ די מיטלען פאַר אַזאַ אָפּעראַציע. נישטאָ קיין כלאָראָפאָרם;

זשוקאַ האָט געשמייכלט די גאַנצע צייַט וואָס די אָפּעראַציע האָט אָנגעהאַלטן. דער דאָקטער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקענט אים צו ראַטעווען; סיניאָ האָט אים געוועסט געזאָגט:

— אויב איר וועט ראַטעווען מייַן ברודער, בעט בייַ מיר וויפל איר ווילט.

נאָר אַלץ איז געווען אַרויסגעוואָרפן, אויך דאָס וואָס די אַנדערע איליעוסער דאָקטוירים האָבן געטאָן; ניט אַפילע דער דאָקטער פּעדראָ וואָס איז געקומען פון טאַבאַקאַס, האָט געהאָלפן. פאַרן טויט האָט זשוקאַ צוגערופן סיניאָן פּריוואַט און האָט אים געבעטן געבן עפּעס געלט מאַרגאָטן. דערנאָך האָט ער גערעדט מיט דעם קאַפּיטאַן און מיט דאָניאַ אַנאַ; דערבייַ איז שוין דאָס צימער פול געווען מיט מענטשן:

— איך וויל אַ יינגל, ע, פאַרגעסט נישט! אַ באַדאַראָ!

און ער האָט געגלעט דאָניאַ אַנאַן די האַנט און האָט זי געבעטן:

— גיב אים אַ נאָמען נאָך מיר...

אָלגאַ האָט סקאַנדאַליעז געשריִען, נאָר זשוקאַ האָט זיך צו איר ניט צוגעהערט; געשטאָרבן איז ער רויִק. אין זייַנע לעצטע ווערטער האָט ער זיך בלויז באַקלאָגט וואָס ער קען נישט זען דעם סעקיירע גראַנדער וואַלד אַ באַפּלאַנצטן מיט קאַקאַאָ.

נאָך עסטערס לעווייַע, האָט נאָך איליעוס אַזאַ גרויסן אוילעם בייַ אַ לעווייַע נישט געזען. אויך איצט איז געקומען אַ ספּעציעלער צוג פון טאַבאָקאַס; אַנטאָניאָ וויטאָר האָט ווידער אָנגעטאָן די סקריפּענדיקע שיך און האָט געוויינט ווי אַ קינד. מאַנועל דע אָליווייראַ האָט אָנגעשריבן אַ נעקראָלאָג אין „אַ קאָמערסיאָ" פול מיט אַדיעקטיוון און דאָקטאָר זשענאַראָ האָט געהאַלטן אַן אָנפּאַלערישע רעדע אַף האָראַסיאָן. טעאָדאָראָ דאַס באַראַונאַס האָט געשווירן נעקאָמע צו נעמען. ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאַסטן אין קייווער, האָט דאָניאַ אַנאַ אַרייַנגעוואָרפן אַ בוקעטל בלומען; סיניאָ האָט אַרויפגעוואָרפן די ערשטע לאָפּעטע ערד.

די נאַכט גייט סיניאָ אום אַ טרויעריקער פון איין אָרט אַפן צווייטן. ער טראַכט ווי זיך נויקעם צו זייַן. ער ווייס, אַז עס האָט קיין זין ניט אויסצוהאַרגענען האָראַסיאָס שלעגער אָדער די קליינע פּלאַנטאַטאָרס וואָס גייען מיט אים; אַ סאָף מאַכן מוז מען מיט דעם קאָראָנעל. איין לעבן נאָר קען דעקן זשוקאַס לעבן, און דאָס איז האָראַסיאָ דאַ סילווייראַס. ער באַ־

שליסט אים שיקן האַרגענען ווי דאָס זאָל ניט זײַן. ער האָט וועגן דעם א שמועס מיט טעאָדאָראָן און מיט דעם קאַפּיטאַן. און דאָניאַ אַנאַ איז דאָ דערבײַ. דאָקטאָר זשענאַראָ און דער קאָמיסאַר האַלטן אַז האָראַסיאָן מוז מען אָנקלאָגן. דער קאַפּאַנגאַ וואָס האָט געהאַרגעט זשוקאַן, איז געווען האָראַסיאָס אַ מענטש; אַלע ווייסן, אַז ער האָט געאַרבעט בײַ אים אין דער פֿאַזענדע. נאָר סיניאָ וואַרפֿט דאָס אָפּ מיט אַ האַסטיקן מאַך פֿון דער האַנט; ס'איז נישט קיין איניען פֿאַר אַ פּראָצעס. ניט נאָר איז שווער צו דערווײַזן האָראַסיאָס שולד, ווײַל דער קאַפּאַנגאַ איז געשטאָרבן, נאָר סיניאָ וועט נישט האָבן באַפֿרידיקט זײַן נעקאָמע־געפֿיל דערמיט וואָס ער וועט זען האָראַסיאָן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. דאָניאַ אַנאַ האַלט מיט אים און דער קאַפּיטאַן אויך. דער איז אַביסל דערשראָקן, ער ווייס ניט ווי דאָס וועט זיך ענדיקן. אויפֿן צווייטן טאָג איז געקומען טעאָדאָראָ דאָס באַראָנאַס איבעררײדן וועגן דעם איניען.

נאָר האַרגענען האָראַסיאָן איז ניט אַזוי גרינג. דער קאָראָנעל ווייס, אַז דער וועג קיין איליעוס איז פֿאַר אים געפֿערלעך. און ער פֿאָרט קיינמאָל ניט אַרויס פֿון דער פֿאַזענדע. ווען ער פֿאָרט קיין פּעראַדאַס אָדער קיין טאַבאָקאַס, פֿאָרט מיט אים אַ גרויסע סוויטע גוטצילנדיקע קאַפּאַנגאַס; בראַז איז קימאַט שטענדיק לעבן אים. שוין עטלעכע באַראָשים ווי ער קומט ניט קיין איליעוס; ווירזשיליאָ פֿאָרט אויף דער פֿאַזענדע אינפֿאָרמירן דעם קאָראָנעל ווי עס האַלט מיט די פּראָצעסן. וואָרעם מיט דער צײַט האָט דאָקטאָר זשענאַראָ אײַנגערעדט סיניאָן אָנצוקלאָגן האָראַסיאָן. סיניאָ האָט מאַסקים געווען; ער האָט דערצו זײַנע מאָטיוון. דער קאָמיסאַר האָט געמאַכט אַן אויספֿאָרשונג, ער איז געפֿאָרן קיין טאַבאָקאַס, האָט צוגעגרייט אַ ריי איידעס וואָס באַשטעטיקן, אַז דער קאַפּאַנגאַ וואָס האָט דערהאַרגעט זשוקאַן, איז געווען אַן אַרבעטער בײַ האָראַסיאָן אויף דער פֿאַזענדע. און איינער אַ מענטש באַם האַפֿן, וואָס טראָגט אַ פֿאַלשן רינג אויפֿן פֿינגער, האָט אַן שום ספּייקעס דערציילט דעם קאָמיסאַר, אַז מיט אַ נאַכט פֿריִער פֿאַרן מאָרד, האָט ער בײַ אַ שפּאַניער אין שענק געהאַט אַ שמועס מיט דעם מערדער. דער מענטש האָט מיט זיך געהאַט אַ סאַך געלט, האָט געוויזן אַ באַנקנאָט פֿון הונדערט מילרײַס, און האָט אים בעסאָד דערציילט, אַז ער גייט „מאַכן אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט פֿאַר דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ". דאָס איז דער וויכטיקסטער איידעס קעגן האָראַסיאָן. דער פּראָקו־

ראר האט אנגענומען די מעסירע; סיניא באדארא דריקט אפן ריכטער. דאס איינציקע וואס ווירזשיליא האט געקענט פויעלן איז, אז האראסיא זאל אויסמיידן דעם פרעווענטיוון ארעסט. דער ריכטער האט זיך אנטשולדיקט פאר סיניא באדארא: ווער וועט זיך עס דערוועגן ארעסטירן האראסיאן בא אים אף דער פאזענדע? אוים אכטונג צו דער יוסטיץ, זאל האראסיא אפקומען דעם ארעסט בלויז דעם טאג ווען די געשווירענע וועלן זיך צוזאמענקומען. ווירזשיליא האט צוגעזאגט אז האראסיא וועט קומען צום געריכט.

דאקטאר זשענארא האט גרויסע האפענונגען אז די געשווירענע וועלן פארמישפעטן דעם קאראנעל. די באדאראס הערשן אין דער פאליטיק; ס'איז אפילע מעגלעך צו פויעלן די העכסטע שטראף. נאר סיניאס האפענונגען זיינען דעם קאראנעל צו ליקווידירן נאך איידער די געשווירענע וועלן זיך צוזאמענקומען. אדער, אין לעצטן פאל, ווי זשאן מאגאליאינס זאגט, אינעם זעלביקן טאג. דערפאר איז ער איינגעגאנגען אפן פראצעס.

האראסיא, קענטיק, האט זיך א מינוט ניט גענומען צום הארצן דעם פראצעס. אים אינטערעסירט דער אנדערער, דער פראצעס קעגן סיניאן און טעאדאראן פאר דעם אייגנטום פון סעקיירא גראנדער וואלד. פון די פראצעסן זיינען די אדוואקאטן רייך געווארן. זיי באליידיקן זיך איינער דעם צווייטן און די געשריפטן און גרייטן זייערע רעדעס פאר די געשווירענע.

נישט געקוקט אף אלע שוועריקייטן, איז האראסיאס לעבן צוויי מאל געשטאנען אין קאן. דעם ערשטן מאל איז טעאדאראס א מענטשן געלונגען צוצוקומען צו א גוואזשאבא־בוים לעבן קאראנעלס גרויסן הויז. ער האט דארט געווארט עטלעכע שא ביז האראסיא איז ארויסגעקומען אף דער גאלערייע און האט זיך געזעצט אף א באנק אנהאקן צוקער־ראד פאר זיינעם א שטוביקן אייזל. די קויל האט געטראפן אינעם אייזל; האראסיא האט זיך געלאזט לויפן נאכן קאפאנגא; נאר ער האט אים נישט געכאפט. בא דער צווייטער געלעגנהייט איז עס געווען אן אלטער מענטש, וואס איז געקומען צו די באדאראס אף דער פאזענדע און האט זיך אנגעבאטן סיניאן צו ליקווידירן האראסיאן. ער וויל נישט מען זאל אים באצאלן, ער וויל נאר נקמה. ער האט א כעשבן מיטן קאראנעל, האט ער

געזאָגט. סיניאָ האָט אים געהייסן געבן אַ ביקס. דעם אַלטן האָט מען דערהאַרגעט ווען ער איז צוגעקומען צו האָראַסיאָס גרויסן הויז אין אַ לעַ־וואָנע־נאַכט. עמעצער האָט זיך דערמאָנט אַז דאָס איז זשאָאַקימס פאָטער, דעם זשאָאַקים וואָס זײַנען פעלד געהער איצט צו האָראַסיאָן.

צוליב אָט די דראָונגען, האָט האָראַסיאָ פאַרשטאַרקט די וואַך אין דער פאַזענדע; זעלטן אַז ער גייט אַרויס, נאָר דאָס שטערט ניט זײַנע מענטשן עפענען נײַע פּלעצער אינעם סעקיירע גראַנדער וואַלד, זיי וועלן זיך מיסטאָמע איננגיכן צוזאַמענטרעפן מיט באַדאַראָס מענטשן, וואָס גייען פון דער אַנדערער זײַט. וואָס ווײַטער אַלץ שיטערער ווערט די ווילדעניש; די שפּײַכלער איןביידע פאַזענדעס ווערן אַלץ פולער מיט קאַקאַאָ פּלאַנצלינגען צום פאַרפלאַנצן. ווען האָראַסיאָס מענטשן וועלן זיך צוזאַמענטרעפן מיט באַדאַראָס, וועט זיכער זײַן אַ שיסערײַ; בלוט וועט זיך גיסן אויף די וועגן.

## XIII

און ווען אין וואַלד האָבן די מענטשן שוין געהערט דאָס הילכן פון די קענגערישע העק אויף יענער זײַט טײַך, איז איליעוס אין אַ פרימאָרגן אויפגעשטאַנען מיט דער סענסאַציאָנעלער ידיעה, וואָס דער טעלעגראַף האָט געבראַכט: די פעדעראַלע רעגירונג האָט דעקרעטירט די אינטער־ווענץ פונעם באַהיער שטאַט. מיליטער האָט פאַרנומען די שטאָט, דער גו־בערנאַטאָר האָט דימיטירט, דער פירער פון דער אָפּאָזיציע, וואָס איז מיט אַ קריג־שיף אָנגעקומען פון ריאָ, האָט איבערגענומען די אינטער־ווענץ. איצט איז האָראַסיאָ די רעגירונג; סיניאָ באַדאַראָ איז אין דער אָפּאָזיציע. דעם אינטערווענטאָרס טעלעגראַמע האָט אָראָפּגעזעצט דעם איליעוסער פּרעפעקט און האָט אויף דעם אַמט באַשטימט דעם דאָקטער זעזע. מיט דער ערשטער שיף פון באַהיאַ זײַנען אָנגעקומען דער נײַער ריכטער און דער נײַער פּראָקוראָר און, מיט זיי, די באַשטימונג פון בראַזן פאַרן שטאָטישן קאָמיסאַר. דעם אַלטן ריכטער האָט מען באַשטימט אויף אַ ריכטער־אַמט אין אַ קליינער סטעפּ־שטאָט, נאָר ער האָט דעם אַמט ניט אָנגענומען און האָט צוגעשטעלט זײַן דימיסיע. געמורמלט האָט מען, אַז ער איז שוין גענוג רײַך און דאַרף שוין ניט די ריכטער־שטעלע צום

לעבן. „אַ פּאַליאַ דאָס איליעוס" האָט ארויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן נומער מיט דער ערשטער זײַט אין צוויי קאָלירן.

ערשט דעמאָלט איז האַראַסיאָ געקומען קיין איליעוס און האָט גע־ענטפערט אַף דער דעפּעשע פונעם אינטערווענטאָר, וואָס האָט אים פאַר־בעטן קיין באַהיִאַ אַף אַ שמועס. ער האָט אויפגענומען די באַגריסונגען פון פרײַנט און וויילער; ווירזשיליאָ האָט זיך אויפגעזעצט מיט אים; שוין אַף דער שיף, האָט האַראַסיאָ זיך אָנגערופן צום אַדוואָקאַט:

— איך קענט אײַך שוין באַטראַכטן פאַר דעפּוטאַט פונעם פעדעראַלן פּאַרלאַמענט, דאָקטאָר.

אויך סיניאָ באַדאַראָ איז געפאָרן קיין איליעוס. אין אָוונט האָט ער געהאַט אַ שמועס מיט דאָקטאָר זשענאַראָ, מיט דעם געוועזענעם ריכטער, מיט דעם קאַפּיטאַן זשאָאַן מאַגאַליאַינס. ער האָט פאַראָרדנט זײַנע מענטשן זיך צואײַלן מיט אויסהאַקן דעם וואַלד. אַפן צווייטן טאָג איז ער צוריק־געפאָרן; טעאָדאָראָ דאַס באַראַונאַס האָט געוואַרט אַף אים אין דער פאַ־זענדע סאַנטאַ אַנאַ.

## XIV

אַ דעפּעשע פון בראַזן האָט האַראַסיאָן אָוועקגעריסן פונעם אינטער־ווענטאָרס פּאָליטישע שמועסן, פון די באַהיִער קאַבאַרעט־פּרויען, פון די אַפּעריטיוון מיט פּאָליטיקער אין די שיקאַרנע באַרס, און האָט אים מיט דער ערשטער שיף צוריקגעבראַכט. באַדאַראָס מענטשן זײַנען ניט נאָר איבערגעפאַלן האַראַסיאָס אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרנומען געווען באַם אויסהאַקן דעם וואַלד, און האָבן געמאַכט איבער זיי אַן עמעסע שכיטע, זיי האָבן אויך אונטערגעצונדן אַ צאָל קאַקאַאָ־פעלדער. אין פאַרלויף פון דעם קאַמף פלעגט מען די קאַקאַאָ־פעלדער שוינען, ווי די קעגנער וואָלטן צווישן זיך געהאַט אַ שטילן אָפּמאַך. דאָס פײַער פלעגט פאַרצערן אַ ביוראָ פון אַ נאָטאַריוס, פּלאַנטאַציעס פון מאַיִס און מאַנדיאָקאַ, שפּײַכלער מיט טרוקענעם קאַקאַאָ; מען פלעגט הארגענען מענטשן, נאָר די קאַקאַאָ־ביי־מער פלעגט מען שוינען.

נאָר סיניאָ באַדאַראָ האָט געוווּסט, אַז ער שפּילט די לעצטע קאַרט. דער בײַט אין דער פּאָליטישער לאַגע האָט באַ אים צוגענומען די בעסטע

טרונפן. אַ באַווײַז דערפון האָט ער געהאַט מיט דעם אומאָנגענומען סורפריז ווען ער איז געגאַנגען אין פאָרויס פאַרקויפן דעם קומענדיקן שניט צו די „ברידער זודע ע קאָמפ”. זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס, האָבן גערעדט פון געלט־שוועריקייטן, און צום סאָף האָבן זיי מאַקסימום געוועזן קויפן דעם קאַקאַאָ נאָר מיט אַ היפּאָטעק אַף די פעלדער. סיניאָ איז בייז געוואָרן: באַ אים פאָדערט מען אַ היפּאָטעק אַף זײַן פעלד, באַ סיניאָ באַדאַראָ! מאַקסימיליאַאָ האָט זיך דערשראָקן, ער האָט געמיינט דער קאָראָנעל וועט זיך כאַפּן שלאָגן, אַזוי בייז איז ער געוואָרן. נאָר מאַקסימיליאַאָ האָט נישט געוואָלט קויפן דעם קאַקאַאָ, אויב ער גיט נישט די געפאָדערטע גאַראַנטיע. ”כ'האָב אַזאַ באַפעל”, האָט ער געזאָגט. און סיניאָ האָט געמוזט פאַרקויפן דעם קאַקאַאָ צו אַ שוואַרצער פירמע אַף אַ לעכערלעך ביליקן פרײַז. באַ אַזאַ לאַגע, האָט ער געגעבן טעאָדאָראָן אַ פרײַע האַנט צו טאָן ווי אים געפעלט וואָס שײַעך דעם וואַלד. דעמאָלט האָט טעאָדאָראָ אונטערגעצונדן די פעלדער פון פירמאָ און זשאַרדע און אויך האָראַסיאָס אייניקע פעלדער. די סרייפע האָט געדויערט עטלעכע טעג, מאַכמעם דער ווינט האָט צעטראָגן דאָס פײַער; די שלאַנגען זײַנען אַנטלאָפן מיט אַ שיפּען.

אינעם איליעוסער האַפן האָבן האָראַסיאָס גוטע ברידער אים די האַנט געדריקט און האָבן באַדויערט די ווילדקייטן פון די באַדאַראָס. האָראַסיאָ האָט געשוויגן. ער האָט מיט די אויגן געזוכט בראַזן צווישן דעם אוילעם, און האָט מיט אים געהאַט אַ לאַנגן שמועס אינעם קאָמיסאַריאַט. ער האָט צוגעזאָגט דעם אינטערווענטאָר, אַז אַלץ וועט געמאַכט ווערן אַפן געזעצלעכן אויפן. די קאַפּאַנגאַס וואָס זײַנען איבערגעפאַלן באַדאַראָס פאַזענדע און האָבן אַרומגערינגלט דאָס גרויסע הויז, האָט מען דעריבער אין די צײַטונגען, וואָס האָבן דאָס נײַס געבראַכט, אָנגעגעבן פאַר „פּאָליציאַנטן, וואָס זײַנען געגאַנגען אַרעסטירן דעם אונטערצינדער טעאָדאָראָ דאַס באַראונאַס, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ווי באַקאַנט, אין דער פאַזענדע סאַנטאַ אַנאַ”.

די אַרומרינגלונג פונעם גרויסן הויז אַף דער פאַזענדע פון די באַדאַראָס איז געווען דער סאָף פונעם קאַמף פאַרן באַזיץ פונעם סעקיירא גראַנדער באָדן. טעאָדאָראָ האָט זיך געוואָלט איבערגעבן, קעדיי דערמיט אָוועקצונעמען האָראַסיאָס געזעצלעכן אויסרייד. סיניאָ האָט דערצו ניט

מאסקים געווען; ער האָט געזען מען זאָל אים אָן אויסבאהאלטענעם אוועקפירן קיין איליעוס, און גוטע ברידער האָבן אים דאָרט פאַרשטעקט אַף אַ שיף וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין ריאָ דע זשאַניירא. דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט אַז טעאָדאָראָ האָט זיך באַזעצט אין וויטאָריאַ דאָ עס־פּיריטו סאַנטאָ, און האָט דאָרט געעפנט אַ קראָם. האָראַסיאָ, קענטיק, האָט געווּסט פון טעאָדאָראָס פּליטע, נאָר ער האָט מיט אַ קיוון גע־שוויגן; מען האָט געהאַלטן אַרומגערינגלט דאָס גרויסע הויז אַף דער פאַ־זענדע סאַנטאַ אַנאַ פּונקט ווי טעאָדאָראָ וואָלט דאָרטן געווען. דעם סע־קירא גראַנדער וואַלד האָט מען אויסגעהאַקט און די אָפּגערייניקטע פּלע־צער מישן זיך איצט מיט די אָפּגעברענטע פּלאַנטאַציעס, אָן גרענעצן צווישן זיי. נישטאָ שוין דאָרט קיין טיגערן און קיין מאַלפּעס; נישטאָ אויך קיין געשפּענסטער. די אַרבעטער האָבן געפונען זשערעמיאַסעס ביינער און האָבן זיי באַגראָבן. זיי האָבן אַף דעם אָרט אַ ציילעם אַרײַנגעשטעקט.

סיניאָ באַדאָראָ, אינאייינעם מיט זײַנע מענטשן, האָט זיך געווערט פיר טעג און פיר נעכט, און ערשט ווען ער איז געפאַלן אַ פאַרוווּנדיקטער, האָט מען אים, אַפּן באַפעל פון דאָניאַ אַנאַ אוועקגעפירט קיין איליעוס. האָראַסיאָ האָט באַוויזן צוצוקומען צום גרויסן הויז. אינדערפרי האָט מען סיניאָן אוועקגעטראָגן אין אַ האַמאַק, געטראָגן אַף די אַקסלען און אין אָוונט האָט זשאָן מאַגאַליאַינס אײַנגעאָרדנט, אַז אויך אָלגאַ און דאָניאַ אַנאַ זאָלן זיך אויפזעצן אַף פערד און אַרויספאָרן. ראַימונדאָ איז אוועק מיט זיי; פינף קאַפּאַנגאַס האָבן זיי באַגלייט. די נאַכט האָבן זיי באַדאַרפט איבערנעכטיקן אין טעאָדאָראָס פאַזענדע און אינדערפרי נעמען די באַן קיין איליעוס.

זשאָן מאַגאַליאַינס האָט זיך פאַרשאַנצט מיט די איבעריקע מענטשן באַם ברעג טײַך. באַ זײַן זײַט פּלעגט אַנטאָניאָ וויטאָר פון צײַט צו צײַט די ביקס אויפהייבן און אויסשיסן. דער קאַפּיטאַן, וואָס זײַנע אויגן זײַנען געווען געוווינט צו שטאָטישער ליכטיקייט, האָט אין דער אָנלעוואָנעדי־קער פינצטערער נאַכט גאָרנישט געמערקט. אַף וועמען שיסט ער, דער מו־לאַט? נאָר דער ענטפער אַפּן שאָס האָט געוויזן אַז אַנטאָניאָ וויטאָר איז גערעכט; דעם מולאַטס אויגן זײַנען געווען צוגעוווינט צו דער פינצטער־ניש פון די פעלדער; ער האָט גאַנץ גוט געזען די מענטשן צוקומען אין דער פינצטער.

סאַף קאָל סאַף האָט מען זיי אַרומגערינגלט; זיי האָבן געמוזט אָפּ־טרעטן ביז צום וועג. די מערהייט איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון האָראַסיאָס קאַפּאַנגאַס. זשאָן מאַגאַליאַינס מיט זײַנע מענטשן זײַנען אָפּגעטראָטן אַלץ ווײַטער; וואָס אַמאָל זײַנען זיי געוואָרן ווייניקער, ביז עס איז געבליבן נישט מער ווי פיר. דעמאָלט איז אַנטאָניאָ וויטאָר פאַרשוווּנדן; ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געפירט מיט זיך אָן אָנגעזאָטלטן אייזל:

— סעו קאַפּיטאַן, זעצט אײַך אויף און פאָרט אוועק, דאָ איז נישטאָ מער וואָס צו טאָן.

געווען איז עס עמעס. האָראַסיאָס קאַפּאַנגאַס, אָנגעפירט פון בראַז, זײַנען שוין געהאַט אַרײַן אין הויף פון באַדאַראָס גרויסן הויז. זשאָן מאַגאַליאַינס האָט אַ פרעג געטאָן:

— און איר?

— מיר וועלן גיין צופוס און שיצן „וואָסמיסע".

אין דער רעגע ווי זיי זײַנען אוועק איז בראַז אַרויף אַף דער גאַלערייע פונעם פוסטן הויז. פולשטענדיקע שטילקייט איז געווען אין דער אָנלעוואָנעדיקער נאַכט. האָראַסיאָס קאַפּאַנגאַס זײַנען געשטאַנען אַפן הויף, גרייט אַרײַנצוגיין אינעם הויז. איינער פון זיי האָט אַף אַ באַפעל אָנגעריבן אַ שוועבעלע אָנצוצינדן אַ לאָמטערן. דער שאָס איז געקומען פון אינעווייניק און האָט פאַרטשעפּעט דעם לאָמטערן. דער מענטש איז מיט ניסים לעבן געבליבן. די איבעריקע האָבן זיך אַף דער ערד אַ וואָרף געטאָן און ליגנדיקערהייט זיך אַרײַנגערוקט אינעווייניק. פון אינעווייניק האָט עמעצער געשאָסן, געצילט אין האָראַסיאָן. בראַז האָט געוואָרנט דעם קאָראָנעל:

— ס'איז מער ווי איינער.

זיי זײַנען אַרײַן אין שטוב מיט דעם וואָפן אין די הענט. די אויגן געשפּאַנט און האָבן געזוכט. זיי זײַנען געגאַנגען מיט האַס. זיי האָבן געוואָלט טאָן מיט די לעצטע פאַרטיידיקער דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די געפאַלענע באַם ברעג טײַך און אַפן וועג, אַרויסרײַסן באַ זיי די אויגן, די ליפּן, די אויערן און די טעסטיקלען. זיי האָבן דורכגענישטערט דאָס הויז און האָבן קיינעם נישט געפונען. מען האָט אויפגעהערט שיסן. בראַז האָט אָנגעמערקט:

— זיך געענדיקט די מוניציע.

ער איז געגאַנגען אפּריִער, און פון ביידע זײַטן צוויי קאַפּאַנגאַס; האַ־ראַסיאַ איז געגאַנגען פון הינטן. געבליבן איז בלויז דער קעלער. זיי זײַנען אַראָפּ איבער שמאָלע טרעפּלעך, בראַז האָט געעפנט דאָס טירל מיט אַ שטוים פונעם פוס. דאָניאַ אַנאַ האָט אויסגעשאָסן און איינער פון די קאַ־פּאַנגאַס איז געפאַלן. געווען איז עס די לעצטע קויל און זי האָט דעם רע־וואָלווער אַ וואָרף געטאָן צו האַראַסיאַס פיס און האָט מיט פאַראַכטונג אַ זאָג געטאָן:

— און איצט, הייסט מיך שיסן, מערדער!

און זי האָט אַ טראָט געטאָן אויף פאָרויס. בראַז האָט צעעפנט דאָס מויל אַ דערשראָקענער. ער האָט זי געהאַט געזען פאַרבײַרײַטן אינאיינעם מיט אַלגען און ראַימונדען, אַ געשיצטע מיט עטלעכע מענטשן און אַנט־לויפן. ער האָט געלאָזט פאַרבײַרײַטן דעם קאַרטעזש אונטער זײַן ביקס און האָט ניט געשאָסן. ווי אַזוי איז זי צום טײַוול צוריקגעקומען? דאָניאַ אַנאַ האָט נאָך איין שפּאַן געמאַכט אויף פאָרויס; איר גוף האָט פאַרנומען דעם גאַנצן כאַלעל פונעם קעלער־טירל.

האַראַסיאַ האָט אָפּגעטראָטן פון די טרעפּלעך.

— קענסט דיר גיין, מיידל, קיין פרויען הארגע איך ניט.

דאָניאַ אַנאַ איז אַרויף אויף די טרעפּלעך און איז דורכגעגאַנגען דעם זאַל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן בילד וואָס אויף דער וואַנט; דאָס גלאָז איז גע־ווען דורכגעשאָסן מיט אַ קויל, וואָס האָט געטראָפן דעם טאַנצנדיקן מיידל אין דער ברוסט. זי איז אַרויס אויפן הויף. די מענטשן זײַנען שטום געשטאַ־נען און געקוקט אויף איר. איינער האָט אַ מורמל געטאָן:

— אַ טײַוול פון אַ קוראַזשנער פרוי!

דאָניאַ אַנאַ האָט גענומען איינס פון די פערד וואָס זײַנען געשטאַנען אײַנגעשפּאַנט, האָט נאָך איין מאָל אַ קוק געטאָן אויפן גרויסן הויז, האָט זיך אויפגעזעצט, האָט אַ שפּאָרן געטאָן דאָס פערד און איז אַוועק אין דער־אַנלעוואָנעדיקער און אַנשטערנדיקער נאַכט. ערשט דעמאָלט, ווען איר גע־שטאַלט איז שוין געווען פאַרלוירן אויפן וועג, האָט האַראַסיאַ זײַן האַנט און זײַן קאָל אויפגעהויבן און האָט אַ באַפעל געגעבן, און די מענטשן האָבן אונטערגעצונדן דאָס גרויסע הויז פון די באַדאַראָס.

## XV

דאָקטאָר זשענאַראָ, אַ ליבהאָבער פון בריליאַנטנע פראַזן, פלעגט שפּע־טער, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעצויגן קיין באַהיאַ, קעדיי בעסער צו דערציִען זײַנע קינדער, זיך אויסדריקן וועגן די סעקיירע גראַנדער געשלעגן, מיט די ווערטער:

— די דאָזיקע גאַנצע טראַגעדיע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאָ־מעדיע:

געמיינט האָט ער דערמיט דאָס איליעוסער געריכט פון די געשוווי־רענע איבער האָראַסיאָן. ניט לאַנג פאַר דעם האָט דער ריכטער געהאַט אַרויסגעטראָגן זײַן אורטייל אינעם פּראָצעס וואָס האָראַסיאָ האָט פאַר־פירט פאַר זײַן אייגנטום־רעכט אױף דעם סעקיירע גראַנדער באָדן. ער האָט דאָס רעכט צוגעמישפּעט דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ סילוויירא און זײַנע שותּפים, און האָט איבערגעגעבן טעאָדאָראָ דאַס באַראַונאַס דער פּראָקו־ראַטור אים צו מישפּטן פאַר אונטערצינדן וועגאַנסיאָס גאַטאַריוס־ביוראָ אין טאַבאָקאַס. אויך סיניאָ באַדאַראָ און דער קאַפּיטאַן זשאָן מאַגאַליאַינס זײַנען אָנגעקלאָגט געוועזן פאַר רעגיסטרירן אַ ניט געזעצלעכן אייגנטום־שײַן. נאָר דער פּראָצעס איז ווײַט נישט אַוועק, מאַכמעס האָראַסיאָ האָט זיך, אױף דער אייצע פון ווירזשיליאָן, פון אים אָפּגעלאָזט. די באַדאַראָ־פאַמיליע איז געווען אין אַ שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, איז שולדיק גע־ווען געלט די עקספּאָרט־הײַזער, האָט מאַקרעוו געווען צוויי שניט קאַקאַאָ; זייערע פאַזענדעס זײַנען אין דעם יאָר פון די געשלעגן נישט געוואַקסן; פאַרקערט, ניט נאָר איז אָפּגעברענט געוואָרן דאָס גרויסן הויז, כאָרעוו געוואָרן די „באַרקאַסן" און די אויוונס, נאָר אויך די פלאַנצלינגען זײַנען פאַרברענט געוואָרן און טייל פעלדער צעשעדיקט. יאָרן וועלן אַוועק ביז די באַדאַראָס וועלן ווידער אויפבויען דאָס וואָס איז געווען זייער גרויס פאַרמעג. זיי זײַנען שוין האָראַסיאָן קיין קעגנערס ניט.

און דער מישפּעט איז פאַר דעם קאָראָנעל געווען בלויז אַ זאַלבונג. ער האָט זיך אָנגעגעבן אין אַרעסט די נאַכט פאַרן פּראָצעס. דעם בעסטן זאַל פון דער שטאָט־פּרעפעקטור, וווּ עס איז אויך געווען דער טריבונאַל און די טפיסע, האָט מען אויסגעריכט פאַר אַ שלאָפצימער. בראַז האָט די

נאכט געגעבן די פאליציאנטן פריי; ער אליין האט מיט אים די נאכט פארבראכט. דער זאל איז געווען פול מיט גוטע פריינט; דער קאראנעל האט געשמועסט, האט געהייסן ברענגען וויסקי; מען האט די גאנצע נאכט געטרונקען.

דער מישפעט האט זיך אנגעהויבן נײַן אינדערפרי. די באדראס האבן פון באהיא געבראכט א שטארק בארימטן אדוואקאט, דעם דאקטאר פאוסטא אגיאר, ער זאל אינאיינעם מיט דאקטאר זשענארא העלפן דער פראקוראטור. דער נײַער פראקוראר, האט מען געוווסט, וועט מאכן א גאנץ שוואכע באשולדיקונג, ער איז האראסיאס א פארטיי־כאווער.

דער ריכטער איז ארײַנגעקומען אין זאל און מיט אים דער פראקוראר, די שרײַבער און פארטרעטער; ער טראגט א שווארצע טאגע. ער זעצט זיך אוועק אפן הויכן שטול, וואס איבער אים הענגט א געקרייציקטער יעזוס מיט טונקל־רויטע ווונדן. לעבן דעם ריכטער זעצט זיך אוועק דער פראקוראר. עס שטייען שטולן פאר דעם דאקטאר זשענארא און דעם דאקטאר פאוסטא, געהילפן פון דער פראקוראטור. אף דער טריבונע פון די פארטיידיקער געפינען זיך די אדוואקאטן רוי און ווירזשיליא. דער ריכטער זאגט די אײַנגעפירטע ווערטער און די זיצונג הייבט זיך אן. דער זאל איז איבערפולט מיט אוילעם, דער איבעריקער אוילעם איז אנגעשטעלט אין די דורכגענג. איינער פון די פארטרעטער רופט צו א יינגל, וואס האט מיט יארן שפעטער געשריבן די געשיכטע פון דער געגנט, ער זאל פון א קעסטל ארויסציִען די נעמען פון די בירגער וואס שטעלן צוזאמען דאס געריכט פון די געשווווירענע. ער ציט ארויס א קארטל; דער ריכטער לייענט איבער דעם נאמען: א פארשוין הייבט זיך אויף, קרייצט דורך דעם זאל און זעצט זיך אוועק אף איינעם פון די זיבן שטולן וואס זײַנען באשטימט פאר די געשווווירענע. עס קומט דערנאך ארויס א צווייט קארטל. דער ריכטער לייענט איבער:

— מאנועל דאנטאס.

עס הייבט זיך אויף דער קאראנעל מאנעקא דאנטאס, נאר ער באוויזט ניט א שפאן טאן, שנײַדט דורך דעם זאל דאס קאל פון דאקטאר זשענארא.

— איך ווארף אפ...

אָפּגעוואָרפן דורך דעם אָרגאַן פון דער באַשולדיקונג — מעלדעט דער ריכטער.

מאַנועקאַ דאַנטאַס זעצט זיך אַוועק; דאָס ייִנגל ציט ווײַטער די קאַרט־לעך. פון צײַט צו צײַט ווערט אַ נאָמען אָפּגעוואָרפן, דורך דער פּראָקוראָ־טור אָדער דורך דער פאַרטיידיקונג. צווישן אוילעם שמועסט מען זיך דורך וועגן דעם:

— אײַנשטימיק באַפרײַט.

— איך ווייס נישט, ניין... פאַראַן צוויי סאָפּעקדיקע — און זיי פליסטערן אַרום נעמען.

— און עפּשער דרײַ... זשאָזע פּאַריאַ איז האָראַסיאָן נישט קיין גרויסער פרײַנט... ער קען שטימען קעגן.

— דאָקטאָר רוי איז נעכטן געווען בײַ אים אין שטוב. ער שטימט פאַר באַפרײַען.

— עס וועט זײַן אַן אַפּעלאַציע.

— וואָס מיר אַפּעלאַציע! אַ זיכערע אײַנשטימיקייט!

די געוועטן גייען איצט אַרום דער פראַגע צי עס וועט זײַן אַן אַפּע־לאַציע אָדער ניט. דאָס באַהיִער העכסטע געריכט געהער נאָך צו דער אַראָפּגעזעצטער רעגירונג. אויב עס וועט זײַן אַן אַפּעלאַציע, קען נאָך האָראַסיאָ פאַרמישפּעט ווערן, אָדער ווייניקסטנס איבערגיין צו אַ נײַעם געריכט פון געשווירענע. דער אוילעם איז, פונדעסטוועגן, מערסטנס מיט דער מיינונג, אַז דער קאָראָנעל וועט אײַנשטימיק באַפרײַט ווערן, און עס וועט דערום קיין אָרט ניט זײַן פאַר אַפּעלאַציע. די געשווירענע גיבן אָפּ די שבועה, אַז זיי וועלן מישפּעטן מיט גערעכטיקייט, לויט די באַווײַזן און לויט זייער געוויסן, און זיי זעצן זיך אַוועק. דאָס ייִנגל וואָס האָט געצויגן די קאַרטלעך, גייט אַראָפּ פון דער עסטראַדע און זעצט זיך אַוועק הינטער דער טריבונע פון דער פאַרטיידיקונג. און פון דאָרטן קוקט ער זיך צו צום גאַנצן מישפּעט, ער הערט אויס די דעבאַטן מיט צעפּלאָמטע אויגן. פאַר־טאָג, ווען צווישן אוילעם שאָקלען שוין אַ סאַך מיט די קעפּ, האַלט נאָך דאָס ייִנגל אַ נערוועזשער דעם גאַנג פונעם ספּעקטאַקל.

מיטאָמאָל הערט מען אויף שמועסן און אין זאַל ווערט שטיל. דער ריכטער באַפעלט דעם קאָמיסאַר אַרײַנברענגען דעם באַשולדיקטן. בראַז גייט אַרויס און קומט טייקעף צוריק מיט דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ

סילווירא. ער איז באוואכט פון צוויי פּאָליציאַנטן. האָראַסיאָ טראָגט אַ שוואַרצן פראַק, די האָר פאַרקעמט אַף הינטן, דאָס פּאָנעם ערנסט, קימאַט דערשלאָגן. ער בלייבט שטיין פאַרן ריכטער. אין זאַל הערשט אַ שטילער שווייגן, דער אוילעם שטרעקט זיך אַף פאָרויס. דער ריכטער שטעלט אים פראַגן:

— אייער נאָמען?

— האָראַסיאָ דאַ סילווירא, קאָראָנעל פון דער לאַנד־גוואַרדיע.

— פּראָפעסיע?

— ערד־אַרבעטער.

— יאָרן?

— צוויי און פופציק.

— וווינונג?

— פאַזענדע באָם נאָמע, איליעוסער קרייז.

— ווייסט איר אין וואָס איר ווערט באַשולדיקט?

דעם קאָראָנעלס קאָל איז קלאָר און שטאַרק:

— יאָ.

— האָט איר וואָס צו זאָגן צו אייער פאַרטיידיקונג?

— דאָס וועלן טאָן מיינע אַדוואָקאַטן.

— איר האָט אַדוואָקאַטן? ווער זיינען זיי?

— דאָקטאָר ווירזשיליאָ קאַבראַל און דאָקטאָר רוי פּאָנסעקאַ.

דער ריכטער ווייזט אים אָן אַף אַ קליינער באַנק:

— איר קענט אייך זעצן.

נאָר האָראַסיאָ בלייבט שטיין. בראַז פאַרשטייט עס און ער רוקט אוועק דאָס דערנידעריקנדיקע בענקל און ברענגט אַ שטול. נאָר האָראַסיאָ זעצט זיך ניט. אַ סענסאַציע לויפט דורך דעם זאַל. דאָקטאָר רוי בעט דעם ריכטער שענקען דעם באַשולדיקטן דאָס רעכט אויסצוהערן דעם אורטייל שטייענדיק, און ניט זיצן אַף דער סימוואָלישער באַנק פון די באַשול־דיקטע. דער ריכטער גיט נאָך און פון די ווינקלעך קען מען זען דעם קאָ־ראָנעלס ריזיקע פיגור, מיט די הענט פאַרלייגט אַף דער ברוסט, די אויגן אָנגעשטעלט אַפן ריכטער. דאָס יינגל הייבט זיך אויף קעדיי אים בעסער אָנצוקוקן און ער זעט אים אַ מעכטיקן, ער וועט אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דער שרײַבער לייענט דעם פּראָצעס. דאָס לייענען דויערט דרײַ לאַנגע שאָ. איינער נאָך איינעם גייען דורך די איידעס. די אַדוואָקאַטן פּאַרציי־כענען עפּעס פון צײַט צו צײַט. לעבן דאָקטאָר זשענאַראָ הייבט זיך אַ סטוים גראָבע ביכער. ווען מען פאַרענדיקט לייענען דעם פּראָצעס איז שוין איינס אַזייגער נאָכמיטאָג און דער ריכטער רײַסט איבער די זיצונג אַף מיטאָג עסן. די געשווירענע פאַרבלײַבן אין זאַל. זיי האָט מען געבראַכט מיטאָג פונעם האָטעל, געצאָלט פון דער פּרעפעקטור. בלויז פאַר קאַמילאָ גאָים האָט מען געבראַכט דעם מיטאָג פונדערהיים, ווײַל ער לײַדט אַפן מאָגן און האָט אַ ספּעציעלע דיעטע.

דאָס יִנגל וואָס איז בײַגעווען דעם מישפּעט, גייט אַרויס מיט דעם פאָטער באַ דער האַנט, נאָר ער איז שוין ווידער באַ דער טיר, ווען דער פאַרטרעטער קלינגט מיט דעם גרויסן גלעקל און רופט אַרײַן די אַדוואָ־קאַטן און די שרײַבער. האָראַסיאָ שטייט ווידער פאַרן ריכטער. דאָס וואָרט באַקומט דער פאַרטרעטער פון דער פּראָקוראַטור. ווי מען האָט זיך גע־ריכט, איז די באַשולדיקונג נישט קיין שווערע און נישט קיין גרויסע. דער פּראָקוראָר רעדט אַ האַלבע שאָ צײַט, ער לאָזט צו אַ סאַך אָנמער־קונגען די אַדוואָקאַטן פאַרטיידיקער. נאָר, ווי עס פירט זיך, פאַרענדיקט ער מיט דער פאָדערונג פון העכסטער שטראָף, וואָס דאָס מיינט דרײַסיק יאָר טפיסע. נאָך אים פאַרנעמט דאָס אָרט אַף דער טריבונע דאָקטאָר זשע־נאַראָ. ער רעדט צוויי שאָ צײַט און מישט אַרײַן ציטאַטן אַרויסגעלייענט פון די ביכער, טייל אין פראַנצויזיש, טייל אין איטאַליעניש, מיט אַ פּראָטימדיקן אַנאַליז פון די איידעס־דערקלערונגען, וואָס באַווײַזן, לויט זײַן מיינונג, אַף אַ אומבאַשטרײַטלעכן אויפן, אַז דער מערדער איז געווען אַ שלעגער אַף דינסט באַ האָראַסיאָן. זײַן פערדל איז דער מענטש מיט דעם פאַלשן רינג, וואָס האָט געשמועסט מיט דעם מערדער די נאַכט פאַרן פאַרברעכן. ער דערציילט וועגן די געשלעגן אַרום סעקיראָ גראַנדע און פאַרענדיקט, אַז „אויב דער באַשולדיקטער וועט נישט פאַרמישפּעט ווערן, וועט די גערעכטיקייט אַף דער ערד פון איליעוס זײַן דער טראַגיש־סטער פון אַלע פאַרסן”. ער ציטירט עטלעכע פראַזן אין לאַטיין און זעצט זיך אַוועק. צווישן אוילעם וואָס האָט גאָר ווייניק פאַרשטאַנען פון דאָק־טאָר זשענאַראָס שפּראַכן־מישמאַש, באַוווּנדערט מען דעם אַדוואָקאַטס

געבילדעטקייט. וועגן זײַן שטעלונג רעדט מען ניט; מען שעצט אים ווי א ווערט־זאַך, וואָס געהער צו איליעוס.

דאָס וואָרט באַקומט דאָקטאָר פאוסטאָ און די קעפּ גיבן זיך נײַגעריק א שטרעק אַף פאָרויס. דעם אַדוואָקאַט איז פאָרויסגעגאַנגען דער נאָמען פון א גרויסן רעדנער, זײַנע פאַרטיידיקונגס־רעדעס זײַנען באַרימט געווען אין באַהיאַ. דער עמעס איז, אַז דער איליעוסער אוילעם וואָלט אים בעסער געוואָלט הערן פאַרטיידיקן איידער באַשולדיקן. מען האָט געוווּסט, אַז סיניאָ האָט אים געדונגען פאַר פופצן קאָנטאָס רײַס. דאָקטאָר פאוסטאָ רעדט נישט לאַנג, ער היט זיך אײַן אַף שפּעטער, באַם אָפּענטפערן. ער רעדט קלינגענדיק מיט אַן עמאָציאָנירטן קאָל. ער רעדט וועגן דער פרוי אָנעם מאַן, פון דעם ברודער אָן דעם ברודער, ער לויבט אוים זשוקאַ באַדאַראָ, דעם „ריטער פונעם קאַקאַאָ־לאַנד”. אָט הייבט ער אויף דאָס קאָל און אָט לאָזט ער עס אַראָנטער, פול מיט האַס ווען ער רעדט וועגן האָראַסיאָן, א „קאַפּאַנגאַ, וואָס איז געוואָרן א פירער פון קאַפּאַנגאַס”, און ביז גאָר צאַרט ווען ער רעדט וועגן אָלגען, די „אָרעמע פרוי וואָס לאָזט זיך נישט טרייסטן. צום סאָף אַפּעלירט ער צו די איידעלע געפילן פון די געשווירענע. און מיט זײַן רעדע ווערט די זיצונג איבערגעריסן אַף נאָך נאַכטמאָל.

באַנאַכט איז שוין דער אוילעם א סאַך א גרעסערער און דאָס יִונגל קען קוים פאַרנעמען זײַן פּלאַץ. האַנדלס־אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן ניט געקענט בײַזײַן אינדערפרי און באַטאָג, באַלאַגערן איצט אַפילע די שטיגן פון דער פּרעפעקטור. אַלע ווילן הערן די פאַרטיידיקונגס רעדעס. צוערשט רעדט ווירזשיליאָ, ער ענטפערט דעם דאָקטאָר זשענאַראָ. ער דערדריקט די איידעס. ער ווײַזט אָן אַף דעם שוואַכן גרונט פונעם פּראָצעס און רופט אַרויס א סענסאַציע ווען ער רעדט וועגן דעם מענטשן מיט דעם פאַלשן רינג, וואָס ער איז דער ווינקלשטיין פון דער באַשולדיקונג. ער דעקט אויף, אַז עס האַנדלט זיך פון א גאַנעוו מיט דעם נאָמען פערנאַנדאָ, וואָס איז זײַט א פּאָר יאָר געקומען קיין איליעוס און מען ווייס ניט פון וואָס ער לעבט דאָ. „אָט דער איידעס, וואָס איז אַזוי טײַער דער פאַרטיידיקונג” זיצט איצט אין איליעוסער טפיסע, אַרעסטירט אַלס שלעפער און שלעגער. סאַראַ ווערט קען האָבן דאָס וואָרט פון אַזאַ מענטשן? א גאַנעוו, א וואַגאַבונד, א ליגנער. דאָקטאָר ווירזשיליאָ לייענט דערקלערונגען וואָס

ער האָט אָפּגענומען באַם שפּאַניער, דעם באַלעבאָס פֿונעם שענק, ווו דער קאַפּאַנגאַ האָט געשמועסט מיט דעם מענטשן פֿונעם פֿאַלשן רינג. דער שפּאַניער האָט געזאָגט, אַז דער מענטש האָט שטענדיק געהאַט דעם נאָמען פֿון אַ ליגנער, וואָס האָט ליב צו דערציילן מײַסעס, אויסטראַכטן פּאַסירונגען און דער שפּאַניער איז אים כווישעד, ער זאָל געוועזן זײַן דער וואָס האָט אים אַרויסגענאַנוועט דאָס געלט פֿונעם טיש־קעסטל. וואָס פֿאַר אַ יורידישן ווערט קען האָבן דאָס אײדעס זאָגן פֿון אַזאַ נעפּעש? דאָקטאָר יווירזשיליאָ קוקט דערבײַ אַפֿן ריכטער און פֿון אים פֿירט ער אַריבער די אויגן צו די געשווױרענע. ער דערמאָנט אַ צווייטן פּראָצעס פֿאַרן ערד־באַזיץ פֿון סעקיירע גראַנדע, וואָס די באַדאַראָס האָבן אים פֿאַרשפּילט, ער דערמאָנט די סרייפּע באַם נאָטאַריוס וועגאַנסיאָ. נאָך צוויי שאָ ריידן, בעט ער געוועכטיקייט און זעצט זיך אַוועק. דאָקטאָר רוי ענטפֿערט דעם דאָקטאָר פּאַוסטאָ. זײַן מעכטיקער קאָל, אַביסל אָן אָנגעשפּאָלטענער פֿונעם טרינקען, הילכט אָפּ אין זאַל. ער ציטערט, זיפֿצט און עמאָציאָנירט זיך, ער באַשולדיקט און פֿאַרטיידיקט, ער רופֿט אַרויס טרערן באַם אוילעם, רופֿט באַ אים אַרויס געלעכטער, איז ברוטאַל מיט דעם דאָקטאָר פּאַוסטאָ, וואָס „דערוועגט זיך שפּיַען מיט קליינלעכע ווערטער אַף דער אומבאַפֿלעקטער פּערזענלעכקייט פֿונעם אילוסטער באַיאַרד, ווי דאָס איז דער קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ סילווייראַ". אַ כוץ די אַדוואָקאַטן און דעם יינגל, האָט קיינער ניט געוווּסט ווער דער באַיאַרד*) איז געוועזן, נאָר אַלע זײַנען זיי מאַסקים, אַז דער אימאַזש איז אַ שיינער. האָראַסיאָ, וואָס שטייט די גאַנצע צײַט מיט די הענט פֿאַרלייגט אַף דער ברוסט, ווײַזט קיין שום פֿאַרמאַטערונג נישט אַרויס. ער גיט נאָר ווען ניט ווען אַ שמייכל פֿון דאָקטאָר רויס שטעכיקן און גיפֿטיקן איראָניזירן דעם דאָקטאָר פּאַוסטאָ. דערנאָך קומען די אָפּענטפֿערס. אַלע ריידן נאָך צו איין מאָל און כאַזערן איבער דאָס וואָס זיי האָבן שוין געזאָגט. נײַ איז בלויז די דערקלערונג פֿון ד"ר זשענאַראָ איבער דעם אײדעס זאָגן פֿונעם שפּאַניער, וואָס ווירזשיליאָ האָט ציטירט. אויך ד"ר זשענאַראָ האָט געשמועסט מיט אַ באַקאַנטן פֿון דעם מענטשן מיט דעם פֿאַלשן רינג, אַ צווייטער באַזוכער פֿון דעם שענק, איינער מיט אַ בלויען קאַמזויל, און ער האָט געזאָגט, אַז דער וואָס

*) פּיער טערעיל דע באַיאַר. — אַ פֿראַנצויזישער העלד פֿון 1015טן י"ה.

מיט דעם פאַלשן רינג איז „אַ פײַנער מענטש, כאָטש ער זעט עס ניט אויס". זײַנע געשיכטעס, קען זײַן, זעען אויס ווי אויסגעטראַכטע, נאָר אַ סאַך פון די געשיכטעס האָבן מיט אַן עמעסן פּאַסירט, און דער דאָקטאָר זשענאַראָ פּראָטעסטירט קעגן דער „געמיינקייט פון דער אָרטיקער פּאָליציי, וואָס האָט אַרעסטירט אַן אומשולדיקן מענטשן נאָר דערפאַר וואָס ער האָט איידעם געזאָגט באַם פּראָצעס". דאָקטאָר פאַוסטאָ האַלט אַ פּרעכטיקע רעדע. ער באַמיט זיך זײַן קאָל זאָל נאָכמער ציטערן ווי דאָס קאָל פון דאָקטאָר רוי. ער ווײַזט, אַז אויך ער קען אַרויסרופן טרערן. ער גיט דעם מאַקסימום דערפון וואָס ער קען. דאָקטאָר ווירזשיליאָ רעדט ניט מער ווי צען מינוט וועגן דעם מענטשן מיט דעם פאַלשן רינג. דאָקטאָר רוי שליסט די רעדעס מיט פאַרגלײַכונגען צווישן דער גערעכטיקייט מיט דער געשטאַלט פונעם געקרייציקטן יעזוס, וואָס הענגט איבערן ריכטערס קאָפּ. ער פאַרענדיקט מיט אַ גרויסער פראַזע, וואָס ער האָט זיך צוריק מיט צוויי טעג אײַנגעבאַזערט:

„מיט דער באַפרײַונג פון דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ סילוויירא, וועט איר באַווײַזן, הערן געשווירענע, דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, וואָס האַלט איצט די אויגן געווענדט צו דעם זאַל, אַז אין איליעוס איז אַ בוץ קאַקאַאָ, פּרוכטיקער ערד און געלט, אויך פאַראַן גערעכטיקייט, די מוטער פון אַלע גוטע מידעס וואָס דאָס פאָלק באַזיצט!"

נישט געקוקט אויף דער גוזמע, אַז די גאַנצע וועלט האַלט די אויגן געווענדט צו דעם זאַל, און עפּשער טאַקע צוליב דער גוזמע, האָט די פראַזע אַרויסגערופן אַפּלאָדיסמענטן, וואָס דער ריכטער האָט געהייסן דעם פאַרטרעטער אײַנשטעלן מיט דעם גלעקל. די געשווירענע גייען אַרויס פונעם זאַל אורטיילן וועגן דער שולדיקייט אָדער ניט שולדיקייט פונעם געמישפּעטן. אויך האָראַסיאָן פירט מען אַרויס. ער בלײַבט שטיין אינעם דורכגאַנג און שמועסט מיט די אַדוואָקאַטן. אין אַ פערטל שאָ אַרום קומען צוריק די געשווירענע. בראַז קומט צו און פירט אַרײַן האָראַסיאָן. ער האָט שוין די ידיעה דורך דעם דאָקטאָר ווירזשיליאָ:

— אײַנשטימיקייט!

דער ריכטער לייענט איבער דעם אורטייל, וואָס דערקלערט אײַנשטימיק דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ סילוויירא אויסער יעדער שולד.

אַ טייל אוילעם נעמט אוועקגיין, אַנדערע נעמען אַרום האָראַסיאָן, האָראַסיאָ נעמט אַרום די אַהוואָקאַטן. בראַז שרײַבט אויף דעם באַ־פרײַוונגס באַפעל, האָראַסיאָ גייט אַרויס מיט זײַנע פרײַנט וואָס באַגלייטן אים ביז דער שטוב.

דעם ייִנגלס פאָטער נעמט אים אָן בײַ דער האַנט, און אַז ער האָט געזען ער איז פאַרמאַטערט, האָט ער אים גענומען אויף די הענט. דאָס ייִנגל נעמט אָן אויג ניט אַראָפּ פון האָראַסיאָן.

— וואָס איז דיר מער ווי אַלץ געפעלן? — פרעגט אים דער פאָטער.

דאָס ייִנגל שמייכלט מילד און איז מוידע:

— מער ווי אַלץ, ווי אַלץ, איז מיר געפעלן דער מענטש מיט דעם פאַלשן רינג, וואָס קען אַזוי פיל געשיכטעס דערציילן.

דאָקטאָר רוי, וואָס איז גראָד דערבײַ פאַרבײַגעגאַנגען, האָט דאָס דערהערט, האָט דעם ייִנגל אַ גלעט געטאָן איבערן בלאָנדן קעפּל. דערנאָך איז ער אַראָפּגעלאָפן די שטיגן אַנטקעגן האָראַסיאָן, וואָס איז אַרויסגע־גאַנגען דורך דער הויפּט־טיר פון דער פּרעפעקטור און איז אַרײַן אין עם העלן פרימאָרגן, וואָס האָט זיך געהויבן פונעם יאַם איבער דער שטאָט אילעוס.

# דער פּראָגרעס

## I

מיט באַדאָשים שפּעטער איז דער קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ סילווײראַ, אין אַ נאָכמיטאָג, אומגעריכט אַראָפּ פונעם פערד פאַר דער טיר פון מאַנעקאַ דאַנטאַסעס גרויסן הויז. דאָניאַ אַווריסידיאַ, מיט איר פעטן לײַב נאָכגעשלעפּט, איז אַרויסגעקומען און האָט זאָרגעוודיק געפרעגט דעם קאָראָנעל צי ער האָט שוין געמיטאָגט. ער האָט געזאָגט אַז יאָ, און דאָס פּנים איז בײַ אים געווען פאַרשלאָסן און דאָס מויל פאַרקלעמט מיט אַ האַרטער מינע. אַן אַרבעטער איז אַוועק רופן מאַנעקאַ דאַנטאַסן, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף די פּלאַנטאַציעס, און דאָניאַ אַווריסידיאַ איז מיט אים פאַרבליבן שמועסן. גערעדט האָט קימאַט זי אַליין, האָראַסיאָ האָט קוים אַרויסגערעדט אַ „יאָ” אָדער אַ „ניין” ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָניאַ אַווריסידיאַ האָט דערציילט וועגן אירע קינדער, האָט געלויבט די באָכמע פונעם עלטערן, וואָס מען רופט אים רוי. ביז מאַנעקאַ דאַנטאַס איז אָנגעקומען, האָט אַרומגענומען דעם קאָראָנעל און זיי זײַנען געבליבן ביידע שמועסן. דאָניאַ אַווריסידיאַ איז געגאַנגען צוגרייטן אַ צובײַס.

האָראַסיאָ הייבט זיך דעמאָלט אויף און קוקט דורכן פענצטער אויף די קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציעס. מאַנעקאַ וואַרט. צוויי מינוט גייען פאַרבײַ אין שווײַגן. האָראַסיאָס בליק איז פאַרלוירן אויפן וועג וואָס ציט זיך ניט ווײַט פונעם הויז. מיט אַ מאָל דרייט ער זיך אום און זאָגט:

— איך האָב אין אָרדענונג געבראַכט אייניקע זאַכן אינעם פּאַלאַצעט אין איליעוס. עסטערס זאַכן...

מאַנעקאַ דאַנטאַס פילט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אים שטאַרקער. האָ־

ראַסיאַ קוקט אים אָן מיט זײַנע אָפּגעבלאַקירטע, קימאַט אויסדרוקלאָזע אויגן. דאָס מויל איז האַרט פאַרקרימט.

— כ'האָב געפונען בריוו...

און מיט דעם זעלביקן קאָל אַ צוגעטעמפּטן, פאַרענדיקט ער:

— זי איז געווען דאָקטאָר ווירזשיליאָס געליבטע.

און ווידער קוקט ער אַרוים דורך דער שויב. מאַנעקאַ דאַנטאַס הייבט זיך אויף און לייגט אַוועק אַ האַנט דעם גוטן ברודער אַפּן אַקסל:

— איך האָב עס געוווּסט שוין לאַנג. נאָר אין די זאַכן איז נישט קעדײַ זיך צו מישן. און די אָרעמע קוואַטערן האָט דערפאַר באַצאָלט מיט פּראָצענט, מיט דעם מין טויט אירן...

האָראַסיאָ טרעט אָפּ פונעם פענצטער און זעצט זיך אַוועק אַף אַ באַנק אין זאַל. ער האַלט דעם בליק צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט. ער דער־מאָנט זיך, קענטיק, אַלטע פּאַסירונגען, גוטע מאָמענטן, גליקלעכע זיכרוי־נעס:

— מאַדנע... פון אָנהייב האָב איך געוווּסט, אַז איך בין איר נישט צום האַרצן. זי פלעגט וויינען אין די ווינקעלעך, זי פלעגט זאָגן, אַז זי האָט מוירע פאַר די שלאַנגען. און בעט פלעגט זי זיך קאָרטשען פון מײַן באַ־רירונג. מיך פלעגט עס פאַרדריסן, נאָר איך פלעג איר גאָרנישט ניט זאָגן, איך בין אַליין שולדיק, איך האָב כאַסענע געהאַט מיט אַ יונגער דערצוי־גענער פרוי...

ער גיט אַ דריי מיטן אָפּ און קוקט צו מאַנעקאַ דאַנטאַסן, און יענער שווײַגט און הערט אים אויס, אַן אומבאַוועגטער, מיטן פּאָנעם אין די הענט אָנגעשפּאַרט.

מיטאַמאָל האָט זי זיך געביטן, איז געוואָרן גוט צו מיר, ס'האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז זי האָט מיך ליב. פריִער פלעג איך זײַן פאַרטאָן אין אײ־נעם וואַלד, אין די געשלעגן, בלויז צוליבן געלט, אַביסל צוליבן קליינעם, נאָר דערנאָך אַלץ געטאָן צוליב איר, איך בין זיכער געווען, אַז זי האָט מיך ליב...

ער שטרעקט אויס אַ פינגער:

— דו שטעלסט דיר ניט פאָר, גוטער ברודער, וואָס איך האָב געליטן ווען זי איז געשטאָרבן. איך פלעג אַרויסגעבן באַפעלן די מענטשן, נאָר גע־טראַכט האָב איך פון הארגענען זיך. און איך האָב מיר נישט אַרײַנגע־

שאָסן אַ קויל אין קאָפּ נאָר צוליב דעם קליינעם, אונדזערביידנס זון, עמעס, דער זון פון דער געמיינער צײַט, נאָר אַלץ איז שוין געווען פאַרבײַ, זי איז געווען אַזאַ ליבע, אַזאַ גוטע. וואָלט איך מיך דערהאַרגעט ווען זי איז געשטאָרבן...

ער גיט אַ לאַך אַרײַן אין זיך מיט זײַן אײמעדיקן געלעכטער:

— און אַלץ, הייסט עס, פאַר יענעם, פאַר דעם דאָקטאָרל. ליב און גוט איז זי געווען פאַר אים. איך האָב געגעסן די רעשטן, די ברעקלעך...

דאָניאַ אַווריסידיאַ קומט אַרײַן און זאָל רופן צום צובײַס. אויפן טיש איז אָנגעשטעלט אײַנגעמאַכצן, קעזן, פּרוכטן. מען עסט און מען הערט אוים דאָניאַ אַווריסידיאַס געפּלוידער, איר צושטיין צום עלטערן ייִנגל ער זאָל ענטפערן אויף פראַגעס פון געשיכטע, ער זאָל לייענען, אַז דער פאָטער זאָל הערן, ער זאָל רעציטירן פערזן.

דערנאָך גייט מען צוריק אין זאַל און האָראַסיאָ רעדט נישט מער. ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול און הערט, כאָטש דער קאָפּ איז אים נישט דערבײַ. מאַנעקאַ דאַנטאַס פאַרנעמט די צײַט מיט אַ שמועס וועגן שניט, וועגן די פּרײַזן, וועגן די ביימלעך וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט אין סעקיירע גראַנדע. דאָניאַ אַווריסידיאַ קען זיך גאָרנישט טרייסטן וואָס דער קוואַטער בלײַבט נישט אויף נאַכטמאָל. זי האָט שוין געהייסן קוילען אַ פּאָר הענדלעך אויף טונקעלן סאָוס, „אירע אַ ספּעציאַליטעט".

— איך קען נישט, קוואַטערקע.

אַזוי גייט אַוועק דער נאָכמיטאָג. האָראַסיאָ קײַט אַ שטיקל פּאַרלאָ־שענעם ציגאַרעט, אַ שוואַרץ געוואָרענעם פונעם שפּײַעכץ. מאַנעקאַ דאַנ־טאַס רעדט, ער ווייס, אַז זײַן שמועס אינטערעסירט ניט, נאָר קיין אַנ־דערע ווערטער קומען אים איצט ניט אויפן געדאַנק, דער קאָפּ איז אים פּוסט. ער ווייס נאָר, אַז האָראַסיאָ וויל נישט בלײַבן אַליין. אין אַנדערן מאָל, שוין לאַנג דערין, איז ווירזשיליאָ אַזוי געווען, האָט מוירע געהאַט צו בלײַבן אַליין. מאַנעקאַ דאַנטאַס דערמאָנט זיך עס און הערט אויףריידן.

און אָט איז שוין אָוונט. די אַרבעטער גייען פון די פּלאַנטאַציעס. האָראַסיאָ הייבט זיך אויף און גיט נאָכאַמאָל אַ קוק אויפן וועג, וואָס דער אָוונט האָט אים פאַרשפּרייט מיט טרויער. ער גייט אַרײַן זיך געזעגענען מיט דאָניאַ אַווריסידיאַ, לאָזט איבער זײַן טויף־זון אַ ניקל, און מאַנעקאַ

דאַנטאַס גײט אַרום מיט אים אױפֿן הױף, װי דאָס פֿערד װאַרט אױף אים. װען ער שטעלט אַרײַן דעם פֿוס אינעם סטרעמען, דרײט ער אום דעם קאָפּ צו מאַנעקאַן און גיט אים צו װיסן:

— איכל שיקן אים ליקװידירן.

## II

מאַנעקאַ דאַנטאַס האָט זיך געװאָלט די האָר פֿונעם קאָפּ אױסרײַסן. „אַ קאַפּריזנע דאָקטאָרל!‟ ער האָט אַלע זײַנע אַרגומענטן אױסגעשעפּט װירזשיליאַן צו איבערצײַגן ער זאָל די נאַכט נישט פֿאָרן קײן פּעראַדאַס, און ער איז אײַנגעאַקשנט, ער מוז פֿאָרן, נישט געקוקט אױף קײן שום זאַך. ער איז אײַנגעשפּאַרט װי אַן אײזל, די אײַנגעשפּאַרטסטע כאַיע אין דער װעלט. אָט האָסטו דיר! און אין איליעוס טראַכט גאָר קײנער ניט אַנדערש װי נאָר אַז װירזשיליאָ איז אַ קלוגער מענטש!

מאַנעקאַ דאַנטאַס װײס ניט פֿאַרװאָס דער דאָקטאָר איז אים געפֿעלן. אַפֿילע דעמאָלט װען ער איז שױן זיכער געװען, אַז ער איז דער קװאַ־טערנס געליבטער, אַז ער שטעלט אַרום הערנער דעם קװאַטער האָראַסיאָ, אַפֿילע דעמאָלט האָט ער אים ניט אױפֿגעהערט שעצן, כאָטש מאַנעקאַ פֿאַרגעטערט קימאַט האָראַסיאָן: האָראַסיאָן האָט ער צו דאַנקען אַ סך דערפֿון װאָס ער פֿאַרמאָגט. האָראַסיאָ האָט אים אַ האַנט דערלאַנגט װען אים איז שלעכט געװען, ער האָט אים געהאָלפֿן אַרױסהײבן זיך. און אַפֿילע װען מאַנעקאַ דאַנטאַס האָט זיך דערװוּסט, אַז װירזשיליאָ שלאָפֿט מיט עסטערן, האָט ער אױף אים קײן פֿאַרדראָס ניט געטראָגן. ער האָט דע־מאָלט דורכגעלעבט אַנגסטיקע טעג, ער האָט מורא געהאַט האָראַסיאָ זאָל זיך פֿון אַלץ דערװיסן, ער זאָל שרעקלעך נעקאָמע נעמען פֿון עסטערן און װירזשיליאָן. װען עסטער איז געשטאָרבן, איז זײַן טרױער געװען געמישט מיט אַ געװיסער פֿרײד; אַװדאי איז עס געװען אַ טרױעריקער טױט, נאָר ערגער, אַ סך ערגער װאָלט געװען װען האָראַסיאָ דערװיסט זיך און זי שטאַרבט נאָך טראַגישער. װי אַזױ זי װאָלט געשטאָרבן, װײס ער ניט, נאָר ער שטעלט זיך פֿאָר, װי װײניק פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט ער האָט, שרעקלעכע זאַכן; עסטער אין אַ צימער מיט שלאַנגען, װי אין דעם אַרטיקל װאָס די צײַטונג האָט אײן מאָל אָפּגעדרוקט. װען דער פֿיבער האָט

זי אָוועקגעריסן, איז מאַנעקאָ דאַנטאַס געווען שטאַרק באַצאַרט, נאָר ער האָט אַ דערלײַכטערטער אָפּגעזיפצט: דער איניען איז געלייזט. און אָט געשעט עס דאָך און, מיט אַ סאַך כאַדאָשים שפּעטער געפינט האָראַסיאָ אוים ליבעס־בריוו, און ער איז גאַנץ גערעכט, ווען ער וויל דעם אַדוואָקאַט דערהאַרגענען! מאַנעקאָ דאַנטאַס פאַרשטייט ניט צו וועלכע טײַוואָלים די לײַט וואָס נאַרן דעם מאַן מיט אַזאַ אײַנשטעלעניש פאַרגינען זיך נאָך דעם לוקסוס צו שרײַבן ליבעס־בריוו. אידיאָטערײַען. ער, האָט אויך ווען ניט ווען געהאַט אַ געליבטע, פאַרשטייט זיך, אַז נישט קיין כאַסענע געהאַטע פרוי. אַ שיינע זווינע אַמאָל וואָס האָט אים דאָס אויג פאַרכאַפּט און ער האָט איר אַ שטוב אײַנגעשטעלט. ער פלעגט אַהין גיין שלאָפן, עסן און טרינקען, אָבער בריוו שרײַבן, דאָס ניט... ווען ניט ווען פלעגט ער באַקומען אַ בריוול... געווייינטלעך אַ דרינגענדיקע ביטע וועגן געלט, און די געלט־ביטעס זײַנען געווען אויסגעמישט מיט קושן און מיט צערטלעכע פראַזן. דער קאָראָנעל מאַנעקאָ דאַנטאַס פלעגט די בריוו שטענדיק צע־רײַסן, איידער דאָניאַ אָוריסידיאַס פײַנער כוש האָרייעך דערפילט דעם אומריינעם ביליקן פאַרפום, מיט וועלכן זיי זײַנען דורכגעזאַפּט. געלט־ביטעס נישט מער.

מאַנעקאָ דאַנטאַס דערמאָנט זיך אין די בריוו אין דער צײַט ווען ווירזשיליאָ גיסט אָן מאַשקע אין די גלעזער. האָט ער זיי טאַקע אַלע צע־ריסן? דער עמעס איז אַז איינעם אַ בריוו האָט ער נישט צעריסן און ער טראָגט אים נאָך הײַנט צווישן זײַנע פּאַפּירן אינעם געלט־טאַש. ער שטייט יעדן טאָג אין סאַקאָנע: שטעלט אײַך פאָר ווען דאָניאַ אָוריסידיאַ געפינט אים. דער הימל וואָלט צו דער ערד געפאַלן. נישט געקוקט דערויף וואָס מאַנעקאָ דאַנטאַס געפינט זיך איצט איינער אַליין אין זאַל, קוקט ער זיך אַרום, ער וויל זיכער זײַן אַז קיינער זעט אים ניט, עפנט דעם געלט־טאַש און נעמט אַרויס פון צווישן די קאָנטראַקטן אַפן קאַקאַאָ־פאַרקויף, אַ בריוו מיט אַ מיִעסער האַנטשריפט, פול מיט קלעקן און שלעכטן אויסלייג. ס׳איז פון דאָראַליסן, אַ גאַסן־מיידל וואָס ער האָט געהאַט אין באַהיִאַ, ווען ער האָט אַמאָל פאַרבראַכט דאָרטן צוויי כאַדאָשים און זיך געהיילט די אויגן. ער האָט זיך באַקענט מיט איר אין אַ קאַבאַרעט און האָט די פּאָר כאַדאָשים געלעבט מיט איר; פון אַלע מיידלעך וואָס ער האָט געהאַט, איז זי די איינציקע וואָס האָט אים אינעם בריוו קיין געלט נישט געבעטן, פון

אָנהייב ביזן סאָף. דערפֿאַר האַלט ער אים, כאָטש דאָראַליסע איז אַ צע־שוווּמענער אָנדענק, איז זי דאָך אַ ליבער אָנדענק. ער דערהערט ווירזשי־ליאָס טריט און ער רוקט אַרײַן דעם בריוו אין קעשענע. דער אַדוואָקאַט קומט אַרײַן און טראָגט גלײַכגעוויכטיק אַ פֿלאַש מיט גלעזער אַף אַ טאַץ.

מאַנעקאַ דאַנטאַס טרינקט די קאַניאַ און דערציילט אים ווידער די אָרעמע געשיכטע וואָס זײַן פֿאָרשטעלונגס־קראַפֿט האָט באַוויזן אויסצו־טראַכטן: „ער האָט געהערט מען רעדט, אַז די נאַכט וועט סיניאָ באַדאַראָ אַרויסשיקן אַ לויער אַפֿן דאָקטאָר ווירזשיליאָ, אַפֿן וועג קיין פֿעראַדאַס, כּדיי זיך אָן אים נוקעם צו זײַן פֿאַר זשוקאַס טויט". ווירזשיליאָ לאַכט:

— דאָס איז דאָך אידיאָטיש, מאַנעקאַ. פֿולשטענדיק אידיאָטיש. ביפֿראַט אַז דער וועג קיין פֿעראַדאַס איז דעם קאָראָנעל האָראַסיאָס אַ וועג. אויב עס איז פֿאַראַן אַ זיכער אָרט, איז עס דער פֿעראַדעסער וועג. און איך טאָר מײַן קליִענט נישט לאָזן וואַרטן אַף מיר. שוין אָפּגערעדט וואָס ער איז אונדזערער אַ ווײַלער.

אים זעט אויס קאָמיש דער געדאַנק פֿון אַ לויער אַף אים, אַפֿן פֿע־ראַדעסער וועג מיצאַד באַדאַראָס מענטשן.

— אַפֿן פֿעראַדעסער וועג, האָראַסיאָן אונטער דער נאָז?

מאַנעקאַ דאַנטאַס הייבט זיך אויף:

— איר ווילט פֿאָרן נישט געקוקט אַף קיין שום זאַך?

— אַוואַדע וועל איך פֿאָרן.

מאַנעקאַ דאַנטאַס פֿרעגט אים דערויף:

— און אַז האָראַסיאָ אַליין זאָל וועלן?...

— דער קאָראָנעל האָראַסיאָ?

— ער האָט אַלץ אויסגעפֿונען... מאַנעקאַ דאַנטאַס קוקט אַוועק, ער וויל נישט קוקן דעם אַדוואָקאַט אין פּנים.

— וואָס האָט אויסגעפֿונען?

— אײַער איניען מיט דער קוואַטערן... אַ מאַניע באַ מענטשן, בריוו שרײַבן... ער האָט זיך גענומען איבערקוקן אירע זאַכן... — ער קוקט אָן אַ זײַט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט אין אַלץ שולדיק געווען, ער האָט קיין מוט ניט צו קוקן ווירזשיליאָן אין די אויגן.

נאָר ווירזשיליאָ שעמט זיך אַבסאָלוט ניט מיט דעם וואָס איז געשען. ער זעצט אַוועק לעבן זיך מאַנעקאַן און דערציילט אים אויס אינגאַנצן.

בריוו? יאָ, ער האָט געשריבן בריוו, ער האָט אויך באַקומען בריוו, דאָס איז געווען דער איינציקער אויפן ווי זיך צו פילן נאָענט ווען זיי האָבן נישט געקענט זיך זען, אינאײנעם זײַן, איבערגעבן איינער צום צווייטן. ער דערציילט אים דעם גאַנצן ראָמאַן, זײַן גליק, זײַנע פּלענער צו אַנטלויפן, די ליבעס־נעכט. ער רעדט לײדנשאַפטלעך, ער דערמאָנט איר טויט. יאָ, ער פאַרשטייט האָראַסיאָס פאַרצווייפלונג אין יענעם טאָג ווען זי איז געשטאָרבן, און דערפאַר האָט ער זיך צו אים צוגעבונדן, ער איז נישט אַוועק, ער איז געבליבן קעדיי צו זײַן מיט אים.

— דאָס איז אַ מין אויפן ווי צו זײַן נאָענט מיט עסטערן, איר פאַרשטייט?

אינגאַנצן קלאָר פאַרשטייט ער עס נישט, נאָר אין די זאַכן, אין ליבע, איז עס שטענדיק אַזוי. ווירזשיליאָ רעדט אָן אויפהער. פאַרוואָס איז ער נישט אַוועק? ווײַל ער וויל זײַן דאָ, נאָענט פון האָראַסיאָן, העלפן דעם קאָראָנעל אין די געשעפטן. דאָ דערמאָנט אים אַלץ אָן עסטערן, איר טויט האָט אים דאָ צוגעבונדן אַף אייביק. אַנדערע בינדט צו דער קאַקאַאָ, די אַמביציע פון געלט. ער איז אויך צוגעבונדן מיט דעם קאַקאַאָ, נאָר נישט צוליב געלט. ער איז צוגעבונדן מיט איר אָנדענק, מיט איר גוף וואָס ליגט אַפן בייסוילעם, מיט איר זײַן דאָ אומעטום, אינעם איליעוסער פּאַלאַצעט, באַ דאָקטער זעזע אין שטוב, דאָרט אין טאַבאָקאַס, אין דער פאַזענדע און אין האָראַסיאָן, דעריקער אין האָראַסיאָן... ווירזשיליאָ האָט נישט קיין אַמביציעס, ער וואַרפט זיך מיט געלט ווי אַ מעשוגענער, מיט זײַן גאַנצן פאַרדינסט, ער וויל אַפילע ניט הערן פון קויפן אַ קאַקאַאָ־פעלד, ער וויל נאָר זײַן נאָענט פון איר, און זי איז דאָ, אין די יִישוּווים און אין די פאַזענדעס; יעדן מאָל ווען אַ זשאַבע שרײַט באַ דער שלאַנג אין מויל, האַלט ער זי ווידער אין זײַנע אָרעמס, ווי דעמאָלט, דעם ערשטן מאָל אינעם גרויסן הויז אַף דער פאַזענדע.

— איר פאַרשטייט, מאַנעקאַ?

און ער לאַכט טרויעריק און ער זאָגט, אַז מאַנעקאַ דאַנטאַס קען אים ניט פאַרשטיין. נאָר דער וואָס האָט אַזאַ ווילדע ליבע געהאַט, אַזאַ אומגליקלעכע ליבע, קען פאַרשטיין וואָס ער זאָגט. מאַנעקאַ דאַנטאַס געפינט נישט קיין אַנדער אויפן ווי אים אויסצודריקן סאָלידאַריטעט, ווי נאָר מיט דעם בריוו וואָס ער ווײַזט אים.

ווירזשיליאָ לייענט אים. באַ מאַנעקאַן ווערן פייַכט די אויגן פון די ווערטער:

„גריסן.

„מייַן טייַערער מאַנעקאַ, איך שעץ אַז די שלעכט געשריבענע שורע וועט דיך טרעפן באַם געניסן פולן גוט. מאַנעקאַ ביסט געווען זייער ניט דאַנקבאַר צו מיר וואָס דו האָסט נישט געשריבן דייַן שטענדיק פאַרגעסענער דאָראַליסע, וואָס וואַרט אַף דיר. מאַנעקאַ איך שרייַב אַף צו ווייסן ווען דו קומסט און דיך אָפּוואַרטן באַם האַפן. מאַנעקאַ אַלע נאַכט ווען איך גיי שלאָפן כאָלעם איך מיט דיר. פון אַלע שפּאַצירן וואָס מיר האָבן געמאַכט איך דו עדיטאַ און די דאַנדאַ און געזונגען די מאַשישי פון מייַן האַרצן. מאַנעקאַ אַז דו ביסט אין איליעוס גיי ניט אין דער הורן־גאַס זאָלסט נישט קומען קיין מאָגערער. האַלעוויַ קומסטו שוין צו אונדז גע־ניסן. זון מייַנער, ווען וועל איך האָבן דאָס גליק צו געניסן דייַן שיין לייַב? נאָר עס מאַכט נישט אויס אַלץ וואָס איז דייַנס איז גוט אָפּגעהיט. מאַנעקאַ שרייַב מיר וואָס גיכער איז בעסער. מאַנעקאַ זיי מיר מויכל די פעלערן מער גאָרניט. נעם צו אַ סאַך קושן פון דייַן שוואַרצער דאָראַליסע. מער גאָרניט. זע דעם אַדרעס 98 גאַס 2טער זשוליאָ. אַדיע פון דייַן פאַר־געסענער דאָראַליסע".

ווען ווירזשיליאָ פאַרענדיקט לייענען פרעגט ער מאַנעקאַן:

— אַ שיינע געווען?

— אַ ליאַליע.

דאָס קאָל ציטערט אים. ווירזשיליאָ קוקט ווי דער קאָראָנעל באַהאַלט דעם בריוו צווישן די פאַפּירן אינעם אָנגעשטאָפּטן טאַש. אַפילע ער, אַן איליעוסער קאָראָנעל, האָט זייַן ליבעס־געשיכטע. ווירזשיליאָ גיסט אָן נאָך קאַניאַ. מאַנעקאַ דאַנטאַס שטייט ווידער צו צו אים:

— איר געפעלט מיר, דאָקטאָר, איך בעט אייַך, פאָרט ניט. נעמט אַ שיף און פאָרט אַוועק קיין באַהיִאַ, איר זייַט אַ קלוגער יונגערמאַן, איר וועט אומעטום מאַכן אַ קאַריערע.

נאָר ווירזשיליאָ זאָגט ניין. ער קען זיך נישט אָפּהאַלטן פון פאָרן די נאַכט קיין פעראַדאַס. עס מאַכט אים ניט אויס שטאַרבן, טרויעריק איז לעבן אָן עסטער. פאַרשטייט עס דער קאָראָנעל? וואָס גייט אים אָן דאָס לעבן? ער פילט זיך קויטיק, פאַרשטעקט ביזן האַלדז אין דעם קאַקאַאָ־

שלײַם. ווען עסטער האָט געלעבט, איז געווען די האָפענונג מיט איר אָוועקצופאָרן. איצט אַרט אים שוין גאָרניט. מאַנועקאַ דאַנטאַס באָט אים אָן אַלץ וואָס ער קען אים אָנבאָטן:

— אויב עס גייט אין אַ פרוי, דאָקטאָר, וועל איך אײַך געבן, אויב איר ווילט, דאָראַליסעס אַדרעס. זי איז אַ שיינהייט, איר וועט פאַרגעסן...

ווירזשיליאָ דאַנקט אים:

— איר זײַט אַ גוטער מענטש, מאַנועקאַ דאַנטאַס. מאָדנע ווי איר קענט פאַרשאַפן אַזוי פיל אומגליק און, דאָך זײַן גוטע מענטשן.

ער פאַרענדיקט אַנטשלאָסן:

— הײַנט פאָר איך קיין פעראַדאַס, אויב איך וועל באַווײַזן, וועל איך שטאַרבן ווי דאָס גערעץ פאָדערט, דאָס קאַקאַאָ־גערעץ, מיטנעמען איי־נעם מיט מיר. ריכטיק?

און, שוין אין דער נאַכט, זעט אים מאַנועקאַ דאַנטאַס אײנעם אַליין אַוועקרײַטן אַפן וועג קיין פעראַדאַס, מיט זײַן טרויעריקן געלעכטער. ער גיט פאַר זיך אַ זאָג:

— אַזוי יונג, אָרעמער מענטש!

אַפן וועג הערט ווירזשיליאָ עמעצן זינגען וועגן סעקיירראָ גראַנדער געשלעגן:

עו וואָו קאַנטאָר אומאַ היסטאָריאַ,
אומאַ היסטאָריאַ דע עספאַנטאַר...
(איך וועל דערציילן אַ געשיכטע,
אַ געשיכטע צום דערשרעקן...)

אַ שרעקנס־געשיכטע, די געשיכטע פון דער דאָזיקער ערד, די געשיכ־טע פון דער דאָזיקער ליבע. אַ זשאַבע שרײַט בײַ דער שלאַנג אין מויל. ווירזשיליאָן האָט זיך אַמאָל געכאָלעמט אַ ראָמאַנטישער כאָלעם: אין אַ באַנאַכט וועט ער צורײַטן אַף אַ שוואַרצן פערד צו דער גאַלעריע פונעם גרויסן הויז. אַ גרויסע געלע לעוואָנע וועט שײַנען אין הימל, איבער די קאַקאַאָ־ביימער, איבערן וואַלדלאַנד. עסטער וועט וואַרטן אַף אים אַ דער־שראָקענע, אַ נישט־דרייסטע, און דאָך אַ געוואַגטע אין איר דערשראָקנ־קייט און נישט דרייסטקייט, ער וועט אַפילע דאָס פערד נישט אָפּשטעלן. ער וועט זי אָננעמען פאַר דער טאַליע און וועט זי אַרויפזעצן צו זיך אַפן פערד, און זיי וועלן אַוועק צווישן קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציעס, זיי וועלן קרייצן

וועגן, יישוּווים און שטעט, ער וועט אַף זײַן שוואַרצן פערד קרייצן דעם יאַם פון די גרויסע דאַמפער און לאַסטשיפן, אין גאַלאָפּ צו ווײַטע לענדער. די שלאַנג שיפעט, די דערהאַרגעטע זשאַבע שרײַט. עסטער זיצט אַפן הינטן פון פערד. פון וואַנען האָט ער אים גענומען? ווירזשיליאָ לאָזט אָפּ די לייצעס, ער לאָזט לויפן דאָס פערד. דער ווינט שמײַסט אים אין פּנים. עסטער האַלט זיך פעסט באַ זײַן טאַליע. אַ שרעקנס־געשיכטע. אין עק וועלט וועלן זיי לויפן, די פּיס באַפרײַט פון דער קאַקאַאָ־שלײַמיקייט, וואָס האַלט אים דאָרט... דאָס פערד האָט פליגל, זיי וועלן אַוועק זייער ווײַט פון די שלאַנגען, פון די דערהאַרגעטע זשאַבעס, זייער ווײַט פון די קאַקאַאָ־פעלדער, פון די האַרוגים אַף די וועגן, פון די צלאָמים, מיט אַ ליכטל באַלויכטענע אין די אַנגסטלעכע נעכט. דאָס שוואַרצע פערד פליט אין דער לופטן, איבער די פּלאַנטאַציעס, איבער די וועלדער, איבער די אויסגעהאַקטע און אויסגעברענטע פעלצער. עסטער רײַט מיט ווירזשיליאָן, זיי וועלן קרעכצן פון ליבע אין דער לעוואָנע־נאַכט. זיי טראָגן זיך אין דער לופטן, דאָס פערד איז צעהעפּקערט... די לעוואָנע נעמט אַרום די נאַכט. אַ ווײַטער געזאַנג דערטראָגט זיך. עמעצער זינגט:

עו זשאַ קאַנטעי אומאַ היסטאָריאַ,
אומאַ היסטאָריאַ דע עספּאַנטאַר...
((כ'האָב פאַרענדיקט אַ געשיכטע,
אַ געשיכטע צום דערשרעקן...)

ווי אַ כופּע־מאַרש וואָלט דאָס געווען. קיינער וואָלט זיך עס גאָרניט פאָרגעשטעלט, אַז דער לעצטער פערז פון דער געשיכטע זאָל געשריבן ווערן אין דער נאַכט אַפן וועג קיין פעראַדאַס. וואָס קימערט אים דער טויט, אַ קויל אין דער ברוסט, אַ קרייץ אַפן וועג, אַ ליכטל אָנגעצונדן פון מאַנעקאַ דאַנטאַס, ווען עסטער רײַט מיט אים אַפן הינטן פונעם שוואַרצן פערד צו אַנדערע לענדער, נישט צו קאַקאַאָ־לענדער? דאָס געזאַנג באַגלייט אים ווי אַ כופּע־מאַרש. אַ שרעקנס־געשיכטע...

## III

די שטאָט איליעוס איז אין דעם פרימאָרגן אויפגעשטאַנען אַ גערירטע, אַ פריידיקע. די גאַסן זײַנען באַשאָטן מיט בלומען, פענער הענגען

פון די פענצטער אַף די גאָרנס. גלעקער קלינגען מיט אינדערפרייִקער פרייד. דער אוילעם שטראָמט צום האַפן, דרענגט זיך אַפן דאַם. די שולן זײַנען שוין דאָ: די יוגנט פון דער גימנאַזיע נאָסאַ סעניאָראַ דאַ וויטאָריאַ, וואָס דאָס איז די ערשט־אויסגעבויטע מאַנאַכישע שול, וואָס קוקט אַראָפּ אַף דער שטאָט פונעם שפּיץ בערגל; ייִנגלעך און מיידלעך פון די פּריוואַ־טע שולן, די אָרעמסטע שילער. אַלע אין זייערע יאָנטעוודיקע אוניפאָר־מען, די פּריילנס פון דער מאַנאַכישער שול טראָגן אַ בלויען באַנד אַף דער ווײַסער קליידונג, דער סימוואָל פון די רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס. אויך די שטאָטישע קאַפּעליע, אין איר פּרעכטיקן רויט און שוואַרצן אוני־פאָרם איז דורכגעגאַנגען די גאַסן מיט מאַרשן אינעם אויפגערודערטן פרימאָרגן. בראַז פירט די פּאָליציאַנטן, וואָס טראָגן ביקסן אַף די אַקס־לען. אַפן דאַם דרענגען זיך די וויכטיקסטע מענטשן פון דער שטאָט אין זייערע שוואַרצע פּראַקן, וואָס זיי טראָגן בײַ די גרויסע געלעגנהייטן. דאָק־טער זעזע, איצטיקער פּרעפעקט פון איליעוס, שוויצט אין זײַן האַרטן קאָלנער און כאַזערט זיך אין געדאַנק די פּראַזן פון דער רעדע, וואָס ער לערנט זײַט צוויי טעג אַף אויסנווייניק און ער דאַרף זי באַלד האַלטן. אויך סיניאָ באַדאַראָ איז דאָ מיט זײַן טאָכטער און איידעם; דער קאָראָ־נעל הינקט אַ ביסל אַפן רעכטן פוס, פון אַ קויל וואָס ער האָט באַקומען בעייסן איבערפאַל אַפן גרויסן הויז. אינעם האַפן מישן זיך אויס רעגי־רונגס־אָנהענגער מיט אָפּאָזיטאָרן צווישן מאַנאַכן און מאָנאַשקעס. אַפילע פּראַי בענטאָ איז געקומען פון פּעראַדאַס און שמועסט מיט די מאָנאַשקעס אין זײַן געמישטן לאָשן. די געשעפטן זײַנען דעם טאָג געשלאָסן, דער אוי־לעם צעשיט זיך איבערן האַפן.

דעם שפּאַניערס שענק, וואָס שטייט נאָנט צום דאַם, איז פול. דער וואָס מיט דעם פּאַלשן רינג, וואָס האָט ברייטהאַרציק מויכל געווען דעם שפּאַניער זײַן איידעם זאָגן קעגן אים, זאָגט צו דעם וואָס מיט דעם בלויען קאַמזויל:

— ווייסעך, נו, אַ ביסקופּ! וואָס אַזוינס איז אַ ביסקופּ וואָס מען מאַכט אַרום אים אַזאַ טומל? אין דאָרעם האָב איך אַמאָל געזען אַן אַרכי־ביסקופּ. ווייסטו ווי ער זעט אויס? ווי אַן אָפּגעקאָכטער ראַק.

דער וואָס מיטן בלויען קאַמזויל שפּאַרט זיך נישט מיט אים. קען זײַן, ווער ווייס? דאָס איז דער ערשטער ביסקופּ אין איליעוס. אַ לעצטער

דעקרעט פונעם פויפּס האָט דערהויבן די איליעוסער פּאַראַפיע צו אַ דיאָ־צעזיס. מען האָט געמאַכט אַ פּאַראַיבער קאַנאָניקער פאַר ביסקופ. די באַ־היִער צײַטונגען זאָגן, אַז ער איז אַ מענטש מיט גרויסע מידעס און גרויסן וויסן. פאַר איליעוס איז ער דער ביסקופ, די וויכטיקייט וואָס די שטאָט האָט באַקומען, דער פּראָגרעס. נישט געקוקט אַף דער העפקיירעס פון דער געגנט, ווי דער קאַנאָניקער פּרייטאַס באַצייכנט זי, איז איליעוס שטאָלץ מיט דעם ביסקופ און גרייט זיך קעניגלעך אים אויפצונעמען.

טייל לויפן איבערן פּליאַזש, מען זעט שוין אָן די שיף באַ דעם מושלען שטיין. איבער די שמאָלע גאַסן אײַלן מענער און פרויען צום האַפן. פרומע ווײַבער טראָגן שווארצע שאַלן אַפן קאָפּ, זיי קענען נישט ריידן פאַר אָנגעצויגנקייט. יינגלעך און מיידלעך ניצן אויס די צײַט אַף אַ פלירט. אפילע די גאַסן־פרויען זײַנען געקומען, נאָר זיי קוקן פונדער־ווייטנס, זיי שטייען אין אַ פריילעך געזעמל הינטער די פיש־באַראַקן. די גאַלאַכים זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען. שטאָטישע מענטשן פרעגן זיך פון וואַ־נען האָבן זיי זיך אַזוי פיל גענומען. זיי זײַנען געקומען פון די אַרומיקע יישובים; די וויקאַרן פון איטאַפּירע און באַרע דאַ ריאָ דאַס קאָנטאַס האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערע רײַזע אַף צו קומען גריסן דעם ביסקופ.

אַ גרויסער טעפּיך ליגט אויסגעשפּרייט אַפן דאַם. ס'איז דער טעפּיך פון די פּאַראַדנע טרעפּ אין דער פּרעפעקטור. איבער דעם טעפּיך וועט טרעטן דער ביסקופ. די שיף קרייצט שוין די זאַמד־באַנק. זי גייט אַ באַ־פלאַגטע און פײַפט לאַנג. ראַקעטן רײַסן אויף אַפן פּאָנטאַל־אינדזל. די פּאָליציאַנטן שיסן אויס פון זייערע ביקסן קעמוי אַ זאַלפּ. די גאַלאַכים, דער פּרעפעקט, די קאָראָנעלן און די מאָנאַשקעס, אויך די רײַכע קרעמער, רוקן זיך אַרויס אַפריִער. די שיף רוקט זיך אונטערן געהילך פון די ווי־וואַטס, ראַקעטן הייבן זיך און קנאַלן איבער דער שטאָט. די גלעקער גלעק־לען; דער ביסקופ גייט אַראָפּ, אַ נידעריק דיק מענטשל. דאָקטער זעזע הייבט אָן זײַן קאַבאָלעס פּאָנעם־רעדע.

דער אוילעם באַגלייט דעם ביסקופ ביז צום הויז פונעם קאַנאָניקער פּרייטאַס, ווו מען גרייט אָן אינטימען מאָלצײַט, נאָר פאַר אָנגעזעענע מענטשן. באַטאָג האָט ער געבענטשט די שטאָט אין דער קאַטעדראַלע סאַאָ זשאָרזשע. מאַנעקאַ דאַנטאַס האָט געבראַכט זײַנע יינגלעך. דער וואָס מען רופט אים רוי, האָט דעקלאַמירט פערזן וואָס האָבן באַגריסט דעם

גײַסטיקן פּאַטער״. דער פּרעלאַט האָט געלויבט די פֿריִע אינטעליגענץ פֿון נעם קינד. אויך סיניאָ באַדאַראָ איז געקומען צום ביסקופּ און האָט אים געבעטן בענטשן דאָס אייניקל וואָס האַלט אין קומען אױף דער װעלט.

באַנאַכט איז געװען פֿײַערװערק װען אין דער פּרעפֿעקטור איז מען געזעסן באַם גרױסן באַנקעט, װאָס די שטאָט איליעוס האָט געגעבן לכּבֿוד איר ערשטן ביסקופּ. דער נײַער פּראָקוראָר האָט גערעדט אינעם נאָמען פֿונעם פֿאָלק; דער ביסקופּ האָט מיט קורצע װערטער געדאַנקט און האָט אַרױסגעזאָגט זײַן צופֿרידנקייט װאָס ער געפֿינט זיך צװישן די „גראַפּיונאָס״, באַלד נאָכן באַנקעט איז דער ביסקופּ אַהײמגעגאַנגען. ער איז מיד געװען. נאָר דער יאַנטעװו האָט זיך װײַטער געצויגן און אַרום צװײ אַזײגער פֿאַרטאָג איז דאָקטאָר רוי אַרױסגעקומען פֿון דאָרט אַ פֿולשטענדיק שיקערער. ער גייט און שטרויכלט איבער די שטיינער פֿון גאַס און טרעפֿט קיינעם נישט אָן; אָפּן דאָס שלאָגט ער זיך אָן אױף דעם מענטשן מיט דעם פֿאַלשן רינג און, װײַל ער האָט נישט קיין אַנדערן צו דער האַנט, קלערט ער אים אױף זײַן טעאָריע:

— אױף אָט דער ערד, פֿון די קאַקאַאָ־פּלאַנטאַציעס, װאַקסט אַפֿילע אַ ביסקופּ, זון מײַנער. עס װאַקסט אַן אײַזנבאַן, אַ מערדערישער „קאַשישע״, אַ פּאַלאַצעט, אַ קאַבאַרעט, אַ גימנאַזיע, אַ טעאַטער, אַ ביסקופּ... אַלץ װאַקסט אױף דער ערד קאָלזמאַן זי גיט אַרױס קאַקאַאָ...

דאָס פּאַרט זיך מיט דעם אַרטיקל, װאָס דאָקטאָר רוי האָט דעם זעלביקן טאָג געשריבן אין „אַ פֿאָליאַ דאַ איליעוס״. אַגעװו, האָבן זיך הײַנט צום ערשטן מאָל געגלײַכט די מיינונגען פֿון „אַ פֿאָליאַ דאַ איליעוס״ מיט די אַרױסגעזאָגטע אין „אַ קאָמערסיאָ״. ביידע האָבן זײ געריימט די שטאָטפֿאַרװאַלטונג און האָבן אונטערגעשטראָכן די װיכטיקייט פֿונעם ביסקופּ אין דער געגנט, ביידע האָבן זײ פֿאַרױסגעזאָגט איליעוס אַ גלענצנדיקע צוקונפֿט. מאַנועל דע אָליװײראַ האָט געשריבן: „די דערהײבונג צו אַ דיִאָצעזיס איז אַן אַקט פֿון אָנערקענונג דעם שווינדל־שנעלן פּראָגרעס פֿון איליעוס, אַ דעראָבערטער פֿון די גרױסע מענטשן, װאָס האָבן אַלץ מאַקרעװו געװען צום װױל פֿונעם פֿאָטערלאַנד״. אינעם צװײטן בלאַט האָט דאָקטאָר רוי מיט אים מאַסקים געװען: איליעוס, די װיג פֿון אַזױפֿיל האָרעפּאַשנע זין, פֿון אַזױפֿיל מענער מיט אינטעליגענץ און כאַראַקטער, װאָס האָבן צעעפֿנט ליכטיקע ערטער פֿון ציװיליזאַציע אין דער שװאַרצער

און ווילדער קאַקאַאָ־ערד״. דאָס איז דעם ערשטן מאָל וואָס די צוויי בלעטער גלײַכן זיך מיט די מיינונגען.

און דאָ, האַלט דאָקטאָר רוי קוים אײַן די גלײַכגעוויכט אַפן דאָס און טײַנעט שרײַענדיק אַרײַן יענעם מענטשן מיט דעם פאַלשן רינג:

— אַלץ קאַקאַאָ, זון מײַער... אַף אַ קאַקאַאָ־ביימל וואַקסן... אַפילו ביסקוויטן...

פאַר דעם מענטשן מיט דעם פאַלשן רינג, איז קיין אוממעגלעכס אַף דער וועלט נישטאָ:

— און ווײַטער, ווער וויים?

## IV

און, נאָכדעם ווי די וואַלן האָבן אַרײַנגעשיקט דעם דאָקטער זעזע פרייטאַס אין דער פעדעראַלער קאַמער פאַר דעפּוטאַט פון דער רעגירונג („וואָס קען אָט דער מוילאייזל דאָרטן אויפטאָן?״ פלעגט דאָקטאָר רוי פרעגן זײַנע באַקאַנטע) און ער האָט דעם אינטערווענטאָר פאַרוואַנדלט אין קאָנסטיטוציאָנעלן גובערנאַטאָר פונעם שטאַט, האָט אַ דעקרעט גע־שאַפן דעם איטאַבונער מוניציפּאַלן קרײַז, אָן אויסגעגלידערטן פונעם איליעוסער. דאָס זיץ־אָרט פונעם נײַעם שטאָטראַט איז געוואָרן דאָס פרי־ערדיקע שטעטל טאַבאָקאַס, די איצטיקע שטאָט איטאַבונאַ. אַ בריק אי־בערן טײַך האָט פאַרבונדן ביידע זײַטן פון דער יונגער שטאָט.

האָראַסיאָ, וואָס האָט אוועקגעזעצט מאַנעקאַ דאַנטאַסן פאַר פּרעפעקט פון איליעוס אַף זעזעס וואַקאַנט געוואָרענעם אָרט, האָט אויסגעקליבן פאַר פּרעפעקט פון איטאַבונאַ דעם סעו אַזעוועדאָ, דעם אײַזן־קרעמער, וואָס איז פריִער געווען באַדראָס אַ פרומער אָנהענגער און איז צוליב אים געגאַנגען געבראָכן. זעו אַזעוועדאָ האָט אין פּאָליטיק נישט געקענט זײַן אין דער נידער און האָט זיך פאַרבונדן מיט האָראַסיאָן. זײַנע ווילער האָבן געשטימט פאַר זעזען אַף דעפּוטאַט; סעו אַזעוועדאָ האָט דערפאַר באַקומען די נײַע פּרעפעקטור.

דעם טאָג ווען ער האָט איבערגענומען דעם אַמט האָט מען פון בלומען און קאָקוס־בלעטער געמאַכט אַ טריומף־טויער אַפן קאַטעדראַל־פּלאַץ. אין אַ רעקאָרד־צײַט האָט מען אויפגעשטעלט אַ נײַעם בנין פאַר

דער פרעפעקטור. אַ ספּעציעלער צוג האָט פון איליעוס געבראַכט האָראַסיאָן, דעם ביסקופ, מאַנעקאַ דאַנטאַסן, דעם ריכטער, דעם פּראָקוראָר, פאַזענדייראָס און סאָכרים, דאַמען און פרײַלנס. אַלע וויכטיקע מענטשן פון איליעוס, וואָס איז שוין איצט געוואָרן „די שיינישע שטאָט". אַפן וואָקזאַל האָבן די איטאַבונער אײַנוווינער זיך געדרענגט צו דריקן האָראַסיאָן די האַנט.

די מאַכט־איבערנעמונג פועם ערשטן פרעפעקט איז געווען אַ פײַערלעכע. באַם שווערן, האָט סעו אַזעוועדאָ אויך געשווירן אייביקע פּאָליטישע טרייהײַט דעם גובערנאַטאָר און דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ סילווייראַ, דעם „גוטסטוער פון דער קאַקאַאָ־געגנט". האָראַסיאָ האָט אַף אים אַ קוק געטאָן מיט זײַנע קליינע אייגעלעך. עמעצער האָט לעבן דעם קאָראָנעל אַ מורמל געטאָן וועגן סעו אַזעוועדאָס קנאַפּער טרײַקייט צו פּאָליטישע פּאַרטייען:

— ווער עס קען דיך נישט, זאָל דיך קויפן, אַלטע קליאַטשע...

— ער וועט גיין אַף אַ קורצן שטריקל.

נאָכמיטאָג איז געווען אַ קערמעסע אַפן שטאָט־פּלאַץ, אַן אויספאַרקויף פון געשאָנקענע זאַכן, אַ שפּאַציר, באַנאַכט זײַנען געווען טענץ אינעם גרויסן זאַל פון דער פרעפעקטור. יונגוואַרג האָט געטאַנצט. דער ביסקופ האָט נישט געפונען פאַר פּאַסיק צו בלײַבן איעם טאַנצזאַל און איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַ צווייטן זאַל, ווו עס איז געווען דער בופעט. פײַנע אײַנגעמאַכצן געפרעגלטע פון די שוועסטער פערייראַ, „עמעסע קינסטלערנס", לויט מאַנעקאַ דאַנטאַס, וואָס האַלט זיך פאַר אַ מייוון. און פאַרשיידענע מאַשקאָעס, פון שאַמפּאַניער ביז קאַניאַ. אַרום דעם ביסקופ האָט זיך געשאַפן אַ רעדל: האָראַסיאָ, מאַנעקאַ דאַנטאַס, סעו אַזעוועדאָ, דער ריכטער, בראַז און אַנדערע. מען האָט אָנגעגאָסן די פײַנסטע באָקאַלן מיט דעם פײַנסטן שאַמפּאַניער. עמעצער האָט געהאַלטן אַ טאָסט פאַרן ביסקופ, דערנאָך האָט דער איליעוסער פּראָקוראָר, וואָס האָט געוואָלט אויסנעמען באַ האָראַסיאָן, זײַן באָקאַל אויפגעהויבן צו אַ טאָסט פאַרן קאָראָנעל. ער האָט אין אַ קורצער רעדע אַרויסגעהויבן האָראַסיאָס פעראַנטוואָרטלעכקייט. פאַרענדיקט האָט ער מיט דער באַוויערונג, וואָס „איצט", באַ דעם גרויסן בירגערלעכן ניצחון, פעלן לעבן דעם קאָראָנעל האָראַסיאָ דאַ סילווייראַ, זײַן איידעלע פרוי, די שטענדיק דערמאָנטע

דאניא עסטער, דער איבערגעגעבענער קארבן פון איר מעסירעס נעפעש און ליבע צו איר מאן, און א צווייטער אומפארגעסלעכער בירגער, וואס האט אזוי פיל געארבעט פאר דעם פארשריט פון דער נייער שטאט איטא־בונא, דער דאקטאר ווירזשיליא קאבראל, וואס איז אומגעקומען דורך גע־מיינע הענט פון פאליטישע סאנים". דער רעדנער האט זיך אויסגעדריקט, אז דאס איז געשען אין די נאנטע און דאך שוין ווייטע צייטן, ווען די צי־וויליזאציע האט נאך נישט געהאט דערגרייכט די דאזיקע ערד, ווען אי־טאבונא איז נאך געווען טאבאקאס. „היינט — האט ער געזאגט — זיי־נען די דאזיקע מייסים קוים טרויעריקע און באדויערלעכע דערמאנונגען".

ער האט אויפגעהויבן זיין באקאל. האראסיא האט די האנט אויסגע־שטרעקט און האט אויך זיין באקאל אויפגעהויבן, האט אים אנגעקלאפט אין פראקוראר און האט געטרונקען צום אנדענק פון עסטערן און וויר־זשיליאן. באם אנקלאפן האט זיך אין דער לופט צעטראגן דער העלער און לייכטער קלאנג פון די באקאלן.

— באקאראט־קרישטאל — האט האראסיא זיך אנגערופן צום ביס־קופ, וואס איז געשטאנען לעבן אים.

און ער האט זיך צעשמייכלט מיט א פולן מילדן צופרידנקייט־שמייכל.

## V

פינף יאר דויערט ביז קאקאא־ביימלעך גיבן זייערע ערשטע פרוכטן. נאר די ביימלעך, וואס מען האט פארפלאנצט אף דער ערד פון סעקיירא גראנדע, האבן געבליט צום סאף פונעם דריטן יאר און האבן געגעבן פרוכט אינעם פערטן. די אגראנאמען אפילע, וואס האבן שטודירט אין די פאקולטעטן, אפילע די פאזענדייראס, וואס פארשטייען זיך מער ווי ווער עס איז אף קאקאא, האבן זיך געוווּנדערט אף דער גרייס פון די קאקאא־פרוכטן וואס זיינען אזוי פרי אויפגעקומען אף יענע פעלדער.

ריזיקע פרוכטן וואקסן, די ביימער זיינען באלאדן פונעם שטאם ביז די העכסטע צווייגן, פרוכטן פון אזא גרייס וואס מען האט אזעלכע נישט געזען, די בעסטע ערד אין דער וועלט צום פלאנצן קאקאא. ערד וואס איז באגיטיקט מיט בלוט.

# דערשינענע ביכער אין פארלאג „איקוף"
## (1955—1946)

פ. קאַץ — געקליבענע שריפטן, 9 בענד
ש. וואַסערמאַן — דאַבעלע (אויספאַרקויפט)
אַ. סוצקעווער — ווילנער געטאָ
אַ. בעק — פּאַנפילאָווס מענטשן, יידיש: מ. וואָלאַנסקי
ז. ווײַנפער — דער גילדענער האָן
צ. בליץ — טרוימען אָנגעטאָן אין שטאָל
צ. בליץ — די טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע
ש. שפיגל — מענטשן אין טהאָם
ל. אָליצקי — דורך טויט און לעבן
ד. בערגעלסאָן — נײַע דערציילונגען
מ. אילין — בערג און מענטשן, יידיש: מ. וואָלאַנסקי
מ. סערוואַנטעס — דאָן קיכאָט, (צוויי בענד), יידיש: פּ. קאַץ
אַ. ביק — וואָרט און צײַט
י. קאָרטשאַק — ווען איך וועל ווידער זײַן קליין, יידיש: כ. בראָקאַרזש;
ש. וואַסערמאַן — ליד און לעבן
ראָכל מינצעס — דאָס ליד פון מײַן היים
י. ל. פּערעץ — געקליבענע ווערק
י. פאַליקמאַן — די שײַן קומט פון מיזרעך
אַ. גערשוואָוו — יידן גאָוטשן
ב. פּאָלעוואָי — די געשיכטע פון אַן עכטן מענטשן, יידיש: צ. בליץ
אַ. מאַרגאָלין — פון מײַן צווייטן היימלאַנד
אַ. וואַרעלאָ — דער פינצטערער שטראָם
ב. מאַרק — דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ
ב. בענדערסקי — געקליבענע שריפטן
דאָרע טייטלבוים — מיט אויגן אָפענע
ה. פאַסט — ספּאַרטאַקוס, יידיש: פּ. קאַץ
שאָלעם אַלייכעם — אַלע ווערק, (שוין דערשינען 10 בענד)

JORGE AMADO

# INEM MALJES FUN CACAO

Nombre original: Terras do sem fim

*Traducción autorizada de P. Katz*

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine

Hecho el depósito que marca la ley.

**Editorial "ICUF"**

Buenos Aires, 1956

---

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de mayo de 1956, en los Talleres Gráficos "Optimus" S. R. L. - V. Gómez 2715-19. Buenos Aires - República Argentina